STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03970

DI KLOLE FUN SHEYNKEYT

Mordecai Spector

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי ספעקטאָר

די קלה פון שיינקייט

ראָמאַן

פאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע

Printed in poland

Copyright S. Sreberk
New-York U. S. A.
1927

Drukarnia I. Hendlera Warszawa, Długa 26.

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס.

אַ גאַסט.

ווען יונה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער צום ערשטן דערזען, ווי די זון האָט זיך געשטופּט מיט אירע שטראַלן דורך די שפּאַלטן פון די לאָדנס. די שטראַלן זענען געפאַלן אויפן וויגעלע פון זיין מיידעלע, וואָס איז שטיל געלעגן מיט אָפענע אייגעלעך און אויף אירע ליפּעלעך האָט געשפּילט אַ שמייכעלע.

זיינע בליקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם לויטערן פּנים פון זיין יונג ווייבעלע פריידל, וועלכע איז נאָך געשלאָפן און רויק געאָטעמט. יונה האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון זיין פריידען און זיך צוגעהערט צו איר געזונטן אָטעמען און אָנגעקוואָלן פון אירע גרויסע שוואַרצע ברעמען און שוואַרצע צעוואָרפענע האָר, וועלכע האָבן אַזוי שיין געפּאַסט צו איר יונג פּנים.

און ווידער האָט ער אַ קוק געטון אויף זיין אויפגעוואַכט מיידעלע ביילקע מיט אירע גלאַנצנדיקע, ווי נאָר וואָס אויסגעוואַשענע, אייגעלעך, וועלכע האָבן געלאַכט און אָנגעקוואָלן פון די גאָלדענע זונען־פּאַסן, וואָס זענען געפאַלן אויף דער קאָלדערקע אין איר וויגעלע.

יונה, איבערטראָגנדיק אַלע מאָל זיינע בליקן פון דער שלאָפנדיקער מוטער אויף דעם וואַכעדיקן קינד און פון דעם קינד אויף דער מוטער, האָט ווידעראַמאָל צוגעקוקט, ווי פריידעס יונג האַרץ הייבט זיך און פאַלט אַראָפּ פון איר געזונטן אָטעמען.

יונה האָט נישט אויסגעהאַלטן פון גליק. עס האָט זיך אים גע־וואָלט אויסשרייען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל דערהערן, אַז ער איז דער גליקלעכסטער מענטש און עס איז צו אים קיין גלייכן נישטאָ. ער האָט מיט זיין האַנט צוגעהאַלטן דאָס מויל, אַז זיין גליק־אויס־געשריי זאָל נישט אויפוועקן זיין פריידלען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אויסגעגאָסן זיין גליק אין דעם, וואָס ער האָט שטיל צוגעפרעסט זיינע הייסע ליפּן צו זיין פרויס ווייסן שטערן.

פריידל האָט געעפנט אירע שוואַרצע מאַנדלאויגן, זיך אַרומ־געקוקט איבערן צימער, דערזען איר מאַן, איר וואַכעדיק קינד מיט די זונען־שטראַלן, וואָס פאַלן אויף דעם וויגעלע, און אַ וועלט מיט פרייד האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר פּנים.

— שוין לאַנג, יונה, אַז דאָס קינד האט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף? — האָט פריידל געפרעגט.

— איך ווייס נישט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז דאָס קינד שוין געלעגן מיט אָפענע אייגעלעך זיך געשפּילט מיט די שטראַלן פון דער זון און געשמייכלט.

— וואָס פאַר אַ גאָלד מיר פאַרמאָגן! זיך אויפגעכאַפּט אָן געוויין, ליגט שטיל און לאָזט טאַטע־מאַמע שלאָפן... ברענג מיר דאָס קינד, יונה!

ער האָט דאָס קינד אַרויסגענומען פון וויגעלע און געבראַכט צום בעט. די מוטער האָט איר קינד אויסגעקושט אַלע גלידערלעך, אוןביילקע, צאַפּלענדיק אין דער לופטן מיט אירע נאַקעטע פיסלעך, האָט אָנגעקוואָלן און פאַרהילכט דאָס צימער מיט איר קינדערשן זיל־בערנעם געלעכטערל.

*

*

אין אַ שעה אַרום איז שוין די גאַנצע פאַמיליע געזעסן ביים טיש און געטרונקען טיי. אַ חוץ יונהן מיט זיין ווייב איז ביים טיש אויך געזעסן פריידלס מוטער, ברײנע די אלמנה און געקאָרמעט דאָס נישט לאַנג אַנטוויינטע אייניקל, וואָס איז געזעסן אין אַ פאַר־קייטלט הויך בענקעלע

די גליקלעכע יונגע פּאָר האָבן זיך ביים טיש געקוקט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן, און די מוטער, די אלמנה, האָט נישט

אויפגעהערט צו קוקן אויף אירע קינדער און געשעפּטשעט צו זיך: „קיינעם האָט גאָט נישט געבענטשט מיט אַזוינע קינדער, ווי מיינע. איך בין נישט ווערט דעם גרויסן חסד, וואָס ער טוט מיט מיר.״

און דערביי האָט זי געכאַפּט איר אייניקל און אים אויסגע־קושט יעדעס אבר, און נאָכאַמאָל עס אַריינגעזעצט אין בענקל און אַ פול לעפּעלע קאַשע געשטאָפּט אין קינדס מיילכל אַריין.

פּלוצלונג האָט זיך געהערט אַ קלינגען אין דער טיר און באַלד דערנאָך איז אַריין לאה די דינסט און געזאָגט, אַז עפּעס איינע איז געקומען צו פאָרן און פרעגט אויף זיי.

פריידל איז געווען די ערשטע, וואָס איז אַרויסגעלאָפן אין פאָדערהויז צו דער טיר.

באַלד האָבן זיך פון פאָדערהויז דערהערט פרייד־אויסגעשרייען, לאַכן, קוויטשען און קושן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שמחה? — האָט יונה מיט זיין שווי־גער זיך איבערגעפרעגט, און ער איז אויך אַרויסגעלאָפן אין פאָ־דערהויז.

— זע נאָר, יונה, וואָס פאַר אַ טייערער גאַסט עס איז געקו־מען! מאַמע, קום נאָר, זע נאָר, ווער עס איז געקומען!

בריינע האָט נישט־ווילנדיק איבערגעלאָזט דאָס אייניקל אַליין און האָט אָנגעהייבן שרייען צו דער דינסט:

— לאה, האַ, לאה! גיי נאָר צום קינד!

אָבער לאה איז נישט געקומען. זי איז געווען שטאַרק פאַרנו־מען מיט שלעפּן אַ קאַסטן, פאַרבונדן מיט שטריק, וואָס א בעל-עגלה האָט אַריינגעבראַכט.

— לאה! ווו ביזטו פאַרפאַלן געוואָרן, לאה? גיי צום קינד! — האָט בריינע נישט אויפגעהערט צו שרייען.

נאָר אומזיסט. לאה איז געווען אַזוי פאַרטראָגן מיט דעם פאַר־בונדענעם קאַסטן, אַז זי האָט זיך אפילו נישט אָנגערופן.

ענדלעך זענען אַלע און נאָך זיי אויך לאה מיט איר קאַסטן אַריין אין צימער צוזאַמען מיט דעם רעש פון די פרייד־געשרייען.

— וועמען איך זע! — האָט בריינע מיט שמחה אויסגעשריען. — בעטיע איז געקומען! אָט אַ גאַסט, אַ גאַסט! משיחן מען זאָל געווען דערמאָנען! ערשט נישט לאַנג האָבן מיר גערעדט פון דיר, בעטיע,

וואָס דו ביזט פאַרפאַלן געוואָרן און אפילו בריוו אונדז אויפגעהערט צו שרייבן.

און, אַזוי רעדנדיק, האָט ברײנע זיך געכאַפּט מיט איר קוֹשן.

— נו, בעטיע, טו זיך אויס, זעץ זיך צום טיש, נעם עפּעס אין מויל אַריין און דערצייל אונדז, ווו ביזטו געווען, וואָס מען האָט גאָרנישט געהערט וועגן דיר?

אַלע האָבן אָנגעהייבן שלעפּן פון בעטיען איר אויבערשטן מאַנטל און זי געוואָלט אַנידערזעצן ביים טיש, נאָר בעטיע האָט זיך געראַנגלט און נישט געלאָזט.

— לאָזט, לאָזט, איך וועל אַריינגיין אין צווייטן צימער אַ ביסל זיך אַרומוואַשן און זיך איבערטון.

דערווייל האָט בעטיע דערזען לאה די דינסט און זיך געכאַפּט מיט איר קושן. לאה האָט זיך צעוויינט און בעטיעס בלויע אויגן האָבן זיך אויך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

— וואָס איז דאָס פאַר וויינען! — האָט ברײנע אָנגעשריען. — אַזאַ יונג מיידל זאָל וויינען!

בעטיע איז אַריין אין פריידלס שלאָפצימער, זיך אַרומגעוואַשן און איבערגעטון און איז צוריקגעקומען אין עסצימער אין אַ האַלב־זיידענעם העל־בלויען ברייטן „קאַפּאָט”, וואָס האָט עפּעס נישט גע־פּאַסט פאַר אַ יונג מיידל. אָבער צו אירע בלאָנדע האָר און בלויע אויגן האָט דאָס העל־בלויע אַזוי שיין געפּאַסט, אַז פריידל, אָנקוועלנ־דיק, ווי איר חברטע זעט אויס, האָט אויסגעשריען:

— בעטיע, איך מוז דיר זאָגן, אַז דו זעסט איצט אויס נאָך שענער, ווי פריער!

— הערסט, פריידעלע, — האָט זיך יונה לאַכנדיק אָנגערופן מיט התפעלות, — בעטיע זעט איצט אויס אַזוי שיין, אַז ווען דו, מיין ווייבעלע, זאָלסט מיר דערלויבן, וואָלט איך איר אַ קוש געגעבן.

פריידל איז אונטערגעשפּרונגען צו איר מאַן, וועלכער איז געווען מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון איר, אים אָנגעכאַפּט ביים אויער, און דרייענדיק, האָט זי אים געזאָגט:

— אַ פשיק אַ קאָטער פונם פוטער! עס וועט זיך שוין געפי־נען אַן אַנדערער, וואָס וועט זי קושן! גיי שוין בעסער אין קאַנ־טאָר, עס איז שוין שפּעט... קום נאָר צו דער צייט צום מיטאָג!

און פריידל האָט זיך געווענדט צום גאַנצן עולם:

— מיר וועלן שוין בעטיען איצט נישט אָפּלאָזן פון אונדז. מיר וועלן איר געבן אַ חתן און פּראַווען אַ חתונה... וואָס זאָגסטו, מאַמע?

— אוודאי, וואָס דען? אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ גאָלדענעם חתן זי וועט נעמען — אַזאַ שיין מיידל!

אַלע האָבן געלאַכט, בעטיע האָט אויך געפּרוּווט מיט דעם עולם לאַכן, נאָר מער ווי אַן אויסגעמוטשעטער שמייכל אויף איר קליין מיילכל האָט זיך נישט געקאָנט אויסלייגן און איז באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. אָנשטאָט אַ שמייכל, האָבן זיך אין אירע אויגן באַוויזן שטייענדיקע טרערן.

בעטיע האָט זיך געבעטן אָפּרוען אַ ביסל פון וועג און פריידל האָט זי אַריינגעפירט צו זיך אין שלאָפצימער און זי געלייגט אין איר בעט, פאַרמאַכנדיק די טיר, אַז קיינער זאָל נישט שטערן איר רו.

ווען פריידל איז צוריקגעקומען אין איר עסצימער, האָט זי איר מוטער אָנגענומען ביי דער האַנט, זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן און זיך אָנגערופן:

— פריידל, איך האָב דיר געוואָלט עפּעס זאָגן.

זי האָט זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט און צוגעגעבן:

— מיר וועלן בעסער אַריינגיין אין יונהס קאַבינעט, דאָרט וועט קיינער נישט הערן.

פריידל האָט אָנגעקוקט איר מוטער שטאַרק פאַרחידושט.

אין קאַבינעט האָט ברײנע פאַרמאַכט די טיר און זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, פריידעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — אונדזער בעטיע געפעלט מיר עפּעס נישט.

— וואָס הייסט? איך פאַרשטיי דיך נישט, מאַמע?

ברײנע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געפרעגט:

— האָסטו, פריידעלע, געזען, ווי אַזוי זי איז אָנגעטון?

פריידל האָט געצויגן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

— איך ווייס נישט, איך האָב גאָרנישט געזען. זי גייט אָנגעטון ווי אַלע מענטשן...

— און דעם ברייטן, האַלב־זיידענעם שלאָפראָק האָסטו געזען?..

— וואָס פאַר אַ שלאָפראָק? דעם זיידענעם פרינצעס, דעם קאַפּאָט, וואָס זי טראָגט, מיינסטו?

— זאָל זיין פרינצעס אָדער קאַפּאָט, זאָל זיין כאַלאַט, שלאָפ־

ראָק, נאָר אַ מיידל טראָגט נישט אַזאַ מלבוש מיט אַזויפיל סטענגעס, שליאַרעס און באַנדן...

— וואָס מיינסטו מיט דעם, מאַמע? — האָט פריידל דערשראָקן געפרעגט.

— וואָס זאָל איך מיינען, הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן...

— אָבער וואָס רעדסטו, מאַמע?

— וואָס מאַכסטו זיך אַזוי נישט וויסנדיק, האָסט קיין אויגן נישט, וואָס דו זעסט נישט? ווו איז מיטאַמאָל אַהין געקומען איר שיינע טאַליע? אַלע מיידלעך פלעגן דאָך מקנא זיין איר טאַליע?...

— וואָס רעדסטו, מאַמע? — האָט פריידל נישט מיט איר קול אויסגעשריגן.

די אַלטע האָט געזאָגט:

— איך האָב, דאַכט זיך, נישט קיין טעות... אַ מאַמע, וואָס האָט געהאַט קינדער, און דערצו אויסגעגעבענע קינדער, קאָן קיין טעות נישט האָבן...

— אַ ליגן, מאַמע! — האָט פריידל געשריען, — און זי האָט זיך געוואָרפן מיט אַ געוויין אויף דער סאָפע.

— עס איז נישט אמת, מאַמע! דו ווילסט פאַרשטערן אונדזער שמחה! נישט אמת! נישט אמת! — האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו וואַרפן אויף דער סאָפע.

די מוטער, וועלכער עס האָט שוין באַנג געטון, וואָס זי האָט אָנגעהייבן רעדן וועגן דעם, האָט קאַלט און רויק זיך אָנגערופן:

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן רופסטו דיין מאַמען ליגנערין. נאָר איך בין אויף דיר נישט ברוגז, איך בין דיר מוחל, ווייל דו ביזט נאָך אַ קינד און קאָנסט זיך אַזאַ זאַך נישט פאָרשטעלן. אָבער אַזעלכעס קאָן מען דאָך נישט אויסבאַהאַלטן... מיר וועלן עלטער ווערן מיט אַ פּאָר טעג, וועסטו זען, אַז דיין מאַמע איז נישט קיין ליגנערין.

— גענוג, גענוג מאַמע! איך וויל מער נישט הערן? — האָט פריידל געשריען דורך טרערן.

די מוטער איז אַוועק אין קיך זיך באַראַטן מיט לאהן, ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן און פאַרשענערן דעם מיטאָג צוליב דעם גאַסט, און פריידל איז געבליבן אַליין מיט אירע פאַרוויינטע אויגן אין איר מאַנס קאַבינעט.

זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן: וואָס הייסט דאָס, אַז איר מאַמע זאָל אויף בעטיען קאָנען גאָר זאָגן אַזאַ זאַך און האָבן אפילו דעם קלענסטן חשד אויף איר?

— מיין מאַמע אַליין פלעגט שטענדיק זאָגן אויף בעטיען, אַז אַזעלכע מיידלעך, ווי זי, איז גאָר היינט נישטאָ, און אונדז, קינדער, פלעגט זי שטענדיק אָנווייזן אויף בעטיען, ווי אויף אַ ביישפּיל פון שטילקייט און ליטישקייט. מיין מאַמע פלעגט זי אָפט אָנרופן „צדיקת”, האָט זי שטענדיק ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד. און איצט? — איצט איז מיין מאַמע איר חושד...

פריידלען האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז ווען איר מאַמע רעדט עפּעס, איז נישט אומזיסט. ווען אַן אַנדערער זאָגט עס, וואָלט זי זיך אויסגעלאַכט און יענעם אויסגעזידלט ווי עס דאַרף צו זיין און וואָלט אויף שטענדיק איבערגעריסן די באַקאַנטשאַפט מיט אַזאַ מענטשן, וואָס קאָן יענעם אַזוי באַרעדן, נאָר אַז איר מאַמע האָט דאָס גע־זאָגט, איז עס פאַר פריידלען געוואָרן שרעקלעך. איר מאַמע וועט אַבי וואָס נישט זאָגן, ווען זי ווייס נישט ווייסן. דאָך האָט זיך פרייד־לען נישט געוואָלט גלויבן אפילו, ווען איר מאַמע האָט עס געזאָגט.

— עט, וואָס איר מאַמען האָט זיך געקאָנט אויסווייזן! באַ־שערט מיר איבערצולעבן אומזיסטע יסורים און שרעק. עס איז גאָר־נישט מיט גאָרנישט! מיר האָבן אַ טייערן גאַסט, מיר וועלן צוזאַמען פאַרברענגען ווי אַמאָל אין אונדזערע קינדעריאָרן. מיר וועלן טאַנצן, שפּרינגען, לויפן און לאַכן אָן אַ שיעור! זי איז דאָך שטענדיק אַזאַ פריילעכע, אַז טויטע מענטשן מאַכט זי לעבעדיק.

פריידל האָט זיך אויסגעווישט די אויגן, צערעכט געמאַכט די האָר און מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

— זאָל בעטיע זיך נאָר אָפּרוען פון וועג! מיר וועלן איבער־קערן די שטוב, די גאַנצע שטאָט, די גאַנצע וועלט! זאָל נאָר קו־מען יונה פון קאַנטאָר. מיר, אַלע צוזאַמען, וועלן שוין אויסטראַכטן אַ פּלאַן, ווי אַזוי מיר זאָלן די צייט גוט פאַרברענגען.

פריידל איז אַזוי געווען צופרידן מיט איר גאַסט און האָט זיך אַזוי גוט געפילט, אַז זי האָט „פאַר זיך” געכאַפּט אַ שטיל טענצל, דרייענדיק זיך אַ פּאָר מאָל אַרום טיש און צוזינגענדיק זיך אַ שטיל ניגונדל פון עפּעס אַ פּאָפּולערן וואַלס.

עס האָט זיך איר איצט אַזוי געוואָלט, אַז בעטיע זאָל שוין

אויפשטיין פון שלאָף און זיך צוזאַמען אַרומנעמען און טאַנצן פון פרייד, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגער צייט זעט מען זיך ווידער, אַז זי איז אַלעמאָל אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צו דער פאַרמאַכ־טער טיר פון איר שלאָפצימער און זיך צוגעהערט: אפשר רירט זי זיך שוין? אָבער עס איז געווען שטיל, מען האָט גאָרנישט געהערט.

עס האָט זיך איר שטאַרק פאַרוואָלט זי זען און דערהויפּט איר קאַפּאָט, פאַר וועלכן איר מוטער האָט זיך אַזוי דערשראָקן. פון גרויס נייגעריקייט איז איר איינגעפאַלן זי אויפצוּוועקן, זאָגנדיק איר, אַז אויף דער נאַכט וועט מען זיך לייגן פרי און זי וועט זיך קאָ־נען אויסשלאָפן. נאָר באַלד האָט זי חרטה געקריגן און זיך געזאָגט:

— זי איז אַזוי מיד פון אַזאַ לאַנגן וועג! זאָל זי זיך פריער גוט אויסרוען, וועט זי דערנאָך זיך פילן לעבעדיקער און פריילעכער.

פון קיך איז אָנגעקומען די מוטער. פריידל איז שפּרינגענדיק צוגעלאָפן צו איר.

— מאַמע, ליבע מאַמע, לאָמיר פאַרגעסן, וואָס מיר האָבן גע־רעדט. זאָג, אַז דו האָסט אַ טעות געהאַט... צו וואָס זאָלן מיר זיך פאַרשטערן אונדזער שמחה? מיר האָבן דאָך אַזאַ טייערן גאַסט, איך בעט דיך, מאַמע!...

און פריידל האָט אַרומגענומען איר מאַמען און זי האַרציק געקושט.

די מוטער איז אַזוי געווען גערירט פון איר טאָכטערס בעטן, אַז זי האָט איר צוליב געטון און געענטפערט:

— אפשר האָט זיך מיר אויסגעוויזן... אפשר ביזטו גערעכט. צו וואָס, קינד, דאַרפן מיר גאָר רעדן דערפון? איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן, פון וואָס מיר האָבן גערעדט.

פריידל האָט זיך פון די ווערטער אַזוי דערפרייט, אַז זי האָט אַרומגעכאַפּט איר מאַמען און, טאַנצנדיק, זיך אָנגעהייבן מיט איר צו דרייען איבערן צימער.

— אָט האָסטו דיר גאָר! מען דאַרף קאָכן מיטאָג און איר האָט זיך אײַנמיטן העלן טאָג אויפן ניכטערן האַרצן פאַרגלוסט צו טאַנצן. גיי גיב בעסער אַכטונג אויפן קינד. איך מיט לאהן זענען דאָך פאַרנומען מיט דעם מיטאָג.

— איך וויל אויך גיין אייך העלפן! — האָט פריידל געזאָגט.

— מוחל, מען וועט זיך באַגיין אָן דיר! זאָרג זיך נישט. אונ־דזער גאַסט וועט ביי אונדז נישט הונגערן, יונה זאָל נאָר קומען אין

דער צייט, מען זאָל נישט דאַרפן וואַרטן אויף אים.

— ער וועט קומען, ער וועט קומען, ער ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן אַזאַ גאַסט! שאַ, דאַכט זיך, אַז בעטיע רירט זיך שוין! — האָט פריידעל מיט שמחה אויסגעשריען און איז געלאָפן צו דער טיר פון איר שלאָפצימער...

יונה בורשטיין האָט היינט נישט געאַרבעט ביי זיך אין קאָנטאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן איינשטאָקיק הויז מיט אַ הויף, ווו עס האָבן זיך געפונען סקלאַדעס מיט סחורות פון דער פאַבריק, וואָס האָט געטראָגן די פירמע „אַרנאָלד ברעטמאַן עט קאָמפּ.״

דער דאָזיקער נאָמען איז געווען אויסגעפּאַרבט מיט גרויסע בוכשטאַבן אויף אַ גרויסער שילד, וואָס איז געהאָנגען איבער דעם ברייטן טויער פון הויף.

יונה איז זייט אייניקע יאָר געווען אין דער שטאָט וו—קע און אין דער גאַנצער געגנט דער איינציקער פאַרטרעטער פון דער דאָזיקער פאַבריק.

וו—קע איז נישט געווען אַזאַ גרויסע שטאָט, נאָר זי האָט זיך געפונען אין אַ לעבעדיקן פונקט, ווו פאַרשידענע באַנען זענען זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט געקאָנט אַרויסשיקן סחורות איבער דעם גאַנצן לאַנד. אַ חוץ דעם, איז וו—קע אַ גרויסע האַנדלסשטאָט, וועלכע עס רינגלען אַרום די רייכסטע און גרעסטע גוט־באַזיצער, וואָס פאַרמאָגן אין די טויזנטער דעסיאַטינעס ערד, אַ חוץ מיליאָנען פויערים און אַלע ברויכן אַלערליי מכשירים צו ערד־אַרבייט.

דאָ געפינען זיך נאָך אייניקע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע פאַבריקן, נאָר די פירמע „אַרנאָלד ברעטמאַן״ איז אין די לעצטע יאָרן מיטאַמאָל שטאַרק אויסגעוואַקסן און האָט זיך אָנגעהייבן צו רעכענען פאַר איינע פון די גרויסע.

ווען יונה בורשטיין איז געוואָרן אַ פאַרטרעטער, איז די פירמע נאָך נישט געווען אַזוי גרויס און דעריבער זיצט ער איצט פעסט אויף זיין פלאַץ און דער פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן האַלט אים פאַר אַ פעיקן מענטשן.

יונה איז היינט געקומען אין קאַנטאָר זייער אַ פריילעכער, נאָר די אַרבעט האָט זיך ביי אים נישט געקלעבט. די קאַנטאָר־מענטשן האָבן אים אונטערגעטראָגן פאַרשידענע בריוו און פאַפירן, נאָר ער האָט זיי אפילו נישט געלייענט און יעדן געענטפערט:

— גוט, גוט, אויסגעצייכנט!

איינער פון די קליינע קאָנטאָר־אַרבעטער, וועלכער האָט זיך שוין זייט אַ פּאָר חדשים געקליבן צו בעטן דעם פּאַרטרעטער, ער זאָל אים העכערן אַ רובל אַ וואָך און האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז ער וועט באַקומען אַן ענטפער: „אויב עס איז דיר ווייניק, קאָנסטו דיר נעמען דעם וועג", האָט איצט, באַמערקנדיק זיין פריילעכקייט, זיך אָנגענומען מיט כוח און אויסגעשאָסן, אַז ער וויל, מען זאָל אים העכערן אַ רובל אַ וואָך.

— גוט, גוט, — האָט געענטפערט דער פאַרוואַלטער יונה בורשטין.

יונה האָט אַלץ געקוקט אויף די ווייזערס פון זיין גאָלדענעם זייגער און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיין זייגער קריכט, און ער האָט אַ פּאָר מאָל געפרעגט ביי די קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע: „ביי וועמען גייט ריכטיק דער זייגער?"

עס איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש מיט דער פעדער אין דער האַנט, אָבער ער האָט ווייניק געשריבן, ווייל מיט בעטיעס קומען האָט ער איצט נאָך אַמאָל איבערגעלעבט די טעג פון זיין התונה.

פאַרשידענע מחותנים און גוטע פריינט זענען געקומען צו דער התונה און די כלה האָט זיי פאַר יונהן איר חתן פאָרגעשטעלט.

זיין כלה האָט אים דערציילט, אַז זי האָט באַקומען אַ בריוו פון איר בעסטער חברטע, וועלכע זי האָט אָנגערופן „בעטיע", אַז זי וועט אויך קומען צו איר חופה, און ווען זי איז געקומען צו פאָרן, האָט זיך זיין כלה מיט איר זייער געפרייט.

— יונה, — האָט פריידל דאַן פאַר אים פאָרגעשטעלט בעטיען, — דאָס איז מיין בעסטע חברטע, מיט וועלכער איך האָב געלערנט אין איין שול און כמעט צוזאַמען אויסגעוואַקסן. זי איז מיר ליב און טייער, ווי מיינע אייגענע שוועסטער!

און זיין כלה האָט זיך דערביי געוועלט, און עס האָט גע־קלונגען מיט אַ שטיק ערנסט:

— איך בעט דיך, יונה, אַז דו זאָלסט געפינען צווישן דיינע חברים אַזאַ לייטישן און שענעם יונגנמאַן, ווי דו און מיר וועלן זי חתונה מאַכן. דו זאָלסט עס נישט אָננעמען פאַר קיין שפּאַס. איך מיין עס גאַנץ ערנסט, און איך בעט דיך טאַקע וועגן דעם.

בעטיע האָט זיך דערביי אַ ביסל פאַרשעמט, זיך געררויטלט און

פריילעך זיך געוועדטלט, און עס האָט זיך אויך ביי איר געפילט ערנסט:

— ווען מיין פריידלס מאַן זאָל פאַר מיר געפינען אַ חתן, וואָלט איך בלינד געגאַנגען מיט אים אונטער דער חופה. קיין בעסערן פריינט ווי פריידל האָב איך נישט אין מיין לעבן, און איך גלויב, אַז איר אויסדערוויילטער וועט מיר זיין דערזעלבער פריינט.

אויף יונהן האָט זי דאַן געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק מיט איר גאַנצן אויסזען, נאָר פאַר אים איז געשטאַנען אַ רעטעניש. נישט קוקנדיק וואָס זי האָט דערנאָך פאַרבראַכט ביי זיי אין הויז אַ פּאָר וואָכן, האָט ער נישט פאַרשטאַנען איר טרויער, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אין איר שטענדיקער פריילעכקייט. ער האָט אויך נישט געוווּסט, ווער אירע עלטערן זענען, און ווען ער האָט אַמאָל געפרעגט זיין פרוי וועגן דעם, האָט זי אויך קלאָר נישט געקאָנט זאָגן. זי האָט אַמאָל געזען בעטיעס פאָטער, אָבער וואָס צו דערציילן וועגן אים האָט זי נישט געוווּסט און בכלל האָט פריידל ווייניק גערעדט וועגן בעטיעס על־טערן. זי פלעגט נאָר זאָגן, אַז איר חברטע איז אַ טייער קינד, און זי פלעגט אויסרעכענען אַ וועלט מיט מעלות, וואָס בעטיע פאַרמאָגט. נאָר, האָט זי צוגעגעבן, זי איז זייער אומגליקלעך. דאָס איינציקע גליק וואָלט געווען פאַר בעטיען, ווען זי טרעפט אָן אויף אַ לייטישן יונגנמאַן און האָט חתונה.

— איך וואָלט געווען די גליקלעכסטע, ווען איך זאָל טאַנצן אויף בעטיעס חתונה! — פלעגט פריידל זאָגן.

— אַזאַ שיין מיידל דאַרף זיך זאָרגן פאַר אַ חתן? — האָט יונה געפרעגט און ער האָט ערנסט אָנגעהייבן צו זוכן צווישן זיינע פיל באַקאַנטע יונגעלייט אַ פּאַסנדיקן שידוך פאַר בעטיען.

וואָס ווייטער אָבער, האָט ער דערפילט, ווי בעטיע האָט אים אַליין אָנגעהייבן צו געפעלן, און קוקנדיק אויף זיין יונג ווייבל, האָט ער זיך דערשראָקן.

צום גליק, איז בעטיע דאַן אַוועקגעפאָרן און ער האָט ביסלעכ־ווייז פאַרגעסן אין איר.

איצט האָט זיך בעטיע ווידער באַוויזן און זי געפינט זיך ביי אים אין הויז. ער האָט געפונען, אַז זי איז איצט נאָך שענער און רייצנדיקער געוואָרן.

— אַ מערקווירדיק מיידל, — האָט יונה געטראַכט, — מיט איר

אַרײַנקומען איז ווי ליכטיקער געוואָרן בײַ מיר אין הויז.

און יונה האָט מיט אומגעדולט געוואַרט, ווען עס וועט קומען די צײַט פון מיטאָג, ער זאָל קאָנען גיין אַהיים און ווידער קאָנען זען בעטיען, וועלכע טראָגט אַרײַן אַזויפיל לעבן אין יעדן ווינקעלע אין זײַן הויז און אין זײַן האַרץ.

אַ צופרידענער האָט ער דערזען אויף זײַן זייגער, אַז עס איז נאָר געבליבן אַ האַלבע שעה צו מיטאָג. ער האָט זיך פריילעך אויפגעהייבן פון אָרט און געזאָגט:

— צוליב דעם גאַסט וועל איך היינט אַוועקגיין מיט אַ האַלבער שעה פריער.

און יונה האָט זיך געלאָזט גיין צו זיך אַהיים.

קאַפּיטל צוויי.

אַרום טיש.

פריידל האָט נישט באַוויזן אַריינצוגיין צו איר חברטע אין שלאָפצימער. אין דער אייגענער רגע האָט זיך געעפנט די טיר פון שלאָפצימער און עס האָט זיך אַרויסגעשטעקט אַ האַלבער צעשויבערטער בלאָנדער קאָפּ.

— לאה! — האָט זיך געהערט בעטיעס קול.

— וואָס האָסטו געוואָלט? — האָט פריידל מיט שמחה זיך אַ וואָרף געטון צו איר חברטע.

— זיי אַזוי גוט, פריידעלע, און זאָג לאהן, זי זאָל מיר אַריינ־שלעפּן מיין קאַסטן, איך וויל זיך איבערטון... — און בעטיע האָט אַזוי געהאַלטן די קליאַמקע פון דער טיר, אַז פריידל האָט נישט געקאָנט אַריינגיין, און דערביי האָט בעטיע צוגעגעבן:

— זיי מיר מוחל, מיין טייערע, איך בין האַלב נאַקעט. איך וועל זיך אָנטון, וועסטו אַריינקומען.

פריידל איז געלאָפן רופן לאהן, אָבער זי האָט פאַרדראָסיק זיך שטאַרק געוווּנדערט פון בעטיעס ווערטער.

— וואָס הייסט, זי איז האַלב נאַקעט? וואָס זשע איז דערפון? פאַרוואָס לאָזט זי מיך נישט אַריין צו זיך? וואָס איז, דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען בעטיען נאַקעט? מיר זענען דאָך יאָרנלאַנג געשלאָפן אין איין צימער און אָפט אויך אין איין בעט? וואָס זשע איז איצטער אַזאַ צערעמאָניען זיך מיט מיר?

און פריידל האָט זיך דערמאָנט אין איר מאַמעס ווערטער, און

אַ ציסער האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט, נאָר באַלד האָט זי זיך אַ ביסל באַרויקט:

— וואָס מיר ווייזט זיך אויס! ווען מען טראַכט פון עפּעס, חלומט זיך דאָס...

לאה האָט דערוויי̄ל אַריינגעשלעפּט דעם קאַסטן אין שלאָפצימער און בעטיע האָט נאָך איר פאַרמאַכט די טיר.

— נו, לאה, איך וועל אייך בעטן מיר העלפן אויפבינד'ן דעם קאַסטן און אַרויסנעמען אַ פּאָר קליידלעך.

— גוט, גוט, נאָר וואָס האָסטו מיך פּלוצים אָנגעהייבן רופן „איר"? וואָס בין איך ביי דיר פּאַר אַ „איר" פּלוצים געוואָרן?

— נו, גוט, גוט, לאהניו. ווען מען זעט זיך נישט לאַנג, מען וואַקסט אונטער, מען ווערט אויס קינד, דערווייטערט מען זיך אַ ביסל אפילו פון אייגענע. נו, גוט, וואָס זשע מאַכסטו, לאה? דו ביזט נאָך אַלץ דאָ, פאַרוואָס האָסטו נישט חתונה? דו ביזט דאָך אַ יונג ווייבל.

— עט, ווי קום איך חתונה צו האָבן! — האָט לאה אַוועקגע־מאַכט מיט דער האַנט און אַ טיפן זיפץ געטון, — אַז איך האָב אין דער יוגנט נישט חתונה געהאַט, וועל איך איצטער אוודאי נישט... ווער וועט עס מיך נעמען?

— פאַרוואָס נישט. דו ביזט דאָך שיין, געזונט, אָרנטלעך און אַזאַ בריה דערצו! דו וואָלסט דאָך אַ מאַן געקאָנט גליקלעך מאַכן!

— אַלע קאָנען חתונה האָבן, נאָר נישט איך. געלויבט צו גאָט, וואָס איך האָב זיך „פּזשיטוליעט" צו די בורשטיינס. עס איז מיר דאָ נישט שלעכט. אַלע האָבן מיך דאָ אין שטוב ליב און איך האָב זיי אויך ליב ווי מיינע אייגענע.

בעטיע, אַרויסנעמענדיק צוזאַמען מיט לאהן פון קאַסטן פאַר־שידענע זאַכן, קליידער, וועש, קעסטלעך און פּודעלעך, האָט זי פּלו־צים אָפּגעשטעלט און געפרעגט לאהן:

— האָסט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט?

לאה איז רויט געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— וואָס וועל איך דיר דערויף ענטפערן? עס איז אַ סך צו דערציילן און איך דאַרף לויפן אין קיך אַריין. באַלד קומט שוין דער באַלעבאָס צו מיטאָג און דו ביזט אוודאי שוין אויך הונגעריק.

ביידע זענען שווייגנדיק געשטאַנען איינגעבויגן איבערן קאַסטן

און געטון זייער אַרבייט. און לאה, אַרויסנעמענדיק וועש פון קאַסטן, האָט פּלוצים מיט שמחה אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ טייערע זיידענע העמדער! טאַקע אמתע זייד־ענע, און וואָס פאַר אַ שיינע זיידענע זאָקן!

אַרויסנעמענדיק אַ קלייד, האָט לאה ווידער מיט פרייד אויס־געשריען:

— אַזעלכע קליידער זעט מען נאָר ביי אונדז נישט... עס בלענדט אין די אויגן פון שיינקייט!

נאָכדעם האָט לאה מיט אַ נחתדיק פּנים שטיל זי געפרעגט:

— דו גייסט אוודאי אינגיכן חתונה האָבן, בעטיענקע?

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן!

— וואָס הייסט? אַזעלכע קליידער! דאָס איז דאָך חתונה־מלבושים! אַזעלכע זאָקן, אַזאַ טייער וועש! נאָר ביי כּלות, וואָס גייען חתונה האָבן, קאָן מען עס זען!

— און אַז מען האָט נישט חתונה, טאָר מען נישט טראָגן קיין שיינע קליידער?

— אָבער זיידענע העמדער! זיידענע זאָקן! ווי אַזוי קאָן מען זיי אָנטון, אַז נישט צו דער חתונה?

— פאַרוואָס נישט, לאה? אַז מען האָט נאָר פאַרוואָס, זאָל מען נישט אָנטאָן?

— אפילו ווען איך זאָל האָבן אַזאַ טייער וועש, וואָלט איך נישט אָנגעטון, מען זאָל מיך אפילו דערהרגענען! סיידן איך זאָל חתונה האָבן...

בעטיע האָט זיך צעלאַכט:

— נו, מיר וועלן רעדן... גיי דערווייל אין קיך אַריין, נאָר ברענג מיר וואַסער. איך וויל מיך אַרומוואַשן...

לאה איז געלאָפן ברענגען וואַסער און די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט רעדן צו זיך און סמאָטשקען מיט די ליפּן: „אַזאַ וועש! אַזאַ טייער וועש, העמדער פון אמתן זייד!..“

לאה די דינסט, אָדער ווי זי איז פון לאַנגע יאָרן געווען באַ־קאַנט צווישן די שכנים מיטן נאָמען „לאה די מויד“, איז שטאַרק גע־ווען איבעראַשט פון בעטיעס קאַסטן קליידער און איז מיט אַ שיי־נענדיק פּנים אַריינגעלאָפן אין קיך, ווו עס האָט זיך געפונען איר

באַלעבאָסטע מיט איר טאָכטער, און פול מיט שמחה האָט זי אויס־געשריען:

— אינגיכן וועלן מיר האָבן אַ חתונה!

— וואָס פאַר אַ חתונה, ווער מיר חתונה? — האָט פריידל געפרעגט.

— ווייס איך וואָס לאה רעדט! — האָט בריינע זיך אָנגערופן. — איר חלומט זיך נאָר שטענדיק אַ חתונה... הענער חלומט זיך פראָסע און לאהן חתונות!...

— ניין, באַלעבאָסטע, איך מיין טאַקע אינדעראמתן... אינגיכן וועלן מיר האָבן ביי אונדז אַ חתונה, און נאָך וואָס פאַר אַ חתונה!

— משוגענע, זאָג שוין, וואָס פאַר אַ חתונה? — האָט פריידל זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט און זי אָנגעהייבן טרייסלען. — ווער האָט עס חתונה?

— לאָז זי אָפּ, פריידל, דו קענסט זי נישט? אַז זי האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ אַ חתונה, וועסטו שוין מיט קיין שטיק האָלץ דאָס נישט אַרויסקלאַפּן פון איר. נאָר ביז וואָס, ווען, — האָט בריינע צוגעגעבן, — צי עס וועט זיין אַ חתונה אָדער נישט, נאָר מעגסט שוין זיכער זיין, אַז פון איצטער אָן וועלן אַלע טעפּלעך ביי איר אויסזידן שוואַרץ ווי די ערד און דער מיטאָג וועט אַלעמאָל צוגע־ברענט ווערן.

— איר לאַכט פון מיר? לאַכט געזונטערהייט, נאָר איך זאָג אייך, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר אַלע טאַנצן אויף דער חתונה.

— ביי וועמען, ביי דיר, לאה? — האָט פריידל געפרעגט און נישט אויפגעהערט זי צו טרייסלען. — זאָג שוין, זאָג שוין, טייערינקע, ליבינקע לאה! — האָט פריידל אָנגעהייבן מיט גוטן זי גלעטן איבערן פּנים, זעענדיק, אַז פון דעם טרייסלען קומט גאָרנישט אַרויס.

— מיר וועלן האָבן אַ חתונה ביי בעטיען...

די דאָזיקע ווערטער האָבן פריידלען און איר מוטער געטראָפן ווי אַ קויל.

אויף וועמען מען וויל נאָר, האָבן זיי פון לאהן דערוואַרט, אַז עמעצער זאָל חתונה האָבן, אָבער נישט אויף בעטיען!

און ביידע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף לאהן.

— פון וואַנען האָסטו גענומען, אַז בעטיע האָט חתונה? — האָט פריידל געפרעגט.

— משוגע — אמת משוגע! אַזאַ איינפּאַל — בעטיע האָט חתונה! האָט די מוטער געזאָגט, — קיינער ווייסט נישט, מיר אויך נישט, נאָר לאה! ווער האָט עס דיר געזאָגט?

— מען דאַרף מיר זאָגן? איך האָב נישט קיין אויגן? איר באַדאַרפט זען, וואָס עס טוט זיך ביי בעטיען אין קאַסטן! ער איז פול מיט חתונה־קליידער, אַלץ אַזעלכע נייע, קנאַקעדיקע, נאָך אפילו איין מאָל נישט געטראָגן... און איר, מיינע טייערע, האָט באַדאַרפט זען, וואָס פאַר אַ וועש זי האָט זיך געמאַכט צו דער חתונה?! — העמדער פון אמתן זיידנס! און זאָקן זיידענע, און וואָס נישט? — אַלץ איז דאָ אין קאַסטן: אַ גאַנצער „גערדעראָב״ פון חתונה־מלבושים!

לאה האָט עס דערציילט מיט אַזאַ פרייד, מיט אַזויפיל נחת ווי גלייך זי גייט אַליין חתונה האָבן אָדער זי פירט אירס אַ קינד צו דער חופה.

פריידל איז געבליבן שטיין אָן ווערטער, ווי פאַרגליווערט פון גרויס פאַרוואונדערונג, און איר מוטער האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל, זאָגנדיק דערביי לאהן:

— וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט, יענע נאַכט און אַלע בייזע חלומות זאָלן זיך אויסלאָזן צו אַלע אונדזערע שונאים און צו זייערע אַלע קעפּ! אַזאַ איינפּאַל, בעטיע גייט חתונה האָבן!... ווי געפעלט דאָס אייך? נאָר לאהן, וואָס איז משוגע אויף חתונות, קאָן אַזאַ זאַך איינפאַלן! לאה ווייסט און מיר נישט!..

ווען פריידל איז געקומען צו זיך פון אַזאַ אומדערוואַרטער בייס, האָט זי לאהן אָנגעהייבן בעטן רחמים:

— איך בעט דיך, זאָלסטו מיר געזונט און שטאַרק זיין, וואָס האָט דיר בעטיע וועגן איר חתונה דערציילט? ווער איז איר חתן? אויף ווען האָט מען אָפּגעלייגט די חתונה?

— וואָס האָט זי מיר צו דערציילן, זי וועט באַלד אַריינקומען צום טיש, וועט איר מסתמא פון אַלץ זיך דערוויסן! וואָס האָט בעטיע מיר צו דערציילן? אַליין ווייס איך דען נישט, איך בין בלינד אָדער איך האָב, חס ושלום, קיין אויגן נישט?

פריידל האָט נישט אויפגעהערט צו ציען מיט די פּלייצעס פאַר גרויס פאַרוואונדערונג און מיט דער גרעסטער אומגעדולט געוואַרט, אַז אָט, אָט, יעדע מינוט קומט אָן בעטיע, נאָר די מוטער, קענענדיק זייער גוט לאהן און איר גרויסע ליבע צו זען חתונות, האָט זיך

איינגאַנצן באַרויקט און זיך אָנגערופן צו לאהן

— דו ווייסט זייער אַ סך! גיב בעסער אַכטונג אויף דעם מי־טאָג, ער זאָל נישט פאַרברענט ווערן און איך מיט פריידלען וועלן גיין דעקן דעם טיש. יונה וועט שוין באַלד קומען און בעטיע וועט שוין אויך באַלד אַריינקומען. זי מוז שוין זיין גוט הונגעריק!

די מוטער מיט דער טאָכטער זענען אַריין אין עסצימער, גע־עפנט דעם בופעט און עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון טעלער, לעפל און גאָפל. אין קיך איז געבליבן לאה און אַכטונג געגעבן אויף די טעפּלעך מיט די פענדלעך, וועלכע האָבן זיך געקאָכט אויפן אויוון, און אָפּשאַרנדיק אַלע מאָל מיט אַ לעפל דעם שוים פון די קאָכע־דיקע טעפּלעך, האָט שוין ביי לאהן אין די אויערן געקלונגען דאָס שפּילן פון די כלי־זמר אויף בעטיעס חתונה, און לאה האָט גע־טראַכט: „דאָ וועל איך שוין נישט שטיין ביי דער טיר, ווי אַלע אָנגעלאָפענע, און קוקן, ווי אַנדערע טאַנצן... דאָ, אויף בעטיעס חתונה, וועל איך אַליין זיין איינע פון די גרויסע מחותנתטעס און וועל טאַנצן גלייך מיט אַלע מחותנים!

און, שטייענדיק ביים אויוון לעבן די קאָכעדיקע טעפּלעך, האָט זי פאַר זיך צוגעזונגען אַ „קאַדריל" מיט אַ „פּאָלקע".

לאה האָט פון תמיד אָן געהאַט אַ שוואַכקייט צו חתונות. זי איז געווען זייער געטריי דער פאַמיליע בורשטיין און געווען זייער פּינקטלעך אין איר אַרבייט, נאָר ווען זי האָט פון גאַס דערהערט כלי־זמר שפּילן, האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, איבערגעלאָזט די קיך מיט די זודיקע טעפּלעך און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, זען ווי מען פירט חתן־כלה צו דער חופה. און אויף דער נאַכט צו דער „חופה־וועטשערע" אָדער צו די טענץ פלעגט זי ביי קיינעם נישט פרעגן, איבערלאָזן די שטוב, אַוועק צו דער חתונה, און שטייענדיק ביי דער טיר גלייך מיט אַלע אָנגעלאָפענע, צוגעקוקט, ווי מען טאַנצט... זי האָט ליב געהאַט אָנצוקוקן חתן־כלה און אָנגעקוואָלן און נחת געהאַט, ווי גלייך עס איז איר אייגענע חתונה.

אַלע חתן־כלות זענען אין אירע אויגן געווען שיין און „גע־לויכטן, ווי די זון אין מיטן העלן טאָג".

לאה פלעגט שטענדיק איבערזיצן אין שטוב, נאָר ווען זי פלעגט פאַרפאַלן ווערן, האָט מען שוין געוווסט אַז איז שטאָט איז ערגעץ

אַ חתונה, אַז נאָר דאָרטן האָט מען זי געקאָנט געפינען, און מיט גרויס שוועריקייטן פלעגט מען זי נעמען אַהיים.

פון דעם דאָזיקן „פעלער" האָט מען לאהן נישט געקאָנט אָפּגעוווינען, און יעדעס מאָל, ווען דער מיטאָג פלעגט צוגעברענט ווערן, האָט מען שוין געוווּסט, אַז אין שטאָט איז ערגעץ אַ חתונה.

ברײַנע מיט איר טאָכטער האָבן געדעקט דעם טיש און נישט אויפגעהערט שטיל צו רעדן וועגן לאהן.

— ווי געפעלט דיר, מאַמע? עס קאָן זײַן אמת, וואָס זי האָט דערציילט, אַז בעטיע גייט חתונה האָבן?

— איך גלויב נישט! עס איז נישט מעגלעך, אַז בעטיע זאָל ווערן אַ כּלה און מיר זאָלן וועגן דעם נישט וויסן. זי וואָלט דאָך אונדז וועגן אַזאַ זאַך געשריבן.

— צו וואָס־זשע איז טאַקע באמת אַזאַ קאַסטן מיט נײַע קליידער, מיט זײַדענע העמדער און זאָקן?

— דו רעדסט שוין אויך אַזוי ווי לאה? דו ווייסט דאָך, אַז בעטיע האָט פון קינדווייז אָן ליב אַ סך שמאַטעס און זיך אָנטון שיין. זי האָט געהאַט געלט, האָט זי זיך אויפגענייט שיינע קליידער. האָב אַ ביסל געדולט, וועסטו פאַרשפּאָרן טרעפן.

פריידל האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און זיך אָנגערופן

— דו ביזט טאַקע גערעכט, מאַמע... בעטיע האָט זיך שטענדיק ליב געהאַט צו פּוצן און זיך קליידן שיין. דעם לעצטן גראָשן האָט זי ליב געהאַט אויסצוגעבן אויף אַלערליי שמאַטעס. ווי קומט דאָס צו איר? זי איז דאָך אַרויס פון נישט קיין פאַרמעגלעכע עלטערן, פון אַ פּראָסט הויז, און זי איז שטענדיק אַזוי עלעגאַנט, האָט זיך ליב צו וויקלען אין זײַדנס... און אַלץ, וואָס זי טוט אָן אויף זיך, זיצט אַראָפּ פון איר, ווי פון אַ גרעפיש קינד. ווי קומט דאָס צו איר?

— פאַרוואָס זי איז אַזוי, ווייס איך נישט. אמת, זי קומט אַרויס פון פּראָסטע עלטערן, אָבער זייער אָרנטלעכע מענטשן. דײַן טאַטע, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, פלעגט זאָגן אויף בעטיעס טאַטען, אַז אים מעג מען געטרויען אומגעציילט געלט, און ער פלעגט אים גאַנץ אָפט געטרויען אונדזער גאַנץ פאַרמעגן, נישט נעמען פון אים אפילו קיין אונטערשריפט. דײַן טאַטע פלעגט אים זייער שעצן און אים ליב געהאַט. אויף יאַנקל בערשטערס אַ וואָרט

האָט דיין טאַטע געשטעלט מער ווי אויף אַלע אונדזערע גבירישע קאָנטראַקטן.

— ווו נעמט בעטיע אַזויפיל געלט, אַזוי רייך און שיין צו קליידן זיך? — איז פּלוצים פריידל אַריינגעפאַלן אין דער מוטערס רייד. — זי גייט דאָך שטענדיק שענער געקליידט אפילו פון מיר.

— עס איז אַ סך, מיין קינד, צו דערציילן וועגן בעטיען און איר פאָטער. נאָר צו וואָס? וועמענס געשעפט איז דאָס? ביי קיינעם און ביי אונדז נעמט זי נישט.

— אָבער דאָך ווילט זיך וויסן... זי איז דאָך מיינע אַ חברטע. כמעט אין איין שטוב אויסגעוואַקסן מיט מיר.

נאָר אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט די מוטער זיך אָנגערופן:

— דאַכט זיך, אַז עמעצער איז צוגעפאָרן צו אונדזער הויז?

ביידע, די מאַמע מיט דער טאָכטער, זענען צוגעגאַנגען צום פענסטער.

— יונה איז געקומען מיט אַ דראָזשקע! — האָבן זיי ביידע אויסגעשריען.

— זייער גוט, — האָט ברײנע צוגעגעבן, — וואָס ער איז געקומען אין דער צייט. מען וועט נישט דאַרפן וואַרטן אויף אים מיטן מיטאָג.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אַריינגעקומען יונה און פריילעך געזאָגט:

— אָט בין איך דאָ! אַיאָ, געקומען צו דער צייט און נישט פאַרשפּעטיקט!

— וואָס־זשע ווילסטו, איך זאָל דיך לויבן? — האָט פריידל זיך אָנגערופן. — הלוואי וואָלסטו געווען אַזוי פּינקטלעך יעדן טאָג.

— פון היינט אָן וועל איך שוין יעדן טאָג זיין פּינקטלעך.

— מען קען דיך, מאַנדעלע מיינס! יעדן טאָג זאָגסטו אַזוי צו.

— וואָס קאָן מען טון? — געשעפטן! נאָר פון היינט אָן וועל איך שוין האַלטן וואָרט, מיין טייערע!

פריידל האָט אַנידערגעלייגט אירע ביידע הענטלעך אויף זיין האַרצן, אים געקוקט גלייך אין די אויגן און געפרעגט:

— און יעדן אָוונט וועסטו אויך קומען צו דער צייט אַהיים?

— איך בין נישט שולדיק, מיין טייערע, וואָס עס קומט מיר אויס פון קאַנטאָר אַוועקצוגיין מיט סוחרים... וואָס קאָן מען טון?

נאָר פון היינט אָן וועל יעדן אָוונט גיין פון קאָנטאָר גלייך אַהיים — זאָלן די סוחרים גיין צו אַלדע גוטע יאָר!

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב!

דערביי האָט פריידל אָנגעהייבן רופן די מוטער:

— מאַמע, דו הערסט? דיין איידעמל וועט שוין ווערן גוט און פרום. זאָל איך אים גלויבן, מאַמע?

— וואָס דולסטו מיר אַ קאָפּ מיט דיין מאַן, זאָל זיך זיין ווייב זאָרגן!

דאָס יונגע פּאָר האָט זיך פריילעך צעלאַכט פון דער מוטערס ענטפער.

— שאַ, גאָר פאַרגעסן! — האָט זיך יונה ווי אויפגעכאַפּט. — און ווו איז אונדזער גאַסט?

— באַלד קומט זי.

— איך גיי, איך גיי שוין! — האָט זיך פון יענער זייט טיר דערהערט בעטיעס קלינגעדיקע שטימע, און באַלד דערנאָך איז זי אַ פריילעכע, אַ טאַנצנדיקע אַריינגעשפרונגען אין צימער, ווו אַלע האָבן זיך איצט געפונען.

דערזעענדיק בעטיען, האָבן אַלע נישט נאָר געקוקט אויף איר, נאָר זי אויפגעגעסן מיט זייערע אויגן פון גרויס פאַרווונדערונג.

פריידל האָט עפּעס אַ מאָדנע בייזן קוק געטון אויף דער מוטער, וועלכע האָט געצויגן מיט די פּלייצעס, זיך געפּרווט שמייכלען און נישט געקאָנט. און יונה איז איבעראַשט געוואָרן פון איר גאַנצן אויסזען.

בעטיע, צום גרויסן ווונדער פון די ווייבער, האָט זיך באַוויזן מיט איר שלאַנקער פיגור, אָנגעטון אין אַ ניי הימל־בלוי זיידן קלייד, וואָס איז שטענדיק געווען איר ליבסטער קאָליר, ווייל עס האָט זייער געפּאַסט צו איר מאַט־ווייסער הויט פון איר פּנים מיט איר העל־בלאָנדן קאָפּ האָר.

די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן, נישט צו באַמערקן, זיך ווידעראַמאָל איבערגעקוקט פול מיט פראַגע־צייכנס.

ביי יונהן איז דער אָטעם ווי פאַרכאַפּט געוואָרן, און ווען ער האָט אָנגעהייבן רעדן, האָט זיך עפּעס אַלעמאָל ביי אים אָפּגעהאַקט אין גומען.

בעטיע איז אַ לאַכעדיקע געשטאַנען אויף איר אָרט, אָבער אַלץ אין איר האָט געלעבט און זיך באַוועגט אַזוי רירעוודיק און מיט אַזויפיל שיינקייט, וואָס האָט אַרויסגערופן התפּעלות נישט נאָר ביי יונהן, נאָר אויך ביי די ווייבער.

יונהן איז איצט, ווי היינט ביי זיך אין קאַנטאָר, ווידער אַרויפ־געקומען אויף די געדאַנקען, אַז מיט בעטיעס קומען איז זיין הויז פול געוואָרן מיט לעבן. יונה האָט דאָס איצט דערפילט מיט זיין גאַנצער נשמה, און מיט אַלע קרעפטן האָט ער איינגעהאַלטן זיינע געפילן צוליב זיין פרוי. דאָך האָט ער זיך אָנגערופן צו בעטיען:

— פון דער צייט, וואָס מיר האָבן אייך נישט געזען, זענט איר נאָך שענער געוואָרן. ווי זאָגט איר? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי און איר מוטער.

— אוודאי שענער! — האָבן די פרויען געענטפערט, נאָר בע־טיע האָט זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט, נאָר עפּעס אין איין ווינקל פון איר מויל האָט זיך באַוויזן נישט קיין פריילעך קניי־טשעלע און אירע אַקסלען האָבן אַ לייכטן ציטער געטון.

פון קינדוויייז אָן איז בעטיע געוויינט, אַז מען זאָל זאָגן אויף איר, אַז זי איז אַ שיינע, און אַלע האָבן זי ליב געהאַט צו קושן. דאָס קושן איז ביי דעם קינד געווען אַן אָפּקומעניש. עס האָט זיך איר אַזוי דערעסן די ליבשאַפט צו איר, אַז ווען מען פלעגט זי וועלן קושן, האָט זי געמאַכט געוואַלדן און געוויינט

ווען זי איז אויסגעוואַקסן, האָבן, באַזונדערס מאַנסבילן, ליב געהאַט מיט איר צו רעדן וועגן איר שיינקייט: איינער וועגן אירע בלויע אויגן, אַ צווייטער וועגן אירע בלאָנדע האָר, וועגן איר קליין מיילכל, איר שלאַנקער פיגור, און בכלל וועגן איר גאַנצן אויסזען. דאָס האָט איר אַזוי דערעסן, אַז זי פלעגט שטענדיק אויסמיידן, אַז עמעצער זאָל וועגן דעם רעדן מיט איר.

בעטיען פלעגן דווקא געפעלן אַזעלכע יונגעלייט, וואָס האָבן מיט איר גערעדט ווי מיט אַ „מענטשן”, — ווי זי פלעגט זיך אויס־דריקן, — און נישט ווי מיט אַ יונג מיידל.

ווען בעטיע איז געווען ביי איר חברטע פריידל אויף איר חתונה, האָט זיך איר מאַן, יונה בורשטיין, באַצויגן צו איר, ווי צו אַ פריינט פון זיין פרוי, און איצט, פלוצים, ביי דער ערשטער באַ־

געגעניש, האָט ער זיך אָנגעהייבן צו ווערטלען, חכמנען זיך און זי אָפּשיטן מיט קאָמפּלימענטן.

ווי שטענדיק, האָבן אויך איצט אַזעלכע ווערטער אַרויסגערופן ביי איר אַן אומצופרידנהייט. זי האָט אים גאָרנישט געענטפערט, אָבער אויף איר פּנים האָט מען עס געקאָנט באַמערקן, הגם בעטיע האָט איר אומצופרידנהייט געוואָלט אויסבאַהאַלטן.

בעטיע האָט אָבער געהאַט אַ באַזונדער פעיקייט צו געבן אַ טאָן אין דער געזעלשאַפט. זי האָט איצט גענומען אַן ערנסטן טאָן, אַז מען זאָל ווייניקער רעדן וועגן איר.

פריער האָט זי אָנגעהייבן אויספרעגן פריידלען וועגן איר קינדביילקע, צי זי איז געזונט און צי זי לאָזט טאַטע־מאַמע שלאָפן.

אַלע אַרום טיש האָבן נישט אויפגעהערט צו לויבן ביילקען, אַז אַזאַ קינד איז גאָר אויף דער וועלט נישטאָ.

דערנאָך האָט בעטיע געפרעגט יונהן, וואָס הערט זיך ביי אים אין קאַנטאָר, ווי גייען די געשעפטן?

— עס גייט נישט שלעכט, — האָט ער געענטפערט, — און עס וואָלט געגאַנגען נאָך בעסער, ווען אונדזער אַרנאָלד ברעטמאַן זאָל זיין אַ ביסל בעסער. אַזוי איז ער אַ פיין מענטשל, ווען ער קומט אַמאָל אין שטאָט. ער פירט אַרום פריידלען מיט דער שוויגער און אונדז אַלע אין איין קאַרעטע, פירט דעם גאַנצן עולם אויף די טייערסטע פלעצער אין טעאַטער, ברענגט אַמאָל מתּנות אויך, און לאה ווערט מיט אַמאָל אַ גבירטע — זי כאַפּט פון אים אַ גאַנץ צע־נערל, ווען ער פאָרט אַוועק... נאָר ווען ער קומט מיט מיר צו אַ חשבון וועגן אונדזערע געשעפטן, וועט ער זיך שטעלן איבער יעדן גראָשן, כאָטש האַק און בראָק אים! עס איז פּראָסט אַ בזיון פאַר אַ לייטישן סוחר אַזוי צו האַנדלען!

און אויסדערציילנדיק ביים טיש זיין האַרץ, ווי אַזוי עס איז ביטער צו האַנדלען מיט דעם פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן, האָט ער אַ פרעג געטון בעטיען:

— וואָס מאַכט טאַקע אונדזער הער אַרנאָלד ברעטמאַן? איז ער נאָך אַזוי רייך ווי פריער?

די ווערטער „אונדזער הער" האָט יונה געזאָגט איראָניש, און געפרעגט האָט ער „צי זיינע געשעפטן גייען אַזוי גוט ווי פריער", ווייל יונה האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק צו

עפענען אַזאַ פֿאַבריק, ווי ברעטמאַן, נאָר ער האָט מורא געהאַט פֿאַר אַזאַ שטאַרקן רייכן קאָנקורענט, וועלכער קאָן אַ נייעם פֿאַבריקאַנט מיטאַמאָל באַלד דערשטיקן. יונה האָט שטענדיק געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען אַרנאָלד ברעטמאַנס פֿאַבריק וועט אָנהייבן צו גיין שוואַכער. יונה האָט געגלויבט, אַז קיין אייביקייט איז נישטאָ אויף דער וועלט, ווייל שוין אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער צוגעזען ווי גרויסע אַלטע פֿאַבריקאַנטן פֿאַלן און אויף זייער אָרט שטייען אויף יונגע און דווקא נישט מיט אַזעלכע גרויסע קאַפּיטאַלן. און נאָר מיט זייער ענערגיע און מיט בעסערע באַציונגען צו די סוחרים האָבן זיי ערפֿאָלג.

— איר פֿרעגט, צי אַרנאָלד ברעטמאַן איז נאָך אַזוי רייך, ווי פֿריער? — האָט בעטיע געענטפֿערט. — הלוואי אויף אַלע יידן גע־זאָגט געוואָרן כאָטש אַ הונדערט חלק.

— איר ווייסט, בעטיע, — האָט יונה זיך אָנגערופֿן אַן אומ־צעפּרידענער פֿון איר ענטפֿער, — אַז אַלע, וואָס האַנדלען מיט אים, האָבן אים פֿיינט. זייער אַ שווערער מענטש איז ער, און די אַרבע־טער אין זיין פֿאַבריק קאָנען אים נישט אָנקוקן. זיי וואָלטן אים דערטרונקען אין אַ לעפֿל וואַרעם וואַסער. זיין גליק איז נאָר, וואָס אין אונדזער געגנט איז נאָך נישטאָ אַזאַ גרויסע פֿאַבריק, העלפֿט נישט, מוז מען האַנדלען מיט אים! נאָר ווען עס געפֿינט זיך איינער אַ פֿעיקער מענטש מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל און עפֿנט אין אונדזער געגנט נאָך אַזאַ צווייטע גרויסע פֿאַבריק, וואָלטן אַלע סוחרים פֿון אים אַוועק, און די אַרבעטער וואָלטן אים אַוועקגעוואָרפֿן, און הער אַרנאָלד ברעטמאַן וואָלט גאָר איינגיכן געמוזט פּלאַצן. דאָס, בעטיע, וואָלט איר באַדאַרפֿט וויסן בעסער פֿון מיר. איר אַרבעט דאָך ביי אים אין קאַנטאָר שוין אַ פּאָר יאָר. דאַכט זיך, אַז באַלד ווי איר האָט מיט מיין פֿריידלען געענדיקט די גימנאַזיע, זענט איר גלייך אַריין אַרבעטן ביי אים אין קאַנטאָר. אַיאָ, פֿריידל? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פֿרוי.

— אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט בעטיע באַקומען אַ שטעלע אין ברעטמאַנס קאַנטאָר, — האָט פֿריידל געענטפֿערט.

— אוודאי ווייס איך מער, ווי איר, וואָס עס טוט זיך אין פֿאַבריק, — האָט בעטיע זיך אָפּגערופֿן צו יונהן, — און איך קאָן אייך זאָגן, אַז איר האָט קיין באַגריף נישט, ווי אויסגעוואַקסן עס

איז איצט די פירמע „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.", כאָטש איר זענט איינער פון אירע פאַרטרעטער אין דעם היגן קאַנט. די פירמע ווערט רייכער פון טאָג צו טאָג, און זינט עס האָט זיך אָנגעהייבן די וועלט־מלחמה, שיט ער אָן גאַנצע זעק מיט גאָלד. די מלחמה האָט זיך ערשט אָנגעהייבן אַ פּאָר חדשים און די צאָל פון די אַר־בעטער האָבן זיך ביי אים פאַרגרעסערט אויף צוויי מאָל אַזויפיל.

יונה האָט אַוועקגעלעגט מעסער און גאָפּל און כמעט אויס־געשריען:

— צוויי מאָל אַזויפיל אַרבעטער? דאָס ברענגט דאָך אים צחיי מאָל אַזויפיל פאַרדינסט!

בעטיע האָט עפּעס געוואָלט ענטפערן דערויף, נאָר ברײנע האָט אָנגעשריען:

— וואָס האָט איר זיך אַלע אַזוי צערעדט ביים טיש און לאָזט דעם גאַסט נישט עסן!

עס האָבן ווידער אָנגעהייבן קלאַפּן גאָפּל־מעסער.

„אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.״

די גאַנצע צייט, וואָס מען איז געזעסן ביים טיש, האָט ברײַנע געשטערט דעם שמועס צווישן יונהן מיט בעטיען, און איר טאָכטער פריידל האָט איר אין דעם מיטגעהאָלפן.

— וואָס לאָזטו בעטיען נישט אָפּעסן? — זענען זיי ביידע אָנגעפאַלן אויף יונהן, — נאָכן עסן וועט איר קאָנען רעדן וועגן געשעפטן וויפל איר וועט וועלן.

דעם טאָן ביים טיש האָט ביז איצט געגעבן ברײַנע. זי האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן בעטיען, צי עס געפעלן איר די מאכלים און זי האָט זייער געלויבט לאהן, אַז זי איז אַ גאָלדענע בריה.

— נאָך אַ גרעסערע בריה איז די מאַמע, — האָט פריידל צוגעגעבן, — נאָר זי וויל זיך נישט באַרימען.

און בעטיע האָט זיך אָנגערופן:

— מען דאַרף נישט, פריידל, דיין רעקאָמענדאַציע. איך עס ביי דיין מאַמע נישט דאָס ערשטע מאָל און מיין באַלעבאָס אַרנאָלד ברעטמאַן הערט עד היום נישט אויף צו דערציילן, וואָס פאַר אַ גוטע מיטאָגן ער האָט געגעסן ביי אייך, ווען ער איז דאָ אַמאָל געווען. איך בין אָבער נישט צופרידן. איר גיט מיר אַזויפיל, ווי איך וואָלט קאָנען עסן פאַר דריי, אָדער גלייך ווי איך האָב שוין דריי טעג נישט געגעסן.

יונה האָט מיט אומגעדולד זיך דערוואַרט, עס זאָל זיך ענדיקן

דער מיטאָג. דערנאָך האָט ער דעם גאַנצן עולם איינגעלאַדן אין זאַל, וווּ ער האָט געגעבן פריידלען, זי זאָל הייסן געבן „שוואַרצע קאַווע".

— שוין־זשע האָט זיך די צאָל פון די אַרבעטער אין פאַבריק פאַרגרעסערט אויף צוויי מאָל אַזויפיל? — האָט יונה נאָכאַמאָל אי־בערגעפרעגט בעטיען.

— וואָס־זשע? איך האָב קיין אינטערעס נישט אייך אָפּצונאַרן. נישט נאָר צוויי מאָל, עס וואָלט זיך געקאָנט נאָך מער פאַרגרעסערן. באַשטעלונגען קומען אָן אַלע טאָג, נאָר עס איז איצט קיין פּלאַץ נישטאָ פאַר מער אַרבעטער. זיי ווערן שיער דערשטיקט פון ענג־שאַפט. ברעטמאַן האָט איצט צוגעקויפט אַ ביים גרויסן פּלאַץ, וואָס גרענעצט זיך מיט דער פאַבריק. מען בויט נייע פאַבריק־בנינים, מען ברענגט נייע מאַשינען און מען זאָגט, אַז ער פאַרגרעסערט די פאַבריק אויף דריי־פיר מאָל מער.

— וואָס איך הער! — האָט יונה פאַרביטערט אויסגעשריען, אויפהייבנדיק די הענט אין דער לופטן, — און איך האָב גאָרנישט געוווּסט!

— איר זאָלט מיר מוחל זיין, איר ווייסט אַ סך זאַכן נישט דאָ ביי אייך אין שטאָט. אונדזער פאַבריק, כאָטש זי געפינט זיך אויף אַ פעלד, הינטער אַ קליין שטעטל, קאָכט און איז מער לעבעדיק, ווי ביי אייך אין דער גרויסער שטאָט, וווּ עס קומען זיך צוזאַמען עטלעכע באַנען און איר האָט אויך אַ פּאָרט, ווו עס קומען צו שיפן.

— וואָס־זשע אַרבעט מען דאָרט אַזוינס, דיזעלבע מאַשינען צו ערד־אַרבעט אָדער קעסלען און קאַסעס?

— ווער קוקט זיך איצט אום אויף אַזעלכע זאַכן, ווי ערד־אַרבעטער־מאַשינען אָדער קעסלען מיט קאַסעס? היינט אַרבעט מען מעטאַלענע בערשט צו קעמען מיליטערישע פערד, פאַדקאָוועס און וואָס נישט? וואָס מען פאַרלאַנגט — אַרבעט מען! און מען נעמט גוטע פּרייזן, ווי אין אַ מלחמה־צייט. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז אויב עס וועט אַזוי ווייטער גיין, וועט ברעטמאַן אויסוואַקסן דער רייכסטער מענטש אין דער גאַנצער גובערניע!

בריינע האָט מיט אַ זיפץ זיך פּלוצים אָנגערופן:

— ווען מיין מאַן זאָל אויפשטיין פון קבר און זען, ווער עס איז, משטייגסגעזאָגט, דער גרעסטער פאַבריקאַנט געוואָרן, וואָלט ער נאָכאַמאָל געשטאָרבן. וואָס איז געווען מאָטיע אהרן? ער האָט גע־

אַרבעט ביי מיין מאַן פאַר פינף און צוואַנציק קאַרבאָוואַנצעס אַ חודש, און איצטער איז „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.‟ ער און מיין פריידלס מאַן דאַרף זיין דער פאַרטרעטער פון ברעטמאַנס פאַבריק!

— נישט צו פאַרזינדיקן, מאַמע, אַזאַ פאַרטרעטערשאַפט צו באַקומען וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט קיינער פון אונדזערע גבירים. אַי, ברעטמאַן איז פון גאָרנישט רייך געוואָרן — איז דאָס זיין מזל.

— ביי דיר, מיין קינד, איז עס רעכט, ווייל דו ווייסט נישט, ווער דער דאָזיקער גרויסער פאַבריקאַנט איז אַמאָל געווען. נו, מילא, וואָס קאָן מען טון, אַז גאָט וויל אַזוי?

יונה איז געזעסן און געשוויגן. ער האָט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט און דערנאָך, ווי אָנגעהייבן רעדן צו זיך:

— הייסט עס, אַז אין פאַבריק האָט מען גאָר אָנגעהייבן צו אַרבעטן מעטאַלענע בערשט און פּאָדקאָוועס פאַר פערד, און מיר האָט מען אפילו נישט געגעבן צו וויסן און פון די נייע אויסאַרבעטונגען מיר אפילו קיין מאָדעלן נישט געשיקט, איך זאָל אויך קאָנען אָנעמען באַשטעלונגען? אַ שיינער פאַרטרעטער בין איך ביי אים.

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? די פאַבריק זאָל נאָר אַזויפיל קאָנען אויסאַרבעטן, וויפל מען וואָלט פאַרקויפט. איך וויל נישט און דאַרף נישט ברעטמאַנען פאַרענטפערן. נאָר איצט איז נישט אַזוי ווי פריער, ווען מען האָט געדאַרפט זוכן קונים. איצט קומען די קונים בעטן, מען זאָל זיי געבן וואָס מער סחורה — איצט איז מלחמה־צייט!

יונה האָט זיך ווידער פאַרטראַכט און באַלד געפרעגט:

— אויב די פאַבריק מאַכט אַזעלכע גאָלדענע געשעפטן, צי האָט ברעטמאַן כאָטש באַפרידיקט זיינע אַרבעטער, וועלכע האָבן שטענדיק געפאָדערט אַ גרעסערע באַלוינונג און ווייניקער שעה אַרבעט?

— עפּעס האָט מען זייער לוין געהעכערט, אָבער די אַרבעטס־צייט איז געבליבן דיזעלבע.

— און זיי זענען צופרידן?

— זיי זענען, נעבעך, אוודאי נישט צופרידן.

— און זיי שווייגן, זיי שטרייקן נישט?

בעטיע האָט זיך ביטער צעלאַכט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט יונה מיט פאַרדרוס געפרעגט.

— איך לאַך, וואָס האָבנדיק אַ היפּשע צייט געשעפטן מיט

ברעטמאַנען, קאָנט איר אים אַזוי ווייניק! — ביי אים שטרייקן! איז דען נישט צום לאַכן, ווען איר פרעגט גאָר אַזוינס? שוין־זשע ווייסט איר נישט, אַז ברעטמאַן האָט זיך שטענדיק באַרימט, אַז ביי אַלע פאַבריקאַנטן האָט מען שוין עטלעכע מאָל געשטרייקט און ביי אים נאָך קיין איינציק מאָל נישט. אפילו אין דער צייט פון דער רע־וואָלוציע, אין יאָר 1905, האָט מען ביי ברעטמאַנען אויך נישט גע־שטרייקט! ער האָט שטאָלצירט מיט דעם און האָט ליב געהאַט פאַר יעדן זיך צו באַרימען.

— וואָס־זשע זענען דאָס פאַר אַן אַרבעטער? — שמאַטניקעס, צי וואָס? אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז, דאַכט זיך, קיין איין פאַבריק נישט געווען, וווּ מען זאָל נישט שטרייקן — ווי איז דאָס מעגלעך?

— זיינע אַרבעטער זענען נישט קיין שמאַטניקעס, ווי איר רופט זיי אָן. אין פאַבריק האָט זיך דאַן שטאַרק געקאָכט, האָט זיך ברעטמאַן אַ ביסל דערשראָקן, זיי עפּעס צוגעזאָגט, פאַרשטופּט די מיילער מיט אַ ביין, און דערנאָך האָט מען באַלד מיט דער גרעסטער אַכזריות איינגעשטילט די רעוואָלוציע. האָבן זיך די אַרבעטער דער־שראָקן און ווידער שטילער געוואָרן. אַזוי אָדער אַזוי, נאָר זיין פאַבריק האָט אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. און וואָס איז שייך ביי ברעטמאַנען שטרייקן? ער איז דאָך שטענדיק אויס־געקאָכט מיט גאַנץ נאַטשאַלסטווע... איין וואָרט זיינס, און באַלד וועט אין זיין פאַבריק אויסוואַקסן אַ גאַנצער פּאָלק סאָלדאַטן. און מיט וואָס דאָס שמעקט, ווייסן זייער גוט די אַרבעטער! נו, און איצט איז שוין גאָר קיין רייד נישט. עס איז מלחמה־צייט און אַר־נאָלד ברעטמאַנס פאַבריק אַרבעט טאָג און נאַכט בערשט מיט פאַד־קאָוועס פאַר מיליטערישע פערד!

— אויף לאַנג האָט איר גענומען אורלויב פון קאַנטאָר? — האָט יונה פלוצים אַ פרעג געטון.

בעטיע האָט זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פראַגע. איר פּנים האָט זיך עפּעס געביטן און זי האָט געענטפערט:

— אויף אַ פּאָר חדשים. איך וויל זיך אָפּרוען.

יונה האָט זיך געוווּנדערט, וואָס מען האָט זי באַפרייט פון דער אַרבעט אויף אַזאַ לאַנגער צייט.

ברײַנע האָט טיף אַ קוק געטון אויף בעטיען.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט יונה ווידער אָנגעהייבן דעם פריערדיקן שמועס, ווענדנדיק זיך צו בעטיען:

— איר זאָגט, אַז מען האָט אייך באַפרייט פון דער אַרבעט אויף אַ פּאָר חדשים. זענט איר זיכער, אַז ברעטמאַן וועט אייך צוריקגעבן אייער שטעלע אין זיין קאַנטאָר? איר קענט דאָך ברעטמאַנען בעסער פון מיר! איך אויף אייער אָרט וואָלט אויף אַזאַ לאַנגע צייט נישט געבעטן.

— מיך אינטערעסירט זייער ווייניק, צי מען וועט מיך דערנאָך צוריקנעמען אויף דער שטעלע. מיין געזונט איז ביי מיר טייערער. איך בין מיד פון דער אַרבעט און וויל זיך אָפּרוען. וועל איך נישט בלייבן אין דער קאַנטאָר, וועל איך אַרבעטן אין אַן אַנדער קאַנטאָר.

יונה האָט נאָך געוואָלט עפּעס אויספרעגן וועגן ברעטמאַנס פּאַבריק, נאָר בעטיע האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגערוט פון וועג און אַז עס וועט נאָך זיין צייט צו רעדן און רעדן גענוג.

— נו, אויב אַזוי, גייט רוט זיך אָפּ, ווי עס דאַרף צו זיין, נאָר אויף דער נאַכט וועלן מיר גיין ערגעץ פאַרברענגען, אפשר אין טעאַטער? און אויב נישט, קאָנען מיר גיין אין קלוב. אין אונדזער שטאָט געפינען זיך היינט עטלעכע קלובן. דאָס איז אונדז געבליבן פון דער רעוואָלוציע — האָט זיך יונה צעלאַכט. — פריער האָט מען קיין איין קלוב נישט דערלויבט, נאָר נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905 דערלויבט מען אומעטום קלובן, וויפל מען וויל. אונדזער ליבע רעגירונג זאָגט: זאָל דער עולם שפּילן אין קאָרטן, טרינקען און הוליען, וויפל דאָס האַרץ גלוסט, נאָר, אַבי זיך נישט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק... און היינט געפינען זיך ביי אונדז אין שטאָט אַזויפיל קלובן, וויפל יידישע חברות. עס זענען דאָ צוויי סוחרישע קלובן, אַ קלוב „אינטעליגענטן“, ווי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן און אַפּטייקערס און נאָך און נאָך. איך בין אַ מיטגליד אין אַ סוחרישן קלוב. נאָר טאָמער ווילט איר גיין אין אינטעליגענטן־קלוב, וועלן מיר אויך דאָרט זיין אָנגעזאָגטע געסט. ביי די אינטעליגענטן שפּילט מען נאָך מער אין קאָרטן ווי ביי די סוחרים... מען גייט אין די קלובן מיט די ווייבער און אָפּטמאָל אפילו מיט קינדער, דערהויפּט מיט די טעכטער, און עס איז

פריילעך! איר וועט דאָ פאַרברענגען די צייט זייער גוט און פריילעך, רוט זיך נאָר אויס גוט!

— היינט וועל איך אין ערגעץ נישט גיין. עס וועט נאָך דער־רויף זיין גענוג צייט... — האָט בעטיע געענטפערט.

— פאַרוואָס זאָלן מיר נישט גיין, בעטיע, — האָט זיך פריידל אָנגערופן, — מען פאַרברענגט דאָרט זייער גוט די צייט, מען זעט זיך מיט מענטשן, מען באַקענט זיך... אַלע גייען אין קלוב, פאַרוואָס זאָלן מיר נישט גיין?

— היינט נישט, פריידעלע, עס וועט נאָך זיין צייט דערויף, מיין טייערע, איך פאָר דאָך נישט אַוועק!

— וואָס־זשע בלייבט? — האָט יונה געפרעגט ביים עולם. — איך ברויך היינט זיין אין קלוב.

— גייט אָן מיר געזונטערהייט, שטערט זיך נישט איבער מיר.

— איך וועל אויך נישט גיין און וועל בלייבן מיט דיר אינ־דערהיים, — האָט פריידל געזאָגט צו בעטיען און זיך געווענדט צו איר מאַן: — נאָר דו, יונה, פאַרזיץ זיך נישט שפעט און קום אַהיים פרי.

יונה האָט זיך געזעגנט און אַוועק אין קאַנטאָר.

— די קלובן איז אַ ניי אומגליק פאַר אונדז, ווייבער, — האָט פריידל זיך געקלאָגט פאַר איר חברטע. — די מענער ווערן פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. קאָן דען אַ פרוי מיטגיין מיט דעם מאַן אַלע נאַכט אין קלוב אַריין? מיינער איז נאָך אַ גאָלד. ער שפילט זעלטן אין קאָרטן, קומט נאָך אַהיים שלאָפן. נאָר אַנדערע מענער ליגן דאָרט אי־בער גאַנצע נעכט און מען שפילט אין קאָרטן אויף גרויסע געלטער, און ווו קאָרטן, איז שוין אַלדאָס בייז... די דאָזיקע קלובן זענען אַן אמתע אָנשיקעניש. אייניקע ווייבער, וועמענס מענער עס האָבן פאַר־שפילט כמעט זייער גאַנץ פאַרמעגן, האָבן זיך געקלאָגט אין דער גו־בערניע, מען זאָל פאַרמאַכן די קלובן, און עס העלפט ווי אַ טויטן באַנקעס... ווייזט אויס, אַז די רעגירונג האָט גרויס נחת פון די קלובן...

בעטיע האָט זיך ווייניק צוגעהערט, וואָס איר חברטע האָט דער־ציילט, ווייל זי האָט זיך געפילט זייער מיד. פריידל האָט איר מיד־קייט באַמערקט אויפן פנים און האָט זי אָפּגעפירט אין אַ צימער, וואָס מען האָט פאַר בעטיען צוגעגרייט.

לאה האָט איבערגעטראָגן דעם קאָסטן אין צימער.

— אָט האָסטו דיר דיין באַזונדער צימער און זיי ווי ביי זיך אינדערהיים, — האָט פריידל געזאָגט, — און איך וועל דיר נישט שטערן. איך וועל זיך אויך גיין אַ ביסל אָפּרוען און דערנאָך וועלן מיר אַ ביסל רעד

— יאָ, פריידעלע, איך האָב מיט דיר צו רעדן, זייער אַ סך צו רעדן, נאָר עס איז נאָך צייט...

פריידל האָט זיך מיט איר צעקושט און איז אַרויס פון צימער, און ווען בעטיע איז געבליבן אַליין, האָט זי פאַרמאַכט די טיר און באַלד אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער.

באַפרייט זיך פון די קליידער, האָט זי זיך דערפילט גרינגער׳ גלייך ווי זי וואָלט זיך באַפרייט פון פיינלעכע קייט.

זי האָט גרינג און לאַנג אָפּגעאָטעמט, ווי פון אַ שווערער אַר־בעט און האָט זיך געזאָגט:

— מער טו איך אַזעלכע קליידער נישט אָן. א־צ־ו, דאָס ערשטע מאָל, האָב איך עס געמוזט טון, אָבער ווייטער טאָר איך נישט... איך האָב געפילט, אַז דאָס לעבן עקט זיך מיר, און דאָ ווי אויף צוזעצ־ניש האָט זיך פריידלס מאַן אַזוי צערעדט וועגן דער פאַבריק. נאָר גוט, וואָס איך בין שוין ביי זיך אין צימער, מער טו איך נישט אַזאַ נאַ־רישקייט.

בעטיע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך ווידער שטיל געשעפּטשעט:

— איך קאָן דאָך מיין סוד לענגער נישט האַלטן. איך האָב זיך דערויף פעסט באַשלאָסן, איך זאָל דאָ אַלץ דערציילן.

— נאָר קאָן איך דען זיי אַלץ דערציילן? איך טאָר דאָך נישט. איך האָב דאָך געשווירן אים, אַז קיין בן־אדם טאָר נישט וויסן, ביז די גוטע צייט וועט קומען. אַלץ וועל איך אָבער פריידלען דערציילן. איך בין דערויף געקומען אַהער, קיין אַנדער וועג האָב איך נישט געהאַט. נאָר מיין שבועה וועל איך נישט ברעכן, דאָס איז אונדזערביידנס סוד. אַי, איך וועל דאַרפן איבערלעבן פערציק טויזנט גיהנמס, וואָס קאָן איך טון? איך בין גרייט דערויף.

בעטיע האָט זיך געפילט נישט גוט און זייער שווער, זי איז אומגעפאַלן אויף איר בעט און שטיל געוויינט.

— איך זאָל כאָטש קאָנען זיך אַביסל איבערשלאָפן. דער שלאָף איז איצט מיין בעסטער פריינט.

—אָ, ווען איך זאָל קאָנען פראַנק און פריי יעדן דערציילן, ווער וואָלט צו מיין גליק גלייך געווען! נאָר איך טאָר נישט און קען נישט. איך זאָל אפילו ברעכן מיין שבועה! דאָ גייט אַ פראַגע וועגן טויט און לעבן! ווי נעמט מען אַזוי פיל מוט עס איבערצולעבן! כאָטש פריידלען וואָלט איך געוואָלט דערציילן אינגאַנצן. גאָרנישט פאַרלייקענען פאַר איר, נאָר איך קען נישט און טאָר נישט.

בעטיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עמעצער שטייט ביי דער טיר פון איר צימער און הערט זיך צו צו אירע געהאַקן. אָבער עס איז באַלד שטיל געוואָרן און זי האָט זיך באַרויקט. די אויגן האָבן זיך איר אָנגעהייבן צו קלעבן פון מידקייט און איבערלעבונגען און זי איז באַלד געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

קאפיטל פיר

צווישן פריינט

ווען בעטיע האָט זיך אַ ביסל איבערגעשלאָפן און זיך אָפּגערוט פון נאָכן מיטאָג, איז איר איינגעפאַלן, אַז נישט קוקנדיק אויף דער שבועה, איז דאָך געקומען אַזאַ אומגעריכטע לאַגע, אַז זי מוז דעם גאַנצן אמת דערציילן, לכל הפּחות, אירע נאָנטסטע פריינט, ווי פריידל מיט איר מוטער ברײנע, ביי וועלכע זי האָט כמעט אַלע אירע קינדעריאָרן פאַרבראַכט.

— ווען מיין יוסף איז איצט דאָ, בין איך זיכער, אַז ער אַליין וואָלט איינגעזען, אַז מען קאָן אונדזער סוד מער נישט אויסבאַהאַלטן... צום ווייניקסטנס, פאַר אַזעלכע נאָנטע איבערגעגעבענע פריינט, ווי פריידל מיט בריינען, וועלכע זענען מיר ווי אַן אייגענע שוועסטער און אַן אייגענע מוטער. ער איז אָבער נישטאָ, און איך ווייס נישט, ווו ער איז. די פאַרשאָלטענע מלחמה האָט צעריסן מענטשן אויף שטיקער און קיינער ווייסט נישט פון דעם צווייטנס געבינאָך פיל קלערן און טראַכטן האָט בעטיע געזאָגט.

— איך האָב קיין רעכט נישט אָן יוספן צו באַשליסן אַזאַ זאַך. עס איז פאַר אונדז ביידן געפערלעך, ווען זיין פאָטער וועט זיך דערוויסן. אַי, איך דאַרף ליידן אומזיסטע בזיונות — וועל איך ליידן, ליידן אָן אַ שיעור!

בעטיע האָט זיך פאַרטראַכט און אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

— און ער ליידט דען נישט? אפשר פיל מער פון מיר! ווער ווייס, ווו ער געפינט זיך איצט? אפשר ליגט ער איצט, אַ שווער־פאַרווונדעטער, אין אַ שפיטאָל... פרעמדע מענטשן גייען אַרום אים און ער, אַ בלאַסער, קוקט זיך אַרום און זוכט אַן אייגענעם... ער זוכט זיין בעטיען און ער זעט קיינעם נישט.

און בעטיעס קראַנקע פאַנטאַזיע האָט זיך פאָרגעשטעלט נאָך אַ שרעקלעכערעס בילד:

ערגעץ אויף אַ פעלד, ווו עס איז פריער פאָרגעקומען אַ שלאַכט, ליגט איר יוסף, אַ פאַרווונדעטער, אַ פאַרגעסענער, אַ נישט־באַמערקטער. ער רופט צו זיינע חברים, סאָלדאַטן, נאָך הילף, נאָר קיינער הערט אים נישט. זיי זענען שוין לאַנג אַוועק פון שלאַכטפעלד, מיטנעמענדיק זייערע פאַרווונדעטע, נאָר אים, אַ שווער־פאַרווונדעטן, האָט מען נישט באַמערקט. ער וויל אָפּווישן דאָס בלוט, וואָס רינט פון זיין גרויסער ווונד, נאָר די הענט הייבן זיך נישט.

וויפל מאָל האָט זי געלייענט אין די צייטונגען וועגן אַזעלכע אומגליקלעכע פאַרווונדעטע סאָלדאַטן! און ווער ווייסט, צי מיט אים איז אויך אַזאַ אומגליק נישט פאָרגעקומען? ווער ווייסט, צי לעבט ער? וואָרים ווען ער זאָל געזונט זיין, וואָלט דאָך בעטיע פון אים באַקומען בריוו. שוין לאַנג, אַז זי האָט קיין איין געשריבן וואָרט פון אים נישט געזען.

— מיין אָרעמער יוסף! ער ווייסט אַפילו נישט פון מיין איצטיקער לאַגע — פון אונדזער גליק!...

די נאַכט האָט אָנגעהייבן פאַלן. אין צימער איז געוואָרן בין־השמשות. שוואַרצע געשטאַלטן האָבן זיך געצויגן איבער די ווענט. בעטיע האָט זיך אין זיי איינגעקוקט און אין איינעם פון די געשטאַלטן האָט זי געזען איר יוספן קריכן אויף אַלע פיר אויף דעם ליידיקן שלאַכטפעלד און זי האָט זיך פון גרויס שרעק צעוויינט.

אויף איר געוויין האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר און, איבערגעשראָקענע, זענען אַריינגעלאָפן פריידל מיט איר מוטער און נאָך זיי לאה.

— וואָס איז מיט דיר, בעטיע? וואָס איז געשען? — האָבן זיי אַלע מיטאַמאָל געפרעגט און זיך אַרומגעשטעלט אַרום איר בעט.

בעטיע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— טראָג אַריין אַ לאָמפּ, — האָט ברײנע געזאָגט צו לאהן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט לאה געבראַכט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ און אין צימער איז געוואָרן ליכטיק. לאה האָט געוואָלט אַוועק־גיין, נאָר בעטיע האָט זיך אָנגערופן צו איר:

— לאה, גיי נישט אַוועק, בלייב דאָ, בלייבט אַלע דאָ. איר דאַרפט אַלע וויסן, וואָס מיט מיר איז געשען און צוליב וואָס איך בין געקומען צו אייך...

— נו, באַרויק זיך פריער און דערנאָך וועסטו אונדז דערציילן, — האָט ברײנע געזאָגט און געהייסן לאהן ברענגען טיי סאַר בעטיען.

— איך וויל נישט קיין טיי, איך וויל, איר זאָלט מיך אויס־הערן און מיר העלפן.

ברײנען האָט מיט שרעק דאָס האַרץ געזאָגט, וואָס זי וועט דערציילן און דעריבער איז זי געוועזן רויקער פון אַלע, און פריידל מיט לאהן האָבן מיט אומגעדולט געוואַרט.

- איך בין געקומען צו אייך, ווי אַן אייגענע... — האָט בעטיע אָנגעהייבן, — איך בין געקומען אייך בעטן, איר זאָלט מיר העלפן איבערקומען די שווערע צייט — איך דאַרף אינגיכן האָבן אַ קינד... צו וועמען דען האָב איך געזאָלט קומען אין אַזאַ שווערער צייט, אויב נישט צו אייך? איך בין דאָך אַזוי עלנט און אַליין... איך האָב לאַנג געטראַכט, צי זאָל איך פאָרן צו אייך, אַבער איך האָב קיין אַנדער אויסוועג נישט געהאַט.

ביי ברײנען האָט זיך אַרויסגעריסן אַ דערשראָקענער געשריי:

— ווי איז מיר, אַזאַ אומגליק!

פריידל איז געוואָרן בלאַס און געבליבן שטיין אָן ווערטער, און לאה האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט ווי אַ משוגענע אָנ־געהייבן צו לויפן איבערן צימער אַהין און צוריק, ברעכנדיק די הענט און אַרויסלאָזנדיק אַלעמאָל אַזעלכע ווערטער, ווי מען באַ־וויינט אַ טויטן:

— אַ בראָך צו מיר! אַ וויייטיק איז מיר. — און דערביי האָט לאה אַלע מאָל געביסן זיך די ליפּן מיט די שפּיץ פינגער.

עטלעכע מינוט איז אַזוי אַוועק, דערנאָך האָט זיך בעטיע אָנ־גערופן

— דערביי לעב איך דאָך נאָך... איך בין נאָך נישט געשטאָרבן. צו וואָס־זשע באַוויינט איר מיך שוין, ווי אַ טויטן?

קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. ביי יעדן איז דאָס מויל ווי פאַרשלאָסן געוואָרן.

בעטיע האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין געקומען זוכן הילף. איך געפין זיך איצט צווישן טויט און לעבן... צו וועמען האָב איך געזאָלט קומען נאָך הילף, אַז נישט צו אייך? נאָר אויב איר קאָנט נישט אָדער עס איז נישט מעגלעך, איר זאָלט מיר העלפן, קאָן איך אַוועקפאָרן פון אייך, ווען איר ווילט, אַפילו באַלד... איך וועל אויף אייך נישט זיין ברוגז. אפשר איז טאַקע אומעגלעך, איר זאָלט ביי אייער בעסטן ווילן מיר קאָנען העלפן? און עס קאָן זיין, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות אין מיין חשבון, ווען איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן צו אייך...

פלוצים איז לאה צוגעלאָפן צו בעטיען, זי אַרומגענומען און געזאָגט:

— בעטיע, בעטינקע מיין טייערע, איך וועל דיר העלפן... זאָלסט זיך נישט זאָרגן. איך וועל דיר העלפן!...

— משוגענע! — האָט ברײַנע אָפּגעשטופּט לאהן פון בעטיען. — זי וועט איר העלפן! געפונען ווער עס זאָל העלפן! מען דאַרף דאָך עפּעס געפינען אַן עצה... עס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט!

ווען ברײַנע האָט אויף לאהן אָנגעשריען, איז זי מיט דרך־ארץ אַוועקגעגאַנגען פון בעטיען, זיך געשטעלט אין אַ זייט און מיט דער גרעסטער נייגעריקייט געוואָלט הערן, וואָס קלוגערע מענטשן וועלן רעדן, און ברײַנע האָט נישט אויפגעהערט צו ציען מיט די אַקסלען:

— אַזאַ משוגענע, זי וועט איר העלפן! לאה, אומשטיינס־געזאָגט, קאָן העלפן! אַז אָך און ווי, וואָס מען קאָן שוין פון לאהן געהאָלפן ווערן! עס איז דאָך נישט קיין קלייניקייט!

— אוודאי איז נישט קיין קלייניקייט צו האָבן אַ קינד, — האָט בעטיע געזאָגט, — איך האָב אין מיין לעבן קיין קינד נישט געהאַט... נאָר איך פאַרשטיי עס איצט זייער גוט... איך שטעל זיך דאָס פאָר אויף דעם שרעקלעכסטן אופן, און איך בין גרייט צו אַלץ! איך וויל נאָר נישט זיין אַליין און עלנט... איך וויל, אַז מיינע פריינט זאָלן מיר העלפן, און ווער דען, אַז נישט איר?

— דו ביזט זייער גערעכט, אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס? ווען מען וועט זיך דערוויסן ביי אונדז אין שטאָט... און ווי אַזוי

איז דאָס געשען ביי אַזאַ גראַדן מענטשן, ווי דו, בעטיע ?.. דו ביזט דאָך נישט אָבי־ווער! דער קאָפּ ווערט דאָך מיר צעשאָסן, מײַנע שונאים!

יידל, וועלכע איז די גאַנצע צייט געשטאַנען, ווי געלעמט און קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן, האָט זיך פּלוצים אָנגערופן צו איר מוטער:

— וואָס איז דאָ איצט וואָס צו רעדן און טראַכטן, ווי אַזוי עס איז געשען און ווי אַזוי עס האָט געקאָנט פּאַרקומען? דאָס אַלץ וועלן מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער, אויף אַמאָל! איצט דאַרפן מיר ראַטעווען אַ מענטשן, מיר דאַרפן ראַטעווען בעטיען! די צייט שטייט נישט און יואָס פריער, איז בעסער. דו, בעטיע, זאָגסט, אַז טאָמער איז אונדז שווער אָדער אומעגלעך צו העלפן, קאָנסטו אַוועקפאָרן... דאָס איז זייער נאַריש פון דײַן זייט, וואָס דו טראַכסט גאָר וועגן אונדז אַזעלכע זאַכן. דו ביזט געקומען צו אונדז, וועלן מיר דיך שוין נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט, אם־ירצה־השם, געזונטערהייט אי־בערקומען. באַרויק זיך, בעטיע, זיי נישט אַזוי אויפגערעגט... וויין נישט... עס איז נישט גוט צו וויינען פאַר דײַן געזונט...

— ווער טראַכט גאָר אַנדערש! — האָט זיך ברײַנע אָנגערופן. — אוודאי וועלן מיר בעטיען נישט אָפּלאָזן, ביז זי וועט איבערקומען געזונטערהייט, נאָר דער קאָפּ דרייט מיר, וואָס הייבט מען אָן צו טון? נאָר דו, בעטינקע, זיי רויק, זאָרג זיך נישט, מען וועט שוין אַלץ טון און דו היט אָפּ דײַן געזונט.

בעטיע האָט געקוקט אויף אירע פרײַנט מיט דאַנקבאַרע אויגן. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט צו אַלע דריי פרויען, זיי יעדן באַזונדער אַרומגענומען און זיך צוקושט מיט זיי.

ביי אַלע פרויען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און בעטיעס פּנים האָט געשײַנט מיט גליק, וואָס זי איז אין איר לאַגע נישט אַליין, נישט עלנט.

אַלע האָבן זיך ווי באַרויקט און די ערשטע האָט זיך אָנגעע־רופן ברײַנע:

— איר ווייסט, קינדער, וואָס מיר איז איינגעפאַלן, אַז פריער פאַר אַלעמען זאָלן מיר מיט בעטיען גיין צום דאָקטאָר שווינדער... ער איז דאָך דער גרעסטער בריה אויף אָפּצוטרײַבן!

בעטיע האָט זיך, ווי אַן אָפּגעבריטע אויפגעכאַפּט פון איר אָרט:

— וואָס מיינט איר מיט דעם.

— וואָס זאָל איך מיינען? איך מיין, חס־ושלום, נישט קיין שלעכטס... דער דאָקטאָר שווינדער איז דער גרעסטער ספּעציאַליסט אויף די דאָזיקע זאַכן... דו ביזט נישט איינע, ער ראַטעוועט זייער פיל אומגליקלעכע... עס געדויערט אַ פּאָר וואָכן און מען ווערט פּטור! ווי אַזוי דען האָסטו געמיינט זיך צו באַפרייען פון אַזאַ אומגליק, פון אַזאַ חרפּה?

עטיע האָט זיך אויפגעהייבן פון בעט, איר פּנים האָט געפלאַמט און נישט מיט איר קול האָט זי אויסגעשריען

— ביי מיר איז עס נישט קיין חרפּה, נישט קיין אומגליק און איך וויל זיך נישט באַפרייען פון מיין קינד! איך דאַרף נישט קיין מערדער אַ דאָקטאָר!

ווי ברײַנע האָט זיך אויפגעהאַלטן, אַבי נישט אויפצורעגן בעטיען, האָט זי דאָך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגערופן:

איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט, בעטיע... וואָס זשע, ביי דיר איז עס אַ כבוד? די וועלט וועסטו אָבער נישט איבערמאַכן! מענטשן קוקן אַנדערש דערויף, און דו וועסט קיינעם נישט איינרעדן, אַז עס איז נישט קיין חרפּה!

בעטיע האָט זיך איצט געכאַפּט, אַז זי האָט פון אויפרעגונג געזאָגט אַזעלכע ווערטער, וואָס זי האָט דערווייל נישט באַדאַרפט זאָגן און האָט ברײַנען געענטפערט

— יאָ, אַ חרפּה, געוויס אַ חרפּה, ווען אַ מיידל דאַרף האָבן אַ קינד... אוודאי אַן אומגליק, נאָר מיין קינד, וואָס איך טראָג אונטער מיין האַרצן — מיין קינד, וויל איך, עס זאָל לעבן! איר הערט, מיינע טייערע, איך וויל, מיין קינד זאָל לעבן! אויף דעם ערגסטן פאַל זאָל איך גיכער שטאַרבן, איידער מיין קינד! איך קאָן אומקומען, אָבער מיין קינד דאַרף און מוז לעבן!

ויף אַזאַ זאַך האָב איך זיך שוין גאָרנישט געריכט... — האָט ברײַנע געזאָגט, און אירע פּאָר קנייטשן אויפן שטערן זענען טיפער געוואָרן. — איצט ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס צו טון?

— מאַמע, באַרויק זיך, אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. מיטאַמאָל קאָן מען גאָרנישט אויסטראַכטן אָדער עטוואָס באַשליסן. עס ברענט נישט, עס איז נאָך דאָ צייט.

— איך קאָן זיך נישט באַרויקן, מיר מוזן נאָך היינט באַשליסן.

וואָס אָנהייבן צו טון. פאַר בעטיען וועט דאָס אויך זיין בעסער און זי וועט זיך באַרויקן. דו איז זייער נויטיק פאַר איר געזונט.

— איצט בין איך שוין אינגאַנצן רויק, — האָט בעטיע זיך אָנ־גערופן. — ווי אַזוי עס איז באַשערט, אַזוי וועט שוין זיין, נאָר מיין קינד דאַרף און מוז לעבן, מיין קינד דאַרף מען ראַטעווען!

— איר ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט זיך ברײנע פריילעכער אָנגערופן.

נאָר דאָ האָט מען פּלוצים אָנגעקלאַפּט אין טיר און עס האָט זיך דערהערט יונהס קול:

— מען קאָן אַריינגיין?

פריידל איז צוגעשפּרונגען און מיט אַ געמאַכט געלעכטערל געענטפערט:

— מען קאָן נישט, וואַרט־צו אַ ביסל. מיר וועלן אַרויסקומען צו דיר...

— וואָס איז ביי אייך אַ פאַרזאַמלונג? אפילו לאה איז אויך נישטאָ אין שטוב!

— נישט דיין געשעפט וועגן אונדזער פאַרזאַמלונג! לאה איז אויך דאָ מיט אונדז... נאָר ווי קומסטו, מיין טייערער, אַהער, דו האָסט דאָך פון קאַנטאָר באַדאַרפט גיין אין קלוב?

אָט וועגן דעם בין איך טאַקע געקומען אייך דערציילן, אַז היינט וועט זיין אַן אינטערעסאַנטער אָוונט אין קלוב...

פריידל איז אַרויס פון בעטיעס צימער.

— וואָס איז געשען? — האָט זי געפרעגט איר מאַן.

— ס׳איז גאָרנישט געשען? איך האָב געוואָלט היינט אין אָוונט גיין גלייך פון קאַנטאָר אין קלוב, איז געקומען מיינער אַ באַקאַנטער סוחר מיט אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, און האָט אונדז איינגעלאַדן, זיך אַ ביסל דורכצושפּאַצירן אונטער דער שטאָט און דערנאָך זאָלן מיר אַלע אַוועק אין קלוב אויף אָוונטברויט... עס וועט היינט זיין זייער פריילעך אין קלוב, מען האָט איינגעלאַדן אַ באַרימטע זינגערין. עס וועלן זיין טענץ... פאַר וואָס־זשע זאָלט איר אין אַזאַ שיינעם אָוונט זיצן אינדערהיים? בין איך געקומען נאָך אייך. דער אויטאָמאָביל וואַרט אויף אונדז. מאַכט עס איינס־צוויי־דריי מיט אייערע טואַלעטן און היידא! — האָט יונה פריילעך געענדיקט.

— מיר קאָנען היינט נישט גיין... בעטיע פילט זיך נישט געזונט.

— ווייס איך, וואָס מיר נישט געזונט? איך קאָן אַריינגיין צו איר אין צימער?

— מען קאָן, מען קאָן? — האָט זיך בעטיע אָנגערופן, דער־הערנדיק דורך דער טיר, וואָס יונה האָט געפרעגט.

פריידל מיט איר מאַן זענען אַריין אין צימער, ווו בעטיע איז געלעגן צוגעדעקט מיט אַ גרינעם טוך.

— וואָס איז דאָס פאַר קראַנק זיין? שטייט אויף, וועלן מיר מאַכן אַ שפּאַציר אין אויטאָמאָביל און דערנאָך אין קלוב! — האָט יונה פריילעך נאָכאַמאָל דערציילט וועגן דעם גרויסאַרטיקן אָוונט, וואָס וועט היינט זיין אין קלוב און ווי גוט מען וועט פאַרברענגען!

— איך קאָן נישט, איך פיל זיך נישט גוט... — האָט בעטיע געענטפערט. — זאָל זיך קיינער נישט שטערן איבער מיר און פאָרן מיט אייך.

— ניין, ניין, מיר בלייבן אַלע אינדערהיים! — האָט פריידל מיט איר מוטער געזאָגט.

— נו. ווי איר ווילט אייך, איך האָב מיינס געטון! אַ גוטע נאַכט אייך, בעטיע, ווינטש איך באַלד געזונט צו ווערן!

און מיט די ווערטער איז יונה פריילעך אַרויס פון צימער.

— קום נישט שפּעט אַהיים, יונה! — האָט פריידל נאָכגעשריגן איר מאַן. — פאַרגעס נישט, אַז דו האָסט אַ ווייב מיט אַ קינד.

פריידל מיט איר מוטער, בלייבנדיק אין צימער, האָבן פאַר־שטאַנען, אַז עס איז בעסער היינט מער נישט צו רעדן וועגן בעטיעס לאַגע, ווייל צופיל האָט זי זיך היינט אויפגערעגט. עס וועט נאָך זיין גענוג צייט וועגן דעם צו רעדן און זיי האָבן וועגן דעם געזאָגט בעטיען:

— מיר וועלן דיך לאָזן אָפּרוען, טראַכט מער נישט וועגן דעם. זאָרג זיך נישט, עס וועט אַלץ זיין גוט. מאָרגן וועלן מיר שוין מוזן עפּעס געפינען אַ פּלאַן. אויב דו וועסט עפּעס פאַרלאַנגען, זאָלסטו אָנקלינגען, וועט דיר לאה אַלץ ברענגען. זאָלסט זיך מיט קיין זאַך נישט שטערן און זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים, אַזוי ווי די ביזט תמיד געוווינט ביי אונדז אין הויז.

בעטיע האָט באַדאַנקט און זיך געזעגנט מיט זיי ביז מאָרגן.

לאה איז אויך אַוועקגעגאַנגען און געזאָגט צו בעטיען:

— טאָמער וועסטו וועלן טיי אָדער עפּעס עסן, זאָלסטו מיר

אָנקלינגען, וועל איך באַלד קומען. איך גיי נישט אַוועק פון דער־היים.

— גיי, לאַח, געזונטערהייט. טיי קאָנסטו מיר שוין געבן, עסן וויל איך נישט.

ווען בעטיע איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך נאָך געפונען אונ־טער דעם איינדרוק פון יונהס באַזוך ביי איר אין צימער.

— זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן, האָבן די סוחרים ערשט אָנגעהייבן לעבן אַ גוטן טאָג. מען הוליעט, מען טאַנצט אין די קלובן, און אַ דאַנק דער מלחמה, שאַרט מען געלט מיט לאָפּע־טעס. היינט פאַרוואָס זאָל מען נישט הוליען? און דאָרטן, אויפן שלאַכטפעלד, גיסט זיך בלוט ווי טייכן וואַסער, פרויען און קינדער פאַרלירן זייערע מאַנען און פאָטערס — זייערע איינציקע שפּייזער, עלטערן—זייערע קינדער, כּלות—זייערע חתנים!

און ווידעראַמאָל האָט זי אָנגעהייבן טראַכטן וועגן איר יוספן און געזען די טרויעריקסטע און די שרעקלעכסטע בילדער

נאָר באַלד האָט זיך איר געזיכט מיטאַמאָל געענדערט און אַ שיין פון גליק האָט זיך באַוויזן אין אירע אויגן.

עס איז איר אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק אַ פראַגע, פאַרוואָס זאָל זי אַלץ אויסלייגן צום שלעכטן? אפשר לעבט ער און איז גע־זונט און שטאַרק, און דווקא אַ גאַנצער העלד געוואָרן! זיין געזונטע ברייטע ברוסט האָט מען באַהאָנגען מיט אָרדנס און מעדאַלן... אַ גאַנ־צער העלד געוואָרן!

בעטיע האָט אַ שמייכל געטון:

— מיין יוסף איז געוואָרן אַ „העלד!” אַ מענטש, וואָס איז אָן אַ גאַל און קאָן קיין פליג נישט אָנרירן, איז געגאַנגען הרגענען מענטשן, וועלכע ער קען נישט און ווייס נישט. מענטשן, וואָס האָבן אויך ערגעץ איבערגעלאָזט פרויען, קינדער און אפשר אַזוינע אין אַזאַ לאַגע ווי איך, וואָס טראָגן זייערע קינדער אונטער די הערצער אַזוי ווי איך... איך בין נישט איינע אַזאַ אומגליקלעכע, אָבער איך בין אויך די גליקלעכסטע אין דער וועלט, ווען איך דערפיל אונטער מיין האַרצן, ווי עס קלאַפּט דאָס קינד.

בעטיע האָט זיך פאָרגעשטעלט די גליקלעכע צייט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וואָס עס קאָן געשען יעדן טאָג, ווי עס שרייבן אַלע צייטונגען, און דאַן וועט זיך עפענען די וועלט.

באַלד וועט זי באַקומען אַן עקסטרע־טעלעגראַמע פון יוספן: „איך לעב און בין געזונט, בריוו גייען מיט דער פּאָסט, אינגיכן וועלן מיר זיך זען און וועלן זיין די גליקלעכסטע אין דער וועלט”.

אַזאַ טעלעגראַמע האָט בעטיע איבערגעלייענט אין איר פאַנ־טאַזיע.

— דערנאָך וועל איך באַקומען פון אים לאַנגע־לאַנגע בריוו, וועלכע זענען פול מיט בענקשאַפט נאָך זיין בעטיען. שפּעטער וועט ער קומען צופאָרן און איך וועל אים אויף מיינע הענט אונטערטראָגן אונדזער גליק — אונדזער קינד! אונדזער טייער יינגעלע מיט בערע־נענדיקע שוואַרצע אויגן, פּונקט ווי זיין טאַטע! און דאַן מעגן שוין אַלע וויסן פון אונדזער גליק: זיינע עלטערן, די גאַנצע משפּחה, אַלע אונדזערע פריינט און די גאַנצע וועלט. און ווען איך וואָלט קאָנען פון אַלע גלאָקן מאַכן איין גלאָק, וואָלט איך אַרויף אויף דעם העכסטן באַרג און וואָלט געקלונגען וועגן אונדזער גליק, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן. מען דאַרף נאָר לעבן און איבערלעבן, מיין גליק וועט געוויס קומען.

לאה האָט אַריינגעבראַכט טיי, און מיט גרויס פאַרוואונדערונג געפונען בעטיען נישט אין בעט, נאָר אויף די פיס און פון איבערראַ־שונג האָט זיך שיער דאָס גלאָז טיי אַרויסגעגליטשט פון אירע הענט...

— זייער גוט, וואָס דו האָסט געבראַכט טיי, לאהנקע טייערע! — האָט בעטיע זי פריילעך באַגעגנט. — אויב דו האָסט שוין אָפּגעטון דיין אַרבעט און האָסט צייט, טאָ זיץ אַ ביסל און דערצייל ווי גייט עס דיר.

— מיר גייט עס נישט שלעכט ביי די בורשטיינס, איך בין דאָ ווי אַן אייגענע. זיי זענען צו מיר זייער גוט. נאָר, אומשטיינס־געזאָגט, וואָס איז מיין גאַנץ לעבן? איך האָב קיינעם נישט אויף דער וועלט, אַ חוץ זיי, די בורשטיינס, און אַלץ דערפאַר, וואָס איך בין אַמאָל געווען אַ נאַריש מיידל און זיך געלאָזט פאַרפירן. דו מיינסט, בעטיע, אַז קוקנדיק אויף דיר, רייסט מיר נישט מיין האַרץ?

— זאָרג זיך נישט, לאה, ווען גאָט וועט געבן, איך וועל אי־בערקומען געזונטערהייט, וועט זיין גוט, זייער גוט, איך וועל נאָך גליקלעך זיין...

—הלוואי זאָל טאַקי אַזוי זיין, ווי דו זאָגסט. [illegible] אַזוי קאָן זיין גוט, אומשטיינס־געזאָגט, ווען אַ יידיש מיי[illegible]ל טרעפ: אַזאַ

אומגליק? אָט מיט מיר, אַ שטייגער, ווען מען האָט מיך פאַרפירט, האָב איך טאַקע געהאַט גרויסע יסורים. אַז איך דערמאָן זיך נאָך איצט, ציטער איך אַזש.

בעטיע האָט זי אויסגעהערט מיט אַ שמייכל אויף די ליפן און זיך אָנגערופן:

— א, וואָס דו האָסט זיך איצט דערמאָנט!

— עס פאַרגעסט זיך נישט... דאָס גאַנצע לעבן פאַרגעסט זיך נישט. מיין גאַנצע וועלט האָב איך איבער דעם שאַרלאַטאַן פאַרלוירן!...

לאה האָט אָנגעהייבן שטיל צו וויינען.

— צו וואָס וויינסטו, נאַרישע לאה? שוין צייט צו פאַרגעסן. אַלע, וואָס קענען דיך, האָבן שוין פאַרגעסן, דאַרפסטו אויך וועגן דעם מער נישט רעדן

— ווי קאָן מען אַזאַ זאַך פאַרגעסן! דער שאַרלאַטאַן האָט מיך אַוועקגעוואָרפן, אַזוי אומגליקלעך, מיט אַ קינד אונטערן האַרצן... אַלע האָבן פון מיר געלאַכט און חוזק געמאַכט. מיין אומגליקלעכע מאַמע האָט מיך געשלאָגן, געהרגעט, און פון גרויס בזיון האָט זי מיך אַוועקגעפירט אין אַ ווייט שטעטל, און וואָס איך בין אויסגעשטאַנען, ביז איך האָב דאָס קינד געהאַט, איז נישט צו דערציילן!

— און ווו איז דאָס קינד, וואָס דו האָסט געהאַט? — האָט בעטיע געפרעגט.

— איך ווייס נישט, עס איז געשטאָרבן... די מאַמע האָט געזאָגט, אַז עס איז געבוירן געוואָרן טויט. איך האָב עס נישט געזען. בעטיע איז בלאַס געוואָרן.

— און דו האָסט דיין קינד טאַקע נישט געזען?

— ניין, נישט געזען...

בעטיע האָט אַ ציטער געטון מיט אַלע אברים

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי, בעטיע?

— וואָס הייסט? ווו איז אַהינגעקומען דאָס קינד, וואָס דו האָסט געהאַט?

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז עס איז געבוירן געוואָרן אַ טויט קינד און אפשר איז טאַקע גלייכער אַזוי... וואָס וואָלט איך, אומגליקלעכע, געטון מיט אַזאַ קינד? אַזוי, ווען איך בין געוואָרן אַ פרייער מענטש, זענען מיר אַוועק אין אַן אַנדער שטעטל און

דאָרט מיט דער מאַמען זיך געשטעלט דינען. עס איז אַוועקגעגאַנגען צוויי יאָר, האָט די מאַמע געפונען עפּעס אַ שלאַק, וועלכער האָט פאַר צוויי הונדערט קערבלעך נדן, אויסקרענקען זאָל ער, מיר צוגעדעקט דעם קאָפּ און שפּעטער מיך אָפּגעגט. דאַמאָלס איז שוין געווען גוט ווען ער האָט מיך אָפּגעגט. איך בין געוואָרן אַ מענטש גלייך מיט אַלע, נאָר וויפל האָב איך עס צרות מיט יסורים און בזיונות איבער־געטראָגן און איבערגעליטן? גאָר פאַר קיין מענטשן נישט צו דער ציילן! זאָל דיך גאָט אָפּהיטן פון אַזויפיל צרות! נאָר זאָרג זיך נישט, בעטינקע, איך וועל דיך אַזוי נישט אָפּלאָזן ביז דו וועסט געזונטער הייט איבערקומען. זיי, די בורשטיינס, זענען זייער ווילע און גוטע מענטשן און האָבן דיך ליב, ווי אַן אייגן קינד. אָבער זיי פילן נישט אַזוי דיין אומגליק, ווי איך... און איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, איך וועל גיין מיט דיר, וווּ דו וועסט גיין.

בעטיע איז געווען גערירט ביז צו טרערן פון לאהס רייד, אָבער עס איז איר געווען שווער אויסצוהערן, ווי לאה רעדט וועגן איר, ווי פון אַ מיידל, וואָס האָט זיך באַנאַרישט אַזוי ווי זי, לאה... נאָר בעטיע האָט עס געמוזט אַראָפּשלינגען, נישט קוקנדיק אויף איר שטאָלץ און גליק, וואָס זי וועט ווערן אינגיכן אַ מוטער, און ווען זי האָט באַשלאָסן אַ סך אויסצובאַהאַלטן פאַר די בורשטיינס, האָט זי עס איצט אוודאי געמוזט דאָסזעלבע טון פאַר לאהן.

לאהס ווערטער, אַז זי וועט זיין מיט איר די גאַנצע צייט, ביז זי וועט איבערקומען, זענען בעטיען טיף אַריין אין האַרצן. זי האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַ גליק, ווייל זי האָט געפילט, אַז קיין געטרייערן און איבערגעגעבענערן מענטשן קאָן זי נישט האָבן, ווי לאה, און בעטיע האָט געפרעגט:

— און דו וועסט צוליב מיר איבערלאָזן בורשטיינס הויז?

— וואָס־זשע? עס איז דאָך נישט אויף לאַנג. עס איז נאָר אויף אַ חודש אָדער צוויי, דערנאָך וועל איך ווידער זיך אומקערן צו זיי. חוצדעם, ווען דו וועסט בעטן ברייינגען מיט פריידלען, וועלן זיי דיך נישט אָפּזאָגן און וועלן מיר הייסן, איך זאָל גיין מיט דיר די גאַנצע צייט. ביז גאָט וועט דיר אין אַ גוטער שעה העלפן...

— איך וואָלט זייער געוואָלט, לאה, אַז דו זאָלסט זיין לעבן מיר די גאַנצע צייט. איך וועל שוין מיט ברייינען און מיט פריידלען וועגן דעם איבערעדן, און איך בין זיכער, אַז זיי וועלן מיר עס צוליב

טון. איך גלויב, אַז דו וועסט מיר זיין געטריי, ווי אַן אייגענע מוטער.

— וואָס רעדסטו, בעטיע! — האָט לאה זיך אָנגערופן מיט טרערן אין די אויגן. — אַזוי ווי מיין אייגן קינד וועל איך דיך אָפּהיטן... טאָג און נאַכט וועל איך פון דיר נישט אַוועקגיין און וועל דיך אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. אָט פרעג פריידלען, יועזן זי איז געלעגן אין קינפּעט. דאָס בעסטע האָב איך איר אונטערגעטראָגן, געקאָכט פאַר איר יאַכילעך מיט קאַשקעלעך אפילו אין מיטן נאַכט...

— נישט דאָס מיין איך, לאה. דאָס ווייס איך, וועסטו טון. דו ביזט אַ גרויסע בריה. איך וויל דיך נאָר בעטן, דו זאָלסט אָפּהיטן מיין קינד, ווי די אויגן אין קאָפּ. אפשר וועסטו מיך נישט קאָנען אַזוי אָפּהיטן, איז נישט אַזאַ אומגליק, נאָר מיין קינד, מיין קינד!..

לאה האָט זי פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס זאָרגסטו אַזוי וועגן קינד? מען דאַרף זאָרגן וועגן זיך, וועגן דיין געזונט.

— ניין, ניין, לאה! — האָט בעטיע כּמעט ווי אויסגעשריען. — מער וועגן מיין קינד דאַרף מען זאָרגן! אָן דעם קינד וועל איך איין טאָג נישט לעבן, דו הערסט, לאה? איין טאָג וועל איך אָן מיין קינד נישט לעבן!... זאָגסטו עס מיר צו?

— אוודאי, פאַרוואָס נישט? בפרט ווען דו ווילסט אַזוי שטאַרק, וועל איך עס אוודאי טון.

— אָט אַזוי, וועל איך זיין רויק און איבערגליקלעך, ווען דו וועסט זיין די גאַנצע צייט מיט מיר, ביז גאָט וועט העלפן אין אַ גוטער שעה. און איצט, לאה, וועל איך דיר זאָגן אַ גוטע נאַכט. נאָך אַזאַ שווערן וועג וויל איך זיך לייגן פריער.

לאה האָט איר געמאַכט דאָס בעט. זי האָט גוט אויסגעשלאָגן די קישנס, עס זאָל זיין אַ ווייך געלעגער.

ווען לאה איז אַוועק צו זיך אין קיך, האָט זי לאַנג געטראַכט וועגן בעטיען, און דערביי צו זיך געזאָגט:

— אַ מאָדנע וועלט איז היינט. מיידלעך שעמען זיך גאָרנישט מיט זייערע קינדער... אַמאָליקע יאָרן וואָלט מען אַזעלכע מיידלעך פאַרשטיינערט.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג, און די ווייבער האָבן בלויז געשמועסט פון בעטיען.

ברײנגע מיט איר טאָכטער זענען געװען צעטרײסלט פון דעם אומגליק, װאָס האָט געטראָפן מיט בעטיען, און נאָכמער פון דעם, װאָס אין אַזאַ שרעקלעכער לאַגע איז זי געקומען צו זײ, אָבער עס איז בײ זײ געבליבן, אַז מען מוז איר העלפן, מען קאָן זי נישט אָפּלאָזן אַלײן, אפילו װען בעטיע זאָל דאָס װעלן. אָבער װי אַזױ זאָל מען איר העלפן, אַז עס זאָל נישט קומען צו בזיונות? מען קאָן דאָך אַזאַ זאַך נישט אױסבאַהאַלטן, פּונקט װי אַ נאָדל אין אַ זאַק.

און ברײנגע האָט עס דערקלערט פרײדלען:

— װי אַזױ מען זאָל נישט באַהאַלטן אַ נאָדל אין אַ זאַק, װעט זי דאָך עמעצן אַ שטאָך טון... מען װעט זי געפינען.

די צװײ װײבער האָבן איר געװאָלט העלפן מיט דעם גאַנצן האַרצן. נאָר װי אַזױ? װי זאָל זײן בעסער?

אָט מיט די פראַגן האָבן זײ זיך פאַרנומען טאָג און נאַכט און נישט אױפגעהערט צו רעדן צװישן זיך. גערעדט אין דערשטיל און זיך געסודעט.

— איך מײן, מאַמע, — האָט פרײדל געזאָגט, — אַז פריער פאַר אַלץ דאַרפן מיר װעגן דעם אומגליק דערצײלן יונהן. ערשטנס, דאַרף מען עס אים דערצײלן דערפאַר, װײל סײ־װי־סײ װעט מען דאָך אַזאַ זאַך פאַר אים נישט קאָנען אױסבאַהאַלטן. װי זאָגסטו, אַ נאָדל אין אַ זאַק? — אַזױ אָדער אַזױ, װעט ער זיך מוזן דערװיסן... דאַן װעט עס זײן נישט שײן... אים װעט עס פאַרדריסן, און ער קאָן אפשר זאָגן, אַז ער װיל נישט אַזאַ אומגליק בײ זיך אין הױז. ער איז דאָך דער באַלעבאָס. װען אָבער מיר װעלן אים דערצײלן, װעט ער אונדז קאָנען אפשר געבן אַ גוטע עצה. ער איז דאָך אַ מאַנסביל. ער איז דאָך אַזאַ גוטער, ער װעט, אַזױ װי מיר, רחמנות האָבן אױף אַן אומגליקלעך מײדל, בפרט נאָך אױף מײנע אַ חברטע, און אפשר װעלן מיר עס אַזױ אײנאָרדענען טאַקע בײ אונדז אין הױז — װער דאַרף דאָס װיסן? פאַר דער װעלט װעט דאָס הײסן, אַז צו אונדז איז געקומען אַ נאָענטע קרובה און דאַרף דאָ איבערקומען די צײט. טרעפט דען נישט אַזױנס? אַלע יונגע װײבלעך פאָרן צו זײערע מאַמעס אױף קינפּעט, און װען זײ האָבן נישט קײן מאַמעס, פאָרן זײ צו נאָענטע קרובים. נו, איז בעטיע נישט נענטער צו אונדז, װי אַ קרובה?

פרײדל האָט אָפּגעצױגן דעם אָטעם און װײטער געזאָגט:

— געדענקסט, מאַמע, — האָט זיך פריידל אַ כאַפּ געטון, — אָט האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן פֿאַר דריי יאָרן געוווינט אויף אַ זומערווינונג, זענען צו אונדזער שכנה אויף איר זומערווינונג געקומען געסט. האָט איינע אַ ווייבל פון די דאָזיקע געסט אָנגעהויבן פּלוצים גיין צו קינד, איז וואָס זשע? עס איז געווען פֿאַרפֿאַלן... מען האָט געמוזט ברענגען אַ דאָקטאָר מיט אַן אַקושערקע און זי האָט טאַקע דאָ געהאַט דאָס קינד. די קינפּעטאָרין איז געלעגן די גאַנצע צייט ביי אונדזער שכנה אויף דער זומערווינונג. מען האָט אפילו דאָ געפּראַוועט אַ ברית. געדענקסטו, ווי עס איז דאַן פריילעך געווען אויף דער זומערווינונג? און דערנאָך איז זי מיטן קינד געזונטערהייט אַוועקגעפֿאָרן, און גאָרנישט! מאַלע וואס עס פֿאַרלויפט זיך אויף דער וועלט!

— אַ שיין פֿאַרגלייכעניש, מיין טאָכטער! דאָרט האָט דאָס ווייבל געהאַט אַ מאַן, איז געווען אַ שמחה און מען האָט געפּראַוועט אַ ברית... אַלץ איז געווען שיין און פיין, נאָר די שכנה איז אַ ביסל נישט געווען צעפרידן, וואָס צו איר איז געקומען אַזאַ גאַסט אויף איר זומערווינונג און אָנגעמאַכט אַזאַ מהומה... אַ ברירה האָט זי געהאַט? אָבער דאָ, וואָס וועלן מיר טון, אַז בעטיע וועט נאָך צום שלים־מזל האָבן אַ ייִנגל? ווי אַזוי וועלן מיר קאָנען מאַכן אַ ברית

— וואָס דאַרפסטו, מאַמע, איצט מורא האָבן פֿאַר אַ ייִנגל? אפשר וועט זי גאָר האָבן אַ מיידל? וואָס דאַרפן מיר איצט טראַכטן וועגן דעם. לאָמיר בעסער זאָרגן, זי זאָל איבערקומען געזונטערהייט, און דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס מיר האָבן צו טון.

בריינע האָט זיך אַ ביסל פֿאַרטראַכט און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— וואָס־זשע מיינסטו, פריידל, מען דאַרף טאַקע דערציילן יונהן

— אוודאי, ווי דען קאָן אַנדערש זיין? מען איז דאָך אַלע אין איין שטוב. און ווידער, ווי קאָן מען אַלעמאָל אים זאָגן תירוצים, אַז זי איז קראַנק און דעריבער קאָן זי נישט אַרויסגיין פון צימער און פֿאַרברענגען צוזאַמען. ער האָט שוין נישט איינמאָל געפרעגט, צי זאָל ער שיקן אַ דאָקטאָר... נו, ווען ער שיקט אַ דאָקטאָר, איז דאָך שוין פֿאַר אַלעמען אויס סוד... די גאַנצע שטאָט וועט זיך דערוויסן, ווי וועלן מיר דעמאָלט אַלע אויסזען ביי יונהן? איך

מיין, אַז מען טאָר שוין מער נישט אָפּלייגן און נאָך היינט וועלן מיר אים זדערציילן... מיר וועלן אים אַלץ דערציילן און אַלע צוזאַמען וועלן מיר זיך באַראַטן וואָס צו טון, אַז מען זאָל נישט קומען צו לייטישע געלעכטער און זי זאָל זיך דערנאָך קאָנען געזונטערהייט בשלום אָוועקפאָרן.

און אַזוי איז ביי דער מאַמען מיט דער טאָכטער געבליבן, אַז נאָך היינט אין אָוונט זאָל מען יונהן אַלץ דערציילן וועגן בעטיען.

— זאָג נאָר, פריידעלע, — האָט ברײנע אַ פרעג געטון ביי איר טאָכטער, — בעטיע האָט דיר גאָרנישט דערציילט וועגן דעם שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זי, נעבעך, פאַרפירט! דו ביזט דאָך מיט איר נענטער, ווי איך און וואָס זי וועט דיר דערציילן, וועט זי מיר נישט זאָגן... אַ יונגער מענטשן מיט אַ יונגן מענטשן זענען אָפנהערציקער. האָט זי דיר גאָרנישט געזאָגט, ווער עס האָט זי פאַרפירט און אַזוי אומגליקלעך געמאַכט?

— ניין, זי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט.

— האָסטו זי געפּרוווט פרעגן?

— שטעל זיך פאָר, מאַמע, אַז יאָ!

— נו, און וואָס?

— זי האָט געשוויגן, זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אויסגעמיטן מיין פראַגע. איך האָב זיך אַליין געוווּנדערט, וואָס זי האָט מיר נישט דערציילט וועגן דעם. איך ווייס, אַז מיר האָבן צווישן אונדז קיינמאָל קיין סודות נישט געהאַט. נאָר דערנאָך האָב איך זיך באַטראַכט, אפשר איז איר שווער צו רעדן מיט מיר וועגן דעם, האָב איך זיך געמאַכט נישט ווּיסנדיק... מיר האָבן גערעדט וועגן אַלץ, נאָר נישט וועגן דעם.

— אָבער ווער, מיינסטו, קאָן דאָס זיין?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן. איך קאָן נישט אַלע אירע דאָרטיקע באַקאַנטע.

— אָבער דאָך קאָנסטו מער וויסן ווי איך. אַ יונגער מענטש מיט אַ יונגן מענטשן צערעדן זיך, קאָן מען זיך פון אַלץ דערוויסן...

— אָבער, אַז זי רעדט נישט וועגן דעם, פון וואַנען זאָל איך זיין אַ נביא?

— דו ווייסט, פריידל, עס איז מיר אַ גרויסער חידוש... אויף אַלץ און אויף אַלעם אין דער וועלט האָב איך געקאָנט גלויבן, נאָר

נישט אויף בעטיען! זי איז דאָך אַזאַ לייטיש מיידל שטענדיק געווען מיט יונגעלייט זיך אַזוי פיין אויפגעפירט... אַ רבס אַ טאָכטער דאַרף זיך נישט אַזוי שיין אויפירן. צום סוף אָפּטון אַזאַ זאַך! מיין קאָפּ קאָן עס נישט פאַרנעמען, איך קאָן עס נישט פאַרשטיין! ניין, איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט אויף איר! אוי, בעטיע, בעטיע! דו קלוגע בעטיע, אַז דו זאָלסט אַזוי מיאוס אַריינפאַלן — דערויף האָב איך מיך נישט גערעכנט!..

ברײנע האָט ווייטער נישט אויפגעהערט צו רעדן

— ווען עמעצער זאָל געוועזן קומען און מיר דערציילן אַ שלעכט וואָרט אויף בעטיען, וואָלט איך יענעם, איך ווייס נישט וואָס, געטון!

— איך וואָלט אויך קיינמאָל נישט געגלויבט אויף בעטיען, — האָט פריידל געזאָגט. — אַזאַ קלוגע, אַזאַ לייטישע און אַזוי מיאוס אַריינגעפאַלן! וואָס־זשע? אַזאַ שיין מיידל, אָבער אַן עלנטע... זי האָט קיינעם נישט... שטענדיק דרייען זיך אַרום איר יונגעלייט, נו, איז זי אַריינגעפאַלן, זיך באַנאַרישט!

— אַ שיינער תירוץ, נישטאָ וואָס צו זאָגן! אַרום וואָסער שיין מיידל דרייען זיך נישט קיין יונגעלייט — איז וואָס? ביי קיין לייטיש אָרנטלעך מיידל טרעפן זיך נישט אַזעלכע זאַכן!

— מאַמע, רעד נישט אַזוי וועגן בעטיען. מיר ווייסן נאָך נישט, ווי אַזוי עס איז געשען... אפשר האָט זי אַ חתן? זי, וועלכע האָט קיינמאָל פאַר מיר קיין סודות נישט, דערציילט מיר גאָרנישט. איך פיל, אַז זי איז נישט דיזעלבע צו מיר, ווי אַמאָל. איך דערקען זי נישט!

— אַ שיינער חתן, — האָט די מוטער מיט אַ פאַרביטערטן שמייכל זיך אָנגערופן. — נישט קיין חתן איז ער, נאָר אַ שאַרלאַטאַן... אַ חתן האָט פריער חתונה! מאַלע, וואָס יונגעלייט זאָגן צו. ווער דאַרף זיי גלויבן?

ניין מאָס רייד האָבן די ווייבער געהאַט, ווען עס איז געקומען צו בעטיען און ווער ווייסט ביז וואַנען זיי וואָלטן נאָך גערעדט. נאָר יונה איז אָנגעקומען צו מיטאָג און ווי יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַריינקומען אַהיים, פלעגט ער דאָס ערשטע פרעגן אויף בעטיעס געזונט:

— זי וועט היינט אויך נישט עסן צוזאַמען מיט אונדז מיטאָג?

— זי פילט זיך נאָך אַלץ נישט גוט... — האָט פריידל געענטפערט.

— פאַרוואָס שיקט מען נישט נאָך אַ דאָקטאָר? איך פאַרשטיי נישט? שוין עטלעכע טעג, אַז זי איז נישט מיט אַלעמען און מען רופט נישט קיין דאָקטאָר? עפּעס ווילדע מענטשן זענט איר! איך וועל ביי אייך מער נישט פרעגן און שיקן נאָך דעם דאָקטאָר שווינדער.

— מען דאַרף נישט! — האָבן זיך ביידע ווייבער אָנגערופן. — זי וויל נישט קיין דאָקטאָר. בעט׳ע זאָגט, אַז זי האָט אַזעלכע ספּאַזמעס, עס גייט ביי איר באַלד איבער.

— זאָל זיין אַזוי, ווען זי וויל נישט קיין דאָקטאָר, — האָט יונה גלייכגילטיק געזאָגט. — הייסט עס, אַז זי איז נישט ערנסט קראַנק? און יונה האָט צוגעגעבן: — אוי, האָב איך נישט ליב קיין קראַנקע געסט!

נאָכן עסן האָט פריידל געבעטן איר מאַן, ער זאָל היינט אין אָוונט אין ערגעץ נישט אַוועקגיין. זי וויל גיין מיט אים שפּאַצירן אָדער פאַרברענגען צוזאַמען אינדערהיים.

יונה האָט, ווי זיין שטייגער איז, אפילו געזאָגט, אַז עס קאָן זיין, אַז ער וועט היינט אָוונט זיין באַשעפטיקט. נאָר ווען פריידל האָט אָנגעהייבן שרייען, אַז זי וויל נישט זיין שטענדיק אַליין, האָט ער צוגעזאָגט היינט צו קומען אַהיים, אָבער ער האָט געשטעלט אַ באַדינג, אַז מען זאָל נישט בלייבן זיצן אין שטוב, נאָר ערגעץ גיין פאַרברענגען.

— אַ גאַנצן טאָג אַרבעט איך און אויף דער נאַכט וויל איך פאַרברענגען. וויפל מאָל איך האָב דיך שוין געבעטן, מיר זאָלן אין אָוונט ערגעץ גיין, ווילסטו נישט און אין די לעצטע טעג, זינט אונדזער גאַסט איז געקומען, ביזטו גאָר געוואָרן אַ היימזיצערין.

— ווען בעטיע וועט געזונט ווערן, וועל איך זיך בעסער אויפירן, — האָט אים פריידל געטרייסט.

יונה איז נאָך מיטאָג אַוועק אין קאַנטאָר, און פריידל האָט געזאָגט צו דער מוטער:

— אפשר איז טאַקע גלייכער, איך זאָל מיט יונהן אַוועקגיין פון דער היים, וועלן מיר פרייער קאָנען רעדן?

— אוודאי איז גלייכער נישט אינדערהיים, — האָט די מוטער געענטפערט.

ווען יונה איז פאַרנאַכט אַהיים געקומען, איז ער געווען באַזונדערס פריילעך און אויפגעלייגט.

— נו, ביזט פאַרטיק? און וואָס מאַכט בעטיע? זי וועט אויך גיין מיט אונדז?

פריידל האָט אים מיט אַן ערנסט פּנים אַריינגעפירט אין לעצטן צימער, זאָגנדיק דערביי דער מוטער:

— מאַמע, דו קאָנסט אויך מיט אונדז מיטגיין.

יונה האָט מיט גרויס חידוש אָנגעקוקט זיין ווייבעלע, וועלכע האָט אַרויפגעצויגן אויף איר ערנסט פּנים אַ שמייכל.

— ווהין פירסטו מיך?

— מיר דאַרפן דיר עפּעס זאָגן.

— וואָס איז עס פאַר סודות? דו קאָנסט מיר דאָ נישט זאָגן?

אָבער פריידל האָט אים נישט געענטפערט און אים ווייטער געפירט.

ווען זי מיט איר מוטער און יונה זענען אַריינגעקומען אין צי־מער, האָט פריידל פאַרשלאָסן די טיר און זיך אָנגערופן:

— יונה, מיר האָבן דיר עפּעס צו דערציילן און זיך באַראַטן וועגן אַן ערנסטן ענין. דו ביזט דאָך שטענדיק מיינער אַ גוטינקער, וועסטו אונדז געבן אַ גוטע עצה און אונדז העלפן.

— נו, וואָס איז געשען? דערצייל שוין! — האָט יונה אומרויק געפרעגט.

— איך וועל אָנהייבן גלייך: בעטיע איז אַריינגעפאַלן אין אַ גרויס אומגליק און מיר מוזן איר אַלע העלפן... שוין עטלעכע טעג, אַז מיר ווילן דיר דערציילן, נאָר מיר האָבן עס אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג, און איצט איז ביי אונדז געבליבן מער נישט אָפּצולייגן און אַלץ דיר דערציילן, כאָטש עס געהער זיך זייער ווייניק אָן צו אַ מאַנסביל.

— וואָס פּלאָגסטו מיך, וואָס איז פאַר אַ פראַגע? אוודאי דאַרפן מיר איר העלפן, ווען זי געפינט זיך אין אַן אומגליק. וואָס איז געשען?

— בעטיע איז אומגליקלעך... זי איז איצט אויף דער צייט... און איז געקומען צו אונדז, מיר זאָלן איר העלפן ביז זי וועט אי־בערקומען געזונטערהייט...

יונה האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן, פריער אויף זיין ווייב, דערנאָך אויף דער שוויגער און האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט צו אים.

— וועגן וועמען רעדסטו?

— וועגן בעטיען.

— איך פאַרשטיי קיין איין וואָרט נישט!

— אָט דאָס, וואָס דו הערסט! — און פריידל האָט נאָכאַמאָל איבער־געחזרט אירע פריערדיקע ווערטער וועגן בעטיען.

יונה האָט אַ פּאָר מינוט געשוויגן. די קאָלירן אויף זיין פּנים האָבן זיך אַלע מאָל געביטן און פּלוצים האָט ער אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען איינגאַנצן צימער. ער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן, וואַרפנדיק מיטן קאָפּ און מיט די הענט, זיך נישט קאָנענדיק איינהאַלטן. פון גרויס געלעכטער האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער איז אַרומגעלאָפן איבערן צימער, נישט אויפהערנדיק צו שרייען:

— איך וועל נישט אויסהאַלטן פון געלעכטער

— ביזט משוגע געוואָרן, יונה? — האָט פריידל אויף אים אָנ־געשריען.

— משוגע, משוגע! מען קאָן משוגע ווערן פון אייערע ווייבער! — האָט יונה נישט אויפגעהערט זיך צו קאַטשען פון געלעכטער.

— מען קאָן משוגע ווערן פון די מאַנסלייט! — האָט פריידל געזאָגט צו איר מוטער, — ווי געפעלט דיר אַזאַ לאַכן?

דערנאָך האָט פריידל אָנגעהייבן מוסרן איר מאַן:

— ווי שעמסטו זיך נישט? אַן אומגליקלעך מיידל איז אַריינגע־פאַלן אין אַזאַ צרה... מען דאַרף איר העלפן, און דו הערסט נישט אויף צו לאַכן... איך שעם זיך פאַר מיין מאַן!

ווען יונה האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, האָט ער מיט אַ שמייכל געפרעגט:

— איז עס טאַקי אמת, וואָס דו האָסט דערציילט וועגן בעטיען?

— וואָס־זשע, איך בין דיר געקומען אויסטראַכטן אַזאַ זאַך?

— און דו האָסט זי געהאַלטן פאַר אַזאַ צדקניות?

— הער זיך אויף צו חערטלען, איך קאָן אויף דיר נישט קוקן! — האָט זיך פריידל מיט אַן ערנסטקייט צעשריען אויף איר מאַן.

— נו, מער נישט, מיין טייערע, מער וועל איך נישט לאַכן... זאָג מיר נאָר בעסער, ווער איז דער חברה־מאַן?

— וועלכער חברה־מאַן?

— איך מיין, אָט דער, וועלכער האָט זי אומגליקלעך געמאַכט?

— איך ווייס נישט, איך האָב זי נישט געפרעגט... איך האָב מיט איר נישט גערעדט וועגן דעם! — האָט פריידל געזאָגט מיט האַרץ.

— עס וואָלט זיך זייער געוואָלט וויסן... עס איז זייער נייטיק צו וויסן... עס וואָלט נישט געשאַדט, דו זאָלסט דיין חברטע פרעגן. פאַר דיר האָט זי קיין סודות נישט און וועט דיר זאָגן.

פריידל איז פון כעס אויפגעשפרונגען:

— איך וועל נישט פרעגן און איך וויל נישט וויסן! עס אינ־טערעסירט מיך נישט! זי איז זייער אומגליקלעך און מען דאַרף איר העלפן, מיט וואָס מיר קאָנען נאָר, און דאָס איבעריקע דאַרף אונדז נישט אָנגיין. זי וועט איבערקומען געזונטערהייט, וועט זי זיך אָוועקפאָרן...

— וואָס קאָנען מיר איר העלפן? דאָס קינד דאַרף זי אַליין האָבן! — האָט יונה ווידעראַמאָל אָנגעהייבן זיך צו ווערטלען.

— יונה, איך זאָג דיר ערנסט, דו זאָלסט זיך אויפהערן צו ווערטלען און חוזק מאַכן פון מיינער אַן אומגליקלעכער חברטע, דו הערסט, צי ניין?

יונה האָט שוין ערנסט געזאָגט:

— נו, זיי מיר מוחל, איך וועל רעדן גאַנץ ערנסט: דו זאָגסט, אַז אונדז דאַרף נישט אינטערעסירן, ווער דער חברה־מאַן איז? און איך זאָג דיר, אַז אונדז איז עס זייער נייטיק צו וויסן.

— צוליב וואָס דאַרפן מיר עס וויסן?

— אוי, ווען איך ווייס נאָר ווער ער איז, וואָלט נאָך הייַנטיקע וואָך געוועזן ביי אונדז אַ חתונה! איך וואָלט אים געפירט ביים גאָרגל צו דער חופה?

— בעטיע וויל נישט זאָגן, ווער ער איז... — האָט ברײנע זיך אָנגערופן. — וואָס קאָן מען טון דערצו? מיט גוואַלד קאָן מען דאָך נישט צווינגען.

— מען האָט זי דען געפרעגט?

— אוודאי.

— און וואָס?

— זי האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און נישט געענטפערט.

— אויב זי וויל נישט, דאַרף עס אונדז אוודאי נישט אָנגיין! וואָס־זשע איז זי געקומען צו אונדז? מיר זאָלן איר העלפן, אַז זי האָט

סודות אפילו פאַר אייך, שוויגער, און פאַר דיר, פריידעלע, איר בעסטע חברטע...

— בעטיעס סודות אינטערעסירן מיך נישט. זאָג בעסער, יונה, וואָס־זשע דאַרפן מיר טון? — האָט פריידל געפרעגט.

יונה, טראַכטנדיק אַ ביסל, האָט זיך אָנגעהייבן קעמען דעם קאָפּ מיט די פינגער און זיך אָנגערופן:

— איך זאָל אַזוי וויסן פון אַלדאָס בייז! איך ווייס נאָר, אַז עס איז אַן אָנשיקעניש אויף אונדזער הויז. איך בין גרייט פאַר אַלץ צו באַצאָלן, אַבי זי זאָל זיך אַוועקפּאָרן. אָט דאָס איז מיין עצה, וואָס איך קאָן געבן, און דאָס וועט זיין דער בעסטער אויסגאַנג.

— דאָס נישט, יונה! דאָס וועל איך נישט דערלאָזן! איז זי איינמאָל געקומען צו מיר אויף צו בלייבן, ביז זי וועט איבערקומען, דאַרף זי דאָ בלייבן, און דערנאָך קאָן זי פאָרן, וווהין זי וויל.

יונה האָט נישט געענטפערט. ער איז געזעסן און געשוויגן, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, פאַרויכערט און טיף אַריינגעצויגן דעם רויך, אַרויסלאָזנדיק בייגעלעך.

— דאָס דאַרף שוין זיין איינמאָל אַ חברה־מאַן! — האָט ער מיט אַ שמייכעלע צו זיך געזאָגט. — אַזאַ בעטיע, אַזאַ בעטיע! ער איז שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן!

— ווי זאָגסטו, מאַמע, — האָט פריידל זיך אָנגערופן, — אַ יאָ, זי מוז בלייבן ביי אונדז און מיר טאָרן זי נישט אָפּלאָזן?

— אוודאי, אוודאי, — האָט ברײנע געזאָגט, — ווי קאָן דען אַנדערש זיין? מיר טאָרן גאָר אַנדערש נישט טראַכטן... ווען מיר זאָלן זי לאָזן אַוועקפאָרן און מיט איר זאָל זיך, חס־ושלום, טרעפן אַ נייער אומגליק, וועלן מיר דאָס גאַנצע לעבן אונדז נישט קאָנען מוחל זיין!

— וואָס־זשע איז ביי אונדז געבליבן? — האָט פריידל ווידער געפרעגט איר מאַן.

— יונה איז געזעסן אויף זיין שטול, אַריבערלייגנדיק איין פוס איבער דעם צווייטן און מיט פאַרגעניגן אַרויסגעלאָזט דעם רויך פון מויל און געשוויגן.

— וואָס האָסטו אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און בלאָזט אָן אַ פול צימער מיט רויך! — האָט פריידל אויף אים ווידער געשריִען.

— דו ווילסט וויסן מיין מיינונג, פריידעלע, מוז איך דיר זאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז בעטיעס פוס טאָר זיך ביי אונדז אין הויז מער נישט געפינען. ביי אייך, ווייבער, איז דאָס אַ שפּילכל, און פאַר מיר איז דאָס אַ גרויס אומגליק אויף מיין הויז. די גאַנצע שטאָט וועט זיך סוף־כל־סוף דערוויסן און מיר וועלן ווערן צו לייטיש געלעכטער... עס פּאַסט נישט פאַר אונדז, מיר זאָלן זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע זאַכן. עס פּאַסט נישט פאַר מיינע געשעפטן, ווען מען וועט אָנהייבן רעדן אין שטאָט וועגן דעם. דאָס בעסטע, וואָס מיר קאָנען טון, איז, מיר זאָלן זי אַוועקשיקן צום דאָקטאָר שווינדער. צו אים גייען אַלע אַזעלכע מיידלעך... איך בין גרייט צו געבן געלט, וויפל מען וועט דאַרפן, נאָר נישט ביי מיר אין שטוב! דאָס וועל איך נישט דערלאָזן, און נאָך מאָרגנדיקן טאָג מוז זי פון אונדזער הויז אַוועק.

— זי וויל נישט גיין צום דאָקטאָר שווינדער, מיר האָבן שוין מיט איר וועגן דעם גערעדט, — האָט פריידל זיך אָנגערופן. — זי ציטערט זייער איבער דעם קינד, זי האָט מורא פאַר דעם קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן...

יונה איז אונטערגעשפּרונגען פול מיט כעס:

— דאָס וויל די צדקניות אויך נישט! וואָס־זשע וואָלט זי געוואָלט, מען זאָל איר פאַר אירע שיינע מעשים „שאַלן אַ לויב־געזאַנג?" זי האָט דען פריער נישט געוווּסט, אַז זי גייט אויף גרויסע צרות? אויב נישט, דאַרף זי עס איצט וויסן. זי איז נישט קיין קינד, נישקשה, זי האָט גוט געוווּסט, וואָס זי איז געגאַנגען טון! איצט איז זי זיך געקומען אָפּלייגן ביי אונדז — דאָס איז אַ גרויסע העזה פון איר זייט, נאָר איך וועל עס נישט דערלאָזן! איר הערט, שוויגער? איך וועל נישט דערלאָזן! איר פוס זאָל דאָ ביי אונדז מער נישט זיין! און דו, פריידעלע, מעגסט זיך ברוגזן וויפל דיין האַרץ גלוסט, נאָר איך וועל נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכע זאָל זיך אין אונדזער הויז געפינען!

קאפיטל זעקס.

ווער איז בעטיע?

אַ פּופּציק וויאָרסט פון דער שטאָט וו—קע געפינט זיך דאָס גרויסע דאָרף סטאַניסלאַווקע, וואָס געהערט צום רייכן אַלטן פּריץ זאַלעווסקי.

אין דאָרף, וואָס געפינט זיך אויף אַ גרויסן שטח פון טאָלן, וועלכע ציען זיך אַראָפּ באַרג, אַרום אַ גרויסן טייך, זענען ווי אַרבעס אויסגעשיט אַ סך הונדערטער פּויערישע הייזלעך, מיט שטרוי געדעקט. אַראָפּ פון די בערג זעט מען פאַרשידענע שמאָלע וועגן, וועלכע ציען זיך אַלע אין טאָל ביז צום טייך. אויף די וועגן זעט מען אָפּט גיין גאַנצע טשערעדעס בהמות, פערד און שאָף זיך אָנטרינקען אין טייך, און מיט דיזעלבע וועגן קערן זיי זיך אַליין אום צוריק אויף די פעלדער. קיינער גייט זיי נישט נאָך, נאָר אַ קליין פּויל באָרוועס שייגעצל מיט אַ לאַנגן בייטש קוקט פון דערווייטנס אויף די בהמות, זיי זאָלן נישט אַראָפּגיין פון וועג אויף די פאַרזייטע פעלדער.

ווען מען פאָרט קיין סטאַניסלאַווקע, זעט מען פינף וויאָרסט פון דערווייטנס אויסגעשיט דאָס גאַנצע דאָרף, און נאָך פריער דערזעט מען דעם פּריצס אַלטן פּאַלאַץ, וועלכער געפינט זיך אויפן באַרג אַרומגערינגלט מיט אַלטע טאָפּאָליעס. בייטאָג פינקלט ער קעגן דער זון מיט זיינע ווייסע געפאַרבטע ווענט און מיט זיין גריגעם דאַך, און ביינאַכט — מיט פייערלעך אין זיינע גרויסע פענסטער.

דער אַלטער פּריץ האָט זייער ליב געהאַט דעם אַלטן פּאַלאַץ און ער פלעגט דאָ וווינען כמעט ניין חדשים אין יאָר.

אין דעם דאָזיקן דאָרף איז געבוירן געוואָרן בעטיע ביי דעם דאָרטיקן דאָרפס־יידן יענקל בערשטער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים אַלטן פּריץ.

וועגן זיין חשיבות פלעגן די יידן אין דער נאָענטער שטאָט וו—קע דערציילן גאַנצע מעשיות. דער פּריץ האָט, למשל, קיין געשעפט נישט געמאַכט, ער זאָל זיך פריער נישט פרעגן ביי זיין יענקלען. אפילו וועגן זיינע פּערזענלעכע געשעפטן פלעגט ער זיך פריער מיישב זיין מיט יענקל בערשטער און פרעגן ביי אים אַן עצה.

ווען דער פּריץ האָט באַדאַרפט פאַרקויפן די תבואות פון זיינע גרויסע פעלדער, אָדער אַוועקגעבן אין אַרענדע זיינע מילן און גוראַלניעס, האָט ער עס אָן יענקלס דעה נישט געטון.

ווען דער פּריץ פלעגט אַמאָל אויף אַ פּאָר חדשים אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיין גאַנץ פאַרמעגן איבערגעלאָזט אויף יענקלס אחריות. אפילו מזומן געלט, פלעגט מען דערציילן, האָט ער איבערגעלאָזט יענקלען אומגעציילט, און ווען דער פּריץ איז דערנאָך צוריקגעקומען אין דאָרף, האָט ער אַלץ געפונען ביז דער לעצטער קאָפּיקע. קיין גראָשן האָט נישט געפעלט.

דעם פּריצס עלטערער זון האָט נישט ליב געהאַט יענקלען דערפאַר, וואָס ער איז צו אַ גרויסער בעל־דעה ביי זיין פאָטער, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן און ער האָט געמוזט שווייגן.

יידישע סוחרים, וועלכע פלעגן וועלן אַוועקקויפן דאָס ברויט פון דעם פּריצס פעלדער אָדער נעמען אין אַרענדע די מילן און די גוראַלניעס, האָבן גוט געוווסט, אַז אַלץ איז געווענדט אָן יענקלען און האָבן אים געוואָלט אָפּגילטן, אָבער יענקל האָט פון קיינעם אַ גראָשן נישט געוואָלט נעמען, געווען געטריי דעם פּריץ, און די יידישע סוחרים פלעגן אים דעריבער רופן „יענקל נאַר". אַן אַנדער ייד אויף זיין אָרט וואָלט ביי אַזאַ פּריץ געוואָרן אַ גרויסער עושר און ער — גאָרנישט! ער לעבט דערפון, וואָס דער פּריץ גיט אים אויף צו לעבן.

וועגן דעם, ווי קומט עס יענקלען צו ווערן אַזאַ גרויסער חשוב ביים פּריץ, דערציילן די וו—קער יידן אַ וווּנדערלעכע מעשה.

מיט יאָרן צוריק האָט יענקל געלעבט אין דאָרף אין גרויס אָרעמקייט. ער האָט געלעבט דערפון, וואָס ער פלעגט אַרומגיין מיט

אַ זאַק אויף די פּלייצעס צווישן די גוים אין די אַרומיקע דערפער און אויסקויפן פאַרשידענע פעלעכלעך פון שאָף און פון האָזן און פון אַנדערע חיהלעך, וואָס די פּויערים פלעגן אַמאָל דערשיסן אין די אַרומיקע וועלדער.

איינמאָל, גייענדיק אַזוי ביים וועג פון איין דאָרף צום צווייטן, האָט יענקל בערשטער דערזען, ווי דער אַלטער פּריץ פון סטאַניסלאַווקע פאָרט מיט אַ גאַנצער חבריא פּריצים, אַלטע און יונגע, אויף יאַגד־וועגן. עס לויפן פאָרויס יעגער און אַלערליי באַדינער מיט גאַנצע סטאַדעס הינט.

דער פּריץ זאַלעווסקי מיט זיינע געסט זענען געפאָרן אויף יאַגד אין די אַרומיקע וועלדער.

יענקל בערשטער, דערזעענדיק זיי, האָט זיך אַנידערגעשטעלט, אַראָפּגענומען דאָס היטל און געוואַרט, ביז די פּריצים וועלן פאַרביי־פאָרן. נאָר פּלוצים האָט דער אַלטער זאַלעווסקי אויסגעשריען, אַז מען זאָל זיך אָפּשטעלן און דער גאַנצער עולם האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— עי, יענקל, וווהין גייסטו?

— קיין סטאַניסלאַווקע, אַהיים, — האָט יענקל בערשטער געענט־פערט אַ ביסל דערשראָקן, זעענדיק, אַז צוליב אים האָט דער פּריץ מיט אַלע זיינע געסט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס טראָגסטו אין זאַק? — האָט דער פּריץ ווייטער גע־פרעגט.

— פעלעכלעך, וואָס איך האָב אויפגעקויפט ביי די פּויערים אין די דערפער.

— ווייסט, יענקל, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט דער פּריץ געזאָגט מיט אַ געלעכטער. — פאָר מיט אונדז אויף יאַגד!

און דערביי האָט דער פּריץ געהייסן זיינע יעגער, מען זאָל באַלד יענקלען געבן אַ ביקס, און דערביי האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט, לאַכנדיק, אַז די פעלכלעך פון אַלע חיות, וואָס דער ייד וועט דערשיסן, געהערן צו אים, צו יענקלען.

די פּריצים האָבן געלאַכט און, נישט פרעגנדיק ביי יענקלען, האָט מען אים געכאַפּט, אָנגעטון אַ ביקס אויף זיינע פּלייצעס, אַריינ־געזעצט אין אַ יאַגד־וואָגן גלייך מיט אַלע יעגער און דער גאַנצער קאָרטיעזש האָט מיט הילכעדיקע געלעכטערס אָנגעהייבן ווידער צו לויפן איבערן וועג, וואָס ציט זיך צו די וועלדער.

— יענקל וועט טרעפן פונקט אין דיביימער! — האָט איינער געזאָגט און דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

יענקל וועט זיך אַליין פאַרוואונדן מיט זיין שיסן! — האָט אַ צווייטער זיך געחכמהט און צווישן עולם האָט אויסגעשאָסן נאָך אַ גרעסער געלעכטער.

יענקל בערשטער איז געזעסן אין יאַגד־וואָגן צוזאַמען מיט אַלע יעגער, מיט אַ לאַנגער ביקס אויף די פּלייצעס און מיט זיין זאַק ביי די פיס און געטראַכט וועגן זיין ווייב און זיין שיין מיידעלע, וועלכעס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט...

יענקלס פאַמיליע איז באַשטאַנען פון זיין פרוי און זיין טעכ־טערל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי. ווען ער איז היינטיקע וואָך אַוועקגעפאָרן איבער די דערפער, האָט ער געזאָגט, אַז היינט וועט ער קומען צום „אָנבייסן" אַהיים. ער האָט געוווּסט, אַז זיין גיטל מיט דעם מיידעלע וואַרטן אויף אים און זיין ווייב גייט שוין אוודאי באַ־געגענען אים אויפן וועג.

וואָס נענטער צום וואַלד, זענען די פריצים אַלץ פריילעכער גע־וואָרן. די קאַרעטן, וועגן און רייטער האָבן אָנגעהייבן שאַלן, — אַ סימן, אַז באַלד קומט מען אויפן יאַגד־פּלאַץ.

אין וואַלד האָבן זיך שוין געפונען אַ פּאָר צענדליק געדונגענע פויערים, וועלכע האָבן מיט זייערע ביקסן אַרומגערינגלט אַ גרויסן שטח און האָבן דורך פאַרשידענע מיטלען אָנגעהייבן אַרויסטרייבן די חיות פון זייערע נאָרעס. די יעגערס זענען געוואָרן לעבעדיק, זייער רוצחיש בלוט האָט אין זיי אָנגעהייבן צו קאָכן. אַלע האָבן זיך אויס־געשטעלט אויף זייערע פּלעצער מיט די ביקסן אין די הענט.

איינער פון די ייִנגערע פריצים האָט פריילעך אויסגעשריען:

— יענקל זאָל זיך שטעלן צווישן אונדז. לאָמיר זען, ווי אַזוי דער דערשראָקענער ייִד וועט שיסן!

אַלע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ גרויסן געלעכטער. ביי יעדן האָט אויסגענומען די חכמה פון דעם יונגן פּריץ.

מען האָט יענקלען אַנידערגעשטעלט אין מיטן דער שורה, וווּ די פריצים האָבן זיך אויסגעשטעלט.

זיינער אַ שכן האָט אים געוואָלט העלפן אַראָפּנעמען די ביקס פון זיינע פּלייצעס, געבן זי אים אין האַנט, נאָר יענקלען איז עס עפּעס נישט אָנגעשטאַנען און ער האָט געענטפערט:

— איך וועל עס אַליין טון. ס'איז נישט אַזאַ גרויסע אַרבעט, אַז דער פּריץ זאָל מיר דאַרפֿן העלפֿן.

עס האָט זיך געהערט דאָס ערשטע שאַלן פֿון טרומייט און נאָך דעם דריטן שאַל האָט מען באַדאַרפֿט זיין גרייט, און דער עולם האָט נאָך געהאַט גענוג צייט זיך צו פֿאַרווילן מיט יענקלען און צו זען, ווי אַ ייד ציטערט און שרעקט זיך. נאָר יענקל איז מיט זיין ביקס געשטאַנען רויק און מיט קיין אבר נישט גערירט.

יענקל איז אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק, אויסגעוואַקסן אין דאָרף, אַ געזונטער און אַ שטאַרקער, און האָט שוין אין זיין לעבן גענוג געפּאַר און שרעק איבערגעלעבט.

די פּריצים איז נישט געפֿעלן יענקלס רויקייט. זיי האָבן געוואָלט זען, ווי אַ ייד טרייסלט זיך מיט אַלע איברים, קאָרטשעט זיך אין דרייען פֿון גרויס שרעק און מיט זיינע יידישע משונהדיקע תנועות אַרויסרופֿן אַ פֿריילעך געלעכטער ביי אַלעמען. און דאָ, ווי אויף צו להכעיס, שטייט ער רויק, ווי אַ דעמבענער בוים איינגעגראָבן אין דער ערד מיט טיפֿע וואָרצלען.

איינעם פֿון די פּריצים איז איינגעפֿאַלן דעם יידן איבערצושרעקן, כּדי אַרויסצורופֿן ביי אים אומרויקייט און פּחד.

דער פּריץ האָט אים געפֿרעגט:

— וואָס שטייסטו אַזוי רויק, יענקל? דו מיינסט, אַז מיר זענען דאָ געקומען שיסן ווילדע קאַטשקעס אָדער שרעקעדיקע האָזן? דאָ, אין וואַלד געפֿינען זיך וועלף, בערן, לעמפּערטן און שרעקלעכע לייבן און נאָך ווילדע חיות מיט געוואַלדיקע גרויסע מיילער און ציין...

דער פּריצישער עולם האָט ווייטער געלאַכט.

יענקל איז געשטאַנען רויק אויף זיין אָרט, ווי פֿריער.

— וואָס־זשע, דו שרעקסט זיך גאָרנישט, יענקל? — האָט אים איינער געפֿרעגט.

— וואָס זאָל איך זיך שרעקן? וואָס עס וועט זיין מיט אייך, וועט זיין מיט מיר...

— מיר האָבן ביקסן.

— איר האָט דאָך מיר אויך געגעבן אַ ביקס.

— מיר קאָנען שיסן און טרעפֿן אין ציל.

— איך האָב אויך אַ ביקס, און וואָס עס געהער זיך אָן צו

טרעפן אין ציל, איז דאָס שוין אַ גאָט־זאַך: איינער האָט מזל און טרעפט גלייך, און דער צווייטער טרעפט אין אַ זייט, ערגעץ אין בויבעריק..

— פאַרגעס נישט, אַז דאָ אין וואַלד קאָן אַרויסשפּרינגען קעגן דיר אַ צעווילדעוועטער לייב, וואָס וועסטו דאַן טון? דו שרעקסט זיך גאָרנישט?

אָנשטאָט זיך צו דערשרעקן, האָט יענקל בערשטער געענטפערט מיט אַן עכט יידישן שמייכל:

— וואָס איז זיך דאָ צו שרעקן? איר ווייסט דאָך די מעשה מיט דעם יידן דניאל, וואָס מען האָט אים אַריינגעוואָרפן אין אַ לייבן־גרוב. אַז גאָט וויל, ווערן פון לייבן שעפּסעלעך...

דעם אַלטן פריץ זאַלעווסקי איז שטאַרק געפעלן דער ענטפער פון דעם יידן פון זיין דאָרף סטאַניסלאַווקע, און ער האָט אָנגעהייבן קלאַפן מיט די הענט...

— בראַוואָ, יענקל!

און דער גאַנצער עולם האָט אויך אָנגעהויבן צו קלאַפן „בראַוואָ".

עס האָט זיך דערהערט דאָס צווייטע שאַלן פון טרומייט. דער גאַנצער עולם איז געוואָרן ערנסט. מען האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס חכמהנען זיך מיט דעם יידן און מען האָט זיך אָנגעהייבן אַרומ־קוקן אויף אַלע זייטן.

פאַרשידענע קליינע חיהלעך האָבן דערשראָקן אָנגעהייבן לויפן צווישן די ביימער. קיינער האָט נישט אויסגעשאָסן, מען האָט, ווי דער מנהג איז ביי יאַגד, געוואַרט אויף דעם לעצטן שאַל, און באַלד האָט ער זיך טאַקע געלאָזט הערן אין דער אַרומיקער ערנסטער שטילקייט.

עס האָבן אָנגעהייבן לויפן האָזן, קראָליקעס און עס זענען פאַרבייגעלאָפן צוויי וועלף, וועלכע האָבן זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן און ווידער געלאָפן.

יעדן האָט זיך געוואָלט דערשיסן אַ וואָלף, אָבער נישט יעדן איז געלונגען צו טרעפן אפילו אין אַ קלענערן חיהלע.

עס האָט זיך אָנגעהייבן אין וואַלד אַ שיסעריי, אַ נאָכלויפעניש, און אַן „אָפּוואַרטן", אַן אָפּנאַרן", אַ „שפּרינגעריי" אַ באַהעלטעניש". און פאַרשידענע באַשעפענישן האָבן אָנגעהייבן לויפן איבערן וואַלד,

זוי פאַרסמטע מייז. איינִיקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט זיך מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן און ווידער געשפּרונגען און געלאָפן.

צוויי שעה האָט געדויערט דער יאַגד. אַלעמען האָט איצט אינטערעסירט, וואָס פאַר אַ זאַק רויב האָט יעדער באַקומען פון יאַגד. איינער האָט דערשאָסן עטלעכע שטיק, אַ צווייטער נאָר איין שטיק און אייניקע גאָרנישט.

פּלוצים האָט זיך איינער געכאַפּט:

— ווו איז יענקל? ווו איז פאַרפאַלן געוואָרן דער ייד?

מען האָט אים אָנגעהייבן זוכן און קוקן אויף אַלע זייטן.

לע יעגער צוזאַמען מיט די פּויערים האָבן, לויט אַ באַפעל פון אַלטן פּריץ, זיך צעלאָזט איבערן וואַלד זוכן דעם פאַרפאַלענעם ייד, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט יענקלען געפונען אין עק וואַלד, ווו לעבן זיינע פיס איז געלעגן אויסגעצויגן אַ דערשאָסענער וואָלף.

— ווער האָט אים דערשאָסן? — האָבן אַלע מיט דער גרעסטער שמחה געפרעגט.

— ווער, פרעגט איר? נישט איך און נישט איר, נאָר מיין יענקל האָט אים דערשאָסן! — האָט דער אַלטער פּריץ זאַלעווסקי מיט פרייד געענטפערט פאַר זיין יידן.

אַלע האָבן אָנגעהייבן שרייען „הוראַ“, דער טרומייט האָט אָנגעהייבן שאַלן לכבוד דעם, וואָס אים איז געלונגען צו טרעפן אין דער גרעסטער חיה, וואָס געפינט זיך אין דעם וואַלד.

דער ייד יענקל איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן ביי די פּריצים אין די אויגן, און ווען מען האָט זיך געלאָזט פאָרן צוריק פון וואַלד אַהיים, האָט דער אַלטער פּריץ אַוועקגעזעצט יענקלען אין זיין קאַרעטע ביי דער רעכטער האַנט. יענקל איז געוואָרן דער העלד פון טאָג.

אַלע האָבן באַוואונדערט יענקלס גבורה און אייניקע האָבן אים געבעטן, ער זאָל דערציילן, ווי אַזוי איז אים געלונגען צו דערשיסן דעם וואָלף.

— וואָס הייסט? — האָט יענקל געענטפערט. — אַ וואָלף איז אַ שרעקלעכער שונא פון אַ מענטשן. די וועלף האָבן אַמאָל ווינטער ביינאַכט פאַרצוקט מיינס אַ קעלבל, און איצט, ווען ער איז גראַדע

נעקומען מיר אַקעגן און זיך געוואָלט וואַרפן אויף מיר, האָב איך אים מיט צוויי שאָסן אָוועקגעלייגט. אויף האָזן, וועלכע זענען גע־לאָפן פאַרביי מיר, האָב איך נישט געשאָסן. אַ רחמנות... זיי זענען אומשולדיקע באַשעפענישן און האָבן מענטשן קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטון, נאָר זייער פלייש טאָר איך נישט עסן. היינט וואָס האָב איך צו זיי?

— דו וואָלסט דאָך געהאַט די פעלכלעך?

— דאָס באַקום איך ביי די פויערים פאַר אַ פאָר קאָפּיקעס טייערער, זאָלן זיי שיסן!

דער עולם האָט ווידער געשריען „הורא" לכבוד דעם גבור פון היינטיקן טאָג.

* *

*

פון דער צייט אָן האָט דער אַלטער פריץ זאַלעווסקי זיך נענ־טער באַקענט מיט יענקל בערשטער און האָט אים זייער ליב באַקו־מען. אַחוץ וואָס ער האָט געפונען, אַז יענקל איז אַן אָרנטלעכער מענטש, איז ער אים געפעלן דערפאַר, וואָס ער איז אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, נישט קיין צעבראָכענער אָדער אַן איינגעהויקערטער, ווי ער האָט געזען אַנדערע יידן, און דערצו איז יענקל נישט קיין שרעקעוודיקער.

יענקל איז געוואָרן ביים אַלטן פריץ אַ בן־בית און אין אַ קור־צער צייט האָט ער אים אָנגעטרויט אַלע זיינע געשעפטן און אָן יענקל בערשטער פלעגט ער קיין זאַך נישט טון. יענקל איז שוין מער נישט אַרומגעגאַנגען מיט זיין זאַק איבער די אַרומיקע דערפער קויפן פעלכלעך ביי די פויערים; אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט, האָט ער באַקומען אין פריצס הויף: ברויט, קאַרטאָפל און אַלערליי גרינ־וואַרג. דער פריץ האָט אים אויך געגעבן אַ בעסער הייזל, ווו צו וווינען, און געצאָלט אים חודש־געלט. אַחוץ דעם, האָט ער געהאַט אַ קו און אַ גאָרטן.

רייך איז יענקל נישט געוואָרן, נאָר ער מיט זיין פאַמיליע האָבן גוט און צופרידן געלעבט.

ער האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן, נאָר פון איין זאַך פלעגט ער פיל ליידן. זיין מיידעלע בעטיע, וואָס איז געוואַקסן שיין ווי אַ בלום, האָבן אַלע אין דאָרף אויפגעגעסן מיט די אויגן.

אַלע פֿלעגן גאַפֿן פֿון דעם שיינעם קינד און זיי פֿלעגן זאָגן, אַז „בעטיעלע" איז גאָרנישט ענלעך אויף קיין יידיש קינד.

בעטיע פֿלעגט זיך שפּילן אין הויף מיט דעם אַלטן פּריצס אייניקלעך און אַלע האָבן בעטיען זייער ליב געהאַט.

פרעמדע, וואָס פֿלעגן קומען צו גאַסט צום אַלטן פּריץ, פֿלעגן יענקלס מיידעלע אויך אָננעמען פֿאַר דעם אַלטן פּריצס אַן אייניקל, און משונהדיק פֿלעגט פֿאַר זיי אויסקומען, ווען גיטל, אַ ווייבל מיט אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, אָדער יענקל מיט דער באָרד, פֿלעגט קומען און נעמען זיין קינד אַהיים. אַלע פּריצים פֿלעגן זיך וואונדערן, ווי קומט צו אַזאַ יידן אַזאַ קינד מיט בלאָנדע לאָקעלעך, בלויע אייגע־לעך, מיט אַ גלייכער רירעוודיקער פיגור און שטענדיק אַ טאַנצנדיקע, אַ לאַכנדיקע.

ווען בעטיע איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פינף — זעקס, האָט זיך מיט איר אַן אומגליק געטראָפֿן. זי איז פּלוצים פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. מען האָט זי אַרומגעזוכט איבער דעם גאַנצן דאָרף און נישט געפֿונ־נען. יענקל בערשטער מיט זיין ווייב זענען פֿון סטאַניסלאַווקע אַרומ־געלאָפֿן ווי משוגע איבערן דאָרף, איבערן פֿעלד. צום גליק, איז מיט דער פינף־יעריקער בעטיען געשען אַ גרויס נס. די פּויערים פֿון סטאַ־ניסלאַווקע, פֿאָרנדיק פֿון פֿעלד אַהיים, האָבן באַגעגנט ציגיינער און האָבן ביי זיי אין בויד דערקענט יענקלס קינד און האָבן זי אָפּגענומען און אָפּגעבראַכט אַהיים צו אירע עלטערן.

אַלע אין דאָרף געדענקען נאָך, ווי אַזוי מען האָט די ציגיי־נער באַשטראָפֿט פֿאַר צוגנבענען אַ קינד.

פֿון יענער צייט אָן האָט יענקל מיט זיין ווייב באַשלאָסן ארויס־צופֿאָרן אין שטאָט וו—קע און לעבן צווישן יידן, ווי גאָט וועט געבן. ער האָט זיך שטענדיק געשראָקן, וואָס זיין קינד מיט איר באַזונדערער שיינקייט וואַרפֿט זיך יעדן אין די אויגן און עס קאָן קיין גוטס דערפֿון נישט אַרויסקומען. אָבער דער אַלטער פּריץ האָט זיך פֿאַר דער צייט אַזוי צוגעבונדן צו יענקל בערשטער, אַז ער האָט אים נישט געלאָזט אַרויספֿאָרן פֿון דאָרף. ער האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו יענקל בערשטער, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָן אים וועט ער זיינע געשעפֿטן נישט קאָנען פֿירן.

— מיינע דערוואַקסענע קינדער ווייסן נאָר ווי אויסצוברענגען וואָס מער „געלט, — האָט דער אַלטער פּריץ איינגעטענהט מיט יענקל

בערשטער, — איך אַליין בין שוין שוואַך. אויף דיר קאָן איך זיך פאַרלאָזן מיט אַלץ און בין רויק. איך קאָן דיך נישט אָפּלאָזן פון זיך.

— איך קאָן אָבער ווייטער אין דאָרף נישט בלייבן, — האָט יענקל געענטפערט, — איך בין זעלטן אינדערהיים. מיין פרוי מיט דעם קינד בלייבן שטענדיק אַליין. איך האָב פּראָסט מורא פאַר מיין קינד. אין שטאָט צווישן יידן איז גאָר עפּעס אַנדערש.

— וועגן דעם וועל איך שוין זאָרגן, אַז דיין פאַמיליע זאָל גאָרנישט געשען, — האָט דער פּריץ אים פאַרזיכערט. — דו פאַרמאָגסט ווירקלעך אַ זעלטן קינד. זי וועט פאַרברענגען ביי מיר אין הויז און וועט האָבן דיזעלבע השגחה, ווי מיינע קינדער. עס פעלן ביי מיר נישט קיין גוווערנאַנטקעס מיט לערער. וואָס וועט טון אַזאַ קינד אין שטאָט? — זי וועט קאָכן און העלפן דער מאַמען באַקן ברויט! עס איז נישט קיין אַרבעט פאַר אַזאַ קינד, ווי דיין בעטיעלע. אין איר גאַנצן אויסזען איז זי אַן אויסדערוויילטע פון אַלע אַנדערע קינדער. זי דאַרף האָבן אַן אַנדער דערציִונג. איך אַליין באַוואונדער דיין קינד. אירע שיינע הענטלעך דאַרפן זיך לערנען שפּילן פּיאַנאָ, נישט באַקן ברויט אָדער טון אַנדערע שווערע אַרבעט. דאָס איז נישט פאַר אַזאַ קינד. ביי מיר אין הויז וועט זי אַלץ האָבן, וואָס דו וועסט נאָר וועלן. און, ווידער, דיין ווייב, וואָס איז געבוירן ביי אונדז אין דאָרף, וועט זיך נישט גוט פילן אין שטאָט.

יענקל מיט זיין ווייב האָבן צווישן זיך איבערגערעדט, אַז מיט אַזאַ פּרנסה קאָן זיך אַ ייד היינטיקע שווערע צייטן נישט אַזוי גרינג וואַרפן, און ווען דער פּריץ זאָגט אַזויפיל צו און בעט זיך, דאַרף מען ביז אַ צייט בלייבן אין דאָרף.

— איך בין דאָך אַ מאַמע, — האָט גיטל געזאָגט צו איר מאַן, — איך וועל זיין שטענדיק לעבן מיין קינד, און אַז דער פּריץ איז אַזוי גוט צו אונדז, האָבן מיר זיך פאַר קיין זאַך נישט צו שרעקן. אין הויף האָט מען ליב אונדזער קינד, און אַז מען וועט אונדזער קינד לערנען, וועט אוודאי זיין גוט. אַ קינד קאָן דאָך נישט אַזוי וואַקסן ווילד, עס מוז לערנען, און ווו וועט בעטיעלע ביי אונדז האָבן אַזוינע גוטע לערער, ווי ביים פּריץ אין הויף. מיר פאַרמאָגן איין קינד, דאַרפן מיר זען, עס זאָל אויסוואַקסן מיט אַלע מעלות, און איך אַליין האָב אויך נישט קיין חשק צו וווינען אין שטאָט. איך בין דאָ געבוירן געוואָרן...

און בײַ יענקלען מיט זײַן װײַב איז געבליבן, אַז מען זאָל דערװײַל װײַטער בלײַבן אין דאָרף ביז די גוטע צײַט װעט קומען...

צו אַכט יאָר איז בעטיע געבליבן אַ יתומה. איר מוטער איז יונג געשטאָרבן. יענקל בערשטער האָט זיך געפילט פֿאַר דעם אומ־גליקלעכסטן מענטשן אין דער װעלט, און זײַן אײנציקע טרײסט אין לעבן איז געװען זײַן שײן געראָטן קינד בעטיע, אָבער נישט האָבנ־דיק לעבן זיך די מוטער, האָט ער זײַן קינד מער נישט געװאָלט איבערלאָזן אין פּריצישן הויף, כאָטש מען האָט זיך דאָרט מיט איר באַגאַנגען, װי מיט אַלע קינדער. זי האָט בײַ דער גוװערנאַנטקע, און דערנאָך בײַ די לערער, זיך געלערנט גלײַך מיט די איבעריקע קינ־דער און מען האָט זי ליב געהאַט, װי אַן אײגענע.

בעטיען האָט מען אויך געלערנט שפּילן פּיאַנאָ. זי האָט גע־רעדט פֿראַנצויזיש און פּויליש גלײַך װי אַלע קינדער. דאָך איז בײַ יענקלען געבליבן, אַז ער װעט זײַן קינד אַװעקפֿירן אין דער נאָנ־טער שטאָט װו—קע.

אין װו—קע האָט ער געהאַט זײַנעם אַן אַלטן גוטן פֿרײַנט, שמחה לעװינזאָן. זײַן װײַב, ברײַנע, איז געװען יענקל בערשטערס אַ װײַטע קרובה. שמחה לעװינזאָן איז די לעצטע צײַט געװאָרן אַ גרויסער גביר און פֿלעגט דורך יענקל בערשטער יעדעס יאָר אָפּ־קויפֿן די תּבֿואות בײַם פּריץ פֿון סטאַניסלאַװוקע און זײ אַװעקשיקן קײן אויסלאַנד, און יענקל פֿלעגט קײנמאָל בײַ לעװינזאָנען קײן מעקלערײַ נישט נעמען, װי בײַ אַלע אַנדערע סוחרים, װאָס האָבן געהאַט געשעפֿטן מיט דעם סטאַניסלאַװוקער פּריץ.

שמחה לעװינזאָן האָט זיך נישט אײנמאָל געפּרוּװט יענקלען מיט עפּעס מהנה זײַן, אָבער יענקל, װי זײַן שטײגער איז, פֿלעגט זיך אָפּזאָגן און טענהן, אַז ער דאַרף עס נישט. דער פּריץ צאָלט אים חודש־געלט פֿאַר זײַן אַרבעט און ער טאָר אַזעלכע זאַכן נישט טון.

איצט איז יענקל בערשטער געקומען צו ר׳ שמחהן און געזאָגט:

— שמחה, איך בין הײַנט נישט געקומען װעגן געשעפֿטן, נאָר מיט אַ גרויסער בקשה צו דיר און צו דײַן װײַב.

לעװינזאָן האָט זיך געװוּנדערט, װײַל דאָס ערשטע מאָל איז יענקל געקומען צו אים עפּעס בעטן.

— װאָס איז שײַך? איך װיל הערן אין װאָס עס באַשטײט דײַן

בקשה... דו ווייסט זייער גוט, אַז וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין, וועל איך פון דיינטוועגן טון.

שמחה און יענקל האָבן זיך געקענט פון די יינגסטע יאָרן, פלעגן זיך זאָגן „דו", נישט קוקנדיק דערויף, וואָס לעווינזאָן איז געוואָרן אַ גרויסער גביר.

— איך וויל דיך אָבער בעטן, אַז דו זאָלסט אַריינרופן ברײנען אויך, ווייל זי דאַרף עס אויך וויסן.

ווען ברײנע איז געקומען, האָט יענקל אָנגעהייבן רעדן

— איר ווייסט דאָך, אַז מיין בעטינקע געפינט זיך אין פּריצישן הויף. איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן, אַז עס גייט איר דאָרט שלעכט. פּאַרקערט, מען גיט אַכטונג אויף איר, ווי אויף אַלע קינדער אין הויף, אָבער עס האָט געהאַט אַ זינען, ווען מיין גיטל, איר מאַמע, האָט זיך געפונען דערביי. אָבער איצט קאָן עס ווייטער אַזוי נישט זיין. איך קאָן מיין קינד נישט לאָזן אויסוואַקסן צווישן גוים. כּל זמן זי איז נאָך אַ קינד, איז נישט קיין אומגליק. נאָר זי האַלט אין וואַקסן, דערנאָך קאָן זי נאָך דעם אייגענעם טאַטן נישט וועלן דער־קענען. איך בין דאָך אַ שכּר־יום! ווען זע איך זי? איין מאָל אין טאָג, ווען איך קום שלאָפן אַהיים. און ווען איך בין אין וועג, בלייבט זי נעלטיקן מיט די קינדער.

— איך וויל, — האָט יענקל זיך געווענדט צו ברײנען מיט איר מאַן, — אַז מיין קינד זאָל פון איצט אָן וואַקסן אין שטאָט צווישן יידן: איך מיין ביי אייך אין הויז. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַלץ וועל איך באַצאָלן.

— זעסטו, — האָט זיך ברײנע אַ כאַפּ געטון, — מיר האָבן דיר נאָך קיין גוטס נישט געטון און דו ווילסט אונדז באַצאָלן מיט שלעכטס. וואָס הייסט, דו וועסט אונדז באַצאָלן פאַר בעטינקען דער־פאַר, וואָס זי וועט זיך געפינען אין מיין הויז?

—מיין ווייב איז גערעכט! וואָס הייסט עס, דו וועסט צאָלן? איך האַלט נישט קיין אכסניא, און אויב דו ווילסט זיך שוין יאָ רעכענען מיט מיר, קומט דיר אַ סך פון מיר, און דו האָסט קיינ־מאָל נישט געוואָלט נעמען פון מיר!

— איר זענט אפשר גערעכט, אָבער איך בין אויך גערעכט, — האָט יענקל געענטפערט. — ערשטנס, אין אַן אכסניא וווינט מען נאָר אַ געוויסע צייט, און איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין קינד זאָל ביי

אייך שטענדיק זיין, ביז זי וועט אויסוואַקסן און איך וועל דערלעבן זי צו דער חופה פירן, איז דאָך נישט שייך איך זאָל נישט צאָלן? איך ווייס אַפילו, אַז ביי אייך האָט מיין צאָלן קיין ווערט נישט, אָבער איך פרעג אייך, פאַר וועמען אַרבעט איך אין מיין לעבן טאָג מיט נאַכט, אַז נישט פאַר מיין קינד?

מען האָט לאַנג וועגן דעם זיך געאַמפּערט און נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך אויסצוגלייכן, נאָר יענקל איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און געזאָגט:

— אויב איר וועט נישט באַשטיין, איך זאָל אייך צאָלן פאַר מיין קינד, וועל איך געצוווּנגען זיין מיין בעטיעלען אָפּגעבן אין אַ פרעמד הויז ערגעץ אין שטאָט און איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, ווי אומגליקלעך איך וועל זיך פילן, אַז פרעמדע מענטשן האַלטן מיין קינד צוליב געלט. נאָר ווי רויק און גליקלעך וואָלט איך זיך געפילט, ווען מיין קינד זאָל וואַקסן ביי אייך אין הויז. איך וואָלט געוווּסט, אַז מיין עלנט קינד האָט אַ היים.

אָט די ווערטער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַ פאַטערס האַרץ וועגן זיין קינד, האָבן אַרויסגערופן טרערן ביי ברײנען און זי האָט געזאָגט יענקלען, אַז ער זאָל ברענגען בעטינקען, אַז זי וועט זיין ביי איר אַזוי טייער און ליב, ווי איר איין איינציק קינד פריידל. און וואָס עס געהער זיך אָן צום צאָלן, וועט מען זיך שוין אויסרעכענען.

יענקל איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין דאָרף, ברענגען זיין מיידעלע צו ברײנען. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער האָט אויף אַזאַ אופן באַזאָרגט זיין קינד, וואָס וועט פון איצט אָן האָבן אַהיים אין אַ יידיש הויז. ער האָט געוווּסט, אַז איצט האָט ער פאַר וועמען צו לעבן און אַרבעטן.

— ביי שמחה לעווינזאָן אין הויז וועט שוין מיין בעטינקע נישט זיין קיין עלנטע. זי וועט זיך פילן ווי ביי זיך אינדערהיים!— האָט יענקל בערשטער נישט אויפגעהערט צו רעדן, פאָרנדיק צוריק אין דאָרף.

יענקל בערשטער איז געווען זייער אויפגעלעבט און פול מיט מוט ווייטער צו אַרבעטן פאַר דעם גליק פון זיין קינד.

ווען יענקל בערשטער איז אַוועקגעפאָרן, האָט ברײנע דערציילט לאהן, אַז צו זיי קומט צו פאָרן אַ קינד כמעט אין דיזע.בע יאָרן,

ווי איר פריידעלע. זי וועט דאָ שטענדיק וווינען, און איר מיידעלע. פריידעלען, האָט ברײנע דערציילט, אַז עס קומט צופאָרן אירע אַ שוועסטערל.

— אַ שיין שוועסטערל, מאַמע?

— זייער אַ שיינע!

— זי שלאָגט זיך נישט?

— ניין, אַ גוטינקע, אַ וווילינקע...

— וועל איך זי ליב האָבן! — האָט פריידל געזאָגט מיט שמחה. פון דער צייט אָן האָט פריידל יעדן טאָג געפרעגט ביי דער מוטער:

— מאַמע, ווען קומט שוין צופאָרן מיין שוועסטערל?

קאפיטל זיבן.

אַרנאָלד ברעטמאַנס קאַריערע.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז צו שמחה לעווינזאָנס הויז צוגעפאָרן דעם אַלטן פּריצס אַ קאַרעטע, געשפּאַנט פיר פערד מיט גלעקלעך. אין דער קאַרעטע האָט זיך געפונען יענקל בערשטערס מיידעלע בעטיעלע מיט איינער פון די גוווערנאַנטקעס פון פּריצישן הויף.

די גוווערנאַנטקע האָט געבראַכט דאָס קינד מיט אַ.ע אירע זאַכן, אירע ביכלעך, אין וועלכע זי האָט געלערנט, און אַלע אירע לאַלקעס, מיט וועלכע זי האָט זיך געשפּילט.

ביי לעווינזאָנען אין הויז איז מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן. בעטיע האָט באַלד מיט איר קלינגענדיק קולעכל פאַרהילכט די שטוב. ברייינעס מיידעלע, פריידל, האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר שיין „שוועסטערל”, וואָס איז געקומען צופאָרן, און ברייינע מיט לאהן האָבן אָנגעקוואָלן פון בעטיעס שיינקייט און לעבעדיקייט.

— וואָס פאַר אַ שיין קינד! — האָט ברייינע געזאָגט.

— עס איז ליכטיק געוואָרן אין שטוב! — האָט לאה זיך אָנגערופן.

נאָר די גוווערנאַנטקע איז געווען זייער טרויעריק און פאַרזאָרגט, וואָס אַזאַ שיין קינד לאָזט זי איבער צווישן יידן, און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס דער אַלטער פּריץ האָט איר געהייסן אָפּפירן דאָס קינד צו דעם יידן לעווינזאָנען אין הויז. די קינדער אין הויף וועלן דאָך אַזוי בענקען נאָך איר!

— די קינדער, נעבעך, האָבן געוויינט, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן מיט איר, — האָט די גוווערנאַנטקע געזאָגט.

— אָ, ווען דאָס ווענדט זיך אָן מיר, — האָט די גוווערנאַנטקע געטראַכט — וואָלט איך זי נישט איבערגעגעבן אין יידישע הענט. מיר וואָלטן זי אַזוי שיין און גאָטפאָרכטיק דערצויגן אין אונדזערע געבענטשטע קלויסטערס.

די גוווערנאַנטקע האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיט בעטינקען, געקוקט אויף איר, ווי אויף אַן אומגליקלעכע, האָט זיך צעוויינט און אַוועקגעפאָרן צוריק אין דאָרף.

פריידעלע מיט בעטיען זענען געווען שטענדיק צוזאַמען און אין איין שולע געלערנט.

צו די לעווינזאָנס אין הויז פלעגט פון צייט צו צייט קומען בעטיעס פאָטער יענקל בערשטער זיך זען מיט זיין קינד, און אויך אָפּט צוליב די געשעפטן, וואָס ער האָט געהאַט מיט שמחה לעווינזאָנען. דאָ האָט ער זיך אויך אָפט באַגעגנט מיט דעם פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן, וועלכער האָט אויך געהאַט פאַרשידענע געשעפטן מיט לעווינזאָנען און מיט יענקל בערשטער. דורך בעטיעס פאָטער פלעגט ער קויפן ביים אַלטן פריץ האָלץ פון זיינע וועלדער און קוילן פון זיינע גרובנס, וועלכע ער האָט געברויכט פאַר זיין פאַבריק.

אַרנאָלד האָט זייער ליב געהאַט די קינדער, באַזונדערס בעטיען, און יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, פּ״עגט ער זיי ברענגען מתנות. אָבער די קינדער האָבן אים נישט ליב געהאַט און שטענדיק אַנטלאָפן פון אים.

אַרנאָלד פלעגט זיך דערויף קלאָגן. און דער היימישער עולם ביי לעווינזאָנען אין הויז פלעגט זיך וועגן דעם ווערטלען מיט אַרנאָלדן:

— קינדער פילן שטענדיק, ווער עס איז אַ גוטער און ווער עס איז אַ שלעכטער מענטש. קינדער האָבן נאָר ליב גוטע מענטשן.

אַרנאָלד פלעגט אַזעלכע ווערטלעך אַראָפּשלינגען, ווייל ער איז נישט געווען געוויינט, אַז מענטשן זאָלן אים ליב האָבן.

אַרנאָלד האָט גוט געוווּסט, אַז קיינער האָט אים נישט ליב, און ער איז זיכער געווען, אַז נישט ער איז אין דעם שולדיק, נאָר דאָס, וואָס קיינער פאַרגינט אים נישט זיין גרויס מזל אין זיינע געשעפטן, און דאָס, וואָס ער ווערט אַלעמאָל רייכער.

אַרנאָלד ברעטמאַן איז נאָך דאַן נישט אַזוי רייך געווען, נאָר עס איז געווען געגוג פאַר אים, אַז ער, מאָטיע-אהרן, איצט אַרנאָלד, איז אויסגעוואַקסן פון אַ „מענטשן" ביי לעווינזאָנס געשעפטן ביז צו אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער פאַבריק. אמת, די פאַבריק איז נאָך נישט אַזוי גרויס, אָבער ער האָט געפילט, אַז זיין פאַבריק, ווו עס אַרבעטן בלויז עטלעכע צענדליק אַרבעטער, האַלט אין איין וואַקסן, און ער איז געווען זיכער, אַז מיט דער צייט וועט ער האָבן אַ גרויסע פאַבריק, וואָס וועט באַשעפטיקן עטלעכע הונדערט אַרבעטער.

אַרנאָלד ברעטמאַן האָט אָנגעהייבן זיין קאַריערע ביי לעווינזאָנען מיט פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש. ער איז נאָך דאַן געווען אַ בחור און, באַקאָנענדיק זיך מיט לעווינזאָנס געשעפטן, האָט ער שוין געוואָלט קומען צו אַ קאַפּיטאַל און אַליין פירן אַן אייגן געשעפט. מיט פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש קומט מען אָבער נישט צו אַ קאַפּי־טאַל, און ער פלעגט זוכן זייטיקע פאַרדינסטן, ביי וואָס עס פאַסט און פאַסט נישט. ביי די סוחרים, וואָס פלעגן קויפן ביי זיין באַלעבאָס סחורות, פלעגט ער זיך נישט שעמען און מאָנען באַלוינונגען, פאַר־וואָס ער שיקט אַרויס די סחורות אין דער צייט און גוט געפאַקט. די סוחרים, ווי דער שטייגער איז, שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר אַזעלכע קלייניקייטן, נאָר וואָס ביי זיי איז געווען אַ קלייניקייט, איז ביי מאָטיע־אהרנען געווען אַ מטבע. אויף זיינע אייגענע הוצאות האָט ער ווייניק פאַרברויכט. ער פלעגט עסן ביי די לעווינזאָנס און ווו עס האָט זיך נאָר געמאַכט, אַבי קיין געלט זאָל נישט קאָסטן.

ווען מאָטיע-אהרן האָט שוין צוזאַמענגעקליבן אַ פּאָר טויזנט רובל, האָט ער זיך געלאָזט רעדן שידוכים.

אַ בחור מיט אַ שטעלע, אויף וועלכער ער האָט איצט גענומען גאַנצע פופציק רובל, און דערצו האָט ער אויך „איינצולייגן" קעגן נדן אַ פּאָר טויזנט רובל, האָבן אים די שדכנים פאַרשיט מיט כּלות, וואָס זענען געווען שיין, געבילדעט און געשפילט פּיאַנאָ. אָבער מאָטיע־אהרנען האָט מער פון אַלץ אינטערעסירט דער נדן, און פאַר דער כּ.ה., וואָס האָט געהאַט מער נדן, איז ער אַ חתן געוואָרן מיט מזל און טאַקע באַלד חתונה געהאַט.

אָבער אפילו מיט דעם נדן צוזאַמען מיט זיין אייגענע פּאָר טויזנט רובל האָט מאָטיע - אהרן אַליין נישט געקאָנט קויפן אַן אייגן מעטאַל-פאַבריקל, מיט וועלכן ער איז געווען גוט באַקאַנט, אַר־

בעטנדיק אין לעווינזאָנס פּאַבריק יאָרנלאַנג.
ווי קליין אַזאַ פּאַבריקל זאָל נישט זיין, האָט מען געמוזט האָבן כאָטש אַ פּופציק טויזנט רובל. האָט ער אָנגעהייבן זוכן אַ שותּף מיט געלט, און אַזעלכער האָט זיך באַלד געפונען: דער שותּף האָט אַריינגעלייגט צוויי דריטל קאַפּיטאַל און מאָטיע־אהרן נאָר אַ דריטל, ווייל ער קאָן דאָס געשעפט און וועט עס פירן.
די שותּפים האָבן אָנגעהייבן זוכן אַ פּאַבריקל וואָס ווייטער פון לעווינזאָנס פּאַבריק, ווייל מאָטיע־אהרן האָט מורא געהאַט, אַז לעווינזאָנס פּאַבריק וועט זיין אַ צו גרויסע קאָנקורענץ, און די שותּפים האָבן געזוכט וואָס ווייטער פון דער שטאָט וו—קע, ווו עס האָט זיך געפונען לעווינזאָנס פּאַבריק.
עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מאָטיע־אהרן מיט זיין שותּף האָבן אָפּגעקויפט אַן אַלט פּאַבריקל לעבן אַ קליין יידיש שטעטל זשיגינעץ, אַ זעכציק וויאָרסט פון יענער זייט דאָרף סטאַניסלאַווקע, ווו יענקל בערשטער האָט זיך געפונען, און הונדערט צען וויאָרסט פון דער גרעסערער שטאָט וו־קע, ווו די לעווינזאָנס האָבן געוווינט.
דאָס אַלטע פּאַבריקל האָבן די שותּפים אָנגעהייבן איבערצובויען און איבערצופּאַרבן. מאָטיע־אהרן האָט ביסלעכווייז אָנגעהייבן אַריינ־ציען זיין שותּף מיט מער געלט און די פּאַבריק האָט אָנגעהייבן צו אַרבעטן.
עס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג, און די שותּפים האָבן זיך אָנגעהייבן קריגן, נישט געלעבט בשלום צווישן זיך. דער שותּף, זעענדיק, אַז צו זייער קריגעריי נעמט נישט קיין סוף, האָט ער אָנגע־הייבן טענהן, מען זאָל גיין זיך פּאַרלאָזן אויף מענטשן, אָבער מאָ־טיע-אהרן איז אַזוי גיך נישט געגאַנגען.
אַזוי האָבן זיי זיך געקריגט אַ קיילעכדיק יאָר, ביז דעם שותּף איז נמאס געוואָרן די גאַנצע פּאַבריק. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן מיט אַ שלעכטן מענטשן, און האָט ביי זיך באַשלאָסן, זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער פּאַבריק.
דורך פּאַרשידענע מיטלען האָט דער שותּף געצוווּנגען מאָטיע־אהרנען, ער זאָל גיין מיט אים זיך פּאַרלאָזן אויף מענטשן, און ווען מאָטיע־אהרן האָט געזען, אַז זיין שותּף איז די פּאַבריק נמאס גע־וואָרן און ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון געשעפט מיט אַ ביסל געלט, איז ער מיט אים געגאַנגען צו מענטשן. מאָטיע־אהרן האָט

ביי די בוררים באַוויזן, אַז מען האָט שוין דערלייגט אַ האַלבן קאַ־פּיטאַל און דאָס איבעריקע ליגט אין די ווענט פון פאַבריק און ער קאָן די ווענט נישט בייסן. קיין געלט האָט ער נישט. דער שותף האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען זאָל אים אַרויסצאָלן זיין חלק, ווייל ער קאָן מיט אַזאַ מענטשן, ווי מאָטיע־אהרן נישט אויסקומען.

און געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס נאָך עטלעכע חדשים לאָדעניש ביי מענטשן, איז דער שותף אַרויס פון פאַבריק מיט אַ דריטל קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אַריינגעלייגט, און אויך דאָס צוגע־פּסקנטע געלט דאַרף מען אים אויסצאָלן אין דריי יאָר צייט.

דער שותף האָט זיך אונטערגעשריבן, אַז ער האָט צו ברעט־מאַנען קיין שום טענות ומענות נישט, און ברעטמאַן האָט זיך אונ־טערגעשריבן, אַז ביז דריי יאָר צייט דאַרף ער אים אין געוויסע טערמינען אויסצאָלן דאָס געלט.

נאָכדעם, ווען מאָטיע־אהרן האָט זיך באַפרייט פון זיין שותף, איז ער געקומען אין קאָנטאָר, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער פאַבריק, צעפרידן זיך אויסגעצויגן אויף זיין שטול ביי זיין שרייב־טיש, מיט פאַרגעניגן פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעקלונגען דעם בוכהאַלטער יאַקאָב פּערעלמאַן, וועלכער האָט זיך אויך גערעכנט פאַר דעם פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, ווייל זי איז נאָך נישט געווען אַזוי גרויס, מען זאָל קאָנען האַלטן אַ באַזונדער פאַרוואַלטער.

ווען פּערעלמאַן איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט פון זיינע באַלעבאַטים, האָט ער נאָך געפונען ברעטמאַנען, וועלכן ער האָט קוים דערקענט. ער איז נישט געזעסן, נאָר כמעט געלעגן אויף זיין שטול און לאַנג געצויגן דעם רויך פון אַ פּאַפּיראָס. ער האָט אפילו זיין קול נישט דערקענט. ער האָט עפּעס גערעדט גאָר אין אַן אַנדער טאָן.

ער האָט פּערעלמאַנען אפילו נישט געבעטן זיצן, ווי אַלעמאָל, נאָר ער האָט זיך גלייך געווענדט צו אים און געזאָגט:

— איצט, פּערעלמאַן, קאָן איך אייך זאָגן, אַז איך בין דער איינציקער באַלעבאָס אין פאַבריק. ענדלעך זיך באַפרייט פון מיין שותף, און איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן, צו האָבן מיט שותפים געשעפטן. ער האָט אַ תל געמאַכט פון מיין פאַבריק און איך וועל גענוג דאַרפן אַרבעטן, איך זאָל דאָ ביי אונדז איינפירן אַן אָרדענונג. איך וועל אייך בעטן, אַז איר זאָלט אַלעמען אין פאַבריק מודיע זיין,

אַז קיין אַנדערע באַלעבאַטים זענען דאָ מער נישטאָ, נאָר איך אַליין. אויך זאָלט איר באַשטעלן נייע בלאַנקען מיט נייע שטעמפּלען לויט דער נייער פירמע „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.“ און די שילד אויף דער פאַבריק זאָלט איר אויך הייסן איבערפאַרבן אויף מיין נאָמען: „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.“ אויך וועל איך אייך בעטן, איר זאָלט זען, אַז אַלע, ווי אין קאַנטאָר, אַזוי אויך אין פאַבריק, זאָל יעדער טון זיין אַרבעט, ווי עס דאַרף צו זיין, ס׳זאָל נישט זיין אַזוי הפקר ווי פריער... ביז איצט איז מיר דער קאָפּ שטענדיק געווען פאַרדרייט מיט מיין שותּף. איצט בין איך פריי און וועל זיך קאָנען מער אָפּגעבן מיט דער פאַבריק.

פערעלמאַן איז גוט געווען באַקאַנט מיט ברעטמאַנס מאַכינאַציעס, מיט זיינע שפּיצלעך, אַרויסצושטופּן דעם שותּף פון פאַבריק און ער זאָל בלייבן אַליין. נאָר ער האָט פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן. ער האָט נאָר קורץ געזאָגט:

— גוט, אַלץ וועט זיין אין דער בעסטער אָרדענונג, — און איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט.

ווען די אַרבעטער אין פאַבריק און די אָנגעשטעלטע אין קאַנטאָר האָבן זיך דערוווסט, אַז דער באַלעבאָס פון פאַבריק איז געבליבן ברעטמאַן, האָבן אַלע טרויעריק און שווייגנדיק געשאָקלט מיט די קעפּ.

די גאַנצע סימפּאַטיע פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע איז געווען אויף דעם שותּפס זייט, אָבער די פאַבריק מיט אַלע געביידעס און מאַשינען זענען געבליבן ברעטמאַנס.

אַ שטיק צייט האָט מען בעת דער אַרבעט אין פאַבריק נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם געשעעניש. אייניקע, וויסנדיק פון ברעטמאַנס מאַכינאַציעס וועגן זיין שותּף, זענען געווען אויפגערעגט, נאָר שפּעטער האָט מען פאַרגעסן, ווי גלייך עס איז קיינמאָל קיין שותּף אין פאַבריק נישט געווען. אַרנאָלד ברעטמאַן איז געוואָרן דער מעכטיקער באַלעבאָס פון דער פאַבריק.

זינט ברעטמאַן האָט זיך באַפרייט פון זיין שותּף, האָט ער ליב געהאַט אַרומצוגיין אין זיין פאַבריק צו זען ווי מענטשן אַרבעטן און טראַכטן, אַז דער גאַנצער פּלאַץ, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרקאַן און די אַלע געביידעס, זענען זיינס. ער האָט אויך ליב געהאַט אָפּטע צו כאַפּן אַ קוק אויף דער גרויסער געפאַרבטער שילד,

וואָס איז געהאַנגען איבער דעם טויער און איבערלייענען: „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ.“ אַז דער דאָזיקער אַרנאָלד ברעטמאַן איז נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר ער, ברעטמאַן, וואָס קומט און לייענט איצט די שילד.

ער איז נאָר נישט געווען צופרידן, וואָס די געביידעס זענען אַלטע, דער פּלאַץ אַ צו קליינער, די מאַשינעס אַלטע, דער קוימען פון דער פאַבריק איז צו נידריק, און וואָס ביי אים איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ, ווי נאָר פּאָר עטלעכע צענדליקער אַרבעטער, און דערי־בער איז אים שווער צו קאָנקורירן מיט אַנדערע פאַבריקאַנטן און באַזונדערס מיט זיין פריערדיקן באַלעבאָס שמחה לעווינזאָן, ביי וועלכן עס אַרבעטן אַ פּאָר הונדערט מאַן. דער פּלאַץ פון לעווינ־זאָנס פאַבריק איז גרעסער, די געביידעס און די מאַשינעס זענען נייערע און דער קוימען איז אַ הויכער...

אַרנאָלד ברעטמאַנען האָט זיך אויך דאָסזעלבע געוואָלט. באַ־זונדערס האָט ער געוואָלט, אַז דער קוימען פון זיין פאַבריק זאָל זיין אַזוי הויך, אַז מען זאָל אים אַרויסזען אַרום און אַרום צען וויאָרסט פון דערווייטנס, און וועגן דעם האָט אַרנאָלד ברעטמאַן טאָג און נאַכט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן...

אַרנאָלד ברעטמאַנס פאַבריקל איז געגאַנגען גוט, אַרבעט איז שטענדיק געווען און האָט יעדן חודש געבראַכט אַ שיינע הכנסה, אָבער ער איז נישט געווען צופרידן.

— עס איז אַ שטאַל, נישט קיין פאַבריק... אַ פאַבריק דאַרף אַנדערש אויסזען!

און דערהויפּט איז אים געווען שווער איבערצוטראָגן, וואָס די מאַשינעס און די געביידעס זענען אַלט, נאָר אויף איינצופאַלן. אָפּט פלעגט אים אויסקומען אָפּצוזאָגן באַשטעלונגען, ווייל פאַר מער אַר־בעטער איז קיין פּלאַץ נישט געווען. און דאָס פלעגט אים קרענקען. איבערבויען די פאַבריק האָט ער נישט געקאָנט, ער האָט אַזויפיל געלט נישט געהאַט.

אויסערדעם, האָט ער נאָך געהאַט צו צאָלן חובות און אויסגעשטעלטע וועקסלען.

אַזוי איז אַוועק אַ יאָר צייט און ברעטמאַן איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און נישט צופרידן, כאָטש אין נאָענטן שטעטל און אויך זיינע באַקאַנטע סוחרים האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן, אַז ברעטמאַן

האַלט אין וואַקסן. מען האָט אָנגעוויזן אויף אים, ווי אויף אַ קליין מענטשעלע, וואָס האָט זיך אין אַזאַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט אין אַ באַלעבאָס פון אַן אייגענער פאַבריק, אָן חובות און מיט אַ סך אַרבעט.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען שוין וועגן אַרנאָלד ברעטמאַנען גערעדט נישט נאָר אין נאָענטן שטעטל, נאָר אין דער גאַנצער געגנט, אפילו אין דער גרעסערער שטאָט וו—קע.

מענטשן, וואָס זענען געפאָרן אין דער געגנט, האָבן עטלעכע וויאָרסט פון דערווייטנס דערזען אַ הויכן קוימען, פון וועלכן עס איז געגאַנגען אַ דיקער רויך און זיך אָפּגעזעצט אויף די אַרומיקע פעלדער און וועלדער, און דער דיקער רויך האָט זיך ווייטער פון קוימען געשלענגלט אָן אַ סוף.

און ווען איינער פון די דורכפאָרער האָט געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַבריק? — האָט מען אים דערציילט, אַז דאָס איז אַ מע־טאַל־פאַבריק. מען אַרבעט דאָרטן אַלערליי מעטאַלענע און אייזערנע כלים און אַז די פאַבריק געהער צו דעם פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן.

— עס איז דאָך דאָ ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געשטאַנען אַן אַלט פאַבריקל? — האָט איינער געפרעגט.

—מאַלע וואָס עס איז געווען! — האָט אַ צווייטער געענטפערט. — ווי לאַנג איז דער גאַנצער ברעטמאַן געווען אַ קליין מענטשעלע, גע־דינט ביי שמחה לעווינזאָן פאַר פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש, און איצטער, זעט איר, איז ער שוין אַ גרויסער פאַבריקאַנט! עס איז דאָ אַ סך היינטיקע צייטן אַזוינע, וואָס פון קליינע מענטשעלעך זענען זיי געוואָרן גרויסע גבירים און זיי האָבן די דעה!

— אָבער ווו איז מיטאַמאָל אַהינגעקומען דאָס אַלטע פאַבריקל? — האָבן אייניקע געפרעגט.

— עס איז פאַרברענט געוואָרן!

דערביי האָט זיך איינער דערמאָנט, אַז ברעטמאַנען האָט מען חושד געווען, אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן. אַ קורצע צייט איז ער אפילו אַרעסטירט געווען און עס האָט אָפּגעקאָסט גענוג, ביז מען האָט אים באַפרייט, און דער סוף איז געווען, אַז די פייער־געזעלשאַפט האָט געמוזט איינגאַנצן באַצאָלן. דאַן האָט ברעטמאַן צוגעקויפט נאָך אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער אַלטער אָפּגעברענטער חורבה און

געשטעלט נייע אויוונס מיט נייע מאַשינען, וואָס מען האָט געבראַכט פון אויסלאַנד. איצט אַרבעטן שוין אין פאַבריק אַ פאָר הונדערט אַר־בעטער.

— אָט אַזוי ווערט מען רייך! — האָט איינער טרויעריק צוגע־ברומט און געזיפצט.

שפּעטער, מיט דער צייט, האָט מען שוין פאַרגעסן אין אַרנאָלד ברעטמאַנס פאַרגאַנגענהייט. מען האָט מער וועגן דעם נישט דערמאָנט. פאַרקערט, אַלע האָבן גערעדט וועגן אַרנאָלד ברעטמאַנען, ווי וועגן אַן אַלטן גביר, וואָס האָט זיך ליב אויסצושטעלן פאַר יעדן, אַז מען זאָל נאָר גוטס וועגן אים רעדן.

און דערצו האָט ברעטמאַן אַליין מיטגעהאָלפן.

פריער פלעגט ער נאָר טראַכטן וועגן דעם, ווי אַזוי צו קומען צו אַן אייגענער גרויסער פאַבריק. און פון דער צייט אָן, וואָס ער האָט עס דערגרייכט, האָט ער אָנגעהייבן טראַכטן, ווי צו באַקומען אַ שיינעם נאָמען פאַר דער וועלט.

פאַר זיינע קינדער האָט ער אין זיין הויז געהאַלטן גוווערנאַנט־קעס און לערער, און זיינע יינגלעך האָט ער געשיקט אין די גרויסע שטעט לערנען אין די גימנאַזיעס.

ער פלעגט אַרויספאָרן אין אַן אייגענער קאַרעטע, ווי אַלע אַנ־דערע גבירים, און ווען מען פלעגט קומען פון נאָנטן שטעטל נאָך אַ „שיינער נדבה״, אָדער ערב־פּסח נאָך מעות־חטים, פלעגט ער זיך אפילו דינגען, אָבער מיט ,יידיקע הענט האָט ער קיינמאָל נישט גע־לאָזט אַוועקגיין פון אים.

דאָך האָט ער געפילט, אַז דעם „שיינעם נאָמען״, וואָס ער האָט געגאַרט צו האָבן, איז אים שווערער, ווי צו באַקומען אַן אייגענע גרויסע פאַבריק. אים האָט זיך באַזונדערס זייער געוואָלט באַקומען אַזאַ נאָמען, ווי זיין פריערדיקער באַלעבאָס לעווינזאָן, און וואָס ער האָט נישט געטון, האָט ער געזען, אַז עס קומט נישט אויס, ווי ביי שמחה לעווינזאָן.

דערהויפּט פלעגט ער זיך פילן דערשלאָגן, ווען ער פלעגט אַמאָל קומען וועגן געשעפט אָדער גלאַט אַזוי צוליב אַלטער באַקאַנטשאַפט צו לעווינזאָנען אין הויז.

ער פלעגט צופאָרן צו לעווינזאָנס הויז מיט זיין קאַרעטע, אין אַ פּוילישן שפּאַן, מיט פיר ברענענדיקע פערד „נאַשפּיץ״. ער פלעגט

ברענגען מתנות פאַר לעווינזאָנס פרוי, ברײנגען מיט אירע קינדער. מען פלעגט אים אויפנעמען פרײנטלעך, ווי אַ הײמישן מענטשן. אָבער אַלע פלעגן אים זאָגן „דו" און אים רופן ביי זיין פריערדיקן נאָמען מאָטיע־אהרן, און בכלל איז געווען זייער באַציונג צו אים, ווי נישט צו אַלע אַנדערע גבירים, וואָס פלעגן אַרײנקומען אין דעם הויז.

כאָטש ער איז געווען פרײנטלעך און ער האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען ביי די לעווינזאָנס, דאָך האָט ער אין האַרצן געטראָגן פאַרדרוס און פלעגט זיך טראַכטן:

— ביז וואַנען וועלן זיי געדענקען, אַז איך בין ביי זיי אַמאָל געווען אַ „מענטש" פאַר פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש? דאַכט זיך, אַז איך בין שוין באַלד רײכער ווי לעווינזאָן און מײנע געשעפטן גייען געוויס איצט בעסער, ווי ביי אים! ביי מיר אַרבעטן שוין איצט כמעט פיר הונדערט אַרבעטער און ביי אים קוים דריי הונדערט! און דאָך, ווי מען קומט צווישן פאַבריקאַנטן און סוחרים און אומעטום, רעדט מען מיט אַזאַ אָפּשיי, מיט אַזאַ דרך־ארץ וועגן שמחה לעווינזאָנען, און וועגן מיר ווי' קײנער אַ גוט וואָרט נישט זאָגן!..

* *

*

ווען מען האָט יענקל בערשטערס מײדעלע, בעטיע, געבראַכט פון דאָרף אין לעווינזאָנס הויז און אַרנאָלד ברעטמאַן מיט זיין פאַרוואַלטער יאַקוב פערעלמאַן האָבן זיך דאָ אויך געפונען צוליב געשעפט, האָט מען זיי אַלע פאַרבעטן צו מיטאָג.

ברעטמאַן, מיט אַ גרויסן ברילײאַנטענעם רינג אויפן פינגער און מיט אַזאַ שפּילקע, אַרײנגעשטעקט אין האַלדזטוך, איז פריילעך געזעסן ביים טיש און לעבעדיק, פול מיט גרויסקייט דערציילט וועגן זיין פאַבריק און געשעפטן. ער האָט קײנעם נישט געלאָזט רעדן און מיט אַ פול מויל עסן, וואָס ער האָט געקייט געשמאַק, האָט ער נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן וועגן זיך און זיינע געשעפטן. נאָר פּלוצים האָט ער איבערגעריסן זיין פריערדיקן שמועס און זיך געווענדט צו יענקלען, וואָס האָט זיך אויך געפונען ביים טיש:

— וואָס מאַכט עפּעס אייער אַלטער פריץ?

יענקל, זײענדיק בטבע אַ שווייגער, אַ שטילער, האָט געענטפערט:

— וואָס זאָל ער מאַכן? הלוואי אויף אַ.ע יידן געזאָגט געוואָרן.

— און איר פירט נאָך אַלץ זיינע געשעפטן?

— וואָס קאָן מען טון? מען מוז דאָך אַרבעטן!

— און איר זענט נאָך אַלץ דערזעלבער. אַן אַנדערער אויף אייער אָרט וואָ.ט רייך געוואָרן פון אַזאַ פּריץ, און איר גאָרנישט! דאָס, וואָס איר פאַרדינט ביים פּריץ, וואָלט איך אייך געגעבן. איך דאַרף האָבן אין מיין פאַבריק אַזאַ אָרנטלעכן מענטשן, ווי איר. הייגטיקע צייטן איז שווער צו געפינען אָרנטלעכע מענטשן — נאָר מען גנבעט... איר מיינט, איך בין זיכער, אַז מען באַגנבעט מיך נישט אין מיין פאַבריק? אַזאַ מענטשן, ווי איר, וואָלט איך נייטיק באַדאַרפט האָבן, און אויב איר זאָלט וועלן מיט אַ פּאָר רובל מער, ווי ביים פּריץ, וואָלט איך אייך אויך געגעבן.

— אָבער איך בין צופרידן מיט מיין פּריץ, — האָט יענקל שטיל געענטפערט, — און איך זוך נישט קיין אַנדערע געשעפטן.

— אַז איר האָט שוין יאָ אַזאַ פּריץ, וואָס גלויבט אין אייך אַזוי שטאַרק, פאַרוואָס-זשע זאָלט איר נישט האָבן קיין שכל? אייביק וועט דאָך דער פּריץ נישט עבן? זאָל נאָר דער פּריץ צומאַכן מיט אַן אויג, אויף וואָס זיין עלטערער זון פאַן וולאַדיסלאַוו קוקט אַרויס, וועט איר אַ מינוט נישט מער בלייבן אין דאָרף. ווען איך אָדער אַן אַנדער ייד, האָט אַזאַ פּריץ, וואָלט מען אין גאָלד געגאַנגען, רייך געוואָרן!

—איך בין אַזוי אויך רייך... קיין פּרנסה פעלט מיר נישט און מיין רייכקייט איז מיין קינד, — האָט יענקל געענטפערט, גלעטנדיק מיט דער האַנט איבער דעם בלאָנדן קעפל פון זיין מיידעלע, וועלכעס איז געזעסן לעבן אים צוזאַמען מיט לעווינזאָנס מיידעלע.

— איר, ר׳ יענקל, האָט באמת אַ זעלטן שיין קינד! טאַקע צוליב איר וואָ.ט איר באַדאַרפט זיין רייך. זי איז דאָך ביי אייך אויסגעוואַקסן אַזוי פּריציש! אירע שיינע הענטלעך וועלן נישט קאָנען אַרבעטן. זי וועט דאַרפן האָבן אַ סך געלט, כדי זי זאָל קאָנען אַזוי לעבן, ווי זי איז פון קינדווייז אָן צוגעוויינט.

— איך אַרבעט דערויף, און וויפל איך פאַרדין, וועט זיין גענוג פאַר איר. איך יאָג זיך נישט נאָך קיין רייכקייט.

— וואָס איז שייך? שטע.ט אייך פאָר, וויפל איר וואָלט געהאַט פון מיר יערלעך, ווען איר זאָלט מיר אַרויסשיקן אין דער צייט האָלץ און קוילן, וואָס איך קויף יעדעס יאָר ביים פּריץ און, אגב, מיט אַ גוטער וואָג... און אויך די אַנדערע סוחרים, וואָס קויפן ביים פּריץ,

וואָלטן אייך גוט באַלוינט פאַר אַזעלכע קליינינקייטן.

— איך נייטיק זיך נישט אין אַזעלכע זייטיקע פאַרדינסטן. מיין פּריץ צאָלט מיר פאַר מיין אַרבעט...

שמחה לעווינזאָן האָט געדולדיק געהערט ברעטמאַנס שמועס מיט יענקלען. ער האָט ענדלעך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגערופן צו ברעטמאַנען:

— צו וואָס אַזעלכע רייד, מאָטיע־אהרן? דו האָסט זיך גאָרנישט אויסגעלערנט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דו האָסט שוין אַן אייגענע גרויסע פאַבריק. שוין־זשע קאָנסטו נישט פאַרשטיין, אַז עס געפינען זיך מענטשן, וואָס יאָגן זיך נישט נאָך קיין רייכקייט, און ווען זיי האָבן נאָר פרנסה, פילן זיי זיך גליקלעך, אַבי זייער געוויסן זאָל זיין ריין. אמת, עס איז נישטאָ קיין סך אַזעלכע מענטשן, אָבער זיי זענען פאָרט דאָ, און אַזעלכער איז אונדזער יענקל! גלויב מיר, אַז אָפּט איז מקנא צו זיין אַזאַ יידן, ווי יענקל! נישט דו, מאָטיע־אהרן, מיט דיין רייכקייט און אַנדערע גבירים פאַרמאָגן נישט אַזויפיל געלט, זיי זאָלן קויפן אַזאַ יענקל, ער זאָל דאַרפן כאָטש אַ ביסל קריוודען מיט דער נשמה. גלויב מיר, אַז וואָס עס געהער זיך אָן צו מיר, בין איך יענקלען מער מקנא, ווי דעם גרעסטן גביר. צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן? אונדז, סוחרים און פאַבריקאַנטן, קומט אָפּט אויס צו זינדיקן קעגן אונדזער אייגן געוויסן. ווייסטו עס דען נישט?

— איך נישט! — האָט ברעטמאַן געענטפערט מיט שטאָלץ. — ביי מיר איז אַ וואָרט אַ וואָרט. האָב איך פאַרקויפט עמיצן סחורה פאַר אַ ביליקן פרייז און דערנאָך איז טייערער געוואָרן, איז פאַר־פאַלן! מיינע אַרבעטער און מיינע מענטשן צאָל איך פּינקטלעך אין דער צייט. ווי זאָגסטו, פּערעלמאַן? — האָט ער זיך געווענדט צו זיין פאַרוואַלטער.

דער פאַרוואַלטער, קייענדיק עפּעס ביים טיש, האָט אַן ווערטער געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און זיך צעהוסט. ער האָט זיך שיער נישט דערוואָרגן מיטן ביסן.

לעווינזאָן האָט אָנגעהייבן צו שאָקלען מיט דעם קאָפּ רעכטס און לינקס:

— אוי, מאָטיע־אהרן! מאָטיע־אהרן! פון דיר וועט שוין קיין לייט נישט זיין. איך קען דיך דאָך. איך קאָן דיר אויך זאָגן דעם אמת, אַז עס איז נישט אַזוי ווי דו זאָגסט — און דערביי האָט לע־

ווינזאָן אָנגערופן אַ פּאָר נעמען פון סוחרים, וועלכע האָבן געקויפט אין ברעטמאַנס פאַבריק סחורה, און ווען דערנאָך איז טייערער געוואָרן, האָט ער די סחורה נישט געוואָלט אַרויסגעבן.

ברעטמאַן איז פון זיין אָרט אויפגעשפּרונגען אַ כּעסדיקער, זיין אָנגעגאָסן פּנים איז רויט געוואָרן ווי אַ צוויק. די ביסנס אין מויל האָבן געוואָלט אַרויסשפּרינגען, און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אָפּווישן מיטן ווייסן טישטוכל.

— איר מיינט אוודאי וואַלדמאַנען און ציפּריסן! מיט אַזעלכע וויל איך גאָר קיינמאָל נישט האַנדלען. אַ גראָשן וועל איך זיי נישט געטרויען ביז זיי באַצאָלן נישט דאָס גאַנצע געלט פאַר דער סחורה! ווי זאָגסטו, פּערעלמאַן, איז דען נישט אַזוי? דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, ביזט דאָך שטענדיק אין פאַבריק?

— נו, גענוג, גענוג! — האָט לעווינזאָן אים באַרויקט. — לאָמיר אויפהערן וועגן דעם צו רעדן ביים טיש. איר זענט אַלע מיינע געסט. עסט בעסער רויק און גייט נישט אַוועק הונגעריק.

נאָר ברעטמאַן האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַרויקט און נישט אויפגעהערט צו זידלען די צוויי סוחרים, וואַלדמאַנען און ציפּריסן.

אים האָט עס זייער געקרענקט. ער טוט אַ״ך, כּדי ער זאָל באַקומען אַ „שיינעם נאָמען״ אין דער סוחרישער וועלט. אים קאָסט עס דער דאָזיקער „שיינער נאָמען״ אַ סך געלט, און צום סוף רעדט מען וועגן אים, ווי פון אַ שווינדלער, און ווער? שמחה לעווינזאָן אַליין!...

נאָכן מיטאָג, ווען דער עולם האָט זיך אויפגעהייבן פון טיש, האָט בריינע אַוועקגערופן ברעטמאַנען אין אַ זייט און אויג אויף אויג אים געזאָגט:

— איך ווייס נישט, מאָטיע־אהרן, וואָס מיט דיר איז געוואָרן... עס איז שוין צייט, דו זאָ״סט ווערן אַ מענטש. דו ביזט שוין אַליין אַ פאַבריקאַנט, מען רעכנט דיך שוין פאַר אַ גביר מיט ייטן גלייך און דו פירסט זיך אויך ווי אַמאָ״. איך פרעג דיך, וואָס האָסטו ביים טיש זיך אַזוי צערעדט מיט יענקלען וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס עס געהערט זיך כּלל נישט אָן מיט דיר. יענקל, דאַרפסטו וויסן, איז אַ ייד, וואָס אַלע שעצן אים און אַ סך גבירים וועלן נאָך לאַנג וואַרטן ביז צו דערגרייכן דעם כּבוד און אַכטונג, וואָס ער. וואָס מיינסטו, יענקל איז עפּעס דיינס אַ יינגעלע, וואָס דאַרף אויסהערן דיינע חכמות, זאָ״סט מיר מוחל זיין, ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן אויף דער וועלט

און ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפירן? איך קען זייער גוט יענקלען און איך ג׳ויב נישט, אַז דו זאָלסט זיך פילן גליקלעכער פון אים, כאָטש דו רעכנסט זיך פאַר אַ גביר און ער נישט. יעדער לעבט זיך אַזוי ווי ער פאַרשטייט און איינער דעם צווייטן קאָן נישט קיין קאָפּ אַרויפזעצן.

אַרנאָלד ברעטמאַן, הערנדיק ווי ברײנע רעדט מיט אים, ווי מיט עפּעס אַ ייִנגל, פּונקט ווי ער דינט איצטער אויך ביי איר מאַן פאַר פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש, האָט אין זיך געקאָכט פון כּעס. אָבער ער האָט געמוזט אָפּשווייגן זיין געוועזענער באַלעבאָסטע. סוף כּל סוף האָט ער זיך פאָרט נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך אָפּגע־ריסן:

— ברײנע, איך בין שוין נישט דער אַמאָליקער מאָטיע־אהרן, וואָס איר רעדט מיט מיר אַזוי...

ברײנע האָט זיך צעלאַכט:

—ביי מיר ביזטו דערזעלבער, אויף אַ האָר נישט אויסגעוואַקסן, כאָטש דו גרויסט זיך אומעטום, ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף נישט, אַז דו האָסט אַן אייגענע גרויסע פאַבריק און ביזט אַ גביר!... פאַר אַנדערע פּאַסט אפשר צו שפּילן אַזאַ קאָמעדיע, אָבער נישט פאַר מיר אָדער פאַר מיין מאַן און פאַר אַנדערע, וואָס קאָנען דיך גוט. ביזטו באמת אַ גביר, זיי עס דיר געזונטערהייט, אָבער אומעטום זיך וועלן אַרויסשטעלן מיט גבירעשאַפט איז נישט קיין שיינע מידה אפילו פאַר אויפגעקומענע...

— וואָס? ווילט איר איצטער מיט מיר אָנהייבן צו לערנען? עס איז שוין צו שפּעט! — האָט ברעטמאַן איינגעהאַלטן זיך אָנגערופן.

ברײנע, זעענדיק ווי אירע רייד פאַרדריסן אים, האָט זיך אָנ־גערופן:

— איך זע, מאָטיע־אהרן, אַז מיינע רייד געפעלן דיר נישט. זאָג איך דיר, אַז מער וועל איך צו דיר אַזעלכע זאַכן נישט רעדן...

ברעטמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטון און אָנגעהייבן דרייען מיט דער צונג

— ניין, ניין! דווקא פאַרקערט. איר מעגט מיט מיר רעדן, ווי אַזוי איר ווילט און וואָס איר ווילט. מיר האָט נאָר אַ ביסל פאַרדראָסן, וואָס איר לערנט מיך, ווי אַזוי צו רעדן מיט יענקל בערשטער!

און ברעטמאַן האָט זיך געמאַכט, ווי ער לאַכט.

— נו, געגוג, — האָט בריינע זיך אָנגערופן, — מער רעדן מיר נישט וועגן דעם. מיר וועלן אונדזער שמועס אָפּלייגן אויף אַן אַנ־דערש מאָל.

ברעטמאַן האָט, ווי שטענדיק, פריינטלעך זיך געזעגנט מיט דער פאַמיליע לעווינזאָן און צוזאַמען מיט זיין פאַרוואַלטער פּערעלמאַן אַוועקגעפאָרן צו זיך אין פאַבריק.

זיצנדיק אין זיין קאַרעטע צוזאַמען מיט פּערעלמאַנען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— האָסטו געהערט, מיט וואָס פאַר אַ טאָן לעווינזאָן האָט מיט מיר גערעדט ביים טיש? דאָס איז אַלץ פון קנאה! קיינער פאַרגינט מיר נישט, וואָס מיין פאַבריק איז אין אַזאַ קורצער צייט אַזוי אויס־געוואַקסן! און איך האָב דעריבער נישט קיין פריינט. אַלע זענען מיר שונאים, אפילו אַזאַ מענטש, ווי שמחה לעווינזאָן פאַרגינט מיר אויך נישט...

— ווער־ווער, נאָר נישט שמחה לעווינזאָן! ער איז אַן אַלטער איינגעפונדעוועטער גביר. זיין פאַבריק גייט שוין פון יאָרן לאַנג, ווי אַן אַלטע איינגעאָרדנטע מאַשין און ברענגט יערלעך אַ זיכערע פּרנסה. דערצו איז ער זייער אַ לייטישער מענטש און אַלע שעצן אים טאַקע דערפאַר, וואָס ער פאַרגינט יעדן. ניין, לעווינזאָן איז אייך נישט קיין שונא.

— עס רעדט זיך נאָר אַזוי... אָבער ווי איך ווייס גייט שוין איצט נישט אַזוי גוט זיין פאַבריק, ווי אַמאָל, אין מיינע צייטן, ווען איך האָב ביי אים געאַרבעט. איך האָב אים שוין געוויס איבערגעיאָגט, און איך מיין, אַז ליב האָט ער מיך דערפאַר אוודאי נישט...

— איך ווייס? אַז איר זאָגט אַזוי? אפשר יאָ... ווער קאָן וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין האַרצן! — האָט פּערעלמאַן איינגע־שטימט מיט זיין באַלעבאָס.

ברעטמאַן איז געזעסן צולייגט אויף די ווייכע קישנס אין זיין קאַרעטע און געטראַכט:

„ביז וואַנען וועט מען ביי די לעווינזאָנס רעדן מיט מיר, ווי מיט זייערס אַ יינגל? ביז וואַנען וועלן זיי מיך רופן „מאָטיע־אהרן!" ניין! עס וועט קומען אַ צייט, ווו זיי וועלן רעדן מיט אַן אַנדער לשון! רייך דאַרף מען זיין, רייכער פון זיי! פאַר אַ גביר וועלן אפילו די לעווינזאָנס מוזן דרך ארץ האָבן!

ביי ברעטמאַנען איז געוועזן קלאָר, אַז נאָך אין אַ פּאָר יאָר אַרום, וועט ער דערגרייכן ביז אַ גאַנצן מיליאָן־פאַרמעגן. ער וועט נאָך צוקויפן אַ גרויסן שכנישן פּלאַץ, וואָס גרענעצט זיך מיט זיין פאַבריק, ער וועט אויסבויען נייע געביידעס, שטעלן נאָך מאַשינען פון די בעסטע. עס וועלן דאַן ביי אים אַרבעטן ביז טויזנט אַר־בעטער...

— און ווען ביי מיר וועלן אַרבעטן ביי דערזעלבער פּאַרוואַל־טונג טויזנט אַרבעטער, וויפל וועט דאָס מיר איינברענגען!

און אין קאָפּ האָט ער, מער אָדער ווייניקער, געחשבונט, אַז דאָס לעצטע יאָר האָט אים זיין פאַבריק ביי פיר הונדערט אַרבעטער איינ־געברענגט ריינע הכנסה בערך הונדערט טויזנט רובל. היינט וויפל וועלן אים איינברענגען גאַנצע טויזנט אַרבעטער?

ברעטמאַן איז געוועזן זיכער, אַז לעווינזאָנס פאַבריק גייט נישט אַזוי פייגלדיק, און וואָס אַ יאָר ווייטער, ווערט די צאָל אַרבעטער ווייניקער און די הכנסה קלענער. לעווינזאָן אַליין איז שוין אַלט, ער האָט שוין נישט זיינע אַמאָליקע כּוחות.

און ער האָט פּלוצים אַ פרעג געטון זיין פאַרוואַלטער:

— דו ביזט דאָך אַ ביסל באַקאַנט מיט לעווינזאָנס פאַבריק. האָסט זיך אין שטאָט געזען מיט סוחרים. ווי מיינסטו, ווי גייען איצט לעווינזאָנס געשעפטן?

— איך האָב געהערט, אַז זיין פאַבריק גייט נישט אַזוי גוט, ווי אַמאָל, נאָר דאָך איז זי נאָך נישט אַזוי שלעכט. זי גיט נאָך שיינע יערלעכע הכנסה... עס פעלט אים נישט קיין הכנסה, הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

— אַ חוץ מיר, — האָט ברעטמאַן מיט אַ געלעכטערל באַמערקט.— ווער רעדט וועגן פּרנסה? איך מיין, צי קאָן מען פון זיין פאַבריק אַוועקלייגן יערלעך פרישן קאַפּיטאַל?

— איך מיין, אַז גרויסע קאַפּיטאַלן לייגט לעווינזאָן נישט אַוועק.

— אָט! אָט! דאָס מיין איך טאַקע! — האָט ער אַ צעפרידענער געזאָגט און ווייטער געטראַכט:

— ווען גאָט וועט געבן, איך וועל איבערציילן מיין מיליאָנטשיק און לעווינזאָן וועט קיין קאָפּיקע מער נישט קאָנען קלייבן, און ווער ווייסט, אפשר וועט ער נאָך אָנהייבן מאַכן הלוואות, וועלן מיר רעדן אַנדערע ווערטער...

די דאָזיקע „אַנדערע ווערטער" זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַרנאָלד ברעטמאַן האָט שוין לאַנג פּאַרטראַכט צו טון אַ שידוך מיט די לעווינזאָנס! זיין עלטערער יינגל איז אַ געראָטן קינד, ביי לעווינזאָנען געפינט זיך אַ געראָטן מיידל, די קינדער דאַרפן נאָך אַ ביסל אונטערוואַקסן און ווײַבאַלד ער קויפט זיך איין אין דעם גרעסטן יידישן יחוס, ווי די לעווינזאָנס, מעג ער שוין פאַרמאָגן אפילו מיליאָנען, וועט אים שוין אויך פּאַסטן, און די גאַנצע וועלט וועט מוזן דרך־ארץ האָבן פאַר אים.

אַרנאָלד ברעטמאַן האָט שוין לאַנג פאַרטראַכט זיך משדך צו זיין מיט די לעווינזאָנס, כאָטש זיין עלטערער יינגל איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פערצן־פופצן און לעווינזאָנס מיידעלע, די קליינע ליבע זיסע פריידעלע איז אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר צען. נאָר ביי ברעטמאַנען אין קאָפּ איז דער שידוך שוין געווען אַ זיכערער.

בכלל האָט ברעטמאַן ליב געהאַט צו מאַכן פּלענער אויף דער צוקונפט. ער האָט געגלויבט אין זיך און אין זיין מזל, אַז דאָס, וואָס ער פאַרטראַכט, מוז געשען, און ער האָט טאַקע אין אַלץ געהאַט מזל. וואָס ער האָט נאָר פאַרטראַכט און געפּלאַנעוועט וועגן זיינע געשעפטן, איז געשען, און יעדער ערפאָלג האָט אים צוגעגעבן מוט און זיכערקייט אויף ווייטער.

ער האָט געפילט, אַז ער האַלט אין וואַקסן און איז זיכער געווען, אַז ער וועט מיט דער צייט ווערן אַ מיליאָנער, און ווײַבאַלד ער ווערט רייך, וועט ער אַלץ אויספירן, וואָס ער פאַרטראַכט און וואָס זיין האַרץ געלוסט נאָר.

און וואָס רייכער ער איז געוואָרן, אַלץ מער אַפּעטיט האָט ער באַקומען. און קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַנוגנט צו זאָגן, אַז ער איז צופרידן. אַלץ איז פאַר אים געווען ווייניק און אַלץ האָט ער געוואָלט וואָס מער איינכאַפּן.

אַמאָל האָט ער געטראַכט וועגן אַזאַ קליינעם קאַפּיטאַל, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס צו פירן אַן אייגענע פאַבריק, און ווען ער האָט עס שוין דערגרייכט, האָט ער געוואָלט קומען צו אַ קיילעכדיקן מי־ליאָן, און ווען ער איז דערצו געקומען, האָט ער נאָך מיט מער ברען געוואָלט רייכער ווערן. אַמאָל האָט ער געטראַכט נאָר וועגן געלט, און שפּעטער האָט ער אָנגעהייבן זיך יאָגן נאָך כבוד, און כאָטש

דער כבוד איז פון אים אַנטלאָפן, האָט ער אים נאָכגעיאָגט, פונקט ווי ער האָט זיך געיאָגט נאָך נייע גרויסע געשעפטן, וואָס זאָלן אים אַריינברענגען גרויסע הכנסות.

עפּעס האָט ער געוואָלט זיין דער רייכסטער, דער שטאַרקסטער און דער גאַנצער דעה־זאָגער אין זיין געגנט, און ער האָט געגלויבט אין זיך, אַז וואָס ער פאַרטראַכט, מוז געשען.

איינמאָל, ביי זיך אין שטוב, ביי אַן אָוונט־ברויט צווישן סוחרים און פאַרבעטענע געסט, האָט זיך איינער פון זיינע נאָענטע באַקאַנטע אָנגערופן צו אים, ווערטלענדיק זיך:

— הער ברעטמאַן, איך האָב איצט געטראַכט וועגן אייך און אייערע געשעפטן. וואָס וועט איר מיר געבן, ווען איך וועל אייך אָנזאָגן אַ גוטע בשורה, פון וועלכער איר וועט שטאַרק הנאה האָבן?

דער גאַנצער עולם האָט זיך אומגעקוקט, און ברעטמאַן האָט זיך מיט אַ שמייכל אָנגערופן:

— פריער דאַרפט איר זאָגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ גוטע בשורה און דערנאָך וועלן מיר רעדן, וואָס איך זאָל אייך געבן דערפאַר.

— נו, גוט, איך וועל אייך פריער זאָגן און מיט דעם איבע־ריקן פאַרלאָז איך זיך אויף אייער יושר...

— נו, זאָגט שוין!

און דער באַקאַנטער האָט געזאָגט:

— איך זיך אַזוי און טראַכט וועגן אייער פאַבריק מיט אייערע געשעפטן, האָב איך אויסגערעכנט, אַז אויב עס וועט ביי אייך גיין אַזוי ווי ביז איצטער, וועט איר אין אַ יאָר פינף אַרום פאַרמאָגן פינף מיליאָן! איצט זייט אַזוי גוט און זאָגט מיר, וואָס וועט איר מיר דאַן געבן, ווען מיינע נביאות וועט מקוים ווערן?

אַלע אַרום טיש האָבן מיט אַ געלעכטער געוואַרט, וואָס ברעט־מאַן וועט זאָגן זיין גוטן נביא. אַלע האָבן געוואַרט, אַז ברעטמאַן וועט ביי אַזאַ פאַל, ווי דער שטייגער איז, פריילעך ענטפערן: „ווען איך וועל אין פינף יאָר אַרום פאַרמאָגן פינף מיליאָן, ווי איר זאָגט נביאות, וועל איך אייך שענקען הונדערט טויזנט!..“

אָבער ווי פאַרוווּנדערט זענען אַלע געוואָרן, ווען ברעטמאַן האָט קאַלטבלוטיק און געלאַסן געענטפערט זיין גוטן נביא:

— איר האָט מיר קיין נייס נישט געזאָגט... איך ווייס אַליין, אַז אין פינף־זעקס יאָר אַרום וועל איך האָבן פינף מיליאָן. מיינע

געשעפטן קען איך אויך באַרעכענען, וואָס מיט זיי וועט זיין אין אַ דער קורצער צייט...

— אָבער, — האָט דער גוטער נביא זיך אָנגערופן, — וואָס וועט איר מיר עפּעס געבן דערפאַר, וואָס איך בין דער ערשטער, וועלכער האָט געמאַכט פאַר אייך אַזאַ גוטן חשבון?

ברעטמאַן האָט זיך פאַרקלערט, עפּעס זיך מיישב געווען, ווי יעדעס מאָל, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו זיין קאַסע און באַדאַרפט עמעצן געבן געלט, און דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, איך וועל אייך עפּעס זאָגן. אויב איך וועל אין פינף יאָר אַרום איבערציילן מיין קאַפּיטאַל פון פינף מיליאָן, ווי איר זאָגט מיר צו, קאָן איך אייך צוזאָגן איינס פון די צוויי: וועט איר זיין אַ היגער, וועל איך פון אייך גאָרנישט לייקענען און וועל אייך אַליין אויסזאָגן דעם אמת, נאָר טאָמער וועט איר אין פינף יאָר אַרום ער-גער אַוועקפאָרן, עס מעג זיין אפילו קיין אַמעריקע, וועל איך נישט שפּאָרן קיין פּאָסט-מאַרקע, און וועל אייך גלייך שרייבן אַ בריוול...

אַלע האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און באַוואונדערט ברעטמאַנען, וואָס ער איז אַזוי אויסגערעכנט און איז זיכער אין זיין צוקונפט.

ברעטמאַן האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז דאָס רעדל קאָן זיך אַמאָל איבערדרייען. ער האָט פעסט געגלויבט, אַז אַ מענטש מיט שכל, וואָס פאַרשלאָפט נישט און באַנוצט זיך מיט יעדן גוטן מאָמענט, מוז שטענדיק האָבן ערפאָלג אין אַלץ, וואָס מען פאַרטראַכט און טוט.

אַרנאָלד ברעטמאַן איז איצט אויך אַזוי זיכער געווען, אַז ווען די קינדער וועלן, אם-ירצה השם, אויסוואַקסן, וועט ער זיך משדך זיין מיט די לעווינזאָנס, אַז אָפט פלעגט ער זיך פאַרטראַכטן און זיך זען זיצן ביים טיש אויבן אָן מיט שמחה לעווינזאָנען, ווי גלייכע מחותנים. לעווינזאָן רעדט מיט אים מיט גרויס דרך-ארץ, ווי מיט זיין גלייכן, און לעווינזאָנס קינד, זיין שנור, רופט אים, אַרנאָלד ברעטמאַנען, „פאָטער"...

ברעטמאַנען איז פּלוצים אויפגעקומען אויפן געדאַנק, אַז ער וואָלט אוודאי געוואָלט, אַז זיין שנור, לעווינזאָנס טאָכטער, זאָל אויך אַזוי זיין שיין און געראָטן, ווי יענקלס טעכטערל.

— נאָר דאָס איז אַ גאָט-זאַך, — האָט ברעטמאַן געטראַכט. —

דארף אַזאַ שיין קינד זיך גאָר געפינען אָט ביי דעם טיפּש, ביי יענקל מלמד, און נישט ביי לעווינזאָנען! היינט גיי פרעג ביי גאָט אַ קשיא, ווי קומט אַזאַ געראָטן קינד צו אַזאַ שלעפּער, ווי יענקל!

פאַרוואָס ער האָט פּלוצים זיך דערמאָנט אין יענקלס טעכטערל, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, נאָר בעטיעלעס בלויע אויגן און בלאָנד קעפּל זענען לאַנג געשטאַנען פאַר זיינע אויג

צו ווערן שמחה לעווינזאָנס אַ מחותן, איז ביי ברעטמאַנען געווען דאָס גרעסטע גליק און גדולה. אַ קלייניקייט, לעווינזאָן! ער איז איינגעטונקען אין אַ משפּחה פון די גרעסטע לומדים און גבירים, די גרעסטע מיוחסים צווישן יידן. זיי אַליין רירן אָן די וועלט מיט זייערע גרויסע שידוכים, און וויבאַלד ער, ברעטמאַן, איז זיך משדך מיט שמחה לעווינזאָנען, קויפט ער זיך איין אין דער גרויסער משפּחה. און מיט איין מאָל באַקומט ער דעם גרויסן שיינעם נאָמען אויף דער וועלט, וועגן וואָס ער טראַכט שטענדיק. און וויבאַלד ער ווערט לעווינזאָנס מחותן, וועט ער שוין מיט זיינע איבעריקע קינדער אויך זייער גרינג טון די גרעסטע שידוכים. מען וועט זיך שוין ביי אים בעטן. ער וועט שוין אַליין זיין אַ גרויסער מיוחס. אַ קלייניקייט, שמחה לעווינזאָן איז אַרנאָלד ברעטמאַנס מחותן!

אכט.

דער טייוולאַנישער פּלאַן.

יענקל בערשטער איז אַ גליקלעכער און אַ צופרידענער געקומען צו זיך אין דאָרף סטאַניסלאַווקע. ער איז איצט געווען רויק, וואָס ער האָט זיין קינד אַזוי גוט איינגעאָרדנט ביי די לעווינזאָנס אין הויז. זיין קינד האָט איצט אַ היים און ברײנע וועט איר זיין, ווי אַן אייגענע מאַמע, און דערמאָנענדיק זיך, אַז זיין קינד געפינט זיך שוין מער נישט אין פּריצישן הויף, איז צו זיין גליק גאָר קיין גלייכן נישט געווען.

און מיט נאָך מער חשק און איבערגעגעבנקייט האָט ער געטראַכט פון זיין פּריצס געשעפטן. ער איז געווען דאַנקבאַר דעם אַלטן פּריץ, פאַרוואָס ער האָט אים געהייסן אָפּפירן זיין קינד אין שטאָט אַריין, ווי יענקל האָט געוואָלט, כאָטש די גוווערנאַנטקע און אַלע אין הויף זענען געווען דאַקעגן, מען זאָל בעטיען שיקן אין אַ יידיש הויז. „זי איז דאָך שוין אַזוי איינגעוויינט געוואָרן מיט די קינדער און האָט אַזוי גוט געלערנט, אַז קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז בעטיע איז אַ יידיש קינד!" — האָבן זיי געטענהט.

און אויף מאָרגן, ווען יענקל איז געגאַנגען אין הויף אַריין, האָבן אַלע מיט אַ רחמנות־פּנים נאָכגעפרעגט אויף בעטיען, ווי אַזוי ער האָט זי ביי „די יידן" איינגעאָרדנט און צי זי בענקט און צי זי וויינט, אַז מען זאָל זי צוריקברענגען אין דאָרף.

יענקל האָט זיי אַלעמען באַרויקט, געדאַנקט, פאַרוואָס מען איז

זיך דאָ אַזוי גוט באַגאַנגען מיט זיין קינד, און איז אַוועק צום פּריץ זאַלעווסקי אין זיין קאַבינעט.

דער אַלטער פּריץ האָט אים אויך אויסגעפרעגט, ווי אַזוי ער האָט איינגעאָרדנט זיין קינד אין שטאָט.

— זייער גוט. איך בין איצט רויק פאַר מיין קינד. ביי די לעווינזאָנס וועט איר זיין גוט. די פרוי לעווינזאָן איז זייער אַ גוטע און וועט איר זיין, ווי אַן אייגענע מאַמע.

— דו קאָנסט רויק זיין, — האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט, — איך קען לעווינזאָנען פון לאַנג. איך האָב נאָך מיט זיין פאָטער אַמאָל געהאַנדלט. שוין זייער לאַנג אפילו. די לעווינזאָנס זענען די עָרנט־לעכסטע סוחרים און פאַבריקאַנטן. נו, איצט, יענקל, ווען מיר פאָרן אין וואַלד. מען האַקט איצט אַ שטיק וואַלד, מען דאַרף אַ קוק טון, ווי זאָגסטו?

— געוויס. מען דאַרף שיקן דאָס האָלץ אין די פאַבריקן. אָט האָב איך זיך געזען מיט דעם פאַבריקאַנט ברעטמאַן. ער איז פול מיט טענות, וואָס מען שטעלט אים נישט צו דאָס האָלץ, וואָס ער האָט געקויפט.

— שטענדיק איז אָט דער אויפגעקומענער פאַבריקאַנט פול מיט טענות. אָט דער פאַרשוין געפעלט מיר נישט! — האָט דער פּריץ געזאָגט און געמאַכט אַ זויערע מינע. — שוין-זשע פעלט אים האָלץ?

— איך בין געווען ביי אים אין פאַבריק, האָב איך געזען אַ גאַנצע וואַנט מיט האָלץ. נאָר ער האָט שוין אַזאַ טבע צו האָבן טענות, אפשר וועט אים קאָסטן ביליקער...

דער פּריץ האָט זיך צעלאַכט.

— מיר ווען טאַקע איצט זען אים שיקן, וואָס אים קומט, מען זאָל נאָר געפינען גענוג פורן. די פויערים זענען די לעצטע צייטן גרויסע מיוחסים געוואָרן. זיי ווילן נישט אַרבעטן און יאָגן זיך נישט שטאַרק נאָך פאַרדינסטן. די פריצים דאַרפן פאַר זייער געלט זיך בעטן ביי זיי. אַזעלכע צייטן האָבן מיר, פריצים, זיך דערלעבט. עס העלפט נישט! וואָס מער פורן זאָלסטו דינגען. זאָלן די פאַבריקאַנטן צו אונדז קיין טענות נישט האָבן און זיך נישט איינרעדן, אַז זיי וועלן עפּעס אָפּרייסן ביי אונדז פון די פרייזן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז צום פּאַלאַץ צוגעפאָרן די קאַ־רעטע און דער אַלטער פּריץ צוזאַמען מיט יענקלען זענען אַוועקגע־

פאָרן מיט דעם זייטיקן וועג גלייך אין איינעם פון זיינע וועלדער.

אָפּפאָרנדיק אַ האַלב ווייאָרסט, האָבן זיי ביי דער זייט פון וועג דערזען גיין דעם פּריצס עלטערן זון, וולאַדיסלאַוו, מיט דער גוווער־נאַנטין זאָסיע.

— וווהין גייסטו, מיין זון? — האָט דער אַלטער פּריץ גע־פרעגט

— איך גיי פון שפּאַציר מיט פּאַניע זאָסיע. וווהין פאָרסטו, פאָטער

— אין וואַלד אַריין. מען מוז אַרבעטן. ביז אין טויט דאַרף אַ מענטש אַרבעטן! — האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט.

דער טאַטע מיט דעם זון האָבן זיך געזעגנט מיט פיל ברכות און יעדער איז אַוועק זיין וועג.

וולאַדיסלאַוו האָט לאַנג נאָכגעקוקט דער קאַרעטע, ביז זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו זאָסיען:

— ווי געפעלט דיר, ווי אַזוי דער „זשיד" האָט זיך צעלייגט אין מיין פאָטערס קאַרעטע צוזאַמען מיטן טאַטן אויבנאָן. אויף דער קעלניע גלייך מיט דעם אָנטרייבער איז דער זשיד קליין צו זיצן!

זאָסיע האָט נישט געענטפערט, נאַר טרויעריק געשאָקלט מיט דעם קאָפּ.

– און איך דאַרף דאָס אַלע טאָג צוזען, ווי ער קאָמאַנדעוועט מיט מיין פאָטער, און איך מוז שווייגן... אָן דעם זשיד טוט ער נישט פון דאַנען אַהין. באַלד איז שוין יענקל באַלעבאָס איבער אונ־דזער פאַרמעגן, און נישט מיין פאָטער! איך דאַרף שוויצן דעם גאַנצן זומער דאָ אין דער בלאָטע, ווען איך וואָלט געקאָנט פאַרברענגען אין פּאַריז, אין איטאַליע, אין מאָנטע־קאַרלאָ אָדער אפילו אין אָס־טענדע ביי די ברעגן פון ים. מיין פאָטער איז גענוג רייך און איך, זיין זון, וואָלט געמעגט אַזעלכע קלייניקייטן, ווי אַ רייזע אין אויס־לאַנד, זיך דערלויבן.

— פאַרוואָס־זשע פאָרסטו נישט אויך היינטיקן זומער? — האָט זאָסיע געפרעגט.

— איך וואָלט אוודאי געפאָרן! אפילו דיך, מיין טייערע, וואָלט איך אויך מיטגענומען... ערשט דאָרטן וואָלטן מיר געלעבט אַ גוטן טאָג! וואָס איז, איך קאָן זיך דאָס נישט דערלויבן? איז אָבער מיין

פאָטער אַ קאַרגער. טאָמער איז ביי מיר פאַריקן זומער אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר איבעריקע טויזנטער, ווי. ער שוין מיר היינטיקס יאָר קיין קאָפּיקע מער נישט געבן און הייסט מיר זיצן אינדערהיים, דאָ אין דער בלאָטע... דער גאַנצער מיוחס און דעה־זאָגער איז ביי אים דער זשיד, און וואָס יענקל זאָגט, איז ביי דעם אַלטן הייליק. שטעל זיך פאָר, זאָסיע, פאַר דיר וועל איך קיין סודות נישט האָבן — שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב געבעטן יענקלען איבערעדן מיט מיין פאָטער, ער זאָל געבן אַ פּאָר טויזנטער, איך זאָל קאָנען פאָרן קיין אויסלאַנד כאָטש אויף אַ חודש־צוויי, האָט מיר דער זשיד אָפּגעזאָגט... דו הערסט? יענקל האָט מיר אָפּגעזאָגט!

— וואָס הייסט, ער האָט דיר אָפּגעזאָגט? — האָט זאָסיע גע־פרעגט אויפגערעגט, — ווי האָט ער געוואַגט דיר אָפּצוזאָגן אַזאַ זאַך? ער האָט עפּעס אַ חלק אין אייער פאַרמעגן?..

— דו ביזט גערעכט, מיין טייערע, ער האָט נישט קיין חלק, נאָר אונדזער פאַרמעגן איז שוין באַלד אינגאַנצן זיינס! וואָס קומט מיר אַרויס, אַז אונדזערע גיטער גייען אויף מיין טאַטנס נאָמען, אַז יענקל קאָמאַנדעוועט מיט אונדזער גאַנץ פאַרמעגן און וואָס ער זאָגט, איז געזאָגט, און אַז איך דאַרף אַ פּאָר טויזנטער, דאַרף איך אָנקומען צו יענקלען...

— וואָס האָט דיר יענקל געענטפערט, ווען דו האָסט אים גע־בעטן? — האָט זאָסיע איבערגעפרעגט.

— ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער קאָן גאָרנישט טון. דאָס איז אַ פאַמילי־זאַך, און אין דעם וויל ער זיך נישט מישן. איך זאָל אַליין רעדן מיט מיין פאָטער...

— אַזאַ עזות פון אַ זשיד, דיר אָפּצוזאָגן אַזאַ קליינִיקייט! — האָט זאָסיע זיך נישט געקאָנט באַרויִקן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אים ווידער געפרעגט.

— שוין־זשע קאָנסטו אַזאַ זשיד אינגאַנצן נישט אַרויסטרייבן פון דאָרף? וויפל טרייבט מען זיי פון די דערפער! ווען דיין פאָטער האָט מיר געהייסן אָפּפירן בעטיען אין שטאָט צו די זשידעס, און יענקל איז מיטגעפאָרן, האָב איך געמיינט, אַז ער וועט שוין בלייבן אין שטאָט, צום סוף איז ער צוריקגעקומען און קאָמאַנדעוועט ווייטער דאָ מיט דיין פאָטערס פאַרמעגן!

— עס וועט ‏‏‏בער לאַנג נישט זיין אַזוי! — האָט וולאַדיסלאַוו

אויסגעשריען מיט כּעס. — איך וועל נישט לאָזן אַך וועל נישט שווייגן !...

וולאַדיסלאַוו האָט זיך נישט אויפגעהערט צו קאָכן:

— אַזוי זיין פאַרגלויבט אין אַ זשיד, איז נאָך נישט געהערט געוואָרן! ער פאַרקלויבט זיך מיט יענקלען אין קאַבינעט, עפנט אויף די קאַסע, נעמט אַרויס געלט, גאָלד און ווילכטיקע פּאַפּירן, גיט עס יענקלען איבערצוציילן... און אַז דער זשיד זאָגט, עס איז ריכטיק, איז גוט, און ער לייגט עס ווידער אַריין אין קאַסע... דער אַלטער איז דאָך שוין עובר בטול. זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף יענקלען טאָר מען נישט. איך מוז זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַפרייען פון יענקלען, אים דערווייטערן פון אונדזער הויז, און וואָס עס זאָל מיר נישט קאָסטן, מוז איך עס טון

— איך מוז דיר זאָגן, אַז אַלע וווּנדערן זיך, וואָס יענקל איז דאָ דער גאַנצער באַלעבאָס, און דו, זיין עלטערער זון, שווייגסט.

— איך ווייס עס... איך ווייס עס זייער גוט, אַז אַלע טייטלען אויף מיר מיט די פינגער און מאַכן חוזק פון מיר, וואָס יענקל האָט מער דעה ביי מיין פאָטער, ווי איך, זיין אייגן קינד... אָבער וואָס טוט מען?

וולאַדיסלאַוו האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— זיי מיר מוחל, טייערע, נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, וואָס צו טון ווייס איך, נאָר ווי אַזוי?

ער האָט זיך אָנגעהייבן ווישן דעם שטערן:

— דער קאָפּ דרייט זיך מיר, איך ווייס נישט פון וואַנען אָנצוהייבן... איך טראַכט אַלץ, וואָס טויג מיר די גאַנצע געשיכטע, אפשר וואָלט בעסער געווען זאָגן מיט גוטן יענקלען, ער זאָל זען, אַז מיין פאָטער זאָל מיר געבן אַ פּאָר טויזנטער, איך זאָל קאָנען אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און זאָלן זיי זיך אַלע שלאָגן קאָפּ אין דער וואַנט. איך וועל אים אויך זאָגן, אַז טאָמער וועט ער דאָס נישט טון, וועל איך אים אַרויסוואַרפן פון אונדזער הויז, צו אַלדע שוואַרץ יאָר! ווי זאָגסטו, זאָסיע, געפעלט דיר מיין פּלאַן? איך מוז אַוועקפאָרן, ווי צום גיכסטן, אפילו באַלד, איך קאָן דאָ מער נישט איינזיצן. וואָס־זשע זאָגסטו? זאָל איך זיך נאָכאַמאָל דערנידעריקן און בעטן דעם זשיד? און אַז עס וועט נישט העלפן מיט גוטן, וועל איך פּרווון מיט בייזן.

נישקשה, יענקל וועט זיך דערשרעקן פֿאַר מיר! ווי מיינסטו, וועל איך באַקומען געלט?

— איך גלויב נישט, ווייל יענקל ווייסט, אַז דיין פֿאָטער איז פֿאַר אים שטאָל און אייזן און דעריבער האָט ער פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט. נאָר איך גלויב, אַז דו דאַרפֿסט גאָרנישט טון. איך בין זיכער אַז נאָך הייַנטיקס יאָר וועלן מיר אַלע זיך באַפֿרייען פֿון יענקלען.

— הייַנטיקס יאָר, אַ קלייניקייט צו זאָגן... דערווייל וועט אַוועק דער זומער. איך דאַרף געלט. באַלד דאַרף איך! און ווידער ווי אַזוי ביזטו זיכער, אַז הייַנטיקס יאָר וועלן מיר זיך פֿון אַזאַ צרה באַ־פֿרייען?

זאָסיע האָט געשוויגן און זיך בעת מעשה געקווינקלט.

— וואָס שוויגסטו, זאָסיע, האָסט עפּעס סודות פֿאַר מיר?

— פֿאַר דיר קאָן איך קיין סודות נישט האָבן, כאָטש איך האָב געשוואוירן, אַז איך וועל קיינעם קיין וואָרט נישט איבערגעבן, און איך באַשווער דיך, אַז דו זאָלסט מיט קיינעם נישט רעדן וועגן דעם... איך מוזטו מיר צוזאָגן, אַז הייַנטיקן זומער וועסטו בלייבן מיט מיר, אָדער ווען דו וועסט באַקומען געלט און פֿאָרן קיין אויסלאַנד, זאָלסטו מיך אויך מיטנעמען מיט דיר... איך קאָן אָן דיר אַ טאָג נישט לעבן!..

זאָסיע האָט זיך צעוויינט.

— איך בין אַזוי אומגליקלעך אָן דיר... אַזוי אומגליקלעך!

— נו, באַרויק זיך, — האָט וולאַדיסלאַוו איר אויסגעווישט די טרערן. — איך וועל דיך נישט איבערלאָזן אַליין. דערצייל, וואָס איז געשען? האָסט מיך אַזוי פֿאַראינטערעסירט...

ווען זיי זענען אַריין צווישן דיביימער, האָט זי אַראָפּגענומען פֿון אירע אַקסלען דעם דינעם שאַל, וואָס זי האָט געטראָגן, אים צעשפּרייט אויפֿן גראָז און זיך צוגעזעצט. וולאַדיסלאַוו האָט זיך אויך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז.

— דיינע אַלע פּלענער טויגן נישט. דיין פֿאָטער איז נישט צופֿרידן מיט דיר, וואָס דו האָסט נישט חתונה געהאַט אַזוי ווי דיין ייִנגערער ברודער, וואָס האָט אַ פֿרוי און קינדער... דיין עלטערע שוועסטער האָט אויך חתונה געהאַט און האָט קינדער, און דו דרייסט זיך אַרום אַליין... דאָס געפֿעלט נישט דיין פֿאָטער. אַחוצדעם, איז ער נישט צופֿרידן, וואָס זיין עלטערער זון טוט גאָרנישט. באַשעפֿטיקט

זיך מיט קיין זאַך נישט און ברענגט נאָר אויס געלט...

— וואָס האָב איך צו טון און פירן געשעפטן, אַז מיין טאַטע איז אַזוי רייך... דער רייכסטער גוטבאַזיצער אין דער גאַנצער געגנט! נאָך זיין טויט וועט מיר אויף מיין חלק בלייבן גענוג אויף מיין גאַנץ לעבן, און חתונה האָבן וויל איך נישט. עס געפעלט מיר נישט, איך וויל זיין אַ פרייער מענטש!

— דיין פאָטער געפעלט אָבער נישט, אַז זיין עלטערער זון זאָל אַרומגיין ליידיק און אויסברענגען געלט.

— זאָל אים נישט געפעלן! איך קאָן אַזוי נישט לעבן, ווי ער וויל. ער איז שוין אַלט און פאַרשטייט אַנדערש דאָס לעבן. ער ווייסט נאָר צו קאַרגן און קלויבן געלט. ווען נישט יענקל, וואָלט אַנדערש געווען. ער וואָלט געבליבן אַליין... ער איז שוין אַלט און שוואַך און וואָלט געמוזט אָנקומען צו מיר, איך זאָל אים העלפן פירן די געשעפטן, דאַן וואָלט מיר שוין קיין געלט נישט געפעלט... אָט דער דאָזיקער יענקל שטייט מיר ווי אַ ביין אין האַלדז און איך קאָן גאָרנישט טון...

דערביי האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף זיין האַלדז, ווי אייגער, וואָס וואַרגט זיך מיט עפּעס.

— באַרויק זיך. איך זאָג דאָך דיר, אַז נאָך הייגטיקס יאָר וועלן מיר זיך אַלע באַפרייען פון יענקלען.

— ווי אַזוי? דערצייל! זאָג!

— עס איז אַ לאַנגע געשיכטע. שפּעטער וועסטו פון אַלץ וויסן. דערווייל וועל איך דיר איבערגעבן אין קורצן.

זאָסיע האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט און אָנגעהייבן:

— יענקלס מיידעלע האָבן מיר נישט געוואָלט אַוועקלאָזן אין שטאָט צו די יידן. זי זעט דען אויס ווי אַ יידיש קינד? זי איז דאָך אַזוי שיין און עלעגאַנט און רעדט פּויליש, אַז קיינער וועט נישט זאָגן, אַז זי איז אַ יידיש קינד. מיר אַלע אין הויף האָבן זי זייער ליב און שוין לאַנג איז בסוד געבליבן צווישן די ווייבער, מיר זאָלן זי נישט אָפּלאָזן פון אונדז, און אַז יענקל זאָל פאַרגעסן אָן איר, איז ביי אונדז געבליבן זי אַוועקשיקן אין אַ וויטן קלויסטער. די ווייבער פון די הייליקע קלויסטערס ווערן אָפט פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אין הויף, זיי קאָנען אונדז אַלע זייער גוט און האָבן אויך גוט געוווּסט, ווער דאָס בלאָנדע שיינע מיידעלע איז און האָבן נישט

איינמאָל געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע יידישע קינד דאַרף מען „ראַטעווען״... זיי האָבן אונדז פיל מאָל איינגערעדט מיט זייערע פרומע רייד, אַז עס איז די גרעסטע מצווה צו ראַטעווען אַ יונג אומשולדיק נשמהלע... אַז מיר זענען שוין געווען גרייט דאָס צו טון, האָבן מיר מורא געהאַט פאַר די מאַנסלייט, און דערהויפּט פאַר דיין פאָטער...

— אויך האָבן מיר זיך דערנאָך באַטראַכט, — האָט זי ווייטער גערעדט, — אַז עס איז נישט גוט, אַז בעטיעלע זאָל פון אונדזער הויף פאַרפאַלן ווערן... דיין פאָטער און יענקל וואָלטן באַלד געוווּסט וועמענס אַרבעט דאָס איז, און מיר וואָלטן צו טייער באַצאָלט פאַר דער גרויסער מצווה, וואָס מיר ווילן טון...

— איצט אָבער, — האָט זאָסיע געזאָגט, — איז פיל בעסער דאָס צו טון. דאָס קינד געפינט זיך שוין נישט אין אונדזער הויף אונטער אונדזער רשות. די פרומע ווייבער פון די הייליקע קלויסטערס פרעגן איצט אויך אויף יענקלס מיידעלע, וועלכע זיי ווילן ראַטעווען. היינט פאַרשטייסטו שוין, אַז ווען דאָס וועט געשען, וועט יענקלען נישט ליגן אין קאָפּ צו פירן דיין טאַטנס געשעפטן?

וולאַדיסלאַוו האָט געהערט זאָסיען מיט דער גרעסטער נייגעריקייט און האָט באַמערקט:

— דאָס איז אַ פּלאַן... און איך האָב נישט געוווּסט, אַז ביי אונדז אין הויף קומען פאַר „סודות פון מאַדרידישן הויף!״

און וולאַדיסלאַוו האָט זיך דערביי צעלאַכט.

פון דער צייט אָן, ווען וולאַדיסלאַוו האָט זיך באַגעגנט מיט זאָסיען, האָט מען נאָר גערעדט וועגן יענקלס טעכטערל, ווי אַזוי מען וועט איר נשמה ראַטעווען. באַזונדערס האָט וולאַדיסלאַוו נישט אויפגעהערט צו רעדן נאָכדעם, ווען יענקל האָט אים דאָס צווייטע מאָל געזאָגט, אַז ער קאָן נישט רעדן מיט זיין פאָטער וועגן פאַמיליענענינים, וואָס עס געהערן זיך בכלל נישט אָן צו אים.

— דער פאַן דאַרף אַליין פאַרשטיין, — האָט יענקל געזאָגט, — אַז עס פּאַסט נישט פאַר מיר, איך זאָל רעדן מיט אייער פאָטער וועגן אַזעלכע זאַכן און אויף מיר האָט איר נישט וואָס ברוגז צו זיין... אייער פאָטער מעג אייך אַוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, איז נישט מיין געשעפט. אייער פאָטער האָט מיך נאָר געשטעלט פאַר אַ שומר פון זיין פאַרמעגן און ווייטער האָב איך קיין דעה נישט,

ווען ער פרעגט עפּעס ביי מיר, ענטפער איך אים און ווייטער איז נישט מיין זאַך. איך האָב נישט קיין רעכט אים צו זאָגן, צי זאָל ער זיינע קינדער יאָ געבן געלט אָדער נישט געבן געלט... וולאַדיסלאַוו האָט אָבער געגלויבט, אַז ווען יענקל זאָל וועלן אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט, וועט זיין פאָטער זיכער געבן געלט.

— אויב דיר פּאַסט נישט צו רעדן מיט מיין פאָטער, — איז וולאַדיסלאַוו נישט אָפּגעשטאַנען, — זע מיר באָרגן ביי דיינע יידן אַ פּאָר טויזנטער. איך וועל צאָלן אַ גוטן פּראָצענט און אַ בטוח בין איך אוודאי, — איך בין דאָך אַ יורש פון אַזאַ רייכן טאַטן!

און דערביי האָט אים וולאַדיסלאַוו דערציילט, אַז אַ סך חברים זיינע, וואָס האָבן רייכע עלטערן, באָרגן ביי יידן גרויסע סומעס געלט און באַצאָלן ערשט נאָך זייערע עלטערנס טויט, ווען זיי באַקומען ירושה. אמת, מען צאָלט פאַר אַזעלכע הלוואות גרויסע פּראָצענטער, אָבער עס לוינט פאַר ביידע צדדים, און ער, וולאַדיסלאַוו, איז אויך גרייט צו באַצאָלן גרויסע פּראָצענטער. פאַר יעדע טויזנט רובל איז ער גרייט אַרויסצוגעבן וועקסלען אויף צוויי טויזנט...

— איך פאַרנעם זיך נישט מיט אַזעלכע מיאוסע געשעפטן! — האָט יענקל געענטפערט.—און איך זאָג אייך גאַנץ אָפן, אַז ווען איך זאָל זיך דערוויסן, אַז איר מאַכט אַזעלכע געשעפטן מיט יידן, וואָלט איך דערצו נישט דערלאָזט, ווייל עס איז אַ גרויס פאַרברעכן צו מאַכן אַזעלכע הלוואות.

נאָך דעם שמועס איז וולאַדיסלאַוו געוואָרן יענקלען אַ דם שונא און ער האָט באַשלאָסן מיט אַלערליי מיטלען אַרויסצוטרייבן אים פון דאָרף. דענסטמאָל וועט זיין פאָטער בלייבן אַליין אָן זיין יענקלען.

ער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן מיט פאַרשידענע פּלענער, ווי פּטור צו ווערן פון דעם „זשיד", נאָר זייט זאָסיע האָט אים דערציילט וועגן די סודות אין זייער הויף, האָט ער זיך אין דעם אָנגעכאַפּט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַזוי וועט זיין גרינגער און בעסער.

דאָס צווייטע מאָל, ווען ער האָט ווידער שפּאַצירט מיט זאָסיען אויף דעמזעלבן אָרט, ווו דאָס ערשטע מאָל, האָט ער זי איבערגע־פרעגט:

— ביזטו זיכער, אַז דער פּלאַן וועט געלינגען?

— עס איז גאָר קיין פראַגע נישט. שלעכט און נאַריש וואָלט געווען, ווען מען זאָל דאָס טון, ווען בעטי'ע וואָלט זיך געפונען

ביי אונדז אין הויף... דאַן וואָלט עס יעדן קלאָר געווען וועמענס אַר־בעט דאָס איז. אָבער איצט, ווען די איז נישט ביי אונדז, וועט קיי־נעם נישט איינפאַלן, אַז דאָס איז אונדזער אַרבעט. מאַלע וואָס אַ קינד ווערט אַמאָל פאַרפאַלן. מען וועט זאָגן, אַז ציגיינער האָבן זי אַוועק־געגנבעט, ווי עס האָט שוין אַמאָל געטראָפן מיט יענקלס מיידעלע, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געווען. דעמאָלט האָט זיך געטראָפן אַ נס און זי האָט זיך אויסגעזוכט, אָבער נישט אַלעמאָל טרעפן זיך נסים. מען וועט איצטער אויך געוויס אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף ציגיינער... ווען דאָס וועט געשען, וועלן מיר מיט איין מאָל דער־גרייכן צוויי גרויסע זאַכן: ערשטנס, וועלן מיר ראַטעווען אַ נשמה פאַר אונדזער הייליקן קלויסטער, און, צווייטנס, וועט יענקל מער נישט בלייבן לעבן דיין פאָטער... ער וועט זיך פילן אומגליקלעך ער זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען מיט געשעפטן.

— דו מיינסט אַזוי? — האָט וולאַדיסלאַוו אַ קלער געטון.

— איך בין אין דעם זיכער, אַז עס וועט אַזוי זיין!

און וולאַדיסלאַוו האָט אין זיין פאַנטאַזיע זיך געמאָלט אַ ניי לעבן: זיין פאָטער וועט בלייבן אַליין, קיין אַנדער יענקל, וועלכן ער זאָל אַזוי גלויבן, וועט ער אַזוי גיך נישט געפינען. אַליין איז ער שוין אַלט און שוואַך. ער וועט מוזן אָנקומען צו אים, ער זאָל אים העלפן פירן די געשעפטן. צו וועמען דען וועט זיך דער אַלטער ווענדן? די איבעריקע קינדער האָבן חתונה געהאַט, געגומען גרויסע נדנס. יעדער פאַרמאָגט אייגענע גיטער און האָט גענוג אייגענע גע־שעפטן... נאָר ער, וולאַדיסלאַוו, דאַרף וואַרטן אויף זיין רייכער ירושה ביז דער אַלטער וועט צומאַכן די אויגן. אָבער ווען זיין פאָטער וועט בלייבן אַליין און וולאַדיסלאַוו וועט אים העלפן פירן די גרויסע באַלעבאַטישקייט, וועט במילא אויסקומען, אַז מען וועט אים ירשענען ביים לעבן.

— ווען דאָס וועט געשען, מיין טייערע זאָסיע, — האָט וולאַדיס־לאַוו פריילעך זיך אָנגערופן, — וועט זיך פאַר אונדז אָנהייבן אַ ניי לעבן. מיר וועלן פאָרן קיין אויסלאַנד נישט אויף אַ פאָר חדשים, נאָר אויף דעם גאַנצן זומער. מיר וועלן זיין אין איטאַליע, אין פראַנק־רייך און ווו נישט?

און פלוצים האָט ער פריילעך אַ פרעג געטון:

— זאָסיע, ביזט אַמאָל געווען אין פאַריז?

— ניין. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין אויסלאַנד.
— אוי, איז דאָס אַ שטאָט פּאַריז!
און וולאַדיסלאַוו האָט איר אָנגעהייבן מאָלן דאָס לעבן אין דער דאָזיקער וואונדערשטאָט מיט האָטעלן, רעסטאָראַנען, פּאַרקן, בולוואַרן, טעאַטערן, פּאַלאַצן, בילדערגאַלערייען און אויך די שענסטע ווינקעלעך, ווו מען קאָן פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט ביז אין ווייסן טאָג אַריין.
— און ווען אונדזער פּלאַן וועט געלינגען, וועלן מיר גלייך אַוועקפאָרן! — האָט וולאַדיסלאַוו פריילעך צוגעגעבן און ער האָט געוואַרט, אז זאָסיע זאָל זיך אויך פרייען מיט דערזעלבער פרייד. נאָר זי האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט.
— וואָס איז מיט דיר, מיין טייערע, דיר געפעלן נישט מיינע פּלענער?
— עס געפעלט מיר זייער... איך וויל אוודאי זען פּאַריז און דאָרטן אַזוי גוט פאַרברענגען, ווי דו דערציילסט. אָבער איך האָב מורא, אַז דערנאָך וועסטו מיך אַוועקוואַרפן און דו וועסט חתונה האָבן מיט אַ רייכער כּלה און איך וועל ווידער ערגעץ פאַרוואָגלט ווערן און זיך מוטשען מיט לערנען קינדער אין אַ פּריצישן הויף...
זאָסיע איז טרויעריק געוואָרן און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן.
וולאַדיסלאַוו האָט זי געטרייסט:
— זאָרג זיך נישט, זאָסיע. איך וועל קיינמאָל און פאַר קיינעם נישט חתונה האָבן. ווען איך זאָל וועלן חתונה האָבן, וואָלט מיין פאָטער מיך גליקלעך געמאַכט, נאָר איך וועל עס קיינמאָל נישט טון. איך וויל זיין אַ פרייער מענטש.
— דאָס הייסט,—האָט זאָסיאַ פאַרטייטשט, — היינט וועסטו לעבן מיט מיר און שפּעטער מיט אַן אַנדערע...
— נייז, ניין, נאָר מיט דיר!..
— נאָר מיט מיר, ביז איך וועל אַ ביסל עלטער ווערן... — האָט זאָסיע אים אונטערגעזאָגט.
— ווער זאָרגט דען אויף אַזוי לאַנג? און איך אַליין ווייס דען, וואָס מיט מיר וועט פּאַרקומען שפּעטער? היינטיקע צייטן לעבט מען באָר מיט דעם היינטיקן טאָג, אויף מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן...
זאָסיע האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט זי אָבער דערזען

ווי אויפן וועג האָט זיך אויפגעהייבן אַ שטויב, און באַלד האָט זיך באַוויזן אַ קאַרעטע מיט צוויי פרויען.

ווען די קאַרעטע האָט זיך דערנענטערט און די צוויי פרויען האָבן דערזען זאָסיען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט, זיך צעקושט מיט איר און געבענטשט דעם יונגן פּריץ וולאַדיסלאַוו.

דאָס זענען געווען צוויי מאָנאַשקעס פון אַ נאָענטן קלויסטער. די צוויי פרויען, וועלכע זענען געווען געקליידט אין שוואַרצן, האָבן זיך אייניקע מינוט געסודעט מיט זאָסיען, און וולאַדיסלאַוו איז געשטאַנען פון דערווייטנס.

באַלד דערנאָך האָבן זיי ווידער געבענטשט דעם יונגן פּריץ מיט פיל ברכות און ווייטער געפאָרן.

— וווהין פאָרן זיי? — האָט וולאַדיסלאַוו געפרעגט ביי זאָסיען.

— צו אונדז אין הויף. דיין ייִנגערן ברודערס פרוי איז זייער אַ פרומע און זי האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך. זיי וועלן געוויס נעכטיקן ביי אונדז...

— וואָס טוען זיי ביי אונדז אַזוי אָפט? איך האָב מורא, אַז זייער הויפּטצוועק, וואָס זיי קומען אַזוי אָפט צו אונדז, איז איינצורעדן מיין פאָטער, ער זאָל אין זיין צוואה, וועלכע ער קלויבט זיך צו שרייבן, אָפּזאָגן פאַר זייער קלויסטער אַ געוויסע סומע געלט...

— און אַז יאָ, איז וואָס? דו ביזט אַ שלעכטער, וולאַדיסלאַוו... אַ מענטש דאַרף אויך טראַכטן וועגן יענער וועלט, און דיין פאָטער מעג דאָס אוודאי. ווער דען זאָל אויסהאַלטן די קלויסטערס, אַז נישט קיין רייכע מענטשן?

— מיך וואָלט עס נישט געאַרט, זאָל מיין פאָטער געבן געלט אויף וואָס ער וויל. נאָר מיך פאַרדריסט פאַרוואָס, ווען עס קומט צו מיר, ווערט ער קאַרג און וויל אַ קאָפּיקע נישט געבן...

— זיי זיך מודה, אַז דו ביזט אַליין שולדיק אין דעם. פאַראַיאָרן, ווען דו ביזט געפאָרן קיין אויסלאַנד, האָסטו אויסגעבראַכט צופיל געלט. ער האָט געדאַרפט צאָלן דיינע חובות, נו, וויל ער דיר מער נישט געבן...

— וולאַדיסלאַוו האָט זיך אַ כאַפּ געטון:

— ווייסט, זאָסיע, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — איך וועל גיין איבערעדן מיט מיין פאָטער, כאָטש עס איז מיר זייער נישט אָנגענעם צו רעדן מיט אים וועגן געלט... נאָר איך וועל נאָך איינמאָל

פּרווּוון... אפשר וועט מיר געלינגען! איך וועל עס טאַקע נישט אָפּלייגן און נאָך היינט וועל איך רעדן מיט אים.

זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים אין הויף אַריין. דאָרטן האָט ער זיך געזעגנט מיט זאָסיען, און גייענדיק גלייך אין זיין פּאָטערס קאַבינעט, האָט ער געטראַכט וועגן די צוויי מאַנאַשקעס.

— איך האָב מורא, אַז זיי אַרבעטן דורך מיין פרומער שוועגערין, אַז מיין פּאָטער זאָל אין זיין צוואה נישט פאַרגעסן זייער קלויסטער. אויף אַלץ וועט דער אַלטער געבן געלט, נאָר נישט מיר! איך וועל אָבער נישט שווייגן. ער מוז מיר געבן! ווען נישט מיט גוטן, איז מיט בייזן... איך וועל פון אים נישט אַוועקגיין אָן געלט!

מיט די געדאַנקען איז ער אַריין אין זיין פּאָטערס קאַבינעט. ביי אַ גרויסן שרייבטיש איז געזעסן דער אַלטער פריץ מיט אַ פּאַק פּאַפּירן און ביי דער זייט איז געזעסן יענקל.

און כאָטש וולאַדיסלאַוו האָט נישט ליב געהאַט צו זען זיין פּאָטער צוזאַמען מיט יענקלען, האָט ער דאָך איינגעפּונען, אַז דווקא איצט, פּאַרן זשיד אין די אויגן, איז גלייכער צו בעטן געלט. אפשר וועט דער טאַטע נישט אָפּזאָגן.

דער אַלטער פריץ, דערזעענדיק זיין עלטערן זון ביי זיך אין קאַבינעט, האָט אים באַגעגנט מיט די ווערטער:

— אַ גאַסט ביי מיר אין קאַבינעט! אונדזער יענקל קאָן מיינען, אַז דיך אינטערעסירן מיינע געשעפטן און ביזט געקומען דיין אַלטן פּאָטער העלפן אין זיין אַרבעט. אָבער איך פאַרשטיי, אַז דו ביזט געקומען נאָך געלט...

— האָסט געטראָפן, פּאָטער... איך ברויך זייער נייטיק געלט... איך וויל פאָרן קיין אויסלאַנד... איך קאָן דאָך דאָ אַ גאַנצן זומער נישט בלייבן...

— וויפל דאַרפסטו פאַר דיין אויסלאַנד? — האָט דער אַלטער פריץ רויק געפרעגט.

— איך ווייס? איך מיין, אַז צוויי טויזנט רובל וועט זיין גענוג.

- פונקט ווי פאַראַיאָרן! — האָט דער אַלטער פריץ געשמייכלט. — און אַז דו ביזט געקומען צוריק, האָב איך געמוזט פאַר דיר צאָלן חובות נאָך אַכט טויזנט... צוזאַמען האָסטו מיר אָפּגעקאָסט גאַנצע צען טויזנט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו שפּילן אין

מאָנטע־קאַרלאָ! און ביי וועמען האָסטו אָן מיין וויסן געליען געלט?— ביי דעם פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן, וועלכן איך קאָן נישט אָנ־קוקן. איין מאָל האָב איך אים באַצאָלט, נאָר איך האָב אים געוואָרנט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל. איך בין זיכער, אַז ער וועט דיר שוין מער נישט לייען.

— איך ווייס עס, און סיי ווי סיי וועל איך מער ביי ברעט־מאַנען און ביי קיינעם נישט לייען... עס וועט ביי מיר נישט אַוועק־גיין מער ווי די צוויי טויזנט, וואָס דו וועסט געבן.

— און ווי אַזוי זאָל איך דיר גלויבן? האָסט מיר פאַראַיאָרן אויך אַזוי צוגעזאָגט!

דער אַלטער פריץ האָט אַ קוק געטון אויף יענקלען און, פון געוויינהייט, אַז ער דאַרף געבן געלט, האָט ער יענקלען אַ פרעג געטון:

— וואָס זאָגסטו, זאָל איך אים גלויבן, אַז ער וועט מער קיין חובות נישט מאַכן, און איך זאָל דערנאָך מיט בזיונות דאַרפן באַ־צאָלן?..

יענקל איז פון זיין פריצס פראַגע בלאַס געוואָרן, נאָר ווי יעדעס מאָל האָט ער רויק און באַטראַכט געענטפערט:

— זאָל מיר דער פריץ מוחל זיין, אויף אַזאַ פראַגע קאָן איך נישט ענטפערן. דאָס איז אַ פאַמיליען־זאַך... ווי קום איך זיך אין אַזעלכע זאַכן אַריינצומישן?

וולאַדיסלאַוו האָט אַ בייזן בליק געטון אויף יענקלען, פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָגט יאָ.

יענקלס ענטפער האָט דאָך געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף זיין פריץ, וועלכער האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט זיין זון:

— דו וועסט באַקומען דאָס געלט און דו קאָנסט זיך גרייטן אין וועג אַריין.

וולאַדיסלאַוו האָט אָפּגעדאַנקט זיין פאָטער און זיך צעקושט מיט אים.

אויף מאָרגן האָט דער גאַנצער הויף גערעדט, אַז דער יונגער פריץ פאָרט קיין אויסלאַנד. מען האָט געפּאַקט זיינע זאַכן, געפּוצט די פערד, געוואַשן די קאַרעטע, וואָס דאַרף דעם יונגן פריץ אָפּפירן צו דער באַן־סטאַנציע. דער גאַנצער הויף האָט געקאָכט מיט זיין אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד.

די צווײ מאַנאַשקעס האָבן אויך זיך דערוווּסט וועגן זײַן נסיעה און זענען געקומען אים בענטשן מיט זײערע ברכות אויף זײַן ווײַטן וועג.

זאָסיע איז דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען מיט שטײענדיקע טרערן אין די אויגן. וולאַדיסלאַוו האָט זי געטרײסט, אַז עס איז נישט ווײַט די צײַט, ווען ער וועט קאָנען פאָרן מיט איר צוזאַמען. דערווײַל אָבער האָט ער אַלײן ווײניק אויף הוצאות, סײדן אים וועט טרעפן אַ גליק אין מאָנטע־קאַרלאָ, און ער וועט געווינען אַ סך געלט. דעמאָלט וועט ער איר שיקן געלט, אַז זי זאָל קומען צו אים.

זאָסיע האָט פאַר זײַן אָװעקפאָרן אים דערצײלט אײניקע סודות פון הויף, וואָס די מאַנאַשקעס האָבן געבראַכט, אָבער וולאַדיסלאַוו האָט באָר מיט אײן אויער געהערט. עס האָט אים קײן זאַך נישט אינטערעסירט. זײַן קאָפּ מיט אַלע געדאַנקען זענען געווען ווײַט, ווײַט אין פּאַריז, אין איטאַליע און באַזונדערס אין מאָנטע־קאַרלאָ, אַרום דער באַרימטער רולעטקע.

די מאַנאַשקעס האָבן דעם ערשטן האַלבן טאָג פאַרבראַכט אין הויף און פאַר זײער אָװעקפאָרן זענען זײ אַרײַנגעגאַנגען צום אַלטן פּריץ שענקען אים זײער ברכה. דאָ האָבן זײ געטראָפן יענקלען און האָבן פרום אַראָפּגעלאָזט די אויגן, נישט וועלנדיק זיך באַגעגענען מיט זײַנע בליקן.

יענקל איז געשטאַנען פון דערווײַטנס און נישט געוווּסט, אַז זײערע קעפּ טראַכטן זײער פיל וועגן זײַן קינד.

קאַפּיטל נ״ז.

עס איז געשען.

שוין אַ יאָר, אַז בעטיע געפינט זיך אין שמחה לעווינזאָנס הויז. זי גייט צוזאַמען מיט פריידלען אין שול אַריין און זי רעכנט זיך דאָרטן פאַר דער בעסטער שילערין.

אין לעווינזאָנס הויז האָט מען זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. דער אַלטער לעווינזאָן, וועלכן בעטיע האָט גערופן זיידע, האָט איר שטענדיק אַרויסגעוויזן דיזעלבע ליבע, ווי צו זיין פריידעלען, וואָס איז אים געבוירן געוואָרן אין די עלטערע יאָרן.

בעטיע מיט פריידלען האָבן געטראָגן דיזעלבע מלבושים, נאָר אויף בעטיען האָט אַלץ, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, געזונגען. זי איז געשלאָפן צוזאַמען מיט פריידלען אין איין צימער, און אַ זייטיקער מענטש פלעגט אָנעמען בעטיען פאַר לעווינזאָנס אַ קינד.

פון צייט צו צייט, און אַמאָל אויך אויף אַ שבת אָדער אויף אַ יום־טוב, פלעגט יענקל זיך אָפּרייסן פון זיינע געשעפטן און קומען צו די לעווינזאָנס פאַרברענגען צוזאַמען מיט זיין קינד און ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס זיין קינד האָט פאַרגעסן אָן דעם פּריצישן הויף און וואַקסט אין אַזאַ שיין יידיש הויז.

פון זיינע פאַרדינסטן פלעגט ער אָפּשפּאָרן אַ רובל צו אַ רובל און קלייבן פאַר זיין טאָכטער, און ער האָט אויסגערעכנט, אַז אויב גאָט וועט אים שענקען יאָרן, וועט ער זיין בעטיען קאָנען געבן אַ שיינעם נדן און טון אַ לייטישן שידוך.

וועגן דעם האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו טראַכטן און קיין זאַך נישט געשפּאָרט פאַר זיין קינד, עס זאָל איר גאָרנישט פעלן, אַזוי ווי זי איז פון קינדווייז אָן געוווינט אין פריצישן הויף. עס איז פאַר יענקלען נישט געווען קיין טייערע זאַך, וואָס ער זאָל עס נישט געבן זיין קינד.

זינט יענקל איז געבליבן אַן אַלמן, פלעגן אָפט קומען שדכנים און אים פאָרשלאָגן שידוכים.

— סטייטש, — פלעגן זיי אים זאָגן, — ווי בלייבט עס זיצן אַ ייד אָן אַ פרוי? פרנסה, ברוך השם, פעלט אייך נישט און איר וואָלט געקאָנט טון אַ פיינעם שידוך.

נאָר יענקל האָט נישט געוואָלט הערן און וויסן.

— אַז גאָט וועט מיר געבן יאָרן, — פלעגט ער זיי זאָגן, — און איך וועל דערלעבן מיין קינד חתונה מאַכן, דעמאָלט וועל איך אפשר אָנהייבן טראַכטן וועגן זיך.

— אַ שיינער פּלאַן, — האָבן די שדכנים פון אים געלאַכט. — ווען איר וועט אַזוי לאַנג וואַרטן, וועט מען אייך נישט וועלן. איר וועט שוין זיין אַן אַלטער ייד.

— נישט קיין אומגליק צו וואַרטן אַ יאָר אַכט-צען. עס האָבן ביי יידן חתונה אַ סך עלטערע פון מיר, און איצט קאָן איך נישט חתונה האָבן, ווייל איך וויל נישט, אַז מיין קינד זאָל האָבן אַ שטיפ־מאַמע. איצט איז מיין קינד גוט, אָבער ווען איך וועל חתונה האָבן, וועל איך זי מוזן נעמען צו מיר אַהיים — צו דער שטיפמאַמען. דאָס וועל איך קיינמאָל נישט טון!

די שדכנים האָבן אויפגעהערט צו גיין און יענקל האָט נאָר געלעבט און געאַרבעט פאַר דעם גליק פון זיין קינד, פילנדיק זיך גליקלעך, וואָס זיין קינד ווייסט נישט פון קיין שטיפמאַמע.

איינמאָל, זומער, פאַרנאַכט, ווען בעטיע מיט פריידלען האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף פון זייער שולע מיט נאָך אַ סך קינדער, איז צו איר צוגעגאַנגען אַן אַלטע פרוי און געזאָגט:

— בעטיעלע, דו דערקענסט מיך?

בעטיע האָט זי באַלד דערקענט און זיך דערפרייט מיט איר. זי האָט אין איר דערקענט אַ שכנה פון דעם הויז, וווּ זיי האָבן פריער געוווינט אין דאָרף סטאַניסלאַווקע.

פריידל האָט זיך פאַרשפּילט מיט אַנדערע קינדער און נישט

געזען ווי בעטיע האָט גערעדט מיט דער עלטער פרוי, נאָר ווען מען האָט זיך אויפגעהערט צו שפּילן און פריידל האָט מיט איר חברטע געוואָלט גיין אַהיים, האָט זי אָנגעהייבן זוכן בעטיען און נישט גע-פונען. זי האָט זי געזוכט איבערן גאַנצן הויף און געשריען „בעטיע!" נאָר קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, און ווען דער הויף איז שוין געוואָרן ליידיק פון די קינדער, האָט זי זיך געלאָזט גיין אַהיים, מיינענדיק, אַז בעטיע איז אָן איר שוין פריער אַוועק אַהיים.

אָבער קומענדיק אַהיים, האָט זי בעטיען אויך דאָרט נישט גע-פונען. און ווען מען איז געגאַנגען צום אָוונטברויט און מען האָט בעטיען נישט געפונען ביים טיש, האָט מען פריידלען אָנגעהייבן אויספרעגן אויף בעטיען.

און פריידל האָט זיי געזאָגט:

— איך ווייס נישט. מיר האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף פון דער שול... געווען אַ סך קינדער. זי איז עפּעס פּלוצים נעלם גע-וואָרן...

מען האָט זי אָנגעהייבן זוכן אַרום דער שטוב, מען איז גע-לאָפן אין שול, געזוכט אַרום אַלע דאָרטיקע גאַסן, אָבער בעטיען האָט מען נישט געפונען.

מען האָט ביי די לעווינזאָנס איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע נאַכט.

לעווינזאָן אַליין איז אַוועק אין פּאָליציי און געבעטן, מען זאָל באַזונדער ענערגיש זוכן דאָס קינד און ער האָט צוגעזאָגט נישט צו שפּאָרן קיין געלט דערויף.

יענקלען האָט מען נישט געוואָלט מודיע זיין וועגן דעם שרעק-לעכן אומגליק, מורא האָבנדיק, אַז ער וועט עס נישט איבערלעבן. מען האָט געגלויבט, אַז מאָרגן וועט מען דאָס קינד אָפּגעפינען. ביי-נאַכט קאָן מען דאָך גאָרנישט טון—צו וואָס דאַרף מען דעם אומ-גליקלעכן פאָטער מודיע זיין?

דער מאָרגנדיקער טאָג האָט אָבער אויך קיין נייס נישט גע-געבן, און עס איז ביי די לעווינזאָנס געבליבן, מען זאָל אַרויסרופן יענקלען פון דאָרף

צומאָרגנס איז ער געקומען. נאָך אויפן וועג אין די קרעטש-מעס האָט ער זיך דערוווסט פון זיין גרויסן אומגליק, ווייל די פּאָ-ליציי האָט אין דער גאַנצער געגנט געזוכט דאָס פאַרפאַלענע קינד.

ווען יענקל איז געקומען צו די לעווינזאָנס, האָט מען אים קוים

דערקענט. ער איז ווי מיט אַמאָל גרוי געוואָרן, איינגעהויקערט, קלע־נער געוואָרן און זיינע אויגן, וועלכע האָבן זיך נישט אויסגעטריקנט פון טרערן, זענען טיף איינגעפאַלן.

מיט אַ ציטערדיקער פאַרוויינטער שטימע האָט ער זיך געקלאָגט פאַר די לעווינזאָנס:

— וואָס וויל מען פון מיין שיין קינד? פאַרוואָס פאַרגינט מען מיר נישט אַזאַ קינד! ווען זי איז געווען אַ קליין קינד, האָבן די צי־גיינער זי פון מיר אַוועקגעגנבעט, נאָר דעמאָלט האָט גאָט געטון מיט מיר אַ גרויסן נס און מען האָט די ציגיינער געכאַפּט. אָבער קיין נסים חזרן זיך נישט איבער אַלעמאָל. און פאַרוואָס גנבעט מען מיין קינד? דערפאַר וואָס גאָט האָט איר געגעבן חן און שיינקייט ביי מענטשן?.. מען זאָגט, אַז שיינקייט איז אַ מתנה פון גאָט, וואָלט מיין קינד בע־סער געווען מיאוס, ווי די נאַכט, וואָלט זי געווען אַ קאַליקע, אַבי מען זאָל ביי מיר נישט צונעמען מיין קינד. פאַר מיר איז שיינקייט אַ קללה, נישט קיין מתנה פון גאָט.

יענקל דאָז נישט אויפגעהערט אָפּצורעדן זיין פאַרביטערט, פאַר־בלוטיקט האַרץ, און אַלע ביי די לעווינזאָנס זענען געזעסן מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ.

— איך ווייס, אַז איך בין אַרומגערינגלט מיט אַ סך שונאים, וועלכע פאַרגינען מיר נישט מיין גליק, נאָר ווי אַזוי געפינט מען אָט די שונאים, וואָס האָבן מיך אָן אַ מעסער געקוילעט!

און ווען יענקל האָט אַזוי באַקלאָגט זיין גרויס אומגליק, איז גע־קומען איינער פון דער פּאָליציי און דערציילט, אַז אויספרעגנדיק אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך אין יענעם פאַרנאַכט געשפּילט, האָבן צוויי קינדער דערציילט, אַז אַן אַלטע פרוי אין פויערישע קליידער האָט גערעדט מיט בעטיען.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג. קיין נייע שפּורן זענען נישט אויסגעפונען געוואָרן. די באַצאָלטע פּאָליציי האָט געזוכט און געבישטערט איבער דער שטאָט און אַרום דער גאַנצער געגנט און גאָרנישט געפונען. אויך די לעווינזאָנס מיט בעטיעס אומגליקלעכן פאָ־טער האָבן דורך איבערגעגעבענע פריינט געזוכט, אָבער אָן ערפאָלג. עס איז נאָר געבליבן צו רעדן וועגן דער פרוי אין די פויערשע קליי־דער, וואָס האָט מיט בעטיען גערעדט, און מען איז געקומען צום באַ־שלוס, אַז זי האָט געמוזט אַוועקגנבענען דאָס קינד.

יענקל איז זיכער געווען, אַז זיין גרויס אומגליק נעמט זיך פון דאָרף סטאַניסלאַווקע, ווו צווישן גוטע פריינט האָט ער אויך בלוטיקע שונאים. און עס איז בײַ אים געבליבן, אַז נאָר אין דאָרף מוז ער זוכן די שפּורן. ער האָט געפילט, אַז פון זיין זיצן אין שטאָט בײַ די לעווינזאָנס וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער מוז זיך געפינען אין דאָרף. ער איז עפּעס זיכער געווען, אַז די פויערטע איז פון סטאַניס־לאַווקע. דערצו איז בײַ אים געבליבן, אַז ער זאָל דערציילן וועגן זיין אומגליק דעם אַלטן פּריץ.

דיזעלבע וואָך איז יענקל אַוועקגעפאָרן אין דאָרף. ער איז גלייך אַוועק צו זיין פּריץ, אים מודיע זיין, אַז ער קאָן מער נישט אַרבעטן בײַ זיינע געשעפטן, ביז ער וועט נישט געפינען זיין קינד.

דער אַלטער זאַלעווסקי האָט קוים דערקענט זיין יענקלען, אַזוי האָט זיך יענער געענדערט אין די עטלעכע טעג, זינט ער האָט אים נישט געזען.

פול מיט מיטגעפיל צו יענקלס אומגליק, האָט דער אַלטער פּריץ טרויעריק זיך פאַרטראַכט און דערנאָך געפרעגט:

— ווער־זשע האָט געקאָנט דיין קינד אַוועקרויבן פון דיר? ווע־מען איז דאָס נייטיק? איך קאָן עס נישט פאַרשטיין! האָסטו אויף עמעצן עפּעס אַ חשד?

— איך ווייס גאָרנישט! — האָט יענקל געבראָכן מיט די הענט. — איך ווייס נאָר... מיר דאַכט זיך אַזוי... אַז מיין אומגליק נעמט זיך פון דאָרף סטאַניסלאַווקע.

— פון מיין דאָרף? — האָט דער פּריץ פאַרוווּנדערט געפרעגט. — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?

— ווען איך ווייס, ווי אַזוי עס איז מעגלעך, וואָלט גוט געווען. איך ווייס אָבער גאָרנישט. מיין האַרץ זאָגט מיר נאָר, אַז איך האָב דאָ בלוטיקע שונאים.

— דו, יענקל, האָסט דאָ שונאים? — האָט דער פּריץ געזאָגט מיט אַ פאַרביטערטן שמייכל. — פאַרוואָס, וועמען האָסטו שלעכטס גע־טון? בײַ וועמען האָסטו עפּעס צוגענומען, דו זאָ.סט האָבן אַזעלכע שרעקלעכע שונאים, וואָס זאָלן דיר אָפּטון אַזאַ בלוטיק שפּיצל? דאָס איז נישט קיין אַרבעט פון שונאים, נאָר פון מערדער, פיל שרעקלע־כערע פון די, וואָס פאַלן אָן אויף מענטשן אין וועג אָדער אין די וועלדער. ניין, עס איז נישט מעגלעך, דו זאָלסט האָבן אַזעלכע שונאים.

דו ביזט, נעבעך, אומגליקלעך, דיינע יסורים זענען אומענטשלעכע, טראָגסטו זיך אַרום מיט קראַנקע פאַנטאַזיעס!

דער פריץ האָט זיך פלוצים אַ כאַפּ געטון:

— זאָג נאָר, יענקל, אפשר האָבן זי ווידער אַוועקגעגנבעט די פאַרשאָלטענע ציגיינער, ווי אַמאָל, ווען דיין בעטיע איז נאָך אַ קינד געווען?

— ניין, די פּאָליציי האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אין דער גאַנצער געגנט געפינען זיך איצט נישט קיין ציגיינער.

און יענקל האָט דערציילט, ווי צוויי קינדער האָבן געזען, אַז אַן אַלטע פרוי אין פויערישע קליידער האָט די לעצטע מינוט גערעדט מיט זיין קינד.

— איך בין זיכער — האָט ער ווייטער געזאָגט, — אַז די פויערטע געפינט זיך אין סטאַניסלאַווקע און קען גוט מיין קינד. אַנדערש וואָלט זי מיט דער פויערטע נישט גערעדט און נישט אַוועקגעגאַנגען מיט איר. ווער ווייסט, אפשר האָט די פויערטע איינגערעדט מיין קינד, אַז זי וועט מיט איר זיך אַ ביסל דורכפאָרן אין הויף אַריין, ווו זי בענקט, מעגלעך, נאָך די קינדער, מיט וועלכע זי איז אויסגעוואַקסן און האָט איר צוגעזאָגט, אַז דער וועג וועט לאַנג נישט דויערן און אַז נאָך דעמזעלבן אָוונט וועט מען זי אָפּברענגען צוריק אַהיים צו די לעווינזאָנס, נאָר אָנשטאָט אַהיים צו פאָרן, האָט זי מיין קינד ערגעץ אַוועקגעפירט?..

— עפּעס דערציילסטו, גלייך ווי דו ווייסט, ווער די מערדער זענען...

— איך ווייס גאָרנישט, נאָר מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז מער אָדער ווייניקער איז עס אַזוי געשען.

— אָבער ווער דאַרף דיין קינד?

— איך ווייס נישט, אָבער איך בין חושד, אַז דאָס האָבן אָפּגעטון מיינע שונאים.

— וועלכע שונאים און וואָס האָבן זיי צו דיר?

יענקל וואָלט קיינמאָל אויף דער פראַגע זיין פריץ נישט געענטפערט. נאָר זינט ער האָט פאַרלאָרן זיין קינד, איז אים געווען אַלצאיינס. ער האָט ליב געהאַט זיין פריץ פאַר זיין שטענדיקער גוטער באַציונג צו אים, אָבער איצט, אין זיין גרויסן אומגליק, איז ער געווען גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעם, און האָט געענטפערט, נישט וועלנ־

דיק טראַכטן אפילו, וואָס פון זיין ענטפער וועט אַרויסקומען.
ער האָט געזאָגט:

— דאָ, אין דאָרף פאַרגינט מען מיר נישט, וואָס דער פריץ איז אַזוי גוט צו מיר און גלויבט מיר אַ סך.

— ווער? — איז דער אַלטער פריץ מיט ציטערדיקע הענט אויפגעשפרונגען.—ווער פאַרגינט דיר נישט?

— אַלע אפילו אין הויף... זיי קאָנען נישט איבערטראָגן, וואָס אַזאַ גרויסער פריץ, ווי ז'ו, האָסט צו מיר אַזאַ צוטרוי...

— אפילו ביי מיר אין הויף, זאָגסטו? אפילו מיינע אייגענע מענטשן? ווער־זשע זענען זיי?

— דאָס ווייס איך נישט, נאָר איך פיל, אַז קיינער, אויסער דעם פריץ, באַגעגנט מיך דאָ נישט פריינטלעך. מען קוקט שטענ־דיק אויף מיר מיט בייזע אויגן. זיי האָבן זיך גענומען אויף מיין לעבן און האָבן מיין טויט אויסגעפירט אויף אַ שרעקלעכן אופן, וויסנ־דיק, אַז אָן מיין קינד בין איך אַ געשטאָרבענער...

דער אַלטער זאַלעווסקי, זעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ צער יענקל רעדט וועגן זיין שרעקלעכן אומגליק, האָט געפונען פאַר נייטיק מער וועגן דעם איצט ניט צו רעדן. דער פריץ האָט נאָר רויק געזאָגט:

— לאָמיר איצט מער וועגן דעם נישט רעדן. זאָג מיר בעסער, וואָס רעכנסטו איצט צו טון? דו זאָלסט וויסן, אַז איך בין גרייט אַלץ פאַר דיר צו טון און מיטהעלפן דיין קינד צו געפינען. דו זאָלסט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום געלט.

— איך בין זייער דאַנקבאַר דעם פאַן פאַר זיין גוט האַרץ צו מיר, — האָט יענקל געררירט געזאָגט און אין זיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. — מיר איז נאָר געבליבן איין זאַך צו טון: בלייבן אין דאָרף און נישט אַרויספאָרן פון דאַנען אפילו אויף איין שעה, ביז איך וועל דאָ געפינען מיין קינד. קיין אַנדערע וועגן, ווו צו זוכן מיין קינד, האָב איך נישט!

דעם אַלטן פריץ האָבן יענקלס ווערטער געקלונגען משונהדיק, אומגעלומפערט, און ער האָט זיך דערשראָקן, צי איז זיין יענקל צו־מאָל נישט משוגע געוואָרן פון גרויס צער און אַנגסט.

יענקל איז פאַרבליבן אין הויף און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס ער זיצט אין דאָרף, נישט אין שטאָט.

עס האָט זיי אויסגעוויזן, אַז ער איז צו רויק און זוכט נישט זיין

קינד און אַלע האָבן באַוווּנדערט זיין רויקייט און גלייכגילטיקייט.

נאָר יענקלס פאַרבלייבן אין דאָרף איז נישט געפעלן געוואָרן איי־ניקע אין הויף, ווי דער גוווערנאַנטקע זאָסיע, דעם פּריצס יינגערער שנור מאַרטע, די מאָנאַשקעס, וואָס פלעגן אָפט קומען אין הויף, און נאָך אַנדערע.

אָט די אַלע האָבן, ווי מעגלעך, אויסגעמיידט זיך צו באַגעגענען מיט יענקלען, און ווען דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן זיך יאָ באַגעגענען, און ווער שמועסט נאָך אין קאַבינעט פון אַלטן פּריץ, האָבן זיי נישט געקאָנט אויפהייבן די אויגן צו אים.

די ווייבער אין הויף, וואָס האָבן גענומען אָנטייל אין דער גרויסער מצווה, צו ראַטעווען אַ נשמה, האָבן אָפט צווישן זיך גע־רעדט וועגן דעם. באַזונדערס פלעגט רעדן די פרומע מאַרטע, וועלכע איז אַליין כמעט אירע אַלע מיידלשע יאָרן דערצויגן געוואָרן אין אַ קלויסטער-שולע.

— אַ גרויס רחמנות אויף אים, נאָר וואָס קאָן מען טון? ראַ־טעווען אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה איז העכער פון אַלץ. אונדזער דער־לייזער האָט מער געליטן! — האָט אַ מאָנאַשקע, וואָס איז געווען צו־גאַסט ביי מאַרטען, געזאָגט, פאַרגלאָצנדיק דערביי די אויגן צום הימל.

— אָבער וואָס טוט דער זשיד אין דאָרף? — האָט זאָסיע זיך אָנגערופן. — איך האָב גערעכנט, אַז ווען אים וועט טרעפן אַזאַ אומ־גליק, וועט זיין פוס דאָ מער נישט זיין. ער וועט אַוועקפאָרן אין שטאָט, וווּ זיין בעטיע איז פאַרפאַלן געוואָרן, און וועט מיט זיינע יידן זוכן זיין קינד. צום סוף ליגט ער דאָ מער, ווי פריער. ער פאָרט נישט אַוועק אפילו אויף איין טאָג. פריער פלעגט ער אַרומ־פאָרן וועגן דעם פּריצס געשעפטן און איצט גאָרנישט!

— איך מוז אייך אָפן זאָגן, — האָט זאָסיע ווידער גערעדט מיט צעשראָקענע אויגן, — אַז מיר געפעלט זייער נישט יענקלס זיין דאָ ביי אונדז אין דאָרף... איך האָב שטאַרק מורא, ער זאָל זיך דאָ עפּעס דערוויסן, און ווען דאָס זאָל געשען, וועט ער דערציילן אונ־דזער אַלטן פּריץ, און דאַן זענען מיר פאַרפאַלן!...

— ווי אַזוי קאָן ער זיך דערוויסן, אַז בעטיע איז שוין ווייט פון דאַנען!

— איך האָב זייער מורא פאַר דער שעפּעליוכע... זי איז דאָך

אַ פּראָסטע פּויערטע און זייער נישט קיין קלוגע... זי קאָן זיך אויס־פּלוידערן, בפרט נאָך, אַז זי וווינט אין שכנות מיט יענקלען און זיי מוזן זיך עפּטער באַגעגענען.

— האָב קיין מורא נישט, — האָט די מאַנאַשקע זי באַרויקט. — אמת, זי איז אַ פּראָסטע און אַ נאַרישע, אָבער זי איז זייער אַ פרו־מע, מיט לייב און לעבן אַן אונדזעריקע, און פאַר אַ הייליקער זאַך וועט זי גיין אין פייער אַריין, ווי אונדזערע אַמאָליקע שוועסטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט פּייניקן ביז צום טויט פאַר אונדזער הייליקער אמונה... מיט דער שעפּעליוכע מעגן מיר זיין רויק. הלוואי וואָלטן מיר אַזוי זיכער געווען מיט אַלע אַנדערע, ווי מיט איר!

זאָסיע האָט זיך אָבער אַלץ נישט באַרויקט, ווייל זי האָט גוט געוווּסט, אַז דער אַלטער פּריץ וועט זיך דערוויסן, וועט עס קיינעם אַזוי נישט שאַדן, ווי איר. אַלע וועלן בלייבן אויף זייערע ערטער און זי וועט מען ווי אַ הונט אַרויסטרייבן פון הויף. און אפשר וועט געשען נאָך ערגערס: מען וועט זי מאַכן פאַרן כפּרה־הינדל און פאַר פרעמדע זינד וועט זי די פּאָליציי באַשטראָפן. זי איז אַזוי עלנט און אָרעם. עס וועט זיך קיינער נישט געפינען, וואָס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען. דער איינציקער, וואָס וואָלט זיך אפשר יאָ פאַר איר אָננעמען, איז וולאַדיסלאַוו, נאָר ער איז אַוועקגעפאָרן ווייט, ווייט.

יעדעס מאָל, ווען זאָסיע האָט באַגעגנט יענקלען אָדער געזען אים פאַרבייגיין, פלעגט זי מיט ציטערניש זען אַ שרעקלעך בילד, ווי דער אַלטער פּריץ דערוויסט זיך פון איר אויפטו און וואַרפט זי מיט גרויס חרפּה אַרויס פון הויף... זי פאָרט אַוועק אין דער ערש־טער שטאָט, דרייט זיך אַרום איבער די גאַסן אַליין און עלנט, אָן אַ גראָשן אין קעשענע און הונגערט אַזוי ווי אין יענע צייטן, ווען זי איז אָנגעקומען אין הויף פאַר אַ גוווערנאַנטין צו די קינדער. און וועט איר שוין אפילו אָפּגליקן און זי וועט אויסגעפינען ערגעץ אַ שטעלע, ווי אַזוי וועט זי אָבער קאָנען לעבן אָן וולאַדיסלאַוון, וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק ליב און קאָן אים אויף קיין איין מינוט נישט פאַרלירן פון זכרון.

יענקלס פאַרבלייבן אין דאָרף איז פאַר זאָסיען געווען אַ גרויס אָפּקומעניש. די גרעסטע שטראָף אויף דער וועלט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט זי אַרומגיין אַ פאַרסמטע פון שרעק און ביינאַכט האָט זי נישט געקאָנט שלאָפן, מורא האָבנדיק פאַר יעדן שאָרך, אַז אָט־אָט

עפּנט זיך די טיר און מען קומט זי אַרעסטירן, אָדער אין בעסטן פאַל — אַרויסוואַרפן זי פון הויף.

זאָסיע איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ משוגענע און אַלץ געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון יענקלען, נאָר זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויסטראַכטן.

— ווען וולאַדיסלאַוו וואָלט דאָ געווען, וואָלטן מיר שוין געפינען אַ מיטל ווי זיך צו באַפרייען פון זשיד, נאָר אָן אים, וואָס קאָן איך אַליין טון?

און דאָס איינציקע האָט זאָסיע יאָ געטון: יעדעס מאָל האָט זי די ווייבער, וועלכע האָבן געוווינט אָנטייל אין בעטיעס פאַרשווינדן, דערמאָנט וועגן דער גרויסער געפאַר פון יענקלס געפינען זיך אין הויף.

— איר זאָלט געדענקען, אַז סוף כל סוף וועט זיך יענקל אַלץ דאָ דערוויסן, און דעמאָלט וועלן מיר זיך נישט אויסצאָלן ביים פּריץ...

— נאָר שרעקט זיך נישט... — האָבן די מאָנאַשקעס זי באַרויקט. — יענקלס טאָכטער איז נישט איינע ביי אונדז אין די קלויסטערס און אַז מען דערוויסט זיך אַמאָל וועגן איינער, איז נישט אַזאַ אומגליק. אין ערגסטן פאַל, ווען מען דערוויסט זיך און מען האָט קיין אַנדער ברירה נישט, מוז מען אָפּגעבן צוריק, און אַ ייד האָט פיינט צו פילדערן וועגן אַזעלכע זאַכן... באַקומט ער נאָר זיין קינד צוריק, ווערט ער שטיל. נאָר וועגן אַזאַ גערעכטן קינד, ווי בעטיע, איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן. זי פאַרבלייבט אויף אייביק ביי אונדז...

זאָסיע האָט זיך אַ ביסל באַרויקט. נאָר נישט באַרויקט האָט זיך אָבער יענקל, אונטער זיין אויסערלעכער שטילקייט און רויקייט האָט געקאָכט אַ העלליש פייער און געברענט אַ גאַנצער גיהנום. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך באַגעגענען אָדער זען פאַרבייגיין די ווייבער פון הויף, האָט ער אין זייער באַציונג צו אים דערקענט, אַז זיי ווייסן, ווו זיין קינד געפינט זיך, און אַז אפשר איז דאָס אויך זייער אַרבעט. ער האָט דאָס געפילט מיט אַלע זיינע אברים, אָדער ווי ער פלעגט זאָגן: „מיין האַרץ זאָגט מיר". נאָר וואָס מען טוט, אַז מען זאָל זיי קאָנען צווינגען צו רעדן און אויסצוזאָגן, ווו זיין טאָכטער געפינט זיך, האָט ער נישט געוווסט. און דאָס העללישע פייער מיט דעם גאַנצן גיהנום האָבן וואָס אַמאָל נאָך שטאַרקער געברענט אין אים

אָפּט פלעגט אים זאָסיע אָדער מאַרטע אָפּשטעלן און אים טרייסטן אויף זיין גרויס אומגליק און בעת מעשה אים אויספרעגן, צי האָט ער עפּעס נישט געפונען אַ שפּור וועגן זיין טאָכטער.

און אפילו אין זייער טרייסטן און נאָכפרעגן האָט ער געפילט, אַז זיי ווייסן מער וועגן זיין בעטיען, ווי ער.

די לעווינזאָנס, מורא האָבנדיק פאַר זיין געזונט, פלעגן יענקלען רופן צו זיך אין שטאָט, צוזאָגנדיק אים צו געבן אין פאַבריק אַ באַ־שעפטיקונג, אָבער יענקל האָט וועגן דעם נישט געוואָלט הערן, ווייל כל־זמן ער האָט זיך געפונען אין דאָרף, האָט ער נאָך געהאַט אַ האָ־פענונג צו געפינען זיין טאָכטער. פאָרט ער אָבער אַוועק — באַדאַרף ער זי שוין באַוויינען, ווי אַ טויטע...

* *

*

עס איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנצער חודש, זינט בעטיע איז פלוצים און אַזוי אומגעריכט פאַרשוונדן געוואָרן.

דעם גאַנצן טאָג פלעגט יענקל זיך אַרומדרייען ביים פריץ אין קאַבינעט. נאָר פאַרנאַכט פלעגט ער זיצן אין דרויסן אויף דער „פריז־בע”, ביי זיין הייזל, און קוקן אויף גאָטס וועלט און אין דער דאָזי־קער וועלט זוכן מיט די אויגן זיין קינד. ער פלעגט זי זוכן אויפן הימל צווישן די וואָלקנס און צווישן די שטערן און אין זיינע מחשבות האָט ער געהאַלטן אין איין טענהן מיט דעם, וואָס לעבט אייביק.

ווי אַ פרומער ייד פלעגט ער בעטן, אַז גאָט זאָל מיט אים טון אַ צווייטן נס און זיין טאָכטער זאָל זיך געפינען. נאָר פלוצים איז ער געוואָרן אויפגערעגט און געלעסטערט גאָט...

— האָסט ביי מיר צוגענומען מיין פרוי און די מוטער פון מיין קינד... דו האָסט מיר געגעבן אַ געראָטן שיין קינד, און איצט איז זי אויך נישטאָ... ווען זי שטאַרבט, ווייס איך כאָטש, ווו עס ליגט איר געביין!.. דו שטראָפסט מיך אַזוי שטאַרק און איך ווייס נישט, פאַר־וואָס. דו ביזט אומגערעכט קעגן מיר!”

יענקל האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך. אַלץ האָט געבליט. די עטלעכעביימער אַרום זיין הייזל האָבן זיך צעוואַקסן; דער גאָרטן, וואָס זיין שכנה, די שעפעליוכע, פלעגט באַאַרבעטן, און דערפאַר מיט דעם גרינוואַרג זיך טיילן מיט יענקלען, האָט זיך שוין אויך צע־שפּראָצט.

— אַלץ בליט און לעבט, נאָר מיין קינד איז נישטאָ! מיט וואָס האָב איך דיך, גאָט, אַזוי דערצאָרנט? איז דען נישטאָ קיין רשעים אויף דער וועלט, וואָס דו זאָלסט זיי שטראָפן?

יעדעס מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט שפּרינגט אַרויס בעטיע פון הינטערן גאָרטן, אָדער פון צווישן די ביימער און לויפט צו צו אים מיט אַ געלעכטער און ער נעמט זי אויף זיינע שטאַרקע קני, ווי זי האָט שטענדיק אַזוי ליב געהאַט צו זיצן און זיך הוידען, און ער גלעט זי איבער איר גאָלדן קעפעלע.

יענקל האָט געטראַכט, ווי גליקלעך ער איז געווען, ווען ער האָט געהאַט זיין קינד מיט זיך, און פול מיט ווייטיק האָט ער צו זיך געזאָגט:

— ניין, איך וועל לאַנג נישט לעבן... איך פיל עס, אַז איך קאָן אָן מיין קינד נישט לעבן!

פלוצים האָט יענקל דערהערט, ווי שטילע באָרוועסע פיס דער־נענטערן זיך צו אים. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען די אַלטע שעפעליוכע.

כמעט יעדן אָוונט, נאָך אַלע אַרבעטן, פלעגט זי צוקומען צו יענקלס פריזבע, זיך צוזעצן און שמועסן אַ ביסל וועגן די נייס אין דאָרף, און יענקל פלעגט דאָס רוב מער הערן, ווי רעדן.

באַזונדערס האָט זי נישט פאַרפעלט קיין אָוונט, זינט יענקל האָט זיין קינד פאַרלוירן און ער פלעגט זיצן אַליין אויף דער פריזבע.

מיטן גרעסטן רחמנות פלעגט די שעפעליוכע מיטפילן זיין גרויס אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן, און זיצנדיק לעבן יענקלען, האָט זי נישט אויפגעהערט אים צו טרייסטן, און אָפט פלעגן זי די טרערן אָנהייבן צו שטיקן אין האַלדז און זי פלעגט זיך צעוויינען פון גרויס רחמנות צו אים.

כאָטש די שעפעליוכע האָט פאַרנאַרט דאָס קינד און זי איבער־געגעבן די מאָנאַכיניעס, האָט זי אויף דעם אומגליקלעכן יענקלען רחמנות געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן און געוואָלט אים העלפן אָדער פאַרגרינ־גערן אין זיין גרויסן אומגליק.

די שעפעליוכע איז געווען זייער אַ פרומע און פאַנאַטיש אי־בערגעגעבן דעם הייליקן קלויסטער מיט די שוועסטער מאָנאַכיניעס. דער קלויסטער מיט זיינע דינער זענען געווען איר גאַנץ לעבן. זי איז אַזוי געווען איינגעגלויבט, אַז ווען מען זאָל איר הייסן גיין קוילען

אַ מענטשן, וואָלט זי עס געוויס געטון, פול מיט רחמנות צו דעם קרבן, ווייל זי וואָלט געגלויבט, אַז זי טוט אַ הייליקע זאַך.

דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט יענקלען. די שעפּעליוכע, וועלכע האָט געוווינט אין צווייטן הייזל פון יענקלען, איז געווען אַ גוטע און לייטישע שכנה. זי האָט נאָך געקענט יענקלס פאָטער און יענקלען אַליין אַלס יינגל.

פון זינט יענקלען האָט געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק, איז די שעפּעליוכע כמעט יעדן אָוונט צוגעגאַנגען צו זיין פריזבע טרייסטן אים, אָדער אַ גוט וואָרט זאָגן. עס איז איר געווען שווער צוצוזען יענקלס צער. דער מענטש, האָט זיך איר געדאַכט, גייט אויס, ווי אַ ליכטל פון אַנגסט...

און אָט, ווען יענקל מיט דער שעפּעליוכע זענען אַזוי געזעסן אויף דער פריזבע, האָט ער גענומען באַקלאָגן זיין פינסטער מזל. אין זיינע פיינלעכע ווערטער איז ער אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעהייבן לעסטערן גאָט מער ווי אַלעמאָל. די שעפּעליוכע האָט אָבער יעדעס מאָל פאַרענטפערט גאָט, אַז ער ווייסט, וואָס ער טוט און אַלע זיינע מעשים קאָן אַ בשר ודם נישט פאַרשטיין און וואָס גאָט טוט, דאַרף מען אָנעמען פאַר ליב.

יענקל האָט זי שטיל אויסגעהערט. ער האָט אונטערגעשפּאַרט זיין פריצייטיקן, האַלב גרויען קאָפּ אויף ביידע הענט און געשוויגן. נאָר פּלוצים האָט ער זיך צעוויינט הויך אויף אַ קול.

די שעפּעליוכע האָט זיך דערשראָקן. עס האָט זי שטאַרק פאַרכאַפּט ביים האַרצן פון גרויס רחמנות, און זי האָט זיך אויך צעכליפּעט גלייך מיט יענקלען.

דאָס האַרץ האָט איר געפּלאַצט פון אימה און פּיין. זי האָט געקוקט אויף דעם יידן דורך הייסע טרערן און גענומען שטאַמלען:

— גאָט וועט מיר איצט מוזן מוחל זיין... יענקל, איך ווייס פון דיין קינד, יענקל... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן... איך אַליין האָב פאַרנאַרט דיין קינד... גאָט ווייסט, איך בין נישט שולדיק... איך האָב שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, דיר נישט צו זאָגן... דער גרויסער גאָט אין הימל וועט מיר מוזן מוחל זיין!...

און די שעפּעליוכע האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן מיט טרערן.

יענקל האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווי פון שלאָף. ער האָט נישט

געגלויבט זיינע אייגענע אויערן, וואָס ער האָט איצטער געהערט. אַ פּאָר מינוט האָט ער געפּלאָפּלט עפּעס מיט די ליפּן און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט עס ווי אין חלום. שוין זשע רעדט עס די אַלטע שעפּעליוכע!

און יענקל האָט זי אָנגעכאַפּט בייביידע הענט, און טרייסלענדיק זי, האָט ער מיט איין אָטעם געפרעגט:

— און דו זאָגסט דעם אמת?

— ווי גאָט איז אמת!

— ווען און ווו האָסטו זיך געזען מיט מיין קינד?

די אַלטע האָט געשטאַמלט:

— פאַרנאַכט... עטלעכע שטערן זענען שוין געווען אויפן הימל... קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפן הויף פון דער שולע, ווו זיי לערנען... בעטיעלע האָט מיך באַלד דערקאָנט און זיך זייער דערפרייט מיט מיר... אַ ביסל האָבן מיר גערעדט און באַלד איז זי אַוועק מיט מיר...

און יענקל האָט געשריגן:

— אמת! אמת! ווו זשע איז איצט מיין בעטיעלע? פיר מיך באַלד צו מיין קינד!

די שעפּעליוכע האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און נישט געענטפערט.

— וואָס זשע שטייסטו? וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס פירסטו מיך נישט צו מיין קינד?

— איך ווייס נישט וווהין דיך צו פירן... איך ווייס נישט, ווו דיין קינד געפינט זיך איצט! — האָט די שעפּעליוכע געענטפערט.

יענקל האָט זי ווידער געכאַפּט ביי די אַלטע הענט און זי נישט אָפּגעלאָזט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט נישט, ווו מיין קינד איז? דו אַליין זאָגסט דאָך, אַז דו ביזט אַוועק מיט בעטיעלען? ווו זשע האָסטו זי איבערגעלאָזט?

— איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת, — האָט די שעפּעליוכע געענטפערט.

די אַלטע האָט חרטה געקריגן, וואָס זי האָט אָנגעהייבן צו רעדן מיט יענקלען, נאָר זי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין

פאַרפאַלן און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— איך האָב מיט דיר, יענקל, אָנגעהייבן צו רעדן פון גרויס רחמנות... דאַרפסטו מיר קיין שלעכטס נישט טון...

— איך וויל קיינעם קיין שלעכטס נישט טון! איך וויל נאָר צוריק האָבן מיין קינד לעבן זיך... און ווייטער זאָל אַלעמען, פאַר מיינע גרויסע יסורים, גאָט משפטן.

— אָט אַזוי רעדסטו, יענקל, קלוג און אָרנטלעך... איך האָב רחמנות געהאַט אויף דיר, וויל איך נישט, דו זאָלסט מיר אָדער ווע־מען עס איז פון אונדזערע באַצאָלן מיט שלעכטס.

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך וויל נאָר זען מיין קינד לעבן זיך און ווייטער זאָלן אַלע איבערקומען אויף אַנדערע הענט.

— זאָגסטו מיר עס צו?

— געוויס, דו ווייסט דאָך, אַז מען קאָן שטעלן אויף מיין וואָרט.

— נו, אויב אַזוי, איז גוט... איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת, אַז איך ווייס נישט, ווו דיין קינד געפינט זיך איצטער. גאָט איז מיין עדות, אַז איך ווייס נישט...

— ווו זשע האָסטו איבערגעלאָזט מיין בעטיעלען, און ווער האָט דיר געהייסן פאַרנאַרן מיין קינד?

— זאָסיע און אַ מאָנאַשקע... זיי האָבן מיר געהייסן דיין מיי־דעלע ברענגען צו דער גרעבלער קרעטשמע... דאָרטן האָבן זיי גע־זאָגט בעטיעלען, אַז זיי וועלן נאָך זי היינט אָפפירן אַהיים צו די לעווינזאָנס. איך האָב זיך מיט זיי אַלע געזעגנט און איך בין אַוועק־געפאָרן צו זיך אַהיים. נאָר ווו זי איז איצטער, ווייס איך נישט... גאָט איז מיין עדות, אַז איך ווייס נישט! איך האָב נישט געקאָנט צוזען דיינע צרות, ווי דו ליידסט אַזויפיל, האָב איך רחמנות גע־קריגן אויף דיר און האָב דערציילט... וואָס זשע פאַר אַ שלעכטס האָב איך דיר געטון? דו דאַרפסט נישט זיין אויף מיר אין כּעס. איך האָב נאָר געטון, וואָס גאָטספאָרטיקע מענטשן האָבן מיר געהייסן.

יענקל האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ. אָבער ווען ער איז גע־קומען צו זיך, האָט ער זי געבעטן און פאַרזאָגט, אַז זי זאָל קיינעם נישט דערציילן, אַז זי האָט עפּעס גערעדט מיט אים וועגן זיין קינד.

— וואָס האָב איך צו רעדן? — האָט זי געענטפערט און מיטן גאַנצן האַרצן האָט זי געווונטשן יענקלען, ער זאָל זיין טאָכטער וואָס גיכער געפינען, אָבער נישט זי און נישט קיינער זאָלן דערפון נישט ליידן.

יענקל האָט איר ווידער צוגעזאָגט, אַז ער וויל נאָר האָבן זיין קינד צוריק און ווייטער גייט אים קיין זאַך נישט אָן. ער זוכט נישט קיין נקמה אין ווּעמען עס איז. זאָל זיי גאָט באַשטראָפן פאַר זייערע שרעקלעכע יסורים.

שפּעט אין דער נאַכט האָבן די צוויי שכנים פאַרלאָזט די פּריזבע.

יענקל האָט די גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. דאָס האַרץ האָט זיך געוואָרפן אין אים, דער קאָפּ האָט אים געברענט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג צו זיין פאַרלוירן קינד.

זיין ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז מאָרגן וועט ער גיין צום אַלטן פּריץ און אים אַלץ דערציילן און ער איז זיכער געווען, אַז דער פּריץ וועט אַלץ טון, מען זאָל אים אומקערן זיין קינד.

קוים איבערגעקומען די נאַכט, איז ער צומאָרגנס אַוועק אין הויף, און איידער דער אַלטער פּריץ איז געקומען צו זיך אין קאַבי־נעט, האָט שוין יענקל געוואַרט אין פאָדערהויז.

— וואָס איז געשען, יענקל? וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט.

און ווען זיי זענען אַריין אין קאַבינעט, האָט יענקל אים אַלץ דערציילט.

אויסהערנדיק יענקלען, האָט דער אַלטער פּריץ געציטערט פון אויפרעגונג. ער האָט געטרייסלט מיט די פויסטן און געשריגן:

— ביי מיר אין הויף קומען פאָר אַזעלכע זאַכן! און ביי וועמען האָבן זיי צוגענומען אַ קינד? ביי מיינעם אַ מענטשן, וואָס דינט מיר געטריי אַזויפיל יאָרן!

דער אַלטער זאַלעווסקי איז דעם גאַנצן טאָג געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט דאָסמאָל קיינעם נישט אויפגענומען ביי זיך אין קאַבינעט. יענקלען האָט ער געזאָגט, ער זאָל קומען מאָרגן, דערביי האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז דאָס קינד וועט ער אויסגע־פינען.

— איך בין אַן אַלטער שרה, — האָט ער געזאָגט, — און איך האָב נאָך אַ ביסל כּוחות. זיי רויק, יענקל!

יענקל איז אַוועק פון פּריץ מיט טרויעריקע מחשבות.

— ווער ווייסט, — האָט ער געטראַכט, — צי מיין קינד לעבט נאָך! און אויב זי לעבט יאָ, האָט מען זי שוין אפשר אָפּגעשמדט...

יענקל איז געווען זיכער, אַז מען האָט זיין קינד אַוועקגעפירט אין אַ קלויסטער. פאַרנאַרט מען דאָך יידישע קינדער, דערהויפּט מיידלעך, און מען שמדט זיי אָפּ. איצט האָט אים דאָס אומגליק גע־טראָפן. יענקל איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס די שפּעליוכע האָט אים צו שפּעט דערציילט.

— שוין מער ווי אַ חודש צייט, ווער ווייסט, וואָס מיט מיין קינד איז פאָרגעקומען! — האָט ער זיך נישט אויפגעהערט צו פּלאָגן מיט אַזעלכע שרעקלעכע רעיונות.

דער צווייטן טאָג, ווען יענקל איז געקומען אין קאַבינעט, האָט זיך דער אַלטער פּריץ דערשראָקן פאַר זיין אויסזען.

— דו זעסט דאָך אויס ווי אַ מת! — האָט דער אַלטער פּריץ אים באַגעגנט. — נאָר אַ מת קאָן אַזוי אויסזען! דו מוזט זיך שטאַרקן אין דיין אומגליק. איך וויל האָפן, אַז דו וועסט נאָך זען דיין קינד און אַז עס וועט זיין באַשערט, וועט עס געשען גאָר אינגיכן!

דעם פּריצס ווערטער האָבן אין דעם יידן אַריינגעזעצט אַ נייע נשמה און מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך איינגעהאַלטן פון וויינען.

יענקל איז בטבע געווען אַ שטאַרקער מענטש און ער האָט נישט געוווסט, וואָס הייסט וויינען. אפילו ווען זיין ווייב איז גע־שטאָרבן, וואָס עס איז געווען דאָס גרעסטע אומגליק אין זיין לעבן, האָט ער אויך נישט געקאָנט וויינען. פון זיין ווייבס טויט האָט ער זייער פיל געליטן, נאָר וויינען האָט קיינער יענקלען נישט געזען. אָבער זינט עס האָט זיך געטראָפן דאָס אומגליק מיט זיין קינד, איז ער אינגאַנצן שוואַך געוואָרן. זיינע שטאַרקע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן און ער פלעגט כּסדר וויינען. ווען ער האָט גערעדט אָדער ווען ער האָט געטראַכט וועגן זיין קינד, האָבן זיך אים גע־שטעלט הייסע טרערן אין די אויגן.

אויך איצט, הערנדיק דעם פּריצס ווערטער, האָט ער זיך שיער

נישט צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, אָבער מיט אַלע זיינע לעצטע כּוחות האָט ער זיך איינגעהאַלטן.

— איך האָב נעכטן אַ גאַנצן טאָג געטראַכט, פון וועלכער זייט זאָל איך אָנהייבן זוכן דיין קינד אַראָפּצונעמען די בושה פון מיין הויף, און איך האָב באַשלאָסן, אַז עס דאַרף געטון ווערן שטיל, אָן בזיונות. פּאָליציי דאַרף דערוויל נישט וויסן. איך קאָן דאָך נישט דערלאָזן, אַז אויף מיין הויף, אויף מיין הויז זאָל פאַלן אַ פלעק...

דערנאָך האָט דער אַלטער זאַלעווסקי געשריען מיט גרויס גרימ־צאָרן:

— עס איז דאָך קלאָר אַז מיינע הויזלייט האָבן דאָ אויך אַ ידן.

קאַפּיטל צען.

דער ריכטיקער וועג.

דער אַלטער פּריץ זאַלעווסקי איז געווען אַ פרומער קאַטאָליק די גלחים און די העכערע קאַטוילישע גייסטלעכע האָבן אים געשעצט און גרויס דרך-ארץ געהאַט פאַר אים. ער אַליין האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען אין זיין לאַנג לעבן איז אים אַ פּאָר מאָל אויסגעקומען צו זיין אַ שמד-פאָטער פון אַ געראַטעוועטער נייער נשמה פאַר דער קאַטוילישער קירכע. ער איז אָבער שטענדיק געווען אַ שטאַרקער קעגנער פון ברענגען מיט געוואַלט מענטשן צום שמד, ווי מען האָט זיך די לעצטע יאָרן נוהג געווען אין יענער סביבה, באַזונדערס אין די פּרויענמאָנאַסטירן, ווו מען האָט מיט געוואַלט פאַרנאַרט און אָפּגעריסן יונגע קינדער פון יידישן שטאַם מיטן צוועק זיי צו שמדן...

אַ מענטשן, וואָס איז פון אַן אַנדער גלויבן איבערגעגאַנגען מיט דעם גוטן ווילן אין דער קאַטוילישער קירכע, איז דער אַלטער זאַלעווסקי געווען גרייט צו העלפן מיט אַלץ און אפילו מיט געלט. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט געהערט, אַז מען האָט מיט געוואַלט ערגעץ פאַרנאַרט אַ קינד, פלעגט ער ווערן אויפגערעגט, און אַזעלכע „פרומע" קאַטאָליקן פלעגט ער אָפט אָנרופן פאַרברעכער.

און איצט, ווען אַזוינס איז געשען מיט זיין מענטשן, מיט זיין יידן, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר אַן אָרנטלעכן און טרייען אַרבעטער, איז ער געווען אויסער זיך פון אויפרעגונג.

באַזונדערס שווער איז אים געווען איבערצוטראָגן, וואָס אין זיין

הויף, אין זיין הויז געפינען זיך מענטשן, וועלכע האָבן אַ יד אין דעם דאָזיקן העסלעכן חטא.

דער אַלטער שטאָלצער אַריסטאָקראַט האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל פאַרבלייבן שטיל, קיינער זאָל פון דער גאַנצער געשיכטע נישט וויסן. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זיין הויף זאָל אויף זיך טראָגן אַזאַ שאַנד־פלעק, אַז ביי אים אין הויז זאָלן אָפּגעטון ווערן זאַכן, פון וועלכע ער ווייסט נישט.

— מען דערלויבט זיך אָן מיין וויסן צו טון אַזעלכע זאַכן, — האָט דער אַלטער זיך געקלאָגט פאַר יענקלען, — איך וועל עס נישט דערלאָזן! מיינע קינדער, און באַזונדערס מיין עלטערער זון וולאַדיסלאַוו, קוקן שוין לאַנג אַרויס, איך זאָל זיי איבערגעבן אַלע געשעפטן און איך זאָל זיך אָפּרוען אויף דער עלטער. אָבער כּל־זמן איך לעב נאָך, וועל איך דאָס קיינמאָל נישט טון! איך בין דאָ דער איינציקער באַלעבאָס! און נאָך מיין טויט זאָלן זיי טון, וואָס זיי ווילן. ביי מיין לעבן וועל איך זיי די ירושה נישט איבערגעבן!

דער אַלטער פריץ האָט פיל גערעדט וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן זיך כּלל נישט אָנגעקערט מיט דעם אומגליק, נאָר ער איז גע־ווען זייער פאַרביטערט און האָט זיך אָפּגערעדט דאָס האַרץ.

צום סוף האָט ער ווידער געזאָגט יענקלען, אַז ער זאָל זיין רויק.

— איך וועל זיך נישט פאַרלאָזן אויף קיינעם. איך גלויב זיי קיינעם נישט! אַליין וועל איך דיין קינד אויפזוכן.

נאָכדעם, ווי דער אַלטער פריץ האָט נאָכאַמאָל פאַרזיכערט יענקלען אַז ער זאָל רויק און געדולדיק וואַרטן ביז ער וועט אים שיקן רופן האָט ער זיך מיט אים פריינטלעך געזעגנט.

מיטאָגצייט, ווען אַלע זענען געזעסן אַרום טיש, האָט דער אַל־טער פריץ געזאָגט, אַז ער פאָרט אין שטאָט אַריין וועגן געשעפט און וויל קויפן פאַרשידענע זאַכן פאַרן הויז, וועט ער מיטנעמען זאָסיען, זי זאָל אים מיטהעלפן אין וועג. אַגב, האָט זי שוין לאַנג זיך געבעטן פאָרן אין שטאָט אַריין אויף אַ פּאָר טעג.

זאָסיע האָט זיך זייער געפרייט, וואָס זי פאָרט אין שטאָט. ער־שטנס, וויל זי זיך מאַכן אַ פּאָר נייע קליידער און, צווייטנס, וויל זי זיין אין טעאַטער און בכלל אַ ביסל אָפּטרייסלען פון זיך דאָס דאָרפי־שע לעבן. בפרט נאָך, ווען זי פאָרט צוזאַמען מיטן אַלטן פריץ, וועל־

בער איז שטענדיק גוט צו איר און האָט זי קיינמאָל נישט געלאָזט אויסגעבן איר געלט, נאָר ער האָט פֿאַר אַלץ אַליין געצאָלט.

באַלד נאָכמיטאָג האָט מען געשפּאַנט די קאַרעטע און זאָסיע איז פֿריילעך אַרויסגעפֿאָרן צוזאַמען מיטן פּריץ.

אָפּפֿאָרנדיק עטלעכע וויאָרסט פֿון דאָרף, האָט דער אַלטער פּריץ אָנגעהייבן מיט איר רעדן אויף פֿראַנצויזיש, אין דער שפּראַך, וואָס זי פֿלעגט לערנען מיט די קינדער אין הויף.

ער האָט בכּיוון גערעדט אויף אַ פֿרעמדן לשון, כּדי דער אָנטרייבער פֿון די פֿערד זאָל נישט פֿאַרשטיין וועגן וואָס זיי רעדן.

— זאָסיע, — האָט ער אָנגעהויבן, — דו ווייסט, אַז זינט דו ביזט ביי מיר אין הויז, בין איך געווען צו דיר גוט, ווי צו אַלע מיינע מענטשן, וואָס זענען מיר איבערגעגעבן, און איך גלויב, אַז דו האָסט זיך קיינמאָל אויף מיר נישט געהאַט צו באַקלאָגן...

— צוליב וואָס זאָגט עס דער פּריץ? — האָט זאָסיע פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט. — איך האָב זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף אייך.

— איך זאָג עס אַנטקעגן דעם, וואָס נישט קוקנדיק דערויף, האָסטו מיר אַזויפֿיל שלעכטס געטון...

— איך? — האָט זאָסיע מיט שרעק געפֿרעגט.

— יאָ, דו... אפשר האָסטו עס געטון אָן אַ שלעכטער כּוונה, אָבער אַזוי איז עס אַרויסגעקומען... נישט נאָר מיר, מיין גאַנץ הויז האָסטו שלעכטס געטון. נאָר וואָס זאָל איך דיך פּייניקן מיט רעטענישן? איך וועל דיר גלייך זאָגן: זאָסיע, איך ווייס פֿון אַלץ, וואָס עס איז געטון געוואָרן מיט יענקלס קינד...

די גוווערנאַנטקע האָט זיך אַזוי דערשראָקן און אָנגעהייבן אַזוי צו ציטערן, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט — אָט פֿאַלט זי אַרויס פֿון דער קאַרעטע.

דער אַלטער פּריץ האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און זי באַרויקט.

— דו האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל דיך דערפֿאַר קיין שלעכטס נישט טון, ווייל איך ווייס, אַז דו האָסט עס נישט געטון צוליב שלעכטס, נאָר נאַרישע מענטשן, וואָס מיינען, אַז מיט אַזעלכע מעשׂים טוען זיי גאָט אַ גרויסע טובֿה, האָבן דיך אָנגערעדט... דו זעסט דאָך, מיין ליבע, אַז איך ווייס אַלץ, דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר באַלד זאָגן, ווער איז די

מאָנאַשקע, וואָס האָט צוזאַמען מיט דיר צוגענומען יענקל בערשטערס קינד פון דער שפּעליוכעס הענט?

דערבײַ האָט ער אָנגערופן דעם טאָג און די צײַט, ווען דאָס איז געשען.

— איך וויל וויסן, — האָט דער פּריץ ווידער אָנגעהייבן, — וווּהין האָט איר דאָס קינד אַוועקגעפירט און ווו געפינט זיך עס איצט?

זאָסיע איז געזעסן אַ בלאַסע און אַן אײַנגעקאָרטשעטע אין דרייען און זיך פאַרוקט אין אַ ווינקל פון דער קאַרעטע.

דער פּריץ האָט געזאָגט:

— דו שרעקסט זיך אומזיסט... איך פאַרזיכער דיך, אַז איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טון. אַלץ וועט נישט נאָר בלײַבן שטיל, ווי געווען, נאָר איך וועל דיר זײַער דאַנקבאַר זײַן, ווען דו וועסט מיר זאָגן דעם ריינעם אמת. דו זעסט דאָך, אַז איך ווייס פון אַלץ!

זאָסיע האָט געשוויגן. אירע ליפּן האָבן זיך אָנגעהייבן באַוועגן עפּעס צו זאָגן. אָבער זי האָט גאָרנישט אַרויסגערעדט.

דער פּריץ האָט געוואַרט, זי זאָל אַ ביסל קומען צו זיך, אָבער ער איז געווען רויק און זיכער, אַז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג.

ענדלעך האָט זיך זאָסיע אָנגערופן, כאַפּנדיק דערבײַ דעם פּריצס האַנט, זי געקושט מיט טרערן אין די אויגן:

— איך בין נישט שולדיק...

און ער האָט ווײַטער געזאָגט:

— איך באַשולדיק דיך נישט, זאָסיע. דו זאָג מיר נאָר, ווער איז די מאָנאַשקע און ווו געפינט זיך איצט יענקלס קינד?

— איך ווייס נישט... — האָט זאָסיע געענטפערט.

אַלץ האָט דער אַלטער פּריץ דערוואַרט פון זאָסיען, נאָר נישט אַזאַ ענטפער, און האָט מיט אַ באַליידיקטן טאָן זיך אָנגערופן:

— דו רעדסט מיט מיר איצטער אַזעלכע ווערטער! ווי קענסטו אַזוי רעדן? איך ווייס, אַז דו מיט אַ מאָנאַשקע האָבן צוגענומען דאָס קינד בײַ דער שפּעליוכע...

זי האָט קוים געענטפערט:

—עס איז אמת, ווי דער פּריץ זאָגט, אָבער איך זאָג אויך דעם ריינעם אמת: די מאָנאַשקע האָט בײַ מיר צוגענומען דאָס מיידעלע און

איך בין אַוועק אין הויף אַריין... ווו יענקלס קינד איז איצט, ווייס איך נישט...

דער אַלטער זאַלעווסקי איז געווען צעפרידן מיט דעם ענטפער און ער האָט געבעטן זאָסיען, זי זאָל אים מוחל זיין, וואָס ער האָט פריער געטראַכט שלעכטס וועגן איר און האָט זי ווידער געלאַסן גע־פרעגט:

— ווער איז די מאָנאַשקע? צו וועלכן קלויסטער געהערט זי?

—זי איז איינע פון די, וועלכע קומען אָפט צו אונדז אין הויף... איר האָט זי ביי אייך אין קאַבינעט נישט איינמאָל געזען, ווען זי איז געקומען בעטן אַ נדבה פאַר אַ הייליקן צוועק.

— ווער קען זיי אַלע געדענקען, וואָס נעמען ביי מיר נדבות? רוף מיר בעסער אָן איר נאָמען און דעם קלויסטער, ווו זי געפינט זיך.

ווען זאָסיע האָט סוף כל סוף אָנגערופן דעם נאָמען פון דער מאָ־נאַשקע און דעם קלויסטער, האָט דער אַלטער זאַלעווסקי איר געדאַנקט פאַר איר אמת זאָגן און מער דעם גאַנצן וועג וועגן דעם נישט גערעדט.

זאָסיע, פאָרנדיק אין דער קאַרעטע, וועלכע האָט זיך גרינג און שטיל געקאַטשעט, האָט געהאַט צייט צו באַטראַכטן איר לאַגע, ווייל זי איז נאָך אַלץ נישט געווען רויק, אַז די געשיכטע מיט יענקלס קינד זאָל זיך אַזוי גרינג ענדיקן פאַר איר.

דער אַלטער פריץ האָט באַמערקט איר פאַרזאָרגט פנים און ער האָט איר באַכאַמאָל פאַרזיכערט, אַז איר וועט גאָרנישט שאַטן. ער וויל נאָר אומקערן יענקלען זיין קינד. שאַדן וועט נאָר דעם, וואָס עס וועט פרווון נישט זאָגן דעם אמת וועגן דער פאַרברעכערישער געשיכטע— האָט ער שטרענג פאַרענדיקט.

ווען זיי זענען געקומען אין שטאָט, האָט ער, ווי שטענדיק, זיך אָפגעשטעלט ביי זיינעם אַ קרוב, אַ רייך גרויס הויז.

דאָ האָט ער געזאָגט זאָסיען:

— דו וועסט דאָ אין הויז בלייבן ביז איך וועל קומען אָדער שיקן נאָך דיר. דו פאַרשטייסט אַליין, וווהין איך פאָר איצט! איך וויל דיך נישט מיטנעמען, ווייל איך פאַרשטיי, אַז עס וועט דיר איצט זיין נישט אַזוי ליב זיך צו באַגעגענען מיט דער מאָנאַשקע... איך וועל שיקן, ווי עס איז, זיך באַגיין אָן דיר.

אַ פּאָר שעה צייט האָט נאָך דער אַלטער פריץ דאָ אָפּגערוט און פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט זאָסיען, זי זאָל וועגן דער טרויעריקער געשיכטע מיט קיינעם אַ וואָרט נישט רעדן און זי זאָל פאַרברענגען אַזוי לאַנג, ביז ער וועט איר מודיע זיין, אַז זי קען צוריקפאָרן אַהיים!

צום מאָנאַסטיר, וועלכן זאָסיע האָט אָנגערופן, איז געווען אינ־גאַנצן אַ פופציק וויאָרסט.

אין מאָנאַסטיר האָבן שוין געברענט לאָמפּן, ווען דער אַלטער זאַלעווסקי איז אַהין אָנגעקומען. ער איז גלייך צוגעפאָרן צום עלטסטן קסיאָנדז, ווי ער, דער רייכסטער גוטבאַזיצער אין דער סביבה, איז געווען אַ גרויסער גאַסט.

מיד פון וועג, האָט ער וועגן דעם צוועק פון זיין קומען איצט נישט גערעדט, און נאָך אַ גרינגער וועטשערע מיט אַן אַלט גלאָז וויין, וואָס מען האָט נאָך געקענט באַקומען פון די אַלטע קעלערס אין מאָ־נאַסטיר, האָט אים דער קסיאָנדז געבענטשט און מען איז געגאַנגען שלאָפן.

אויף מאָרגן, ווען מען האָט זיך אין מאָנאַסטיר דערוווּסט, אַז דער אַלטער פריץ איז געקומען אַלס גאַסט, האָבן זיי זיך שטאַרק גע־פרייט. עס איז געווען אַ יום־טוב, ערשטנס, דערפאַר, וואָס דער אַל־טער זאַלעווסקי איז פרומער געוואָרן און האָט אָנגעהייבן צו באַזוכן דעם מאָנאַסטיר און, צווייטנס, דערפאַר, וואָס ער וועט אוודאי איבער־לאָזן ביים אַוועקפאָרן אַ פעטע מטבע.

בייטאָג האָט דער אַלטער פריץ דערציילט דעם קסיאָנדז צוליב וואָס ער איז געקומען און האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן יענקל בערשטערס קינד.

דער קסיאָנדז האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרחדושטע אויגן און געהייבן מיט די אַקסלען.

—זי איז שוין אָבער דאָ נישטאָ... זי איז שוין זייער ווייט...

— איך וויל נישט וויסן פון קיין זאַך! מען קען דאָס קינד ברענגען אפילו פון ווייט, אָדער זאָגט מיר, ווו זי געפינט זיך, וועל איך אַליין פאָרן נאָך איר...

אין מאָנאַסטיר האָט זיך שטאַרק גערודערט. אַלע האָבן זיך גע־וואונדערט, וואָס דער פרומער זאַלעווסקי האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַר־אינטערעסירט מיטן יידישן קינד. מען האָט אָבער מורא געהאַט זיך

איינצורייסן מיט אים און נאָך פֿיל רייד און סודען צווישן אייַנאַנדער, איז געבליבֿן, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, אַז מען מוז יענקל בערשטערס קינד אָפּגעבֿן צוריק צו איר פֿאָטער. אָבער דער אַלטער זאַלעווסקי האָט געמוזט פֿאַרזיכערן, אַז קיינער טאָר נישט וויסן און עס זאָל זיין שטיל, ווי גלייך עס איז גאָרנישט געשען.

— איז דאָס קינד נאָך נישט געשמדט? — האָט דער אַלטער געפֿרעגט.

— דערווייל נישט, עס האָט באַדאַרפֿט געשען היינטיקע וואָך, — האָט מען אים געענטפֿערט.

דער אַלטער פֿריץ איז געווען זייער צופֿרידן, וואָס ער איז געקומען אין דער צייט, ווייל נאָכן שמדן וואָלט מען זי אַזוי גרינג נישט געקענט אָפּנעמען און אומקערן צוריק צו איר יידישן פֿאָטער.

און דער אַלטער זאַלעווסקי אַליין וואָלט מורא געהאַט צו טון אַזאַ זאַך קעגן קלויסטער...

אויף אַזאַ גוטן סוף האָט ער זיך גאָרנישט געריכט.

ביים אַוועקפֿאָרן האָט דער פּאַן זאַלעווסקי איבערגעלאָזט פֿאַרן מאָנאַסטיר אַ גרויסע נדבה און געדאַנקט דעם קסיאָנדז פֿאַר זיין מיט־העלפֿן אים אין זיין שווערער אַרבעט.

— וואָס קען מען טון? ווען איר זאָגט, אַז עס מוז אַזוי זיין, קען מען אייַך נישט אָפּזאָגן! עס איז אָבער אַ גרויסער שאָדן פֿאַר אונדז... זי איז אַזאַ געראָטן קינד און וואָלט געווען אַ גוטע טאָכטער פֿאַר אונדזער קלויסטער... — האָט דער קסיאָנדז צוגעזיפֿצט.

דער אַלטער פֿריץ האָט געשוויגן. ער האָט ביי זיך גוט גע־ ווסט, אַז ווען ער זאָל נישט האָבן אַזעלכע זיכערע באַווייזן, אַז דאָס קינד איז ביי זיי אין די הענט, וואָלט עס אים אויך נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ער האָט וועגן דעם קיין סך נישט געוואָלט רעדן און ער האָט נאָר געפֿרעגט:

— ווען זע איך דאָס קינד?

— עס קען אַזוי גיך נישט געשען. זי געפֿינט זיך צו וויט... עס מוז געדויערן עטלעכע טעג.

דער אַלטער פֿריץ האָט געוואָלט נאָך פֿאַרבלייבן און וואַרטן ביז מען וועט ברענגען דאָס קינד, אָבער מען האָט אים פֿאַרזיכערט, אַז עס איז איבעריק. פֿאַרקערט, עס איז גלייכער, ער זאָל אַוועקפֿאָרן.

עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז יענקל בערשטערס מיידעלע

ווען מען ברענגען אין דעמזעלבן אָרט, פון וואַנען מען האָט זי גע־נומען, דאָס הייסט אין דער שטאָט וו—קע אין לעווינזאָנס הויז.

* *
*

דער פריץ זאַלעווסקי האָט זיך אומגעקערט אין דאָרף סטאַניס־לאַווקע צוזאַמען מיט זאָסיען, גלייך עס איז גאָרנישט געשען.

די ווייבער פון הויף האָבן זי אויסגעפרעגט, ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט אין שטאָט און זי האָט דערציילט, אַז מען איז געווען אַ פאָר מאָל אין טעאַטער, אַרומגעגאַנגען צווישן די קראָמען, גע-קויפט פאַר זיך שטאָף אויף צוויי קליידער, עס אַוועקגעגעבן דעם בעסטן שניידער, און ווען עס וועט פאַרטיק ווערן, וועט זי מוזן נאָכ-אַמאָל צוליב דעם פאָרן אין שטאָט אַריין.

איר באַלעבאָס, דער אַלטער פריץ איז זייער געווען צופרידן מיט זאָסיעס האַלטונג. דעם אמתן סוד פון דער נסיעה האָט אין הויף קיינער נישט געוווּסט.

דער פריץ האָט געשיקט רופן יענקלען, וועלכער איז, נישט קוק־נדיק אויף די גוטע האָפענונגען, געווען האַלב קראַנק פון די לעצ־טע איבערלעבונגען.

פון זינט ער האָט זיך דערוווּסט פון דער שפּעקוליע און דערהויפּט פון דער מינוט אָן, וואָס דער פריץ איז אַוועקגעפאָרן, האָט ער טאָג מיט נאַכט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זיין בעטיען.

די שרעקלעכע געדאַנקען, אַז טאָמער געפינט מען איצט נישט זיין קינד, האָט אים קראַנק און משוגע געמאַכט. דער שלאָף און דער אַפּעטיט צו עסן איז אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן.

ווען יענקל איז געקומען, האָט זיין פריץ זיך נאָכמער דער־שראָקן פאַר זיין אויסזען, ווי דאָס פריערדיקע מאָל.

יענקל איז געשטאַנען מיט אַרויסגעשטעקטע אויגן, און ציטערנ־דיק מיטן קערפּער, האָט ער געוואַרט, וואָס דער פריץ וועט אים זאָגן וועגן זיין קינד.

און דער פריץ האָט געזאָגט:

— פאָר באַלד אַוועק קיין וו—קע צו די לעווינזאָנס, וווּ דיין קינד איז פאַרפאַלן געוואָרן... איך גלויב, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען זי אַהין ברענגען. איך וויל, יענקל, אַז דו זאָלסט טאַקע באַלד

אַוועקפאָרן, אויך דערפאַר, ווייל ווי איך זע, ביזטו ערנסט קראַנק און דו טוסט גאָרנישט! אַז דו וועסט זיין אין שטאָט, גיי אַריין צו אַ דאָקטאָר...

— אמת, איך פיל, אַז איך בין שוואַך און נישט געזונט, אָבער ווען איך וועל זען מיין קינד, וועל איך באַלד געזונט ווערן...

— איינס צום צווייטן געהער זיך נישט אָן... דו מוזט זיך ערנסט היילן און פאַרבעסערן דיין געזונט... ערשט דעמאָלט, ווען דיין קינד וועט קומען צוריק צו זיך, מוזטו געזונט זיין!

— איך וועל אַזוי טון, ווי דער פריץ הייסט מיר, — האָט יענקל געזאָגט. — און אָן ווערטער, מיט הייסע טרערן באַדאַנקט דעם פריץ. דער אַלטער זאַלעווסקי איז געווען גערירט פון אַזאַ מין דאַנקבאַרקייט און נאָר זיין שלאַכטשיטשער שטאָלץ האָט אים נישט דערלאָזט זיך צוצוויינען.

יענקל איז קוים דערפאָרן צו די לעווינאָנס, ווו ער האָט זיך גלייך געלייגט אין בעט אַ קראַנקער און מען זהאָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר.

* *
*

נאָך יענקלס אַוועקפאָרן האָט דער פריץ מיט באַדויערונג דער־ציילט פאַר אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים מיטאָג אַרום טיש, אַז יענקל איז זייער קראַנק און אַז ער האָט אים אַוועקגעשיקט קיין ו—קע צו די דאָרטיקע דאָקטוירים.

באַלד נאָכדעם האָט זאָסיע אַוועקגעשיקט אַ בריוו קיין אויס־לאַנד צו זיין עלטערן זון וולאַדיסלאַוו, אַז יענקל איז געפערלעך קראַנק. זיין פאָטער האָט אים אַוועקגעשיקט אין שטאָט צו דאָקטוי־רים און עס איז כמעט ווי זיכער, אַז דער זשידעק וועט אַזוי גיך נישט קומען צוריק אין דאָרף.

דערביי האָט זאָסיע געשריבן, אַז איצטער וואָלט זייער נויטיק געווען, ווען ער, וולאַדיסלאַוו, וואָלט געווען דאָ. זיין פאָטער איז געבליבן אַליין און ווער עס זאָל איצטער פירן זיינע געשעפטן, איז נישטאָ.

אויך האָט זי אים געשריבן, אַז זיין פאָטער איז אַלט און שוואַך און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך פאָרקומען. דעריבער, האָט זי איבערגעחזרט אין איר בריוו, וואָלט זייער נויטיק געווען,

ער זאָל קומען צופאָרן ווי צום גיכסטן.

זאָסיע האָט זיך קיינמאָל אַזוי גליקלעך נישט געפילט, ווי אין דער לעצטער צייט.

דער פּלאַן אָפּצוטרייבן, אָפּצורייסן דעם זשיד פון דעם רייכן פּריץ האָט זי געהאַלטן פאַר געלונגען. פריער האָט זי אַלץ געציטערט פאַר שרעק, טאָמער דערוויסט זיך דער אַלטער פּריץ, אַז זי האָט אַנטייל גענומען אין דעם קינדס פאַרשווינדן. איצט אָבער, נאָך די פּחדים, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז אַלץ איז פאַר איר אַריבער בשלום. זי האָט נאָר געטראָגן אַ האַרץ מיט נקמה קעגן דער „נאַרישער" שעפּעליוכע, וואָס זהאָט אַלץ דערציילט. זי, די דאָזיקע שעפּעליוכע, האָט פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע.

איר נקמה אָבער האָט זי אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווען די צייט וועט קומען. זי איז זיכער געווען, אַז וולאַדיסלאַוו, דער־האַלטנדיק דעם בריוו, וועט באַלד קומען. ער וועט אָנהייבן פירן זיין פאָטערס געשעפטן נאָך ביי זיין לעבן, און וועט אַלץ קאָנען טון, וואָס ער וועט נאָר ווילן.

— און וויפל וועט ער עס נאָך לעבן! — האָט זאָסיע געטראַכט וועגן דעם אַלטן פּריץ.

וולאַדיסלאַוו, האָט זי געטראַכט, פירנדיק די געשעפטן, וועט שוין פאַרשפּאָרן צו בעטלען ביי זיין פאָטער, ער זאָל אים געבן געלט אויף זיינע הוצאות. ער וועט שוין אַליין האָבן אַ סך געלט. דענסט־מאָל וועט זי מאַכן אַן אינטערעסאַנטע נסיעה קיין אויסלאַנד מיט אים צוזאַמען.

איר פאַנטאַזיע איז געגאַנגען ווייטער: אייביק וועט דער אַל־טער דאָך נישט לעבן און דענסטמאָל, ווען וולאַדיסלאַוו וועט ווערן אַליין באַלעבאָס איבער אַזאַ גרויס פאַרמעגן, וועט ער נישט מורא האָבן חתונה צו האָבן מיט איר.

— טרעפט דען נישט אויף דער וועלט, אַז אַן אָרעם מיידל — אַ גוווערנאַנטקע האָט חתונה אפילו פאַר אַ רייכן גראַף אָדער פירשט?

און זאָסיע האָט זיך געזען אַלס פרוי פון דעם רייכסטן גוטבאַ־זיצער וולאַדיסלאַוו זאַלעווסקי. זי וועט זיין די באַלעבאָסטע פון דעם גאַנצן הויף מיט דעם וווּנדערשיינעם פּאַלאַץ. זי, זאָסיע, וועט זיין די פּריצטע פון עטלעכע דערפער, פעלדער און וועלדער, מילן און

גוראַלניעס. און צו איר וועלן אויך געהערן די שטאַלן מיט זיי בעס־טע פערד און די שענסטע קאַרעטעס.

— ווער וועט דענסטמאָל זיין גלייך צו מיר! — האָט זי גע־טראַכט. — איך וועל אַהער אַראָפּברענגען מיין אָרעמע מוטער מיט מיינע שוועסטער און ברידער. זיי וועלן לעבן ביי מיר, ווי די גראַפן און מען וועט נישט וויסן וואָס צו טון פון גליק און פרייד.

אין איר גרויסקייט האָט זי אויך נישט פאַרגעסן אין אירע שונאים, מיט וועלכע זי וועט זיך דענסטמאָל אָפּרעכענען. די ערשטע כפרה וועט זיין די שפעליוכע, וואָס האָט אַלץ דערציילט, כדי אָנ־צורעדן שלעכטס אויף איר.

— אַ גליק, וואָס דער אַלטער פריץ איז זיך גוט באַגאַנגען מיט מיר, — האָט זאָסיע זיך געזאָגט. — אַ גליק, וואָס מיר איז איינגעפאַלן צו זאָגן דעם ריינעם אמת... דעם אַלטן איז עס געפעלן געוואָרן און ער האָט מיר קיין שלעכטס נישט געטון.

און טראַכטנדיק ווייטער וועגן איר גדולה, וואָס איר שטייט פאָר אין לעבן, האָט זי זיך דערמאָנט, ווי זי האָט געזען דעם זשיד פאַרבייפאָרן אין דעם פריצס קאַרעטע צוזאַמען מיט אַ דינער, וואָס זאַ־לעווסקי האָט געשיקט מיט אים אַלס באַגלייטער.

— דאָס לעצטע מאָל פאָרט ער אין „אונדזער" קאַרעטע! — האָט זאָסיע געזאָגט און דעם זשיד באַשאָטן מיט טויטע קללות, ווי מיט אַ האָגל.

פאפיסל עלף.

ווידער ביי די לעווינזאָנס.

אַ קראַנקער איז יענקל געלעגן אין בעט. די דאָקטוירים האָבן איינגעפונען, אַז ער איז ערנסט קראַנק, אָבער זיי האָבן נישט געקענט אָנרופן זיין קראַנקהייט. זיי האָבן געזאָגט, אַז אַלץ איז אין אים צעשרויפט און ער איז אַזוי אָפּגעשוואַכט פון די לעצטע איבערלעבונגען, אַז דאָס האַרץ קלאַפּט אים שוואַך.

די דאָקטוירים האָבן פיל האָפענונג געלייגט אויף דעם טאָג, ווען זיין קינד וועט קומען צו אים און ער וועט זי ווייטער האָבן לעבן זיך. דער קראַנקער אַליין האָט אויך געגלויבט, אַז נאָר זיין בעטיעלע קען אים ראַטעווען און יעדן טאָג האָט ער געוואַרט, אַז זי וועט קומען. ער איז געווען אין דעם זיכער, ווייל ער האָט געגלויבט אין זיין פריץ, אַז ער וועט זי געפינען, ווו זי זאָל נישט זיין.

פון יעדן שאָרך, פון יעדן סקריפּ ביי דער טיר, האָט ער געוואַרט, אַז זיין טאָכטער קומט אַריין און אָט פון דער דאָזיקער אומרויקייט איז דעם קראַנקן אַלץ ערגער געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן נישט געוווסט, פאַרוואָס די לאַגע פון דעם קראַנקן ווערט אַלעמאָל ערגער? נאָר זיי זענען שוואַך געווען קעגן דעם עפּעס צו טון. זיי האָבן אים נאָר אַלעמאָל פאַרשריבן נייע מיטלען, פון וועלכע ער פלעגט אָפט איינשלאָפן.

און איינמאָל, עפענענדיק די אויגן, האָט ער דערזען זיין בעטיעלען לעבן זיין בעט. ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן און ער

האָט געמיינט, אַז ער זעט זי אין חלום, ווי עס פלעגט אָפט מיט אים פּאַרקומען. ער האָט געקוקט אויף איר אָן חערטער, מיט אַ פּנים פול ליידן. נאָר ווען ער האָט אַרום זיין בעט אויך געזען די לע־ווינזאָנס מיטן דאָקטאָר און דערהערט די זיסע שטימע פון זיין שיין טעכטערל, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעהייבן דעם קאָפּ, זיך אַנידערגעזעצט אין בעט, אַרומגעכאַפּט זיין קינד, זי געדריקט צום האַרצן און עפּעס ווי איינגעזאַפּט זי אין זיך.

— דו ביזט עס, בעטיעלע? דו ביזט טאַקע געקומען צוריק צו מיר?—האָט ער נישט אויפגעהערט צו פרעגן.

— אוודאי איך, טאַטעלע, ווער דען? — האָט זי געענטפערט מיט איר יונג קולכל. — איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר, אַזוי גע־בענקט... איצטער וועל איך שוין אין ערגעץ נישט גיין אָן דיר...

בעטיעלע האָט נישט אויפגעהערט מיט אירע ווייסע הענטלעך צו גלעטן איבערן פּנים איר „טאַטעלע" און מען האָט געזען, ווי יענקלס אויגן גיסן זיך אָן מיט טרערן פון פרייד.

— ביזטו טאַקע געקומען?—האָט ער אַלץ איבערגעפרעגט.

— אוודאי בין איך געקומען...

— ווי אַזוי־זשע האָסטו דאָרטן, נעבעך, געלעבט?

— גאַנץ גוט... נאָר איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר און נאָך אייך אַלע!

דערביי האָט זי אָנגעוויזן אויף די לעווינזאָנס, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם קראַנקנס בעט.

— איך פלעג בעטן און וויינען, מען זאָל מיך אָפּפירן צוריק אַהיים, האָבן זיי געזאָגט, אַז מען וועט מיך אָפּפירן. אָבער ערשט נעכטן אינדערפרי, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך פאָר אַהיים... איך האָב אַזוי געבענקט!... אַזוי געבענקט!...

און בעטיע האָט אַלעמען, וואָס האָבן זיך איצטער געפונען אין צימער, געפרעגט:

— פאַרוואָס האָבן זיי מיך אַזוי לאַנג געהאַלטן און נישט גע־וואָלט מיך אָפּפירן אַהיים?

דער דאָקטאָר האָט געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פון צימער, דער קראַנקער זאָל פון אַזאַ „באַגעגעניש" זיך אַ ביסל אָפּרוען.

ביי די לעווינזאָנס איז די שמחה געווען זייער גרויס, און פון פרייד האָט מען עפּטער געזאָגט:

— אָ, ווען יענקל וועט געזונט ווערן, וועלן מיר מאַכן אַ גרויסן יום־טוב! זאָל ער נאָר געזונט ווערן! אַ גרויסער נס איז געשען, אַ גרויסער נס!

און לעווינזאָן האָט געזאָגט צו זיין פרוי:

— דו הערסט, ברײַנע, ווען יענקל וועט, אם ירצה־השם, אויפשטיין פון בעט, וועלן מיר מאַכן נישט נאָר אַ סעודה, נאָר אַ חתונה... אַ קלייניקייט, וואָס פאַר אַ גרויסן נס גאָט האָט אונדז געטון מיט אונדזער הויז.

— זאָל ער נאָר וואָס גיכער געזונט ווערן, רבונו של עולם! מיר זענען נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען פאַר דעם גרויסן חסד, וואָס ער האָט געטון מיט אונדז!

בעטיע מיט פריידעלען האָבן זיך זייער דערפרייט, וואָס זיי זענען ווידער צוזאַמען און האָבן זיך געשפּילט, ווי שטענדיק, ווי גלייך עס איז גאָרנישט געשען. און אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי שוין ווידער ביידע געגאַנגען אין שול אַריין לערנען. און אַלץ האָט זיך ביי די לעווינזאָנס אין הויז געפירט, ווי פריער, נאָר יענקל איז נאָך פון בעט נישט אויפגעשטאַנען, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער ליגט שוין אַזוי גאַנצע דריי וואָכן ביי די לעווינזאָנס און מען איז געווען זייער פאַרזאָרגט וועגן זיין קראַנקהייט.

אין אַ פרימאָרגן איז צו לעווינזאָנס הויז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע, געשפּאַנט מיט פיר פערד נאָשפּיץ. פון דער קאַרעטע איז אַרויסגעגאַנגען דער אַלטער סטאַניסלאַווקער פּריץ זאַלעווסקי. ער האָט געפרעגט אויף יענקל בערשטער און איז אַריין צו אים אין צימער.

יענקל, דערזעענדיק זיין פּריץ ביי זיך אין צימער, האָט זיך מיט אַלע כּוחות געפּרוּווט אויפצוהייבן פון בעט, נאָר דער פּריץ האָט עס אים פאַרבאָטן. ער האָט פאַר זיך צוגערוקט אַ שטול און זיך געזעצט לעבן קראַנקן.

יענקל האָט געכאַפּט דעם פּריצס האַנט, זי שטאַרק געדריקט און אָפּגעדאַנקט, וואָס צוליב זיין מי, האָט מען אומגעקערט זיין קינד צוריק, נאָר דער פּריץ האָט אים געהייסן ליגן רויק.

— איך בין געקומען זען, וואָס דו מאַכסט אין געזונט און איך וואָלט אויך געוואָלט אָנקוקן דיין שיין טעכטערל.

יענקל האָט אָנגעקלונגען מיטן גלעקל, וואָס איז געשטאַנען ... אים אויף אַ טישל. עס איז אַריינגעקומען לאה.

— שיק מיר אַריין בעטיעלען, — האָט יענקל געבעטן.

— זי איז נאָך אין שול. זי דאַרף דאָך באַלד קומען, וועל איך זי אַריינשיקן.

ווען לאה איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער אַלטער פּריץ מיט יענקלען זיך אָנגעקוקט נישט ווי אַ רייכער פּריץ, אַ באַלעבאָס מיט אַן אָרעמען יידישן דינער, נאָר ווי צוויי איבערגעגעבענע אַלטע פריינט.

יענקל האָט באַמערקט, ווי זיין פּריץ איז מיטאַמאָל נאָך עלטער געוואָרן און אַז זיין פּנים איז פול מיט זאָרג. ער האָט אָבער זיך נישט דערוועגט אים צו פרעגן וועגן דעם. איבעריקנס, האָט דער אַלטער זאַלעוועקי אַליין אָנגעהייבן רעדן וועגן זיך:

— נישט גוט, יענקל... דו ביזט נישט געזונט, און איך פיל זיך די לעצטע צייט אויך זייער שוואַך... די אמתע אַלטקייט גייט, מיין טייערער! דערצו איז מיין ליבער זונדעלע שוין געקומען צוריק פון אויסלאַנד. עס איז אים שוין נמאס געוואָרן, זאָגט ער, אַרומצוגיין ליידיק... ער וויל אַרבעטן און מיר העלפן פירן די געשעפטן. וואָס קאָן איך ענטפערן אַ קינד דערויף? האָב איך זיך געטראַכט: זאָל זיין! אפשר וועט ער טאָקע, ווי אַ לייטישער זון, העלפן זיין אַלטן פאָטער. האָב איך אים אַריינגעזעצט ביי מיר אין קאַבינעט, ער זאָל מיר העלפן פירן די געשעפטן, און דערווייל זע איך מער נישט, ווי ער נעמט געלט פון דער קאַסע אָן אַ חשבון, פאַרשרייבט אפילו נישט, און אַז די קאַסע איז ליידיק אַמאָל, נעמט ער ביי די סוחרים געלט עד לחשבון. איך וואָלט אים געקאָנט פאַרבאָטן צו טון אַזעלכע זאַכן, איך לעב דאָך נאָך! און קיינער קאָן מיר קיין דעה נישט זאָגן. נאָר אַז איך וועל זיך מיט אים צעקריגן, מיט וועמען וועל איך בלייבן — איך בין דאָך אַליין און אַזוי שוואַך אין געזונט...

דער אַלטער פּריץ האָט שווער געזיפצט. דער קראַנקער יענקל האָט אים אין דעם אויך געהאָלפן. דאָס גאַנצע צימער האָט זיך ווי אָנגעפילט מיט טרויער און אומעט. פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און די פריילעכקייט אַליין איז אַריין און מיטאַמאָל אַרויסגעטריבן דעם אומעט...

בעטיעלע איז אַריין צו איר קראַנקן פאָטער אין צימער. זי איז נישט אַריינגעגאַנגען, נאָר אַריינגעפלויגן, ווי מיט צוויי פליגלען, די טיר פון צימער האָט זיך נישט געעפנט, נאָר צעשפּרייט און זי

איז אַריינגעשפּרונגען מיט איר קלינגענדיקן קולכל, און אין איין מי־נוט איז זי פול געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך. דער טרויער איז מיט־אַמאָל פאַרשוווּנדן און דאָס גאַנצע צימער איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט יונגקייט, פרייד און לעבן.

דער אַלטער זאַלעווסקי האָט גאָר אויפגעלעבט און אויף דעם קראַנקנס פּנים האָט זיך צעגאָסן אַ גליקלעכער שמייכל.

— האָסט מיך גערופן, טאַטע? — האָט בעטיעלע געפרעגט.

— יאָ, איך וויל, דו זאָלסט אָפּדאַנקען דעם פּריץ פאַר זיין גוטסקייט צו אונדז. ווען נישט דעם פּריצס גוטסקייט, וואָלסטו נישט געזען דיין טאַטן...

בעטיעלע האָט פאַרווונדערט געקוקט מיט אירע בלויע אויגן, אונטערגעשפּרונגען צום פּריץ, געמאַכט אַ „קניקס", ווי מען האָט זי אויסגעלערנט אין דער שולע און מיט פאַרדרייטלטע בעקעלעך האָט זי אים אָפּגעדאַנקט אויף פראַנצויזיש, כאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַ־נען, פאַרוואָס קומט אים צו דאַנקען? נאָר זי האָט אים געקענט, אַז ער איז דער פּריץ פון הויף, אַז ער איז דער עלטסטער, אַז אַלע אין „הויף" פאָלגן אים און האָבן גרויס דרך־ארץ פאַר אים, און אַז דער טאַטעליו לויבט אים שטענדיק, אַז ער איז אַ גוטער און אַז אפילו ער, דער טאַטעליו, האָט אויך גרויס דרך־ארץ פאַר אים.

דער אַלטער פּריץ האָט זי מיט דער האַנט צוגעצויגן צו זיך און איר געגעבן אַ קוש אין שטערן, דערביי האָט ער אַרויסגענומען אַ גאָלדענעם פאָדעם, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ קליינער גאָלדע־נער מעדאַליאָן, ווו אויף איין זייט איז געווען אויסגעקריצט „בעטיע" און דער טאָג, ווען זי איז אַרויסגעפאָרן פון מאָנאַסטיר. דערביי האָט דער פּריץ געעפנט דעם מעדאַליאָן און געוויזן בעטיען צוויי קליי־נינקע פאָטאָגראַפיעס: אויף איין זייט דעקל איז געווען אַ בילד פון אַ יינגעלע און אויף דער צווייטער זייט דער אַלטער פּריץ אַליין.

— אוי, וואָס פאַר אַ שיין יינגעלע! — האָט בעטיע געזאָגט.

דער אַלטער פּריץ האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון, ווייל די ביידע בילדלעך האָבן באַוויזן ווי ער האָט אויסגעזען, אַלס פינפ־יעריק יינגעלע און דאָס צווייטע ווי ער האָט איצט אויסגעזען, צו זעכציק און זיבעציק יאָר...

דעם מעדאַליאָן מיט דעם קייטעלע האָט ער געשענקט בעטיען. יענקל האָט איר געהייסן ווידער אָפּדאַנקען דעם פּריץ, בעטיע

האָט נאָכאַמאָל געמאַכט אַ „קניקס" און אַ גליקלעכע, מיט דער מתּנה אין דער האַנט, איז זי פריילעך אַרויסגעשפּרונגען פון צימער.

ביידע, דער פּריץ מיטן יידן, זענען געבליבן מיט זייערע טרויעריקע געדאַנקען.

— נו, איך וועל שוין גיין, — האָט דער פּריץ געזאָגט.—דו זאָלסט גישט זאָרגן, יענקל! דו ביזט נאָך אַ יונגערמאַן, דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו נאָך אַרבעטן און וועסט נאָך דערלעבן פיל גוטס. איך האָף, אַז ווען דו וועסט קומען צוריק, וועלן מיר, אויב גאָט וועט מיר נאָר שענקען יאָרן, נאָך אַרבעטן צוזאַמען...

דער פּריץ האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין אָרט אין אַרונטערגערוקט אונטער יענקלס קישן אַ פּעקל אַסיגנאַציעס.

— דאָ האָסטו דיין געהאַלט, וואָס דיר קומט פאַר דער גאַנצער צייט. דו זאָלסט פאַר זיך נישט שפּאָרן... דו מוזט זען געזונט צו ווערן!

יענקל האָט זיין פּריץ געוווּנטשן אַלדאָס גוטס און מיט דאַנקבאַרע אויגן אים באַגלייט ביז דער טיר.

ביי דער טיר האָט זיך דער אַלטער זאַלעווסקי אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— זאָלסט פון מיר גריסן דעם אַלטן לעווינזאָנען. איך וואָלט אים באַזוכט, נאָר איך בין מיד און האָב נאָך אַ סך צו טון אין שטאָט.

נאָך דעם פּריצס אַוועקגיין האָט יענקל מיט באַדויערונג געטראַכט פון זיין גוטן באַלעבאָס און אַ גרויס רחמנות האָט אים אָנגעכאַפּט, ווייל יענקל האָט גוט געוווּסט, וואָס דאָס הייסט, ווען דער תּכשיט וולאַדיסלאַוו באַלעבאַטעוועט.

אין אַ שעה אַרום איז אַריינגעקומען צו יענקלען אין צימער דער אַלטער שמחה לעווינזאָן.

— דער פּריץ זאַלעווסקי איז דאָ געווען ביי דיר? זייער שיין פון זיין זייט.

— יאָ, ער איז געווען און געבעטן אייך לאָזן גריסן. ווען איר וואָלט געווען אינדערהיים, וואָלט ער געוויס אויך מיט אייך זיך געזען.

— אַ שאָד, איך וואָלט אים באַדאַרפט זען. איך קען נישט אַרויסקריכן מיט זיין האָלץ, וואָס איך האָב געקויפט. איצטער איז דער גאַנצער פירער דאָרטן זיין עלטערער זון וולאַדיסלאַוו און

ער קוקט נאָר אין דער יד אַריין, און ווען איך וועל אים געבן געלט, וועל איך נישט זען—נישט קיין האָלץ און נישט קיין געלט. ווי קען מען אַזאַ הולטאַי עפּעס געטרויען?

— וולאַדיסלאַוו וועט שוין מאַכן אַ שיינעם תּכלית פון דעם אַלטן פּריץ, — האָט יענקל געזאָגט מיט אַ זיפץ, — דער פּריץ האָט זיך איצטער געקלאָגט פאַר מיר.

— וואָס-זשע, ער קען גאָרנישט טון דערצו? עס איז דאָך זיי־כער, אַז וולאַדיסלאַוו וועט פון אַלץ מאַכן אַ תּל. ווער וועט מיט אַזאַ פאַרשוין גאָר וועלן האַנדלען, אַז זיין וואָרט איז קיין וואָרט נישט, און ווען ער באַקומט געלט, פאַרהוליעט ער עס באַלד...

— וואָס קען זיך דער אַלטער העלפן?.. ער איז שוין אַלט און שוואַך און האָט זיך שטאַרק געקלאָגט פאַר מיר, אַז עס איז נישטאָ ווער ס׳זאָל אים העלפן פירן זיינע געשעפטן.

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט לעווינזאָן זיך אָנגערופן, — די איבעריקע קינדער קענען דאָך אים העלפן. זיי זענען דווקא ליי־טישע מענטשן און מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.!.

— די איבעריקע קינדער זענען אַליין זייער רייך און זענען פאַרנומען מיט זייערע אייגענע געשעפטן.

— הייסט עס, אַז אָט דער הולטאַי וועט ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס פון זאַלעווסקיס גיטער און פון זיין גאַנץ פאַרמעגן?

—ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין! אפילו ווען גאָט וועט געבן, איך וועל געזונט ווערן, ווער ווייסט, צי איך וועל שוין אַרבעטן ביי מיין פּריץ? איך בין דאָרטן אַרומגערינגלט מיט שונאים און וולאַדיסלאַוו איז מיינער אַ דם שונא, דערפאַר וואָס איך אַרבעט ביי זיין פאָטער און היט אָפּ יעדן גראָשן... איך וועל מער אין דאָרף נישט זיין, גענוג! דער גרויסער אומגליק, וואָס האָט מיר געטראָפן, וואָס האָט מיך קראַנק געמאַכט, האָט מיך שוין גוט אָנגעלערנט... איך בלייב אין שטאָט און גאָט וועט מיר נישט פאַרלאָזן...

יענקל האָט ווייטער געזאָגט:

— זאָל נאָר מיר גאָט העלפן, איך זאָל ווי צום גיכסטן גע־זונט ווערן, וועל איך אין שטאָט נישט פאַרפאַלן ווערן. אַ ביסל געלט פאַרמאָג איך, וועל איך געפינען פאַר מיר וואָס צו טון!

— דו דאַרפסט איצט נישט טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן, — האָט לעווינזאָן געזאָגט. — דו מוזט נאָך זען געזונט צו ווערן. איך בין

זיכער, אַז מיט אַזאַ אָרנטלעכן נאָמען ווי דו האָסט, וועסטו אומעטום האָבן אַ באַשעפטיקונג. איך אַליין, ווען מיין פּאַבריק זאָל זיך נאָר אַ ביסל פאַרבעסערן, וואָלט דיך באַדאַרפט זייער האָבן. עס איז שווער היינטיקע צייטן צו געפינען אָרנטלעכע מענטשן.

אַ טרויער האָט זיך פּלוצלונג אַרויפגעצויגן אויף לעווינזאָנס פּנים און ער האָט זיך מיט אַ זיפץ אָנגערופן:

— פאַר דיר, יענקל, וועל איך נישט לייקענען, דו ביזט דער איינציקער, פאַר וועלכן איך קען אויסרעדן מיין פאַרביטערט האַרץ. איך קען זיך קיין עצה נישט געבן...

— וואָס איז געשען? — האָט יענקל געפרעגט.

— עס איז איצט גאָרנישט געשען. עס איז שוין נישט פון נעכטן, מיין פאַבריק גייט וואָס ווייטער ערגער און ערגער. מאָטיע־אהרן, דער היינטיקער פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן, קאָנקורירט מיט מיר די לעצטע צייט זייער שטאַרק. ער ווערט וואָס אַ טאָג רייכער. אין אָנהייב האָב איך זיך נאָך געקאָנט ראַנגלען מיט אים, נאָר וואָס ווייטער, ווערט מיר שווערער, כמעט אומעגלעך! פון יאָר צו יאָר פאַרגרעסערט ער זיין פאַבריק, שטעלט נייע און אויסלענדישע מאַשינען און אַלץ, וואָס מיין פאַבריק אַרבעט אויס, פאַרקויפט ער ביליקער, ווייל אַ דאַנק די נייסטע מאַשינען און די גרויסע צאָל אַרבעטער, לוינט אים צו פאַרקויפן ביליקער. און מיט האַרצווייטיק מוז איך זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז די אויסאַרבעטונגען פון די נייע מאַשינען זעגען שענער און בעסער. צום באַדויערן, קאָן איך אים נישט נאָכלויפן. די אויסאַרבעטונגען ביי מיר אין פאַבריק ווערן וואָס אַמאָל קלענער און ביי אים גרעסער.

— קען מען דערצו גאָרנישט טון? — האָט יענקל געפרעגט. — איר קענט דאָך אויך שטעלן די נייסטע מאַשינען פון אויסלאַנד.

— עס איז גרינג נאָר צו זאָגן, מיין פריינט, „שטעלן מאַשי־נען"... איך האָב שוין נישט קיין מיטלען דערצו! אויב שטעלן נייע מאַשינען, מוז מען די גאַנצע פאַבריק איבערבויען און דאָס בין איך איצט מער נישט בכּוח, אפילו ווען איך זאָל אין די בענק אויף מיין פאַבריק לייען געלט.

יענקל האָט געשוויגן און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— און אַלץ וויל אָט דאָס קליינע מענטשעלע אַריינכאַפּן אין זיינע הענט. די גאַנצע וועלט איז אים ווייניק און ער קען זיך נישט

אַנזעטן. אפילו אַזאַ פאַבריק, ווי אייערע, אַזאַ אַלטע פירמע, ווייל ער דערשטיקן!

— וואָס קאָן מען טון, אַזוי איז עס! ווען ער באַגעגנט זיך מיט מיר, איז ער זייער פריינטלעך. ער האָט נאָך פאַר מיר גרויס דרך־ארץ, נאָר וואָס קומט אַרויס? מיט זיין שטאַרקער קאָנקורענץ וועט ער מיר זיכער דערגיין די יאָרן... איך האָב מורא אויסצורעדן עס, נאָר פאַר דיר לייקן איך נישט! איך האָב מורא, אַז אַזוי, שטיל־ערהייט, וועל איך מוזן פאַרמאַכן אָדער פאַרקויפן מיין פאַבריק...

— אַזוי ווייט האַלט עס! — האָט יענקל דערשראָקן געפרעגט.

— יאָ, מיין פריינט, איך וועל סוף־כל־סוף געצוווּנגען זיין דאָס צו טון, ווייל אַז איך זאָל ווייטער קאָנען ווי עס איז פירן די פאַבריק, וועל איך מוזן לייען פריש געלט אין די בענק, און דאָס וועל איך פאַר קיין פאַל נישט טון! ווייל נאָר דער אָנהייב — די ערשטע הלוואה איז גרינג צו מאַכן און דערנאָך גייט עס שוין... איך האָב פראָסט מורא, איך זאָל זיך נישט אַריינלאָזן אין צופיל חובות און דערנאָך זאָל איך נישט קענען באַצאָלן. דו פאַרשטייסט? די פאַבריק האָב איך נישט געגרינדעט, נאָר מיינע עלטערן און דעריבער וויל איך, אויב דער פירמע „לעווינזאָן און קאָמפּ.״ איז באַשערט זיך צו פאַרמאַכן, טאָ זאָל זי שטאַרבן בכבוד, אַזוי, אַז קיינעם זאָל זי אַ קאָפּיקע נישט קומען.

— וואָס רעדט איר! וואָס רעדט איר, ר' שמחה! — האָט יענקל געזאָגט, אויסציענדיק זיינע דאַרע הענט. — ווער רעדט וועגן פאַרמאַכן אַזאַ שיינע פירמע, וואָס איז אַזויפיל יאָרן באַקאַנט אין דער גאַנצער סביבה!

— עס וועט נישט העלפן, מיין פריינט... עס וועט סיי־ווי־סיי מוזן אַמאָל געשען... טאָ לאָמיר עס בעסער טון אין דער ריכטיקער צייט. מיינע קינדער און זיך מיט מיין ברייגען אויף די עלטערע יאָרן וועל איך האָבן מיט וואָס צו פאַרזאָרגן. וואָס־זשע נאָך? גע־לויבט איז גאָט דערפאַר. מיט גאָט קאָן מען זיך דאָך נישט שלאָגן!

— ניין, ניין, איך גלויב נישט, ר' שמחה, אַז מיט אַזאַ שיינער ערלעכער און פּאָפּולערער פירמע זאָל זיך אַזוי ענדיקן! איך גלויב נישט!

— עס וועט מוזן אַזוי זיין, וואָס קאָן מען טון? שטעל זיך פאָר, יענקל, אַז איינער האָט אויף אַן איידעלן אופן מיר שוין גע־

געבן אָנצוהערן, אפשר וויל איך פאַר אַ גוטן פרייז פאַרקויפן מיין פאַבריק, און איך בין זיכער, אַז דאָס האָט מאָטיע־אהרן צוגעשיקט צו מיר.

— אַזאַ העזה! — האָט יענקל מיט זיין שוואַכער שטימע באַמערקט. — וואָס־זשע האָט איר דעם עזות־פּנים געענטפערט!

— איך האָב גאָרנישט געענטפערט און געמאַכט זיך נישט הערנדיק. יענער האָט עס פאַרשטאַנען און מער נישט גערעדט דערפון... נאָר וויפל געזונט האָט עס מיר געקאָסט, אַז פרעמדע רעדן שוין וועגן פאַרקויפן מיין פאַבריק!

— אַזאַ העזה! — האָט יענקל נישט אויפגעהערט. — אַזאַ העזה! איך בין זיכער, ר׳ שמחה, אַז דאָס איז זיין אַרבעט. ער האָט דעם מענטשן אונטערגעשיקט... אַזאַ העזה!...

— דאָס איז נאָך ווייניק, יענקל. אָט דער עם-הארץ האָט מיר אַנומלט, — איך געדענק שוין נישט ווען — צוגעשיקט אַ שדכן, איך זאָל זיך מיט אים משדך זיין. דער שדכן האָט אַפילו געזאָגט, אַז דער שידוך איז אים אַליין איינגעפאַלן, נאָר איך גלויב, אַז מאָטיע-אהרן האָט עס פאַרטראַכט!

— אַלץ וויל ער, די גאַנצע וועלט וויל ער אַריינכאַפּן! — האָט יענקל זיך אָנגערופן. — ער וויל שוין ווערן אַ מיוחס אויך! וואָס האָט ער קיין צייט נישט? די קינדער זענען דאָך יונג. נאָר אַלץ וויל ער אַריינכאַפּן וואָס פריער! נו, און וואָס האָט איר דעם שדכן געענטפערט?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך גיין צו אַלדע גוטע יאָר!

— און איך, — האָט יענקל פול מיט פאַרדרוס איבערגעשלאָגן לעווינזאָנען, — וואָלט אַזאַ שדכן אַרויסגעוואָרפן פון שטוב!

— איך וואַרף נישט קיין מענטשן פון מיין הויז! נאָר איך האָב אים אַזוי געענטפערט, אַז ער וועט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט קומען רעדן וועגן דעם! נאָר דיר זאָג איך, אַז ווען איך וועל באַשליסן צו פאַרקויפן די פאַבריק, קען זיין, אַז איך וועל אים מוזן פאַרקויפן פאַר אַ גוטן פרייז... נאָר אַ שידוך טון מיט אים, פאַרמאָגט ער נישט אַזויפיל צוזאַמען מיט זיין גרויסער פאַבריק, מיט די נייע מאַשינען, ער זאָל מיר באַזאָלן... כאָטש דעם אמת זאָגנדיק, האָט ער

צו אַלץ מזל — זיינע קינדער זענען זייער פיינע, לייטישע און לעבן זיך זייער גוט...

יענקל איז געווען זייער צופרידן מיט לעווינזאָנס לעצטע ווערטער, אַז ער וועט מיט דעם עזותניק, מיט דעם עם-הארץ נישט טון קיין שידוך און ער האָט זיך באַרויִקט. דערביי האָט ער זיך אָנגערופן:

— אַ מזל פון אַזאַ גוי — ער דאַרף האָבן אַזעלכע פיינע קינדער! איך האָב אויך געהערט, אַלע לויבן זיינע קינדער... ווי קומט דאָס צו אים?

— ער וויל אַלץ צריין אין די פעדערן... ער האָט געבילדעטע קינדער, האַלט לערער, שיקט זיי אין די שולן. קיין געלט פעלט דאָך אים נישט!

— מען זאָגט, — האָט יענקל זיך אָנגערופן, — אַז נאָר אַ דאַנק פייגען, ברעטמאַנס פרוי, זענען די קינדער אַזוי שיין דערצויגן, זי איז אפילו אַ גוטע און קומט אַרויס פון פיינע עלטערן. איר גאַנץ לעבן, אירע גאַנצע צייט גיט זי אַוועק אירע קינדער. נו, און דערצו שפּאָרט מען פאַר זיי נישט קיין געלט אויף צו לערנען... אפילו צו זיין פרוי האָט ער אויך מזל...

אין דעם שמועס איז אַריינגעקומען ברײנע.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי לאַנג פאַרזעסן? — האָט זי זיך געווענדט צו איר מאַן.

— אָט גלאַט אַזוי, מען האָט זיך אַ ביסל צעשמועסט...

— וועגן וואָס, אַ שטייגער?

— וועגן פייגען, מאָטיע־אהרנס ווייב, — האָט ער געענטפערט.

—גאָר וועגן איר! זעצן זיך אַנידער צוויי יידן און רעדן וועגן אַ פרעמדער יידענע! — האָט ברײנע געלאַכט.

— עס איז געקומען צו רייד וועגן מאָטיע־אהרנס קינדער... ווי קומען צו אים אַזעלכע לייטישע קינדער?

— דאָס איז נאָר צו פאַרדאַנקען פייגען, — האָט ברײנע צוגעגעבן. — זי איז אַ זעלטענע מוטער און ווייסט נישט און וויל נישט וויסן פון קיין אַנדער פאַרגעניגן, ווי שטענדיק צו זיין מיט אירע קינדער. איר פעלט נישט קיין געלט מיט אַלערליי פאַרגעניגנס; מיט מאָדעס... נאָר זי יאָגט זיך נישט נאָך דעם. איר בעסט פאַרגעניגן איז צו זיצן אינדערהיים מיט די קינדער און אַז מען זעט זי

ערגעץ אַמאָל אַרויספּאָרן אָדער שפּאַצירן, איז אויך מיט די קינדער. איך האָב אַזעלכעס נישט געזען! זי איז מיט אַלעמען דער היפּוך פון איר מאַן. זי אַנטלויפט פון כּבֿוד און איר עשירות איז פּאַר איר אַ יאָך: די געסט, דערהויפּט די נאַטשאַלסטווע, וואָס ער האָט ליב אָפּט צו פאַרבעטן, איז ביי איר אַן אָפּקומעניש. פּונקט ווי מען האָט אים אומעטום פיינט פאַר זיין נאַרישע גדלות און שטויסן זיך אין די גרויסע פענצטער, אַזוי האָט מען זי אומעטום ליב און יעדער שעצט זי זייער.

דיינע האָט זיך ווייטער צערעדט וועגן פייגען:

— און דאָך, נישט קוקנדיק, וואָס זי איז אַזאַ געטרייע מוטער און באַלעבאָסטע, האָט זי מיט אים נישט אַזאַ גוט לעבן. ער וואָלט גע־וואָלט, אַז זיין ווייב זאָל זיין אַ גאַנצע „דאַמע", פאָרן מיט אים מיט וויזיטן, און פון זינט ער איז רייך געוואָרן, פּאַסט זי אים שוין גאָר נישט פּאַר קיין פרוי!

— נו, גענוג רעדן וועגן יענעם! — האָט שמחה לעווינזאָן זיך אָנגערופן. — לאָמיר גיין און לאָזן יענקלען זיך אַ ביסל אָפּרוען.

— פאַרקערט! — האָט זיך דער קראַנקער ביי זיי געבעטן. — מיר איז בעסער און היימלעכער צו זיין מיט אייך צוזאַמען און נישט בלייבן אַליין!

— אַלץ איז גוט מיט אַ מאָס. וועסט זיך אַ ביסל אָפּרוען, וועלן מיר ווידער אַריינקומען צו דירי.

בריינע מיט איר מאַן זענען אַוועקגעגאַנגען און יענקל איז גע־בליבן אַליין. דער שמועס וועגן לעווינזאָנס שלעכטע געשעפטן און וועגן מאָטיע־אהרנס עזות, איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ. ער האָט לאַנג וועגן דעם געטראַכט און אויך זיך דערמאָנט וועגן זיין פריץ, וואָס איז היינט געוועזן ביי אים און זיך באַקלאָגט אויף זיין שוואַכ־קייט און אַלטקייט און נאָכמער אויף זיין זון וולאַדיסלאַוון, וועלכער ברענגט אים אויס און מאַכט אַ תּל פון דעם אַלטנס פאַרמעגנס.

יענקל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַלץ גייט צום גרונט. די בעסטע מענטשן גייען אַראָפּ, זיי־ערע געשעפטן פאַלן פון טאָג צו טאָג און אַזעלכע גאָרנישטן און דרייקעפּ, וואָס האַלטן אין איין שווינדלען, ווי אַרנאָלד ברעטמאַן, האַלטן אין איין וואַקסן! ווער ווייסט, ווי אַזוי ער וועט איצט נאָך

פאַרדרייען דעם קאָפּ פון דעם הולטיי וולאַדיסלאַוון? אַ רחמנות אויף דעם אַלטן פּריץ!

וועגן זיך האָט יענקל איין זאַך געטראַכט: ער זאָל וואָס גי־כער אויפשטיין פון בעט און בלייבן אין שטאָט. וועגן זיינע גע־שעפטן ביים פּריץ אין דאָרף האָט ער מער נישט געוואָלט טראַכטן. ער האָט נאָר באַדויערט זיין פּריץ, וועלכן ער איז אַזויפיל יאָרן געווען איבערגעגעבן.

יענקל האָט גוט געקענט וולאַדיסלאַוון און נאָכמער האָט ער געקענט אַרנאָלד ברעטמאַנען און זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט דעם יונגן פּריץ אַזוי פאַרדרייען דעם קאָפּ, אַז ער וועט שוין פון זיינע הענט נישט אַרויס, בפרט נאָך, ווען דער אַלטער פּריץ וועט צומאַכן אַן אויג און דער שיינער יורש וועט ווערן דער באַלעבאָס איבער זיין חלק ירושה.

אַרנאָלד ברעטמאַן האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דער גרויסער הכנסה, וואָס זיין פאַבריק האָט אים געגעבן, ער האָט זיך אויך שטענדיק געיאָגט נאָך אַנדערע פּרנסות.

געלט האָט אים נישט געפעלט און ער האָט נישט געקענט איבערטראָגן, אַז זיינע קאַפּיטאַלן זאָלן ליגן אין די בענק אויף פיר אָדער פינף פּראָצענט. ער פלעגט אין די אַרומיקע שטעט לייען יידן געלט אויף צען און נאָכמער פּראָצענטן אויף זייערע הייזער, וואָס זיי פלעגן ביי אים פאַרמשכונען.

כמעט אַלע געמויערטע הייזער, מיט בלעך געדעקט, אין דעם גאָנצן שטעטל זשיגינעץ, זענען ביי אים געווען פאַרמשכונט. אויך אין אַנדערע נאָענטע שטעט, אפילו אין דער גרויסער שטאָט וו—קע, ווו די לעווינזאָנס האָבן געוווינט, האָט ער געהאַט עטלעכע פון די בעסטע דריי־שטאָקיקע הייזער, וואָס זענען געווען ביי אים פאַר־משכונט. און נישט אומזיסט פלעגט מען זאָגן, אַז אַרנאָלד ברעטמאַן פאַרמאָגט עטלעכע שטעט, ווייל די הייזער, אויף וועלכן ער פלעגט לייען געלט, זענען געווען איבערגעשריבן אויף זיין נאָמען.

פאַראָרעמטע פּריצים אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אָן אַ חשבון אַ גוטן טאָג און זיך געניייטיקט אין געלט, האָבן געוווסט, אַז פאַר אַ גוטן משכון אָדער אַנדערע באַוואָרענישן, קען מען באַקומען געלט ביי אַרנאָלד ברעטמאַנען.

זיינע „זייטיקע פּרנסות" זענען אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס, אַז

ווי האָבן מיט דער צייט אָנגעהייבן אַריינברענגען אַ גרעסערע הכנסה אפילו פון זיין גרויסער פאַבריק.

ווען זיין אייגן געלט איז שוין געווען אינגאַנצן פאַרליען, פלעגט ער נעמען געלט אין די בענק, וווּ ער האָט געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן קרעדיט. ער פלעגט צאָלן פיר אָדער פינף פּראָצענט און אַוועקלייען פלעגט ער עס אויף צען און נאָכמער פּראָצענטן.

ער האָט געוועלטיקט איבער דער גאַנצער סביבה און יעדער האָט געמוזט, ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק, דרך־ארץ האָבן פאַר אים. זיינע גרעסטע שונאים האָבן געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און מורא געהאַט אַ שלעכט וואָרט צו זאָגן וועגן אים, ווייל ווען אַרנאָלד ברעטמאַן האָט זיך וועגן אַזאַ איינעם דערוווּסט, איז ער אים געוואָרן אַ שונא. ער איז בטבע געווען אַ נוקם-ונוטר. ער האָט נישט גערוט ביז ער האָט יענעם מקפּח פּרנסה געווען.

די גאַנצע סביבה האָט דעריבער געציטערט פאַר אים. האָט מען אין אַ שטאָט געקליבן אַ „גאָלאָוואַ“, אַ מיטגליד פון דומע, אָדער גבאים אין אַ שול, האָט מען געמוזט קלויבן אַזעלכן, ווי ער, אַרנאָלד ברעטמאַן, האָט אָנגעוויזן.

צו שטאַרק איז געווען זיין מאַכט, אַז עמעצער זאָל זיך קענען שטעלן קעגן אים. זיין מאַכט איז געווען אַזוי גרויס, אַז איינמאָל האָט ער אין שטעטל זשיגינעץ אַרויסגעוואָרפן דעם נייעם פּריסטאַוו, וואָס האָט ביי אים נישט אויסגענומען און די דאָרטיקע יידן האָבן געהאַט דערנאָך וועגן דעם אַ סך צו רעדן.

— וואָס זשע איז דער וווּנדער? — האָט איינער געזאָגט. — אַרנאָלד ברעטמאַן זאָל נאָר וועלן, קען ער אַרויסוואַרפן אפילו אַן איספּראַווניק אויך! וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס ביי אים? אַז ווען עס פאָרט דורך דער גובערנאַטאָר, שטייט ער איין ביי אים אין הויז.

דאָך, ביי זיין גאַנצער גרויסקייט און עשירות, האָט אַרנאָלד ברעטמאַן זיך נישט געפילט גליקלעך, ווייל ער האָט זייער גוט געוווּסט, אַז נאָר די, וועלכע האָבן באַדאַרפט אָנקומען צו אים, האָבן אים געחנפעט און כבוד אָפּגעגעבן, און די איבעריקע יידן האָבן אים ווי מעגלעך אויסגעמיידט. באַזונדערס האָבן זיך פון אים דערווייטערט די אַלטע אָנגעזעענע באַלעבאַטים, און האָבן מיט אים קיין מגע-משא נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן ברעטמאַנען נישט געהאַלטן פאַר קיין פאַבריקאַנט, נאָר פאַר אַ פּיאָצעטניק, און נישט איין פּריץ,

וואָס האָט ביי אים געליען געלט אויף גרויסע פּראָצענטן, איז אַ שונא ישראל געוואָרן און באַשולדיקט אַלע יידן, אַז זיי לעבן נאָר פון פּראָצענט און פון אַנדערע גרינגע פּרנסות.

* *
*

יאַנקל האָט מער נישט געקאָנט קומען צו זיינע פריערדיקע קרעפטן. וואָס אַ טאָג, איז אים אַלץ געוואָרן ערגער און ביי די לע-ווינזאָנס אין הויז איז מען פון זיין קראַנקהייט געוואָרן זייער אומרויק.

גוטע פריינט און פאַרשידענע סוחרים, וואָס האָבן דורך יאַנק-לען געפירט געשעפטן מיט דעם אַלטן פּריץ זאַלעווסקי, זענען אים געקומען מבקר חולה זיין. עס איז אויך געקומען אַרנאָלד ברעטמאַן.

נאָכדעם ווי ער האָט באַדויערט דעם חולה און אים אויסגע-פרעגט, ווי ער פילט זיך, האָט ער גענומען שמועסן וועגן דעם יונגן וולאַדיסלאַוון, אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז און צי קאָן מען שטעלן אויף זיין וואָרט און צי קאָן מען אים באָרגן געלט.

יאַנקל האָט מיט אַ פאַרקרימט פּנים אים געענטפערט:

— איר דאַרפט אים קענען בעסער ווי איך, ווייל איר האָט, דאַכט זיך, שוין געהאַט מיט אים געשעפטן, און איך קיינמאָל נישט.

— שיינע געשעפטן! אויף אַלע שונאים געזאָגט געוואָרן. ער האָט שוין לאַנג ביי מיר געליען געלט און גיט נישט אָפּ!

— איר האָט מסתמא געוווסט אויף וואָס איר לייט געלט און וועמען איר געטרויט. איך וואָלט אַזאַ פאַרשוין אַ קאָפּיקע קיינמאָל נישט געליען.

— דאָס געלט, וואָס איך האָב אים געליען, — האָט ברעטמאַן געזאָגט מיט אַ לייכט שמייכעלע, — איז אָבער זיכער! אַזעלכן, וואָס האָט אַזאַ רייכן טאַטן, מעג מען לייען... פאַרפאַלן וועט עס קיינמאָל נישט ווערן...

— ווי ווער עס פאַרשטייט געשעפט. איך פאַרשטיי אַנדערש...— האָט יאַנקל געענטפערט און אינגאַנצן נישט דערזאָגט, וואָס ער האָט געוואָלט.

ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דער קראַנקער איז נישט צופרידן פון דעם שמועס, האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהייבן רעדן וועגן

זיין געזונט, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהייבן פון זיין שטול און זיך אָנגעהייבן געזעגענען:

— ווערט נאָר, ר׳ יעקל, וואָס גיכער געזונט. ווי איך פאַרשטיי און ווי איך האָב געהערט, האָט איר שוין מער קיין חשק נישט צו אַרבעטן ווייטער ביים אַלטן פריץ. ווערט נאָר געזונט, קיין געשעפטן וועלן אייך נישט פעלן. איך אַליין האָב וועגן אייך אַ סך פּלענער, ווערט נאָר געזונט.

מיט די ווערטער איז ער אַרויס פון צימער און אַריינגעגאַנגען צו די לעווינזאָנס.

— אָט אַ גאַסט, שוין לאַנג נישט געזען ביי אונדז, — האָט אים ברײַנע באַגעגנט.

— שטענדיק פאַרנומען און פאַרדרייט, נישטאָ קיין צייט, ברײַנע. און ווו איז ר׳ שמחה?

— מיין מאַן איז אין פאַבריק.

— אין פאַבריק? אַלץ אין פאַבריק? גלויבט מיר, ברײַנע, ווען איך זאָל זיין אין אייער מאַנס יאָרן און זיך נישט אַזוי פאַרדרייען מיט אַלעמאָל פאַרגרעסערן מיין פאַבריק, וואָלט איך דאָס גאַנצע געשעפט פאַרקויפט און וואָלט מיר געלעבט רויק און שטיל. מילא, איך מוז שוין דרייען די גרויסע ראָד, אָבער אייער מאַן פאַרשטיי איך נישט... איך האָב געהערט, אַז מען גיט אים זייער אַ גוטן פּרייז פאַר דער פאַבריק און ער וואָלט זיך מיט אַזאַ קאַפּיטאַל געלעבט רויק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט אייך צוזאַמען און חתונה געמאַכט אייער ליב מיידעלע...—האָט ער געזאָגט און דערביי זיך צעלאַכט, הנאה האָבנדיק פון זיינע אייגענע חכמהלעך.

— וואָס טויג דיר, מאָטיע-אהרן, צו פאַרזאָרגן יענעם. יעדער לעבט זיך, ווי אַזוי ער פאַרשטייט.

— אמת, אמת, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון. — יעדער דאַרף לעבן, ווי ער פאַרשטייט. איר האָט רעכט, איר זאָלט מיר מוחל זיין. איך האָב, חלילה, נישט געמיינט עמעצן צו לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף לעבן. איר האָב עס נאָר גלאַט אַזוי געזאָגט!

— נו, נו, גענוג וועגן דעם צו רעדן. נאָר אויב דו ווילסט זיך זען מיט מיין שמחהן, קענסטו ביי אונדז בלייבן אויף מיטאָג. צו דער צייט וועט ער קומען.

— ניין, איך בין איצט באַשעפטיקט. איך וועל שוין אַ צווייט מאָל מער פאַרברענגען ביי אייך.

דערוויייל האָט ער דערזען פריידלען מיט בעטיען און ער האָט זזויסגעשריגן:

—קיין עין־הרע, ווי זיי זענען אויסגעוואַקסן! ווי שיין, ווי שיין!

געמיינט האָט ער באַזונדערס יענקלס מיידעלע, וואָס האָט אים ממש איבערראַשט מיט איר שיין פנימל.

ער האָט זיי געגלעט איבער די קעפּלעך און געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס איך בין היינט זייער פאַרנומען און איך קען דאָ לאַנג נישט פאַרברענגען. איך מוז אַמאָל קומען צו אייך מיט מיין פאַמיליע. ווען איר, ברײנע, זאָלט זען מיין עלטער יינגל! וואָס פאַר אַ שיינער ער איז און ווי אַזוי ער לערנט גוט!

— יאָ, — האָט זיך ברײנע אָנגערופן, — איך האָב געהערט, אַז דו האָסט זייער פיינע קינדער און אַז דו ביזט זיי גאָרנישט ווערט...

ער האָט זיך ברייט צעלאַכט פון נחת.

— ווען איך האָב אַזעלכע קינדער, מסתמא בין איך זיי ווערט.

— מען זאָגט, אַז פאַר אַזעלכע פיינע קינדער האָסטו צו פאַר־דאַנקען דיין פרוי.

ברעטמאַן האָט זיך נאָכמער צעלאַכט.

— אוודאי מיין פרוי—וועמען דען?

— דיין פרוי איז זייער אַ געטרייע מוטער און אַ גוטע באַלע־באָסטע.

— מיין פייגע איז זייער אַ ווילע, נאָר אַ ביסל אַלטמאָדיש... זי וואָלט באַדאַרפט זיין אַ ביסל הייַנטוועלטיק... איר פאַרשטייט, ברײ־נע? מיט אייך מוז איך דאָך רעדן אָפן. איך בין דאָך פאָרט נישט דער אַמאָליקער מאָטיע־אַהרן, ווי איר רופט מיך נאָך איצט... עס איז ביי מיר אַן אַנדער הויז, עס קומען אַנדערע מענטשן און עס פירט זיך אויך אַנדערש און זי איז געבליבן דיזעלבע, ווי פריער.

אוי, מאָטיע־אהרן, מאָטיע־אהרן! — האָט ברײנע טרויעריק אָנגעהייבן שאָקלען מיטן קאָפּ. — דו מיינסט, אַז דו האָסט דאָ געזאָגט גרויסע חכמות און אַז דו ביזט קליגער און פאַרשטייסט מער ווי דיין פייגע, ווי צו לעבן און ווי זיך אויפצופירן? זאָג איך דיר, אַז דו האָסט אַ גרויסן טעות! גלויב מיר, אַז ווען דו האָסט אַן אַנדערע פרוי, אַ הייַנטוועלטיקע, ווי דיר וואָלט זיך אַזוי געוואָ.ט, וואָלט

געווען אַז אָך און ווײ צו דיר מיט דײַן גאַנצער גרויסער פּאַב. ריק און מיט דײַן גאַנצער עשירות!

מען האָט זיך לאַנג געווערטלט און גערדרייט אַרום דעמזעלבן שמועס, כאָטש ברעטמאַנען איז נישט געווען אַזוי ליב צו הערן אַזעלכע שטעכווערטלעך. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון לעווינ־זאָנס הויז און זיך צעשפּרייט אין זײַן קאַרעטע, האָט ער גענומען מרוקען מיט פּערדרוס:

— ביז וואַנען וועלן זיי מיר מאָטיע־אהרנען? מיר דאַכט זיך, אַז אַלע האָבן שוין פאַרגעסן, אַז איך האָב אַמאָל געהייסן מאָטיע־אהרן!

— ער האָט פיל געטראַכט וועגן די לעווינזאָנס, אַז זיי זענען נאָך אַזוי שטאָלץ בײַ זיך, ווי פריער, כאָטש זייער פאַבריק גייט וואָס אַמאָל ערגער. נאָר ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס סוף כּל סוף וועט די פאַבריק „לעווינזאָן און קאָמפּ.” אַרײַנפאַלן אין זײַנע הענט און דאַן וועלן זיי אַ ביסל ווערן קלענערע מיוחסים און מער דרך־ארץ האָבן פאַר אים.

❁ ❁
❁

יענקלס לאַנגע קרענק האָט זיך געצויגן און עס האָט אויסגע־וויזן, אַז עס וועט גאָר קיין סוף נישט זײַן.

די דאָקטוירים האָבן זיך שוין לאַנג מיאש געווען צו ראַטע־ווען אים דאָס לעבן. דער טויט פון זײַן פרוי און דאָס פאַרפאַלן ווערן פון זײַן איינציק קינד, האָט אים קראַנק געמאַכט דאָס האַרץ. אים צו ראַטעווען איז שוין געווען צו שפּעט, זײַן געפּלאַצט האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און יענקל איז געשטאָרבן.

עס איז געווען אַ גרויסע לוויה. אַלע סוחרים, וועלכע האָבן נאָר געהאַט מיט אים אַמאָל געשעפטן, האָבן זייער באַדויערט זײַן טויט, נאָר באַכמער האָט אים באַקלאָגט דער אַלטער פריץ זאַלעווסקי, וועל־כער איז אויך געקומען צו דער לוויה.

פאַר דעם אַלטן פריץ איז יענקלס טויט געווען אַ גרויסער קלאַפּ, ווײַל כּל זמן יענקל האָט געלעבט, האָט ער נאָך געהאָפט, אַז ווען יענקל וועט געזונט און שטאַרק ווערן, וועט ער אים ווידער נעמען צו זיך אין דאָרף און מען וועט, ווי אין די פריערע יאָרן, אָנהייבן אַרבעטן צוזאַמען און ווידער מאַכן אָרדענונג אין אַלעם, וואָס וולאַדיסלאַוו מאַכט אַ תל. און נישט איינמאָל פלעגט ער צו זיך זאָגן:

— זאָל נאָר יענקל געזונט ווערן! איך וועל יעדן ווייזן, אַז כּל זמן איך לעב, וועט מיך קיינער נישט ירשהנען ביים לעבן!

און איצט, גייענדיק נאָך דער לוויה פון זיין איבערגעגעבענעם און געטרייען „מענטשן", האָט ער געפילט, אַז מיט זיין טויט האָט ער אַלץ פאַרלוירן.

אַרנאָלר ברעטמאַן, וועלכער איז אויך געקומען צו דער לוויה, האָט באַמערקט, ווי דער אַלטער פריץ איז מיטאַמאָל נאָך עלטער געוואָרן און שלעפּט קוים די פיס, אַזוי, אַז ער איז געצוווּנגען געווען זיך איבערצוזעצן אין זיין קאַרעטע און נאָכפאָרן די לוויה.

און ברעטמאַן האָט געטראַכט וועגן וולאַדיסלאַוון, וועלכער איז איהם געווען שולדיק געלט און ער האָט זיך געזאָגט:

— דאָס געלט איז זיכער, קיין קאָפּיקע וועט נישט פאַרפאַלן ווערן... ער האָט קרעדיט ביי מיר!..

נאָך דער קבורה איז זיך דער גרויסער עולם צופאָרן און צו־גאַנגען, אָבער אין לעווינזאָנס הויז איז דער טרויער געווען גרויס, מען האָט באַקלאָגט יענקלס טויט, אָבער נאָכמער האָט מען גע־טרויערט, ווען מען האָט אַ קוק געטון אויף בעטיען, וועלכע איז אַזוי יונג געבליבן אָן אַ מוטער און אָן אַ פאָטער.

זי איז אַליין געזעסן שבעה און די לעווינזאָנס זענען פון איר נישט אָפּגעטרעטן.

בעטיע האָט שוין איצטער נישט געוויינט, נאָר מיט צעשראָקע־נע אויגן האָט זי געקוקט אַרום זיך און געשוויגן.

ברײַנע האָט זי געטרייסט, אַז זי בלייבט נישט אַליין, אַז זי איז נישט עלנד, אַז זי וועט זיין איר מאַמע און איר מאַן וועט זיין איר פאָטער.

— דו וועסט זיין ביי מיר מיין טאָכטער, אַזוי ווי פריידל. דו וועסט זיין, מיין קינד, אין ליבע און טרייסט ביי מיר און ביי מיין מאַן, און ביי אַלעמען אין אונדזער הויז וועסטו זיין דאָס ליבסטע קינד... מיין הויז איז דיין הויז און וואָס גאָט וועט אונדז געבן, וועלן מיר זיך טיילן, טייערע בעטיעלע...

בעטיע האָט געשוויגן, נאָר זי האָט אָן ווערטער נישט אויפגע־הערט צו האַלדזן און קושן ברײַנען.

און פריידעלע, וועלכע איז געווען כמעט אין אירע יאָרן און איז געגאַנגען מיט איר אין איין שולע, האָט אַרומגענומען איר

„שוועסטערל", און קושנדיק זי, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב דיך, בעטיעלע... אַזוי ליב! אַזוי ליב!...

נאָך שבעה, ביינאַכט, ווען אין שטוב זענען שוין אַלע געגאַנגען שלאָפן, איז נאָך ר' שמחה לעווינזאָן געזעסן ביי זיך אין קאַבינעט מיט אַ פען אין דער האַנט און עפּעס גערעכנט און געשריבן.

בריינע, וואָס האָט שוין אויך געזאָלט גיין שלאָפן, האָט זיך געוווּנדערט, וואָס איר מאַן זיצט נאָך אַזוי שפּעט און איז אַריינגעקומען צו אים, וועלנדיק פרעגן, פאַרוואָס ער גייט נישט שלאָפן. נאָר באַלד ווי זי האָט זיך באַוויזן איבער דער שוועל און נאָך קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, האָט ער זי באַגעגנט מיט די דאָזיקע ווערטער:

— זייער גוט, בריינע, וואָס דו ביזט איצט אַריינגעקומען. איך האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס רעדן...

בריינע האָט זיך צוגעזעצט לעבן זיין טיש, ווו ער האָט געשריבן און מיט גרויס נייגעריקייט אויפגעהייבן די אויגן אויף איר מאַן.

— איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדן וועגן אונדזער יתומה־לע, — האָט ער אָנגעהייבן מיט אַ טיפן זיפץ. — דו דאַרפסט עס אויך וויסן... מען איז מער נישט ווי לעבעדיקע מענטשן...

ביי ר' שמחהן האָבן זיך אין זיינע גוטע יידישע אויגן באַוויזן שטייענדיקע טרערן און בריינע האָט אַרויסגענומען דאָס טיכל פון איר קעשענע און עס צוגעטראָגן צו אירע אויגן.

— יענקל האָט געוווּסט און געפילט, אַז ער שטאַרבט, — האָט ר' שמחה ווידער אָנגעהויבן. — ער האָט דאָס מיר אַ פּאָר מאָל גע־געבן אָנצוהערן. זיינע אַלע געדאַנקען פאַרן טויט האָבן זיך געדרייט אַרום זיין קינד, און איינמאָל, ביי אַזאַ שמועס, האָט ער אַרויסגע־שלעפּט פון אונטערן קישן אַ קליין פּעקל מיט געלט, אַ באַנקביכל און נאָך אַ קליין בינטל מיט אַ ביסל צירונג, וואָס איז געבליבן פון בעטיעלעס מוטער. ער האָט עס מיר איבערגעגעבן און האָט געקוקט אויף מיר מיט אַזויפיל רחמים...

בריינע האָט זיך שטיל צעוויינט.

— גענוג וויינען! גאָט האָט אַזוי געוואָלט! מיר דאַרפן עפּעס רעדן וועגן קינד.

—וואָס־זשע האָט יענקל, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז אַלע, דיר געזאָגט?

— אָט וועגן דעם וויל איך טאַקע דיר דערציילן. אין זיינע אויגן איז געווען אַזויפיל געבעט צו מיר, אַז איך בין געווען שטאַר־קער פון אייזן, ווען איך האָב עס אויסגעהאַלטן. ער איז געווען זייער שוואַך און האָט שוין דאַמאָלס קוים גערעדט. איך בעט אייך — האָט ער געזאָגט, אַז מיין קינד זאָל וואַקסן ביי אייך אין הויז, ביז גאָט וועט געבן, זי וועט ווערן אַ מענטש פאַר זיך... אַלץ אין די פעקלעך און וואָס איך פאַרמאָג נאָר—געהער צו מיין קינד.

— ער האָט געזאָגט נאָך אַ פּאָר ווערטער, אָבער איך האָב שוין נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט...

ר' שמחה האָט פון שרייבטיש אַרויסגענומען אַ קליין בריוול, געשריבן אויף פויליש, און האָט עס געוויזן זיין פרוי.

— אָט דאָס בריוועלע האָב איך באַקומען פון אַלטן פּריץ זאַ־לעווסקי, אַז ביי אים געפינט זיך נאָך אַ סומע געלט, וואָס עס קומט יענקלען פאַר זיין געטרייע לאַנג-יעריקע דינסט ביי אים. אויך איז ער מיר מודיע, אַז דאָס הייזל אין דאָרף מיטן שטיקל ערד ביים הייזל געהערט פון לאַנג אָן צו יענקלען. דאָס אַלץ — שרייבט ער— קען איך באַקומען פאַר יענקלס קינד אין יעדער צייט. פון דעם בריוול פאַרשטיי איך, אַז דער פּריץ ווייסט פון יענקלס ווילן, אַז אַלץ, וואָס עס איז געבליבן פון אים פאַר זיין קינד, זאָל מען עס מיר איבערגעבן.

— איך האָב דאָ, ברײנע, — האָט ער וויטער געזאָגט — גע־פּרווט צונויפרעכענען, וויפל אַן ערך ער האָט איבערגעלאָזט פאַר בעטיעלען... קיין גרויסע קאַפּיטאַלן זענען נישט געבליבן, נאָר אַן אכט—צען טויזנט רובל וועט זיך אפשר צונויפקלויבן... וויל איך, אַז דו, ברײנע, זאָלסט וועגן דעם וויסן, ווייל מיר זענען מער נישט, ווי לעבעדיקע מענטשן...

צווייטער טייל

קאפיטל איינס.

אין אַ צייט אַרום.

פון דער צייט זענען אַוועק נישט קיין גאַנצע צען יאָר און אַלץ האָט זיך איבערגעביטן. באַזונדערס איז פאַרענדערט געוואָרן שמחה לעווינזאָנס הויז. דער באַלעבאָס אַליין האָט שוין געפעלט. זיין פאַבריק, וואָס איז נאָך געגרינדעט געוואָרן מיט יאָרן צוריק פון זיין פאָטער, האָט נישט געקאָנט קאָנקורירן מיט די נייע פאַבריקן, וואָס זענען שפּעטער אויסגעבויט געוואָרן, לויט די לעצטע טעכנישע איינריכטונגען, און באַזונדערס האָט די פירמע „לעווינזאָן און קאָמפּאַניע" נישט געקענט זיך ראַנגלען מיט דעם רייכסטן פאַבריקאַנט אין דער סביבה מיט „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ". זי איז געצוווּנגען געווען זיך אָפּצושטעלן און לעווינזאָן האָט זי נאָך ביי זיין לעבן פאַרקויפט צו אַן אַנדער פאַבריקאַנט, וואָס האָט אים אויך פאָרגעלייגט אַ גוטן פּרייז, נישט ווייניקער ווי ברעטמאַן האָט געגעבן.

נאָכן פאַרקויפן די פאַבריק האָט לעווינזאָן געלעבט נאָך אַ פּאָר יאָר.

זיין פרוי האָט ער איבערגעלאָזט דאָס געלט, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין פאַבריק און אַ גרויס הויז, אַזוי, אַז ברײנע האָט געקענט פירן אַ שיין באַלעבאַטיש לעבן.

אין דער צייט האָט ברײנע חתונה געמאַכט איר טעכטערל פריידל מיט יונה בורשטיין, אַ זון פון אַן אָנגעזעענעם סוחר און דערצו פון אַ מיוחסדיקער פאַמיליע.

ביי פריידלען אויף דער חתונה איז איר חברטע בעטיע געווען איינע פון די ערשטע מחותנתטעס. פיל האָבן זי געהאַלטן פאַר דער כלהס אַ שוועסטער, און מער נאָנטע האָבן געוווסט, אַז זי איז נאָר איר חברטע, מיט וועלכע זי איז צוזאַמען אויסגעוואַקסן, געלערנט און אין איין צייט געענדיקט די גימנאַזיע.

ברײנע האָט בעטיען געמאַכט אַ ניי קלייד צו פריידלס חתונה און האָט זי פאַר די מחותנים און געסט פאָרגעשטעלט אַלס איר יינגערע טאָכטער.

טאַקע דאָ, אויף דער חתונה, האָט דער אייגענער לאַנדס־שדכן, וואָס האָט אויסגעפירט דעם שידוך מיט פריידלען, פאָרגע־לייגט ברײנען פאַר בעטיען אַ רייכן שידוך, אָבער ברײנע האָט גע־ווּוסט, אַז בעטיע האַלט נאָך נישט דערביי און האָט געענטפערט, אַז מיט בעטיען האָט זי צייט צו וואַרטן נאָך אַ יאָר צוויי.

מען האָט אָפּגעטאַנצט די חתונה זייער פריילעך, געסט זענען זיך צעגאַנגען, מחותנים צעפאָרן. פריידל מיט איר יונגן מאַן זענען געבליבן וווינען ביי ברײנען אין הויז, ווי פריער, ווייל אַזוי איז ביי די תנאים געווען דער מדובר, אַז דאָס יונגע פּאָרפאָלק זאָל בלייבן וווינען אין דער כלהס שטאָט ביי ברײנען אין הויז, כדי זי, די אלמנה ברײנע, זאָל נישט בלייבן אויף די עלטערע יאָרן אַליין.

און כאָטש פריידל איז מיט בעטיען געבליבן אין דעמזעלבן הויז, ווי פריער, דאָך האָט זיך בעטיע אָנגעהייבן פילן נישט גוט. פאַריתומטקייט און עלנט האָט זיך באַוויזן אויף איר פנים.

פריידל האָט, ווי פריער, זיך באַצויגן צו בעטיען, ווי צו אַ שוועסטער און ברײנע איז פאַר איר אויך געווען דיזעלבע מוטער, און דאָך האָט זיך בעטיע געפילט נישט גוט.

זי האָט אַליין נישט געוווסט, פאַרוואָס זי פילט זיך נישט גוט. עס איז געווען אַ פריי און אַ גוט לעבן ביי פריידלען אין הויז. אָבער איר, בעטיען, האָט עפּעס געדריקט. שפּעטער האָט זי עס דער־קלערט דערמיט, וואָס זי ווערט אַ דריטע צווישן צוויי...

אַז פריידל פלעגט נאָר גיין פאַרברענגען מיט איר מאַן, פלעגט זי מיטנעמען בעטיען. פריידלס מאַן, יונה בורשטיין, איז אויך שטענדיק געווען זייער פריינטלעך צו בעטיען, און ווען ער פלעגט ערגעץ גיין מיט זיין פרוי, האָט ער אויך דערמאָנט, אַז מען דאַרף מיטנעמען בעטיען.

אָבער אָט דאָס שטענדיקע „מיטנעמען" האָט בעטיען געדריקט. זי האָט זיך דערפון שלעכט געפילט און מיט דער צייט האָט זי גענו-מען אויסמיידן דאָס פּאָרל...

זי האָט געזאָגט, אַז עס טוט איר ווי דער קאָפּ, אַז זי פילט זיך נישט גוט, אַז זי האָט פאַריקע נאַכט נישט גוט געשלאָפן, און נאָך אַזעלכע תּרוצים פלעגט זי זאָגן, אַבי נישט צו גיין מיט זיי.

און ביסלעכווייז האָט דאָס יונגע פּאָר אָנגעהייבן צו גיין אָן בעטיען, און ווען זי איז יאָ אַמאָל מיטגעגאַנגען, איז עס שוין געווען אַ זעלטענער פאַל.

איינמאָל, ווען איר חברטע איז מיט איר מאַן אַוועק צו באַקאַנ-טע פאַרברענגען און זי איז געבליבן אַליין מיט אַ בוך אין דער האַנט, האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָנט, ווי אַמאָל, שלאָפנדיק, ווי שטענדיק אין איין צימער מיט פריידלען, האָבן זיי זיך צערעדט וועגן זייער ליבשאַפט.

בעטיע האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז געווען באַלד דערנאָך, ווען זיי האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און אַריבערגעגאַנגען אין פינפטן קלאַס.

— ווען איך וועל אַמאָל חתונה האָבן,—האָט פריידל דענסטמאָל געזאָגט, — וועל איך דיך, מיין טייערע בעטינקע, קיינמאָל נישט אָפּלאָזן פון מיר.

— און איך, — האָט בעטיע געענטפערט איר חברטע, — וועל קיינמאָל נישט חתונה האָבן, אַבי איך זאָל זיין מיט דיר שטענדיק.

— אויב אַזוי, — האָט פריידל געזאָגט, — וועל איך אויך קיינ-מאָל נישט חתונה האָבן... צו וואָס דאַרף איך עס? מיר איז אַזוי אויך פריילעך און אינטערעסאַנט מיט דיר...

און אַזוי איז געבליבן בייביידע קינדער, אַז זיי זאָלן קיינ-מאָל נישט חתונה האָבן. די מאַמע מעג אפילו שרייען און ליאַרמען, וועט מען זיך איינשפּאַרן און נישט פאָלגן.

ווען די חברטעס זענען אונטערגעוואַקסן און זיך דערמאָנט אין זייער אַמאָליקן קינדערשן געשפּרעך, פלעגן זיי זייער פיל לאַכן.

און אויך איצט, ווען בעטיע האָט זיך דערמאָנט אין דעם, האָט זי האַרציק געלאַכט.

דעם היינטיקן אָוונט, ווען פריידל מיט איר מאַן האָבן זי גע-בעטן מיטגיין און זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט פריידל דאָס ערשטע

מאָל זיך אָנגעברוגזט אויף איר און געזאָגט, אַז בעטיע האָט זיך געענדערט. זי איז שוין מער נישט די פריערדיקע בעטיע.

— נאַרישע פריידל! — האָט בעטיע געטראַכט. — זי מיינט, אַז איך האָב זיך געענדערט... איך האָב אין אָנהייב אויך געמיינט, אַז פריידל איז נישט דיזעלבע, ווי פריער. איצט פאַרשטיי איך: אין אונדזער ליבע האָט זיך אַריינגעמישט פריידלס מאַן, און איך שטעק אין זייער ליבע... און דאָס שטערט...

בעטיע איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן. זי איז געווען יונג, געזונט און שיין. פרויען האָבן זי מקנא געווען און מענער האָבן זי באַוואונדערט.

אין גימנאַזיע האָט זי יעדעס מאָל ביים איבערגיין אין אַ העכערן קלאַס, זיך אויסגעצייכנט, און געענדיקט האָט זי מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

נישט נאָר יונגעלייט האָבן געזוכט איר געזעלשאַפט, נאָר אפילו עלטערע מענטשן האָבן ליב געהאַט מיט איר צו רעדן, ווי מיט אַ קלוגן מענטשן. זי איז געווען באַליבט ביי יעדן, בפרט נאָך אין לעווינזאָנס הויז. ברײנע האָט זי מיט אלץ אָפגעהיט, ווי דאָס שוואַרצאַפל פון אויג, שטענדיק געזאָרגט פאַר איר מער ווי פאַר אירע אייגן קינד און מיט דער גרעסטער ליבע האָבן זיך אַלע אין הויז באַצויגן צו איר.

לאה, די דינסט איז איר געווען איבערגעגעבן מיט עפעס אַ גערנווילִיקער פאַרשקלאַפטקייט. קעגן בעטיען האָט לאה קיין אייגענעם ווילן נישט געהאַט און וואָס בעטיע האָט ארויסגערעדט, איז עס געווען הייליק.

לאהס געפיל פון מוטערליבע האָט זי נאָך פון בעטיעס קינדעריאָרן אויסגעגאָסן אויף איר.

אַליין נישט האָבנדיק קיין קינדער, האָט זי געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן, אָנרופנדיק בעטיען „מיין קינד".

— האָסט היינט ווייניק געגעסן, מיין קינד!...

— ווי אַזוי ביזטו היינטיקע נאַכט געשלאָפן, מיין טייער קינד!...

בעטיע פלעגט דאָס הערן, קוקן אויף איר מיט דאַנקבאַרע אויגן און איז שטענדיק געווען גערירט פון איר געטרייַשאַפט און אויפריכטיקער ליבע.

בעטיע איז אויך נישט געווען אָרעם. זי האָט נאָך פאַרמאָגט אַ פּאָר טויזנט רובל מיט באַלעבאַטישקייט און צירונג פון אירע פאַרשטאָרבענע עלטערן.

און דאָך האָט זיך בעטיע געפילט פאַר דער אומגליקלעכסטער אין דער וועלט.

כל זמן זי האָט געלערנט אין גימנאַזיע, האָט זי וועגן זיך נישט געטראַכט. זי איז שטענדיק געווען די פרייליכסטע צווישן אירע חברטעס און מען האָט כסדר געהערט איר קלינגענדיק קול. נאָר איצט, שוין אַן אויסגעוואַקסענע, אַן אויפגעבליטע, האָט זי אָנגעהייבן טראַכטן וועגן זיך און עפּעס אַ מרה-שחורה איז איר באַפאַלן. מען האָט זי זעלטן געהערט לאַכן און נאָך זעלטענער רעדן.

ברייינע האָט דערפון געהאַט גרויסע יסורים און נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס איז מיט איר אַזוינס געשען, אַז זי האָט זיך פלוצים אַזוי איבערגעאַנדערשט, און זי האָט זי אַ פּאָר מאָל איבערגעפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, בעטינקע? דאַכט זיך, אַז דיר פעלט גאָרנישט ביי אונדז. אדרבה, זאָג, קיין זאַך וועט פאַר דיר נישט זיין צו טייער!

נאָר בעטיע פלעגט יעדעס מאָל דערויף ענטפערן:

— גאָרנישט, מיין טייערע!

זי האָט זי נאָך דענסטמאָל, ווי אין די קינדעריאָרן, גערופן „טייערע” אָדער „ליבע”.

— וואָס הייסט גאָרנישט? עפּעס האָט זיך מיט דיר געמוזט טרעפן, וואָס דו ביזט מיטאַמאָל אַזוי אַנדערש געוואָרן.

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אַזוי ווי איך בין געווען אין מיינע קינדעריאָרן, קען איך איצטער נישט זיין...

— אוודאי ביזטו שוין נישט קיין קינד! ביזט, קיין עין הרע, אויסגעוואַקסן און בליסט אַזוי שיין, הלוואי אויף אַלע יידישע מיידלעך געזאָגט געוואָרן. קיין נדן פעלט דיר אויך נישט. איצטער איז די רעכטע צייט, דו זאָלסט אין אַ גוטער שעה אַ כלה ווערן. קיין שדכנים, ווייסטו אַליין, פעלן נישט, מען שלאָגט מיר אָפּ די טירן פון אַלע זייטן, אויף אַלע יידישע מיידלעך געזאָגט געוואָרן... האָסט, קיין עין הרע, גרויס מזל, ביזט אין אַ העמדעלע געבוירן געוואָרן... פון אַלע זייטן—פון די רייכסטע און לייטישסטע יונגעלייט, גרויסע

יחסנים — שיקן צו מיר שדכנים, מען פרעגט אפילו נישט אויף קיין נדן, דו דאַרפסט נאָר זאָגן איין וואָרט, וועלן מיר שרייבן תנאים אין אַ גוטער מזלדיקער שעה, אָבער איך קען דאָך דיך נישט פאַרשלייערן, ווי מען האָט אַמאָל מיט אונדזערע באָבעס געטון... אפילו איך, ווען איך האָב באַדאַרפט אַ כלה ווערן פאַר מיין שמחהן, ער זאָל פאַר אונדז אַלע דאָרטן זיין אַ גוטער מליץ, האָב איך אַנדערש נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אים פריער אָנקוקן, און ווען ער איז מיר געפעלן געוואָרן, בין איך אַ כלה געוואָרן. בפרט נאָך היינטיקע צייטן מיט אַזאַ מיידל, ווי דו, וואָס האָט געענדיקט די גימנאַזיע...

בעטיע האָט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט אויסגעהערט בריינען, ווי גלייך זי דערציילט אַ שיינע טשיקאַווע מעשה פון אַמאָליקע יאָרן, און האָט מיט הנאה געשמייכלט און געשוויגן.

— וואָס-זשע שווייגסטו, בעטינקע? — האָט ברײנע געפרעגט.

— וואָס זאָל איך ענטפערן? אַז איך טראַכט נאָך נישט וועגן דעם! עס איז נאָך אַזוי ווייט דערצו! — האָט בעטיע געענטפערט מיט אַ לאַנגן געשמאַקן גענעץ, ווי זי וואָלט נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

ברײנע האָט געדרייט מיטן קאָפּ און איר געמוסרט, אַז זי טוט שלעכט, ווען זי טראַכט נאָך נישט דערפון.

— נישט גוט אַזוי, בעטיע, איצט איז די בעסטע צייט... דו ביזט יונג און שיין, דו קענסט זיך אויסקלויבן אַזאַ חתן, וועמען דו ווילסט... שפּעטער אָבער ווערט מען עלטער, דאָס שיינע פנימל ווערט פאַרשוווּנדן... ווער עס וועט דיך דעמאָלט וועלן, וועט דיר נישט אָנשטיין און ווער עס וועט דיר געפעלן, וועט דיך נישט וועלן.

בעטיע, די שטאָלצע שיינהייט, וועלכע איז פון קינדווייז אָן געוויינט, אַז אַלע זאָלן לויבן איר שיינקייט, זי גלעטן און קושן און יונגעלייט זאָלן זי אויפעסן מיט די אויגן, אַזוי, אַז עס האָט איר דערעסן ביז חלשות, האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט.

— איר זאָגט, מיין טייערע, אַז עס קען קומען אַמאָל אַ צייט, ווען איך וועל שוין נישט געפעלן! הלוואַי דערלעב איך דידאָזיקע גליקלעכע צייט... זאָלן די אַלע חתנים גיין צו אַלדע גוטע יאָר, אַבי מיך זאָל מען לאָזן צורו... זיי, אָט די יונגעלייט, אָט די מאַנסלייט, ווען זיי הייבן אָן צו קוקן אויף מיר און רעדן ווייך-פוטערדיקווערט מיר אַזש נישט גוט...

ברײַנע איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרװוּנדערטע, געצװיגן מיט די פּלײיצעס, געפּרוּװט עפּעס רעדן און עס איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

בעטיע האָט עפּעס געטראַכט, אירע ליפּן האָבן זיך באַװעגט... צולעצט האָט זי באַמערקט:

— איר הערט, מײַן טײַערע, איך װעל קײנמאָל נישט חתונה האָבן! קײנמאָל נישט! װאָס קוקט איר מיך אַזױ משונהדיק אָן? איך זאָג עס אײַך גאַנץ ערנסט... איך װעל קײנמאָל נישט חתונה האָבן! און װײסט איר, מײַן טײַערע, פֿאַרװאָס? װײַל קײנער פֿון זײ געפֿעלט מיר נישט...

ברײַנע האָט זיך אױף אַ קול אַזױ שטאַרק צעלאַכט, אַז פֿרײדל איז אָנגעלאָפֿן אױף איר מוטערס געלעכטער און לאה איז פֿון קיך געקומען צו לױפֿן מיט אַ נאַסן האַנטוך.

— װאָס איז געשען? װאָס איז פּלוצים אַזאַ לאַכן? — האָט פֿרײדל געפֿרעגט.

לאה האָט פֿאַרגעסן אָן איר קיך מיט די זודיקע טעפּלעך און האָט אױך מיטגעהאָלפֿן לאַכן, כאָטש זי האָט נישט געװוּסט, װעגן װאָס דאָ האַנדלט זיך...

— מיר האָבן דאָ גערעדט װעגן גרױסע שידוכים, װאָס גרױסע מיוחסים שלאָגן פּאָר אונדזער בעטיעלען,—האָט ברײַנע דערצײלט, קאַ־טשעדיק זיך נאָך אַלץ פֿון געלעכטער.—האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי װעט קײנמאָל נישט חתונה האָבן, װײַל זי קען די מאַנסלײַט נישט אָנקוקן!...

— װאָס־זשע איז, מאַמע, אַזאַ געלעכטער, װען אײנע האָט באַ־שלאָסן נישט חתונה צו האָבן? — האָט פֿרײדל ערנסט געפֿרעגט.

איז ברײַנע אױך געװאָרן ערנסט און געפֿרעגט איר טאָכטער:

— דו ביזט אױך, מײַן טײַערע, דערפֿאַר, אַז בעטיע זאָל קײנ־מאָל נישט חתונה האָבן? דו אַלײן האָסט דאָך יאָ חתונה געהאַט!

די טאָכטער האָט געענטפֿערט:

— ערשטנס, מאַמע, איז עס נישט ריכטיק, װעסטו מיר מוחל זײַן. איך בין נישט דערפֿאַר, אַז בעטיע זאָל קײנמאָל נישט חתונה האָבן. פֿאַרקערט, איך װאָלט זײער געװאָלט און זיך געפֿילט גליק־לעך, אַז איך זאָל װי צום גיכסטן טאַנצן אױף איר חתונה! איך זאָג באָר, אַז עס איז נישטאָ װאָס צו לאַכן, װען עס טרעפֿט זיך אַמאָל, אַז אײנע האָט באַשלאָסן קײנמאָל נישט חתונה צו האָבן. און װאָס עס

געהער זיך אָן צו מיר, ווייס איך נישט, ווי אַזוי איך וואָלט באַ־שלאָסן, ווען עס זאָל געווען זיין געווענדט נאָר אין מיר אַליין...

— גאָר אַזוי? — האָט זיך ברײנע געחידושט.—האָסטו גאָר חרטה אויף דעם גאַנצן שידוך... און וואָס וועט עפּעס זאָגן דיין יונה?

פריידל האָט ווייטער געזאָגט:

— מען האָט חתונה נישט נאָר צוליב זיך אַליין, מען האָט חתונה צוליב דער מאַמען, צוליב דעם טאַטן, צוליב דער גאַנצער משפחה און צוליב יענעם... אָט, למשל, דו קענסט זיך נישט פאָר־שטעלן, מאַמע, וואָס וואָלט זיך געטון ביי אונדז אין שטאָט, ווען ר׳ שמחה לעווינזאָנס טאָכטער זאָל זאָגן, אַז זי וויל נישט חתונה האָבן און וויל פאַרזיצן, זיין פאַר זיך אַליין אַ מענטש, נישט אָנקו־מען צום מאַן נאָך אַלעמען, אַזוי ווי פאַר דער חתונה צו טאַטע־מאַ־מע... מען קען דאָך אייביק קיין קינד נישט זיין? מען מוז דאָך אַמאָל ווערן אַ מענטש גלייך מיט אַלע און אַרבעטן, פאַרדינען כאָטש אויף לעבנסמיטלען און נישט שטענדיק, נישט אייביק אָנקומען צום מאַן, ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד צו די עלטערן.

— נו, נו, זיך אַ ביסל צערעדט! אַ שיינע וועלט געוואָרן! — איז שוין ברײנע בייז געוואָרן.

— יאָ, מאַמע, נישט איך האָב חתונה געהאַט, נאָר מען האָט מיך חתונה געמאַכט... אַלע האָבן אַזוי חתונה...

בעטיע איז אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן, הערנדיק, ווי איר חברטע רעדט אַזוי וועגן חתונה האָבן כמעט אַזוי ווי זי, בעטיע, האָט תמיד געטראַכט און גערעדט.

— איך פרעג דיך, מאַמע, וואָס האָט בעטיע אָנגעוואָרן, וואָס זי האָט נישט חתונה געהאַט? און וואָס האָב איך געוווּנען פון מיין חתונה? זי בליט, ווערט אַלע טאָג שענער און די גאַנצע וועלט איז פאַר איר פריי און איך בלײַקעווע שוין אָפּ...

— גיי, הער שוין אויף צו רעדן נאַרישקייטן! — האָט זיך די אַלטע אָנגעבייזערט. — איך קען גאָרנישט הערן אַזעלכע רייד! עס וועט באַלד קומען דיין יונה, וועל איך אים דערציילן, ווי אַזוי דו האָסט חרטה אויף דעם גאַנצן שידוך און אַז דו וואָלסט בעסער גע־וואָלט פאַרזיצן אַ גרויע אַלטע מויד!

און אָט האָט שוין ברײנע געשריגן:

— איך קען מיט היינטיקע קינדער נישט רעדן. דו זאָגסט,

פריידל אַז אַ ווייב דאַרף נישט אָנקומען צום מאַן, ער זאָל איר דאַרפן אַלץ געבן, ווי אַ קינד—זייער שיין! ביזט טאַקע אפשר גע־רעכט. נו, אַז דער מאַן איז אַ קרעמער, איז דאָס ווייב אַ קרעמער־קע, זי אַרבעט אויך אין קראָם, דאַרף זי שוין צום מאַן מער נישט אָנקומען! פעלט אָבער אַ באַלעבאָסטע אַרבעט? רבונו של עולם! אַ פרייע מינוט האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט! עס געפינט זיך אַר־בעט גענוג, ווען מען וויל נאָר נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן ווי פייגעלעך פליען!

— מאַמע! — האָט זי פריידל איבערגעשלאָגן. — אומזיסט, וואָס דו רעדסט. מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַרשטיין...

— וואָס־זשע? די גרויסע חכמות, וואָס איר האָט אויסגעלערנט אין גימנאַזיע? שיין דערלעבט, די אייער זענען קליגער געוואָרן פון די הינער!

— וואָס-זשע לאַכסטו אַזוי, מאַמע, פון אונדזער גימנאַזיע? דו ווייסט, ווער קאַרל מאַרקס איז? לאַסאַל און דאַרווין? און...

פריידל האָט געוואָלט אויסרעכענען אַ גאַנצן צעטל פון גרויסע געלערנטע מענטשן, נאָר ברײַנע האָט איר אינמיטן איבערגעשלאָגן:

— ווער איז דער דאָזיקער דאַרווין?

—דאַרווין? — האָט פריידל געענטפערט מיט אַן ערנסטן טאָן,— דאַרווין איז אַ גרויסער געלערנטער און ער האָט דערוויזן, אַז מיר, מענטשן, קומען אַרויס פון מאַלפּעס...

ברײַנע האָט איר טאָכטער אָנגעקוקט, ווי אַ משוגענע, געטראַכט אַ ביסל און זיך אָנגערופן:

— איך גלויב אָבער נישט דיין דאַרווינען! און ווי שעמסטו זיך נישט צו רעדן אַזעלכע משוגעתן! דו דאַרפסט דאָך איינגיכן האָבן אַ קינד אין אַ גוטער מזלדיקער שעה! איך קען שוין מער נישט הערן אַזעלכע נאַרישקייטן!

און ברײַנע איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

לאה, וואָס האָט זיך אויך צוגעהערט, ווי די טאָכטער מיט דער מאַמען קריגן זיך איבער נאַרישקייטן, איז אויך מיט איר האַנטוך אַוועק צו זיך אין קיך אַריין.

אין צימער זענען נאָר געבליבן בעטיע מיט פריידלען, וועלכע האָבן זיך ערנסט איבערגעקוקט.

—וואָס ווילסטו פון דער מאַמען מיט דאַרווינען און מיט קאַרל

מאַרקסן... עס איז זייער נאַריש פון דיר... זאָל זי זיך לעבן געזונ־טערהייט, ווי אַזוי זי פאַרשטייט. זי איז דאָך אַנדערש אויסגעוואַקסן און מיר אַנדערש, און אפשר? — האָט זיך בעטיע פאַרטראַכט, — איז זי גליקלעכער פון אונדז. זי האָט אָפּגעלעבט זייער אַ שיינע וועלט און גליקלעך געווען מיט דעם טאַטן. און מיר, צוזאַמען מיט אונדזער גימנאַזיע, זענען מיר דען גליקלעך? מילא, דו האָסט שוין חתונה געהאַט, וועסט האָבן אַ קינד, זיין אַ מוטער און וועסט האָבן מיט וואָס אויסצופילן דיין לעבן, אָבער איך? —איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טון מיט זיך? כל־זמן איך בין געווען אין גימנאַזיע, האָב איך פון קיין זאַך נישט געטראַכט חוץ וועגן לערנען, כאַפּן „פינפן" און „נאַגראַדעס". נאָר איצטער ווייס איך באמת נישט וואָס צו טון מיט זיך!

— וואָס הייסט? — האָט זיך פריידל אַ כאַפּ געטון. —מען רעדט דאָך דיר די שענסטע שידוכים, וועסטו חתונה האָבן, ווי מיר אַלע!

בעטיע האָט זיך הויך צעלאַכט.

— ערשט, נאָר וואָס האָסטו מיט דער מאַמען גערעדט וועגן לאַסאַלן מיט דאַרווינען, און איצטער זאָגסטו, אַז איך זאָל חתונה האָבן!

— איך ווייס? וואָס זשע דען קענסטו טון! — האָט פריידל געשטאַמלט.

— איך וויל אָנהייבן פירן אַ ניי לעבן, נישט ווי אַלע! — האָט בעטיע מיט אַ פעסטן טאָן זיך אָנגערופן. — פאַרשטייסט, אַ ניי לעבן!...

— וואָס זשע רעכנסטו צו טון און ווי אַזוי וועסטו אָנהייבן דאָס דאָזיקע נייע לעבן?

— דו ביזט עפּעס גאָר אַ קינד, כאָטש דו האָסט שוין חתונה געהאַט און ווערסט באַלד אַליין אַ מוטער. דו מיינסט, אַז ווען מען וויל לעבן אַנדערש, אָנהייבן אַ ניי לעבן, דאַרף מען טון אַזוי ווי אין ביכל שטייט געשריבן, און שוין—עס געשיט! נישט אַזוי גרינג קומט דאָס אָן, מיין טייערע. מען דאַרף לאַנג קעמפן, זיך ראַנגלען. אָט, אַ שטייגער, אפילו אַזאַ קלייניקייט: איך בין אַ פרייער מענטש און איך וויל פירן אַ לעבן, ווי איך וויל, ווי איך פאַרשטיי: איך וויל נישט חתונה האָבן און זיך אויף אייביק צובינדן צו אַ מאַן, ווי אויף אַ קייט.

—פון דעם ערשטן טאָג פון דער חופה פאַרבינדט מען זיך מיט קייטן. נו, וואָס מיינסטו, ווען איך באַשליס ביי מיר אַזאַ זאַך, וועט מען מיך נישט צווינגען, כאָטש איך האָב איבער זיך נישט קיין איבערהאַר, וואָס זאָל מיר זאָגן דעות, און דאַרף צו קיינעם נישט אָנקומען מיט טובות, איך זאָל עמעצן דאַרפן באַלגיין? ניין, מען וועט מיר נישט שווייגן! ווער, וועסטו פרעגן?—די וועלט וועט נישט שווייגן!

— וואָס פאַר אַ וועלט? — האָט פריידל געפרעגט.—וואָס קער זיך עס אָן מיט דער וועלט, ווען איינער וויל זיך לעבן, ווי אַזוי ער פאַרשטייט?

— עס קער זיך אַ סך אָן, מיין ליבע פריידעלע! — האָט בעטיע געענטפערט, — זייער אַ סך! די וועלט גיט אַכטונג אויף יעדן מענטשן באַזונדער, און ווען איינער וויל לעבן אַנדערש, נישט ווי אַלע, נישט ווי די וועלט וויל, קומט עס נישט אָן אַזוי גרינג. מען מוז יעדע זאַך אויסקעמפן!

דאָס וואָרט קאַמף האָט בעטיע קיינמאָל נישט באַנוצט אין איר רעדן, נאָר אין דער לעצטער צייט האָט זי פון ערגעץ אַרויסגעשלעפט דאָס דאָזיקע וואָרט און האָט עס אָנגעהייבן צו באַנוצן.

— וואָס קעמפן! ווער קעמפן! מיט וועמען דאַרף מען דאָס קעמפן?

— מיט דער וועלט, זאָג איך דיר! אָט וויל איך דיר ווייזן. איך האָב אַ ווייטע קרובה, שיינדל, דו קענסט זי דאָך? — זי קומט אַמאָל צו מיר. אָט די שיינדל איז אַ פאַרזעסן מיידל. עס באַווייזן זיך שוין צוביסלעך גרויע האָר ביי איר אין קאָפּ... זי איז, פאַרשטייט זיך, פאַרזעסן, נישט מיט איר ווילן, זי האָט געזאָלט אַ כלה ווערן און חתונה האָבן גלייך מיט אַלע יידישע טעכטער, נאָר עס האָט זיך נישט געמאַכט, און זי איז פאַרזעסן! שטאַרק צום האַרצן נעמט זי זיך נישט. זי זאָגט, אַז מסתמא איז אַזוי באַשערט—העלפט נישט! דערצו איז זי אַ גוטע בייטאָרין, פאַרדינט זייער גוט, לעבט רויק און האָט שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן חתונה האָבן. וועמענס געשעפט, דאַכט זיך, איז עס, ווי אַזוי אַזאַ שיינדל וויל לעבן? זאָלסטו אָבער זען, ווי אַזוי די וועלט פייניקט זי. אַלע שכנים און באַקאַנטע רעדן איר נאָך איצטער שידוכים, כאָטש קיינער בעט זיי נישט. אַלע קוקן אויף איר קרום. אַמאָל אין אַ געזעלשאַפט, ווען איינער, אַ פרעמדער, דערוויסט זיך, אַז שיינדל, וואָס פאַרמאָגט שוין עטלעכע גרויע

האָר אין קאָפּ, איז נאָך אַ מיידל, ווערט ער ערנסט און באַדויערט זי, און אונטער די אויגן האָט זי ביי קיינעם קיין אַנדער נאָמען נישט, ווי „אַלטע מויד!"

— פרעגט זיך, — האָט בעטיע ווייטער געזאָגט, — וועמענס עסק איז זיך עס צו מישן אין פריוואַטן לעבן? האָט דען נישט יע־דער זיינע אייגענע געשעפטן? צו וואָס זשע דערגייט מען איר די יאָרן, פאַרוואָס זי האָט נישט חתונה געהאַט? שיינדל איז אפילו זייער אַ קלוג מיידל, נאָר עס פאַרדריסט איר זייער, וואָס די גאַנצע וועלט זאָרגט וועגן איר און מישט זיך אין איר פריוואַטן לעבן. שיינדל האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז סוף כּל סוף וועט זי מוזן עוקר זיין פון דאַנען אין אַן אַנדער שטאָט.

— זעסטו, בעטינקע, — האָט פריידל אונטערגעכאַפּט, — איצ־טער זעסטו שוין, ווי עס איז נישט גוט, אַז מען האָט נישט חתונה אין דער צייט, ווען מען איז נאָך יונג און שיין און מען קען אויסקלויבן אַזאַ חתן, וועלכן מען וויל?...

— איך זע נישט, אַז שיינדלען זאָל זיך לעבן אַזוי שלעכט! זעסטו, ווען זי זאָל נישט קענען אַרבעטן און פאַרדינען און דאַרפן אָנקומען צו יענעמס הילף, וואָלט טאַקע געווען זייער טרויעריק, נאָר ווען זי פאַרדינט אויף אַלץ, וואָס זי דאַרף פאַר איר לעבן און לייגט נאָך אָפּ אַ ביסל אויף די עלטערע יאָרן, ווען מען קען שוין נישט אַרבעטן, טאָ ווער קען זיין גלייך צו איר?

— און דאָס, וואָס דו דערציילסט אַליין, אַז די וועלט קוקט אויף איר קרום און אַלע רופן איר „אַלטע מויד", איז שיין?

— מילא, עס איז נישט אַנגענעם... אָבער מען דאַרף זיך פאַר־האַרטעווען און קעמפן מיט דער וועלט. ווען איך וועל ווערן אַן אַלטע מויד, הער איך די גאַנצע וועלט ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי און זאָל מען מיך רופן מיט וואָס פאַר אַ נעמען מען וועט נאָר וועלן. זעסטו, פריידעלע, ווען איך זאָל, חס ושלום, דאַרפן אָנקומען צו דער וועלט, וואָלט געווען זייער ביטער. אָבער ווען איך וועל אַרבעטן און פאַר מיר קענען פאַרדינען, ווער וועט עס דענסטמאָל זיין צו מיר גלייך!?

פריידל האָט זיך צעלאַכט פון איר חברטע און דערנאָך ערנסט געפרעגט:

— דו מיינסט עס טאַקע אין אמתן, בעטיע?

— אוודאי, וואָס האָסטו געמיינט, אַז איך וועדטל זיך מיט דיר? איך רעד מיט דיר גאַנץ ערנסט!

— ביי מיר זעסטו אויס, ווי משוגע, בעטיע!

— דאָס אַרט מיך זייער ווייניק, ווייל נישט נאָר דו, נאָר אַ סך וועלן מיך נישט פאַרשטיין. מיך גייט דאָס אַלץ נישט אָן און איך וועל מיר טון מייגס און וועל מיר גיין מיין וועג.

בעטיע האָט עס אַרויסגעזאָגט פעסט, נאָר דערזעענדיק אויף איר געטרייער חברטעס פנים, ווי זי האָט יסורים פון איר, האָט זי געפרוווט איר באַרויקן.

— איך זע, פריידעלע, אַז דו און די מאַמע האָבן פון מיר גרויס עגמת נפש, וואָס איך וויל נישט חתונה האָבן. נאָר וואָס זאָל איך טון? איך האָב אייך ליב, ווי מיין לעבן, און ווען איך זאָל פאַרמאָגן צוויי לעבנס, וואָלט איך געוויס איינס אייך אַוועקגעגעבן און איך וואָלט געמוזן, ווי איר פאַרשטייט. נאָר אַזוי ווי איך פאַר־מאָג מער נישט ווי איין און איינציק לעבן, מוז איך עס איבערלאָזן פאַר מיינטוועגן און זיך אויפירן אַזוי ווי איך פאַרשטיי, אַזוי ווי מיר געפעלט!...

— און וואָס אַרט דיך אַזוי, מיין טייערע, וואָס איך וועל נישט חתונה האָבן, — האָט בעטיע פלוצים אָנגעהייבן מיט אַ געלעכ־טערל. — דו האָסט מורא, טאָמער וועל איך נישט זיין גליקלעך, ווי אַלע, וואָס האָבן חתונה, האָסטו אַ טעות! אָט, למשל, לאָמיר זיךביידע פאָרשטעלן, — האָט בעטיע ווידער אָנגעהייבן לאַכן, — אַז מיר וועלן דערלעבן די צייט, ווען איך וועל שוין זיין אַן אַלטע מויד: ווי וועסטו דענסטמאָל אויסזען און ווי איך?

און בעטיע האָט פאַר איר חברטע, נישט אויפהערנדיק צו לאַכן, אָנגעהייבן מאָלן אַזאַ בילד:

— דו, פריידעלע, מיין טייערע, וועסט שוין נישט זיין אַזוי שלאַנק און רירעוודיק, ווי איצטער... דו וועסט שוין זיין אַ דיקע יידע־נע און שטופן אַ וועגעלע מיט דיין פינפטן אָדער זעקסטן קינד. אַ פאָר קינדערלעך וועלן דיר נאָכגיין און שלעפן ביי די פאָלעס און דיך נישט לאָזן אַ מינוט צורו. אַן אומצופרידענע און פאַרביטער־טע פון די קינדער, וואָס לאָזן נישט לעבן און פון דיין דיקייט און שווערן אָטעם, וועסטו עפטער זיין אַ בייזע. איך וויל דיר, מיין טייערע, נישט מאָלן מיט שוואַרצע פאַרבן די טרויעריקע זייט פון

דיין אַזוי געלויבטן פאַמיליען-לעבן, ווי קינדער האָבן, קינדער דער־ציען, וועלכע ציען טאַקע, ווי פיאַווקעס, אויס די לעצטע כוחות, אַז פאַר דער צייט פאַרלירט מען די געשטאַלט פון אַ מענטשן. איך וויל דאָס דיר נישט פאַרשטעלן! עלטער זיך מיט דיין מאַן און קינדער און זייט שטענדיק גליקלעך! איך וויל דיר נאָר זאָגן וועגן מיר: איך וועל דאַן שוין אויך האָבן גרויע האָר, אָבער געוויס אַ סך ווייניקער, ווי דו. אויף מיין פנים וועלן זיין אַ פּאָר קנייטשן און אפשר נישט? נאָר אויף יעדן פאַל ווייניקער, ווי ביי דיר. און די הויפּט־זאַך: איך וועל זיין אַ פרייער מענטש, נישט אָפּהענגיק פון קיינעם. היינט, מיין טייערע, וואָס באַוויינסטו מיך אַזוי, ווען איך וועל נישט חתונה האָבן?!...

און בעטיע האָט געשמייכלט און פריידל האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט.

קאפיטל צוויי.

א מוטער.

דער שמועס האָט זיך אָבער נאָך נישט געענדיקט, און בעטיע האָט ווייטער געזאָגט:

— יאָ, מיין טייערע, אפשר ווען איך זאָל זיך געפינען אין דיין לאַגע, וואָלט איך אויך געגאַנגען אין דעמזעלבן וועג, וואָס דו... דיין לאַגע איז גאָר אַן אַנדערע...

— מיט וואָס בעטיע, ביזט עס נישט אין דערזעלבער לאַגע, וואָס איך? — האָט פריידל געפרעגט.

— מיט זייער אַ סך, אויב נישט אינגאַנצן!

— איך פאַרשטיי דיך נישט! מיר זצנען גלייך אויסגעוואַקסן. אין איין הויז. געלערנט אין איין שולע. די מאַמע האָט געזאָרגט פאַר דיר גלייך ווי פאַר מיר. אַלע האָבן דיך ליב, דו ביזט ביי אונדז דאָ די ליבסטע.

— דו דאַרפסט עס מיר נישט דערציילן, דאָס אַלץ איז אמת, און איך ווייס נישט, צי וועל איך אין מיין גאַנצן לעבן אייך קענען אָפּדאַנקען פאַר דעם גוטס, וואָס איר האָט מיט מיר געטון פון דער ערשטער מינוט, ווען מיין מוטער איז מיר אָפּגעשטאָרבן, און נאָכמער פון דער צייט אָן, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין פאָטער און איך בין געבליבן עלנט און אַליין... ווער ווייסט, וואָס פון מיר וואָלט געוואָרן, ווען נישט אייער אַלעמענס גוטסקייט און טרייקייט צו מיר...

— בעטיע, עפעס רעדסטו אַזוי וועגן אונדז, ווי גלייך דו

זאָלסט ביי אונדז אין הויז זיין אַ פרעמדע, וואָס מען האָט מיט איר גוטס געטון און זי דאַרף אָפדאַנקען דערפאַר... דו ביזט ביי אונדז נישט קיין פרעמדע, נאָר אַן אייגענע, מיינע אַ שוועסטער, מיין מאַמעס אַ קינד... אין דעם הויז איז קיין חילוק נישטאָ צווישן מיר און דיר.

פריידל האָט זי אַרומגעכאַפּט און אָנגעהייבן קושן. בעטיע האָט פריידלען געדריקט צום האַרצן, שטיל זיך צעוויינט און געזאָגט:

— אוי, פריידעלע, ווען דו זאָלסט וויסן, ווי שווער עס איז מיר איצט אויפן האַרצן! ווען דו זאָלסט נאָר וויסן! נאָר ווי שווער עס זאָל מיר נישט זיין, מוז איך פאַר דיר אויסגיסן מיין גאַנץ האַרץ, מיינע אַלע געפילן, דעם גאַנצן אמת דיר אויסזאָגן! אַלץ, וואָס דו האָסט גערעדט, אַז עס איז קיין שום חילוק נישט צווישן מיר און דיר און אַז דיין מוטער איז מיין מוטער, איז אמת. דאָס האָב איך געפילט אין מיינע קינדעריאָרן און מיר איז געווען זייער גוט. איך האָב כמעט נישט געוווסט, אַז איך בין אַ יתומה, אַז איך בין עלנט און אַליין. איך בין פריילעך יעדן טאָג געלאָפן אין שולע, זיך געלערנט, געשפּילט. אַזוי איז דאָס געגאַנגען. איך האָב פון קיין זאַך, אַ חוץ פון מיין לערנען און שפּילן זיך מיט חברטעס, נישט געטראַכט. נאָר זינט איך האָב באַקומען מיין אַטעסטאַט, אַז איך האָב געענדיקט די שולע און בין געבליבן זיצן אינדערהיים, האָב איך דערפילט, אַז איך בין מיטאַמאָל געוואָרן אַ דערוואַקסענער מענטש און האָב דערזען, אַז איך בין אַליין, עלנט און איך האָב קיינעם נישט אויף דער וועלט...

פריידל איז פון בעטיעס לעצטע ווערטער אויפגעקאָכט געוואָרן און זיך געריסן איר אָפּצוענטפערן, נאָר בעטיע האָט זי נישט געלאָזט.

— האָב געדולט, מיין טייערע... איך ווייס אַליין זייער גוט, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן, נאָר האָב געדולט. הער מיך פריער אויס ביז צום סוף און דערנאָך וועסטו רעדן, וויפל דו וועסט וועלן.

— און בעטיע האָט ווידער אָנגעהייבן:

— איך ווייס און פיל זייער גוט, אַז דיין מאַמע איז אויך מיין מאַמע. אָבער איך מוז דיר זאָגן, פריידל, אַז פאַר אַ קינד, וואָס געדענקט דאָס ליבע געזיכט פון איר מוטער, קען קיין צווייטע מוטער אין דער גאַנצער וועלט נישט פאַרבייטן די ערשטע מוטער. איך געדענק דאָס ליכטיקע פנים פון מיין שיינער מוטער. איר גע-

שטאַלט שוועבט שטענדיק פאַר מיינע אויגן. ווער זשע אין דער וועלט קען פאַרבייטן מיין אייגענע מוטער, וועלכע האָט מיך גע־טראָגן אונטער איר האַרץ און מיך אויסגעזויגן! דיין מאַמע איז מיר טייער און ליב און איך בין שטענדיק גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר. נאָר פאַרבייטן מיר מיין אייגענע מאַמע—דאָס קען נישט זיין! עס איז נישט מעגלעך! און אַז דו זאָלסט מיך קלאָרער פאַרשטיין, וויל איך דיך פרעגן: דו געדענקסט דאָך דיין פאַרשטאָר־בענעם פאָטער ר' שמחה לעווינזאָן? פרעג איך דיך, צי וועסטו גע־פינען אויף דער גאַנצער וועלט אַ מענטשן, וואָס זאָל דיר קענען פאַרבייטן דיין אייגענעם טאַטן?

אין פריידלס אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן און זי האָט גע־שוויגן. נאָר דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופן:

— בין איך דען נישט אין דער אייגענער עלנטער לאַגע, ווי דו, ווען איך האָב פאַרלוירן מיין פאָטער, און נאָך אַזאַ פאָטער, ווי שמחה לעווינזאָן, וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט ליב געהאַט?!

— ניין, מיין טייערע! מיט עלנטקייט קענסטו זיך צו מיר נישט פאַרגלייכן! דו האָסט אַ מאַמען... דו ווייסט, וואָס הייסט אַ מאַמע!

—ווען מיין מאַמע, — האָט בעטיע ווידער געזאָגט, — איז שוין געוועזן געפערלעך קראַנק און האָט נישט געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט, איז מיר אויך געווען בעסער, ווי ווען איך האָב שוין גאָר קיין מאַמע נישט געהאַט... איך פלעג זיך זעצן ביי איר בעט, זי האָט אויסגע־צויגן צו מיר אירע הענט, געקוקט אויף מיר מיט אירע שיינע גרוי־סע אויגן און מיר איז געווען אַזוי גוט, אַזוי גוט!.. איך האָב זיך געפילט גליקלעך, וואָט מיין מאַמע קוקט אויף מיר... דו ווייסט, מיין טייערע, וואָס הייסט האָבן אַ מאַמע?

— נאָר גענוג! — האָט בעטיע זיך אַ כאַפּ געטון. — איך פיל, אַז מיין האַרץ ווערט מיר צעריסן, און דיר איז געוויס אויך נישט אַנגענעם מיך צו הערן רעדן וועגן דעם, ווי אַזוי איך זאָל מיך איינאָרדענען אין מיין ווייטערדיקן לעבן... ווארום אַזוי זיצן אינדער־היים און וואַרטן ביז עס וועט קומען עפּעס אַ באַשערטער, איז פאַר מיר קיין פלאַן נישט. איך בין יונג און געזונט, די וועלט איז שיין און עס ווילט זיך פאָרט לעבן... איך וויל אַרבעטן, אַז איך זאָל קע־בען לעבן און האָבן מיין אייגן ווינקל, נאָר וועגן אַרבעטן דרייען

זיך איצט מיינע אַלע געדאַנקען. וואָס איך וועל באַשליסן, ווייס איך נאָך אויף געוויס נישט! נאָר איין זאַך איז קלאָר: איך וועל פון דאַנען אַוועקפאָרן און איך בין זיכער, אַז איך וועל אין ערגעץ נישט פאַר־פאַלן ווערן!

*

*

עס זענען אַוועקגעגאַנגען טעג און וואָכן און בעטיע האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט זיך. זי האָט פיל ביכער געלייענט אין פאַרשידענע שפּראַכן, אָבער אַלץ איז איר נמאס געוואָרן. זי האָט געוואָלט אַרבעטן, זיין מיט עפּעס באַשעפטיקט, האָבן אויף זיך פליכטן, רעשן, קיין צייט נישט האָבן, אַריינפלעכטן זיך אין טומל פון לעבן.

אַזוי האָט געפאָדערט איר לעבעדיקע אַרבייטפעיקע נאַטור און דאָ איז אַזוי שטיל און רויק. זי קומט אַלץ צום גרייטן און איר לעבן ציט זיך אָן שום אינטערעס און ענדערונגען.

עס איז ביי איר געבליבן, אַז זי מוז אַוועקפאָרן פון איר היים, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן פאַר איר אויס היים. אָן אייגן ווינקל מוז זי זיך פריער אויסבויען, „אויסקעמפן”, ווי זי פלעגט זיך אויס־דריקן. נאָר ווי אַזוי, וווּהין, און אין וועלכער זייט זאָל זי מאַכן אירע ערשטע פעסטע טריט?

פון דער צייט אָן, זינט זי האָט באַשלאָסן פון דאַנען אַוועקצו־פאָרן, האָט זי אַלץ געפּלאַנט, זיך צו ווענדן צו די באַקאַנטע סוחרים און פאַבריקאַנטן. וואָס האָבן גוט געקענט איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער און מיט אים פיל געשעפטן געהאַט. אייניקע פון זיי פירן איצט נאָך גרעסערע געשעפטן, האָבן גרויסע קאַנטאָרן, וועט זי בעטן ביי זיי עפּעס אַ שטעלע. זי האָט געענדיקט די גימ־נאַזיע, זי קען אַ פּאָר פרעמדע שפּראַכן. אין מאַטעמאַטיק האָט זי זיך אין שולע שטענדיק אויסגעצייכנט. זי האָט געגלויבט אין איר אַרבעטספעיקייט. זי דאַרף נאָר באַקומען די ערשטע שטעלע. ווי קליין זי זאָל נישט זיין, וועט זי מיט דער צייט אויסוואַקסן און פאַרנעמען גרעסערע שטעלעס.

אָבער בעטיע איז דערווייל נאָך געבליבן ביים טראַכטן, ווייל איר איז שווער געווען צו מאַכן די ערשטע טריט.

— אָבער עס וועט געשען! עס מוז געשען! — האָט זי נישט

איינמאָל צו זיך געזאָגט, איך מוז דעם שריט מאַכן! איך וועל פּראָסט גיין זאָגן, ווער איך בין און צו וואָס איך בין פעיק און בעטן אַר-בעט אין קאָנטאָר. ווייניק מענטשן אַרבעטן דאָרט? וועל איך אויך אַרבעטן!

בעטיען האָט אַזוי דערעסן צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אַז זי האָט באַשלאָסן, אַז נאָך די וואָך מוז עס געשען. און אָט אין דערזעלבער וואָך האָט זיך לעבן לעווינזאָנס הויז אָפּגעשטעלט אַ קאַ-רעטע מיט פיר פערד און באַלד איז אַריין אין שטוב אַרנאָלד ברעטמאַן.

— איך בין דאָ וועגן געשעפט, האָב איך געוואָלט אַריין צו אייך... עס ווילט זיך וויסן, וואָס מאַכט איר, ווי אַזוי לעבט זיך?...

— נישט צו פאַרזינדיקן, — האָט ברײַנע געענטפערט, — נאָר ער פעלט אונדז... אָן אים איז דאָס לעבן קיין לעבן נישט...

נאָך לעווינזאָנס טויט האָט ברעטמאַן נישט איבערגעריסן די באַקאַנטשאַפט מיטן הויז, צו וועלכן ער איז אין די יונגע יאָרן גע-ווען אַזוי צוגעבונדן, און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פאַרבײַפאָרן וו—קע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצע צײַט בײַ די לע-ווינזאָנס, בפרט נאָך זינט לעווינזאָנס איידעם, יונה בורשטיין, פריידלס מאַן, איז געוואָרן דער פאַרטרעטער פון דער אָרטיקער פאַבריק, וואָס האָט געהערט צו אים.

אַלעמאָל האָט אים ברײַנע פאַרהאַלטן אויף מיטאָג אָדער אויף טיי.

אויך איצט האָט מען אים פאַרהאַלטן.

— איר ווייסט, ברײַנע, — האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן שוין זיצנדיק אַרום טיש מיט דער גאַנצער פאַמיליע, — אַז אין ערגעץ פיל איך זיך נישט אַזוי גוט, ווי בײַ אייך אין הויז. דאָ דערמאָן איך זיך אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען איך בין געווען יונג און גע-טראַכט וועגן האָבן אַן אייגן פאַבריקל מיט עטלעכע צענדליק אַר-בעטער... קיין גרעסערע פאַבריק האָב איך זיך נישט געקענט פאָר-שטעלן און עס האָט זיך מיר אפילו נישט געחלומט, און איצט, ברײַנע, אַרבעטן בײַ מיר כמעט דרײַ טויזנט פינף הונדערט אַרבע-טער! איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט אַ פאַבריק מיט דרײַ טויזנט פינף הונדערט אַרבעטער!

דערבײַ האָט ער, אַ צופרידענער, זיך גרינג צעלאַכט און זײַן

דיקער בויך האָט זיך פון פאַרגעניגן געטרייסלט אויף זיינע קני.

— נאָר מיינט נישט, ברײנע, אַז איך בין גליקלעך. צו קיין געלט האָב איך שוין מער קיין חשק נישט, ווי פריער. קיין נייע מאַשינען דאַרף איך מער נישט. די פאַבריק איז גענוג גרויס און פאַר אַלע מאַשינען איז דאָ גענוג פּלאַץ. אַ רחבות, זאָג איך אייך! איר מעגט זיך אומישנע אַמאָל אַלע דורכפאָרן צו מיר און זען ווי מיין פאַבריק זעט אויס! עס איז דאָ אַזויפיל פּלאַץ! איך האָב אַ גרויסן גאָרטן מיט פרוכטביימער און גענוג ערד צו פאַרזייען מיט אַלערליי גרינוואַרג. מיין ווייב קויפט נישט פון גרינוואַרג, וואָס אַ גראָשן איז ווערט. זי האָט זייער ליב דעם גאָרטן און גיט אַכטונג, אַז מען זאָל אים האַלטן אין אָרדענונג. נישקשה, איר מעגט זיך אַ ביסל דורכגיין צו מיר, און דו, בעטיע, אויך! איר וועט נישט קיין חרטה האָבן!

נאָכדעם, ווי ברעטמאַן האָט יעדן באַזונדער אויסגעפרעגט, וואָס מען מאַכט און ווי מען פאַרברענגט די צייט, האָט ער אויך געפרעגט בעטיען, וואָס זי מאַכט.

און בעטיע האָט געזאָגט:

— מיר לעבט זיך זייער גוט. עס פעלט מיר קיין זאַך נישט. עס איז גישטאָ אויף וואָס צו באַקלאָגן זיך. נאָר איך קען נישט זיצן אָן אַרבעט, מיט פאַרלייגטע הענט! אַז איך בין געווען פאַרנומען מיט מיין לערנען, האָב איך וועגן דעם נישט געטראַכט, נאָר זינט איך האָב באַקומען מיין אַטעסטאַט, ווייס איך באמת נישט, וואָס צו טון מיט זיך? איך וויל געפינען אַרבעט און לעבן זעלבשטענדיק...

אַרנאָלד ברעטמאַן האָט זיך תחילת צעלאַכט פון די ווערטער „אַז זי זיצט פאַרלייגט די הענט, אָן אַרבעט". נאָר אַז ער האָט דערהערט, אַז זי וויל לעבן זעלבשטענדיק, האָט ער אָנגע-הייבן צו קוקן אויף ברײנען, זוכנדיק ביי איר אַן ענטפער אויף בעטיעס אומפאַרשטענדלעכע ווערטער. ברײנע האָט זיינע בליקן פאַר-שטאַנען און מיט שטייענדיקע טרערן אין די אויגן האָט זי זיך אָנגע-רופן צו ברעטמאַנען:

— אַז עס איז יאָ געקומען צו רייד, מוז איך דיר זאָגן: די לעצטע צייט האָב איך גרויסע יסורים פון בעטיען. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז זי ווייסט נישט וואָס צו טון מיט זיך? זי וויל אַר-בעט און וויל פון אונדז אַוועקפאָרן ערגעץ אויף אַ שטעלע...

ברעטמאַן האָט גראָב און פּשוט געפרעגט:

— און פאַרוואָס זאָל זי נישט חתונה האָבן? נאָך דער חתונה זיצט מען שוין נישט מיט פאַרלייגטע הענט!

ברעטמאַן האָט שוין אפילו געוואָלט אַוועקפאָרן, ווייל געקומען איז ער נאָר אויף געציילטע מינוטן, אָבער דערהערנדיק בעטיעס ווערטער, האָט ער זיך פעסטער אַנידערגעזעצט אויפן שטול, ווי אַ מענטש, וואָס האָט גענוג פרייע צייט.

— דו זאָגסט חתונה האָבן! — האָט ברייגע געענטפערט אויף ברעטמאַנס פראַגע. — ווער האָט דען אַנדערש געטראַכט? איך האָב גערעכנט אַז באַלד, ווי זי וועט ענדיקן גימנאַזיע, זאָלן מיר זי חתונה מאַכן, בפרט נאָך, אַז שדכנים שלאָגן מיר אָפּ די טירן. איך האָב אַזוי געטון מיט מיין פריידעלען... זי האָט, ברוך-השם, חתונה געהאַט — וואָס דען? נו, האָב איך געמיינט, אַז בעטיע וועט איינגיכן אויך חתונה האָבן, צום סוף, ווער? ווען? זי וויל אפילו נישט הערן, ווען מען רעדט וועגן דעם! און אַזאַ פּאַרדרוס! די פיינסטע יונגעלייט, און נישט קיין אָרעמע... שיינע שידוכים... מען וויל זי נעמען ווי זי שטייט און גייט... מען פרעגט אפילו נישט, וויפיל נדן זי האָט, און בעטיע וויל נישט וויסן... אַרבעטן וויל זי גאָר! עפּעס אַ משוגעת, אַ ניי לעבן וויל זי פירן! וואָסער מיידל אין איר גראַד גייט עס אַר-בעטן? דערווייל האָב איך גרויסע יסורים פון איר... זי איז אַ גרוי-סע עקשנטע... איך מיט פריידעלען האָבן שוין גענוג מיט איר וועגן דעם גערעדט און מיר האָבן נישט געקאָנט זי אָפּשפּאַרן. אפשר ווען שמחה לעבט, וואָלט זי אים געפאָלגט...

ברעטמאַן האָט זי אויסגעהערט מיט דער גרעסטער נייגעריקייט, ער האָט זיך וויניק גענומען צום האַרצן, צי בעטיע וויל יאָ אדער נישט חתונה האָבן. פאַר אים איז עס בלויז געווען זייער אַ טשיקאַווע געשיכטע, וואָס אַזאַ שיין געראָטן מיידל וויל גיין אַרבעטן און נישט חתונה האָבן. ער האָט געפרעגט בעטיען מיט אַן איינגעהאַלטענעם שמייכל:

— און וווהין ווילסטו עס פאָרן זוכן אַרבעט?

— איך וועל פאָרן צו די באַקאַנטע סוחרים, וואָס מיין טאַטע האָט מיט זיי געהאַט געשעפטן, און בעטן אַ שטעלע אין זייערע קאַנ-טאָרן. איך גלויב, אַז איך וועל נישט געפינען ביי איינעם, וועל איך געפינען ביי אַ צווייטן. זיי האָבן אַלע געקענט מיין פאָטער

פאַר אַן אָרנטלעכן מענטשן.

— געוויס, געוויס, אַלע האָבן אים געשעצט און געליבט, — האָט ברעטמאַן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

און ברײנע האָט ווײטער געקלאָגט:

— אָט זעסטו, מאָטיע־אהרן, אָס אַזוי רעדט זי! דו האָסט גע־הערט? זי איז ביי מיר ווי אַן אײגן קינד! זי האָט, ברוך השם, נישט צו פאַרזינדיקן אַהײם און איצט זאָגט זי, אַז זי וויל זיך אַלײן בויען אַן אײגענע הײם. איך פאַרשטײ, זי האָט חתונה און וויל נישט וווינען ביי מיר מיטן מאַן, ווי פריידל מיט יונהן... נו, זאָל זי זיך דינגען אַן אַנדער וווינונג, אפילו אַוועקפאָרן אין אַן אַנ־דער שטאָט מיט איר מאַן... דאָס איז שוין זײער זאַך... אַי, מיר וועט זײן אומעטיק? מילא, וואָס קאָן מען טון, אַזוי איז שוין מיט קינדער: האָדעווע, האָדעווע זײ אויס, און דערנאָך צע־לויפן זײ זיך, ווי די פײגעלעך. אָבער פאַר דער חתונה אַוועקוואַרפן די הײם?—דאָס פאַרשטײ איך שוין נישט! טאָמער גלויבסטו מיר נישט, קענסטו זי פרעגן, זי זיצט דאָך דאָ מיט אונדז... מילא, זי וויל נישט חתונה האָבן, געזונטערהייט, מען קאָן הײנטיקע צײטן מיט גע־וואַלד נישט פירן קײן קינדער צו דער חופה! נאָר צו וואָס אַוועק־פאָרן פון דערהײם—עס פעלט איר דען עפּעס? איך פאַרשטײ עס נישט...

ברעטמאַן האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע, אַז ער האָט פאַרגעסן וועגן זײנע געשעפטן און אויך פאַרגעסן, אַז זײנע פערד שטײען אין שפּאַן ביי דער טיר אָן עסן און אָן טרינקען.

דער קוטשער איז אויך געוואָרן הונגעריק, וואַרטנדיק אויף זײן באַלעבאָס אויף דער גאַס, איז ער אַראָפּגעקראָכן פון דער קעל־ניע און מיט דער בײטש אין דער האַנט אַרײן אין קיך. ער האָט געבעטן לאהן, זי זאָל פרעגן זײן באַלעבאָס, צי מען וועט נאָך דאָ לאַנג שטײן, ווײל די פערד שטײען הונגעריקע און דורשטיקע.

און ווען לאה איז אַרײנגעקומען און געפרעגט ברעטמאַנען, האָט ער אויף גיך זיך באַטראַכט און געענטפערט, אַז דער קוטשער זאָל זײ אַרײנפירן אין הויף און זײ געבן עפּעס איבערצוכאַפּן...

לאה האָט עס איבערגעגעבן דעם קוטשער און פון זיך צוגע־געבן, אַז ער זאָל אַרײנקומען אין קיך עפּעס איבערבײסן.

פריידל, וועלכע איז אויך געזעסןביים טיש לעבן איר מוטער, איז נישט געווען צופרידן, וואָס די מאַמע האָט זיך אַזוי צערעדט וועגן בעטיען מיט אַ „פרעמדן" מענטשן, מיינענדיק, אַז בעטיע וויל דאָס נישט ליידן. זי האָט אפילו אַ פּאָר מאָל איר מוטער אַ צי געטון ביים קליידל, די מאַמע זאָל אַזויפיל נישט רעדן. בעטיע האָט עס באַמערקט און, צו פריידלס פאַרוווּנדערונג, האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, וואָס די מאַמע דערציילט אַלץ וועגן מיר און רעדט זיך אויס דאָס האַרץ. איך ווייס און בין זיך מודה, אַז איך פאַרשאַף דער מאַמען און אַלעמען אין הויז אַ סך יסורים... גלויבט מיר, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך וואָלט נישט געטון, אַבי מען זאָל פון מיר קיין יסורים נישט האָבן. אָבער וואָס עס געהער זיך אָן צו מיין באַשלוס אַוועקצופאָרן, זוכן אַרבעט און זיך בויען אַן אייגן ווינקל, וועל איך אים בשום אופן נישט ענדערן. דאָס איז מיין פעסטער באַשלוס. זאָל מען נישט מיינען, אַז איך וואַרף אַוועק מיט אַ גרינג האַרץ דאָס ליבע הויז, וווּ איך בין אויסגעוואַקסן און מיינע בעסטע קינדעריאָרן פאַרבראַכט... עס קאָסט מיר אַליין פיל געזונט, מיינע טייערע... אָבער איך קען זיך נישט העלפן...

ברעטמאַן האָט זיך לייכט אָנגערופן:

— הייסט עס, אַז ביי דיר, בעטיע, איז עס אַ באַשלאָסענע זאַך און מיין עצה וועסטו אויך נישט פאָלגן?

— ניין, קיין שום עצות. אפילו אַ מלאך זאָל קומען, וועט ער מיך אויך נישט איבערעדן...

ברעטמאַן האָט אַ קנייטש געטון מיטן שטערן און געזאָגט:

— אויב אַזוי, בעטיע, צו וואָס דאַרפסטו פאָרן צו אנדערע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט געשעפטן מיט דיין טאַטן און בעטן ביי זיי אַ שטעלע, ווען דו קענסט עס ביי מיר באַקומען. איך האָב געקענט דיין פאָטער און מיר האָבן אויך געפירט געשעפטן.

בעטיע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שטיל געזאָגט:

— ניין, הער ברעטמאַן, ביי אייך קען איך קיין שטעלע נישט אָננעמען.

קאפיטל דריי.

בעטיע פאָרט אוועק.

אַלע ביים טיש האָבן זיך איבערגעקוקט. ברעטמאַן האָט מיט אַלע פּוחות זיך איינגעהאַלטן, ער זאָל נישט אויפשפּרינגען פון דעם אָרט. אויף זיין פּנים האָבן זיך געביטן די קאָלירן. אים איז איצטער געגאַנגען אין כבוד, אין אַמביציע, אין נצחון.

אַז עס איז געקומען צו נצחון אָדער כבוד, האָט ער נישט געשפּאָרט קיין געלט, ער זאָל זיינס אויספירן. וויפיל גבאים און שטעטישע רעדלפירער מיט אַלערליי אַנדערע קהלשע קליאַמקעס. וועלכע זענען געווען קעגן אים, האָט ער שוין אין זיין לעבן אַראָפּגעוואָרפן פון זייערע בענקלעך. אפילו אַ „פּריסטאַוו" האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון דער שטעלע. און ווען ער וואָלט באַדאַרפט אַראָפּזעצן אפילו אַ „איספּראַווניק" אָדער אַ „שטאָט-גאָלאָוואַ", וואָלט ער עס מיט זיינע שטאַרקע תקיפות און געלט אויך געקאָנט אויספירן. און דאָ קומט צוגיין אַ מיידל און זאָגט אים גלייך אין פּנים, אַז ביי יעדן סוחר, ביי יעדן פאַבריקאַנט וועט זי אָנעמען אַ שטעלע און נישט ביי אים!

— ניין, איך וועל עס נישט דערלאָזן, אַז בעטיע זאָל אַרבעטן אין אַן אַנדער קאַנטאָר! ווען נישט אין מיין קאַנטאָר, איז אין ערגעץ נישט!

ביי ברעטמאַנען איז שוין געלעגן אין בלוט, שטענדיק צו פירן אַ קאַמף מיט עמעצן. שטענדיק האָט ער אויסגעזוכט מיט וועמען און

מיט וואָס צו קעמפן, פירן מחלוקת און זיך נישט באַרויקט ביז ער האָט דערגרייכט זיין ציל און אַרויסגעגאַנגען מיט נצחון.

בעתן קאַמף האָט ער זיך געפילט לעבעדיק, יונג און געזונט. איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ שטילע צייט, קיינער איז קעגן אים נישט אַרויסגעטרעטן, איז אים געוואָרן לאַנגווייליק און ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיט זיך. נישט קוקנדיק אויף זיינע גרויסע געשעפטן, האָט ער דאָך געהאַט גענוג צייט. די געשעפטן זענען שוין אַזוי גע־וועזן איינגעאָרדנט און איינגעפונדעוועט, אַז אַלץ איז געגאַנגען, ווי אַ מאַשין.

און אַרנאָלד ברעטמאַנס קאָפּ, האָבן זיך שוין געדרייט פאַרשי־דענע פּלענער, ווי אַזוי נישט צו דערלאָזן, אַז בעטיע זאָל אַרבעטן ערגעץ אין אַ קאַנטאָר.

אויסגעלאָזט האָט עס זיך אָבער, אַז דער רוח איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי מען מאָלט זיך אים אויס.

דאָס האָט ברעטמאַן דערזען פון בעטיעס ענטפער, פאַרוואָס זי וויל אין זיין פאַבריק נישט אָננעמען קיין שטעלע.

— איך וועל אייך זאָגן, פאַרוואָס איך קאָן אין אייער קאַנטאָר נישט אַרבעטן. — האָט זי זיך אָנגערופן. — מיר זענען צו גוטע באַקאַנטע. איך וויל אַרבעטן און זיין גלייך מיט אַלע. איך וויל נישט קיין פּריווילעגעס. מיר זענען צו היימיש, אַז איך זאָל קאָנען אַר־בעטן ביי אייך. איר דאַרפט עס אַליין פאַרשטיין, אַז ביי אַ פרעמדן וועל איך אַרבעטן גלייך מיט אַלע... און מען וועט מיין אַרבעט אָפּ־שאַצן לויט מיינע פעיקייטן, און ביי אייך איז עפּעס אַנדערש...

— מען קאָן דאָס איינאָרדנען אַזוי ווי דו ווילסט, — האָט ברעטמאַן דערויף געענטפערט.

— איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי?

— איך וועל דיך איבערגעבן מיין פאַרוואַלטער פערעלמאַנען. דו וועסט אַרבעטן אין קאַנטאָר אונטער זיין האַנט גלייך ווי אַלע אָנגעשטעלטע. בעת דער אַרבעט וועל איך זיין צו דיר ווי אַ פרעמ־דער און נאָך דער אַרבעט וועלן מיר ווידער זיין אַלטע גוטע פריינט, — האָט זיך ברעטמאַן צעלאַכט און צוגעגעבן: — איך גלויב אָבער, בעטיע, אַז וווינען וועסטו אין מיין הויז, מיין ווייב וועט זיין זייער צופרידן.

— ניין, — האָט זיך בעטיע אַ כאַפּ געטון, — אָט דאָס וויל

איך טאַקע נישט. איך וויל וווינען אַזוי ווי אַלע אָנגעשטעלטע. איך וועל זיך דינגען ערגעץ אַ צימערל, נאָר ביי מיין „באַלעבאָס" אין הויז וויל איך נישט וווינען...

— נו, זאָג, מאָטיע־אהרן, — האָט זיך ברײנע אָנגערופן, — זאָג אַליין, האָט זי זיך נישט אַריינגענומען אַ משוגעת אין קאָפּ אַריין! אַליין וויל זי וווינען ערגעץ ביי אַ פרעמדן, נישט ביי דיר! דיין פייגע וואָלט זי דאָך אָפּגעהיט, ווי אַן אייגן קינד! ניין, געפעלט איר נישט! דוקא ערגעץ אין אַ לאָך, ביי אַ פרעמדן! נו, און ווו וועסטו עסן? — האָט זי געפרעגט ביי בעטיען.

— וואָס פאַר אַ פראַגע, — האָט אונטערגעכאַפּט ברעטמאַן, — געוויס ביי מיר!

— ניין! — האָט בעטיע געענטפערט. — ניין, נישט ביי אייך!..

— ווו דען? דו וועסט פאַר זיך אַליין קאָכן? — האָט ברײנע איראָניש געפרעגט.

— איך וועל שוין געפינען, ווו צו עסן! ווו מיטאָגן דען די אַרבעטער פון קאַנטאָר, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע פאַמיליעס? איך וועל אויך געפינען. פרישטיק און אָוונטברויט וועל איך מיר אַליין מאַכן און מיטאָגן וועל איך ערגעץ אָנדינגען, אפשר טאַקע דאָרטן, ווו איך וועל וווינען...

ברעטמאַן האָט געשמייכלט פון בעטיעס פלענער, ווי אַזוי זי זאָל זיך איינאָרדנען, און ברײנע האָט מיט האַרצווייטיק געזאָגט:

— כאָטש דערהרגעט מיך, ווייס איך נישט, וואָס עס טוט זיך ביי דעם קינד אין קאָפּ! עס איז איר אַזוי גוט, נעמט זי און פאָרט אַוועק. מאַכט זיך, אַז זי קאָן פאָרן צו דיר, ווו עס וואָלט איר ווידער געוועזן גוט, וויל זי ווידער נישט! הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן, זי קאָן זיך פון אַזעלכע קעסט נאָך, חס ושלום, פאַרדאַרבן דעם מאָגן... ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן עסן מען וועט איר דאָרטן געבן! ווען זי וווינט כאָטש ביי דיר, וואָלט איך געוועזן רויק. וויל זי אָבער נישט און גיי טענה מיט איר!

— נו, וואָס בלייבט? — האָט ברעטמאַן געפרעגט בעטיען.

— מיט פאַרגעניגן וואָלט איך אָנגענומען אין אייער קאַנטאָר אַ שטעלע... מיר געפעלט זייער דאָס פאַבריקלעבן. אָבער נאָר דענסטמאָל, ווען איר באַשטייט אויף מיינע באַדינגונגען.

— נו, גוט, איך באַשטיי אויף אַלעם. וואָס זענען דיינע באַ-

דינגונגען? — האָט ברעטמאַן לאַכנדיק אַרויסגענומען אַ נאָטיצביכל מיט אַ בליישטיפט, איינגעפּאַסט אין אַ גאָלדן הענטל. — נו, דיקטיר און איך וועל פאַרצייכענען.

— איך האָב שוין אַלץ געזאָגט.

— נו, גוט, איך באַשטיי! — און ברעטמאַן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו בעטיען, נאָכמאַכנדיק די פּויערים אויף אַ יאַריד, וואָס קלאַפּן זיך צו מיט דער האַנט, ווען זיי פאַרענדיקן אַ געשעפט.

— איך מוז דיר זאָגן, — האָט ברייגע זיך אָנגערופן, — אַז איך בין צופרידן, וואָס זי פאָרט כאָטש צו דיר אין קאַנטאָר אַר־בעטן, און נישט צו קיין פרעמדן. איך בין זיכער, אַז דיין ווייב וועט זי אָפּהיטן און אַכטונג געבן אויף איר און איך וועל זיין רויק.

— ווען זשע רעכנסטו צו קומען צו אונדז? — האָט ברעטמאַן געפרעגט.

— אפילו שוין! גענוג לײדיק אַרומגעגאַנגען און געשלאָגן זיך קאָפּ אין וואַנט!

— שוין? — האָט זיך ברייגע אַ ביסל ווי דערשראָקן. — ווי אַזוי וועט זי אָבער פאָרן אַליין? אפשר וואָלסטו פאָרן צוזאַמען מיט איר?

ער האָט געזאָגט:

— דער טאָג איז שוין ביי מיר סיי־ווי־סיי פאַרפאַלן. איך קאָן צוליב דעם נעכטיקן.

— אויסגעצייכנט! — האָט בעטיע געזאָגט.

זי האָט נאָך צוגעגעבן אַ פּונקט צו אירע באַדינגונגען, אַז אי־רע ערשטע שכירות זאָלן זיין אַזוי ווי מען צאָלט יעדן אָנפאַנגער, וואָס טרעט אַריין אין קאַנטאָר. און שפּעטער זאָל מען איר העכערן די שכירות לויט אירע פעיקייטן און איר אַרבעט.

אַרנאָלד ברעטמאַן איז געווען זייער צופרידן, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט געענדיקט און אַ צופרידענער איז ער געבליבן נעכ־טיקן.

עס איז געווען א פרייליכער אָוונט. מען האָט געקאָכט א גוטע וויעטשערע צוליב בעטיעס אָפּפאָרן, נאָר אַלע ווייבער זענען אַרומגע־גאַנגען מיט טרערן אין די אויגן און מער פון אַלע האָט געוויינט בעטיע אַליין. זי האָט ליב געהאַט דאָס הויז, ווו זי איז אויסגע־

וואַקסן, און די מענטשן, וועלכע האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַר איר.

— נאָר אייביק איז מען דאָך נישט קיין קינד! מען מוז דאָך אַמאָל ווערן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש אויך! — האָט זי געזאָגט און זיך אָנגענומען מיט האַרץ, אַז זי זאָל זיך נישט צעוויינען.

מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט האָט זי אָנגעהייבן, צוזאַמען מיט לאהן און פריידלען, צו פאַקן אירע זאַכן.

מען האָט איינגעפּאַקט אַ גרויסן געקאָווענטן קאַסטן מיט קליידער און וועש, אַ פּאָר טשעמאָדאַנטשיקלעך מיט קעסטלעך פאַר אירע קאַפּעליושלעך און נאָך עטלעכע קליינע פּעקלעך.

— אַ שיינע אַרבעטערין וועסטו האָבן אין דיין קאַנטאָר, — האָט ברײַנע געזאָגט צו ברעטמאַנען. — זע נאָר, וויפל פּעק! דריי מיידן קען מען חתונה מאַכן מיט אירע קליידלעך, קאַפּעליושלעך, זאָנטיקלעך, הענטשקעלעך און וואָס נישט? אַלדאָס גוטס האָט זי, קיין עין הרע, זאָל זי עס נוצן געזונטערהייט.

ברעטמאַן האָט האַרציק געלאַכט און מיט דער גרעסטער הנאה געקוקט אויף זיין „אַרבעטערין” מיט אַזויפיל פּעקלעך און קעסטלעך, פּונקט ווי ביי אַן אַקטריסע פון אַ גרויסן טעאַטער.

— דאָס איז שוין מיין שוואַכקייט, — האָט בעטיע זיך אָנגערופן. — פון קינדווייז אָן בין איך געווינט צו האָבן קליידער און דווקא פון די שענסטע. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב זייער ליב מאָדישע קליידער... איך קען נישט טראָגן אַבי אַ קלייד, אַבי אַ שוך און אַבי אַ הוט... איך מוז האָבן דאָס פיינסטע און דאָס בעסטע... איך האָב דערפון הנאה. נאָר איר, מיין באַלעבאָס, — האָט בעטיע זיך געווערטלט, — דאַרפט זיך נישט זאָרגן. די אַרבעט, וואָס מען וועט אויף מיר אַרויפלייגן אין קאַנטאָר, וועל איך טון, ווי עס דאַרף צו זיין. איר קענט זיין רויק, אַז איך וועל מיט מיין אַרבעט ערלעך פאַרדינען מיין ברויט!

ברעטמאַן האָט גוטמוטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

יונה בורשטיין, דער פאַרוואַלטער פון ברעטמאַנס קאַנטאָר אין וו—קע, האָט געוואָלט מיט אים רעדן וועגן געשעפטן, נאָר ברעטמאַן האָט געענטפערט:

— נישטאָ היינט קיין שום געשעפטן. איר זעט דען נישט, וואָס פאַר אַ גוט געשעפט איך האָב אַזוי אומדערוואַרט געמאַכט: צוגענומען אַ נייע אַרבעטערין אין קאַנטאָר מיט אַזויפיל קאַפּעליושלעך

און זיידענע קליידלעך, אַז מיין ווייב מיט מיינע קינדער פאַרמאָגן דאָס נישט.

דער עולם האָט געלאַכט.

אַזוי איז דער גאַנצער אָוונט לייכט אַוועק.

מען האָט זיך פרי געלייגט שלאָפן.

בעטיע האָט די גאַנצע נאַכט נישט געקענט קיין אויג צומאַכן. זי האָט איבערגעלעבט אירע אַלע יאָרן פון זינט זי געדענקט זיך, פון דער צייט, זינט אייגענע און פרעמדע האָבן זי געליבט און געקושט און זי האָט נישט געקאָנט ליידן דאָס קושן. פאַר איר איז עס געווען אַן אָפּקומעניש. אַלע האָבן שטענדיק געזאָגט, אַז זי איז אַ שיין קינד, דערנאָך — אַ שיין מיידעלע און איצטער זאָגט מען, אַז זי איז אַ שיין מיידל און אַלע זוכן איר באַקאַנטשאַפט. נאָר קיינער ווייסט נישט, ווי אומגליקלעך זי פילט זיך. זי וואָלט געוואָלט זיין אַזוי ווי אַלע מיידלעך, האָבן אַ טאַטן מיט אַ מאַמען און זיין ביי זיך אינדערהיים.

— פאַרוואָס איז מיין לעבן אַנדערש ווי ביי אַלע מיידלעך? — האָט זי אין דער דאָזיקער נאַכט געטראַכט. — פאַרוואָס האָט מען מיך שוין צוויי מאָל צוגעגנבעט, פריער די ציגיינער און דערנאָך די מאָנאַשקעס? וואָס האָט מען צו מיר? אין דאָרף זענען געווען נאָך מיידלעך און אויפן הויף פון מיין שולע האָבן זיך געשפילט הונדערטער מיידלעך, און אַוועקגעגנבעט האָט מען נאָר מיך! פאַר־וואָס?

הונדערטער פראַגן זענען איר אין דער נאַכט געקראָכן אין קאָפּ און זי האָט זיי נישט געקענט פאַרענטפערן.

איצט הייבט זיך אָן פאַר איר אַ ניי לעבן און אַלץ איז פאַר איר אַזוי פאַרדעקט, אַז זי ווייסט נישט, וואָס עס וועט פאָרקומען מיט איר ווייטער? זי האָט נישט קיינעם, זי איז עלנט און אַליין. און דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילעכל, ווי זי האָט געמיינט אין די קינדעריאָרן. מען מוז זיך שטענדיק ראַנגלען, און ווער עס זאָל איר העלפן, איז נישטאָ.

זי האָט זיך נישט איינמאָל דערמאָנט אין אירע עלטערן, געזען זייערע געשטאַלטן, זייערע ליבע פנימער.

עס איז שוין געווען זייער שפּעט אין דער נאַכט, דער שלאָף האָט זי ביי געקומען און זי איז אין אַ פאַרפלאָנטעניש פון פאַרשי־

דענע געדאַנקען אַנטדרעמלט געוואָרן.

* *

*

אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך טיי און פאַרבייסן, האָט מען זיך אָנגעהייבן געזעגענען. אַלע ווייבער האָבן געוויינט, און נאָך העכער און היסטערישער האָט געוויינט בעטיע אַליין.

— זע, מאָטיע־אהרן, — האָט זיך ברײנע געבעטן ביי אַרנאָלד ברעטמאַנען, — זע, אַז בעטיע זאָל זיין ביי דיר אין הויז, ווי אַן איי־געגע. זי איז דאָך ביי דיר אַזוי ווי מיין קינד! איין גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב גאָרנישט געטראַכט, אַז איך וועל זי אַמאָל אָפּ־לאָזן פון זיך. נאָר וואָס קען איך טון? גריס דיין ווייב און זאָג איר, אַז איך שיק איר מיין אייגן קינד.

מען האָט זיך נאָכאַמאָל געהאַלדזט און געקושט און ברעטמאַן מיט בעטיען האָבן זיך אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע. די שטאַרקע, זאַטע פערד, וואָס זענען נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, גע־ביטן אַ פוס איבער אַ פוס פון אומגעדולט, ווענדיק זיך אַ ביסל דורכ־לויפן פון איבערפרעסן זיך, האָבן מיטאַמאָל זיך אַ ריס געטון פון אָרט. די פוילישע גלעקלעך אויף די פערדס העלדזער האָבן אָנגע־הייבן צו קלינגען און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען די קאַרע־טע קוים געזען אין שטויב, ווי דורך אַ זיפּ.

און ווען דער שטויב איז זיך צעגאַנגען, האָט מען שוין גאָר־נישט געזען. לעווינזאָנס פאַמיליע איז טרויעריק אַריין צו זיך אין הויז. זיי האָבן באַלד דערפילט, אַז בעטיע פעלט זיי, עס פעלט איר לעבעדיקייט און פריילעכקייט.

די קאַרעטע האָט זיך איצטער געקאַטשעט איבער אַ גלאַטן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט דורך פעלד און וואַלד. די פרימאָרגנ־דיקע ריינע לופט מיט די ריחות פון זאַנגען האָבן בעטיען מיט־אַמאָל דערקוויקט. און זי האָט אויסגעשריגן:

— אָך, ווי ס׳איז גוט! איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך האָב זיך ענדלעך אַרויסגעריסן פון דערהיים!

און אַרנאָלד ברעטמאַן האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריער צו קוקן — צי אויף דעם פרישן שיינעם פרימאָרגן, אָדער אויף בעט־יען מיט אירע בלויע אויגן, וואָס איז אים געזעסן ביי דער זייט.

קאפיטל פיר.

איז פאַבריק.

דאָס שטעטל זשעגניעץ, ווו עס איז געשטאַנען אַרנאָלד ברעטמאַנס פאַבריק, האָבן פאַרבייפאָרער, סיי מיט דער באַן און סיי מיט פערד, דערזען דריי וויאָרסט פון דערווייטנס און דעם קוימען פון דער פאַבריק—נאָך מיט צען וויאָרסט פריער. הויך איז געווען דער ריזיקער קוימען, פון זיין מויל האָט טאָג און נאַכט אַרויסגעזעצט אַ דיקער שוואַרצער רויך, וועלכער פלעגט בייטאָג פאַרדעקן די זון און ביינאַכט די לבנה, פונקט ווי מיט וואָלקנס.

דאָס שטעטל איז פון איין זייט געווען אויסגעשיט מיט זיינע הייזלעך אויף אַ גלייכן פּלאַץ און מיט דער צווייטער זייט אין אַ טאָל, ווו עס איז געלאָפן דער טייך בוג. אויף די בערגלעך, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום טייך, האָט זיך געפונען די שול, עטלעכע בתי-מדרשים, די יאַטקעס, די באָד און אַלץ, וואָס אַ יידישע קהילה מוז האָבן.

הינטערן שטעטל, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע גויעשע הייזלעך, האָט זיך אָנגעהייבן דער ריזיק-גרויסער פּלאַץ, ווו עס איז געשטאַנען אַרנאָלד ברעטמאַנס פאַבריק.

דאָ, צווישן די פאַבריק-בנינים, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן גרויגעפּאַרבטן פּאַרקן, איז אַ באַזונדערע שטאָט, ווו עס געפינען זיך בייטאָג צוויי טויזנט אַרבעטער און ביינאַכט פאַרבייטן זיי אַנדערע צוויי טויזנט און אַמאָל ביי עקסטרע אַרבעט—נאָכמער.

דער גרעסטער טייל אַרבעטער וווינען אין די נאָנטסטע דערפ־לעך, ווו זיי האָבן זייערע הייזלעך און שטיקלעך ערד, און די פרעמדע, אָדער אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן נישט קיין הייזל, קיין ערד און קיין פאַמיליעס—וווינען אין קאַזאַרמעס נישט ווייט פון דער פאַבריק.

צוזאַמען מיט דער פאַבריק געפינט זיך ברעטמאַנס גרויס הויז, וואָס אַלע רופן „פּאַלאַץ" און עס זעט טאַקע באמת אויס, ווי אַ פּאַ־לאַץ. איין זייט פענסטער גייט אַרויס צו דער פאַבריק, ווו מען קען זען די גאַנצע אַרבעט, די גאַנצע באַוועגונג פון דער פאַבריק; אַ צווייטע זייט גייט אַרויס אין אַ גרויסן גאָרטן און די איבעריקע צוויי זייטן געפינען זיך אין פראָנט, צום פעלד, און פון די פראָנטאָווע פענסטער זעט מען שיינע לאַנדשאַפטן פון פעלדער און פון אַ גרויסן אַלטן וואַלד.

ווי אָנגעשפּאַרט צום „פּאַלאַץ", שטייט אַ פּשוטער, נאָר אַ פעס־טער בנין, אין וועלכן עס געפינט זיך די הויפּטקאַנטאָר, ווו עס אַר־בעטן עטלעכע צענדליק אָנגעשטעלטע.

אַלע פענסטער פון דער קאַנטאָר און אויך דער אַריינגאַנג פאַר די אַרבעטער געפינט זיך אינעווייניק אין פאַבריק. אַ באַזונדער אַריינגאַנג פאַר די, וואָס האָבן געשעפטן מיט דער פאַבריק, געפינט זיך אין פראָנט אין איין שורה מיט דעם אַריינגאַנג אין פּאַלאַץ.

* *
*

די פאַבריק איז שוין געווען באַלויכטן מיט הונדערטער עלעק־טרישע לאָמפּן און לעמפּלעך, ווען ברעטמאַן איז צוגעפאָרן צו זיין הויז מיט אַ טראַסקעריי און קלינגעריי פון די גלעקלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף די העלדזער פון די פערד.

אויף דעם רעש איז אַרויס ברעטמאַנס ווייב, פייגע און אירע צוויי מיידלעך, איינע פון אַ יאָר צען און די צווייטע פון אַ יאָר פערצן.

פייגע, אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק מיט אַן אויסגעמוטשעט פּנים פון פיל קינדער האָבן און באַגראָבן, נאָר מיט גוטע אויגן און אַ יידיש איידל געזיכט, האָט מיט פאַרוואונדערונג געזען, אַז איר מאַן איז נישט געקומען אַליין.

— איך האָב דיר געבראַכט אַ גאַסט, פייגע, — האָט ברעטמאַן

זיך אָנגערופן, איבערטרעטנדיק די שוועל פון זיין הויז, — דאָס איז יענקל בערשטערס קינד.

דערהערט דעם נאָמען, וועלכער איז איר געווען גוט באַקאַנט, האָט פייגע מיט גרויס פריינטשאַפט זי אָנגענומען ביי דער האַנט, געהאָלפן איר אַראָפּציען דעם וועגמאַנטל, זי אָנגענומען מיטביידע הענט ביים קאָפּ, זי גוט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— פונקט ווי אַ טראָפּן, די מאַמע! אַזוי שיין, ווי די מאַמע!

און כאָטש זי האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען, האָט זי איר אַ קוש געגעבן.

— איך האָב זייער גוט געקענט דיין טאַטן און באַזונדערס דיין מאַמען, זיי זאָלן זיין פאַר אונדז גוטע בעטערס. איך פריי זיך באמת, וואָס איר קינד איז איצט ביי מיר אין הויז.

בעטיע האָט דערפילט אַ ליבע וואַרעמקייט אין אַלע אירע איברים, דערהערנדיק, אַז די פרוי קען איר טאַטן און איר מאַמען, און וועלנדיק אויסדריקן אירע געפילן, האָט זי אָן ווערטער אַרומגע-נומען די פרוי ברעטמאַן און זי האַרציק געקושט, און ביי ביידע פרויען האָבן זיך באַוויזן טרערן אין די אויגן.

די צוויי מיידלעך, זעענדיק, אַז צו זיי איז געקומען „אַזאַ שיינע" און קושט זיך מיט זייער מאַמען, האָבן זיך צוגעקלעפט צו בעטיען, זיך צוגעדריקט צו איר און געצויגן זייערע ליפעלעך צו קושן זיך מיט איר.

בעטיע האָט זיך אָנגעבויגן צו די קינדער און זיך אויך גע-קושט מיט זיי.

— נו, גענוג אויפצונעמען אַ גאַסט נאָר מיט קושן, הייס בע-סער עפּעס געבן אין מויל! — האָט ברעטמאַן באַמערקט.

— ביזט טאַקע גערעכט! — האָט פייגע זיך אַ כאַפּ געטון און און האָט אָנגעהייבן שרייען: —פּאַשאַ! פּאַראַשאַ! ווו זענט איר אַלע פאַרפאַלן געוואָרן!

עס האָבן אָנגעהייבן לויפן באָרוועסע פיס איבער די צימערן. באַלד האָבן זיך אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן אין עטלעכע צימערן מיט-אַמאָל.

פייגע האָט דערווייל אַריינגעפירט בעטיען צו זיך אין שלאָפצי-מער, זיך אָפּצווואַשן פון וועג. און דערנאָך איז זי מיט איר אַריין אין גרויסן באַלויכטענעם עס-צימער, וווּ אַ גרויסער טיש איז געווען

רייך געדעקט און אַ זילבערנער סאַמאָוואַר האָט געזאָדן.

בעטיע, אַרומקוקנדיק זיך, איז איבעראַשט געוועזן פון דער גערוימקייט און עשירות אין דעמדאָזיקן עסצימער. אפילו ביים אַלטן פריץ זאַלעווסקי אין הויף האָט זי נישט געזען אַזאַ רייך מעבל פון אַלטן סטיל, ווי דאָ, און דאָס ערשטע, וואָס איר איז איינגעפאַלן, איז געווען די פראַגע: ווי אַזוי קומט עס צו אים? איך וואָלט עס קיינמאָל נישט געגלויבט!

ביים טיש האָט מען ווייניק גערעדט. פייגע מיט די קינדער האָבן שוין פריער געגעסן וויעטשערע, נאָר ברעטמאַן מיט בעטיען האָבן געגעסן. די קינדער זענען באַלד געגאַנגען שלאָפן און ברעט־מאַן האָט געזאָגט צו זיין פרוי:

— מיר וועלן עפעס איבערלאָפן און אויך גיין שלאָפן. בעטיע איז אוודאי זייער מיד, אַ גאַנצן טאָג געפאָרן!

נאָכן עסן האָט פייגע אַריינגעפירט בעטיען אין אַ באַזונדער צימער און איר צוגעווונטשן, אַז זי זאָל גוט און רויק שלאָפן.

מיד פון וועג און פון דער פריערדיקער נאַכט, איז בעטיע געשמאַק איינגעשלאָפן, נאָר דאָס הייזעריקע פייפן פון דער פאַבריק האָט זי אויפגעוועקט.

אין די פענסטער האָט שוין געטאָגט. זי האָט אָנגערירט דאָס עלעקטרישע לעמפל, אַ קוק געטון אויף איר זייגערל, וואָס איז גע־לעגן אויף אַ קליין טישעלע לעבן איר בעט, און מיט גרויס פאַר־וווּנדערונג האָט זי דערזען, אַז עס איז שוין זעקס אַ זייגער.

— ווי די נאַכט איז אַוועק! — האָט זי זיך געחידושט. — אוודאי זיבן-אַכט שעה געשלאָפן אויף איין זייט.

זי האָט זיך געפילט פריש און גוט. ליגנדיק אין בעט, האָט זי זיך צוגעהערט צו דער הילכיקער פייפעריי, וואָס האָט אַ טויטן געקענט אויפוועקן, און אין אירע אויערן האָט עס געקלינגען, ווי עפעס אַ משונהדיקע קרעכצעריי פון נויט און שווערן יאָך.

זי האָט דערהערט גיכע איילנדיקע טריט פון אַ סך מענטשן. איז זי אַראָפּ פון בעט, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט. זי האָט געזען, ווי אַ סך מענטשן גייען איילנדיק און שורותווייז צו דער אַרבעט און צוריק ווידער גייען מידע מענטשן פון דער אַרבעט. נישט ווילנדיק האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון האַרצן.

באַלד האָט אויפגעהערט צו פייפן. עס איז שטילער געוואָרן,

נאָר די טריט האָבן זיך לאַנג געהערט און אונטער דעם טאַקט פון די טריט האָבן זיך ביי בעטיען אָנגעהייבן קלעפּן די אויגן און זי איז ווידער געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

* *
*

אויפן צווייטן טאָג פון בעטיעס אָנקומען אין הויז האָט ברעטמאַן געזאָגט בעטיען, אַז אַ פּאָר טעג זאָל זי פאַרברענגען ביי אים אין הויז און דערנאָך וועט זי אָנהייבן אַרבעטן אין פאַבריק.

— איך האָב שוין גערעדט מיט יאַקובן וועגן דיר, — האָט ברעטמאַן געזאָגט, — און עס איז געבליבן, אַז דו וועסט אַרבעטן ביי די ביכער אונטער דער השגחה פון מיין הויפּטבוכהאַלטער, און דערנאָך וועלן מיר זען...

אין די פּאָר טעג, וואָס בעטיע האָט זיך געפונען ביי ברעטמאַנען אין הויז, האָט ער מיטאַמאָל אויפגעלעבט. מיט איר קומען האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלץ אין זיין הויז איז געוואָרן שענער און לעבעדיקער, נישט אַזוי אומעטיק און שטיל ווי פריער.

איר רייצנדיקע שיינקייט און לעבעדיקייט האָט אויף ברעטמאַנען געווירקט יעדעס מאָל, ווען ער האָט זי געזען.

נישט איינמאָל ביים טיש פלעגט ער כאַפּן אַ קוק אויף זיין אויסגעמאַטערטער פרוי און אויף דער בליענדיקער בעטיע און זיי פאַרגליכן און דערביי זיינע געדאַנקען באַגראָבן ערגעץ טיף-טיף אין זיך.

* *
*

די צווייטע וואָך נאָך בעטיעס אָנקומען איז זי שוין געזעסן אין דער הויפּטקאַנטאָר, אין דער אָפּטיילונג פון דער „בוכהאַלטעריע" און געאַרבעט מיט נאָך אַ סך אָנגעשטעלטע.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז זי איבערגעפאָרן צו איינעם אַן אָנגעשטעלטן אין קאַנטאָר, וואָס האָט געהאַט אַ פאַמיליע און געוווינט נישט ווייט פון דער פאַבריק. אין דעם הויז האָט בעטיע געדונגען אַ צימער מיט עסן און האָט זיך איינגעאָרדנט.

ברעטמאַנס פרוי, פייגע, האָט געמאַכט געוואָלדן, פאַרוואָס זי

וויל נישט וווינען ביי איר אין הויז. זי האָט געזאָגט, אַז עס איז פאַר איר אַ גרויסע באַליידיקונג, וואָס זי פאַרלאָזט איר הויז. נאָר ברעטמאַן האָט דערקלערט זיין ווייב, אַז עס וועט איר גאָרנישט העלפן. די היינטיקע יונגע קינדער קען מען נישט איבערשפּאַרן. ביי די לעווינזאָנס האָט מען געגוג געוויינט און בכלל נישט געוואָלט זי זאָל אַוועקפאָרן אַרבעטן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. ברייינע האָט געוואָלט זיין רויק און געבעטן בעטיען, אַז זי זאָל וווינען ביי אונדז, האָט זי עס אויך נישט געוואָלט, און פאָרויס געזאָגט, אַז דאָס קען נישט זיין.

— פאָרנדיק צוזאַמען, האָב איך דעם גאַנצן וועג מיט איר גערעדט, אַז זי זאָל בלייבן ביי אונדז וווינען. האָט זי געהאַלטן מיט מיר אין איינטענהן, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַן אַרבעטערין צו וווינען ביים באַלעבאָס אין הויז... איז מען אַן אַרבעטערין, דאַרף מען נישט זיין קיין פריצטע. וואָס האָב איך איר דערויף געקענט ענטפערן? קלוג איז זי געגוג, אפשר איז זי טאַקע גערעכט!

און אַזוי איז טאַקע געבליבן. פייגעס טענות האָבן נישט געהאָלפן און בעטיע איז איבערגעפאָרן פון איר רייך גרויס צימער אין אַ געדונגענער וווינונג.

בעטיע האָט געטון איר אַרבעט אין קאַנטאָר גלייך מיט אַלע, געווען פּינקטלעך און שטענדיק געקומען צו דער צייט צו דער אַרבעט און גלייך מיט אַלעמען אַוועקגעגאַנגען.

ביי דער אַרבעט האָט זי געטראָגן אַ פשוט קליידל און ברעטמאַן פלעגט זאָגן, אַז עס פּאַסט איר זייער דאָס דאָזיקע קליידל, אַז אַ בריליאַנט קוקט פון אַלץ אַרויס שיין און בריליאַנטעוועט.

פון זינט בעטיע האָט געאַרבעט אין קאַנטאָר, האָט ברעטמאַן ליב געהאַט אָפט אַהיינצוקומען, און צו דער פרייד פון אַלע אָנגעשטעלטע, האָט ער זיך שטענדיק געפונען אין דער בעסטער שטימונג.

צייטנווייז, נאָך דער אַרבעט, פלעגט בעטיע קומען צו ברעטמאַנען אין הויז, דערהויפּט אין די ימים-טובים, ווען אין אייניקע אָפּטיילונגען אין קאַנטאָר, ווי אויך אין דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג האָט מען נישט געאַרבעט. דאָס האָט פייגע פון איר פאַרלאַנגט און זי האָט דער גוטער פרוי נישט געקענט אָפּזאָגן.

אין אַזעלכע טעג פלעגט ברעטמאַן פון זיין הויז נישט אַרויס־קריכן און מיט קיין שום געשעפטן זיך נישט פאַרנעמען. אין די טעג

האָט ער זיך שטענדיק געפילט ביי זיך אין הויז יום-טובדיק און זיין פרוי איז געווען זייער צופרידן, וואָס איר מאַן האָט אויפגע-הערט אַוועקצופאָרן.

בעטיע איז מיט דער צייט געוואָרן זייער היימיש ביי ברעט-מאַנען אין הויז און האָט געוווסט פון אַלץ, וואָס דאָרטן איז פאָרגע-קומען און וואָס זי האָט נישט געוווסט, פלעגט איר פייגע דערציילן.

פייגע פלעגט נישט אויפהערן צו רעדן וועגן אירע קינדער, וועלכע זענען צעשפרייט איבער דער וועלט: איר עלטערער זון און אַ טאָכטער, אַ מיידל, לערנען אין אויסלאַנד, אין דער שווייץ, און נאָך אַ טאָכטער אין קיעוו. זי וווינט אין אַ פענסיאָנאַט און לערנט דאָרטן.

קאַפּיטל פינף.

ברעטמאַנס פּלענער.

ברעטמאַן, נישט קוקנדיק אויף זיינע עטלעכע און פופציק יאָר, האָט שוין לאַנג געפילט, אַז ער האָט ליב די אַכצן־יעריקע בעטיען. ער האָט אָבער נישט געוואַגט אפילו צו טראַכטן וועגן דעם. נאָר ווען ער האָט, נישט ווילנדיק, פאָרט אַ טראַכט געטון, פלעגט אים באַפאַלן אַ שרעק: אַזאַ גרויסער חילוק פון די יאָרן צווישן זייביידע! ביסלעכווייז אָבער האָט דער שרעק פאַרלאָרן זיין שליטה איבער אים און די גאַנצע זאַך האָט אים אויסגעוויזן גאַנץ נאַטירלעך. אָן מורא האָט ער אָפטער געטראַכט וועגן בעטיען.

— טרעפט זיך דען נישט גאַנץ אָפט, ווען אַ רייכער עלטערער מענטש גט אָפּ זיין ווייב, האָט חתונה מיט אַ יונג מיידל און הייבט אָן אַ ניי גליקלעך לעבן? אין די גרויסע שטעט קומט דאָס גאַנץ אָפט פאָר, דאָס רוב רייכע מענטשן גטן אָפּ זייערע אַלטע ווייבער און האָבן חתונה מיט יונגע מיידלעך. דאָס איז אַ געוויינלעכע זאַך!

ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז אפילו אין די קליינע שטעטלעך קומט אַמאָל דאָסזעלבע פאָר מיט די גבירים אויף דער עלטער און ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ פאָר באַקאַנטע נעמען פון אַזעלכע גבירים.

— און עס איז גאָרנישט אַזאַ עוולה,—האָט ער זיך געזאָגט. — אָט אפילו מיין פייגע... זי זעט דאָך אויס ווי מיינע אַ מאַמע, איר קאָפּ איז שוין כמעט אינגאַנצן גרוי, דאָס פּנים מיט קנייטשן. אויס־

געדאַרט, די הויט האַלט זיך קוים אויף איר... שטענדיק האָט זי צו טון מיט דאָקטוירים און מיט אָפּעראַציעס און איך בין נאָך יונג, געזונט און וויל ערשט אָנהייבן צו לעבן! ווי פּאַסט זי צו מיר? קען איך דען מיט איר איצט לעבן?

ברעטמאַן האָט געטראַכט, אַז זיין ווייב וועט גרינג נעמען ביי אים גט. ער וועט איר געבן געלט, וויפל זי וועט נאָר וועלן. אַחוץ דעם, וועט ער איר קויפן אַ הויז אפילו אין דער גרויסער שטאָט וו—קע און ער וועט זי באַוואָרענען אויף איר גאַנץ לעבן, עס זאָל איר גאָרנישט פעלן. זיינע קינדער וועט ער אויך מיט אַלץ פאַרזי־כערן, און ער וועט קענען חתונה האָבן מיט דער שיינער געראָטע־נער יונגער בעטיען און וועט אָנהייבן אַ ניי גליקלעך לעבן.

און פאַרוואָס זאָל ער עס נישט טון, אַז ער קען דאָס אויס־פירן: ער האָט אַ סך געלט און קען אַלץ אויספירן!

נאָך פיל טראַכטן איז דער גאַנצער פּלאַן געוועזן ביי אים פאַרטיק. נאָר וואָס טוט מען מיט בעטיען? ער האָט זייער גוט גע־קענט אָט דאָס שטאָלצע אויפריכטיקע מיידל, וואָס האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. ער האָט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט ער רעדן מיט איר איין וואָרט וועגן דעם, וועט זי דעמזעלבן טאָג זיך אויפהייבן און אויף שטענדיק אַוועקפאָרן פונדאַנען, און דער בזיון פאַר אים וועט זיין זייער גרויס...

— איך וועל מיין פּנים נישט קענען ווייזן אויף דער גאַס...— האָט ער זיך געטראַכט.

— ווען איך הער פון בעטיעס מויל איין גוט וואָרט... עס טרעפן דאָך אַזעלכע זאַכן... איך בין נישט דער ערשטער און דער לעצטער, וואָס גט זיך מיט דעם ווייב אויף דער עלטער! מען וועט פריער רעדן, דערנאָך וועט מען פאַרגעסן און מיינע קינדער וועלן זיך אויך שפּעטער איבערבעטן... אָבער בלייבן אַ נאַר? דאָס וויל איך נישט...

ברעטמאַן האָט פיל געטראַכט וועגן זיינע קינדער, וועלכע ער האָט זייער ליב געהאַט און דערהויפּט האָט ער פאַרגעטערט זיין על־טערן זון יוסף, מיט וועלכן ער האָט באַזונדערס שטאָלצירט.

זיין טאָכטער, וואָס שטודירט אין אויסלאַנד צוזאַמען מיט איר חתן, וועלן אין גיכסטן חתונה האָבן. מיט זיין יוספן וועט ער אויך טון אַ שידוך. ער וועט נישט שפּאָרן קיין געלט, ער זאָל מיט אים

טון דעם גרעסטן שידוך, און וועלכער גביר און מיוחס וועט עס נישט וועלן האָבן אַזאַ געראָטענעם איידעם און אַזאַ געלערנטן מיט אַ ויפיל מעלות? זיינע עלטערע קינדער וועלן ווערן באַלעבאַטעם פאַר זיך און פירן זייערע אייגענע געשעפטן, וועלן זיי אוודאי נישט קענען זאָגן קיין דעות דעם טאַטן. נו, און די קלענערע קינדער, וועלן זיך דאָך אוודאי נישט קענען מישן אין זיינע געשעפטן. זיי זענען נאָך צו יונג. עס וואָלט אַלץ געגאַנגען גלאַטיק, ווי אויף פוטער, נאָר בעטיע! בעטיע! ווי אַזוי הייבט מען אָן, אַז ער זאָל מיאוס נישט אַריינפאַלן?

אָבער נאָך פיל טעג און נעכט טראַכטן, איז ביי ברעטמאַנען געבליבן, אַז ער וועט איר גאָרנישט זאָגן.

אָט דער שטאַרקער אַרנאָלד ברעטמאַן, וואָס האָט געקענט אַראָפוואַרפן „פריסטאַווס" מיט „איספראַווניקעס", מיט אַלערליי גבאים און קהלשע קליאַמקעס,—אָט דער ברעטמאַן, פאַר וועלכן אַלע ציטערן, האָט מורא געהאַט צו רעדן מיט דעם יונגן מיידל בעטיען, און ביי אים איז געבליבן, אַז ער וועט איר קיין איינציק וואָרט נישט זאָגן און נישט געבן אָנצוהערן וועגן דעם, וואָס ער טראַכט טעג מיט נעכט.

— בעטיע מוז אַליין דערפילן, ווי שטאַרק איך האָב זי ליב,— האָט ברעטמאַן זיך ווידער געזאָגט. — זי מוז דאָס פריער, אָדער שפעטער דערפילן און וויסן, אז פאַר איר איין גוט וואָרט קען מיט איינמאָל דאָס אָרעמע מיידל ווערן די רייכסטע פרוי אין דער געגנט... זי מוז דאָס דערפילן! עס מוז קומען די גליקלעכע מינוט, וואָס זי זאָל עס אַליין אָנהייבן צו פאַרשטיין, און דאַן וועט עס געשען!

ברעטמאַן האָט אָפט געזען בעטיען אין פאַבריק און ביי זיך אינדערהיים און אויך אָפט מיט איר שפאַצירט ביי זיך אין גאָרטן אָדער אין וואַלד. ער פלעגט נישט אויפהערן צו רעדן, אַז ער פילט זיך אומגליקלעך. זיין פרוי קלאָגט זיך שטענדיק, אַז זי איז נישט געזונט און זי הערט נישט אויף צו דאָקטאָרן זיך.

בעטיע האָט זיינע רייד אָדער גאָרנישט געהערט אָדער מיט איין אויער, און האָט מער געקוקט אויף די פייגעלעך, וואָס שפרינגען מיט אַ פיפטשעריי פון איין צווייגל אויף דעם צווייטן און אויף די זשוקלעך, וואָס קריכן אויף דער ערד אָדער פון איין גרין בלעטעלע אויף דעם צווייטן בלעטעלע, און ווען זי פלעגט יאָ אַמאָל

רעדן, איז עס געווען אַ שמועס וועגן זיינע קינדער, וועלכע דאַרפן אין גיכסטן קומען פון אויסלאַנד.

— עס איז אַ ביסל אומעטיק דאָ, — האָט בעטיע געזאָגט, — און איך וואָלט זייער געוואָלט, אַז דאָס יונגוואַרג זאָל שוין קומען, וועט זיין אַ ביסל פריילעכער!

— דו, בעטיע, זאָלסט זיך באַקלאָגן, אַז עס איז דיר דאָ אומעטיק... דו קענסט דאָ אויספירן אַלץ, וואָס דו ווילסט! עס איז דאָ אַ גאַנצער שטאַל מיט קאַרעטן און גוטע פערד, מען קען הייסן שפּאַנען און מען קען זיך אַ ביסל דורכפאָרן אין דער געגנט. עס זענען דאָ שיינע ווינקעלעך, וועלדער, טאָלן, טייכן און מען קען אַריינפאָרן צו גוטע באַקאַנטע... איך האָב אין דער געגנט אַ סך באַקאַנטע, ווו מען קען גוט פאַרברענגען, שפּאַצירן און זיך שיסן מיט לאָדקעס.

—מען קען דאָך אַליין נישט פאָרן... און אייער ווייב איז נישט קיין ליבהאָבערין אויף אַזעלכע זאַכן, זי איז אַ היימזיצערין...

— איך וועל מיטפאָרן מיט דיר! — האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט. — דו ביזט טאַקע גערעכט... עס איז אַמאָל אומעטיק ביי אונדז, מען מוז זיך אַמאָל אַ ביסל דורכפאָרן...

בעטיע האָט אים מיט פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט.

• זי האָט לאַנג געשוויגן און דערנאָך געפרעגט:

— וואָס זשע? קיין אַנדערע געשעפטן האָט איר נישט, ווי אַרומצופאָרן מיט מיר צוזאַמען?

— וואָס פאַר אַ געשעפטן? מיינע געשעפטן האָב איך שוין לאַנג געמאַכט! איך האָב גענוג געאַרבעט אין מיין לעבן און קען זיך שוין דערלויבן אָפּרוען און לעבן פאַר זיך אויך אַ ביסל!

—נו, און די פאַבריק מיט אַלע אַנדערע אייערע געשעפטן ווער וועט פירן?

— וואָס איז, עס איז שוין נישטאָ ווער ס'זאָל פירן? עס פעלן מיר נישט קיין מענטשן. עס איז שוין אַן איינגעאָרדנטע מאַשין און עס פירט זיך שוין אַליין... איך מעג זיך אַ ביסל אויך אין זינען האָבן. איך וויל אויך אַ ביסל לעבן! אָט האָב איך געהערט, אז פראַנצויזן אַרבעטן נאָר ביז פופציק יאָר און דערנאָך טוען זיי גאָרנישט. איך פיל זיך נאָך יונג און געזונט און וואָלט ערשט געוואָלט אָנהייבן צו לעבן!

— ווער זשע לאָזט אייך נישט? מיר דאַכט זיך, אַז איר קענט עס אויספירן מער ווי אַלע אַנדערע?

— מיט וועמען זאָל איך לעבן? — מיט מיין ווייב, וואָס קלאָגט זיך שטענדיק, אַז זי איז קראַנק?

בעטיע האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט און געזאָגט:

— נו, און אַז זי איז נישט געזונט, דאַרף מען זען, אַז אייער פרוי זאָל ווערן געזונט...

— איך שפּאָר פאַר איר דען דאָקטוירים? זי קען, דאַכט זיך, אַלץ ביי מיר אויספירן... זאָל זי פאָרן קיין אויסלאַנד זיך קורירן— וויל זי נישט!

זיי האָבן ביידע געשוויגן און ווייטער געגאַנגען איבערן וואַלד.

— נו, וואָס בלייבט ביי דיר — פאָרן מיר? — האָט ברעטמאַן פּלוצים אַ פרעג געטון.

— ניין! ווען אייער פרוי וועט אויך פאָרן, זאָג איך זיך נישט אָפּ... אָבער לאָמיר דאָס אָפּלייגן ביז אייערע קינדער וועלן קומען!

ברעטמאַן האָט מער נישט גערעדט. שווייגנדיק האָבן זיי נאָך אַ ביסל געשפּאַצירט אין וואַלד און דערנאָך איז יעדער געגאַנגען אַהיים.

* *

*

די צייט, ווען די קינדער האָבן געדאַרפט קומען פון אויסלאַנד, האָט זיך דערנענטערט. ביי ברעטמאַנען אין הויז האָט מען אָנגעהייבן צוצוגרייטן די צימערן, וווּ די קינדער וועלן דאַרפן וווינען. מען האָט זיי אויפגעראַמט און אויסגעפּוצט, און די קאַרעטן, וואָס וועלן דאַרפן פאָרן אָפּנעמען די קינדער פון דער נאָענטער באַן־סטאַציע, האָט מען אויך אַרומגעוואַשן. אַלע אין הויז האָבן געאַרבעט און גערעדט ווי אַזוי אויפצונעמען די געסט, און נאָכמער פון אַלע האָט געאַרבעט פייגע אַליין. אויף אַלע פענסטער האָט מען אויפגעהאָנגען נייע גאַרדינען, פאַר דער שטוב האָט מען די גאַנצע גאַס אויסגעקערט, און דעם גאָרטן האָט מען אויסגערייניקט און באַשיט די סטעזשקעס מיט פרישן געלן זאַמד.

פייגע האָט שוין אפילו אויסגערעכט מיט דער קעכין, וואָס

פאַר אַ מיטאָג מען וועט קאָכן דעם ערשטן טאָג פון זייער אָנקומען.

פייגעס גאַנצע וועלט און איר לעבן איז באַשטאַנען אין אי־רע קינדער. זי פלעגט נישט אויפהערן שטענדיק צו טראַכטן און רעדן וועגן זיי און ליב געהאַט פאַר יעדן זיך צו באַרימען מיט זיי, גלויבנדיק, אַז קיינער האָט נישט אַזעלכע געראָטענע קינדער, ווי זי.

— ווען דו זאָלסט קענען מיינע עלטערע קינדער, — פלעגט זי אָפט זאָגן בעטיען, — דאָס זענען נישט קיין קינדער, נאָר בריליאַנטן! זיי לערנען אַלע גוט און זענען אַזוי שיין... אַזוי שיין!

באַזונדערס פלעגט זי רעדן וועגן איר עלטערן זון יוסף.

— מיין יוסף וואָלט דאָך שוין געקענט זיין אַ פּראָפעסאָר! אַזוי לערנט ער גוט... אָט וועלן זיי אינגיכן קומען אַהיים אויף אַ פּאָר חדשים, וועסטו זיי זען. אוודאי וואָלט איך געוואָלט, זיי זאָלן חתונה האָבן, ווילן זיי אָבער בעסער לערנען... וואָס קען איך זיי טון? מיין עלטערע טאָכטער האָט שוין אַ חתן, אַ סטודענט, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקענט אין אויסלאַנד. ווילן זיי ערשט חתונה האָבן, ווען זיי וועלן ביידע ענדיקן... וואָס קען מען טון מיט היינטיקע קינדער?

פייגע האָט בעטיען אַזויפיל דערציילט וועגן אירע קינדער, אַז וואָס מער עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון זייער קומען, אַלץ מער איז זי נייגעריק געוואָרן זיי צו קענען. דערצו האָט איר פייגע דערציילט, אַז ווען די קינדער זענען אינדערהיים, ווערט די שטוב גאָר אַן אַנדערע... עס ווערט מיט אַמאָל פריילעך אין יעדן ווינקע־לע, עס קאָכט און עס זידט... פאָרן זיי אָבער אַוועק, ווערט ווידער שטיל.

און בעטיע האָט זי אויסגעהערט און געוואַרט אויף זייער קומען.

אין קאַנטאָר, און אפילו אין פאַבריק, האָט מען גערעדט, אַז דעם פאַבריקאַנטס קינדער דאַרפן קומען פון אויסלאַנד. בעטיען האָט דאָס געשעעניש אינטערעסירט מער פון אַלע. זי האָט שוין געוואָלט זען „אַ לעבעדיקן מענטשן", ווי זי פלעגט זיך אייסדריקן.

בעטיע האָט באַמערקט, אַז דער פאַרוואַלטער פון פאַבריק, פּערעלמאַן, איז באַזונדערס צעפרידן מיט די געסט, וואָס דאַרפן קומען. ער האָט געזאָגט:

—איך האָב זייער ליב יוספן. ער איז זייער אַ ווילער יונגער־מאַן. מיט קיין זאַך נישט ענלעך צו זיין טאַטן... די עלטערע טאָכטער

פּאַני, וועלכע קומט מיט אים און ליזע, וואָס לערנט אין קיעוו, זענען אויך טייערע קינדער און עס איז נאָר צו באַוווּנדערן ווי קומט צו אַזאַ טאַטן אַזעלכע קינדער! ווען יוסף קומט אין פאַבריק אדער אין קאַנטאָר, איז ער אַ גוטער ברודער מיט אַלעמען. זיין טאַטע וויל עס אפילו נישט ליידן. ער זאָגט, ווי זיין שטייגער איז, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ פאַבריקאַנטס אַ זון צו זיין אַ גוטער ברודער מיט יעדן, נאָר יוסף הערט אים ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. דער אַלטער האָט צופיל ליב זיינע קינדער, ער זאָל זיי קענען שטערן. ער זאָגט זיי נאָר און זיי טוען ווי אַזוי זיי ווילן.

— עס איז זייער אינטערעסאַנט צוצוזען, — האָט פערעלמאַן ווייטער געזאָגט, — ווי אַזוי דער דראָזיקער דעספּאָט פאַרלירט זיין גאַנצן מוט, זיין גאַנצן ווילן קעגן זיינע קינדער און באַזונדערס האָט ער אַ געוואַלטיקן דרך־ארץ פאַר יוספן.

אין קאַנטאָר איז אָפט דאָ ליידיקע צייט און די אָנגעשטעלטע האָבן ליב פון צייט צו צייט זיך אַ ביסל דורכצושמועסן צווישן זיך, און די הויפּטטעמע איז זייער באַלעבאָס מיט זיין הויזגעזינט. ווייל אין דער שטילער געגנט, וווּ די פאַבריקן געפינען זיך, איז פּראָסט נישטאָ וועגן וואָס אַנדערש צו רעדן.

פון לאַנגווייליקייט האָט אויך בעטיע ליב געהאַט וועגן דעם צו רעדן מיט פערעלמאַנען, וועלכן זי האָט פון לאַנג געקענט, אַ סך פריער, איידער זי איז אָנגעקומען אין פאַבריק.

— מיט וואָס זשע איז דער זון אַנדערש פון טאַטן? — האָט בעטיע געפרעגט.

— ווי אַזוי זאָל איך אייך אויסמאָלן? — האָט פערעלמאַן געענטפערט, — עס איז שווער צו זאָגן! ער וועט קומען, וועט איר אַליין זען! איך קען אייך נאָר זאָגן, אַז איך קען זיך נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט יוסף אַמאָל קענען פירן זיין טאַטנס געשעפטן...

בעטיע האָט זיך צעלאַכט:

— דער אַלטער וויל ערשט אָנהייבן לעבן אַ גוטן טאָג און איר רעדט שוין וועגן פירן זיינע געשעפטן!

—איר זענט גערעכט... די לעצטע צייט האָט ער זיך אַזוי אײַבערגעביטן, אַז איך דערקען אים קוים! ער זיצט תּמיד אין קאַנטאָר מיט פאַרלייגטע הענט און קוקט אפילו נישט אַריין אין „רעגיסטראַציע-בוך"... קומט מען מיט נייע געשעפטן, הערט ער אויס מיט

אײן אויער און אַזוי קאַלטבלוטיק! װער עס האָט אים נישט געקענט פון פריער! ער האָט גאָרנישט גערוט קײן אײן מינוט. אומעטום, אין דער קלענסטער זאַך האָט ער זיך אַרײַנגעמישט און איצט כמעט גאָרנישט! נישט זײַן געשעפט! ער איז שטענדיק פאַרטראַכט און פאַרחלומט...

— װאָס פאַרשטײט איר דאָ נישט, — האָט בעטיע דערקלערט.— אַ מענטש איז זאַט געװאָרן פון געשעפטן און געלט, האָט ער זיך באַ־רויקט... אַ זאַטער אַן איבערגעפרעסענער, איז ער שטענדיק פאַרטראַכט און פאַרחלומט. זײ האָבן דען עפּעס אַנדערש צו טון? אַלע אַרבעטן פאַר זײ, מעגן זײ טראַכטן און חלומען װעגן פּוסטע זאַכן.

— אפשר זענט איר גערעכט און איך האָב געמײנט, אַז פון זײַן טראַכטן און חלומען װעט אַרויסשפּרינגען אַ צװײטע גרויסע פאַבריק. עפּעס האָב איך פון אים אַמאָל געהערט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער חתונה צו מאַכן יוספן און אויפבויען פאַר אים אַ פאַבריק. ער לערנט דאָך אויף אינזשיניער!

— אפשר,—האָט בעטיע געענטפערט.—װאָס װײס איך פון זײַנע פּלענער? דאָס קענט איר בעסער װיסן!

* *

*

בעטיע האָט ליב געהאַט איר אַרבעט, און װיסנדיק, אַז זי איז זעלבשטענדיק און פאַרדינט, װאָס זי ברויכט, און גײט נישט אַרום ליידיק, װי פריער, איז זי געװען זײער צופרידן, בפרט נאָך, װען זי האָט געפילט, אַז װאָס װײטער, פאַרשטײט זי מער איר אַרבעט. דער פאַרװאַלטער פערעלמאַן מיט דעם הויפּטבוכהאַלטער זענען אָבער עפּטער געזעסן מיט זויערע פּנימער, װײל דאָס לעבן איז דאָ געגאַנ־גען אין אײן טאָן, װי אַ מאַשין. בײטאָג האָט זי געאַרבעט, פאַר־נאַכט פלעגט זי גײן אַהײם, אַמאָל אַרײַנגײן צו די ברעטמאַנס און די איבעריקע צײַט האָט זי געלײענט.

שטיל און לאַנגװײליק איז געגאַנגען דאָס לעבן אין פאַבריק, נאָר אַרנאָלד ברעטמאַן האָט זיך די לעצטע צײַט איבערגעביטן. ער איז געװאָרן נערװעז און אַ ביסל פאַרטראַכט. ער האָט זיך װײניקער געיאָגט נאָך נײַע געשעפטן, װי פריער. איצט פלעגט ער פון צײַט

צו צייט אַוועקפּאָרן, אָבער ער האָט זיך לאַנג נישט געזאָמט אין וועג און פלעגט באַלד קומען אַהיים.

ווען סוחרים פלעגן קומען אַהיים פאַרלייגן נייע געשעפטן, האָט ער אָפט גלייכגילטיק זיי אַוועקגעשיקט צו זיין פאַרוואַלטער. טעגווייז האָט ער פאַרבראַכט אין קאַנטאָר אָדער אינדערהיים און כמעט גאָרנישט געטון, וואָס דאָס איז מיט אים פריער פאָרגעקומען זעלטן.

זייטיקע מענטשן האָבן זיך שטאַרק געחידושט אויף אַזאַ אויפירונג פון ברעטמאַנען, נאָר זיי האָבן עס צווישן זיך דערקלערט אויף אַזאַ אופן: פאַרוואָס זאָל אַזאַ גביר זיך נישט דערלויבן אַרומצוגיין ליידיק? ביז וואַנען דאַרף דאָס אַ מענטש אַרבעטן און זיך יאָגן נאָך נייע געשעפטן? ער איז גענוג רייך! עס פעלט אים נישט קיין פרנסה און ער איז גענוג פאַרזאָרגט, אַנדערע אַרבעטן שוין פאַר אים און ער דאַרף זיך שוין נישט אָפּגעבן מיט נייע געשעפטן. הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן אַזאַ עשירות.

שעהנווייז פלעגט ער אַרומשפּאַצירן אין נאָענטן וואַלד, וואָס מען האָט געזען פון זיינע פענסטער און טענהן מיט זיך אַליין, אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין גאַנצן חשבון. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געגלויבט, אַז אַלץ אין לעבן קען ער דערגרייכן מיט געלט. נישטאָ אַזאַ זאַך, האָט ער געגלויבט, וואָס מיט געלט זאָל מען עס נישט קאָנען דערגרייכן און קויפן און איצטער זעט ער, אַז געלט איז אוודאי אַ גרויסער כוח, אָבער געלט איז נאָך נישט אַלץ. אָט האָט ער געוואָלט טון שידוכים מיט די גרעסטע מיוחסים, קיין געלט האָט ער דערויף נישט געשפּאָרט, נאָר ער האָט עס נישט דערגרייכט. די לעווינזאָנס האָבן מיט אים זיך נישט געוואָלט משדך זיין. עס האָבן זיך אפילו יאָ געפונען אייניקע מיוחסים, וואָס האָבן געוואָלט פאַרקויפן זייער יחוס, אָבער נישט אַזעלכע גרויסע מיוחסים, ווי די לעווינזאָנס, און עס איז נישט אַרויסגעקומען אַזוי ווי ער האָט געטראַכט!

אַלץ אין זיינע געשעפטן איז געגאַנגען אַזוי ווי ער האָט געפּלאַנעוועט. ער האָט דערגרייכט די גרעסטע פאַבריק אין זיין געגנט. ער האָט מיט זיין עשירות איבערגעשטיגן אַלע זיינע קאָנקורענטן, נאָר אין יחוס איז ער געבליבן דערזעלבער ברעטמאַן, וואָס אַמאָל.

בכלל שפּירט ער זיך שלעכט.

ער ווייסט, אַז קיינער האָט אים נישט ליב, אפילו זיינע אייגענע מענטשן, ווער שמועסט שוין די אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין זיין פאַבריק.

ער פילט, אַז אפילו זיינע אייגענע קינדער האָבן אים אויך נישט אַזוי ליב, ווי קינדער דאַרפן ליב האָבן אַ טאַטן. זיין עלטערער זון יוסף איז קאַלט צו אים, די טאָכטער דערווייטערט זיך אויך פון אים און ער האָט זיי דווקא אַזוי שטאַרק ליב. וואָרום ווער פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע שיינע געראָטענע קינדער, ווי ער, אַרנאָלד ברעטמאַן?

אין דער לעצטער צייט פלעגט ער אויך אָפט טראַכטן וועגן זיין ווייב.

— פון איר איז דאָך גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן! אַן אויסגעמוטשעטע, האַלב קראַנקע יידענע, וואָס זעט שוין אויס ווי אַ זקנה און איך פיל זיך נאָך אַזוי יונג און געזונט! קיינער וועט נישט זאָגן, אַז איך בין שוין אַלט פינף און פופציק יאָר!

און דערביי איז ער צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן וואַנטשפּיגל, זיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין אויסזען.

און ברעטמאַן האָט טאַקע אויסגעזען יונגער פון זיינע יאָרן. אַ דאַנק זיין הויכער וווקס, האָט מען נישט אַרויסגעזען זיין דיקייט. אויפן קאָפּ האָט ער נאָך געהאַט וויניק גרויע האָר, וואָס האָבן זיין גלאַט פּנים, כּמעט אָן קנייטשן, נישט פאַרעלטערט. זיינע אויגן זענען נאָך געווען לעבעדיק און מיט אַ גלאַנץ, און אַליין האָט ער זיך געפילט געזונט און זיך גרינג באַוועגט. און שטייענדיק אַזוי ביים ••••• צופרידן פון זיך, האָט ער געטראַכט וועגן בעטיען...

קאפיטל זעקס.

די קינדער זענען געקומען.

אין אַ פרימאָרגן, ווען אין קאַנטאָר זענען אַלע געווען באַ־שעפטיקט, האָבן אייניקע פון די הויפט־אַנגעשטעלטע באַקומען איינ־לאַדונגען צו זייער באַלעבאָס אויף אַן אָוונט לכבוד ברעטמאַנס קינ־דער, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן.

צווישן די פאַרזאַמלטע זענען אויך געווען דער הויפטבוכ־האַלטער און בעטיע, וועלכע איז גראַדע אייניקע טעג נישט געווען ביי די ברעטמאַנס.

פייגע האָט באַגעגנט בעטיען מיט די ווערטער:

— דיך דאַרף מען אויך בעטן? דו ביזט דאָך ביי אונדז אַן אייגענע, אַ היימישע... ווו ביזטו עס פאַרפאַלן געוואָרן אַ גאַנצע וואָך?

— איך בין נישט געקומען, — האָט בעטיע געענטפערט, — ווייל איך האָב אייך נישט געוואָלט שטערן אין אייער אַרבעט. איר זענט דאָך געווען פאַרנומען מיט די הכנות פאַר אייערע טייערע געסט!

— פאַרוואָס זשע ביזטו נישט געקומען מיר העלפן? — האָט פייגע געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— וואָס, משטיינסגעזאָגט, האָב איך אייך שוין געקענט העלפן! און, ווידער, איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ ביסל אַ פוילע... ווען איך ענדיק מיין אַרבעט, האָב איך ליב אַרומצוגיין ליידיק, אַ ביסל

פאַרברענגען אין שמועסן אָדער לייענען... עס איז דאָ כמעט ווי אַ דאָרף, אַזוי אומעטיק!...

— נו, איצט וועט דיר שוין נישט זיין אומעטיק... איך וועל דיך באַקענען מיט מיינע קינדער, — האָט פייגע געזאָגט מיט מוטער-שטאָלץ.

זי האָט צוגערופן די קינדער, און אויך פאַניס חתן, אלעקסאַנדער גרינבערג, און זיי אַלע פאָרגעשטעלט פאַר בעטיען.

— זי, — האָט פייגע אָנגעוויזן אויף בעטיען, — איז אויך ווי מיינס אַ קינד. איך האָב גוט געקענט אירע עלטערן. איר זאָלט זי האַלטן ווי אייערע אַ שוועסטער און ליב האָבן אַזוי ווי מיר אַלע האָבן זי דאָ ליב. איר זאָלט זיך נישט קריגן און לעבן צווישן זיך בשלום... איך לאָז אייך דאָ איבער, קינדערלעך, פאַרברענגט אייך!

— וואָס פאַר אַ טייערע מאַמע מיר האָבן! — האָט זיך יוסף אָנגערופן און זי אַרומגעכאַפּט קושן.

אַלע קינדער האָבן דאָסזעלבע געטון, אַרומגענומען דער מאַמען און זי געהאַלטן אין איין קושן.

בעטיע איז געשטאַנען אַ ביסל פון דערווייטנס און זיך צוגע-קוקט צו דער דאָזיקער גליקלעכער מוטער.

— נישקשה, מעגסט מיר אויך געבן אַ קוש... — האָט זיך פייגע אָנגערופן צו בעטיען.

בעטיע איז געוועזן גערירט. זי האָט אַרומגענומען פייגען און זיך האַרציק מיט איר צעקושט.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שמחה, וואָס מען האַלט זיך אין איין קושן? און ווו בין איך? — איז אָנגעלאָפן ברעטמאַן.

די קינדער האָבן זיך מיט אים אויך צעקושט.

— און דו, בעטיע, וואָס שטייסטו פון דערווייטנס? פאַרוואָס מיט מיין ווייב יאָ און מיט מיר נישט? — האָט ברעטמאַן פריילעך זיך געוווּנדערט און ער האָט דערביי געמאַכט אַ טריט פאָרויס, וואַרטנדיק, אַז בעטיע וועט זיך מיט אים אויך צעקושן, אָבער בעטיע האָט זיך מיט אַ געלעכטער אָנגערופן:

— מיט מיין באַלעבאָס קוש איך זיך נישט.

— מער ווי אַ באַלעבאָס קער איך זיך מיט דיר נישט אָן? — האָט ברעטמאַן געפרעגט.

— אוודאי נישט! אפילו קיין שוועסטערקינד קערט איר זיך מיר אויך נישט אָן!

אַ לאַכנדיקער איז יוסף צוגעגאַנגען צו בעטיען און געדריקט אירביידע הענט. ער האָט געזאָגט:

— איר זענט דאָך אַ שקלאַף ביי אונדז אין פאַבריק, און אַזוי זאָל אַ שקלאַף ענטפערן זיין באַלעבאָס, הער איך דאָס ערשטע מאָל... בראַוואָ! בראַוואָ! — האָט ער געקלאַפּט מיט די הענט פון הנאה.

פייגע מיט איר מאַן זענען אַוועק צו די געסט און די קינדער האָבן געמיטלעך פאַרבראַכט.

דעם גאַנצן אָוונט איז יוסף נישט אָפּגעטרעטן פון בעטיען. ביים טיש, צו אָוונטברויט, זענען זיי געזעסן אין שכנהשאַפט און די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך נישט אָפּגעזונדערט איינס פון צווייטן.

פון דעם אָוונט אָן האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן באַפריינדט און ווי צוגעקלעפּט געוואָרן איינס צום אַנדערן, און יעדעס מאָל, ווען מען איז זיך צוזאַמענגעקומען ביי ברעטמאַנען אין הויז, אָדער אין וואַלד אויפן שפּאַציר, האָט מען געזען יוספן מיט בעטיען איינע לעבן די אַנדערע פאַרטיפט אין זייערע שמועסן.

פון דער באַקאַנטשאַפט האָט יוסף געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף בעטיען. דער דאָזיקער יונגערמאַן איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. אויפגעפירט האָט ער זיך פשוט און איינפאַך, ווי אַ געוויינלעכער אָרעמער סטודענט, און נישט ווי אַ זון פון אַ מיליאָנער, ווי דער הויפּט-יורש פון אַזאַ גרויסן פאַרמעגן.

אין זייער צוזאַמען פאַרברענגען האָט ער וועגן אַלץ מיט איר גערעדט, נאָר נישט וועגן דער פאַבריק און וועגן זיין פאָטערס געשעפטן.

בעטיע פלעגט זיך וווּנדערן, וואָס יוסף, אַ זון פון אַזאַ רייכן טאַטן, וואָס עס פעלט אים נישט קיין זאַך אין דער וועלט, איז צייטנווייז טרויעריק, זיינע שוואַרצע אויגן גלאַנצן עפּעס מיט אַ פאַרבאָרגענעם אומעט און איבער זיין פנים איז איבערגעצויגן אַ דינער וואָלקן.

בעטיע האָט אויך באַמערקט, אַז אין דעם אָוונט, ביי איר ערשטער באַקאַנטשאַפט, ווען יוסף האָט זיך געקושט מיט זיין פאָטער, האָט עס אויסגעזען קאַלט, נישט אַזוי ווי ער האָט זיך געקושט מיט זיין מוטער.

מיט די אַרבעטער פון פאַבריק האָט ער זיך תמיד באַגעגנט ווי מיט חברים אָדער פריינט.

אַזאַ ריין חברשע באַציונג צו די אַרבעטער און קאַנטאָר־אָנגע־שטעלטע האָט זיך נישט געענדערט אפילו, ווען זיין פאָטער האָט זיך דערביי געפונען, כאָטש אויף ברעטמאַנס פנים האָט מען געקענט באַמערקן, אַז ער איז נישט צופרידן מיט אַזאַ אויפירונג פון זיין זון.

בעטיע האָט מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג באַמערקט, אַז יוסף רעכנט זיך וויייניק מיט זיין פאָטערס מיינונג און אַז ער איז אינגאַנצן זעלבשטענדיק. ער טוט, וואָס ער וויל און פירט זיך אויף, ווי ער פאַרשטייט.

און מיט נאָכמער פאַרוואונדערונג האָט זי באַמערקט, אַז ברעט־מאַן, אָט דער שטרענגער מענטש, האָט געהאַט גרויס אָפּשיי פאַר זיין זון און קיין איינציק מאָל אים קיין דעה נישט געזאָגט וועגן זיין אויפירונג.

עס האָט אויסגעזען, ווי דער יונגערמאַן וואָלט געווען שטאַר־קער פאַר זיין פאָטער.

* *

*

נאָך דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט בעטיע נישט אויפגע־הערט צו טראַכטן וועגן אים. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי אַ פרעמד־ער יונגערמאַן אַזוי פאַראינטערעסירט.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי זאָל אויס־זען און זיך אויפירן אַ מיליאָנערס אַ זון.

זי האָט צו איר גרויס פאַרוואונדערונג באַמערקט, אַז ער טראָגט מיט זיך קיינמאָל נישט קיין געלט, און ווען יאָ, איז גראָשנס. ער האָט קיין זאַך נישט געקויפט און איבערהויפּט קיין געלט נישט אויסגעגעבן, ווי אַן אָרעמער סטודענטל.

זי האָט וועגן דעם געפרעגט איר פריינט, דעם פאַרוואַלטער פון קאַנטאָר.

— וואָס איז ער אַזוי משונהדיק? איז ער אַ קאַרגער?

— אָ, ניין, יוסף איז שוין גאָר קיין קאַרגער נישט! דעם לעצטן גראָשן וועט ער יענעם אַוועקגעבן, ווען מען בעט אים.

— פאַרוואָס זשע איז ער אַזוי? אפשר גיט אים דער פּאָטער וויניק געלט אויף זיינע הוצאות?

— אָ, ניין! — האָט פּערעלמאַן זיך אַ כאַפּ געטון. — הלוואי וואָלט ער געוואָלט אַזויפיל נעמען, וויפל זיין פּאָטער וואָלט אים געגעבן. און, ווידער, דאַרף ער וועגן אַזעלכע זאַכן נישט אָנקומען צו זיין פּאָטער. אונדזער קאַסע איז פאַר יוסף אַזוי אָפן, ווי פאַר זיין פּאָטער. ברעטמאַן האָט שוין לאַנג אַזאַ אָרדער געגעבן, אַז זיין בן־יחיד מעג נעמען פון קאַסע אַזויפיל, וויפל ער וועט נאָר פאַרלאַנ־גען. „וואָס איז דער חילוק, איך אָדער מיין זון, ער איז אַזאַ באַ־לעבאָס גלייך מיט מיר", האָט ברעטמאַן געזאָגט. „מיין יוסף וועט קיין געלט נישט אויסגעבן אויף וואָס מען דאַרף נישט".

— פאַרקערט, — האָט פּערעלמאַן ווייטער געזאָגט, — ברעטמאַן איז נישט צופרידן, וואָס יוסף נעמט ווייניק געלט און לעבט ווי אַן אָרעמאַן. „פאַר וועמען אַרבעט איך, אַז נישט פאַר מיינע קינדער? בפרט נאָך מיין איינציקער זון! זאָלן זיי לעבן, ווי עס פּאַסט פאַר מיינע קינדער!" — האָט ברעטמאַן נישט איינמאָל מיר געזאָגט.

יוסף פלעגט כמעט יעדן טאָג זיך זען מיט בעטיען, און ווען זי איז נישט געקומען צו זיינע עלטערן אין הויז, איז ער געקומען צו איר אַהיים, זי נעמען שפּאַצירן.

אַרנאָלד ברעטמאַן האָט אָנגעהייבן צו באַמערקן, ווי די יונגע פּאָר זענען שטענדיק צוזאַמען. אין אָנהייב האָט עס אים אַ ביסל פאַרדראָסן, נאָר באַלד האָט ער זיך באַרויקט.

— לאַנג וועט דאָך יוסף דאָ נישט בלייבן, ער וועט אַוועקפאָרן צוריק אין אויסלאַנד לערנען און בעטיע וועט בלייבן דאָ ווידער מיט מיר... מאַלע וואָס יונגע מענטשן רעדן צווישן זיך, זאָלן זיי פּלאַפּ־לען צווישן זיך, זאָלן זיי פּלאַפּלען! איך קאָן זיך דאָך נישט אַריינ־מישן. זיי וועלן מיר דען פאָלגן? זאָל עס גיין, ווי עס גייט.

ברעטמאַנס ווייב, פייגע, האָט זיי אוודאי נישט געשטערט און דערזעענדיק, ווי איר יוסף פאַרברענגט שטענדיק צוזאַמען מיט בעטיען, האָט זי געטראַכט: יונגע מענטשן, זאָלן זיי פאַרברענגען!

איינמאָל האָט זיך ברעטמאַן נישט איינגעהאַלטן און געזאָגט צו פייגען:

— מיר געפעלט נישט, וואָס יוסף פאַרברענגט שטענדיק מיט

בעטיען און מיט אונדז האָט ער נאָך אפילו נישט גערעדט זינט ער איז געקומען.

פייגע האָט אויף אים אָנגעשריען:

—וואָס זשע געפעלט דיר אַזוי נישט? ער פאַרברענגט דאָך מיט בעטיען, נישט מיט אַבי וועמען... און ווידער, מיט וועמען זאָלן יונגע קינדער פאַרברענגען? מיט אַלטע באַבעס, ווי איך מיט דיר? יוסף איז געקומען אַהער אַ ביסל זיך אָפּרוען. ער אַרבעט, נעבעך, גענוג מיט זיין לערנען אַ גאַנץ יאָר. זאָל ער פאַרברענגען דאָ, ווי אַזוי ער וויל. וואָס איז אונדזער געשעפט זיך צו מישן?

פון דעמאָלט אָן האָט זיך ברעטמאַן אַ ביסל באַרויקט, טראַכטנ־דיק, אַז זיין ווייב איז גערעכט און צווישן יונגע מענטשן דאַרף מען זיך נישט מישן. אַזוי ווי עס איז פריער גאָרנישט געווען. וועט ווײַ־טער אויך נישט זיין.

* *

*

איינמאָל האָט יוסף געזאָגט צו בעטיען:

—אַ שאָד וואָס איר זענט נישט מיט אונדז אין דער שווייץ, ווו איך און מיין שוועסטער מיט איר חתן לערנען... איר וואָלט געדאַרפט זיין דאָרט מיט אונדז... איר וואָלט געהאַט אַרבעט גענוג.

— איך וואָלט דאָרט געלערנט...—האָט בעטיע אונטערגעזאָגט.— איך וואָלט עס אוודאי געוואָלט, נאָר נישט יעדער איז עס אומ־שטאַנד: איך האָב נישט קיינעם, ווער עס זאָל זאָרגן פאַר מיר. איך מוז פאַר זיך אַליין אַרבעטן...

—לערנען איז אַ באַזונדערע זאַך — האָט יוסף געזאָגט. — נאָר דאָרט וואָלט געווען פאַר אייך אַ סך אַנדערע אַרבעט. מיר וואָלטן אייך אַריינגענומען צווישן אונדזערע חברים... אַ שאָד, וואָס איר ליגט דאָ ביי מיין פאָטער אין פאַבריק. גענוג מענטשן אַרבעטן אויף אים אָן אייך!

— אַזוי רעדט איר וועגן אייער פאָטער? — האָט בעטיע גע־לאַכט.

— איינס מיט דעם צווייטן געהער זיך נישט אָן. ער מעג זיין אַן אייגענער פאָטער. אָבער אַלגעמיינע אינטערעסן זענען וויכטיקער

ווי איינציקע פערזאָנען, מעג עס זיין מיין פאָטער... נאָר דעם אמת מוז איך זאָגן, אַז איך וואָלט מיך פילן גליקלעכער, ווען ער זאָל נישט זיין אַזוי רייך...

— פאַרוואָס? — האָט בעטיע געפרעגט דערשראָקן און נישט פאַרשטייענדיק וואָס ער רעדט.

— ווייל אַנדערע אַרבעטן אויף אים, און פון זייער אַרבעט איז ער רייך געוואָרן. פאַראַן מאָמענטן, ווען איך דאַרף מיך שעמען, וואָס מיין פאָטער איז אַ מיליאָנער און איך בין אַ מיליאָנערס אַ זון...

בעטיע האָט אָבער באַמערקט:

— ווי אַזוי קענט איר אַזוי רעדן וועגן אייער פאָטער? ווי איך האָב געהערט, האָט ער אייך געגעבן אַזאַ רייכע און שיינע דערציונג. איצט האַלט ער אייך אין אויסלאַנד, ווו איר לערנט. איר קאָסט דאָך אים אָפּ אַ פאַרמעגן! פאַרוואָס מוז איך דאָ ליידן אין קאַנטאָר און שווער אַרבעטן? ווייל איך האָב נישט קיין עלטערן, וואָס זאָלן מיר מיט עפּעס העלפן... איך וואָלט אוודאי אויך געוואָלט לער-נען אין אויסלאַנד!

יוספס געזיכט האָט זיך מיטאַמאָל ווי אויסגעקרומט. ער האָט לאַנג געשוויגן.

בעטיע האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אירע ווערטער האָט זי אים געטראָפן ערגעץ אין אַ פאַרווונדעט אָרט. זי האָט חרטה געהאַט, וואָס זי האָט וועגן דעם גערעדט און זי איז אויך אַנטשוויגן געוואָרן.

ענדלעך האָט זיך יוסף אָנגערופן:

— אָט דאָס איז טאַקע דאָס אומגליק, וואָס איך מוז דערווייל אָנקומען צו מיין פאָטערס קאַסע... גלויבט מיר, בעטיע, אַז יעדעס מאָל, וואָס איך דאַרף נעמען אַזאַ געלט, פאַרגיסט זיך מיר דאָס בלוט... נאָר ביז איך וועל ענדיקן די אוניווערזיטעט, בין איך גע-צוווּנגען דערצו... אָבער גלויבט מיר, בעטיע, אַז דאָס געלט, וואָס איך בין געצוווּנגען צו נעמען פון מיין פאָטערס קאַסע, וועל איך אַמאָל מיט פּראָצענט אָפּגעבן אונדזערע אַרבעטער, וועלכע האָבן מיין פאָטער אַריינגעבראַכט מיליאָנען...

דאָס אַלץ, וואָס בעטיע האָט געהערט פון יוספן, איז ביי איר געווען אַזוי ניי, אַזוי אומפאַרשטענדלעך, אַז דער קאָפּ האָט זיך איר איר געדרייט, טראַכטנדיק וועגן דעם, און זי האָט פאָרט נישט פאַרשטאַנען.

סוף כל סוף האָט ער זי שטאַרק גענומען מיט זיין אויסזען, מיט זיין אויפפירן זיך און מיט זיין אַרט רעדן. זי האָט געזען אין אים אַ סך ליבע און אמת.

יוסף איז געוואָרן פאַר איר אַ נייע וועלט, אַ נײַ לעבן.

די פּעריען־צייט אָבער ענדיקט זיך אינגיכן און יוסף וועט מוזן אַוועקפאָרן. בעטיע האָט אָנגעהייבן צו ציילן די וואָכן און מיט שרעק פלעגט זי טראַכטן, אַז זי וועט מוזן בלייבן אַליין אָן אים.

ער וועט אַוועקפאָרן, עס וועט זיך אָנהייבן דער אָסיען מיט די דראָבנע נודנע רעגנס און דערנאָך—די לאַנגע ווינטערנעכט מיט די פרעסט און ווינטן, וועלכע מען הערט דאָ אין דעם שטילן אָרט מער ווי אין שטאָט.

שרעק און ציטעריניש האָט זי אַרומגעכאַפּט, ווען זי פלעגט טראַכטן וועגן יוספס אַוועקפאָרן, און אַז זי וועט דאַרפן בלייבן אַליין.

פריער, איידער זי האָבן דערקענט יוספן, האָט זי נאָר געטראַכט וועגן איר אַרבעט. זינט אָבער יוסף איז געקומען און צוזאַמען וואָכנ־לאַנג פאַרבראַכט, האָט זי זיך אַזוי צוגעבונדן צו אים, אַז זי קען זיך נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט זי אַליין קענען לעבן אָן אים.

דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך מיט איר גאַנ־צער נשמה אַזוי צוגעבונדן צו אַ יונגנמאַן און מיט איר גאַנצער ער־שטער ליבע האָט זי נאָר געטראַכט וועגן אים און זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן איר לעבן, איר וועלט אָן יוספן. מיט אים איז די וועלט געוועזן אַזוי שיין, גוט און ליב און אָן אים — קאַלט, פאַר־פרוירן און טויט!

זי האָט געפילט, אַז ער האָט זי נישט ווייניקער ליב, נאָר די גאַנצע צייט האָבן זיי וועגן דעם נישט גערעדט. ער האָט נאָר גע־זאָגט, אַז זי מוז אויך פאָרן מיט אים קיין אויסלאַנד לערנען. זיין שוועסטער פאַני מיט איר חתן פאָרן אויך, וועט זי אויך פאָרן מיט אַלע צוזאַמען.

מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויף די ליפּן האָט בעטיע, קומענ־דיק פון שפּאַציר צו זיך אַהיים, זיך דערמאָנט אין דעם אומדערוואַרטן געשפּרעך מיט יוספן.

זי האָט דעמאָלט שפּאַצירט מיט אַלע קינדער צוזאַמען. מען איז געגאַנגען מיט דעם פעלד ביז מען איז צוגעקומען צום טײַך, וווּ עס לויפט אָפּ דאָס וואַסער פון פאַבריק.

פאַני מיט איר חתן, ליזע און נאָך אַ יונג שוועסטערל האָבן זיך אויסגעזעצט ביים ברעג אין דער הויך אויף די איינגעוואַקסענע ווייסע גרויסע שטיינער און אַראָפּגעלאָזט לאַנגע שטעקנס מיט קליינע נעצלעך צו כאַפּן קליינע פישלעך, וואָס שווימען שטענדיק ביים ברעג. אַלע האָבן געשוויגן און זענען שטאַרק געווען פאַרטיפט אין זייער אַרבעט.

יוסף מיט בעטיען האָבן זיך צופעליק אָפּגעזונדערט פון דער קאָמפּאַניע און זענען זיך געגאַנגען לענגאויס דעם ברעג.

דער טייך איז געווען שטיל און יוסף האָט מיט זיין שטאַרקער שטימע זיך צעזונגען און די קלאַנגען האָבן זיך צעגאָסן ווייט-ווייט.

אין בעטיעס אויערן האָט זיין שטימע, וועלכע איז געגאַנגען פון אַ ברייט געזונט יונג האַרץ, אַזוי זיס געקלונגען, אַז זי האָט נישט אויסגעהאַלטן און דאָס ערשטע מאָל אים געזאָגט:

— איר האָט אַזויפיל שיינע מעלות, נאָר אַז איר קענט אַזוי שיין זינגען, האָב איך נישט געוווסט... וואָס ווייטער, געפין איך אין אייך אַלץ מער נייס!..

יוסף האָט זיך ברייט צעלאַכט:

— און איך זע אין אייך מער קיין מעלות נישט... אין ערשטן אָוונט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט האָב איך אייך דערקענט און מיר ווייזט זיך אויס, אַז מיר קענען זיך שוין יאָרנלאַנג.

דערנאָך האָט ער זיך פלוצים אָנגערופן:

— אַ שאָד, בעטיע, וואָס די צייט ענדיקט זיך... באַלד וועל איך מוזן אַוועקפאָרן...

יוסף האָט באַמערקט, ווי בעטיע האָט אַ גרינגן ציטער געטון. און פלוצים האָט יוסף געזאָגט:

— איר ווייסט, בעטיע, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — דאָס בעסטע וואָלט געווען, איר זאָלט פאָרן מיט אונדז אין אויסלאַנד!

ביי בעטיען זענען די ווערטער געווען אַזוי ניי און אומגעריכט, אַז זי האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און האָט געשוויגן.

יוסף האָט ווייטער גערעדט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ צוועק פאַר אַזאַ מיידל, ווי איר, צו זיצן דאָ אין דער וויסטעניש אין פאַבריק און רעכענען מיט ציפערן

מיין טאַטנס פאַרמעגן?... פאָלגט מיך און פאָרט מיט אונדז... איר וועט אַריין אין אוניווערזיטעט, איר וועט לעבן גאָר אין אַן אַנדער געזעלשאַפט... איר וועט זען אַ וועלט! פאָלגט מיך...

— לאָזט מיך אַ ביסל קומען צו זיך, איך בין אַזוי איבעראַשט! איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם.

— נישטאָ וואָס צו טראַכטן, מען דאַרף נעמען און פאָרן! וואָדים אויב איר וועט פיל טראַכטן, און ווער שמועסט, אויב איר וועט וועלן זיך מיט עמעצן באַראַטן, וועט מען זיך דערוויסן ביי די לעווינזאָנס. ברײַנע מיט פרײדלען וועלן קומען צעלויפן און געוואַלדעווען, און אויב עס וועט נישט העלפן, וועלן זיי אָנהייבן מיט גוטן צו וויינען פאַר אייך... מיינע עלטערן וועלן זיי אויך מיטהעלפן און דער סוף וועט זיין, אַז איר וועט בלייבן זיצן אינדערהיים. איך מיין, אַז בעסער פאַר אַלץ וואָלט געווען, קיינעם אַ וואָרט נישט צו זאָגן... זאָל דאָס צווישן אונדז בלייבן בסוד, און אַ טאָג פאַר אונדזער אַוועקפאָרן זאָלט איר זיך איינפּאַקעווען און זאָגן מיינע עלטערן, אַז איר פאָרט מיט אונדז...

— זעט איר, גרינבערג מיט מיין שוועסטער, וועלכע פאָרן אויך, מעגן וויסן פון אונדזער פלאַן... מיר קענען זיי באַלד דערציילן וועגן דעם. אָט וועלן מיר הערן, וואָס זיי וועלן זאָגן.

יוסף האָט מיט זיין הילכיקער שטימע זיי אָנגעהייבן צו רופן, אָבער זיצנדיק אויף די שטיינער ביים ברעג מיט די אַראָפּגעלאָזטע נעצלעך, האָבן זיי זיך נישט גערירט פון זייערע ערטער, מורא האָבנדיק צו רעדן אַ הויך וואָרט, די שווימענדיקע פישלעך זאָלן זיך נישט דערשרעקן און אַנטלויפן.

יוסף מיט בעטיען זענען געגאַנגען צוריק מיטן ברעג צו די „פישכאַפּערס" און יוסף האָט זיך אָנגערופן:

— גענוג! קיין סך גליקן וועט איר דאָ נישט אויסזיצן, שלעפט אַרויס אייערע נעצלעך... מיר האָבן אייך צו דערציילן גרויסע נייס.

מען האָט אַרויסגעשלעפט די נעצלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך געצאַפּלט אַ פאָר צענדליק קליינע פישלעך, וואָס האָבן סתם קיין שום ווערט נישט געהאַט, און עס איז געבליבן, אַז מען זאָל זיי צוריק אַפּלאָזן אין טייך, נאָר דאָס קליינע שוועסטערל האָט געמאַכט אַ געוואַלד מען זאָל איר געבן עטלעכע פישעלעך.

דאָס קליינע שוועסטערל האָט באַקומען אַ פאָר לעבעדיקע פי־

שעלעך. זי האָט זיך אַ ביסל מיט זיי געשפּילט און אָנגעקוואָלן. דער-נאָך האָבן זיי זיך פּלוצים אויסגעגליטשט פון אירע הענטלעך און זענען צוריק אין וואַסער אַריין.

יוסף האָט דאָס קליינע שוועסטערל אַוועקגעשיקט אין אַ זייט, איר געגעבן אַ נעצל, זי זאָל אַליין כאַפּן פיש און דערביי האָט ער זיך אָנגערופן צו דער קאָמפּאַניע:

— איר ווייסט, וואָס ביי מיר און בעטיען איז געבליבן? בעטיע פאָרט מיט אונדז אין דער שווייץ לערנען! ווי געפעלט אייך אונדזער פּלאַן!

אָנשטאָט אַן ענטפער, האָט די יונגע קאָמפּאַניע אויסגעשריגן:

— הוראַ! אָט דאָס איז אַ פּלאַן! וואָס דען? אַזאַ יונג מיידל, זאָל דאָ פאַרפאַלן ווערן אין דער ווילדערניש, אין דער וויסטעניש?..

אַלע האָבן בעטיען געדריקט די האַנט און געווונטשן איר ער-פאָלג אין דעם נייעם שריט פון איר לעבן.

קאפיטל זיבן

די מלחמה.

בעטיע האָט זיך צוביסלעך צוגעוויינט צום געדאַנק, ... די פּאָרט מיט יוספן צוזאַמען מיט דער גאַנצער יונגער קאָמפּאַניע קיין אויסלאַנד „שטודירן” און זי האָט זיך אָנגעהייבן פילן פאַר דער גליקלעכסטער אין דער וועלט, וואָס זי בלייבט נישט דאָ.

אַזוי ווי זי איז שטענדיק געווען אָפנהערציק און נישט ליב געהאַט מיט עטוואָס זיך אויסצובאַהאַלטן, האָט זי איצט אויך דערפון קיין סוד נישט געוואָלט מאַכן. זי האָט אין איר באַשלוס נישט איינגעזען קיין שום פאַרברעכן און האָט יעדן וועגן דעם דערציילט.

צום ערשטן האָט זי פאַרציילט פייגען מיט איר מאַן.

ברעטמאַן איז אויפגעשפרונגען און באַלד זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם „נאַרישן” פּלאַן. פייגע איז אויך געווען דאַקעגן.

— דאָס איז געוויס זייער אַרבעט! — האָט אַרנאָלד ברעטמאַן געזאָגט.— זיי האָבן איר געוויס דערצו צוגערעדט.

— און אַז יאָ, איז וואָס? אייערע קינדער זענען שוין דערוואַקסענע מענטשן, און אויב איר רופט אָן דעם פּלאַן פון מיין פאָרן שטודירן „נאַריש”, קומט אויס, אַז דאָס שטודירן פון אייערע קינדער איז אויך נאַריש.

— זיי מעגן זיך דערלויבן, זיי האָבן אַרנאָלד ברעטמאַנען פאַר אַ טאַטן! און טאָמער וועלן זיי אויסברענגען עטלעכע טויזנט רובל אַ יאָר, איז נישט קיין אומגליק. איך קען זיך דאָס דערלויבן פאַר

מיינע קינדער, אָבער דו האָסט קיינעם נישט, ווער עס זאָל דיר העלפן, און אָנרירן די עטלעכע טויזנט רובל, וואָס עס איז דיר געבליבן פון דיין פאָטערס שווערער אַרבעט, איז אַ פאַרברעכן!

— עס פאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן אויך נישט קיין ירושות פון זייערע עלטערן! — האָט בעטיע געענטפערט.

ברעטמאַן האָט געקענט בעטיען, אַז ווען זי באַשליסט עפּעס, וועט זי קיינער נישט איבערשפּאַרן. ער האָט זי נאָר געסטראַשעט, אַז ער וועט שרייבן ברײנען, וועט זי קומען און נישט לאָזן זי פאָרן.

— איר פאַרשפּאָרט איר צו שרייבן, איך האָב איר און פריידלען ערשט נעכטן וועגן דעם אַ גרויסן בריוו געשריבן און זיך מיט זיי געזעגנט. און איך מוז אייך זאָגן, אַז אויב זי האָט מיך נישט געקענט איבערעדן, איך זאָל חתונה האָבן, וועט זי און קיינער מיך נישט קענען איבערעדן, איך זאָל נישט פאָרן!

— וואָס זשע? — האָט פייגע זיך אָנגערופן. — אַז זי וויל אַזוי שטאַרק, טאָ זאָל זי פאָרן געזונטערהייט! זי פאָרט דאָך נישט אַליין?

ברעטמאַן האָט געזען, אַז ער וועט זי נישט איבערעדן, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך זע, אַז מיך וועסטו נישט פאָלגן... איך וואָלט אוודאי געוואָלט, דו זאָלסט בלייבן אין קאַנטאָר. דו קענסט דאָ אויסוואַקסן, דיין געהאַלט וואָלט וואָס אַמאָל געהעכערט געוואָרן, קיין גרויסע הוצאות האָסטו דאָ נישט, וואָלסטו געקענט קומען צו אַ קליינעם קאַפּיטאַל... נאָר ווען איך זע, אַז דו ווילסט נישט, וואָס קאָן איך טון? מילא, טו ווי דו פאַרשטייסט... איך בין אָבער זיכער, אַז דו וועסט אײנגיכסטן קומען צוריק... דו ביזט אַ קלוגע און דו וועסט אַליין זען, אַז לערנען אין אויסלאַנד איז נישט פאַר דיינע כוחות.

בעטיע האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און ברעטמאַן האָט בעטראַכט אַנדערש, ווי ער האָט גערעדט.

פון דער צייט, וואָס ער האָט זיך דערוווסט, אַז בעטיע פאָרט אַוועק, איז ער אַרומגעגאַנגען זייער פאַרזאָרגט. אַלע זיינע פּלענער זענען מיטאַמאָל צעשטערט געוואָרן. אָבער ברעטמאַן איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס זאָלן זיך אַזוי גיך פאַרגעסן אין דעם, וואָס זיי האָבן פאַרטראַכט. דערצו האָט ער זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון

בעטיען, ער איז שוין אַזוי צוגעוווינט צו זען זי יעדן טאָג און טראַכטן, אַז זי וועט אַמאָל זיין זיינע, אַז עס איז אים שווער געווען צו בלייבן אָן איר, און ער האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן ביי־מיטלען, ווי אַזוי ער זאָל איר שטערן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט פאַרטראַכט, איז געווען, אַז דורך זיינע באַקאַנטע „טשינאָווניקעס" אין דעם גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע וועט ער זען, אַז מען זאָל איר קיין אויסלענדישן פאַספּאָרט נישט אַרויסגעבן.

דאָס וועט ער טון בסוד, אַז קיין בן אדם זאָל נישט וויסן, און אָן אַן אויסלענדישן פאַספּאָרט, וואָס מען מוז באַקומען פון גובער־נאַטאָר, וועט זי נישט קענען פאָרן. און אַלץ וועט בלייבן, ווי פרי־ער און זיינע פּלענער וועלן מיט דער צייט אויסגעפירט ווערן.

און אַזוי איז שפּעטער געשען: ווען בעטיע האָט אַוועקגעשיקט אין דער גובערניע אַ בקשה צוזאַמען מיט געלט, אַז מען זאָל איר שיקן אַ פּאַספּאָרט, האָט זי דאָס געלט צוריק באַקומען מיט דער גע־וויינלעכער צושריפט, „אַז מען האָט אָפּגעזאָגט איר בקשה".

בעטיע איז געווען אויסער זיך פון גרויס יסורים און זי האָט געקלאָגט, אַז זי וועט עס נישט איבערלעבן. האָט זי איינמאָל באַ־שלאָסן צו פאָרן, מוז זי פאָרן! זי האָט דאָ מער נישט וואָס צו טון.

יוסף איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט געזאָגט בע־טיען:

— עס איז ביי מיר געבליבן נישט צו פאָרן קיין אויסלאַנד ביז איר וועט נישט באַקומען דעם פאַספּאָרט! איך וועל מיט אייך פאָרן צום גובערנאַטאָר, און ער וועט מוזן געבן. ער האָט נישט קיין גרונט אייך אָפּצוזאָגן.

שפּעטער איז אָבער ביי יוסףן מיט דער גאַנצער יונגער חברה געבליבן, אַז בעטיע זאָל גנבענען די גרענעץ, וועט קאָסטן איבעריקע פופציק אָדער הונדערט רובל.

און אַרנאָלד ברעטמאַן האָט זיך זייער געוווּנדערט, צוזעענדיק, ווי בעטיע פאַקעוועט זיך אין וועג אַריין, נישט האָבנדיק קיין אויס־לענדישן פּאַס.

ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, ווייל איר גנבענען די גרענעץ האָט מען געהאַלטן שטאַרק בסוד.

און ווען ברעטמאַן האָט געפרעגט בעטיען, וווהין זי קלויבט

זיך צו פאָרן?—האָט זי געענטפערט, אַז זי פאָרט אין גובערנ׳יע וועגן דעם אויסלענדישן פּאַספּאָרט.

— צוליב דעם דאַרפסטו פאָרן אין גובערניע?

— וואָס קען איך טון? איך האָב געשיקט, ווי אַלע, דורך פּאָסט, האָט מען מיר אָפּגעזאָגט... איך ווייס נישט, פאַרוואָס? מוז איך אַליין פאָרן!..

— אויב אַזוי, — האָט זיך ברעטמאַן אָנגערופן, — דאַרפסטו אומזיסט נישט פאָרן. איך וועל שוין זאָרגן, אַז דו זאָלסט באַקומען אַ פּאַספּאָרט.

בעטיע האָט געוווסט, אַז ווען ער זאָל נאָר וועלן, קען ער עס גרינג אויספירן און האָט אים מיט פרייד באַדאַנקט.

— נישטאָ וואָס צו דאַנקען, עס איז אַ קלייניקייט... ווען איך טו טובות פאַר פרעמדע, פאַרוואָס זאָל איך עס פאַר דיר נישט טון?

ברעטמאַנען איז איינגעפאַלן, אַז ער וועט טאַקע פאַר איר באַ-קומען אַ פּאַספּאָרט, נאָר ער וועט עס אַזוי טון, אַז דער פּאַספּאָרט זאָל אָנקומען נאָך די קינדערס אַוועקפאָרן און דאַן וועט זי שוין בלייבן אינדערהיים. זי וועט זיך אַליין נישט אַוועקלאָזן דאָס ערשטע מאָל קיין אויסלאַנד

בעטיע האָט וועגן דעם דערציילט די קינדער, און זיי האָבן אויך געבעטן זייער פאָטער, ער זאָל זען, אַז זי זאָל דעם פּאַספּאָרט באַקומען ווי צו גיכסטן.

ברעטמאַן האָט צוגעזאָגט, אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון אַוועקפאָרן, איז נאָך דער פּאַספּאָרט נישט געווען?

— ער וועט אָנקומען היינט, מאָרגן, — האָט ברעטמאַן פאַרזי-כערט. — זי וועט דערנאָך מוזן אַליין פאָרן. וואָס קען מען טון?

צו ברעטמאַנס שטוינונג, זענען די קינדער צוזאַמען מיט בעט-יען אַוועקפאָרן.

בעטיע האָט געזאָגט, אַז זי פאָרט זיי נאָר באַגלייטן ביז צו דער גרענעץ, אָבער עס איז אַוועק עטלעכע טעג און בעטיע איז צוריק נישט געקומען.

ברעטמאַן איז אַרומגעגאַנגען, אַ דערשלאָגענער און, האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז דאָ אַזוינס געשען!

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך און פון די קינדער איז אויך נישט אָנגעקומען קיין שום בריוו אָדער טעלעגראַמע.

ביי די ברעטמאַנס איז מען געוואָרן אומרויק.

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ קורץ בריוועלע פון יוספן: „איך וואָלט טעלעגראַפירט, נאָר מען נעמט נישט אָן קיין טעלעגראַמע. די גרענעץ איז כּמעט ווי שוין פאַרמאַכט. מען רעדט שטאַרק, אַז דער דייטש זאָל היינט־מאָרגן אַריבער די גרענעץ. פיל לויפן פון אויסלאַנד צוריק אַהיים. מיר וועלן וואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, נאָר ווי עס ווייזט אויס, וועלן מיר אויך מוזן קומען צוריק אַהיים".

איבערלייענענדיק דעם בריוו פון די קינדער, איז אַרנאָלד ברעטמאַן ווי צוטומלט געוואָרן:

— וואָס איז מיט די קינדער אַזוינס פאָרגעקומען? — האָט ער געזאָגט צו פייגען — וואָס פאַר אַ דייטש? וואָס הייסט מען פאַרמאַכט די גרענעצן? שוין־זשע וועט זיין אַ מלחמה? — האָט ער געפרעגט זיין פאַרוואַלטער, וועלכער האָט זיך אויך דאָ געפונען.

— די צייטונגען זענען איצטער פול מיט מלחמה,—האָט פערעלמאַן געענטפער.

— מאַלע, וואָס די צייטונגען שרייבן! עס איז דאָך נישט מעגלעך!

— אפשר וועט מען זיך אויסגלייכן. עס גלויבט זיך נישט, אַז עס זאָל פּלוצלונג אויסברעכן אַ מלחמה.

— איך בין זייער אומרויק פאַר די קינדער!.. איך וואָלט געוועלט זיי זאָלן שוין זיין אינדערהיים, מען דאַרף זיי טעלעגראַפירן, זיי זאָלן באַלד קומען אַהיים.

— דער טעלעגראַף איז שטאַרק פאַרנומען מיט מיליטערישע טעלעגראַמעס און פון פּריוואַטע מענטשן נעמט מען אָן, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז זיי וועלן פּינקטלעך נישט צוגעשטעלט ווערן. אויב מיר וועלן איצטער טעלעגראַפירן, קענען זיי עס באַקומען אפשר אין צוויי וואָכן אַרום.

— וואָס זשע טוט מען! —האָט ברעטמאַן אומרויק געפרעגט.

— מען דאַרף גאָרנישט טון. זיי זענען נישט קיין קליינע קינדער. איך גלויב, אַז היינט־מאָרגן וועלן זיי צוריק קומען. איר דאַרפט זיין צופרידן, וואָס זיי געפינען זיך פון דער זייט גרענעץ.

— אפשר וואָלט איך געפאָרן נאָך זיי? — האָט ברעטמאַן געפרעגט.

— איך וואָלט אייך נישט געראָטן:.: דער וועג. וואָס גייט צו

די גרענעצן, איז פאַרנומען מיט מיליטער און מיט פריוואַטע צוגן שלעפּט מען זיך ווי מיט אָקסן... אויף יעדער סטאַנציע שטייט מען אָפּ שעהנווייז. היינט די ענגשאַפט, פּשוט דערשטיקט צו ווערן! אַ פּאָר סוחרים זענען געקומען פון וואָקזאַל און האָבן דאָס אין קאָנטאָר דערציילט. אויך האָבן זיי איבערגעגעבן, אַז קיין סחורות פון פריוואַטע מענטשן שיקט מען נישט אַוועק. זיי ליגן אויף די פּלאַטפאָרמעס. עס איז שוין ב־שטאָ קיין פּלאַץ, ווו צו לייגן!

— און אונדזערע וואַגאָנעס זענען אַוועקגעגאַנגען?

— ניין, אונדזער קאָמיסיאָנער שרייבט, אַז אַלץ ליגט אויף די וואָקזאַלן, און אַז נייע באַשטעלונגען זאָל מען נישט אָפּשיקן צום וואָקזאַל.

— וואָס הייסט דאָס! — איז ברעטמאַן אויפגעשפּרונגען.—מיר מוזן די וואַגאָנעס מיט אונדזער סחורה צושטעלן צו דער צייט, ווען נישט, וועלן מיר דאַרפן צאָלן שטראָף...

— וואָס קען מען טון דערצו? — האָט פּערעלמאַן געפרעגט.

— וואָס הייסט, וואָס? דער „נאַטשאַלניק סטאַנציע" נעמט ווייניק ביי אונדז חודש־געלט! וואַרף אים צו נאָך אַ הונדערטער און זאָל ער אונדזערע וואַגאָנעס אַוועקשיקן ווי צום גיכסטן.

— דער גאַנצער פאַרקער פון די באַנען געפינט זיך איצט אין מיליטערישע הענט. אַחוץ זיי, האָט קיינער קיין דעה נישט.

— וואָס טוט זיך דאָ! — האָט ברעטמאַן אָנגעהייבן שרייען. — מען וויל מיך מאַכן פאַר אַן אָרעמאַן! די פאַבריק שטייט דאָך נישט... כמעט פיר טויזנט אַרבעטער שטייען נישט ליידיק... ווי באַלד אונדזערע וואַגאָנעס וועלן יעדן טאָג נישט אַוועקגיין, גייט די גאַנצע פאַבריק אין דר׳ערד. מאָרגן פאָר איך צו דער סטאַנציע, צום גובערנאַטאָר! איך קען עס אַזוי נישט לאָזן! אונדזערע סוחרים מוזן אונדזערע וואַגאָנעס מיט סחורה באַקומען צו דער צייט! איך קען עס אַזוי נישט לאָזן!

פייגע האָט אים געבעטן, ער זאָל בעסער פאָרן ברענגען די קינדער.

— וואָס רעדסטו איצטער וועגן די קינדער? זיי וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן! איך מוז פאָרן צום גובערנאַטאָר! אונדזער סחורה מוז מען עקספּעדירן, ווען נישט בין איך באַנקראָט! איך וועל די פאַב־ריק מוזן פאַרמאַכן, אָדער כאָטש אָפּזאָגן אַ טייל אַרבעטער! זיי

וועלן מיר נישט שווייגן, איך מוז פאָרן, איך קען עס אַזוי נישט לאָזן!

און עס איז געבליבן, אַז מאָרגן פרי פאָרט ברעטמאַן. נאָך פּלוצלונג, אין דעמזעלבן טאָג, פאַרנאַכט, איז פאָרגעקומען אַזוינס, אַז די אַרבעטער האָבן אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און אַרויסגעלאָפן פון פאַבריק.

פון דערווייטנס האָט געשפּילט מיליטערישע מוזיק און באַלד האָט מען דערזען גרויסע מחנות מיליטער: קאַוואַלעריע, אַרטילעריע מיט האַרמאַטן, פוסגייער און גרויסע „אַבאָזן”. די אַלע מחנות האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער פאַבריק אויף נאַכטלעגער און די אָפיצירן האָבן געבעטן דעם פאַבריקאַנט, ער זאָל זיי געבן פּלאַץ, ווו איבער־צונעכטיקן.

ברעטמאַן, וואָס האָט שטענדיק פאַרשטאַנען, אַז מיט נאַטשאַל־סטווע דאַרף מען לעבן גוט, האָט פאַר די אָפיצירן אָפּגעגעבן אַלע ליידיקע צימערן פון זיין פּאַלאַץ, געהייסן קאָכן אַ גוטע וויעטשערע און פון זיין קעלער אַרויפגענומען גוטן ווייַן.

כמעט די גאַנצע נאַכט האָבן די אָפיצירן געהוליעט און גע־טרונקען און די מוזיק האָט געשפּילט.

דערביי האָבן זיי זייער געלויבט דעם גאַסטפריינטלעכן באַלע־באָס און צוגעזאָגט ווען דעם איבערצוגעבן זייער גענעראַל, און אַז ברעטמאַנען וועט מען צושטעלן, ער זאָל באַקומען אַ מעדאַל פאַר זיין פּאַטריאָטיזם.

ברעטמאַן איז געווען אויפן זיבעטן הימל, דערהערנדיק, אַז ער וועט באַקומען אַ מעדאַל, און פון קעלער האָט מען ווידער אָנגע־הייבן טראָגן אַלטע פלעשער ווייַן.

ווען ברעטמאַן האָט געפרעגט איינעם פון די אָפיצירן, וווהין זיי גייען, האָט יענער געענטפערט: צו די גרענעצן.

גאַנץ פרי איז דאָס מיליטער אַוועקגעגאַנגען. ברעטמאַן האָט גע־זען די מלחמה פאַר די אויגן.

אין פאַבריק האָט ער אויך דערזען ווי עס שמעקט מיט מלחמה. די פריערדיקע דיסציפּלין איז ווי מיטאַמאָל אַוועק, די אַרבעטער האָבן מער גערעדט צווישן זיך, ווי געאַרבעט. די אויסגעאַרבעטע סחורות זענען געלעגן און מען האָט נישט געקענט אַוועקשיקן, און אַלס פּראַקטישער פאַבריקאַנט האָט ער דאָס ערשטע מאָל איינגעזען,

אַז די לעצטע טעג האָט זיין פאַבריק אים נישט נאָר געבראַכט קיין פאַרדינסטן, נאָר עס האָט אַ סך דערלייגט.

ברעטמאַן וואָלט איצטער געווען צופרידן, ווען די אַרבעטער זאָלן שטרייקן, צו וואָס זיי האָבן זיך פון תּמיד אָן אַזוי געריסן, נאָר אַ דאַנק זיין באַקאַנטשאַפט מיט „נאַטשאַלסטווע" האָט מען קיינמאָל נישט דערלאָזט צו קיין שטרייק. איצטער וואָלט ברעטמאַן געווען צופרידן, ווען מען שטרייקט. ער וואָלט באַלד פאַרמאַכט אויף אַ צייט די פאַבריק און פאַרשפאָרט יעדן טאָג צו דערלייגן געלט, וואָרים די אויסגעאַרבעטע סחורות ליגן ווי אַ שטיין. קיינער קומט נישט קויפן, און אפילו די פריערדיקע באַשטעלונגען קען מען נישט אָפּשיקן.

ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן און נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צו העלפן. ער האָט געזען נאָר איין רעטונג: מען זאָל פירן זיינע וואַגאָנעס מיט סחורה. און ער איז אַוועקגעפאָרן צו דער באַן-סטאַנציע זיך זען מיט „נאַטשאַלסטווע", ביי וועלכער ער איז געווען אַ גרויסער חשוב, אָבער קיינער האָט אים איצט נישט דערקענט. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן קיין שום דעה נישט. ביי דער מיליטערישער מאַכט ליגט איצט די גאַנצע דעה.

ער איז געפאָרן צום גובערנאַטאָר, מיט וועלכן ער איז געווען ווי „צוויי ברידער", נאָר יענער האָט אים אויך קוים דערקענט. ער האָט אים געזאָגט, אַז איצט איז מלחמה־צייט און מען קען גאָרנישט טון פאַר אים.

אַ דערשלאָגענער און אַראָפּגעפאַלענער איז ברעטמאַן געקומען צוריק אַהיים.

און כאָטש ער האָט מיט אַלע כּוחות זיך איינגעהאַלטן, מען זאָל אויף אים קיין זאַך נישט דערקענען, האָט מען דאָך באַמערקט, אַז זיין שטענדיקער שטאָלץ און מוט איז מיטאַמאָל פון אים אַנטרונען געוואָרן.

ווען ער פלעגט פריער קומען אין פאַבריק, האָבן אַלע פאַר אים געציטערט. יעדער האָט געפילט, אַז דער באַלעבאָס איז דאָ אין פאַבריק, און איצט, אַרומגייענדיק אין זיין פאַבריק, האָט ער אויסגעזען, ווי אַ פרעמדער, ווי אַ זייטיקער מענטש, וואָס אים אינטערעסירט גאָרנישט... די אַרבעטער און אַלע אָנגעשטעלטע האָבן אויף אים געקוקט גלייכגילטיק און כּמעט אים נישט באַמערקט.

די פאַבריק האָט געאַרבעט, ווי פריער. יעדע וואָך האָט מען

אויסגעצאָלט אַרבעטער־לוין. אַלע מאַגאַזינען זענען געווען פאַרפולט מיט דער אויסגעאַרבעטער סחורה. און ווען די מאַגאַזינען זענען שוין געווען איבערגעפּאַקט האָט מען די סחורה געלייגט אין דרויסן אונטערן פרייען הימל און ווו עס איז נאָר געווען אַ שטיקל ליידיקער פּלאַץ אין פאַבריק.

קיין סוחרים זענען נישט געקומען, באַשטעלונגען מיט דער פּאָסט האָבן אויך אויפגעהערט אָנצוקומען. און די פריערדיקע קאָכע־דיקע פאַבריק איז געוואָרן אַ בית-עולם.

ברעטמאַן איז געווען זייער רייך, געהאַט מיליאָנען, נאָר זיין עשירות איז געלעגן אין דער פאַבריק, אין הייזער אין פאַרשידענע שטעט, ביי פריצים און אין די בענק. אָבער די בענק האָבן איבער דער מלחמה נישט געקענט אַרויסגעבן אַזויפיל געלט, וויפל מען האָט פאַרלאַנגט. אפילו די מלוכה-באַנק האָט אים געגעבן בלויז אַזויפיל, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו צאָלן זיינע אַרבעטער.

דער שטענדיקער שטאָלצער, מוטיקער און גרויסער תקיף איז מיטאַמאָל אַזוי ביי זיך אַראָפּגעפאַלן, אַז ווען אייגער קומט, אַ שטיי־גער, און וויל קויפן זיין פאַבריק מיט די טויזנטער פודן סחורות, וואָס ליגן, ווי אַ שטיין, אָן קונים, וואָלט ער עס אַוועקגעגעבן פאַר האַלב אומזיסט.

אַזוי איז ער געווען דערשראָקן פון דער מלחמה, וואָס איז אַזוי פּלוצים אַרויפגעפאַלן אויף זיין קאָפּ.

עס איז ביי אים געווען באַשלאָסן צו פאַרמאַכן די פאַבריק, אָבער ער האָט מורא געהאַט אָנצוהייבן מיט די אַרבעטער.

ברעטמאַן איז געפאָרן אין דער גובערני־ע זיך באַראַטן מיט נאַטשאַלסטווע וואָס ער זאָל טון, אָבער מען האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל די פאַבריק נישט פאַרמאַכן.

ער האָט געטענהט:

— ווער קען מיך צווינגען דערצו, ווען איך דערלייג אַלע טאָג! איך וועל ווערן אַן אָרעמאַן!

און ער האָט אָנגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל אים קענען צווינגען צו האַלטן אָפן די פאַבריק.

ער האָט אָבער באַקומען אַן ענטפער:

— יאָ געזעץ—גישט געזעץ, נאָר עס איז מלחמה־צייט!

און מען הייסט אים האַלטן אָפן די פאַבריק צוליב די פיר

טויזנט אַרבעטער.

קומענדיק אַהיים, האָט ער געזאָגט זיין פּאַרוואַלטער:

— אויב די מלחמה וועט געדויערן נאָר איין יאָר, בין איך אַן אָרעמאַן. איך וועל נישט נאָר פאַרלירן אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, נאָר איך וועל בלייבן אַ בעל-חוב...

דער פאַרוואַלטער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אים נאָר געטרייסט, אַז די־זעלבע שרעקלעכע לאַגע האַלט אָן אין אַלע פאַבריקן. אין שטאָט זענען אַלע קראָמען, אַ חוץ שפּייז-קרעמלעך, פול געפּאַקט מיט סחורה און עס איז נישטאָ קיין קונים, מען זאָל פאַרקויפן פאַר אַ גראָשן. די קונים זענען מיטאַמאָל ווי אויסגעשטאָרבן.

ברעטמאַן האָט גערעדט מיט פייגען וועגן זיין שרעקלעכער לאַ־גע, זי האָט מיט אַ זיפץ אים געטרייסט:

— צו וואָס זיך ערגערן? נישט מיט דיין בריהשאַפט האָסטו געמאַכט אונדזערע מיליאָנען. גאָט האָט עס אונדז געגעבן און איצט נעמט ער צו, און אַז ער וועט וועלן, וועט ער צוריק געבן! וואָס זשע? ווען מיר האָבן, נישט איצט געדאַכט, אַמאָל געוווינט אין צוויי צי־מערלעך, האָבן מיר דען נישט געלעבט? איך וואָלט בעסער שוין גע־וואָלט זען די קינדער אינדערהיים... ווער ווייסט, ווו זיי זענען!

ברעטמאַן האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: גיי רעד מיט אַ יידענע וועגן אַזעלכע זאַכן.

פון די קינדער איז געווען אַ צווייטער בריוו, אַז זיי פאָרן צוריק אַהיים, נאָר איבער דעם שווערן וועג ווייסן זיי נישט, ווען זיי וועלן קומען.

ערשט אין צוויי וואָכן אַרום זענען זיי געקומען אַהיים צוזאַמען מיט בעטיען, אַלע לעבעדיק און פריילעך, און יעדער האָט געהאַט צו דערציילן נסים פון וועג. ביי אייניקע זענען די זאַכן פאַרפאַלן געוואָרן. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען איז געשטאַ־נען קאָפּ אויף קאָפּ. זיי איז נאָך געווען גוט, ווייל זיי זענען גע־ווען פון דער זייט גרענעץ. נאָר אין אַן ערגערער לאַגע האָבן זיך געפונען די, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף יענער זייט גרענעץ. אָט די אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די בעדער אין אויסלאַנד, זענען געלאָפן, ווי פאַרסמטע מייז, געטריבן פון דייטש און זענען קוים לעבעדיק אַריבער די גרענעץ.

פייגע האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס אין דער צייט פון דער מלחמה איז זי נישט צעריסן מיט די קינדער און וואָס גאָט וועט געבן, אַבי זיין צוזאַמען.

בעטיע איז געגאַנגען צוריק אין קאָנטאָר אַרבעטן און יוסף, אַלס נישט געענדיקטער אינזשיניער, האָט באַשלאָסן, אַז אין דער צייט פון מלחמה, ווען ער קען נישט פאָרן קיין אויסלאַנד ענדיקן זיין לערנען, וועט ער אָנהייבן פּראַקטיצירן אין פאַבריק אין דער מאַשינען אָפּטיילונג.

יעדן טאָג פלעגט ער זיך זען מיט בעטיען און ער איז אַזוי צוגעוווינט געוואָרן צו איר, אַז זי איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן און ער פלעגט אָפט טראַכטן, אַז ער וועט זיך קיינמאָל מיט איר נישט צעשיידן.

ברעטמאַן האָט געמאַכט אַ שמועס מיט זיין זון וועגן דער פיינ־לעכער לאַגע.

— פלוצלונג אַזאַ אומגליק! — האָט ער געטענהט.

יוסף האָט אים אָבער רויק און קאַלט אויסגעהערט, און זיך אָנגערופן:

— ביי אייך, סוחרים, קומט אַלץ פאַר פלוצלונג... ווען איר פאַרדינט געלט און ווען איר דערלייגט געלט און ווען עס קומט פאַר אַ וועלט־געשעעניש, קומט עס אויך פאַר אייך פאַר פלוצלונג און איר קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטן און פרעגט מיט גרויס חידוש, פון וואַנעט און ווי אַזוי איז דאָס פלוצים געקומען? פאַר מענטשן, וואָס דענקען אָבער, קומט נישט פלוצלונג קיין שום געשעעניש... די דאָזיקע מלחמה האָט געמוזט קומען, און ווער ווייסט? אפשר וועט זי ברענגען גליק די מענטשן!

דער זון האָט גערעדט איינס און דער פאָטער האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

דער טאַטע מיטן זון האָבן גערעדט אויף צוויי פאַרשידענע לשונות און האָבן זיך נישט פאַרשטאַנען. נישט קיינמאָל איז יוספן אויסגעקומען צו רעדן וועגן זיין פאָטערס באַציונג צו זיינע אַר־בעטער און יענער האָט אויך נישט פאַרשטאַנען.

אויף יוספן האָט ווייניק וואָס געווירקט זיין פאָטערס מרה־שחורה. אין מלחמה־צייט קען אַלץ פאָרקומען. דער היינטיקער גביר קען מאָרגן ווערן אַ קבצן און דער היינטיקער קבצן קען מאָרגן ווערן אַ גביר... — האָט ער געזאָגט.

קאַפּיטל אַכט.

בעטיע און יוסף.

מען האָט געמיינט, אַז די וועלט ענדיקט זיך. קרעמער זענען דעם גאַנצן טאָג געזעסן ביי די קראָמען און קיין קונה נישט געזען, קיין קאָפּיקע נישט געלייזט, כאָטש נעם די סחורה און וואַרף זי אַרויס, און אַז קרעמער האָבן נישט געלייזט, האָבן די פאַבריקן זייערע סחורות נישט פאַרקויפט, און אומעטום האָט מען גערעדט, אַז די וועלט גייט אונטער.

ברעטמאַן איז געווען דערשלאָגן און האָט נישט געוווסט, וואָס צו טון. אַלץ האָט זיך ווי מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, נאָר מחנות סאָלדאַטן האָט מען געזען פאָרן מיט די באַנען, מיט פורן און צופוס. מען האָט שוין אויך אָנגעהייבן זען, ווי עס שלעפּן זיך גאַנצע צוגן מיט פאַרוואונדעטע. דאָס פריערדיקע לעבן איז ווי אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע וואָכן זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן. ווער עס האָט נאָר געקענט, האָט פאַרקויפט די געשעפטן פאַר האַלב אומזיסט, אַבי צו האָבן אַ מזומנעם גראָשן אויף די נייטיקע טעגלעכע הוצאות.

באַלד איז אָבער מיטאַמאָל געקומען אַן איבערקערעניש אין דער סוחרישער וועלט: עס האָבן זיך באַוויזן סוחרים און מען האָט אָנגעהייבן איינצוקויפן סחורות.

אין ברעטמאַנס פֿאַבריק האָבן אויך אָנגעהייבן אָנצוקומען נייע באַשטעלונגען, די באַנען האָבן אָנגעהייבן צו פֿירן סחורות. די מאַגאַזינען האָבן צוביסלעכווייז זיך אויסגעליידיקט. די פֿאַבריק איז געגאַנגען אין פֿולן גאַנג. די צאָל אַרבעטער האָט זיך פֿאַרגרעסערט און די אויסאַרבעטונגען האָט מען באַלד צעכאַפּט.

די פּרייזן האָבן גענומען שטייגן און מען האָט געצאָלט, וויפֿל מען האָט פֿאַרלאַנגט.

די סוחרישע וועלט איז לעבעדיק געוואָרן און אַרנאָלד ברעטמאַן האָט דערפֿילט, אַז ער ווערט אַ נייער מיליאָנער.

פֿאַר די סוחרים איז דאָס אַלץ ווידעראַמאָל געווען אומדערוואַרט, מען האָט נישט געוווּסט, פֿון וואַנען עס האָבן זיך פּלוצים גענומען אַזויפֿיל קונים. מען האָט גערעדט, אַז די אַלע סחורות פֿאָדערט מען פֿאַר דער אַרמיי. פֿריערים האָבן פֿאַר זייערע פּראָדוקטן באַקומען גוטע פּרייזן, און ווען דער פֿויער האָט געלט — קויפֿט ער.

קליינע סוחרימלעך זענען מיטאַמאָל רייך געוואָרן און ברעטמאַן האָט זיך אָנגעגאסן מיט גאָלד.

דערנאָך איז מען געקומען צו ברעטמאַנען און מען האָט באַשטעלט פֿאַר דער אַרמיי פּאַדקאָוועס, מעטאַלענע בערשט פֿאַר פֿערד, קעסלען פֿאַר די מיליטערישע באַוועגלעכע קיכן, קעסעלעך פֿאַר די סאָלדאַטן און נאָך אַנדערע אויסאַרבעטונגען פֿאַרן מיליטער, און פּרייזן האָט מען געצאָלט די גרעסטע, די טייערסטע!

אַרנאָלד ברעטמאַן איז געווען אויפֿן זיבעטן הימל. עס האָט זיך צו אים אומגעקערט זיין פֿריערדיקער שטאָלץ און קיינער איז צו אים נישט געווען גלייך.

נאָר אָט האָט זיך אויף די ברעטמאַנס אָנגערוקט אַ וואָלקן. ער האָט באַקומען אַ „פּאַפּיר”, ווו מען פֿאָדערט זיין יוספֿן אין דינסט.

פֿייגע האָט שוין איר בן־יחיד אָנגעהייבן באַוויינען, נאָר ברעטמאַן האָט זי אויסגעלאַכט.

— מיין קינד וועט נישט גיין דינען, בפֿרט נאָך אין מלחמה!

ער האָט זיך פֿאַרלאָזט אויף זיין געלט, אויף זיין תּקיפֿות און באַקאַנטשאַפֿט מיט „נאַטשאַלסטווע”.

— מיין פֿאַבריק אַרבעט פֿאַר דער אַרמיי, איך בין מיט גלע אויסגעקאָכט. יוסף וועט בלייבן אינדערהיים! — האָט ער פֿעסט געגלויבט.

אָבער ווען ער האָט געבעטן דעם גובערנאַטאָר און געגעבן אָנ־צוהערן, אַז ער איז גרייט אויף אַלערליי געלט־קרבנות, אַבי מען זאָל זיין זון איבערלאָזן אינדערהיים, האָט ער באַקומען אַן ענטפער:

— אין שלום־צייט וואָלט איך אַלץ געקאָנט פאַר דיר טון, נאָר נישט איצטער, ווען עס איז מלחמה! אין אַזאַ צייט איז עס פאַר מיר אַ געפאַר, אויב איך זאָל עס טון פון דיינטוועגן. ווען דו זאָלסט זיין אַן אָרעמאַן און נישט אַזוי באַוווסט, וואָלט מען אפשר עפּעס געקאָנט טון פאַר דיר, אָבער ווען דיין זון וועט בלייבן אינדערהיים, וועט זיך עס וואַרפן יעדן אין די אויגן. אַלע וועלן זאָגן, אַז צוליב דיינע מי־ליאָנען האָט מען דיין זון באַפרייט פון מיליטערדינסט. עס איז אַ גע־פאַר פאַר מיר אַליין — עס איז מלחמה־צייט.

מיט זיין געלט־תּקיפות און חשיבות האָט ברעטמאַן נאָר גע־פועלט, אַז צוליב יוספס פלומרשטער קראַנקהייט האָט מען די צייט פון זיין גיין אין דינסט אָפּגעלייגט אויף גאַנצע צוויי חדשים און ברעטמאַן האָט זיך באַרויקט, זאָגנדיק אינדערהיים צו זיינע אייגענע:

— אַזאַ מלחמה קאָן לאַנג נישט געדויערן. אַזוי שרייבן אויך די צייטונגען, און אַזוי זאָגן אפילו אייניקע גרויסע דיפּלאָמאַטן. ביז דער צייט, וואָס יוסף וועט זיך דאַרפן שטעלן צו דעם דינסט, וועט שוין זיין אויס מלחמה און יוסף וועט בלייבן אינדערהיים!

אַלע האָבן זיך ווידעראַמאָל באַרויקט.

יוספן האָט ווייניק אינטערעסירט, וואָס ער וועט גיין אין מלחמה. ווען דאָס קומט־פאָר מיט אַ האַלב יאָר צוריק, איידער ער האָט זיך באַקענט מיט בעטיען, וואָלט ער אפילו וועגן דעם נישט געטראַכט. ער איז נישט איינער. הונדערטער טויזנטער יונגעלייט געפינען זיך אין מלחמה, טאָ וואָס איז ער פאַר אַן אויסנאַם! נאָר איצט איז ער מיט לייב און לעבן געווען צוגעבונדן צו בעטיען, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וועט זיין אַ טאָג אָן איר!

און ווידער האָט אים טאָג מיט נאַכט געמוטשעט דער געדאַנק, וואָס וועט זיין מיט בעטיען? ער וועט זיך געפינען ווייט, ווער ווייסט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן? ווער ווייסט, צי וועט ער זיך אומ־קערן אַ לעבעדיקער אַהיים?

אָט די פראַגע פלעגט אים נישט אויפהערן צו פּלאָגן און וועגן דעם פלעגט ער נישט אויפהערן צו רעדן מיט איר.

און ווען זיי האָבן אָנגעהייבן צו רעדן, האָבן זיך בעטיס אויגן

אָנגעפּילט מיט טרערן און זי האָט זיך איינמאָל אָנגערופן:

— איך וועל פאָרן מיט דיר! איך וועל ווערן אַ שוועסטער פון „רויטן קרייץ" און וועל באַדינען די קראַנקע, די פאַרוואונדעטע, און איך וועל זיין נאָנט צו דיר!

יוסף האָט מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן:

— דו רעדסט ווי אַ קינד. וואָס מיינסטו? דו וועסט זיין אין דעמזעלבן אָרט, וווּ איך? די מלחמה צעוואַקסט זיך איצט איבער דער גאַנצער וועלט און דיין פּלאַץ קאָן אויסקומען נאָך ווייטער, ווי דו זאָלסט דאָ בלייבן!

בעטיע האָט פאַרצווייפלט אויסגעשטרעקט די הענט:

— אפשר וועט טאַקע די מלחמה אינגיכן אויפהערן, ווי דיין טאַטע זאָגט?

— איך גלויב נישט! איך גלויב אפילו נישט די גרויסע דיפּלאָמאַטן, וואָס זאָגן נביאות, אַז אַזאַ מלחמה קאָן זיך לאַנג נישט ציען.

— ווען זשע קאָן זיך די מלחמה ענדיקן?

— איך ווייס נישט און איך גלויב, אַז קיין מענטש אין דער וועלט ווייס נישט, ווייל אַזאַ שרעקלעכע מלחמה איז נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, מען זאָל קאָנען נביאות זאָגן...

* * *

עס איז געווען אַ שטילער אָוונט נאָך אַן אומרויקן טאָג. די אימהדיקע קלאַנגען פון דער מלחמה זענען אַריינגעפאַלן אין שטאָט, אין די גאַסן, אין די הויפן, אין די הייזער.

דאָ האָט מען געפירט זעלנער צום צוג און דאָ האָט מען פאַרגאַנדערגעקלעפּט נייע באַקאַנטמאַכונגען וועגן אַ נייעם „פּריזיוו", וועגן יונגע רעקרוטן. מען האָט געשלעפּט יונגע לעבנס פון די הייזער און מאַמעס האָבן שטיל געכליפּעט.

דער ווייכער אָוונט האָט אָבער איינגעשטילט די פיינלעכע מלחמה-קלאַנגען און האָט צוגעדעקט די טאָג-געשרייען.

בעטיע איז געזעסן ביי יוספן אין צימער. עס איז געווען שטיל. די לבנה האָט אָפּגעשפּריצט די פענסטער מיט קאַלטן ווייסן ליכט.

— בעטיע, — האָט זי יוסף פלוצלונג אָנגענומען ביי דער האַנט.

— זאָג, דו האָסט מיך ליב?

בעטיע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך פאַרוויטלט. אויף דער

דאָזיקער פראַגע האָט זי אים געהאַט אַ סך ווערטער צו ענטפערן און האָט אָבער קיין איין וואָרט נישט געפונען אויף דער צונג.

און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך, פאַרוואָרפן די הענט אַרום איר האַלדז און איינגערוימט איר אין אויער:

— בעטיע... בעטיעלע... איך דאַרף נישט דיין ענטפער... עס איז גענוג... איך הער אַלץ, וואָס דיין בלוט רעדט...

און בעטיען האָט זיך געדאַכט, אַז זי טרינקט זיך אין ליכט און אין פינסטערניש. ס'וועדט מיטאַמאָל ליכטיק און פינסטער און אַן אומרויקע הייסקייט צעגיסט זיך איבער אַלע גלידער.

דאָס איז געווען איר ערשטע ערנסטע ליבע־איבערלעבונג, וואָס האָט זי שטאַרק צעטרייסלט און צעמישט די רעיונות.

און זי האָט אים געקושט פאַר זיך, פאַר איר טאַטע און מאַמע, וואָס זיי איז נישט באַשערט צו זען איר גליק, און פאַר די לעווינ־זאָנס, וואָס האָבן זי דערצויגן. און זי האָט אים געקושט סתם, ווייל איר יונג ריין בלוט האָט געוואָלט קושן.

און אין דעמזעלבן אָוונט האָט ער געזאָגט:

— מיין געפיל צו דיר איז אַן ערנסט געפיל, וואָס ערנסטער קאָן עס שוין נישט זיין. בעטיע, לאָמיר חתונה האָבן...

בעטיע איז נאָך אַלץ געווען, ווי צעמישט. זי האָט נישט גע־ווסט, וואָס צו ענטפערן דערויף. און, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, האָט זי, דאָס שטאַרקע מיידל, געשוויגן.

און ער האָט ווידעראַמאָל געזאָגט:

— דאָ איז אייגנטלעך נישטאָ וואָס צו טראַכטן, בעטיע... דאָס איז בלויז אַ פראַגע פון אַ צערעמאָניע... דו וועסט קיינמאָל נישט אַוועק פון מיר, ווי איך וועל קיינמאָל נישט אַוועק פון דיר. מיר זע־נען געבונדן, טייערע, מיט האַרץ, מיט נשמה, מיט בלוט... עס פעלט אונדז בלויז דורכצופירן אַ געוויסע צערעמאָניע.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

—איך וויל האָבן מיין אייגן ווינקעלע, טייערע, און אין דעם דאָ־זיקן ווינקעלע וויל איך שטענדיק געפינען מיין בעטיען... נו, און אויסערדעם זענען פאַראַן אַנדערע סיבות. עס איז מלחמה, בעטיע, און קיינער ווייס נישט וואָס דער מאָרגן וועט אים ברענגען... איך וועל דאָך מוזן גיין דינען... אַזוי, צי אַנדערש — מיר מוזן חתונה האָבן.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט און בעטיע האָט געשוויגן... פאַר

דעם גאַנצן אָוונט האָט זי נישט געקאָנט קומען צו קיין לאָגישן געדאַנק, פונקט ווי יוסף וואָלט מיט זיין ליבע אָפּגעטויט אין איר אויך אייביק די לאָגיק.

זי האָט אָבער געפילט, אַז פון אָט דעם אָוונט הייבט זיך אָן פאַר איר אַ ניי לעבן מיט נייע איבערלעבונגען. זי האָט איבערגע־טראָגן עפּעס אַ שוועל מיט ברייטע אָפענע טירן, וואָס פירן אין אומ־באַקאַנטע חדרים פון איר צוקונפט.

פונדעסטוועגן האָט זי אים קיין ענטפער נישט געגעבן.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער וועט מוזן גיין דינען אינגיכן, האָט ער ווידער גערעדט דאָס אייגענע:

— בעטיע, די טעג לויפן און די צייט פון מיליטערדינסט דער־נעענטערט זיך... קיין האָפענונגען אויף צו באַפרייען זיך פון דינסט איז נישטאָ. די מלחמה פאַרשטאַרקט זיך און פאַרשפּרייט זיך. מיר מוזן חתונה האָבן. וואָס זאָגסטו, בעטיע?

צולעצט האָט זי זיך אָנגערופן

— דו ווילסט עס, יוסף, ביי מיר איז עס הייליק... געפינסטו, אַז איצט איז געקומען די צייט, מיר זאָלן חתונה האָבן, בין איך גרייט צו גיין מיט דיר אונטער דער חופה, וועלכן טאָג דו וועסט נאָר באַשטימען.

— בעטיע! — האָט יוסף אויסגעשריען. — איך פיל זיך איצט פאַר דעם גליקלעכסטן אין דער וועלט!

דעמזעלבן טאָג האָבן זיי אָפּגערעדט, אַז סוף וואָך זאָלן זיי אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ ווייט שטעטל און שטעלן אַ חופה.

יוסף האָט געזאָגט:

— קיין שום בן־אדם, קיין שום לעבעדיקער מענטש טאָר דער־ווייל פון אונדזער חתונה נישט וויסן... דאָס איז אונדזער הייליקער סוד ביז אַ צייט... די מלחמה וועט זיך ענדיקן און איך וועל קומען אַהיים, וועלן מיר אַלץ דערציילן און עס וועט מיך ווייניק אָנרירן, ווען מיין פאָטער וועט אַרויס מיט טענות.

זי האָט געפרעגט:

— די לעווינזאָנס דאַרפן אויך נישט וויסן פון אונדזער חתונה? זיי זענען אַלע מיר אַזוי איבערגעגעבן. איך וועל זיי בעטן, וועלן זיי ביז דער גוטער צייט קיינעם נישט אויסזאָגן.

— די לעווינזאָנס טאָרן אויך נישט וויסן, נישט דערפאַר ווייל זיי זענען דיר נישט איבערגעגעבן, נאָר וויבאַלד איינער וועט וויסן,

האָב איך מורא, אַז מיין פאָטער וועט זיך אויך דערוויסן, און דעמאָלט זענען מיר ביידע פאַרפאַלן, ווייל נישט האָבנדיק ווער עס זאָל זיך אים שטעלן אַקעגן, וועט ער שוין געפינען אַלערליי מיטלען ווי אַזוי אונדז צו שיידן. דו קענסט נישט מיין פאָטער, בעטיע! ער האָט אַ סך מעלות, נאָר אין דעם איז ער שרעקלעך און וועט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען, ער זאָל זיינס אויספירן! דעריבער וויל איך, אַז ביז דער צייט, וואָס איך וועל קומען צוריק אַהיים, זאָל, אַ חוץ אונדז ביידן, קיין לעבעדיקער מענטש נישט וויסן וועגן אונדזער חתונה. דאָס וויל איך צוליב אונדזער רויקייט, ווען מיר וועלן זיין ווייט איינס פונם צווייטן!

—צוליב דיין רויקייט, שווער איך דיר, אַז קיינער וועט נישט וויסן...

דאָס איז געווען דער לעצטער שמועס וועגן זייער חתונה.

עס איז געבליבן, אַז בעטיע זאָל בעטן דעם פאַרוואַלטער, מען זאָל איר דערלויבן אויף אַ גאַנצן חודש אַוועקפאָרן צו אירער אַ קרובה אויף אַ חתונה.

יוסף האָט קיין תירוצים נישט געדאַרפט האָבן צו זיין אַוועקפאָרן, ווייל יעדן זומער, ווען ער פלעגט קומען אויף „וואַקאַציע" אַהיים, איז ער פון צייט צו צייט אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו אָדער קיין אָדעס, ווו ער פלעגט פאַרברענגען מיט באַקאַנטע חברים און גוטע פריינט ערגעץ ביים ים אָדער אין די סאָסנאָווע וועלדער אַרום קיעוו.

אויך איצט איז ער אַוועקגעפאָרן און זיינע עלטערן האָבן זיך געפרייט, וואָס זייער יוסף וועט גוט פאַרברענגען. ווער ווייסט, האָבן זיי געטראַכט מיט שרעק, טאָמער וועט ער מוזן גיין דינען אין מי־ליטער, זאָל ער כאָטש איצט די צייט גוט פאַרברענגען.

די יונגע פאָר האָבן זיך באַגעגנט אויף אַ סטאַציע און האָבן זיך געפילט אַזוי גליקלעך, אַז זיי האָבן פאַרגעסן, אַז עס איז מלחמה־צייט און אַז יוסף וועט זיך אינגיכן מוזן מעלדן צו מיליטערדינסט.

זיי זענען, פאַרליבטע און גליקלעכע, געפאָרן חתונה האָבן און ווייטער האָט זיך קיין זאַך אין דער וועלט מיט זיי נישט אָנגעקערט.

זיי זענען אַוועקגעפאָרן נאָך ווייטער פון קיעוו און זענען אָנ־געקומען אין אַ יידיש שטעטל.

זיי זענען אַוועק צום רב, געוויזן אַלע זייערע „פּאַפּירן", באַ־צאָלט מיט דער ברייטער האַנט אַלע כּלי קודש און זענען אַרויס פון רב מאַן און ווייב.

באַלד נאָך דער חופּה זענען זיי אַרויסגעפאָרן קיין קרים און אין אַ שענעם זומערפּלאַץ, ביים ברעג פון שוואַרצן ים, אין אַ שטי־לער געגנט, האָבן זיי געוווינט אין אַ האָטעל.

בעטיע האָט פאַרגעסן, אַז זי דאַרף קומען צו דער צייט אין קאָנטאָר צו איר אַרבעט, און ווען זי האָט זיך דערמאָנט, האָט זי אָנגעשריבן אַ בריוו, אַז זי פילט זיך נישט געזונט, און וועט קומען מיט צוויי וואָכן שפּעטער.

דער פאַרוואַלטער פערעלמאַן האָט איר בריוו אַוועקגעלייגט צווישן אַנדערע הונדערטער בריוו און קיינער האָט וועגן איר נישט גערעדט, נאָר וועגן יוספן האָט ברעטמאַן נישט אויפגעהערט מיט שרעק צו רעדן: באַלד ענדיקט זיך דער טערמין, ווען ער מוז זיך מעלדן צום מיליטערישן „נאַטשאַלניק” און ער איז נישטאָ, מען זאָל זיך קאָנען באַראַטן, וואָס מען זאָל ווייטער טון. פייגע, דערמאָנענדיק זיך, וואָס עס שטייט איר יוספן פאָר, האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

אין דער צייט, ווען ברעטמאַן מיט זיין פרוי האָבן איבערגע־לעבט אַזויפיל שרעק, האָט זיך יוסף געפילט פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

דאָס יונגע גליקלעכע פאָרפאָלק פלעגט אַ סך אַרומשפּאַצירן, זיך שיפן איבערן ים און אין די אָוונטן הערן די שענסטע קאָנצערטן, וועלכע מען פלעגט געבן פאַר די אָנגעפאָרענע געסט אויפן שיינעם ים־ברעג.

אפילו קיין צייטונגען פלעגט דאָס יונגע פאָר־פאָלק נישט לייע־נען: אַזוי פרעמד איז זיי געוווען דאָס וואָכעדיקע לעבן מיט דער מלחמה. זיי האָבן נאָר געוווסט און געפילט, אַז זיי זענען גליקלעך און ווי־טער איז זיי קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען.

קאַפּיטל

נאָך די פרייַלעכע טעג.

אין ברעטמאַנס הויז, ווו עס האָט גערעשט כמעט דעם גאַנצן זומער, זינט די קינדער זענען געקומען אויף „וואַקאַציע", איז איצט שטיל און טרויעריק, ווי גלייך קיין מענטשן וווינען מער נישט אין דעם גרויסן הויז, ווו עס איז אַזוי נישט לאַנג פרייַלעך געווען און יעדן אויף דער נאַכט זענען אַלע פענסטער געווען העל באַלויכטן.

איצט איז אין דעם הויז פינסטער, נאָר אַ פּאָר פענסטער, ווו פייגע מיט אירע קינדער וווינען, זענען האַלב־טונקל באַלויכטן.

יוסף האָט צו דער צייט זיך געמוזט מעלדן צום מיליטער־„נאַטשאַלניק" און איז באַלד אויפגענומען געוואָרן אין מיליטערדינסט. עס האָבן נישט געהאָלפן זיין פאָטערס מיליאָנען מיט זיינע תקיפות און חשיבות ביי „נאַטשאַלסטווע".

פאַניס חתן, אַלעקסאַנדער גרינבערג, ביי וועלכן עס האָט הייַנטיקס יאָר געדאַרפט זיין די חתונה, איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע עלטערן, ווייל מען האָט אים אויך געפאָדערט צו מיליטערדינסט.

אין הויז איז נאָר געבליבן ברעטמאַנס פרוי מיט אירע טעכטער. די אַלטע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען און צו זיפצן, וואָס מען האָט איר צוגענומען איר בן־יחיד.

פאַני, איר עלטערע טאָכטער, איז אויך אַרומגעגאַנגען מיט אַ שווער פאַרביטערט האַרץ, וואָס איר חתן איז אַוועקגעפאָרן.

בעטיע האָט, ווי פריער, געאַרבעט אין קאַנטאָר ביי בוכהאַלטעריע. זי

פלעגט, ווי תמיד, כמעט אַלע אָוונט קומען צו די ברעטמאַנס אין הויז. אָבער זי האָט אויך קיין פריי׳עכקייט נישט מיטגעבראַכט. שטיל און באַהאַלטן פאַר דער גאַנצער וועלט האָט זי טיף אין האַרצן געטראָגן איר גרויסע ווונד, וואָס איר מאַן, איר יוסף, וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק ליב, האָט מען פון איר אָפּגעריסן, אָפּגעשניטן און אין איר האַרצן איבערגעלאָזט אַ גרויסע נישט־פאַרהיילטע ווונד.

יוספס מוטער פייגע האָט כאָטש געקאָנט אָפּן וויינען, אויסרעדן איר פאַרביטערט האַרץ. דאָסזעלבע האָט אויך געקאָנט טון פאַני, ביי וועלכער מען האָט צוגענומען איר געליבטן חתן. נאָר זי, בעטיע, האָט געמוזט שטענדיק שווייגן און שטיל אין זיך באַהאַלטן איר גרויסע אָנגעווייטיקטע ווונד.

אַרנאָלד ברעטמאַן איז אויך די ערשטע צייט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ דערשלאָגענער. ער האָט צופיל ליב געהאַט זיין יוספן, וועלכער איז געווען זיין שטאָלץ און זיין רום.

אייגנטלעך האָט ער ליב געהאַט זיינע אַלע קינדער. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער פאָטער, נאָר יוסף האָט אין זיין פאָטערס האַרץ פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט און ברעטמאַן האָט זיך נישט גע־קאָנט באַרויקן פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפן. נאָר דאָס רעשדיקע לעבן פון פאַבריק מיט די גוטע געשעפטן, וואָס ער האָט געמאַכט פון זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן, האָט אים אַ ביסל צעשטרייט און ער איז געווען דער איינציקער לעבעדיקער מענטש אין זיין הויז. דער, וועלכער פלעגט יעדן טרייסטן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן, אַז אַזאַ שרעקלעכע מלחמה קאָן זיך לאַנג נישט ציען און יעדן טאָג קאָן מען האָפן, אַז עס זאָל ווערן שלום אויף דער וועלט. דערביי פלעגט ברעטמאַן אַרויסנעמען פון קעשענע אויסגעשניטענע שטיקלעך פון צייטונגען, ווו עס ווערט גערעדט, אַז די מלחמה קאָן לאַנג נישט געדויערן, אָדער אַז דער און דער גרוי־סער דיפּלאָמאַט האָט געזאָגט די קאָרעספּאָנדענטן פון די גרעסטע ענגלישע און פראַנצויזישע צייטונגען, אַז ער איז זיכער, אַז די מלחמה וועט מער נישט קאָנען אָנהאַלטן ווי דריי חדשים, אָדער, העכסטנס, אַ האַלב יאָר און דערביי האָט ער אָנגעגעבן פאַרשידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיבות דערצו.

און, זיצנדיק אַזוי צווישן זיין פאַמיליע, ווו בעטיע האָט זיך אויך געפונען, פלעגט ברעטמאַן מיט אַמאָל פריילעך ווערן און זאָג

זיין פרוי מיט די קינדער:

— אַט וועט איר זען, אַז אין אַ שיינעם פרימאָרגן וועט מען זיך דערוויסן, אַז עס איז שלום געוואָרן! אונזער יוסף און דיין חתן, פּאַני, וועלן קומען אַהיים. פריער פאַר אַלעמען וועלן מיר פּראַוועון פאַניס חתונה, אָבער אַ חתונה, וואָס מען האָט נאָך נישט געזען! אַ גאַנצע וואָך וועלן מיר הוליען, און באַלד דערנאָך וועלן מיר טון אַ שידוך מיט יוסף, דעם גרעסטן שידוך וועלן מיר טון מיט אים! איך וועל נישט שפּאָרן קיין געלט פאַר אונדזער בן־יחיד, נישקשה, אַרנאָלד ברעטמאַן קאָן זיך דאָס דערלויבן. צו דער מלחמה האָב איך נישט דערלייגט!

ברעטמאַן האָט זיך דערביי צעלאַכט און געריבן איין האַנט אין דער צווייטער פון גרויס פאַרגעניגן און נחת.

אַלע האָבן אויף אַ מינוט זיך אָנגעשטעקט מיט זיין פריילעכ־קייט, נאָר בעטיע איז געזעסן מיט אַ פאַרוואָלקנט פּנים, געפּרוווט איך אַרויפציען אויף איר פּנים אַ ביסל פריילעכקייט, אָבער עס איז איר נישט געלונגען.

— וואָס זיצטו אַזוי טרויעריק, בעטיע? — האָט זיך ברעטמאַן פריילעך אָנגערופן. — נישט געזאָרגט! זאָל זיך נאָר ענדיקן די פאַר־שאָלטענע מלחמה! מיר וועלן דיך אויך חתונה מאַכן. אַזאַ געראָטן שיין מיידל דאַרף נישט זאָרגן! זאָל זיך נאָר די מלחמה ענדיקן, וועסטו זען, ווי מיר אַלע וועלן טאַנצן אויף דיין חתונה!

בעטיע האָט געפילט, אַז זי קאָן דאָ מער נישט זיצן און הערן פון ברעטמאַנען אַזעלכע רייד. זי האָט געוואָלט אויפשטיין פון איר אָרט און אויף אַ הויך קול, אַז אַלע זאָלן הערן, אויסשרייען, אַז יוסף איז איר געליבטער מאַן, וועלכן מען האָט איר מיט געוואַלד אַרויס־געריסן פון האַרצן און זי ליידט מער פאַר אַלעמען.

אָבער זי האָט אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז זי האָט געשוווירן איר יוספן, אַז ביז זיין קומען צוריק טאָר קיינער אין דער וועלט נישט וויסן, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט, און בעטיע האָט מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטן איר צאַפּלדיק האַרץ און זי האָט געמוזט שווייגן. זי האָט נאָר געזאָגט, אַז זי פילט זיך מיד, דער קאָפּ טוט איר וויי און איז אַוועק אַהיים פריער, ווי אַלעמאָל.

בעטיע האָט געפילט, אַז זי קאָן דאָ אַן איבעריקע מינוט נישט בלייבן און הערן, ווי מען רעדט אַזוי וועגן יוספן, וועלכער איז איר־

געזעצלעכער מאַן און איז איינגאַנצן אירער.

מיט גיכע טריט איז זי אַרויס פון ברעטמאַנס הויז, און גייענ־דיק אַהיים, האָט זי זיך געזאָגט:

— ווער ווייסט, צי מיין האַרץ וועט אויסהאַלטן ביז דער צייט ווען ער וועט קומען צוריק!

די ערשטע פּאָר חדשים האָט בעטיע פון יוספן באַקומען בריוו זי האָט געוווסט אויף וועלכע „פראָנטן" ער געפינט זיך, נאָר די לעצטע צייט, האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן.

ברעטמאַן האָט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום הויפּט־שטאַב פון דער אַרמיי, מען זאָל אים מודיע זיין וועגן זיין זון, צי געפינט ער זיך צווישן די לעבעדיקע.

אַ צייט איז אַוועקגעגאַנגען און מען האָט קיין שום ידיעה נישט באַקומען. ביי די ברעטמאַנס אין הויז האָט מען איבערגעלעבט טויט־שרעק. בעטיע איז אַרומגעגאַנגען אַ דערהרגעטע.

נאָך אַ לאַנגן וואַרטן איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון הויפּט־שטאַב, אַז זייער זון לעבט און איז געזונט און אַז נאָך צוריק מיט עטלעכע חדשים האָט ער געהאַט דעם גרויסן כבוד אויסגעקליבן צו ווערן אין די „בראַווע" רוסישע פּאָלקן, וועלכע מען האָט געשיקט קיין פראַנקרייך, צו שלאָגן זיך מיט די „בראַווע" פראַנצויזן פּלייצע אין פּלייצע קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא — די דייטשן, און זיי געפינען זיך ביי דער שטאַרקסטער פראַנצויזישער פעסטונג „ווערדען".

מען האָט זיך ביי די ברעטמאַנס געפרייט מיט דער ידיעה, אַז יוסף לעבט, אָבער באַרויקט האָט מען זיך ווייניק, כּל־זמן עס איז פון אים קיין בריוו נישט געקומען.

ברעטמאַן האָט געוווסט פון די צייטונגען, אַז רוסלאַנד האָט געשיקט סאָלדאַטן קיין פראַנקרייך, און אַז די דאָזיקע סאָלדאַטן האָט מען אויסגעקליבן פון פאַרשידענע פּאָלקן. מען האָט געקליבן די גע־זינטסטע, שענסטע און מער אינטעליגענטערע. מען האָט געוואָלט ווייזן דער וועלט אַ מוסטער פון דער רוסישער אַרמיי.

און אָט אין די אויסדערוויילטע פּאָלקן איז אויך אַריין יוסף.

אַרנאָלד ברעטמאַן איז געווען שטאָלץ, וואָס זיין זון איז געווען פון די בחירים, אָבער ער וואָלט מוחל געווען דעם דאָזיקן כבוד, ווייל כּל־זמן יוסף איז געווען אין רוסלאַנד האָט ער דאָך פון צייט צו צייט בריוו געשריבן, און איצט הערט מען פון אים קיין וואָרט נישט, ווי־

גלייך ער איז אין וואַסער אַריין!

דערצו האָט מען פון די צייטונגען געוווּסט, אַז ביי דער פראַנצויזישער פעסטונג „ווערדען" קומען־פאָר די שרעקלעכסטע שלאַכטן וואָס מען האָט ווען געזען אין די גרעסטע מלחמות!

ברעטמאַן פלעגט איצט עפטער זיך קלאָגן פאַר זיין פּאַרוואַלטער:

— איך ווייס נישט, ווי זיך אַהין צו טון? אַהיים קאָן איך נישט קומען... נאָר מען זיפצט, נאָר מען קלאָגט, איך וועל דאָך משוגע ווערן.

— ווען מען קאָן מען אין דעם באַשולדיקן? — האָט פּערעלמאַן געענטפערט. — איר זענט שטענדיק באַשעפטיקט, פאַרגעסט איר זיך און אייך איז גרינגער, וואָס זאָל אָבער טון אייער פרוי מיט די קינדער? פריילעך זיין איז היינטיקע צייטן נישטאָ פון וואָס, אייער פרוי קלאָגט נאָך איר זון, אייער פּאַני קלאָגט נאָך איר חתן און ברודער... אַזוי איז אין יעדן הויז... אומעטום קלאָגט מען נאָך עמעצן!

— כ'וואָלט געקאָנט ערשט איצטער לעבן, — האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן און דערביי אַ טיפן זיפץ געטון. — וואָס וואָלט מיר געפעלט, ווען יוסף איז איצט אינדערהיים? אויף מיינע געשעפטן קאָן איך, געלויבט צו גאָט, אין דער איצטיקער צייט זיך נישט באַקלאָגן... ווי מיינט איר? — און ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צום טאָגבוך, וואָס איז געלעגן אויפן טיש און ער האָט אָנגעהייבן צו בלעטערן.

— אַזויפיל נייע באַשטעלונגען! — האָט ער צעפרידן געזאָגט.— אָבער ווי אַזוי וועלן מיר עס קאָנען אויספירן?

ער האָט אַ שמייכל געטון און זיך אָנגערופן:

— סיידן אַ נייע פאַבריק אויסבויען און נייע אַרבעטער צונעמען! דער גאַנצער פּלאַץ פון פאַבריק איז שוין פאַרבויט מיט נייע אָפּטיילונגען. עס איז שוין קיין פּלאַץ נישטאָ! ענג, ווי אַמאָל, אין מיין אַלט פאַבריקל. געדענקסט, פּערעלמאַן, אונזער אַלט פאַבריקל?..

און ברעטמאַן האָט זיך דערביי צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיך אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ביי אים האָבן געאַרבעט ע-לעכע צענדליק אַרבעטער.

— ניין, אין מלחמה איז נישט די צייט פון בויען, אַלץ קאָסט הונדערט מאָל טייערער און מאַשינען פון אויסלאַנד איז אוממעגלעך צו באַקומען! און אָפּקויפן ערגעץ אַלטע מאַשינען, הייסט מען זיך אָפּ־

גיי'טן! ניין, זאָלן אַנדערע בויען, געגוג פון מיינעטוועגן! זעסט, נאָך דער מלחמה וועלן מיר זען.

פּלוצים האָט ברעטמאַן אַ קוק געטון אויף דער טיר, וואָס האָט געפירט צו דעם גרויסן צימער פון דער הויפּט־בוכהאַלטעריע און האָט זיך אָנגערופן צו פּערעלמאַנען:

דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? הער נאָר, פּערעלמאַן! איך זע נאָך דעם טאָגבוך, אַז די געשעפטן, נישט צו פאַרזינדיקן, פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן זיך, און דעריבער וויל איך העכערן די פּענסיע פון די „מענטשן" אין דער בוכהאַלטעריע. זאָלן זיי אויך הנאה האָבן!

פּערעלמאַן האָט מיט פאַרוווּנדערונג אים אָנגעקוקט, געצויגן מיט די פּלייצעס און זיך אָנגערופן:

— ווער קאָן עס זיין קעגן דעם, אויב איר ווילט עס!

— איך האָב געוואָלט הערן דיין מיינונג, פאַרשטייסט? ווייז מיר נאָר דאָס בוך פון די אָנגעשטעלטע אין דער בוכהאַלטעריע! נו, וואָס־זשע זאָגסטו דערויף?

— וואָס זאָל איך זאָגן? איך בין שטענדיק דערפאַר... עס וועט זיין זייער אַ גוטע זאַך פון אייער זייט, ווייל קיינער וועט נישט פּעט ווערן, אפילו ווען מען וועט זיי העכערן דאָס געהאַלט. נאָר וואָס איז גראַדע די בוכהאַלטעריע־מענטשן? אין די אַנדערע אָפּטיילונגען געפינען זיך נאָך מענטשן, וואָס נייטיקן זיך זייער און קומען קוים אויס מיט זייער פּענסיע...

מישנדיק די בלעטער אין דעם בוך פון זיינע „מענטשן", האָט ברעטמאַן זיך אַ כאַפּ געטון:

— נאָר נישט אַלע מיט אַמאָל! איצט אין בוכהאַלטעריע און שפּעטער, אַן אַנדערש מאָל, אין אַ צווייטער אָפּטיילונג. אָט דערפאַר איז מיר שווער צו העכערן עמעצן געהאַלט, ווען איך באַמערק, אַז יענער פאַרדינט און נייטיקט זיך... וויל איך עמעצן העכערן, זאָגסטו שוין, אַז מען דאַרף אַלעמען העכערן... דערנאָך וועלן זיך דערפון דערוויסן די אַרבעטער, וועלן זיי אָנהייבן זיך ברוגזן, מען זאָל זיי אויך העכערן... דו ווייסט דאָך, ווי עס איז נישט ליב אַרומצוגיין צווישן ברוגזדיקע אַרבעטער? זאָל איך דיך פאָלגן און העכערן אַלע־מען, וואָס אַרבעטן ביי מיר, ווייסטו, וויפל עס טרעפט־אָן? — אַ גאַנץ

פאַרמעגן! נאָר, זעסטו, אַ פּאָר מענטשן — מעג איך העכערן, דאָס מאַכט נישט אויס! און דו ווילסט, אַז איך זאָל אַלעמען העכערן.

— איך וויל? — האָט פערעלמאַן געצויגן מיט די פּלייצעס. — איר האָט מיך געפרעגט, האָב איך געענטפערט. און איר קאָנט טון, ווי איר פאַרשטייט.

ברעטמאַן האָט נאָך אַלץ געמישט אין בוך פון זיינע מענטשן און זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם בלאַט פון בוך, ווו עס איז געווען אָנגעשריבן „בעטיע בערשטער... 80 רובל".

דאָס האָט געהייסן, אַז איר פּענסיע באַטרעפט 80 רובל אַ חודש.

ברעטמאַן האָט געטראַכט, וויפל ער זאָל איר העכערן. וועגן די איבעריקע „מענטשן" האָט ער גאָרנישט געטראַכט. ער האָט נאָר געוווסט, אַז נאָך אַ פּאָר מענטשן פון דער בוכהאַלטעריע מוז ער אויך העכערן צוליב בעטיען, כדי עס זאָל זיך קיינעם נישט וואַרפן אין די אויגן.

ער האָט ווייטער געבלעטערט דאָס בוך און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדערן:

— וויפל מיינסטו דאַרף מען העכערן אָט דעם ווייסמאַנען? — האָט ער געפרעגט, אָנווייזנדיק זיין נאָמען אין בוך. — ער באַקומט זעכציק רובל אַ חודש.

— איך ווייס נישט... ווי איר פאַרשטייט.

— איך מיין, צען רובל וועט זיין גענוג.

— איך מיין, עס וועט זיין גענוג. שוין אַ יאָר צייט, אַז ער בעט, מען זאָל אים העכערן, דערצו איז היינטיקס יאָר זיין פאַמיליע גרעסער געוואָרן. זיין ווייב האָט געהאַט אַ קינד.

— דאָס איז נישט מיין געשעפט צו האָבן קינדער אויף מיין רעכענונג! — האָט ברעטמאַן האַרב אַ זאָג געטון. — פאַרשרייב אים פופצן רובל.

אַרויסלייענענדיק פון בוך נאָך עטלעכע נעמען פון זיינע „מענטשן", האָט ברעטמאַן זיך אָנגעהייבן דינגען מיט פערעלמאַנען, וויפל ער זאָל זיי העכערן, ביז ער האָט באַשטימט דעם צען, דעם פופצן און אַן אַנדערן צוואַנציק.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט דעם פּאַרוואַלטער:

— און וויפל, מיינסטו, דאַרף מען העכערן בעטיען?

פערעלמאַן האָט אַ טראַכט געטון און זיך אָנגערופן:

- זי איז זייער אַ פעיקע און פּינקטלעך אין איר אַרבעט או איך מוז זאָגן דעם אמת, אַז זי איז די בעסטע אַרבעטערין אין דער בוכהאַלטעריע. אויף איר קאָן מען זיך פאַרלאָזן און זעלטן, ווען זי מאַכט עפּעס אַ טעות.

— אויב אַזוי, — האָט ברעטמאַן געזאָגט, — דאַרף מען איר העכערן אויף גאַנצע דרייסיק רובל, ווייל פעיקע מענטשן איז זייער שווער היינטיקע צייטן צו געפינען און מען דאַרף זיי וויסן ווי אָפּצוהיטן און צו שעצן.

— איר זאָגט זייער ריכטיק, הער ברעטמאַן, — האָט פּערעלמאַן געענטפערט, — נאָר דרייסיק רובל איז צופיל, ווייל אַלע אַנדערע אין דער בוכהאַלטעריע האָבן פון אייך באַקומען נאָר צען, פופצן אָדער צוואַנציק... איך מיין, אַז פאַר בעטיען וועט זיין גענוג צוואַנציק. זי באַקומט איצטער אַכציק רובל, וועט זי באַקומען אַ גלייכן הונדערטער.

— נו, זאָל זיין אַזוי! — האָט ברעטמאַן מסכּים געווען און מיט אַ שמייכל צוגעגעבן: — וועט בעטיע בערשטער באַקומען אַ גלייכן קנאַקעדיקן הונדערטער יעדן חודש!

מען האָט אַרויסגערופן איינציקווייז די מענטשן פון דער בוכהאַלטעריע און פּערעלמאַן האָט זיי מודיע געווען, אַז מען האָט זיי געהעכערט זייער פּענסיע.

אַלע האָבן געדאַנקט ברעטמאַנען, און ער האָט עס אויסגעהערט מיט אַ זאַטער צופרידנקייט.

דערנאָך האָט מען אויך אַרויסגערופן בעטיע בערשטער.

זי איז אַריינגעקומען טרויעריק, פאַרזאָרגט און דאָך האָט זיך ברעטמאַנען אויסגעוויזן, אַז מיט איר באַווייזן זיך איז ליכטיקער געוואָרן אין צימער. אין איר איינפאַכן אַרבעטער־קלייד האָט זי אויסגעזען שענער, ווי תּמיד. איר טרויער האָט עפּעס געפּאַסט צו אירע גרויסע בלויע אויגן, ווי אַ זעלטענע טייערע צירונג...

ברעטמאַן איז געזעסן, ווי פאַרכּישופט פון איר.

פּערעלמאַן האָט זי באַגעגנט מיט די ווערטער:

— הער ברעטמאַן האָט געהעכערט אייער געהאַלט.

— פון היינט אָן, בעטיע, — האָט ברעטמאַן פריילעך זיך אָנגערופן, — וועסטו יעדן חודש באַקומען אַ קיילעכדיקן קנאַקעדיקן הונדערטער!

ברעטמאַן האָט געגלויבט, אַז ער האָט דאָ געזאָגט זייער אַ ווי־

ציק ווערטל און צוזאַמען מיט דער גוטער בשורה, אַז איר געהאַלט איז געהעכערט געוואָרן, וועט זי ווערן פריילעכער. אָבער בעטיעס פּנים האָט זיך נישט געענדערט. זי האָט נאָר פריינטלעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צו דער זייט, ווו ברעטמאַן איז געזעסן און איז אַוועק צוריק צו איר אַרבעט.

ברעטמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס קומט פאַר מיט בעטיען? די צוואַנציק רובל, וואָס ער האָט איר געהעכערט, האָבן אים אַרויפגעצויגן אויף גאַנצע צוויי הונדערט רובל פאַר אַנדערע מענטשן. אַלע זענען אַוועק צעפרידן און בעטיע איז אַוועק אַ קאַלטע.

ער האָט זיך געווענדט צו פּערעלמאַנען:

— דו האָסט באַמערקט, ווי בעטיע האָט זיך די לעצטע צייט זייער איבערגעביטן? זי איז שטענדיק טרויעריק און פאַרזאָרגט — וואָס פעלט איר?

— קיין באַזונדערע זאַכן האָב איך אין איר נישט באַמערקט. יעדע עלנטע, יעדע יתומה זעט־אויס טרויעריק און פאַרזאָרגט... — האָט יענער געענטפערט.

ברעטמאַן האָט רעכטס און לינקס געשאָקלט מיטן קאָפּ און גע־ענטפערט:

— ניין, פּערעלמאַן. דאָס איז נישט ריכטיק. נישט אַלע עלנטע און יתומים זענען גלייך. וואָס פעלט בעטיען? זי פאַרלעבט נישט קיין העלפט, וויפל זי פאַרדינט. עטלעכע טויזנט רובל ירושה האָט זי אויך, איר קאַפּיטאַל ווערט שטענדיק גרעסער. זי איז יונג, שיין און גע־זונט. ביי מיר אין הויז איז זי אויך נישט פרעמד. מיין פרוי איז צו איר, ווי אַן אייגענע מוטער, מיינע קינדער זענען צו איר, ווי אייגע־נע שוועסטער. אַלע האָבן זי ליב. היינט וואָס פעלט איר דאָ ביי אונדז? איך רעכן, אַז איר טרויער, וואָס ליגט אויף איר פּנים די לעצטע צייט, נעמט זיך דערפון, וואָס זי וואָלט באַדאַרפט חתונה האָבן... עס איז די רעכטע צייט פאַר אַזאַ מיידל אין אירע יאָרן חתונה צו האָבן... ווי מיינסטו, פּערעלמאַן, האָב איך נישט רעכט?

— אפשר זענט איר גערעכט, — האָט פּערעלמאַן גלייכגילטיק גע־ענטפערט, — אפשר טראַכט זי, אַז דאָ איז אַזאַ פינסטערניש, ווו מען זעט זעלטן אַ מענטשן, קאָן זי אַזוי פאַרזיצן... אַזאַ מיידל וואָלט באַ־דאַרפט וווינען אין אַ שטאָט, ווו מען באַגעגנט זיך מיט אַלערליי מענטשן, וואָלט זי געקאָנט געפינען איר גליקן און חתונה האָבן.

אָבער דאָ, אין פאַבריק, וואָס קען זי דערוואַרטן? אפשר איז זי דעריבער אַזוי טרויעריק.

— ביזט אַ נאַר, פערעלמאַן, וואָס דו רעדסט אַזוי. אַזאַ שיין געראָטן מיידל, ווי בעטיע איז, קען אפילו אין אַ וואַלד נישט פאַרזיצן. אַזעלכע מיידלעך לאָזט מען נישט פאַרזיצן, מען געפינט זיי שוין!

— אויב איר מיינט אַזוי, דערקלער איך זיך איר טרויער דערמיט, וואָס איר פעלט פראָסט געזעלשאַפט. אָט ווען אייערע קינדער זענען דאָ געווען און מען האָט פריילעך פאַרבראַכט, איז בעטיע אויך געווען פריילעך. נאָר זינט יוסף און פאַניס חתן זענען אַוועק, איז אַוועק די פריילעכקייט פון אייער הויז. נו, איז בעטיע אויך טרויעריק...

ברעטמאַן האָט איינגעשטימט מיט פערעלמאַנען. ביי אים איז עס אויסגעקומען נאַטירלעך, וואָס אין דער צייט, ווען ביי אים אין הויז הערשט אַזאַ טרויער, זאָל בעטיע נישט זיין פריילעך. זי איז זייער איבערגעגעבן זיין הויז, האָט ער געטראַכט, ווי זשע קען עס אַנדערש זיין!

ברעטמאַן האָט זייער געוואָלט, אַז בעטיע זאָל זיך פילן וואָס בעסער און פאַרברענגען גוט די צייט, און איינמאָל האָט ער מיט אַ טאָן פון אַ פאָטער, וואָס זאָרגט פאַר זיין קינד, איר געזאָגט:

— אפשר איז דיר אומעטיק דאָ? איך פאָר אין שטאָט צוליב געשעפטן, קען איך דיך מיטנעמען, וועסטו פאַרברענגען אַ ביסל ביי די לעווינזאָנס...

בעטיע האָט זיך אָפּגעזאָגט.

—עס איז מיר דאָ נישט אומעטיק,—האָט זי געענטפערט.

זעענדיק, אַז זי וויל נישט פאָרן, האָט ברעטמאַן ווידער געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, בעטיע? אפשר וואָלסטו מיט מיינע קינדער א ביסל זיך דורכגעפאָרן אין שטאָט און איר וואָלט אַ ביסל פאַרבראַכט? איך האָב באַמערקט, אַז די לעצטע צייט ביזטו זייער פאַרזאָרגט, מיין איך, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ביי אונדז איז דיר אומעטיק... אויך וויל איך, אַז מיינע קינדער זאָלן אַ ביסל גוט פאַרברענגען, מען קען דאָך אייביק נישט זיפצן. וואָס זשע זאָגסטו, בעטיע?

— אויב איר ווילט, די קינדער זאָלן פאַרברענגען, זאָלן זיי

פאַרן געזונטערהייט. מיר איז דאָ נישט אומעטיק. וואָס איר זעט מיך נישט פריילעך, איז עס אַזאַ צייט! מען קען דאָ נישט זיין פריילעך. עס איז נישטאָ פון וואָס. זעט איר, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און יוסף און פאַניס חתן וועלן זיך געזונטערהייט אומקערן צוריק אַהיים און אייער הויז וועט ווידער פריילעך ווערן, וועל איך אויך אַנדערש אויסזען!

ברעטמאַן האָט זיך אַנטציקט מיט איר ענטפער.

—עס איז אַזוי נאַטירלעך, פאַרוואָס זי האָט זיך די לעצטע צייט אַזוי איבערגעביטן — האָט ברעטמאַן צו זיך געזאָגט — זי איז דאָך אַזוי איבערגעגעבן מיין הויז.

יאָ, ברעטמאַנען איז בעטיעס ענטפער זייער געפעלן געוואָרן. עפעס אַלץ, וואָס זי האָט געזאָגט, האָט געקלונגען אין זיינע אויערן אַזוי קלוג און ליִיפיש, אַז ער פלעגט אירע ווערטער נישט פאַרגעסן און פיל טראַכטן וועגן זיי.

די מלחמה איז אים געשטאַנען, ווי אַ ביין אין האַלדז, ווען ער פלעגט טראַכטן וועגן זיין פריערדיקן פלאַן: גטן זיין פרוי און חתונה האָבן מיט בעטיען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז נישט די צייט דערפון צו טראַכטן. זיין יוסף און פאַניס חתן געפינען זיך אין מלחמה, און ווער ווייסט, וואָס מיט זיי איז? זיין פרוי איז גענוג אומגליקלעך, אין זיין הויז הערשט אַ טרויער און ער וועט אין אַזאַ שרעקלעכער צייט אָפטון אַזאַ זאַך!

אָט, ווען די מלחמה ענדיקט זיך, וועט ער זיין פלאַן נישט אָפלייגן אויף איין איבריען טאָג, און עס האָט אים שטאַרק באַנג געטון, וואָס איידער די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן, האָט ער צופיל געטראַכט: ער האָט באַדאַרפט טון! פאַר ברעטמאַנען, וואָס איז אַזוי רייך און וואָס ווערט מיט יעדען טאָג אַלץ רייכער און רייכער, פּאַסט נישט לאַנג צו ציען און אָפלייגן, ווען ער פאַרטראַכט עפעס.

אַזוי האָט ער זיך אויפגעפירט שטענדיק, ווען ער האָט עפעס פאַרטראַכט אין זיינע געשעפטן. ער האָט נישט געצויגן, נישט אָפגעלייגט אין לאַנגן קאַסטן, נאָר געזאָגט און געטון, און אין דעם, האָט ער געגלויבט, ליגט זיין גרויסער ערפאָלג. און אָט האָט ער נאָר איינמאָל געפרווט אָפלייגן דעם שענסטן חלום פון זיין לעבן, האָט אויסגעבראָכן די מלחמה.

די לעצטע צייט האָט ער קיין נעכט נישט געשלאָפן און האָט וועגן זיין פּלאַן נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

— וואָס טויג מיר מיין עשירות מיט מיינע מיליאָנען אָן בע־טיען? — האָט ער איינמאָל, אין די וואַכעדיקע נעכט, זיך געפרעגט — און ווי קען איך וואַרטן ביז די מלחמה וועט זיך אַמאָל ענדיקן! איך בין נישט קיין יונגערמאַן, וואָס אַ פּאָר יאָר אין לעבן שפּילט ביי אים קיין ראָליע נישט. איצט זענען מיינע בעסטע יאָרן און אויב איך וועל וואַרטן, וועל איך שוין ווערן אַלט און קראַנק.

און ברעטמאַן האָט פּלוצלונג באַשלאָסן מער נישט צו וואַרטן.

—אי, עס איז איצט נישט די פּאַסיקע צייט? טאָ פאַר וועמען האָב איך מורא? מיינע מיליאָנען זענען שטאַרקער פון אַלעמען און איך וועל יעדן מיט גוטן אָדער מיט בייזן קענען פאַרשטאָפּן דאָס מויל.

ער האָט באַשלאָסן איבערצורעדן מיט זיין אַדוואָקאַט באָריס פינקעלשטיין, פאַר וועלכן ער האָט קיין סודות נישט געהאַט.

שוין פון לאַנגע יאָרן האט דער גרויסער אַדוואָקאַט, וואָס האָט שטענדיק געוווינט אין דער גובערניע, באַקומען פון דער פירמע „אַר־נאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ." אַ גרויסע יערלעכע פּענסיע פאַר פירן אַלע פּראָצעסן, שרייבן קאָנטראַקטן און נאָך אַזעלכע אַרבעטן פאַר דער פירמע.

ברעטמאַן מיט זיין אַדוואָקאַט זענען פון תמיד אָן געווען זיי־ער באַפריינדעט. באָריס פינקעלשטיין איז געווען זיין עצה-געבער און אַרנאָלד האָט זיך פאַרטרויט פאַר אים מיט אַלע סודות וועגן זיינע גרויסע געשעפטן.

ברעטמאַן פלעגט טאַקע אָפטער זאָגן:

— פאַר אַ גלח און פאַר אַן אַדוואָקאַט מוז מען זיך פון צייט צו צייט מתודה זיין...

קאפיטל עלף

ביים אַדוואָקאַט.

ברעטמאַן האָט באַשלאָסן, ער זאָל אין אַכט טעג אַרום אַרויס־פאָרן אין דער גובערניע, זיך זען דאָרט מיט זיין אַדוואָקאַט, און מיט אים זיך האַלטן אַן עצה, ווי אַזוי ער זאָל ענדלעך פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן צו גטן זיין פרוי.

און דאָסמאָל איז ער געווען זייער ענערגיש. אין אכט טאָג אַרום איז ער געקומען אין דער גובערניע און איז באַלד אַריין צו זיין אַדוואָקאַט פינקעלשטיין.

אויסהערנדיק פון אים, ווי עס האַלט מיט זיינע געשעפטן, וואָס דער אַדוואָקאַט פירט, האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן זיין פּלאַן, נאָר דער אַדוואָקאַט האָט אים פריילעך איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך האָב אייך איבערצוגעבן אַ פריילעכע בשורה: אויפן פאַן וולאַדיסלאַוו זאַלעווסקי פון סטאַניסלאַווקע וועלן מיר פאַרשפאָרן אַריינצוגעבן זיינע וועקסלען אין געריכט. ער וועט באַצאָלן אַ רובל פאַר אַ רובל מיט אַלע פּראָצענטן, און נאָך מיין מיינונג, מעגט איר אים ליי׳ען געלט, וויפל ער בעט נאָר.

— וואָס איז געשען מיט דעם אויסברענגער אַזאַ גליק? — האָט ברעטמאַן געפרעגט. — ער האָט געוווּנען אין קאָרטן?

— ניין, ער פאַרשפּילט גראַדע, ווי שטענדיק, נאָר דער אַלטער

פריץ איז זייער קראַנק. ער ליגט אויפן טויטן בעט און די דאָקטוירים זאָגן, אַז ער האַלט שמאָל...

— אין וואָס באַשטייט זיין קרענק?

— זקנה... אַלטקייט... — האָט אַדוואָקאַט געענטפערט. — ער שטאַרבט פּראָסט פון אַלטקייט און זיין זונדעלע וולאַדיסלאַוו פירט איצט זיינע אַלע געשעפטן און נאָך זיין טויט גייט איבער אַ גרויסער פאַרמעגן צו אים... זיין ירושה וועט באַשטיין פון עטלעכע דערפער, וועלדער, מילן און גוראַלניעס. ער ווערט מיטאַמאָל אַ גרויסער גביר. זיינע וועקסלען, — האָט דער אַדוואָקאַט אַ קלאַפּ געטון אין דער פּיירקאַסע, וועלכע איז געשטאַנען לעבן זיין שרייבטיש, — זענען ביי מיר מזומן געלט!

דער אַדוואָקאַט האָט געמיינט, אַז ער וועט איבעראַשן זיין רייכן קליענט מיט דער דאָזיקער גוטער בשורה, אָבער ברעטמאַן איז געזעסן אַ גלייכגילטיקער און האָט זיך מער מיט קיין איין וואָרט נישט אָנגערופן.

פינקעלשטיין האָט אים געפרעגט:

— וואָס־זשע, עס פרייט אייך גאָרנישט אַזאַ גוטע נייס? דאָס שמעקט מיט שיינע עטלעכע צענדליקער טויזנטער!

— וואָס זאָל איך זיך פרייען, — האָט אַרנאָלד געזאָגט, — איך האָב איצט גענוג אַנדערע צרות...

— אוודאי וועגן אייער זון?... איר האָט געהאַט עפּעס אַ בריוו פון אים?

— ניין, קיין וואָרט הער איך נישט פון אים, נאָר איך האָב אַנדערע צרות.

— וואָס איז געשען, הער ברעטמאַן?

— געשען איז אייגנטלעך גאָרנישט, אָבער איך לייד גרויסע יסורים...

— איך פאַרשטיי גאָרנישט... איך ווייס זייער גוט אַלע אייערע געשעפטן — גאָלדענע געשעפטן... זענען אַלע ביי אייך אין הויז געזונט? — האָט פינקעלשטיין געפּרוווט טרעפן.

— געלויבט צו גאָט, אַלע געזונט, נאָר איך אַליין בין קראַנק... נאָר לאָמיר אויפהערן צו רעדן מיט משלים... איר ווייסט דאָך, אַז פון לאַנגע יאָרן האַלט איך אייך פאַר מיין בעסטן פריינט און איר זענט דער אייניציקער, פאַר וועלכן איך האָב קיין סודות נישט.

אפילו וועגן מיינע געשעפטן מיט וולאַדיסלאַוון ווייסט איר אַלץ: וויפל געלט איך האָב אים געגעבן און פאַר וויפל געלט איך האָב פון אים, צווישן אונדז גערעדט, וועקסלען באַקומען... פאַר אייך לייקן איך קיין זאַך נישט, ווי זאָגט מען: „פאַר אַ גלח און פאַר אַן אַדוואָקאַט טאָר מען קיין סודות נישט באַהאַלטן".

אָבער אַז ברעטמאַן האָט געוואָלט דערציילן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו גטן זיין ווייב, איז אים זייער שווער געווען אויסצורעדן דאָס ערשטע וואָרט און ער האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט.

פינקעלשטיין האָט מיט גרויס אינטערעס אָפּגעוואַרט ביז זיין קליענט און פריינט וועט זיך גוט אויסהוסטן.

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, — האָט ברעטמאַן ענדלעך אָנגעהייבן, אָפּשטעלנדיק זיך ביי יעדן וואָרט, — אַז נישט קוקנדיק אויף מיין עשירות און גוטע געשעפטן, וואָס אַלע זענען מיך אַזוי מקנא, שונאים געוואָרן און פאַרגינען מיר נישט דאָס לעבן, בין איך דער אומגליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט! וואָס טויגן מיר מייַנע מיליאָנען, מיינע פאַבריקן און הייזער? וואָס טויג מיר אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, אַז איך קען נישט לעבן, אַזוי ווי איך וויל... איר פאַרשטייט מיך, מיין ליבער פינקעלשטיין?

— ווער-זשע לאָזט אייך נישט לעבן אַזוי ווי איר ווילט? ווו האָט איר נאָך אַ צווייטן, ווי איר, וואָס קען זיך אַלץ דערלויבן און לעבן, ווי איר אַליין ווילט!

— אַזוי ווייזט זיך נאָר אויס, אָבער אינדערעמתן איז עס נישט אַזוי און איך בין דעריבער זייער אומגליקלעך! איר ווייסט זייער גוט, אַז פאַר אייך האָב איך קיין סודות נישט און אויך איצט וועל איך מיך פאַר אייך נישט באַהאַלטן און וועל זיך נישט שעמען אייך צו זאָגן, אַז איך בין אומגליקלעך פאַרליבט!

דער אַדוואָקאַט פינקעלשטיין האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

—איר קענט לאַכן, וויפל איר ווילט, נאָר איך האָב אייך געזאָגט דעם ריינעם אמת, ווי פאַר אַן אמתן פריינט, צו וועלכן איך בין נעקומען זיך אויסרעדן דאָס האַרץ און צוזאַמען באַטראַכטן, וואָס זאָל איך ווייטער טון?

— איך לאַך נישט פון אייך, הער ברעטמאַן — האָט פינקעלשטיין ערנסט זיך אָנגערופן. — איך לאַך גלאַט אַזוי, ווייל עס געפעלט מיר, וואָס איר זענט נאָך פול מיט לעבן... יאָ, איר מעגט זיך אַזאַ זאַך דערלויבן... אונדזערע גרויסע גבירים ביי אונדז אין

שטאָט, וועלכע פאַרמאָגן קיין העלפט נישט פון אייער פאַרמעגן, האָבן אַלע „מעטרעסעס" מיט באַזונדערע וווינונגען און עס קאָסט זיי איבעריקע פינף און צוואָנציק אָדער פופציק טויזנט רובל אַ יאָר אויסצוהאַלטן נאָך אַ הויז! ווער דען קען זיך דאָס דערלויבן, און בפרט נאָר איר!

אַרנאָלד האָט פיינלעך געזאָגט:

— נישט דאָס מיין איך, איר האָט מיך נישט פאַרשטאַנען... דאָס מיידל, וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק ליב, איז אַן אָרנטלעך קינד פון לייטישע עלטערן, זייער אַ שיינע, מיט אַ סך זעלטענע מעלות און אויך אַ געבילדעטע...

— אָ, איך זע, אַז איר זענט טאַקע פאַרליבט אינדעראמתן, ווי אַ צוואָנציק-יאָריקער יונגערמאַן! — איז פינקעלשטיין אים אַריינגעכאַפּן אין די רייד. — נו, איז וואָס, אַז זי איז אַזאַ שיין און לייטיש מיידל?

— האָב איך באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן... עס מעג מיר אָפּקאָסטן אַ האַלב פאַרמעגן!

פינקעלשטיין איז מיטאַמאָל געוואָרן ערנסטער און געפרעגט:

— נו, און אייער ווייב, וואָס וועט זי זאָגן?

— דערויף איז דאָך ביי יידן דאָ אַ גט... טרעפט זיך דען נישט, אַז נאָך עלטערע מענטשן פון מיר האָבן זיך געגט מיט זייערע ווייבער און חתונה געהאַט מיט יונגע מיידלעך.

און דערביי האָט ברעטמאַן אָנגערופן עטלעכע באַוווסטע נעמען פון דער סוחרישער וועלט.

— עס איז נישט קיין נייס, — האָט דער אַדוואָקאַט זיך אָנגערופן און האָט דערביי אויך אָנגעגעבן אייניקע באַוווסטע נעמען פון זיין שטאָט.

— אָט זעט איר דאָך אַליין, הער פינקעלשטיין! און ווידער, איך קען דאָך מיין גאַנץ לעבן נישט אַוועקגעבן מיין ווייב... פאַר אייך מעג איך דאָך דעם גאַנצן אמת זאָגן... וואָס איז זי מיר פאַר אַ ווייב, אַ קרענקלעכע און אַ קרעכצנדיקע בריאה... און איך בין נאָך יונג און געזונט!..

דער אַדוואָקאַט פינקעלשטיין האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און דערנאָך געפרעגט:

— און מיט אייער פרוי האָט איר שוין וועגן דעם גערעדט?

— נאָך נישט... און אָט מיט דעם בין איך געקומען צו אייך, איך זאָל זיך מיט אייך באַראַטן... איך בין גרייט צו געבן איר אַזוי־פיל געלט, אַז זי זאָל קענען לעבן בכבוד... ווי זאָגט איר?

— דאָס איז ביי אייך אַ באַשלאָסענע זאַך?

— געוויס, ווען נישט, וואָלט איך צו אייך נישט געקומען... איך בין נישט אַזאַ מענטש, איך זאָל זיך מאַכן נאַריש. איר דאַרפט אַליין פאַרשטיין, אַז זי קען איצט נישט מער זיין מיין פרוי. מיין גאַנצע לאַגע איז אַן אַנדערע... עס איז נישט ווי אַמאָל... אין מיין הויז קומען די גרעסטע לייט, און זי איז פון דער אַלטער וועלט... איך קען מיר פאַרגינען אַ יונגע פרוי, הער פינקעלשטיין...

— נו, און מיט דער מיידל, וואָס איר האָט זי אַזוי ליב, האָט איר שוין גערעדט וועגן דעם? — האָט דער אַדוואָקאַט פּלוצים אַ פרעג געטון.

— אויך נישט! זי איז צו אַ שטאָלצע און אַ לייטישע... ווער ווייסט, וואָס זי קען מיר ענטפערן, ווען זי וועט וויסן, אַז איך האָב מיין פרוי נאָך נישט געגט! איך מוז זיך פריער באַפרייען פון מיין פרוי, ווערן אַ פרייער מענטש, וועל איך מיט איר רעדן...

דער אַדוואָקאַט האָט געקנייטשט מיטן שטערן און ווידער גע־פרעגט:

— זענט איר זיכער, אַז דאָס מיידל, וועלכע איז, ווי איר זאָגט, אַזוי שיין און מיט אַזויפיל מעלות, וועט וועלן מיט אייך דער־נאָך חתונה האָבן?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? וועלכע מיידל וועט היינטיקע צייטן נישט וועלן חתונה האָבן פאַר אַ מיליאָנער, לעבן ווי אַ גראַפיניע אין אייגענע פּאַלאַצן און אַרומפאָרן אין קאַרעטן? — טויזנט פאַר איינע! וואָס עס געהער זיך אָן צו דער מיידל, וועלכע איך האָב ליב און וויל מיט איר חתונה האָבן, וועל איך קיין זאַך נישט שפּאָרן, ווייל איר פּאַסט טאַקע צו לעבן, ווי אַ גראַפיניע!

דער אַדוואָקאַט האָט ווידער געקנייטשט דעם שטערן און נאָכ־אַמאָל געפרעגט:

— און וואָס וועט זיין, ווען אייער פרוי, וועלכע, ווי איך קען, האָט אַזוי ליב איר מאַן און קינדער, וועט נישט וועלן נעמען קיין גט? מיט געוואַלד קען מען דאָך אַזאַ זאַך נישט טון... איך גלויב,

אַז זי וועט קיין שום אינטערעס נישט האָבן זיך צו גטן מיט אייך, אפילו ווען איר זאָלט איר געגוג געלט געבן!

— און איך גלויב פאַרקערט... זי קען מיך און ווייסט, אַז ווען איך האָב עפּעס באַשלאָסן, מוז איך דאָס אויספירן! און ווידער, ווען זי וועט זיך איינשפּאַרן און נישט וועלן נעמען קיין גט, וועל איך סיי ווי סיי מיט איר אונטער איין דאַך נישט וווינען... אין אָנ־הייב וועט עס זיין אַ ביסל שווערלעך, אָבער צוביסלעך וועט זי זיך צוגעוויינען צו דעם געדאַנק, און זי וועט נישט וועלן אומגליקלעך מאַכן זיך און מיך מיט די קינדער און ברענגען צו לייטיש געלעכ־טער! וואָס עס געהער זיך אָן צום גט, איז עס אַ געוויינלעכע יידי־שע זאַך. יעדן טאָג קומען פאָר גטן צווישן מאַן און ווייב. איך ווייס און פיל אַליין, אַז עס איז אַפילו נישט אַזוי גרינג איבערצוטאַנצן אַזאַ טאַנץ, נאָר וואָס קען מען טון? יעדע זאַך, וואָס מען וויל דער־גרייכן אין לעבן, קומט עס נישט אָן אַזוי גרינג. די ערשטע צייט, ווייס איך, וועט מיר זיין טאַקע זייער שווער... מען וועט אומעטום רעדן שלעכטס אויף מיר, אָבער דערנאָך וועט מען פאַרגעסן! איך בין שוין צוגעוויינט צו אַזעלכע זאַכן. און וואָס און פאַר וועמען האָב איך מורא? איך קען מיר טון, וואָס איך וויל, וועמענס געשעפט איז זיך צו מישן אין מיין פאַמיליען־לעבן!

דער אַדוואָקאַט פינקעלשטיין, וועלכער האָט כמעט שטענדיק איינגעשטימט מיט זיין רייכן קליענט, האָט איצט, נאָך אייניקע מי־נוט קנייטשן מיטן שטערן, זיך אָנגערופן:

— אַזאַ זאַך איז אוודאי מעגלעך, נאָר מען דאַרף זיך אָנעמען מיט שטאַרקייט און מוט... און וואָס עס געהער זיך אָן צו מיר, בין איך שטענדיק גרייט אייך מיטצוהעלפן, ווען איר וועט זיך נאָר נייטיקן!

ברעטמאַן האָט שטאַרק געדריקט זיין אַדוואָקאַטס האַנט און געזאָגט:

— איר, הער פינקעלשטיין, זענט פאַר מיר נישט נאָר מיין שטענדיקער אַדוואָקאַט, נאָר מיין בעסטער פריינט. איר זענט דער איינציקער, פאַר וועלכן איך האָב אויסגערעדט מיין האַרץ. איצט אָבער, מיין פריינט, בעט איך אייך, אַז די התחלה זאָלט איר אַליין מאַכן... מיר, דאַרפט איר אַליין פאַרשטיין, איז זייער שווער דער

אָנהייב, אָבער דערנאָך וועל איך אייך אײנגאַנצן קענען באַפרייען פון אַזאַ שווערער אַרבעט, סיידן איך וועל זיך באַזונדערס נייטיקן אין אייך!

— איך פאַרשטיי נישט, — האָט פינקעלשטיין געזאָגט אַ ביסל דערשראָקן, — וואָס קען איך טון? דאָס איז דאָך אייער אַן אייגענער פאַמיליען־ענין!

— וואָס קענט איר דאָ נישט פאַרשטיין? איך וואָלט אייך געבעטן, איר זאָלט פאַוואָליע צוגרייטן מיין ווייב צום געדאַנק וועגן אַ גט... עס זאָל נישט קומען צו קיין לייטיש געלעכטער... מיר האָבן דאָך דערוואַקסענע קינדער, און צוליב זיי טאָרן מיר נישט דערלאָזן צו קיין בזיונות! דאָס איבעריקע נעם איך שוין אויף זיך. נאָר די התחלה איז מיר שווער... איר פאַרשטייט? אַלזאָ, מיין פריינט, ווען וועל איך אייך האָבן צו גאַסט ביי מיר?

פינקעלשטיין האָט זיך פאַרטראַכט, אַרויסגענומען זיין טאַשן־ביכעלע, געמישט און געקוקט אויף די בלעטלעך און זיך אָנגערופן:

— אָט זעט איר, ווי עס איז פאַרצייכנט ביי מיר, אַז איך בין אַ פּאָר וואָכן פאַרנומען... איך מוז זיין אין געריכט וועגן פאַרשידענע פּראָצעסן מיט די הייזער, אויף וועלכע איר האָט פאַרליען געלט און אויך מיט אייניקע פריצים, מיט וועלכע איר האָט געשעפטן... איך קען אייך איצט נישט זאָגן באַשטימט, ווען איך וועל קומען צו אייך, אָבער די טעג וועל איך אייך מודיע זיין, ווען איך וועל זיין ביי אייך.

ברעטמאַן האָט זיך פריינטלעך צעזעגנט מיט זיין אַדוואָקאַט, זאָגנדיק דערביי:

— עס איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן! און איך בין זייער צופרידן, וואָס איך האָב זיך אויסגערעדט פאַר אייך. איך וואַרט נאָר אויף אייך ווי צום גיכסטן, הער פינקעלשטיין!

ווען ברעטמאַן איז שוין געוועזן אויף יענער זייט טיר, האָט פינקעלשטיין נערוועז אָנגעהייבן אַרומצושפּאַנען איבער זיין גרויסן קאַבינעט, אַלעמאָל געקעמט מיט די פינגער זיינע געדיכטע האָר פון קאָפּ און גערעדט צו זיך:

— אַזאַ אַלטער הונט וויל אָפּטון אַזאַ מיאוסה נבלה, און מיך שיקט ער, איך זאָל מיט הוילע הענט שאַרן הייסע קוילן... אַליין האָט ער מורא, דער אַלטער הונט, ער זאָל זיך נישט אָפּבריען

דערביי האָט פינקעלשטיין אויסגעשאָטן אַ גאַנץ פּעקל קללות אויף ברעטמאַנס קאָפּ, הענט און פיס.

אַרומלויפנדיק אַזוי איבערן קאַבינעט, האָט דער אַדוואָקאַט באַריס פינקעלשטיין זיך ענדלעך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין טיפן ווייכן שטול און זיך אַ ביסל באַרויקט.

— וואָס-זשע קען איך טון? — האָט ער צו זיך געזאָגט, אויסשפרייטנדיק די הענט אין דער לופטן. — עס איז מיר אוודאי זייער נישט ליב צו נעמען אויף זיך אַזאַ אַרבעט, נאָר איך בין דאָך אַן אַדוואָקאַט!

און פינקעלשטיין האָט זיך דערמאָנט, אַז צוליב זיין פּרנסה, צוליב זיין קאַריערע, איז אים אין זיין לעבן נישט איינמאָל אויסגעקומען צו טון אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען אים אויך נישט ליב געווען.

וויפל מאָל איז אים אויסגעקומען אַרויסצוּוואַרפן אָרעמע אומגליקלעכע פאַמיליעס פון זייערע הייזער, וועלכע האָבן צום טערמין נישט געקענט צאָלן דירה־געלט, אָדער פאַרקויפן מיט דער פויק די בעבעכעס און דאָס לעצטע שטיקל מעבל פון אַ שטוב, ווייל מען האָט נישט געצאָלט צום טערמין די וועקסלען.

וויפל קללות האָבן זיך פון אַלע זייטן געשאָטן אויף זיין קאָפּ, וויפל הייסע טרערן האָט ער געזען.

פינקעלשטיין איז שוין אָבער צו אַזעלכע שרעקלעכע האַרצרייסנדיקע סצענעס צוגעוויינט. זיין האַרץ איז שוין צו אַזעלכע זאַכן פאַרשטיינערט געוואָרן.

— עס איז מיר אַוודאי שווער אויסצופירן אַזאַ מיסיע, — האָט דער אַדוואָקאַט געטענהט מיט זיך. — פירן אַזעלכע געשעפטן מיט ברעטמאַנס ווייב, וואָס איז אַזאַ אויסגעצייכנטע פרוי און מוטער, איז נישט פון די אַנגענעמע זאַכן... נאָר וואָס קען איך טון? איך קען דאָך נישט פאַרלירן אַזאַ רייכן, פעטן קונד, פון וועלכן איך האָב אַ האַלבע פּרנסה, און אפשר האָב איך טאַקע ברעטמאַנען צו פאַרדאַנקען מיט מיין גאַנצער קאַריערע. עפּעס אַ קלייניקייט צו זיין דער שטענדיקער אַדוואָקאַט פון אַזאַ מיליאָנען־פירמע ווי „אַרנאָלד ברעטמאַן און קאָמפּ." מיינע קאָנקורענטן, אפילו די גרעסטע אַדוואָקאַטן, וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך צו פאַרנעמען מיין שטעלע ביי אַזאַ גרויסער און רייכער פירמע!

פינקעלשטיין האָט, ווי זיין שטייגער איז, ווען ער האָט אָנגע־שטרענגט וועגן עפּעס געטראַכט, געקעמט מיט די פינגער די האָר פון קאָפּ און כמעט פריילעך אויסגעשריגן:

—וואָס קער זיך דאָס אַלץ אָן מיט מיר! איך בין אַן אדוואָקאַט: דאָס איז מיין פּראָפעסיע, און מיין חוב איז צו טון אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך פאַר מיין קליענט, ווען ער פאַרלאַנגט עס נאָר! אַנישט, דאַרף איך זיך נישט פאַרנעמען מיט אַדוואָקאַטור!

און דערביי האָט ער אַרויסגענומען זיין נאָטיצביכלעלע און פאַר־שריבן דעם טאָג, ווען ער וועט קענען פאָרן צו ברעטמאַנען, כלומרשט וועגן געשעפט, און דאָרט איבערעדן מיט זיין פרוי וועגן אַ גט.

קאפיטל צוועלף.

ווינטער.

די גאַנצע געגנט, ווו ברעטמאַנס פאַבריק האָט זיך געפונען, איז געוועזן פאַרשאָטן מיט שניי. ביי די קליינע הייזלעך, ווו אַ טייל אַרבעטער האָבן געוואוינט, האָט מען קוים אַרויסגעזען די פענסטערלעך, וועלכע זענען געווען באַדעקט מיט פראָסט. אַלץ אַרום איז ווי אויסגעשטאָרבן, נאָר דער ווינטער מיט זיינע קאַלטע ווינטן האָט געוועלטיקט און דער הויכער פאַבריקס־קוימען האָט, ווי שטענדיק, געזעצט מיט אַ דיקן שוואַרצן רויך און געוויזן, אַז ער לאַכט זיך אויס פון דעם בייזן פראָסט און ווינט.

עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, ווען די אַרבעטער טוישן זיך צו דער אַרבעט און די קאַנטאָר־אָנגעשטעלטע צעגייען זיך אַהיים.

בעטיע, צוזאַמענברענגענדיק אין אָרדענונג די פאַפירן אויף איר אַרבעטסטיש אין דער בוכהאַלטעריע, האָט זיך אויך געאיילט אַהיים.

זי איז היינט געווען זייער צעטראָגן. עס האָט זיך איר נישט געאַרבעט און זי איז דעריבער געווען זייער צופרידן, וואָס זי קען גיין אַהיים.

ווען זי איז געקומען צו זיך אין צימער, האָט זי צוזאַמען מיט דער פאַמיליע וויינשטיין, ביי וועלכער זי האָט געוואוינט, אָפגעגעסן אָוונט־ברויט און, ווי איר שטייגער, גענומען אַ בוך צום לייענען. אָבער עס האָט זיך נישט געלייענט. די שורות זענען געשפרונגען פאַר אירע אויגן, און ווען איר איז יאָ געלונגען איבערצולייענען אַ פאָר זייטלעך, האָט זי

נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי האָט איבערגעלייענט. זי האָט אַוועקגע־לייגט דאָס בוך און געוואָלט ענטפערן אויף בריוו, וואָס זי האָט באַ־קומען פון אירע פריינט, אָבער עס האָט זיך נישט געשריבן, און זי האָט די דאָזיקע אַרבעט אויך אַוועקגעלייגט.

זי האָט אַ טראַכט געטון, אַז בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, זי זאָל אַ ביסל זיך דורכגיין צו די ברעטמאַנס און אזוי וועט די צייט אַוועקגיין ביז צום לייגן זיך שלאָפן. זי האָט אָבער אַ קוק גע־טון אין פענסטער און געזען, ווי אין דרויסן פאַלט אַ שניי.

— ניין, איך וועל היינט נישט גיין, — האָט זי צו זיך גע־זאָגט, — וואָס איז היינט פאַר אַ יום־טוב? איך בין שוין עטלעכע טעג ביי זיי נישט געווען, וואָס־זשע איז פלוצלונג היינט?

אָבער בלייבן אַליין דעם גאַנצן אויף דער נאַכט האָט זי אויך נישט געוואָלט. זי וועט ווידער בלייבן מיט אירע טרויעריקע גע־דאַנקען און עס וועט זיך ענדיקן מיט אַ שטיל וויינען, וואָס ברענגט קיינעם קיין נוצן נישט און צו איר געזונט שאַדט עס אוודאי, און זי דאַרף ערשט איצט אָפּהיטן איר געזונט.

בעטיע האָט איצט נאָר געטראַכט וועגן איין זאַך, אַז ווען זי זאָל כאָטש האָבן איין מענטשן אויף דער וועלט, פאַר וועלכן זי זאָל קענען עפענען איר האַרץ און אַלץ דערציילן אים, וואָלט זי זיך געפילט פאַר דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט. נאָר זי מוז שווייגן! ערשט איצט פאַרשטייט זי, אַז זי מוז שווייגן און אַז איר יוסף האָט זייער גוט געטון, וואָס ער האָט, צוליב זייער רו און גליק, זי באַשווירן, אַז ביז זיין קומען אַהיים טאָר קיינער נישט וויסן, אַז זיי האָבן זיך פאַרבונדן אויף אייביק, אַז זיי זענען מאַן און ווייב.

זי האָט עס אָנגעהייבן צו פאַרשטיין פון דער צייט, זינט זיין פאָ־טער האָט אָנגעהייבן צו רעדן, אַז ווען יוסף וועט קומען, מוז ער מיט אים טון אַ גרויסן שידוך.

— דאָס איז ביי אים געוואָרן אַ מאַניע, — האָט בעטיע גע־זאָגט, — און אַזאַ מענטש וואָלט קיינמאָל נישט באַשטאַנען, אַז זיין יוסף, אַ יורש פון אַזויפיל מיליאָנען, זאָל נעמען פאַר אַ פרוי אַזאַ אָרעם עלנט מיידל, ווי איך.

בעטיע האָט באַזונדערס שטאַרק אָפּגעהיטן איר סוד, ווען זי האָט פלוצלונג דערפילט דאָס קינד אונטער איר האַרצן.

שרעק צוזאַמען מיט גליק האָבן זי פון דעם מאָמענט אָן אַרומ־

געכאַפּט, אָבער זי האָט נישט קיין איינציקן לעבעדיקן מענטשן, פאַר וועלכן זי זאָל קאָנען אַרויסזאָגן איר פרייד און גליק, און איר שרעק...

ביי וועמען פרעגט מען וואָס צו טון?

זי האָט זיך דערמאָנט אין איר פאַרשטאָרבענער מוטער. ווען זי האָט אַ מאַמען, האָלט זי איצט גליקלעך געווען! זי וואָלט איר וועגן אַלץ דערציילט און וואָלט זיך לייכטער געמאַכט אויף דער נשמה. פאַר אַ מאַמען זענען דאָך נישטאָ קיין סודות!

ווען זי האָט אַ מאַמען, האָט בעטיע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, וואָלט איר גרינג געווען צו וואַרטן ביז יוסף וועט קומען. נאָר זי איז אַליין און עלנט און האָט אפילו נישט מיט וועמען אַ האַלב וואָרט צו רעדן וועגן איר גליק.

און בעטיע איז איצט געזעסן אַליין מיט פאַרלייגטע הענט און געקוקט אויף דעם געלכן פלאַם פון לאָמפּ, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו ציטערן. אין דרויסן האָט געבלאָזן דער ווינט און געפּאַטשט מיט שטיקלעך שניי אין איר איינציק פענסטער.

פלוצלונג האָט איר באַלעבאָס פון דער וווינונג אָנגעקלאַפּט אין טיר און, אַ דערשראָקענער, געמאָלדן:

— אונדזער באַלעבאָס, ה׳ אַרנאָלד ברעטמאַן אַליין פרעגט אויף אייך! און באַלד נאָך אים האָט זיך באַוויזן ברעטמאַן אַליין.

דער באַלעבאָס פון דער וווינונג איז מיט גרויס דרך־ארץ אַרויס פון צימער און ברעטמאַנען איבערגעלאָזט מיט בעטיען, וועלכע האָט אים פריינטלעך באַגעגנט, צוגערוקט אים אַ שטול און געבעטן זיצן.

— אַזאַ גאַסט, אַזאַ גאַסט! — האָט בעטיע געזאָגט. — וואָס איז געשען?

— גאָרנישט, דו ביזט שוין אייניקע טעג נישט געווען ביי אונדז, בין איך געקומען זען, וואָס דו מאַכסט און ווי אַזוי דו פאַרברענגסט אַליין אַזאַ לאַנגן אָוונט, ביי אַזאַ שלעכט וועטער. מען קען פשוט אין דרויסן נישט אַרויס...

— פאַרוואָס־זשע זענען די קינדער שוין אויך נישט געקומען! מילא, אייער ווייב איז שווער צו גיין אין אַזאַ וועטער, אָבער די קינדער האָבן דאָך אויך מיט אייך געקענט קומען. מיר איז טאַקע זייער אומעטיק און איך ווייס זיך נישט ווו אַהינצוטון דעם היינטיקן אָוונט. עס ווילט זיך נישט לייענען...

— איך האָב נישט געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן גיין אין אַזאַ שניי, בין איך אַליין געקומען... וואָס-זשע, איך אַליין קען נישט פאַרברענגען מיט דיר דעם אָוונט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ לייכט שמייכעלע.

— ווער זאָגט דאָס? פאַרקערט, עס איז זייער שיין פון אייך, וואָס איר זענט געקומען... וואָס זשע מאַכט אייער ווייב און די קינדער?

— און וואָס איך מאַך, פרעגסטו נישט? — האָט ער ווידער מיט דעמזעלבן שמייכעלע געפרעגט.

— איך זע דאָך אייך! וואָס־זשע דאַרף איך אייך פרעגן?

— וואָס הייסט? מען פרעגט, ווי דער שטייגער איז: ווי גייען מיינע געשעפטן, ווי אַזוי פיל איך זיך אין געזונט? — האָט ברעט-מאַן געלאַכט.

— ווי עס גייט אייך אין די געשעפטן, — האָט בעטיע אויך געזאָגט מיט אַ געלעכטער, — ווייסן אַלע, און וואָס עס געהער זיך אָן צו אייער געזונט, זעט איר שטענדיק אויס געזונט און שטאַרק.

— אַ דאַנק, וואָס דו האָסט וועגן מיר אַזאַ מיינונג. זע איך טאַקע באמת אויס אַזוי יונג און געזונט?

בעטיע האָט אויף אים משונהדיק אַ קוק געטון. עס איז איר געווען קשה, וואָס ער האָט פּלוצים אַריינגעשטעלט דאָס וואָרט „יונג“. זי האָט געזאָגט:

—מיר האָבן דאָ נאָר וואָס גערעדט וועגן אייער געזונט, נאָר נישט וועגן דעם, צי זענט איר יונג. דאָך קען איך אייך זאָגן, אַז פאַר אַ פאָטער פון דערוואַקסענע קינדער זעט איר, קיין עין הרע, אויס גע-נוג יונג, און דאָס, מיין איך, האָט איר צו פאַרדאַנקען אייער פרוי, וועלכע היט אייך אַזוי אָפּ.

ברעטמאַן האָט צעפרידן געלאַכט פון בעטיעס רייד.

— וואָס טוסטו אין די אָוונטן אַליין? — איז ער פּלוצים אי-בערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער שמועס. — נו, אַ שטייגער, ווען איך קום נישט איצטער צו דיר, ווי אַזוי וואָלסטו פאַרבראַכט היינטיקן אָוונט?

— געוויינלעך אין אַזעלכע אָוונטן לייען איך אָדער איך אַרבעט עפּעס.

— וואָס איז איצט פאַר אַן אַרבעטן? עס איז דיר ווייניק דער טאָג?

— בייטאָג אַרבעט איך אין קאַנטאָר און ביינאַכט שטיק איך זיך אויס אָט דאָס קישעלע, — האָט בעטיע געענטפערט און אים געוויזן דאָס שטיק זייד, אויף וועלכע זי שטיקט אויס בלומען.

— דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן, בעטיע? צו וואָס זאָלסטו אַזוי שווער אַרבעטן אין קאַנטאָר? אַזעלכע שיינע הענטלעך ווי דו פאַרמאָגסט טאָרן נישט אַזוי שווער אַרבעטן...

בעטיע האָט זיך דערשראָקן, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע פיר זייטן און זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי נישט, וואָס מיינט איר מיט אייערע ווערטער! שוין זשע געפינט איר, אַז מיין אַרבעט אין קאַנטאָר איז פאַר אייך איבעריק?

ברעטמאַן האָט זי מיט ביידע הענט אָפּגעשטעלט און נישט געלאָזט ווייטער רעדן.

— דיין אַרבעט איז כּלל נישט איבעריק ביי מיר אין קאַנטאָר. פאַרקערט, הלוואי וואלטן אַלע מיינע מענטשן געווען אַזוי פעיק און געטריי, ווי דו... דיין אַרבעט איז זייער נייטיק און ווען דו זאָלסט פון מיין קאַנטאָר אַוועקגיין, וואָלט איך געמוזט צונעמען אַן אַנדער פעיקן מענטשן אויף דיין אָרט. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז ווען דו זאָלסט אפילו נישט אַרבעטן, וואָלסטו סיי ווי סיי דיין געהאַלט פּינקטלעך יעדן חודש באַקומען און איך וואָלט נאָך פאַר דיר געדונגען אַ שיינע וווינונג מיט עטלעכע צימערן און מיט אַ דינסט און דו וואָלסט געלעבט, ווי אַ מענטש... איך פרעג דיך, איז דאָס קליינע צימערל פאַר דיר?

בעטיע האָט אים מיט דער גרעסטער פאַרוואונדערונג אָנגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און געפרעגט:

— פאַר וועלכע גוטע מעשים ווילט איר דאָס אַלץ טון פאַר מיר? צאָלן מיר געהאַלט אָן אַרבעט און נאָך דינגען פאַר מיר אַ דינסט?

זי האָט אים שאַרף אָנגעקוקט.

ער האָט געזאָגט:

—דו ווילסט וויסן, פאַרוואָס? פראָסט דערפאַר, ווייל דיר קומט עס! איך בין דיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער מער שולדיק, ווי דו

וואָלסט מיר קאָסטן... ווען דיין פאָטער לעבט איצטער, וואָלט ער פיל געלט פאַרדינט ביי מיר. ער וואָלט אין דער איצטיקער מלחמה־צייט, אַרבעטנדיק פאַר מיר, געוואָרן אַ שיינער גביר, וויל איך, אַז זיין טאָכטער, וואָס איז געבליבן פון אים, זאָל לעבן, ווי אַ גבירטע. ביי מיר האָבן אַזעלכע קליינע הוצאות קיין ווערט נישט, און ביי מיר וואָלט אָבער אַלץ ווערט געווען, אַז יענקל בערשטערס טאָכטער זאָל נישט באַדאַרפן אַזוי שווער אַרבעטן און זאָל לעבן גליקלעך.

— דאָס אַלץ איז, נאַטירלעך, זייער שיין פון אייער זייט, באַזונדערס דאָס, וואָס איר געדענקט צום גוטן מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. אָבער וואָס עס געהער זיך אָן צו מיר, וויל איך קיין זאַך נישט, נאָר דאָס, וואָס איך פאַרדין פון מיין אַרבעט!

דערנאָך האָט בעטיע צוגעגעבן:

— און אויב איר געפינט, אַז מיין אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע איז איבעריק, אָדער איר קאָנט אויף מיין אָרט צונעמען אַ פעיקערן מענטשן, קען איך אַוועקגיין פון דער שטעלע.

ברעטמאַן האָט זיך, ווי אַן אָפּגעבריטער, אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט.

— ווער טראַכט גאָר וועגן דעם? פאַרקערט, אין קאָנטאָר איז מען זייער צופרידן מיט דיין אַרבעט. איך האָב נאָר געוואָלט פאַר דיר בעסער מאַכן. נאָר אַז דו ווילסט נישט! איך קען דיך דאַך פאַר אַ גרויסע עקשנטע, און אַז דו שלאָגסט זיך עפּעס אַריין אין קאָפּ, איז דאָך שווער דיך איבערצושפּאַרן!

דערביי האָט ברעטמאַן זיך ווידער צעלאַכט, און ווען ער איז דעם אָוונט אַוועק פון בעטיען, איז ער פונדעסטוועגן געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און דאָס ערשטע מאָל גערעדט מיט איר היימישלעך.

אמת, ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט נישט גערעדט מיט איר אַזוי ווי ער האָט זיך צוגעגרייט און ער האָט זיך מודה געווען, אַז ער האָט גערעדט אייניקע נאַרישקייטן, אָבער עס שאַדט נישט! די ערשטע אָנצוהערעניש האָט ער איר געגעבן, און אויב זי פאַרשטייט עס נאָך איצט נישט, וועט זי עס צעקייען שפּעטער. פון צווייטן און פון דריטן שמועס מיט איר, וועט זי זיך צוגעוויינען און וועט אָנהייבן פאַרשטיין, און ער וועט קאָנען קלאָרער רעדן מיט איר.

ברעטמאַן האָט געגלויבט, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ מיידל אויף דער וועלט, וואָס זאָל נישט וועלן חתונה האָבן פאַר אַ מיליאָנער. ער מעג זיין אפילו אַ סך עלטער פון איר. דאָס צווייטע מאָל וועט ער מיט איר רעדן אָפענע דיבורים. זי איז דאָך נישט קיין נאַר און וועט פאַרשטיין, אַז זיי קאָנען צוזאַמען לעבן, ווי די גליקלעכסטע אויף דער וועלט.

אַזוי האָט ער געפלאַנעוועט, אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך זען מיט איר און געווען גרייט צו רעדן מיט איר אָפענע דיבורים, איז ער עפעס ווי פאַרשטומט געוואָרן.

און יעדעס מאָל, ביי זיין אַוועקגיין, פלעגט ער זיך אַליין וווּנדערן:

— איך, אַרנאָלד ברעטמאַן, וואָס איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט צו רעדן הויך און זיכער, ווער גאָר אַ שטומער, ווען איך דאַרף רעדן מיט בעטיען, און ווען איך הייב יאָ אָן, פיל איך דערנאָך, אַז איך האָב גערעדט אַ סך נאַרישקייטן.

מיט אַ סך מער מוט האָט ער שוין גערעדט מיט זיין פרוי, נאָכדעם, ווען דער אַדוואָקאַט פינקעלשטיין האָט זיך מיט איר געזען.

פינקעלשטיין איז געקומען צו פאָרן צו ברעטמאַנען, און נאָך אַ גוטן מיטאָג ביי אים אין הויז, ווען אַלע זענען זיך צעגאַנגען פון טיש, האָט דער אַדוואָקאַט זיך צעשמועסט מיט ברעטמאַנס פרוי.

ער האָט פיל און לאַנג גערעדט וועגן ברעטמאַנען און זיינע געשעפטן און בכלל וועגן באַקאַנטע, ווי אַזוי זיי לעבן און זייער פאַמיליע. דערנאָך איז ער אויף אַן איידעלן אופן איבערגעגאַנגען צו איר פאַמיליען־לעבן, און, צולעצט, אויף נאָך אַן איידעלערן אופן, איר געגעבן אָנצוהערן, אַז איר מאַן וואָלט זיך געוואָלט גטן מיט איר און דערביי וואָלט ער איר באַזאָרגט מיט אַ גרויסן קאַפּיטאַל...

פייגע איז בלאַס געוואָרן, אירע ליפּן האָבן געציטערט. זי האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. דערנאָך אָבער האָט זי זיך האַסטיק אָפּגעריסן פון איר אָרט, מיט די לעצטע כוחות אָנגעווי־מען דעם אַדוואָקאַט ביי זיינע אַקסלען און אים אַרויסגעוואָרפן פון איר הויז, נאָכשרייענדיק אים היסטעריש, נישט מיט איר קול:

— אַרויס פון מיין שטוב! דיין פוס זאָל זיך דאָ מער נישט געפונען.

דער אַדוואָקאַט, זוכנדיק דעם קאַפּעליוש, האָט זיך קוים אַרויסגערוקט פון שטוב, מורמלענדיק:

— איך בין נישט שולדיק... איך בין אַן אַדוואָקאַט... איך דאַרף טון אַלץ, וואָס מיין קליענט הייסט מיר!...

ווען ברעטמאַן האָט דערנאָך אין פאַבריק געפרעגט זיין אַדוואָקאַט און פריינט פינקעלשטיין, וואָס פאַר אַן ענטפער ער האָט באַקומען פון זיין פרוי, האָט יענער דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז זי האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון הויז און אים נאָך באַגלייט מיט טויטע קללות.

ברעטמאַן איז דערפון אויפגעקאָכט געוואָרן, און נאָך אין דעם־זעלבן טאָג איז ער אַוועק צו זיין פרוי מיט גרויסע טענות:

— איך וועל נישט דערלויבן, אַז מען זאָל פון מיין הויז אַרויסטרייבן מענטשן און זיי באַליידיקן!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, און ברעטמאַן אַליין האָט שוין אויך אָנגעהייבן רעדן וועגן אַ גט.

און ווען פייגע האָט אַזעלכע ווערטער געהערט פון איר מאַן אַליין, האָט זי אים געענטפערט קורץ און שאַרף:

— איך דאַרף דיך האָבן אויף כפרות, נאָר עס איז מיר אַ בזיון פאַר מענטשן און נאָכמער פאַר מיינע קינדער! פריער וועט מען איך אַרויסטראָגן פון דער שטוב און דו וועסט בלייבן אַן אלמן, וועט דער בזיון נישט זיין אַזוי גרויס!

פון דער צייט אָן האָט פייגע מער מיט איר מאַן נישט גערעדט וועגן גט, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זי אין דער שטיל, ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש, זיך גוט אויסוויינען, און ווען ברעטמאַן האָט געפרוווט ווידער זיך אַמאָל אומקערן צו דער פראַגע פון גט, פלעגט זי זיך פאַרשליסן ביי זיך אין אַ צימער אָדער ערגעץ אַוועקגיין.

די קינדער האָבן באַמערקט, אַז טאַטע־מאַמע קריגן זיך און וענען ברוגז צווישן זיך, אָבער וואָס עס קומט פאָר צווישן זיי, האָט קיינער נישט געוווּסט.

ברעטמאַנס הויז האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גיהנום.

פון יוספן איז קיין בריוו נישט געווען. פון פאַניס חתן איז די לעצטע צייט אָנגעקומען אַ שלעכטער בריוו, אַז ער געפינט זיך אויפן „פראָנט", פירט אַ הינטיש לעבן און ער ווייסט נישט, וואָס

מאָרגן וועט מיט אים געשען. בעטיע, וואָס פלעגט פריער אַריינטראָגן אַ ביסל לעבן אין ברעטמאַנס הויז, האָט זיך אויך עפּעס איבערגע־ביטן. פייגע איז אַרומגעגאַנגען טרויעריק און פאַרזאָרגט, און אפילו ברעטמאַן אַליין, וואָס פלעגט שטענדיק זיין לעבעדיק פון זיינע גוטע געשעפטן, איז אַרומגעגאַנגען אָנגעבלאָזן.

נישט קוקנדיק אויף דעם ענטפער, וואָס זיין פרוי האָט געגעבן זיין אַדוואָקאַט און אים אַליין, איז פונדעסטוועגן ברעטמאַן ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן.

— לאָמיך נאָר הערן אַ גוט וואָרט פון בעטיען! — פלעגט ער טראַכטן. — מיט מיין פרוי וועל איך שוין ווי עס איז זיך אויס־גלייכן.

דאָך איז ער אין דער לעצטער צייט געוואָרן אומרויק און נערוועז, ער האָט פאַרלוירן זיין געדולט און אָפטמאָל אויך דעם שכל.

אַלע זיינע יאָרן האָט ער געלעבט מיט קאָפּ, וועלכן ער האָט אפשר צו פאַרדאַנקען אַ גרויסן טייל פון זיין ערפאָלג אין לעבן, און איצט האָט ער געלעבט מיטן האַרץ.

ווען ער פלעגט זען בעטיען, פלעגט ער אין אַלץ פאַרגעסן, אָפטמאָל אפילו אין זיינע גרויסע געשעפטן. ער איז געווען פאַרליבט, ווי אַ יונגערמאַן, וואָס איז בלינד און פאַרגעסט אין אַלץ און אַלעם.

זיין גאַנץ לעבן איז ער געוויינט געווען צו גלויבן, אַז מיט געלט קאָן ער אַלץ דערגרייכן, און איצט האָט ער מיטאַמאָל דערזען און דערפילט, אַז עס גייט גאָרנישט אַזוי גרינג.

אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער פאַרלאַנגט נישט אַזאַ שווערע זאַך, וואָס עס איז אומעגלעך. טויזנטער מענטשן גטן זיך מיט פרוי־ען און האָבן חתונה פאַר אַזעלכע, וועלכע זיי האָבן ליב, און אים קומט עס אָן אַזוי שווער, ווי אַ זאַך, וואָס לאָזט זיך נישט דער־גרייכן.

ברעטמאַן האָט נישט געקענט זיין געדולדיק, ווען ער האָט גע־דאַרפט אויספירן זיינע פּלענער, און ער האָט ווידער פעסט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער מוז זיין פּלאַן אויספירן, וואָס עס זאָל נישט זיין.

— איך וויל נאָך לעבן! — האָט ער געטענהט צו זיך.

קאפיטל דרייצן

איין און פּאָרט נישט איין.

בעטיע האָט זיך זייער נישט גוט געפילט פון ברעטמאַנס וויזיט.

בכלל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט גערעדט נאַטירלעך, ווי אַ מענטש דאַרף רעדן. עפּעס האָט ער אונטער זיינע רייד באַהאַלטן: ער האָט געזאָגט און נישט דערזאָגט. זיין גאַנץ אויסזען האָט איר אויסגעוויזן משונהדיק. זיין בערדל איז געווען אונ־טערגעשוירן קורצער, ווי תמיד. די עטלעכע גרויע האָר, וועלכע האָבן געזילבערט זיין באָרד, זענען פּלוצים פאַרשוואונדן געוואָרן און אַליין איז ער געווען אויסגעפּוצט און זיך געהאַלטן אַזוי יום־טובדיק, ווי אַ חתן דאַרף גיין צו דער חופּה.

צו בעטיען האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ חשד, אַז זיינע באַציונ־גען צו איר זענען נישט אַזוי ווי פריער, נישט ווי פון אַ חשובן עלטערן מענטשן צו אַ יונג מיידל.

פון דעם אָוונט אָן, ווען ברעטמאַן פלעגט זיך באַגעגענען מיט בעטיען אין קאַנטאָר, אָדער אין הויז, האָט ער מאָדנע געקוקט אויף איר און זי האָט אפילו באַמערקט, אַז ער קוקט איר נישט גלייך אין די אויגן. זיין פּנים ווערט רויט און אָנגעשטרענגט און בעטיע האָט זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר אים.

ווען ברעטמאַן זאָל נישט זיין דער פאָטער פון איר מאַן, וואָלט זי אים באַלד אָפּגעשטעלט און וואָלט אים געבעטן, ער זאָל איר

דערקלערן אַ סך זאַכן, וואָס זי פאַרשטייט נישט פון זיינע רייד. ער וואָלט געמעגט פאַרמאָגן נאָך אַזויפיל מיליאָנען, וואָלט זי עס דאָך געטון און זיך נישט איבערגעשראָקן פאַר אים.

— אָבער ער איז דאָך דער פאָטער פון מיין מאַן... — האָט זי געטראַכט. — פאַרפאַלן, דער דאָזיקער מענטש איז פעיק אויף אַלץ! און דאָך ביז יוסף וועט קומען צוריק, טאָר איך פונדאַנען נישט אַוועקפאָרן און מיט דעם הויז נישט איבערייסן, בפרט אַז איך האָב מיין מאַנס מוטער ליב, ווי מיין אייגענע מאַמע און די קינדער, ווי אייגענע שוועסטער.

דאָך איז געקומען אַ צייט, ווען בעטיע האָט געמוזט, ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק, אויף אַ צייט פונדאַנען אַוועקפאָרן.

עס האָט זיך דערנענטערט די קינפעטצייט און איין וועג איז איר געבליבן: פאָרן פו די לעווינזאָנס. בריינע איז איר ווי אַ צווייטע מוטער, אַלע אין הויז זענען איר אַזוי איבערגעגעבן, פריידל איז איר בעסטע חברטע און אפילו לאה איז גרייט פאַר איר אין פייער צו גיין. ערגעץ אַנדערש האָט זי נישט וווהין צו פאָרן!

בעטיע האָט אפילו פאַרשטאַנען איר שרעקלעכע לאַגע. זי וועט דעם סוד פון איר חתונה מיט יוספן דאַרטן אויך מוזן באַהאַלטן, נאָר זי האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט.

וועגן אירע אייגענע ליידן האָט זי נישט געטראַכט. זי איז געווען גרייט נאָך אויף גרעסערע קרבנות צוליב איר מאַן און איר קינד. זי האָט נאָר געזאָרגט פאַר די לעווינזאָנס, פאַר די יסורים און בזיונות, וואָס זי וועט זיי פאַרשאַפן מיט איר אויסטערלישן צושטאַנד.

בעטיע האָט זיך אויפגעהערט צו באַקלאָגן, וואָס זי איז אַליין, זי האָט אויפגעהערט צו וויינען אויף איר עלנטקייט.

— איך בין איצטער נישט אַליין און עלנט, ווי פריער, — האָט זי זיך געזאָגט, — איך האָב אַ מאַן מיט אַ קינד, און ווער איז גלייך צו מיר! מיינע ליידן וועלן איבערגיין, מיין קינד וועט שטענדיק זיין צוזאַמען מיט מיר, מיין מאַן וועט אויך קומען און צוזאַמען וועלן מיר שאַפן אַ גליקלעך ווינקעלע.

בעטיע איז מיטאַמאָל לעבעדיקער געוואָרן. זי איז געווען גרייט זיך צו ראַנגלען מיט אַלע אומגליקן און ליידן, וואָס האָבן געלויערט אויף איר. זי האָט זיך פאַרהאַרטעוועט אין איר לאַגע.

און עס איז געקומען אַ טאָג, ווען זי האָט ביי ברעטמאַנען אין
אויז מודיע געווען, אַז זי פאָרט אַוועק אויף אַ פּאָר חדשים, אַלע
האָבן זיך געוואָרפן אויף איר מיט פראַגן:

—וואָס איז געשען? וואָס איז פּלוצים וואָרפסטו אונדז אַוועק?

— גאָרנישט איז געשען! עס איז מיר אומעטיק, וויל איך זיך
אַ ביסל דורכפאָרן.

— וווהין פאָרסטו עס?

— צו מיינער אַ מומע... מיין מאַמעס אַן עלטערע שוועסטער
און צו מיין טאַטנס קרובים. ביי די לעווינזאָנס וועל איך אויך
פאַרברענגען און דערנאָך וועל איך צוריק קומען צו אייך!

פייגע און די קינדער האָבן איינגעפונען, אַז עס איז זייער גוט
פאַר אַ יונג קינד זיך אַ ביסל דורכצופאָרן, נישט לעבן ווי אין אַ
וואַלד, נאָר ברעטמאַן האָט פּראָטעסטירט, און געפּרווט מיט גוטן זי
אָפּרעדן. אויב עס איז איר באמת אַזוי אומעטיק, האָט ער געזאָגט,
וועט ער צוזאַמען מיט דער פאַמיליע אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אַ ביסל
דורכפאָרן קיין קיעוו אָדער קיין אָדעס, ווו מען וועט גוט פאַרברענ-
גען און בעטיע וועט אויך מיטפאָרן מיט זיי.

פייגע האָט זיך אָבער אָנגערופן:

— כל זמן אונדזער יוסף און פאַניס חתן זענען נישט אינדער־
היים, דאַרפן מיר קיין שום פאַרגעניגן נישט.

פאַני האָט אויך געהאַלטן מיט דער מוטער.

— אַ קינד וויל זיך אַ ביסל דורכפאָרן, פאַרוואָס נישט? — האָט
פייגע ווידער געזאָגט. — אַ יונג מיידל, וואָס קען זי דאָ אויסזיצן?
זי דאַרף זיין אין אַ שטאָט צווישן מענטשן, און אַז גאָט וועט העלפן,
די מלחמה וועט זיך ענדיקן, די קינדער וועלן געזונטערהייט זיך
אומקערן צוריק אַהיים און איך וועל זוכה זיין, דאָס אַלץ צו דער־
לעבן, וועלן מיר זיך אַלע פרייען צוזאַמען!

ברעטמאַן איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינס, אַז בעטיע דאַרף
אַליין נישט פאָרן און בכלל דאַרף זי פאָלגן, וואָס עלטערע מענטשן
זאָגן. זי איז ביי אונדז, ווי אַן אייגענע, האָט ער געטענהט.

— איך בין שוין נישט קיין קינד, — האָט זיך בעטיע אָנגע-
רופן, — ווען איך דאַרף אַרבעטן, אַרבעט איך און ווען איך פיל, אַז
איך דאַרף זיך אָפּרוען, וויל איך זיך אַ ביסל דורכפאָרן. וואָס בין
איך עפּעס אַ קינד, וואָס מען דאַרף זיך מיט מיר ניאַנטשען? איך

קען אַליין פאָרן און טרעפן ווו מען דאַרף! ווען עס וועט מיר דאָרט אומעטיק ווערן, וועל איך קומען צוריק צו אייך!

— וואָס דען? לאָז זי פאָרן און קומען צוריק געזונטערהייט!— האָט פייגע איינגעשטימט.

ברעטמאַן האָט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער געפּרוווט רעדן מיט איר אויג אויף אויג. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל פאַרבלייבן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דעמאָלט האָט ער זיך אַ בייזער אַוועקגע־רוקט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

און בעטיע האָט זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. צום ערשטן האָט זי פאַרזאָרגט, אַז זי זאָל באַקומען די פּאָסט אין דער שטאָט, ווו זי וועט זיך געפינען, גלויבנדיק, אַז זי וועט באַקומען בריוו פון איר יוספן, נאָכדעם האָט זי זיך מיט אַלעמען צעזעגנט און איז אַוועקגעפאָרן.

* *

*

אַ פּאָר וואָכן האָט בעטיע פאַרבראַכט ביי די לעווינזאָנס. ברייי־נע האָט די גאַנצע צייט געבראַכן די הענט און געזיפצט. פריידל האָט אויך גרויס רחמנות געהאַט אויף איר חברטע און לאה די דינסט האָט מער מיטגעפילט מיט בעטיען, ווי אַלע, ווייל אין דער יוגנט האָט זי אַליין איבערגעלעבט אַזאַ אומגליק. מען האָט איר דערנאָך געמוזט צודעקן דעם קאָפּ מיט „אַבי ווער“ און באַלד דערנאָך זיך אָפּגעטן, אָבער בעטיע האָט זיך דווקא געפילט מוטיק און מונטער.

די ווייבער צוזאַמען מיט בעטיען, פלעגן זיך האַלטן אין איין סודען און באַראַטן זיך, און עס איז געבליבן, אַז בעטיע מיט לאהן זאָלן פאָרן קיין אָדעס און שפּעטער אַ ביסל זאָל אויך אַהינקומען ברײנע. דאָרט וועט מען בעטיען אַריינגעבן אין דעם בעסטן שפּיטאָל פאַר געווינערינס.

און ווען אַלץ איז באַשלאָסן געוואָרן, האָט ברײנע געפרעגט:

— נו, אַלץ וועט, מיט גאָטס הילף, זיין גוט... אָבער וואָס וועט מען דערנאָך טון מיט אַזאַ קינד?...

בעטיע האָט קוים איינגעהאַלטן איר שמייכל אויף די ליפּן און זיך אָנגערופן:

— די דאָזיקע זאָרג נעם איך אַראָפּ פון אייך... לאָמיך נאָר פריער דערלעבן צו זען מיין קינד געזונט, וועל איך שוין געפינען אַן עצה, וואָס צו טון. איר קענט זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

— ביזט נאָך אַליין אַ קינד, — האָט זיך ברײַנע אָנגערופן, — ווי קען איך זיך אויף דיר פאַרלאָזן? הלוואי וואָלסטו אונדז געפאָלגט און בלייבן ביי אונדז, נישט פאָרן צו ברעטמאַנען אין קאַנטאָר אַרבעטן, וואָלסטו אויסגעמיטן אַזאַ אומגליק!...

— מאַמע! — האָט פריידל זיך אַריינגעמישט. — וואָס האָבן מיר צו רעדן פון „וואָלט איך און זאָלט איך?" עס איז שוין געשען! מיט אַזעלכע רייד, וואָס ברענגען קיינעם קיין נוצן נישט, פאַרשאַפסטו נאָר בעטיען אומזיסטע יסורים. זי קען פון אַזעלכע זאַכן, חס ושלום, קראַנק ווערן, און זי דאַרף איצט זיין געזונט!

יענע האָט זיך אונטערגעגעבן:

— ביזט גערעכט, מיין טאָכטער. מער רעד איך נישט! און מען דאַרף זען טון, וואָס מען דאַרף!

פון דעם טאָג אָן האָט מען שוין מער נישט גערעדט און מען האָט אָנגעהייבן גרייטן בעטיען אין וועג אַריין.

און טאָקע אויף מאָרגן איז בעטיע מיט לאהן אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַ האָטעל, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אויך אָנגעקומען ברײַנע.

מען האָט אויסגעקליבן אָדעס, ווייל אין אָנהייב מלחמה האָט אָדעס ווייניקער געפילט דעם וועלטקריג, ווי אַלע אַנדערע שטעט, וואָס זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט פאַרוווּנדעטע.

דער יקרות איז דאָרט מיט יעדן טאָג שטאַרק געשטיגן, און רויקע פאַרמעגלעכע איינוווינער פלעגן פון די נאָענטע מלחמה-ערטער לויפן קיין אָדעס און פאַרפילן אַלע האָטעלן.

גאָר רייכע פלעגן פאָרן נאָך ווייטער — קיין קרים.

קיין אָדעס און אין דער גאַנצער געגנט האָבן אויך אָנגעהייבן לויפן יידישע היימלאָזע, וועלכע די רוסישע הויפּטקאָמאַנדירן, קאָנקורירנדיק צווישן זיך, האָבן אַלץ מער און מער אַרויסגעשיקט פון זייערע איינגעזעסענע ערטער אין די יידישע שטעטלעך.

בעטיע מיט ברײַנען און לאהן האָט מען אין האָטעל אויך אָנגענומען פאַר אַ פאַרמעגלעכע פאַמיליע, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די נאָענטע מלחמה-ערטער.

ברײנע, װעלכע האָט זײער גוט געקענט די אָדעסער דאָקטױ־רים און פּראָפעסאָרן. אַז איר מאַן האָט געלעבט, פלעגט זי, כמעט אַלע זומער, קומען אויף עטלעכע װאָכן זיך קורירן בײ די פּראָפּע־סאָרן און נעמען װאַרעמע ים־בעדער אָדער „בלאָטע־װאַנעס" בײם באַרימטן „אָדעסער לימאַן".

זי איז מיט בעטיען אַװעק צו איר באַקאַנטן פּראָפעסאָר־אַקו שער און פאַרגעשטעלט, אַז זי איז אירע אַ שנור און מיט אַן „ער־שטלינג" האָט זי נישט געװאָלט זיך באַנוצן מיט פּראָװינץ־דאָק־טוירים.

דער פּראָפעסאָר האָט זי באַטראַכט, געגעבן אַ שמײכל און גע־זאָגט אַ קאָמפּלימענט זײן אַלטער פּאַציענטקע, אַז איר זון, װאָס האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ באַגלײטערין אין לעבן, איז אַ גרויסער מבין אויף פרויען, דערבײ האָט ער געזאָגט, אַז אין אַ צען טאָג אַרום זאָל דאָס יונגע װײבל קומען אין זײן שפּיטאָל פאַר געװינערינס און דערװײל פאַרשריבן פאַר איר באַרויקונגס־טראָפּנס, אָנזאָגנדיק, אַז זי זאָל אַלע טאָג אַ סך שפּאַצירן און װאָס מער זיך באַװעגן.

װען זײ זענען אַװעק פון פּראָפעסאָר, האָט ברײנע געזאָגט בעטיען:

— איצטער, מײן קינד, קאָנסטו זײן גאַנץ רויק. איך קען דעם פּראָפעסאָר פון לאַנג. ער װעט דיך באַהאַנדלען, װי אַן אײגן קינד איך בין דיר שוין נישט בײטיק, אָבער לאהן לאָז איך דיר איבער. דו װײסט אַלײן, װי זי איז דיר געטרײ און איבערגעגעבן. איך װעל נאָך הײנט פאָרן אַהײם די שטוב איז געבליבן אַלײן—פרײדלען װעט זײן שװער אָן מיר און אָן לאהן.

בעטיע האָט איר זײער געדאַנקט פאַר אַלץ, װאָס זי טוט פאַר איר און ברײנע איז דעמזעלבן טאָג אַװעקגעפאָרן. בײם געזעגענען זיך האָט ברײנע געזאָגט:

— זאָלסט זיך נישט זאָרגן, װאָס איך װעל נישט זײן מיט דיר איך װעל אַלץ װיסן... איך האָב שוין באַשטעלט אין שפּיטאָל, אַז מען זאָל מיר װעגן אַלץ געבן צו װיסן.. און דו זײ רויק און זאָרג נישט פאַר קײן זאַך, גאָט װעט העלפן!

װען בעטיע איז מיט לאהן צוריקגעקומען אין האָטעל פון װאָק זאַל, װו זײ האָבן באַגלײט ברײנען, האָט זי פרײלעך געזאָגט צו לאהן:

— ווען איך האָב קיין מורא נישט פאַר מיין קינד, וואָלט איך איצט מיט דיר געטאַנצט אַ ביסל, אַזוי גוט פיל איך זיך!

וואָס איז איצט מיט דיר אַזאַ שמחה? — האָט לאה געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ שטרענגער מאַמע, וואָס דאַרף אַכטונג געבן אויף איר קינד׳

דער דאָזיקער שטרענגער טאָן, וואָס פלעגט זיך אַמאָל באַווייזן ביי לאהן, איז בעטיען געווען גוט באַקאַנט פון אַמאָל, פון אירע קינדעריאָרן, ווען זי האָט נאָך געוווינט ביי די לעווינזאָנס.

ווען ברײַנע איז געווען אין שטוב, איז לאה יעדן געווען אונ־טערטעניק און גוט, אָבער אַז ברײַנע פלעגט אַמאָל אַוועקפאָרן פון דער היים און די שטוב איבערגעלאָזט אויף אירע הענט, פלעגט לאה מיטאַמאָל זיך אינגאַנצן איבערבייטן זי פלעגט נעמען דעם טאָן פון אַ דאַמע און אָנשרייען און קאָמאַנדעווען מיט יעדן, פונקט ווי ברײַ־נע אַליין אָבער קיינער האָט זי נישט געפאָלגט. לאה האָט זיך גע־מעגט שרייען, וויפל זי האָט נאָר געוואָלט.

בעטיע האָט זיך צעלאַכט, ווען זי האָט פלוצים באַמערקט לאהן אין דער ראָלע פון אַ שטרענגער מאַמע, און עס האָט איר דער־מאָנט אין די קינדעריאָרן.

בעטיען איז איצט אַזוי פריילעך געוואָרן, אַז עס האָט זיך איר גאָר געוואָלט אַרומכאַפּן לאהן און טאַנצן מיט איר.

— וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה? — האָט לאה נישט אויפגעהערט צו רעדן ווי אַ שטרענגע מוטער. — האָסט אוודאי אָפּ־געטון זייער אַ שיינע זאַך? וואָס פרייסטו זיך אַזוי?

בעטיע האָט זיך נאָכמער צעלאַכט.

— דו פאַרשטייסט, לאה, וואָס איך בין אַזוי פריילעך? די ער־שטע טריט זענען שוין געמאַכט געוואָרן און ווייטער וועט אויך זיין גוט וועסט זען מיין טייערע לאה, ווי גוט עס וועט נאָך זיין!

— פאַרוואָס זאָל זיין שלעכט? עס וועט געוויס גוט זיין — אַ קליינניקייט ביי אַזאַ גרויסן פראָפעסאָר אין שפיטאָל!

לאה האָט אַ טיפן זיפץ געטון

— צו וואָס זיפצן? דו זאָגסט דאָך אַליין, אַז עס וועט זיין גוט, צו וואָס־זשע דאַרף מען זיפצן?

— איך זיפץ נישט וועגן דיר, נאָר איך האָב זיך דערמאָנט,

וען עס האָט זיך מיט מיר דאָס אומגליק געטראָפן... איך האָב זיך ענוג אָנגעליטן. וואָס מיר פּראָפעסאָרן? ווער מיר שפּיטעלער? אַן אַלטע „באָבע" איז געקומען מיר העלפן... איך בין שיער נישט געשטאָרבן!

— אַך, לאה, לאה! האָסט, נעבעך, אַזויפיל געליטן!... עס שניידט מיר דאָס האַרץ אויף דיר... אָבער עס וועט זיין גוט!

עס איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און בעטיען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי לעבט איבער יאָרן. די גאַנצע צייט איז זי געווען צוזאַמען מיט לאהן. אויף אַ מינוט זענען זיי נישט געווען צעשיידט. בעטיע האָט ווייניק געטראַכט, וואָס איר שטייט פאָר, אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט וועגן דעם, ווי אַזוי זי וועט זיך ווייטער איינאָרדענען מיט איר קינד. לאהן האָט עס אויך זייער אינטערעסירט, אָבער זי האָט נישט גערעדט. זיי האָבן ביידע פאַרשטאַנען, אַז יעדע פון זיי איז שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן דעם.

איינמאָל האָט בעטיע זיך אָנגערופן:

—דו ווייסט וואָס ביי מיר איז געבליבן?

— וואָס, אַ שטייגער?

— איך רעד וועגן מיין קינד.

— איך טראַכט אויך וועגן דעם, וואָס וועסטו טון מיט דעם קינד?

— וואָס פאַר אַ נאַרישע פראַגע! מיין קינד וועט זיין ביי מיר!

— ווי אַזוי קען דאָס זיין?

— אָט וועסטו זען, ווי אַזוי עס וועט זיין. אָבער וועגן דעם וויל איך טאַקע מיט דיר איבערעדן. דאָס איז געווענדט אַ סך אין דיר, לאה, אויב דו וועסט מיט מיר בלייבן.

— אַז דו וועסט מיך נאָך דאַרפן, וועל איך אוודאי בלייבן מיט דיר. ווי קען אַנדערש זיין?

— איך מיין, אַז דו זאָלסט אויף שטענדיק מיט מיר בלייבן.

— אויף שטענדיק? — האָט לאה פאַרוואונדערט געפרעגט. — און וואָס וועט זאָגן מיין באַלעבאָסטע? זי וועט מיך דען אָפּלאָזן?

—דאָס נעם איך אויף זיך. ברײנע וועט מיר אין קיין זאַך נישט אָפּזאָגן.

— אוודאי וועט מיר זיין שווער. איך בין שוין אַזוי צוגעוויינט

צו די לעווינזאָנס און זייער הויז... איך פיל זיך שטענדיק דאָרטן, ווי אין מיין אייגענער היים.

— דו וועסט זיך אַזוי אויך גוט פילן ביי מיר. איך וויל נאָר, אַז דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מיך נישט אַוועקוואַרפן.

— איך דיך אַוועקוואַרפן? קיינמאָל אין דער וועלט נישט!

בעטיע האָט זי אַרומגענומען און זי האַרציק געקושט פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו דער דאָזיקער עלנטער און גוטער נשמה.

איצט איז דער גאַנצער פּלאַן ביי בעטיען פאַרטיק געוואָרן. זי האָט באַלד געשריבן צו ברייגען, אַז אפילו ווען זי וועט אַרויס געזונטערהייט פון שפּיטאָל, קען זי פון זיך לאהן אויף אַ לאַנגע צייט נישט אָפּלאָזן, און דעריבער בעט זי, מען זאָל ביי איר איבערלאָזן לאהן ביז זי וועט זיך אין איר בייטיקן.

פון ברייגען איז באַלד אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז אָן לאהן איז איר אפילו שווערלעך, ביז זי וועט צוגעוויינט ווערן צו אַן אַנדער „מענטשן״, נאָר אַז בעטיע דאַרף זי, איז נישטאָ פון וואָס צו רעדן. פריידל האָט אויך צוגעשריבן, אַז לאה זאָל בלייבן מיט בעטיען, ווי ל צייט זי וועט זיך בייטיקן אין איר.

בעטיע האָט זיך דאַן באַרויקט און אין דעם באַשטימטן טאָג איז זי געגאַנגען אין שפּיטאל, ווי צום טאַנץ.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט זיך בעטיע אומגעקערט צוריק אין האָטעל, אַ גליקלעכע מוטער פון אַ שיין, געזונט מיידעלע. צו איר גליק האָט נאָר געפעלט איר יוסף, דער פאָטער פון קינד, און ערשט איצט האָט זי געפילט שטאַרקער, ווי תמיד, איר גרויס עלנט. כמעט יעדן טאָג איז זי געגאַנגען אויף דער פּאָסט, אפשר איז דאָ אַ בריוו פון אים? און יעדעס מאָל איז זי געקומען אַהיים אַן אורמעטיקע.

לאה פלעגט זי פרעגן, וואָס איז מיט איר, וואָס יעדעס מאָל, ווען זי קומט פון דער פּאָסט, איז זי אַזוי פאַרזאָרגט? און בעטיע פלעגט איר ענטפערן, אַז זי וואַרט אויף בייטיקע בריוו פון אירע פריינט און באַקומט זיי נישט, און דעריבער איז זי זייער באַזאָרגט.

בעטיע פלעגט דאָך נישט אויפהערן צו גיין אויף דער פּאָסט, כאָטש זי האָט געגלויבט, אַז ס׳איז אומזיסט. קומענדיק אַהיים, פלעגט זי נעמען איר טאָכטערל אויף די הענט, טרויעריק קוקן אויף איר

און רעדן צו איר, ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן, וואָס פאַרשטייט אירע רייד.

— ווער ווייסט, אפשר ביזטו, מיין טייער קינד, אַ געבוירענע יתומעלע? ווער ווייסט, צי איך בין שוין נישט קיין אלמנה, און ווער ווייסט, וואָס מיט אונדז וועט זיין! נאָר זאָרג נישט, מיין קינדו כּל־זמן איך לעב, וועל איך נישט אויפהערן צו אַרבעטן, עס זאָל דיר גאָרנישט פעלן. דו וועסט אויפוואַקסן, וועסטו נאָך זיין גליקלעך, נאָר דיין מאַמע וועט ווערן אַלט און אָפּגעבלאַקעוועט פאַר דער צייט... אָן דיין טאַטן איז איר וועלט שוין פאַרפאַלן, און דיין מאַמע איז נאָך אַזוי יונג!

האַלטנדיק דאָס קינד אויף אירע הענט, האָט זי עס געוויגט און נישט איין טרער איז געפאַלן אויף דעם קינדס קישעלע, אין וועלכן דאָס איז געווען איינגעוויקלט.

דאָך איז זי אויך ווייטער געגאַנגען אויף דער פאָסט, אפשר וועט געשען אַ נס, און זי וועט געפינען אַ בריוו פון איר מאַן, אַ קאַרטל, אַ פאָר ווערטער.

און דער דאָזיקער נס איז געשען: קומענדיק אויף דער פאָסט האָט זי מיטאַמאָל באַקומען אַ צענדליק בריוו פון פראַנקרייך, ווו איר מאַן האָט זיך געפונען. זי האָט דערקענט זיין האַנטשריפט אויף די קאָנווערטן, און האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן, און טאַקע דאָ, צווישן פרעמדן עולם און פאָסט־באַאַמטע האָט זי אויסגעשריגן און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אויף דער אומפאַרשטענדלעכער יונגער פרוי.

— געוויס זענען דאָס ליבע־בריוו, — האָט אַ יונגער באַאַמטער מיט אַ געלעכטערל אַ זאָג געטון צו זיין חבר אין דער שטיל. — געוויס איז זי שטאַרק פאַרליבט...

בעטיע האָט געכאַפּט דאָס טייערע פעקל און איז אַוועקגעלאָפן אַהיים.

מיט די בריוו האָט זי זיך נישט באַדאַרפט היטן פאַר לאהן, וועלכע האָט נישט געקאָנט לייענען. בעטיע האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף דער סאָפע און אָנגעהייבן צוזאַמענלייגן איר מאַנס בריוו אין אָרדענונג, זי זאָל קאָנען לייענען נאָך די דאַטעס. נאָר דערזעענדיק די דאַטעס פון די בריוו, האָט זי אויסגעשריגן:

— אַך, ווי אַלט זיי זענען! דער לעצטער בריוו איז אָנגעשריבן

שריבן געוואָרן מיט דריי חדשים צוריק. אייניקע זענען שוין אַלט אַ האַלב יאָר און מער און די אַלע בריוו האָב איך באַקומען אין איין טאָג! אָט דאָס איז מלחמה! דאָס גאַנצע לעבן איז צעשטערט! און ער, מיין אָרעמער יוסף, איז געווען פּינקטלעך און געשריבן זיין בעטיען, ווען ער האָט נאָר געקענט! און איך האָב אַזויפיל געליטן פון זיין שווייגן! געוויס האָבן די עלטערן שוין אויך באַקומען פון אים אַ פּעקל מיט בריוו!

זי האָט גענומען די בריוו אין די הענט, זיי געקושט און אָנגעהייבן זיי צו לייענען, שלינגענדיק יעדעס וואָרט.

קאַפּיטל פערצן.

יוספס בריוו.

יוסף האָט אין די בריוו צו זיין פרוי, פון וועלכער מען האָט אים מיט געוואַלד אָפּגעריסן, זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען מיליאָנען געזונטע מענטשן און זענען געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער, ווי שטרוי. אָבער אין זיינע בריוו האָט זיך געפילט אַ בענקעניש נאָך זיין יונגער פרוי.

בעטיען האָט דאָס האַרץ שטאַרק געריסן, לייענענדיק די בריוו, און, נישט ווילנדיק, האָבן זיך די טרערן געגאָסן.

פלוצים האָט זי אויסגעשריגן:

— ער האָט מיין בריוו וועגן אונדזער גליק באַקומען!

און דערביי האָט זי געכאַפּט איר קינד און עס אויסגעקושט אַלע גלידערלעך, און איר גאַנצע ליבע צו איר יוספן האָט זי אויסגעגאָסן אין די דאָזיקע קושן.

— ווען ער ווייסט! ווען ער קען אונדזער גליק זען מיט זיי־נע אויגן!

בעטיע איז געווען איבערגליקלעך, וואָס ער האָט באַקומען איר בריוו, אין וועלכן זי האָט געשריבן, אַז זי דאַרף ווערן אַ מוטער און זי האָט איצט געגלויבט, אַז דער בריוו, אין וועלכן זי האָט אים נישט לאַנג געשריבן וועגן זייער קינד, וועט ער אויך באַקומען. אפשר אין עטלעכע חדשים אַרום, נאָר באַקומען וועט ער!

יוסף האָט איר אין דעמזעלבן בריוו, ווו ער רעדט פון זייער

צוקונפטיקן לעבן, דערמאָנט, אַז אויב זי וועט זיך נייטיקן אין געלט, זאָל זי זיך ווענדן צו אַ געוויסן באַנקיר אין קיעוו, וועמענס זון, זיינער אַ חבר, עס געפינט זיך מיט אים צוזאַמען אין פראַנקרייך, וועט זי באַקומען אַזויפיל געלט, וויפל זי וועט באַדאַרפן.

ווי אַזוי יוסף האָט געקאָנט אַזוי פאַראָרדענען, אַז זי זאָל קע־נען באַקומען געלט ביי דעם אָנגעוויזענעם באַנקיר, האָט ער נישט געשריבן, אָבער בעטיע האָט זיך איצטער אין געלט נישט גענויטיקט.

איינעם פון זיינע בריוו האָט ער פאַרענדיקט מיט די דאָזיקע ווערטער:

„איך ווייס, מיין טייערע, אַז עס וועט קומען די צייט, ווען דו וועסט מיט אונדזער קינד זיך מוזן אַנדערש איינאָרדענען, אָבער פון אַזאַ ווייטקייט און אָפּגעזונדערטקייט קען איך דיר גאָרנישט ראָטן. איך פאַרלאָז זיך אויף דיין שׂכל, ענערגיע און מוט, און איך בין זיכער, אַז דו וועסט טון, ווי צום גלייכסטן, ווי צום בעסטן! נאָר וועגן איין זאַך וועסטו מיר מוזן מוחל זיין, וואָס איך וועל דיר יאָ דערמאָנען: אונדזער סוד מוז אָפּגעהיטן ווערן ביז מיין קומען אַהיים. זאָלסט וויסן, אַז כּל זמן מיין פאָטער ווייסט נישט וועגן אונדזער חתונה, וועל איך דאָ זיין אינגאַנצן רויק פאַר אונדזער קינפטיק לעבן, ווען מיר וועלן אָפן און פריי פאַר דער גאַנצער וועלט קענען טיילן אונדזער גליק צוזאַמען".

* *
*

אָבער נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס ערשטע מאָל באַקומען אַ פּעקל מיט בריוו פון איר מאַן, ווּנט ער געפינט זיך אין פראַנקרייך, איז ווידער שטיל געוואָרן. זי פלעגט, ווי פריער, טאָג איין, טאָג אויס גיין אויף דער פּאָסט, אָבער ז האָט קיין איינציקן בריוו מער נישט באַקומען.

זי האָט זייער געוואָלט וויסן דעם אינהאַלט פון יוספס בריוו צו זיינע עלטערן, אָבער ביי דער איצטיקער צייט איז עס אומעגלעך געווען. און דעריבער האָט זי געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, זי זאָל קענען אַראָפּפאָרן צו די ברעטמאַנס.

שרייבן אַ בריוו צו די ברעטמאַנס האָט זי אין דער איצטיקער

צייט געפונען פאַר איבעריק, ווייל זי האָט בכלל נישט געוואָלט, אַז אויסער ברייגען מיט פריידלען זאָל עמעץ וויסן, ווו זי געפינט זיך.

אירע פריינט און באַקאַנטע פלעגן זייערע בריוו אַדרע-סירן אויף איר אַלטן אַדרעס אין דעם נאָנטן שטעטל פון ברעטמאַנס פאַבריק—זשיגינעץ און פון דאָרטן פלעגט מען איר איבערשיקן די בריוו קיין אָדעס.

עטלעכע וואָכן נאָכדעם, ווי בעטיע איז אַרויס פון שפיטאָל, איז זי מיט איר קינד און מיט לאהן איבערגעפאָרן אין אַ פריוואַטער וווינונג פון דריי צימערן, אין אַ שטילן שיינעם אָפּגעזונדערטן ווינקל און האָבן געפירט אַ שטיל רויק לעבן.

ביידע פרויען האָבן זייער גאַנצער צייט אַוועקגעגעבן דעם קינד און דער באַלעבאַטישקייט אין דער קליינער, נאָר שיינער וווינונג.

לאה האָט זיך אַזוי צוגעוויינט צו דעם קינד, אַז זי האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ווי אַזוי זי וועט זיך מיט דעם מלאכל קע-נען אַמאָל שיידן. קען דאָך ברייגע שרייבן, אַז זי זאָל קומען אַהיים און בעטיע זאָל צונעמען אַן אַנדער „מענטשן".

לאה האָט שטענדיק געליטן דערפון, וואָס זי האָט נישט קיין קינד. דאָס מוטערגעפיל איז פון לאַנג אָן געווען ביי איר זייער גרויס. איצט פלעגט זי אָפט פאַרגעסן, און אין איר ליבע צו בעטיעס קינד האָט זי אַריינגעלייגט איר מוטערגעפיל.

לאה פלעגט אָפט אָנשרייען אויף בעטיען, ווען זי האָט דאָס קינד צו דער צייט נישט געגעבן צו זויגן.

פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך אַמפּערן: לאה פלעגט זאָגן, אַז אַ קינד דאַרף מען געבן עסן, ווען עס וויל נאָר, מען דאַרף אין אים וואָס מער שטאָפּן. אַזוי טוען אַלע געטרייע מאַמעס, און בעטיע האָט געדרונגען פאַרקערט, אַז אַ קינד דאַרף מען געבן עסן אין באַ-שטימטע צייטן, נישט ווען עס וויל. אַ, עס וויינט, וועט עס זין איבערוויינען, עס שאַדט נישט!

אויך האָבן זיי זיך געאַמפּערט, צי זאָל מען וויגן דאָס קינד.

לאה האָט געהאַלטן דאָס קינד אין איין וויגן. ווער שמועסט נאָך, ווען עס האָט גענומען וויינען, האָט לאה אָנגעהייבן אַזוי צו הוידען מיט דעם וויגעלע, אַז עס האָט פאַרהילכט די גאַנצע שטוב און בעטיע פלעגט שרייען, אַז אַ קינד דאַרף שלאָפן, ווי אַ גרויסער

מענטש און נישט וואַרפן מיט דעם וויגעלע, ביז מען פאַרשלאָגט איס דאָס קעפּל.

— וואָס ווייסטו, ווי אַזוי מען דאַרף גיין אַרום אַ קינד? אַז דו ביזט נאָך אַליין אַ קינד! איך האָב, ברוך השם, כמעט אַלע קינדער ביי די לעווינזאָנס אויסגעוויגט, און געלויבט צו גאָט, נישט צו פאַר־זינדיקן! הלוואַי אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן!

— אַזוי האָט מען אַמאָל זיך אויפגעפירט מיט קליינע קינדער, — האָט בעטיע איר דערקלערט. — היינט איז אַ קלוגערע וועלט און די גרעסטע פּראָפעסאָרן האָבן דערוויזן, אַז וויגן און צופיל שטאָפּן קינ־דער מיט געוואַלד איז נישט געזונט.

דערביי האָט בעטיע גענומען אַ גרויס בוך מיט דעם נאָמען „מוטער" און פאַר איר פאָרגעלייענט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַגיין מיט קליינע קינדער.

לאה האָט זיך אַוועקגעזעצט, אויסגעהערט יעדעס וואָרט, ווי גלייך זי הערט לייענען אַ שיין מעשה-ביכל, און דערנאָך שפּאָטיש זיך צעלאַכט.

— וואָס טויג מיר דיין ביכל? אונדזערע מאַמעס און באָבעס האָבן נישט געוווּסט פון אַזעלכע ביכלעך! מען האָט קינדער געוויגט אַפילו אין מולטערס, אין וועלכע מען האָט געבאַקן ברויט און אין וויגעלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויף שטריק ווי הוידעלקעס. מען האָט אין די קינדער געשטאָפּט, וויפל עס איז נאָר אַריין אין די העלדזלעך, און געלויבט צו גאָט, יידישע קינדער זענען אויסגע־וואַקסן געזונט און שטאַרק, הלוואַי אויף היינטיקע געזאָגט געוואָרן! קומסטו צו גיין מיט דיין נאַריש ביכל און דערציילסט מיר בבא־מעשיות!

אַזוי פלעגן זיי זיך אָפּט אַמפּערן, און פונדעסטוועגן האָט עס בע־טיעס מיידעלע נישט געשאַדט. עס איז געוואַקסן געזונט און עס האָט אַרויסגעשיינט פון וויגעלע.

קאפיטל פופצן.

צוויי מוטערס.

פריידל מיט איר מוטער האָבן באַקומען אָפטע בריוו פון בע־טיען, ווו זי פלעגט שטענדיק שרייבן וועגן איר קינד, אַז אַזוינס און אַזעלכעס איז נישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט קיין איינציק מאָל האָט זי זיך נישט באַקלאָגט אויף איר לאַגע, נאָר, פאַרקערט יעדעס מאָל האָט זי געשריבן, אַז זי פילט זיך זייער גליקלעך.

ברײנע האָט געצויגן מיט די פלייצעס, זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף דעם „מיידל" און האָט געזאָגט פריידלען:

— מילא, אַז איר איז ליב, איז מיר ניחא! זאָל זיין אַזוי... אַבי זי פילט זיך נאָר גוט און איז גליקלעך!

ברײנע איז שטענדיק געווען צופרידן, ווען זי האָט מיט עפּעס געקענט העלפן בעטיען, נאָר זי האָט זייער געליטן פון דעם, וואָס זי האָט איר לאהן אַוועקגעגעבן. די שטוב איז קיין שטוב נישט. אויף דער בייער פרוי, וואָס זי האָט אויף דערווייל געדונגען אויף לאהס אָרט, האָט זי זיך נישט געקענט פאַרלאָזן. זי האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי גוט איר איז געווען מיט לאהן, ווי באַ־קוועם, ווי לייכט. זי האָט געוווּסט פון אַ לעבן און פון אָרדענונג און האָט נישט געדאַרפט זאָרגן פאַר איר הויז.

פריידל האָט אויך געפילט, אַז אָן לאהן קען מען זיך נישט באַגיין, און רעדנדיק אַזוי וועגן לאהן, וועלכע האָט זיך געפונען ביי זיי אין הויז פון יאָרנלאַנג, ווי אַן אייגענע, איז בייביידע פרויען

פאַרבליבן, זיי זאָלן שרייבן אַ בריוו צו בעטיען, זי זאָל זיי אָפּשיקן לאהן צוריק. אין דער גרויסער שטאָט שטאָט אָדעס קען מען געפינען אַ פרוי, וואָס זאָל אָפּהיטן דאָס קינד. מילא, פריער, ווען מען האָט אַלץ באַדאַרפט האַלטן בסוד און דאָס קינד איז געווען קליין, האָט מען געמוזט האָבן אַזאַ געטרייען מענטשן, ווי לאה, אָבער איצט, ווען דאָס קינד איז שוין אַלט עטלעכע חדשים, קען מען געפינען אַ גע־טרייע פרוי, וואָס זאָל קענען אָפּהיטן איר קליינע וווינונג, אָפּקאָכן מיטאָג און אַכטונג געבן אויף דעם קינד.

— ווי מיינסטו, פריידל, זאָלן מיר אַזאַ בריוו שרייבן? וועט זי נישט האָבן קיין יסורים, ווען מיר וועלן ביי איר צונעמען לאהן? — האָט ברײנע געפרעגט איר טאָכטער.

— וואָס קען עס שאַדן, ווען מיר וועלן איר שרייבן? ווען בעטיע האָט מיטגענומען לאהן, האָט זי אַליין געזאָגט, אַז נאָר אויף דער ערשטער צייט, ביז זי וועט אין אַ גוטער שעה איבערקומען. אפשר קען זי זיך באַגיין אָן לאהן? און אפשר וויל לאה אַליין אַוועקפאָרן אַהיים? היינט, וואָס קען עס שאַדן, ווען מיר וועלן איר שרייבן וועגן דעם? וועט זי וועלן, איז גוט — ווען נישט — איז נישט!

* * *

ווען בעטיע האָט באַקומען אַזאַ בריוו פון בריינען און פרייד־לען, האָט זי אים איינגאַנצן, פון אָנהייב ביז צום סוף, איבערגעלייענט פאַר לאהן.

לאה האָט געהערט און אַלעמאָל זיך צעוויינט.

— משוגענע! — האָט בעטיע אויף איר אָנגעשריגן. — מען קען דאָך מיט דיר קיין וואָרט נישט רעדן! איך וועל אויפהערן צו ליי־ענען דעם בריוו!

— ניין, ניין, לייען ווייטער. איך בין נישט שולדיק. דאָס האַרץ וויינט אין מיר און איך קען זיך נישט איינהאַלטן!

בעטיע האָט קוים געענדיקט דעם בריוו לייענען. לאה האָט זיך איינגעהאַלטן, ווי ווייט זי האָט נאָר געקאָנט. נאָר ווען מען האָט

געענדיקט דאָס לייענען, האָט זי מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אַ געוויין, ווי גלייך אַ גרויס אומגליק האָט זי געטראָפן.

— וואָס איז פאַר אַ וויינען ? — האָט בעטיע ווידער אָנגעשריגן. — די לעווינזאָנס זענען זייער גערעכט. איבער מיר דאַרף אַ גאַנצע שטוב ליידן ? מילא, די ערשטע צייט האָט געמוזט אַזוי זיין, איך האָב זיך אָן דיר נישט געקענט באַגיין, און איך וועל אין מיין גאַנץ לעבן נישט פאַרגעסן, וואָס איר אַלע האָט פאַר מיר געטון ! אָבער איצט, ווען זיי שרייבן, אַז זיי דאַרפן דיך אַזוי ביטיק האָבן און קענען זיך אָן דיר נישט באַגיין, קען איך נישט און טאָר נישט זיי אָפּזאָגן און דו דאַרפסט פאָרן אַהיים.

ערשט איצט האָט לאה אויסגעשאָסן מיט אַן אמת געוויין. זי איז צוגעלאָפן צום קינד, געכאַפּט עס אויף די הענט, נישט אויפגעהערט עס צו קושן און באַגאָסן דאָס פּנימל מיט טרערן.

— וואָס איז מיט דיר, ביזט דאָך אויף אַן אמת משוגע געוואָרן. וואָס באַוויינסטו מיין קינד !

— פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען ? די גאַנצע צייט האָסטו מיך געהאַלטן מיט זיך און איצט, ווען איך האָב זיך אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צום קינד, הייסטו מיך אַוועקפאָרן ! ווי וועל איך אַ טאָג קענען לעבן אָן דעם קינד ?

בעטיע האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט היינטיקע נאַכט און נעכטיקע נאַכט, זאָל זיך אויסלאָזן צו די שונאימס קעפּ ! איך הייס דיר פאָרן ? פונוואַנען האָסטו עס גענומען ? איך וואָלט זיך געשעצט פאַר גליקלעך, ווען דו זאָלסט שטענדיק זיין מיט מיר און לעבן מיט מיין קינד. מיר איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז דו ווילסט נישט פאָרן צו זיך אַהיים — צו די לעווינזאָנס !

— אוודאי קען איך שוין איצט פונדאַנען נישט אַוועקפאָרן ! — האָט לאה געזאָגט, אויסווישנדיק די טרערן. — איך האָב זיך אַזוי צוגעבונדן צום קינד און דאָס קינד צו מיר, אַז איך וועל מיך קיינמאָל מיט דעם קינד נישט צעשיידן.

די צוגעבונדנקייט פון קינד צו לאהן האָט בעטיע זייער גוט געוווּסט. קיינער האָט דאָס קינד נישט געקענט אַזוי איינשטילן און גיין אַרום דעם, ווי לאה. בעטיע האָט גוט געוווּסט, אַז דאָס קינד איז מער צוגעבונדן צו לאהן, ווי צו איר, צו דער אייגענער מוטער.

אָפּטמאָל פּלעגט לאה אָנשרייען אויף בעטיען, ווען זי האָט דאָס קינד נישט געהאַלטן, ווי עס דאַרף צו זיין, אָדער איבער אַן אַנדער זאַך. לאה האָט זייער גוט געוווּסט, ווי אַזוי אַרומצוגיין מיט קינדער און פּלעגט בעטיען נישט לאָזן לייגן שלאָפן דאָס קינד, ביז זי האָט נישט באַטראַכט דאָס בעטעלע, צי אַלץ איז אין אָרדענונג.

בעטיע פּלעגט מיט שרעק נישט איינמאָל טראַכטן וועגן דעם, ווען לאה וועט מוזן פאָרן אַהיים און זי וועט דאַרפן צונעמען אַ פרעמדן מענטשן אויף איר אָרט. אָבער איצט, הערנדיק פון לאהן, אַז זי טראַכט גאָרנישט וועגן פאָרן און וויל בלייבן מיט איר, האָט זי נישט געוווּסט, וואָס צו טון פאַר גרויס גליק און האָט אַרומגע־כאַפּט לאהן, זי הייס געקושט און זיך אַליין אויך צעוויינט פון גרויס פרייד.

ווען זיי האָבן זיך באַרויקט, האָט בעטיע נאָכאַמאָל איבערגע־פרעגט:

— קען איך שרייבן, אַז דו ווילסט בלייבן ביי מיר, ווייל דו האָסט זיך צוגעבונדן צום קינד?

— אוודאי שרייב אַזוי! ווי דען? שרייב זיי אויך, אַז אַמאָל אויף אַ יום־טוב וועל איך זיך צו זיי דורכפאָרן.

בעטיע האָט דעמזעלבן טאָג געשריבן בריינען און פריידלען, אַז זי וואָלט אַ טאָג נישט געוואַרט און באַלד אָפּגעשיקט לאהן אַהיים, נאָר לאה האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צום קינד און וויל נישט אַוועקפאָרן, און דערביי האָט בעטיע באַשריבן דעם גאַנצן שמו־עס מיט לאהן וועגן דעם.

פון דער צייט אָן האָט בעטיע אויפגעלעבט און גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל, זינט זי האָט פאַרלוירן אירע עלטערן, האָט זי איצט דערפילט אין דער פּראָסטער אומגליקלעכער לאהן אַן אייגענע מוטער. נישט צו פריידלען און אפילו נישט צו בריינען, וועלכע האָבן שטענדיק געזאָרגט פאַר איר, ווי אייגענע, האָט זי נישט געהאַט די געפילן, ווי צו לאהן.

— איך בין שוין נישט עלנט און אַליין! — פלעגט זי אָפט זאָגן. — איך האָב אַ געטרייע איבערגעגעבענע מוטער.

און ביידע פלענער האָבן זיך געפלאָכטן אין אירע געדאַנקען, ווי אַזוי זיך ווייטער איינצואָרדענען אין לעבן, ביז דער גוטער שעה,

ווען איר יוסף וועט קומען צו איר און צו אירע פּלאָגן וועט נעמען אַ סוף.

זי האָט זיך געפילט פריי און זיכער און האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן ווי אַזוי ווידער צו קומען צו די ברעטמאַנס, צו וועלכע זי האָט אַלע געפילן, ווי צו איר געליבטן מאַנס עלטערן און שוועסטער, וואָס זענען אויך אירע געליבטע עלטערן און שוועסטער.

— אָ, איך בין מער נישט אַליין און עלנט, — האָט זי געזאָגט. — עס דאַרף נאָר קומען די גוטע שעה, ווען מיין טייערער מאַן וועט קומען.

דער פּלאַן ווי אַזוי איבערצופאָרן אין ברעטמאַנס פאַבריק איז ביי איר פאַרטיק געוואָרן, און זי האָט וועגן דעם שוין אָנגעהייבן צו רעדן מיט לאהן.

קאפיטל זעכצן.

ביי די ברעטמאַנס.

ביי די ברעטמאַנס אין הויז איז אין דער צייט פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש.

פייגע, ברעטמאַנס פרוי, וועלכע איז די לעצטע יאָרן געווען אַ שוואַכע און אַ קרענקלעכע, האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם אומגליק, וואָס איר איינציקער זון איז פאַרפאַלן געוואָרן אין מלחמה, ווי אין וואַסער אַריין, נישט הערנדיק וועגן אים קיין איינציק וואָרט. עס איז איר שווער געווען צוצוזען, ווי איר טאָכטער פאַני וויינט שטענדיק וועגן איר חתן, און נאָכמער האָט איר צוגענומען דאָס לעצ־טע ביסל געזונט די אויפירונג פון איר מאַן אויף די עלטערע יאָרן. ער ווערט אַלע טאָג רייכער און איז משוגע פון ווילדקייט און גוטס־קייט. איצט וויל ער זיך גטן מיט איר.

פייגע האָט זיך פאַר קיינעם נישט געקלאָגט, זי האָט אַלע אירע צרות איבערגעטראָגן אין דער שטיל אַזוי לאַנג, ביז איר שוואַך צע־בראָכן האַרץ האָט איינגאַנצן געפּלאַצט, איר נשמה איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, זיצנדיק אויף איר ווייכן שטול, איז זי ווי איינגעשלאָפן און אַלע האָבן געזאָגט, אַז זי האָט געהאַט אַ גרינגן טויט.

מען האָט איר געמאַכט אַ גרויסע רייכע לוויה, וואָס אין דער געגנט האָט מען דאָס ערשטע מאָל געזען אַזוינס.

די חברה קדישא אין דעם נאָענטן יידישן שטעטל זשיגינעץ, ווו די קבורה פון דעם מיליאָנערס פרוי איז פאָרגעקומען, איז מיט־

אַמאָל רייך געוואָרן. וויפיל זיי האָבן נאָר פאַרלאַנגט פון ברעטמאַנען פאַר זיין ווייבס קבורה, האָט ער זיך איצטיקס מאָל, צו זייער גרויס פאַרוווּנדערונג, נישט געדונגען און זיי גלייך באַצאָלט. מען האָט אויך געטיילט אַ סך צדקה ביי דער לויה און אַלע חברות אין שטעטל, פון ביקור חולים ביז הכנסת כלה, האָבן באַקומען גרויסע נדבות.

אין ברעטמאַנס הויז האָט מען נישט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף איר טויט. באַזונדערס האָבן זיך נישט געקאָנט טרייסטן די קינדער, און יעדער, ווער עס האָט נאָר געקענט די פאַרשטאָרבענע, האָט געפונען אַ וואָרט צו דערמאָנען צום גוטן איר נאָמען.

די צייט איז געגאַנגען, און ברעטמאַנס רייך הויז איז פאַר די איינוווינער געוואָרן, ווי אַ בית־עולם, באַזונדערס פאַר די עלטערע קינדער, נישט־געקוקט דערויף, וואָס אין דעם הויז האָט זיך געפונען אַלדאָס גוטס, אַ סך משרתים מיט דינסטן, לערער און גוווערנאַנטקעס, ווי אין אַ פּאַלאַץ פון אַ רייכן גראַף.

ברעטמאַן איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט פון טאָג צו טאָג זיך צו פאַרגרעסערן. וואָס די מלחמה האָט זיך לענגער געצויגן און פאַרשטאַרקט, אַלץ מער האָט מען אים פאַרוואָרפן מיט אַרבעט לויט די העכסטע פרייזן. ער איז געווען געצוווּנגען צו בויען נאָך אַ נייע פאַבריק, כאָטש ער האָט זיך נאָך דעם נישט געיאָגט, נאָר פון דער מיליטערישער מאַכט האָט מען עס געפאָדערט, פאַרלייגנדיק די גרעסטע פרייזן און פאָרויס אים געגעבן סומען, געוואַלטיקע אַוואַנסן, ער זאָל צוטרעטן צו דער נייער פאַבריק.

ברעטמאַנען איז אויסגעקומען ווייניק צו זיין ביי זיך אין הויז צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע. די עלטערע קינדער איז שווער געוואָרן צו וווינען אין דעם הויז און פאַני מיט ליזען האָבן אָנגעהייבן צווישן זיך צו רעדן, זיי זאָלן ערגעץ אַוועקפאָרן.

—וואָס זיצן מיר דאָ מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן? און ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט געדויערן?—האָט פאַני געזאָגט צו איר שוועסטער ליזע.—אַלע יונגע מענטשן זענען מיט עפעס באַשעפטיקט, און מיר—גאָרנישט! מיר איז איינגעפאַלן, איך זאָל ווערן אַ „שוועסטער" פון „רויטן קרייץ". מען נעמט איצט צו יידישע מיידלעך אויך. און אפשר וועט מיר געראָטן צו אַרבעטן אויפן פראָנט, וווּ מיין חתן געפינט זיך.

ליזען איז שטאַרק געפעלן דער פּלאַן, איז זי אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט און איז מיטאַמאָל ווי אויפגעלעבט געוואָרן.

—איך וועל אויך אַריינטרעטן אין „רויטן קרייץ!" וואָס דען ווילן מיר דאָ אויסזיצן? עס איז מיר דאָ אַלץ שוין נמאס געוואָרן!

און די צוויי שוועסטער האָבן שוין אָנגעהייבן פּלאַנעווען אַוועקצופאָרן אין דער גובערניע, אַריינטרעטן אין דער שול פון „רויטן קרייץ" און ווערן „שוועסטער".

די קלענערע שוועסטער ליזע האָט געזאָגט:

—מיר וואָלטן באַדאַרפט פריער איבערעדן וועגן דעם מיטן טאַטן!

—אוודאי דאַרף מען רעדן מיטן טאַטן! וואָס האָסטו געמיינט, מיר ווילן עס האַלטן בסוד פאַר אים?

—ער וועט אונז דען לאָזן אַוועקפאָרן?

—ער וועט קיין אַנדער ברירה נישט האָבן... מיר זענען שוין נישט קיין קליינע קינדער!

—און וואָס וועט זיין, ווען ער וועט נישט לאָזן?

—ווילן מיר סיי ווי סיי פאָרן.

—דו קענסט דאָך אונזער טאַטן, אַז ער זאָגט: ניין!

—אויב אַזוי, וועל איך אויך פאָרן מיט דיר, עס מעג זיין, וואָס עס וועט זיין!

—ווען דער טאַטע וואָלט זיין אינדערהיים,—האָט פאַני זיך אָנגערופן,—וואָלט איך נאָך היינט מיט אים גערעדט וועגן אונזער אַוועקפאָרן, נאָר עס איז נישט קיין אומגליק, ווען עס וועט נאָך געדויערן א פאַר וואָכן! אָבער פאָרן וועל איך, די וועלט זאָל זיך איבערקערן! איך וועל דאָ מער נישט בלייבן!

פּלוצים, אינמיטן זייער שמועס, האָט זיך געעפנט די טיר און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן בעטיע.

די קינדער און אַלע אין שטוב זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער.

בעטיע האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געוואָלט עפּעס רעדן און נישט געקענט.

זי האָט שוין אין וועג זיך דערוווסט פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס דאָ איז געשען. נאָך אין וועג האָט זי זיך גענוג אָנגעוויינט און באַקלאָגט פייגעס טויט. זי האָט באַשלאָסן, אַז קומענדיק צו ברעטמאַ־

נען, וועט די קיין איין טרער נישט אַרויסלאָזן, נישט אָנצוריִרן די נאָך נישט פֿאַרהיילטע ווונדן. אָבער אַריינקומענדיק אין שטוב און דערזעענדיק די קינדער, האָט זי נישט אויסגעהאַלטן און זיך צעוויינט. נאָכדעם האָט זי אַרומגעכאַפּט די קינדער, זיי געקושט, געדריקט צום האַרצן און זיך געבעטן ביי זיי רחמים:

—לאָמיר מער נישט וויינען, איך בעט אייך, קינדער! איך קאָן נישט. איך האָב זיך שוין געבוג אָנגעוויינט...

ווען זיי האָבן שפּעטער זיך אַלע אַ ביסל באַרויקט, איז די ערשטע פֿראַגע בעטיס געווען:

—האָט איר געהאַט עפּעס אַ בריוו פֿון יוספֿן און פֿון גרינבערגן?

—נאָך דער מאַמעס טויט האָבן מיר פֿון יוספֿן דורך דער פּאָסט באַקומען מיטאַמאָל אַ גאַנץ פּעקל בריוו. די מאַמע, נעבעך, האָט זיי אפֿילו נישט דערלעבט צו זען, און פֿון מיין חתן באַקומט זיך אַמאָל אין דריי חדשים אַ פּאָר ווערטער.

—וואָס־זשע שרייבן זיי?

—וואָס זאָלן זיי שרייבן? מען זעט צווישן די שורות, אַז ס׳איז נישט גוט און זייער לעבן הענגט שטענדיק אויף אַ האָר.

—וואָס פֿאָרט שרייבן זיי וועגן דער לאַגע אויפֿן פֿראָנט?

—וואָס קאָנען זיי שרייבן? מען ווייס אַליין! איך קאָן נישט געדענקען אַלץ, וואָס זיי שרייבן. יוספֿס בריוו געפֿינען זיך ביים טאַטן, און אין מיין חתנס בריוו געפֿינען זיך נאָר געציילטע ווערטער. איך וועל דיר זיינע בריוו געבן איבערצולייענען.

— זענען זיי געזונט?

— זיי קלאָגן זיך נישט אויף זייער געזונט, נאָר מען קען פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ לעבן זיי פֿירן דאָרטן! מילא, מיין אַלעקסאַנדער געפֿינט זיך כאָטש אויף די רוסישע פֿראָנטן, נאָר מיין ברודער איז אַזוי ווייט, אַזוי ווייט!...

— אין פֿראַנקרייך געפֿינט ער זיך? — האָט בעטיע מיט איינגעהאַלטענער שרעק געפֿרעגט, מורא האָבנדיק, אַז מ׳האָט יוספֿן נאָך אויף אַ ווייטערן פֿראָנט געשיקט.

—אַ קלייניקייט, פֿראַנקרייך! וואָס מיינסטו, עס איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען?

— ווו געפינט זיך דער טאַטע?—האָט בעטיע אַ פרעג געטון. — אין פאַבריק?

— ניין, ער איז ערשט נעכטן אַוועקגעפאָרן.

* *
*

די גאַנצע צייט, וואָס בעטיע האָט זיך דאָ נישט געפונען, איז ברעטמאַן געווען זייער פאַרזיכטיק. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן זיינע באַקאַנטע, ווו בעטיע געפינט זיך. נישט אַזוי שווער וואָלט אים אפשר אָנגעקומען זיך צו דערוויסן, ווו זי געפינט זיך. נאָר ער האָט פראָסט מורא געהאַט זיך נאָכצופרעגן, ווייל צווישן זיינע נאָענטע און אפשר אויך צווישן ווייטע, איז מער אָדער ווייניקער געווען באַקאַנט, אַז ברעטמאַן וויל זיך גטן מיט זיין פרוי, און אין דער ערשטער צייט פלעגט מען זיך גאַנץ אָפט סודן און שטיל רעדן וועגן דעם.

די גאַנצע צייט האָט ברעטמאַן געוואָלט וויסן נישט נאָר ווו זי געפינט זיך, נאָר פון יעדן טריט אירן, און ער האָט געמוזט שווייגן און ליידן אין זיך. ער האָט אויפגעהערט צו דערמאָנען איר נאָמען אפילו אין קאַנטאָר פאַר פערעלמאַנען, זינט די דאָקטוירים, וואָס מען פלעגט פון צייט צו צייט אַראָפּברענגען פון קיעוו צו זיין קראַנקער פרוי, האָבן אויפגעהערט צו געבן האָפענונגען אויף איר לעבן.

ברעטמאַן האָט געטראָגן זיין ליבע צו בעטיען טיף אין האַרצן באַגראָבן. אָבער ער איז ביי זיך געווען זיכער, אַז עס מוז קומען די צייט, ווען ער וועט זי דערגרייכן.

שוין נאָך פייגעס טויט האָט זיין פאַרוואַלטער אים איבערגע-לייענט די ליסטע פון די אָנגעשטעלטע, און ווען מען איז געקומען צו בעטיעס נאָמען, האָט ער געפרעגט, וואָס מען זאָל טון מיט בע-טיע בערשטער? צי זאָל מען זי רעכענען ווייטער פאַר אַן אָנגע-שטעלטע, צי נישט?

ברעטמאַן האָט געענטפערט:

— איר פענסיע זאָל מען פאַרשרייבן אויף איר רעכענונג, ווייל איידער מיר שליסן אויס אַ „מענטשן", מוז מען דאָך אים דערקלערן, פאַרוואָס.

—זי איז דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געקומען צו דער אַרבעט?

— זי וועט דאָך אַמאָל קומען, וועלן מיר הערן, וואָס זי וועט זאָגן, — האָט ברעטמאַן גענטפערט, און פון דער צייט אָן האָט דער פאַרוואַלטער מער וועגן איר נישט דערמאָנט און יעדן חודש פאַר-שריבן די פענסיע אויף בעטיעס רעכענונג.

דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן די שטאָט וו—קע און, ווי זיין שטייגער, זיך אָפּגעשטעלט ביי די לעווינזאָנס, האָט ער באַמערקט, ווי אַ נייע דינסט האָט דערלאַנגט צום טיש און לאה איז נישט געווען. קענענדיק לאהן אַזויפיל יאָרן, האָט ער זיך פאַראינ־טערעסירט און געפרעגט:

— ווו איז דאָס עפּעס אייער לאה, וואָס איך זע זי נישט?

— ערשט איצט האָסטו עס באַמערקט?—האָט ברײנע זיך אָנגע-רופן. — זי האָט מיך שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן!

— ווער, לאה? — איז ברעטמאַן שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן פון דעם נייס.

— נישטאָ קיין אייביקייט אויף דער וועלט...

— ווי איז דאָס מעגלעך, לאה זאָל אייך אַוועקוואַרפן! זי קאָן דאָך אָן אייער הויז און אָן אייך נישט לעבן!

— זעסטו דאָך!

ברעטמאַן האָט זיך אַ ביסל פאַרקלערט און זיך אָנגערופן:

— נישט אַנדערש, אַז זי איז אַוועק פון אייך חתונה האבן. זי האָט דאָך וועגן חתונות נישט אויפגעהערט צו רעדן... אַלץ תמיד אַוועקגעוואָרפן און כסדר געלאָפן אומעטום, ווו כלי-זמר האָבן נאָר געשפּילט... זי פלעגט דאָך שטענדיק רעדן, אַז זי וועט נאָך אַמאָל חתונה האָבן. אַנדערש קאָן איך זיך נישט פאָרשטעלן די סיבה פון איר אַוועקגיין נאָך אַזויפיל יאָרן טרייהייט און איבערגעגעבנהייט צו אייך און אייער הויז.

— אפשר האָט זי חתונה געהאַט! ווער ווייסט זי...

— און איר, ברײנע, האָט זי אָפּגעלאָזט? איך האָב זיך קיינ-מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז איר זאָלט זיך קאָנען באַגיין אַמאָל אָן לאהן.

— וואָס־זשע, מען קאָן אַ מענטשן צובינדן מיט שטריק? זי האָט נישט געוואָלט, איז זי אַוועקגעגאַנגען, און ווען זי וועט חרטה האָבן און צוריק קומען, וועל איך זי אַוודאי מיט ביידע הענט צוריק צונעמען. מען קאָן היינטיקע יאָרן קיין אייגענע קינדער נישט צו-

בינדן, בפרט נאָך אַ פרעמדן מענטשן, ווי געטריי און איבערגעגעבן דער מענטש זאָל נישט זיין.

— דאָס, זעט איר, זאָגט איר ריכטיק, ברײנע, — האָט ברעט־מאַן צוגעג[...]ן און דערביי האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן בעטיען, וועלכע איז אַזוי געטריי און איבערגעגעבן געווען צו זיין פאַמיליע און האָט אַזוי פלייסיק געאַרבעט אין זיין קאַנטאָר, האָט זי זיך פלוצלונג אויפגעהייבן און אַנטרונען געוואָרן.

נאָך בעטיעס אַוועקפאָרן האָט אים זייער באַנג געטון, פאַרוואָס ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען ער זאָל געווען מער אײנטענהן מיט איר און נאָכמער העכערן איר פענסיע, וואָלט ער זי אפשר איבערגערעדט און זי וואָלט געבליבן. נאָר אַרויסגייענדיק פון לעווינזאָנס הויז, האָט ער צו זיך געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ברײנע, אָט די יידענע, האָט ריכטיק געזאָגט: מען קאָן היינטיקע צייטן קיין אייגענע קינדער נישט צובינדן, בפרט נאָך אַ פרעמדן מענטשן.

זי איז טאַקע געקומען.

ווען ברעטמאַנס קינדער האָבן געזאָגט בעטיען, אַז זייער פאָטער איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— ווען וועט ער קומען?

— דו קענסט נישט דעם טאַטנס אַוועקפאָרן? — האָט פאַני געזאָגט. — היינט פאָרט ער אַוועק און מאָרגן קומט ער. דו ווילסט אים געוויס פרעגן וועגן דיין אַרבעט אין קאָנטאָר? וואָס האָסטו זיך אַזוי צו איילן? מעגסט זיך אָפּרוען אַ פּאָר וואָכן פון וועג. דיין אַרבעט וועט פון דיר נישט אַנטלויפן! דער טאַטע וועט נאָך צען מאָל אַוועקפאָרן און צען מאָל קומען, וועסטו אים קאָנען זען.

— נישט וועגן דעם האָב איך געפרעגט. איך האָב גלאַט געוואָלט וויסן, צי אייער פאָטער איז אינדערהיים.

די עלטערע קינדער צוזאַמען מיט בעטיען זענען געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און זיך נישט געקאָנט גענוג אָנרעדן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזען.

אויף מאָרגן, ווען ברעטמאַן איז געקומען צופאָרן אַהיים, האָט אים איינע פון זיינע דינסטן באַגעגנט און געזאָגט:

— מיר האָבן אַ גאַסט. פריילין בעטיע איז געקומען!

אין זיין הילדז האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס איבערגעהאַקט פון דער דאָזיקער אומגעריכטער בשורה. ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן און האָט זיך געלאָזט גלייך גיין אין זיינע צימערן. נאָר באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווען איז זי געקומען?

— נעכטן פאַרנאַכט. אַ גאַנצע נאַכט זענען די קינדער געזעסן און האָבן גערעדט. זיי שלאָפן נאָך איצט.

— נאָך שלאָפן זיי? — האָט ער פאַרווונדערט געפרעגט, אַרויס־גענומענדיק זיין זייגער. — עס איז דאָך שוין צוועלף!

— וואָס־זשע? — האָט די דינסט געענטפערט. — זיי דאַרפן גיין צו דער אַרבעט? קינדער האָבן זיך געלייגט שפעט—שלאָפן זיי נאָך!

ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געפרעגט אַ נאַרישע פראַגע און האָט געפונען פאַר נייטיק מער וועגן דעם איצט נישט צו רעדן, און איז אַריין צו זיך אין הויז.

אין פאָדערהויז האָט דער לאָקיי אַראָפּגעכאַפּט פון אים זיין אויבערשטן מאַנטל, צוגענומען דעם הוט. און ברעטמאַן איז אַריין צו זיך אין קאַבינעט און שווער און מיד זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין גרויסן ווייכן שטול.

ער האָט איצט פון קיין זאַך נישט געטראַכט. ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט מיד און אַלט און האָט גערוט. דער קאָפּ איז אים געווען אַראָפּגעלאָזט און זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם ווייכן דיוואַן, וואָס איז געלעגן ביי זיינע פיס.

מינוטנווייז האָבן זיך ביי אים אַרויסגעריסן שטילע ווערטער:

— זי איז טאַקע געקומען... זי איז געקומען...

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן, דערנאָך אויפגעהייבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט איבער זיין גרויסן קאַבינעט. פריער האָט ער באַ־טראַכט די קינסטלעריש-געמאָלטע סטעליע און דערנאָך האָט ער זיי־נע בליקן אָפּגעשטעלט אויף די ווענט, וועלכע זענען געווען באַהאַנ־גען מיט שווערע געגילטע ראַמען פון טייערע בילדער, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר די חובות ביי די פּריצים.

צווישן די בילדער האָבן זיך אויך געפונען אין טייערע גע־שניצטע ראַמען די בילדער פון זיינע קינדער און אויך זיין פרוי, ווי זי האָט אויסגעזען צוריק מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק, ווען זי איז נאָך געווען יונג, געזונט און שיין. זיין אייגן בילד פון יענער צייט איז אויך געהאָנגען לעבן איר.

ער האָט זיך איינגעקוקט אין זיין פאַרשטאָרבענער פרויס בילד.

— זי איז דאָך געווען אַ שיינע און אַ געזונטע! — האָט ער געטראַכט.

נאָר דאָס ייידענע קלייד, וואָס מען האָט איר געמאַכט צו דער חתונה, איז נישט געלעגן אויף איר שיין, נישט עלעגאַנט און צע־קנייטשט, אָבער פון דעם אַלטמאָדישן ייידענעם קלייד האָט אַרויס־געקוקט אַ געזונטע, שיינע, יונגע פרוי, מיט אַ ליבלעך פּנים, פול מיט יידישן חן און גוטסקייט.

טרויעריקע געדאַנקען האָט אים אָנגעהייבן קריכן אין קאָפּ. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַ חלק אין איר פריציייטיקן טויט.

— פייגע איז שוין לאַנג געווען קראַנק... לאַנג האָט זי נישט געקענט לעבן, נאָר צו וואָס האָב איך איר פאַרקירצט די יאָרן מיט דעם אָנצוהערעניש, אַז איך וויל זי גטן! איך האָב זיך פאַרגעסן, איינגאַנצן זיך פאַרגעסן! בעטיע איז איצט געקומען... ווי שיין וואָלט עס געווען... קיינער, אפילו מיינע קינדער וואָלטן קיין שלעכט וואָרט נישט געקענט זאָגן. דעם סוד, אַז איך האָב זי געוואָלט גטן, וועט מען נישט קענען באַהאַלטן, מען וויס... מען וועט זיך דערמאָנען... מען וועט עס מיר נישט שענקען... כאָטש איין גאָט ווייסט, אַז איך בין נישט שולדיק אין איר טויט. איך האָב געוואָלט, זי זאָל לאַנג לעבן און בין געווען גרייט זי אָפּצושיטן מיט גאָלד און גוטס, אַז זי זאָל קאָנען לעבן אין עושר און אין כבוד. איך האָב פאַר איר גאָרנישט געוואָלט שפּאָרן... דאָס טייערסטע האָב איך איר שטענדיק געוואָלט אַוועקגעבן!...

איין טרויעריקער געדאַנק האָט געבראַכט דעם צווייטן. אָנקוקנ־דיק זיין אייגן בילד, ווי ער האָט אויסגעזען מיט אַ סך יאָרן צוריק, האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין עבר, ווי אַזוי ער האָט זיין ערשטן קאַ־פּיטאַל געמאַכט: נישט האָבנדיק קיין סך געלט, האָט ער געקויפט אַן אַלט פאַבריקל מיט אַ שותּף, און פאַרדרייט יענעם אַ קאָפּ מיט פאַרשידענע שווינדלערייען, ביז דער שותּף איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן, איבערלאָזנדיק זיין גאַנץ פאַרמעגן אין פאַבריק.

זיין שותּף האָט דערנאָך שוין מער זיך נישט געקענט שטעלן אויף די אייגענע פיס. זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך געפּלאָגט און נישט לאַנג האָט ער געהערט, אַז ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער געשטאָרבן אין דחקות און נויט, איבערלאָזנדיק אין גרויס עלנט אַ פרוי מיט קינדער.

ער האָט זיך דערמאָנט אין אייניקע סוחרים און פאַבריקאַנטלעך,

וועלכע ער האָט דורך פאַרשידענע מיטלען אָפּגעווישט פון זייערע ערטער, און די אַלערליי בעלי-חובות, יידן און פּריצים, וועלכע האָבן אים נישט געקענט צאָלן צום טערמין. ער האָט פון זיי אַ תּל געמאַכט און זייערע גרויסע פאַרמעגנס זענען דאָס רוב אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט.

איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיך אים געצויגן אין קאָפּ טרויעריקע געדאַנקען. ער איז געזעסן אויף זיין ווייכער שטול, ווי גלייך ער איז צו איר צוגעשמידט געוואָרן, און וואָס ווייטער, זענען די רעיונות אַלץ שוואַרצער געוואָרן.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון פון זיין שטול און מיט דער האַנט אין דער לופט עפּעס אָפּגעטריבן פון זיך.

— גענוג! וואָס איז געווען, איז פאַרפאַלן! דאָס געוועזענע איז געשטאָרבן און מען קען עס צוריק נישט כאַפּן! מיט בעסטע קומען הייבט זיך אָן אַ ניי לעבן... אַ שיין, גליקלעך לעבן! איך וועל אַלץ טון, איך זאָל פאַרגלעטן און פאַרשענערן אפילו דאָס געוועזענע... איך בין גענוג רייך און איצט בין איך אומשטאַנד צו לעבן, ווי דער פיינסטער און לייטישסטער מענטש אויף דער וועלט!

ער איז מיטאַמאָל לעבעדיקער געוואָרן, און, רייבנדיק איין האַנט אין דער צווייטער פון צופרידנקייט, האָט ער זיך געזאָגט:

— היינט וועל איך נישט גיין אין פאַבריק צוליב מיין טייערן גאַסט!

און דערביי האָט ער אויף זיין שרייבטיש אַ דריק געטון אין אַן עלעקטריש קנעפּל.

עס איז אַריינגעקומען אַ באַדינער.

—גיי, רוף מיר אַריין דעם פאַרוואַלטער פון פאַבריק.

אין קאַבינעט איז אַריין דער פאַרוואַלטער יעקב פּערעלמאַן מיט אַ שווערן פּאָרטפעל אונטערן אָרעם, וועלכן ער האָט שטענדיק מיטגענומען מיט זיך, ווען זיין באַלעבאָס האָט אים גערופן צו זיך.

און, ווי יעדעס מאָל, אָנחייזנדיק אויף אַ שטול, וווּ ער זאָל זיך זעצן, האָט בערעטמאַן אים געפרעגט:

— וואָס הערט זיך אין פאַבריק?

יענער האָט באַלד אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל דעם טאָגבוך, פון וועלכן ער האָט אים אַרויסגעלייענט, וויפל נייע באַשטעלונגען עס זענען פאַר דער צייט אָנגעקומען, וויפל עס איז אויסגעאַרבעט

געוואָרן אין דער פאַבריק און וויפל עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן סחורה פון די מאַגאַזינען.

— און וואָס הערט זיך גלאַט אַזוי אין פאַבריק! — האָט ברעטמאַן געפרעגט פון לאַנגווייליקייט, די צייט זאָל גיכער אַוועקגיין, ביז די קינדער און בעטיע וועלן אויפשטיין און ער וועט זיך קענען זען מיט זיי.

—נישטאָ קיין באַזונדערע נייס. אַלץ ווי געוויינלעך. געווען אַ סך סוחרים, — האָט פערעלמאַן געענטפערט, — זיי האָבן געבעטן, מען זאָל זיי אַרויסשיקן ווי צום גיכסטן די וואַגאָנען מיט סחורה. וואָס קאָן איך זיי העלפן, אַז די מיליטערישע באַשטעלונגען מוז מען פריער אַרויסשיקן.

—פונדעסטוועגן,—האָט זיך ברעטמאַן ווייך אָנגערופן,—דאַרף מען די פריוואַטע באַשטעלונגען אויך אויספירן, אויב נישט מיטאַמאָל, איז כאָטש צו ביסלעך. צו וואָס זאָלן זיי איבער אונדז ליידן און צאָלן שטראָף, פאַר נישט צושטעלן צום טערמין?

—איך וועל זען, וואָס נאָר עס וועט מעגליך זיין,—האָט דער פאַרוואַלטער געענטפערט און ווייטער איבערגעגעבן, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פאָר בריוו פון די וו־קער באַלעבאַטים.—זיי בעטן, איר זאָלט זיי מיטהעלפן צו פאַרענדיקן דעם דאָרטיקן שפּיטאָל, וועלכן זיי בויען שוין עטלעכע יאָר, און נאָך אַ פאָר בריוו פון אַנדערע שטעדט וועגן אַזעלכע זאַכן. האָב איך דערווייל די בריוו אַוועקגעלייגט אין אַ זייט...

—איך וואָלט געוואָלט די בריוו לייענען,—האָט ברעטמאַן פלוצלונג אַ זאָג געטאָן.

—איך האָב זיי נישט ביי זיך אין פּאָרטפעל, איך וועל זיי באַלד צושיקן. און ווייטער,—האָט פערעלמאַן דערציילט זיין באַלעבאָס,—אַ ראָד האָט זיך אין מאַשין נעכטן שיער אָנגעצונדן, אָבער דער מאַשיניסט האָט עס באַצייטנס דערזען, אָפּגעשטעלט די מאַשין און אָפּגעלאָשן. עס וואָלט געקאָנט זיין אַן אומגליק מיט מענטשן אויך, נאָר געלויבט צו גאָט, עס איז אַלץ אין אָרדענונג. נו, און ווייטער, וואָס זאָל איך אייך דערציילן? יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט: פון שטעטל זשעגינעץ זענען געווען אַ פאָר באַלעבאַטים און האָבן געבעטן אַ שיינע נדבה פאַר אַ פאַראומגליקטער פאַמיליע, האָב איך נישט געוווסט וויפל זיי צו געבן. קיין קליינע נדבה האָבן זיי נישט

געוואָלט נעמען און האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן אַריינקומען, ווען איר וועט זיין.

—צו וואָס,—האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן,—דאַרפסטו מטריח זיין יידן, זיי זאָלן גיין נאָכאַמאָל און צייט פאַרלירן צוליב אַ גוטער זאַך? איך וואָלט נישט אָרעמער געוואָרן, ווען דו וואָלסט זיי געגעבן איבעריקע עטלעכע רובל. דאָס צווייטע מאָל זאָלסטו נישט דערלאָזן, אַז מענטשן זאָלן וועגן אַזעלכע זאַכן דאַרפן גיין עטלעכע מאָל אין קאַנטאָר!

דער פאַרוואַלטער האָט נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. ער איז איבעראַשט געוואָרן פון ברעטמאַנס ווערטער, וועלכע ער האָט געהערט דאָס ערשטע מאָל זינט ער אַרבעט דאָ אין פאַבריק.

ברעטמאַן האָט אָנגעקלונגען. דער דינער איז אַריינגעקומען, און ברעטמאַן האָט געפרעגט, צי די קינדער זענען שוין אויפגעשטאַנען? און באַקומענדיק אַן ענטפער, אַז יאָ, האָט ער אים אָנגעזאָגט, אַז ווען זיי וועלן קומען אין עסצימער, זאָל מען אים אַריינרופן.

—דו ווייסט, אַז מיר האָבן אַ גאַסט?—האָט ברעטמאַן זיך געווענדט צום פאַרוואַלטער.

—יאָ, איך האָב עס נאָך נעכטן געהערט.

—און וואָס האָב איך דיר געזאָגט? זי איז טאַקע געקומען!

—איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן,—האָט זיך אָנגערופן דער פאַרוואַלטער,—צי זי בלייבט ביי אונדז אַרבעטן, אָדער נישט?

—וואָס האָסטו אַזוי קיין צייט נישט? זאָל זי זיך אָפּרוען אַ ביסל פון וועג.

—איך וואָלט געוואָלט וויסן וועגן דעם מענטשן, וואָס פאַרנעמט די גאַנצע צייט איר פּלאַץ אין דער בוכהאַלטעריע?

—וואָס הייסט?

—צי וועלן מיר אים דאַרפן אָפּזאָגן?

—וואָס פעלט דיר איין! איך זאָג נישט אָפּ קיין מענטשן. עס וועט זיך פאַר אים אויך געפינען ארבעט אין פאַבריק!

באַלד איז ברעטמאַנען געמאָלדן געוואָרן:

—די קינדער זענען אין עסצימער, מען וואַרט אויף אים מיטן עסן.

ווען דער פאַרוואַלטער פערעלמאַן איז שוין געווען ביי דער טיר אַוועקצוגיין, האָט אים ברעטמאַן אָפּגעשטעלט:

— יאָ איך האָב פאַרגעסן צו זאָגן, ־ דעם מאַשיניסט, וואָס האָט אין דער צייט אָפּגעשטעלט די ראָד, זאָל מען אַרויסגעבן אַ מתּנה — אַ חודש געהאַלט, דערפאַר, וואָס ער שלאָפט נישט ביי דער אַר־בעט, — האָט ברעטמאַן געזאָגט מיט אַ געלעכטערל.

ער איז געגאַנגען זיך אַרומוואַשן פון וועג און דער פאַרוואַל־טער איז מיט זיין פּאַרטפעל אונטערן אָרעם אַוועק צוריק אין פאַבריק.

אויפן וועג האָט פערעלמאַן נישט אויפגעהערט צו ציען מיט די פּלייצעס פון גרויס פאַרווונדערונג.

— וואָס איז פּלוצים געוואָרן מיט אים אַזאַ פאַרענדערונג? ער האָט זיך מיטאַמאָל איינגאַנצן איבערגעקערט! אַזויפיל חסדים מיט איין מאָל און אַזוי גוט און אַזוי פיין האָט ער עס היינט גערעדט! נישט אַנדערש, אַז נאָך זיין ווייבס טויט האָט ער דערפילט, אַז ער ווערט שוין אַלט און דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף אויך שטאַרבן, האָט ער, ווי אַלע רשעים און בעל־עבירהניקעס זיך אָנגעהייבן צו שרעקן פאַר דעם מלאך־המוות און אָנגעהייבן תּשובה צו טון אויף דער עלטער.

קומענדיק אין קאַנטאָר, האָט פערעלמאַן פריער פאַר אַלץ באַלד געשיקט נאָך דעם מאַשיניסט, וואָס האָט אין אָנהייב באַמערקט, ווי די ראָד ברענט, און אים דערציילט וועגן דעם גרויסן חסד, וואָס דער באַלעבאָס האָט געהייסן טון מיט אים.

דער מאַשיניסט האָט עס נישט געגלויבט. ער האָט געמיינט, אַז מען ווערטלט זיך מיט אים און ווער ווייסט אויף וויפל געלט מען האָט אים שטראָפירט, פאַרוואָס די ראָד האָט געברענט. אָבער ווען דער פאַרוואַלטער האָט פאַר אים אָנגעשריבן אַ צעטעלע, מען זאָל באַלד אַרויסגעבן אים פאַר אַ חודש געהאַלט, איז ער רויט און בלאַס געוואָרן פון שׂמחה.

די דאָזיקע נייס האָט זיך, ווי אַ בליץ, פאַרשפּרייט אין אַלע אָפּטיילונגען פון ביידע פאַבריקן. מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן און גאַפן פון גרויס פאַרווונדערונג.

נאָר איין אַרבעטער, וועלכן מען האָט גערופן „וואַסילי״ און וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם גרעסטן „עזות פּנים״ אין פאַבריק, האָט קאַלטבלוטיק זיך אָנגערופן:

— די דאָזיקע ווילדע חיה האָט געוויס דערשמעקט פולווער,

האָט ער זיך דערשראָקן און צוגעוואָרפן אַן אַרבעטער אַ ביינדל... נישקשה, אונדזער צייט דערנענטערט זיך, און ער וועט נאָך ווערן ווייך ווי פּוטער!

ברעטמאַן האָט זיך אַרומגעוואַשן פון וועג און אויסגעפּוצט נישט נאָך זיינע יאָרן, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין עסצימער און דערזען בעטיען, איז ער איבעראַשט געוואָרן פון איר אויסזען. אַזוי האָט זי זיך אין זיינע אויגן פאַרענדערט. זי איז לייכטער און שע־נער געוואָרן, מער ווייבלעכער און קערפּערליך אַנטוויקלט. אירע אויגן און די הויט פון פּנים האָבן זוניק געשטראַלט.

ווען ער זאָל געווען האָבן עפּעס אַ חשד, וואָלט ער, מעגלעך, פאַרשטאַנען די סיבה פון דער דאָזיקער פאַרענדערונג.

בעטיע האָט געהערט צו יענעם מין פרויען, וואָס נאָך יעדן קינד האָבן, ווערן זיי יינגער און פרישער און שענער.

ברעטמאַן און יעדער, וואָס האָט איצט געזען בעטיען, האָבן איינגעפונען, אַז נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אָפּגערוט אַ לאַנגע צייט פון איר אַרבעט, האָט זי זיך פאַרבעסערט אין געזונט און האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה פון איר אורלוב.

— עס ווייזט אויס, אַז דו האָסט זייער גוט פאַרבראַכט די צייט? — האָט ברעטמאַן באַמערקט בעטיען.

— אַלע זאָגן מיר דאָסזעלבע.

— נו, געוויס! אַז מען אַרבעט נישט און מען פאַרברענגט גוט די צייט, מוז מען אַזוי אויסזען.

דער שמועס האָט זיך נישט געקלעפּט, ווייל בעטיע האָט זיך נאָך איצט געפונען אונטער דעם איינדרוק פון פייגעס טויט און זי האָט געוואַרט, אַז ער זאָל אָנהייבן רעדן דערפון. אָבער ברעטמאַן האָט געשוויגן, געפּרוּווט רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, און זי אַליין האָט נישט געוואָלט זיין די ערשטע, טראַכטנדיק דערביי, אַז מען האָט שוין דאָ גענוג געקלאָגט, טאָ וואָס דאַרף זי אויפוועקן די ווונדן. אַ רחמנות אויף די קינדער!

ענדלעך האָט בעטיע נישט אויסגעהאַלטן און אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט:

— און איך האָב נישט געוווּסט פון אייער גרויסן אומגליק!... ערשט אויפן וועג האָב איך זיך דערוווּסט!...

ברעטמאַן האָט אַ זיפץ געטון און געשאָקלט מיטן קאָפּ און אין די קינדערס אויגן האָבן געגלאַנצט שטייענדיקע טרערן.

אין עסצימער איז נאָך שטילער געוואָרן.

— איך האָב געטון אַלץ פאַר איר, וואָס עס איז נאָר אין מענטשנס הענט צו טון, — האָט ער זיך אָנגערופן. — די גרעסטע פּראָפעסאָרן האָב איך פון קיעוו אַראָפּגעבראַכט און נאָך איר טויט אַ סך צדקה געטיילט און צו איר ערשטן יאָרצייט וועל איך באַשטימען אַ גרויסע סומע געלט, צו בויען אַ גרויסן שפּיטאָל אויף איר נאָמען. פון טויט לעבעדיק קען מען אָבער נישט מאַכן!

בעטיע האָט שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן שמועס און זי האָט געפרווט רעדן פון עפּעס אַנדערש.

אין דעם האָט איר מיטגעהאָלפן ברעטמאַן.

— נו, גענוג! — האָט ער געזאָגט. — קעגן אַזעלכע זאַכן קען מען זיך גאָרנישט העלפן. מען מוז ליידן, גענוג! איר זענט דאָך אַלע געוויס הונגעריק און איך אויך, לאָמיר זיך זעצן צום טיש.

אויסזעצנדיק זיך אַרום טיש, האָט ברעטמאַן פריילעך געפרעגט בעטיען:

— איצט דערצייל, ווו ביזטו די גאַנצע צייט געווען און ווי אַזוי האָסטו פאַרבראַכט?

— עס וועט נאָך זיין גענוג צייט צו דערציילן וועגן מיר. איך פאַר דאָך נישט אַוועק! דערציילט בעסער, וואָס שרייבט אייער יוסף? מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ גאַנץ פּעקל בריוו פון אים.

בעטיע האָט אָנגעהייבן דעם שמועס מיט דער האָפענונג, טאָמער וועט ער אפשר איר געבן איבערלייענען דעם זונס בריוו, אָבער ער האָט איר געענטפערט, זיפצנדיק דערביי:

— נישטאָ וואָס צו דערציילן... ערשטנס, זענען די בריוו זייער אַלט, דער לעצטער בריוו איז געשריבן געוואָרן, דאַכט זיך, מיט דריי-פיר חדשים צוריק. היינט, וואָס פאַר אַ נייס קען איך זיך פון מיין זון דערוויסן פון אַזעלכע בריוו? גאָט זאָל העלפן, עס זאָל שוין ווערן שלום אויף דער וועלט, וואָלט איך שוין געוווסט, וואָס איך האָב צו טון, ער זאָל קומען ווי צום גיכסטן אַהיים!

— אָבער דאָך אין עטלעכע בריוו, זיי מעגן זיין אפילו אַלטע,

קען מען דאָך פיל נייס אַרויסלייענען, ווי ער פילט זיך אין גע־זונט, אויף וואָס האָפט ער און וואָס קלערט ער צו טון...

— וועגן דעם שרייבט ער נישט. ער גיט נאָר איבער וועגן אַ פּאָר שרעקלעכע טעג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אַ שלאַכט. איך געדענק נישט אינגאַנצן... איך וועל דיר געבן די בריוו, וועסטו איבערלייענען, אויב עס אינטערעסירט דיך.

בעטיע האָט אַ ציטער געטון. זי האָט זיך אָבער אַליין דער־שראָקן פאַר דער דאָזיקער אינערלעכער באַוועגונג און האָט זיך דער־ריבער גלייכגילטיק אָנגערופן:

— אוודאי אינטערעסירט מיך! אַ קלייניקייט, אין דער איצטי־קער מלחמה־צייט, ווען אַלע גרענעצן זענען פאַרשלאָסן און מען ווייסט נישט, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גרויסער וועלט, וועל איך לייענען בריוו פון פראַנקרייך!

נאָכן עסן זענען אַלע איבערגעגאַנגען אין קאַבינעט, ווו די בריוו זענען געווען פאַרשלאָסן אין שרייבטיש.

מען האָט בעטיען מכבד געווען מיטן לייענען, אָבער ווען זי האָט אָנגעהייבן, האָט זי דערפילט, אַז די שטימע הייבט איר אָן ציטערן. האָט זי די בריוו באַלד איבערגעגעבן פאַנין. איצט האָט יע־נע געלייענט און אַלע האָבן געהערט.

יעדעס וואָרט האָט אין בעטיעס האַרץ אָפּגעשלאָגן, ווי מיט אַ האַמער, און מיט אַלע כּוחות האָט זי זיך איינגעהאַלטן, מען זאָל אויף איר געזיכט און אין אירע באַוועגונגען נישט באַמערקן די ווירקונג פון די בריוו.

קאַפּיטל אכצן

אויף אַ נײַ אָרט.

צוזאַמען מיט בעטיעס קומען איז ברעטמאַנס הויז אַ ביסל אויפגעלעבט געוואָרן. די קינדער האָבן פון גרויס פרייד גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טון מיט בעטיען. איר קומען האָט אין זיי אַרײַנגעגעבן אַ נײַ לעבן. פאַני מיט ליזען האָבן זייער פּלאַן — אַוועקצופאָרן אין קיעוו און אַרײַנטרעטן אין דער שולע פון „רויטן קרייץ", אויף דערווייל אָפּגעלייגט און ווייניקער וועגן דעם גערעדט.

פאַרברענגענדיק אַ פּאָר טעג ביי ברעטמאַנען אין הויז, איז בעטיע איבערגעפאָרן צוריק אין איר פריערדיקער וווינונג. די קינדער האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט און נאָכמער ברעטמאַן אַליין.

— צו וואָס? — האָט ער געזאָגט. — עס פעלן מיר צימערן פאַר דיר?

— קיינער איז ביי אונדז איצט נישטאָ, די מאַמע אויך נישט, פאַרוואָס ווילסטו נישט וווינען מיט אונדז? — האָבן די קינדער זי געבעטן, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן.

— איך פאָר דאָך פון אייך נישט אַוועק. איך וועל קומען צו אייך אַלע טאָג, מיין גאַנצע פרייע צייט וועל איך אייך אַוועקגעבן... אָבער איך האָב ליב צו זיין אַ באַלעבאָסטע ביי זיך אַליין, — האָט זי זיך געווערטלט.

— אומזיסט, קינדער, אונדזער מי... בעטיען האָט נאָך קיינער נישט איבערגעשפאַרט. זי איז אַ גרויסע עקשנטע. ווי איר טאַטע

האָט זי זיך עפּעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, וועט איר עס מיט טויזנט פּלעקער נישט אַרויסקלאַפּן.

און אַזוי איז עס געבליבן. בעטיע האָט זיך איבערגעצויגן אין איר אַלטער וווינונג צו שלום וויינשטיין, וועלכער האָט אויך געאַר־בעט אין ברעטמאַנס קאָנטאָר.

בעטיע האָט, ווי פריער, פלייסיק געאַרבעט אין קאָנטאָר, נאָר פון צייט צו צייט פלעגט זי אַוועקפאָרן צו אירער אַ מומע — אַזוי האָט זי יעדן געזאָגט.

איר נסיעה צו דער מומען האָט געדויערט זעקס שעה מיט דער באַן. זי פלעגט אַראָפּגיין אויף אַ קליינער סטאַנציע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם יידישן שטעטל „פּעשאַנקאָ״, און אַ פּאָר ווי־אָרסט האָט מען נאָך באַדאַרפט פאָרן מיט פערד. נישט פאַרמעגלעכע זענען צוגעגאַנגען צופוס פון שטעטל צו דער סטאַנציע און צוריק.

פּעשאַנקאָ איז געווען אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אָפּגעזונדערט פון גאָט און פון לייט. אפילו די באַנצוגן פלעגן זיך נישט אַלע אָפּשטעלן אויף דער אומגליקלעכער סטאַנציע און נאָר מיט גדלות און פאַראַכ־טונג פאַרביילויפן, איבערלאָזנדיק אויף אַ גרויסן שטח אַ דיקן שוואַרצן רויך.

אין דעמדאָזיקן אָפּגעזונדערטן פאַרגעסענעם שטעטל האָט בע־טיע געדונגען אַ וווינונג פאַר לאהן מיט איר קינד און האָבן זיך דאָ באַזעצט, ווי שטענדיקע איינוווינער. די נאָענטע שכנים האָבן לאהן גערעכנט פאַר דער מוטער פון דעם קינד און בעטיע, וועלכע פלעגט אַהער אָפּט קומען, האָט מען אָנגענומען פאַר לאהס אַ פלימעניצע.

איידער בעטיע האָט אויסגעפירט איר פּלאַן זיך איבערצוציען פון אָדעס אין שטעטל, איז ביי איר באַשלאָסן געוואָרן, אַז זי מוז איר גרויסן סוד פאַרטרויען לאהן און אַז נאָר איר קאָן זי זיך מיט איר גאַנץ לעבן איבערגעבן, ווי אן אייגענער מוטער. עס איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, אַנישט קען איר גאַנצער פּלאַן פּלאַצן און פרעמדע וועלן, פריער אָדער שפּעטער, זיך מוזן דערוויסן, און דאַן איז זי מיט איר מאַן און קינד פאַרפאַלן! לאה איז איר איבערגע־געבן, ווי צען מוטערס מיטאַמאָל און מיטן פולן צוטרוי האָט זי איר אַלץ דערציילט, קיין זאַך נישט באַהאַלטן.

ווען לאה האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, האָט זי מיט טרערן

פון גליק אַרומגעכאַפּט בעטיען, געהאַלדזט און געקושט זי און געשריען מיט דער גרעסטער פרייד:

—ביזט דאָך, בעטיענקע, אַ כשר קינד! און אונדזער גיטעלע, וועלכע מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן נאָך דיין כשרער מאַמע, איז דאָך אויך אַ יידיש קינד!

—משוגענע לאה, וואָס רעדסטו אַזויפיל נאַרישקייטן! וואָס דען איז מיין קינד אַ גויעש?

—טפו! טפו!—האָט לאה אויסגעשפּיגן.—גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד... איך האָב געוואָלט זאָגן עפּעס אַן אַנדער נאַרישקייט! טפו זאָל עס ווערן...

לאה האָט פּלוצים זיך אָנגערופן מיט אַ טרויעריקן טאָן:

—אַ נאַר, איך בין געווען אַ נאַר, אַן אמתער נאַר, געגלויבט יענעם אויף דעם וואָרט, אַז ער וועט מיט מיר חתונה האָבן און ער האָט מיך אָפּגענאַרט, אַוועקגעפאָרן!...

—אָ, וואָס דו האָסט זיך דערמאָנט?—געגנוג לאה! שוין צייט צו פאַרגעסן וואָס אַמאָל איז געווען. ביזט נישט שולדיק. מיט אַן עלנטע, ווי דו ביזט געוועזן נאָך פון קינדווייז אָן, האָט ערגערס געקאָנט פאַרקומען! גוט, וואָס דו ביזט אין דער צייט אַריינגעפאַלן צו אַזעלכע גוטע און לייטישע מענטשן, ווי די לעווינזאָנס.

נאָכדעם, ווי בעטיע האָט געעפנט איר האַרץ מיט אירע אַלע סודות, איז זי ווי אויפדאָסניי אויפגעלעבט געוואָרן.

—איך האָב עס געמוזט טון,—האָט זי געזאָגט לאהן, כאָטש איך האָב מיין מאַן געשוווירן, אַז חוץ אונזביידע, טאָר קיינער פון אונדזער חתונה נישט וויסן ביז ער וועט קומען צוריק. איך האָב אָבער אָנגעהייבן פילן, אַז איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. נאָכן קינפעט האָב איך איינגעזען, אַז איך קאָן זיך ווייטער נישט איינאָרדענען, ביז איך וועל דיר אינגאַנצן נישט דערציילן. און ווידער האָב איך מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, טראָגנדיק אַלצדינג אין זיך, רעדן מיט זיך, טראַכטן אַליין, טון אַליין, און טאָמער מאַך איך אַ פעלער? מען איז דאָך מער נישט, ווי אַ מענטש... איך גלויב, אַז מיין מאַן וועט מיך פאַרשטיין און וועט מיר מוחל זיין. וואָס זאָגסטו?

—וואָס רעדסטו, בעטיע, פאַר אַ נאַרישקייטן? דו טוסט דאָך אַלצדינג צוליב אים, צוליב אייער קינד!

פון דער צייט אָן האָט בעטיע אַלץ געטאָן מיט לאהס וויסן.

ביז אַהער פלעגט זי אַלץ טון אַליין, נישט קאָנענדיק פרעגן ביי אַ צווייטן, און איצט האָט זי אַלץ געטון זיכערער און פעסטער.

* *
*

ווען בעטיע איז אין צוויי וואָכן אַרום געקומען פון די ברעט-מאַנס אַהיים צו איר קינד, האָט זי לאה אויסגעפרעגט, ווי אַזוי זי האָט זיך דאָרטן איינגעאָרדנט.

—אויסגעצייכנט! איך וועל אַרבעטן, ווי פריער, אין פאַבריק און פון צייט צו צייט וועל איך קומען צו אייך: צו דיר און צו מיין קינד.

—און ווען דו פאָרסט אַוועק, פרעגט מען דיך וווהין דו פאָרסט?

—ערשטנס, וועט מיך קיינער נישט פרעגן. וואָס בין איך אַ קינד, וואָס איך דאַרף עמעצן אָפּגעבן אַ רעכענונג, וואָס איך טו מיט מיר? ברעטמאַן מיט די קינדער און דער פאַרוואַלטער האָבן מיך יאָ געפרעגט, האָב איך געזאָגט, אַז איך פאָר צו אַ מומען, און מער, מעגסטו זיכער זיין, וועט מען מיך שוין נישט פרעגן!

—נו, און ברעטמאַן האָט באַקומען בריוו פון דיין מאַן?

—באַקומען, באַקומען אויך מיטאַמאָל אַזאַ פעקל אַלטע בריוו, ווי איך אין אָדעס. איך האָב אוודאי געהאַט גרויס פאַרגעניגן, ווען איך האָב געלייענט זיינע בריוו, נאָר וואָס קומט אַרויס? קיין גוטע נייס האָב איך דאָרטן נישט געפונען. פון איין זאַך האָב איך זיך נאָר פון די בריוו דערוווסט, וואָס איך האָב אין מיינע בריוו נישט פאַרשטאַנען: יוסף שרייבט זיין פאָטער, ער זאָל אַריינטראָגן אין אַ קיעווער באַנק אַ גרעסערע סומע געלט, און די באַנק וועט אים שוין איבערשיקן, ווען ער וועט דאַרפן... ווי דו געדענקסט, שרייבט יוסף צו מיר, אַז טאָמער וועל איך באַדאַרפן געלט, קאָן איך באַקומען אין דער זעלבער קיעווער באַנק. דאָס איז איצט קלאָר פאַר מיר. יוסף זאָרגט פאַר זיין ווייב און קינד...—האָט בעטיע לייכט גע-שמייכלט.

—ווער דען זאָל זאָרגן פאַר אַ ווייב, אַז נישט אַ מאַן?—האָט לאה דערויף געענטפערט.—ווען זשע וועסטו פאָרן קיין קיעוו נעמען געלט?

—דערווייל דאַרף איך נישט, איך האָב נאָך אַליין אַ ביסל געלט און דערצו אַרבעט איך דאָך אין קאָנטאָר. איך באַקום הונדערט רובל אַ חודש. עס איז דערווייל איבערגענוג פאַר אונדז, נאָר אין דער היינטיקער מלחמה־צייט קאָן אַלץ פּאַרקומען און עס איז זייער גוט צו וויסן, אַז מיין מאַן האָט מיך מיטן קינד פאַרזאָרגט אויף יעדן פאַל. אָט דאָס האָב איך זיך דערוווסט פון יוספס בריוו צום שווער.

לאה האָט זיך צעלאַכט.

—וואָס לאַכסטו, לאה?

—דו רופסט ברעטמאַנען „שווער" און ער ווייסט אפילו נישט.

—וועט ער זיך דערוויסן שפּעטער. אייביק קאָן דאָך אַזוי נישט זיין!

—און פייגע האָט, נעבעך, טאַקע נישט דערלעבט, דו זאָלסט זי רופן „שוויגער"... אַ טייערע פרומע יידענע געוועזן!

—יאָ, אַ גרויס אומגליק, זיי זענען אַלע אַזוי דערשלאָגן פון איר טויט... זי איז געווען אַ זעלטענע גוטע און לייטישע פרוי,—האָט בעטיע געזיפצט.

—די קינדער אפשר יאָ זיי וועלן שוין קיין מאַמען נישט האָבן,—האָט לאה זיך אָנגערופן,—נאָר ברעטמאַן ווייס איך נישט... גלויב מיר, אַז עס וועט נישט אַוועקגיין קיין האַלב יאָר, וועט ער חתונה האָבן און וועט אפשר נאָך נעמען אַ יונג מיידל!

—הער שוין אויף צו רעדן נאַרישקייטן!—האָט בעטיע אָנגעשריגן אויף לאהן.

* *
*

זינט בעטיע האָט זיך אַזוי איינגעאָרדנט מיט איר קינד, איז איר אַראָפּ אַ שווערער שטיין פון האַרצן. דאָס לעבן איז איר געוואָרן גרינגער און זיכערער. עס איז איר אפילו זייער שווער געווען, וואָס זי האָט נישט געקענט אַלע טאָג זען איר קינד, וועלכעס עס איז געווען איר גאַנץ לעבן, אָבער עס האָט אַנדערש נישט געקענט זיין.

פון דער צייט אָן איז איר לעבן שטיל און רויק אַוועק. פון

פון טאָג צו טאָג איז זי שענער געוואָרן. זי האָט געבליט, ווי אַן אַכצן-יעריק מיידעלע.

פריער פלעגט זי זעלטן קוקן אין שפיגל, גאָר די לעצטע צייטן ווען זי פלעגט טראַכטן וועגן איר יוספן, האָט זי ליב געהאַט צוצוגיין צום שפיגל און האָט אַליין באַוווּנדערט איר שיינקייט.

— קיינמאָל האָב איך אַזוי גוט נישט אויסגעזען, ווי איצט! — האָט זי געטראַכט — ווען מיין יוסף זאָל איצט דאָ זיין מיט מיר און מיט אונדזער קינד!

און ווען לאה פלעגט איר זאָגן, אַז זי האָט נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט אויסגעזען, האָט זי געענטפערט:

— וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז יוסף קאָן מיך נישט זען!

— דו האָסט דאָך אים געשיקט אַ בילד פון דיר מיטן קינד?

— יאָ, אָבער וואָס קאָן מען וויסן פון אַ בילד! ער וואָלט באַדאַרפט זיין דאָ, דענסטמאָל וואָלט ער מיך געקאָנט זען.

און וואָס בעטיע האָט שענער אויסגעזען, אַלץ מער האָט איר געקרענקט, וואָס יוסף איז נישטאָ, און זי פלעגט זאָגן לאהן, דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן זי פלעגט זיך אויסרעדן איר האַרץ, צי יענע האָט יאָ פאַרשטאַנען אירע רייד, צי נישט פאַרשטאַנען:

— דו ווייסט, לאה, אַז שיין איז אַ מענטש נישט אייביק. די צייט פון שיינקייט ביי אַ מענטשן איז אַ באַשטימטע. זי ציילט זיך אין יאָרן. אין חדשים און אפילו אין טעג מיט שעהן. יעדער טאָג, וואָס גייט אַוועק פון מיין שיינקייט, יוגנט און געזונט וועט זיך שוין נישט אומקערן פאַר מיין יוספן און איך וואָלט וואָס לענגער געוואָלט זיין פאַר אים יונג, געזונט און שיין!

— ביזט אַ נאַר! — האָט לאה אויף איר אָנגעשריגן. — ביזט נאָך אַזוי יונג, און ווען דיין מאַן וועט קומען, וועסטו נאָך ווערן שענער, און קומען וועט ער! אייביק וועט ער דאָרטן נישט זיין, ער וועט קומען און עס קאָן זיין גאָר אינגיכן!

בעטיע פלעגט זיך פון אַזעלכע רייד ווייניק טרייסטן, און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געטראַכט, ווי אירע טעג גייען אַוועק אָן יוספן, האָבן אירע אויגן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און זי פלעגט לאַנג זיצן טרויעריק, מיט צונויפגעלייגטע הענט און אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

נאָר ווען זי פלעגט זיך געפינען אין קאַנטאָר ביי דער אַרבעט,

האָט זי וויניקער געטראַכט און זיך אויפגעפירט גלייך מיט אַלע אָנ-געשטעלטע, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס יונגע „מיידל" ליידט אַזויפיל.

ברעטמאַן, זינט בעטיע איז געקומען, איז מיטאַמאָל גאָר אויפ-געלעבט געוואָרן, אַזוי, אַז אין קאַנטאָר פלעגן די אָנגעשטעלטע צווישן זיך אין דער שטיל לאַכן, אַז זייער באַלעבאָס, זינט דאָס ווייב איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט זיך אָנגעהייבן גאָר צו בחורן... אפנים, אַז ער טראַכט וועגן חתונה האָבן און אַריינעמען אַ ניי ווייב צו זיך אין שטוב. טייל האָבן אפילו בסוד איבערגעגעבן, אַז אין קיעוו האָט ער שוין אָנגעקוקט צוויי כּלות.

בעטיע, אַרבעטנדיק אין קאַנטאָר מיט אַנדערע אָנגעשטעלטע אין איין צימער, האָט נישט ווילנדיק אויך געהערט רעדן וועגן דעם און האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק. זי האָט עס געהאַלטן פאַר רכילות, ווייל זי האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז נאָך אַזאַ זעל-טענער גוטער פרוי, ווי פייגע איז געוועזן, זאָל ברעטמאַן, אין זיינע יאָרן, וועלן חתונה האָבן און אַריינפירן אַ פרעמדע פרוי אין שטוב, ווו זיינע קינדער געפינען זיך.

זי האָט געהערט רעדן, אָבער זי האָט עס אָנגענומען פאַר פוס-טע רייד און האָט נישט געטראַכט וועגן דעם.

ברעטמאַן האָט אָפט בעטיען געמאַכט קאָמפּלימענטן, אַז זינט זי איז געקומען צופאָרן, ווערט זי וואָס אַ טאָג שענער. אָבער זי האָט זיינע קאָמפּלימענטן מיט אַ שמייכל אויף די ליפן דורכגעלאָזט און וויניק זיך אומגעקוקט אויף אַזעלכע רייד. אומעטום, ווו זי געפינט זיך נאָר צווישן מאַנסביל, אפילו אין אָדעס, ווען זי האָט באַדאַרפט איבערלעבן אַזאַ שרעקליכע צייט, האָט מען איר אויך געמאַכט קאָמ-פּלימענטן. קיין אַנדער שפּראַך פון מאַנסביל צו איר האָט זי נישט געהערט און זי פלעגט אפילו נישט באַמערקן אַזעלכע רייד, ווער שמועסט נאָך פון אַן עלטערן מענטשן, ווי ברעטמאַן. זי האָט גע-קוקט אויף אים, ווי אויפן פאָטער פון איר מאַן — איר שווער.

אָפטמאָל, ווען מען האָט פאַרבראַכט ביי אים אין הויז, פלעגט ער צווישן אַ שמועס, אָנעמען בעטיעס האַנט, דריקן און גלעטן זי, אויך אַמאָל זיך שפּילן מיט איר שיינעם קאָפּ בלאָנדע האָר, און בעטיע האָט עס אָנגענומען אַזוי נאַטירלעך, ווי אַ פאָטער שפּילט זיך מיט זיין אייגן קינד.

*

*

און אַט איז אַזוי אַוועק אַ קיילעכיק יאָר זינט פייגע איז געשטאָרבן. צום יאָרצייט האָט מען איר געשטעלט אַ טייערע מצבה, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלט.

פון דענסטמאָל אָן האָט ברעטמאַן אינגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן וועגן זיין פרוי. פייגעס בילד איז פון עמעצן איבערגעטראָגן געוואָרן אין פאַניס צימער און ברעטמאַנס בילד האָט מען אין דעם זעלבן קאַבינעט אויפגעהאַנגען אויף אַן אַנדער אָרט

קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אומגעקוקט און קיינער האָט נישט געפרעגט, ווער עס האָט דאָס געטון. פאַני איז געווען שטענ־דיק פאַרזאָרגט וועגן איר חתן און די קלענערע קינדער האָבן עס נישט פאַרשטאַנען.

די גרעסטע לאַנד-שדכנים האָבן איצט אָפּט אָנגעהייבן אַריינצו־קומען צו ברעטמאַנען, אָבער ער פלעגט זיי מכבד זיין מיט אַ גוטן מיטאָג, זיי אומקערן די הוצאות און זיי געהייסן אַוועקפאָרן געזונ-טערהייט, פונוואַנען זיי זענען געקומען.

אַלע אין קאַנטאָר האָבן וועגן דעם געוווּסט און מען האָט שוין אויפגעהערט צו רעדן פון אים, ווי פון אַ חתן. מען האָט אים שטאַרק געלויבט דערפאַר און בעזונדערס האָט אים בעטיע אָנגעהייבן זייער הויך שעצן פאַר אַזאַ אויפירונג נאָך זיין פרויס טויט.

אין קאַנטאָר האָבן די אָנגעשטעלטע, ווי שטענדיק ליב געהאַט צו רעדן צווישן זיך וועגן זייער באַלעבאָס און בכלל וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין הויף.

איינער האָט געזאָגט:

— ווי קאָן מען אַ מענטשן קענען! ביי זיין פרויס לעבן האָט דער אַלטער בדעה געהאַט אָפּצוגטן זיין אַלט ווייב און נעמען אַ נייע, אַ יינגערע, אַ שענערע, און איצט, ווען זי איז געשטאָרבן, טרייבט ער די שדכנים, ווי די הינט... הייגט גיי פאַרשטיי אַ מענטשן!

— וואָס-זשע, — האָט אַ צווייטער געזאָגט, —ווי קען אַזאַ מענטש חתונה האָבן? אַזאַ גרויסער מיליאָנער... ווי קען ער גאָר זיין גלייכן געפינען! אַז מען וועט אים אפילו געבן הונדערטס טויזנט רובל נדן, האָט עס ביי אים אויך קיין ווערט נישט! און אַריינעמען אַן אָרעמע, אין אַזאַ עשירות, פאַרגינט ער איר נישט און ער איז אפשר

טאַקע גערעכט אויך... ווער וואָלט דאָס געוואָלט? וואָרים אַז מען נעמט אַן אָרעמע פרוי, האָט זי מסתמא אָרעמע עלטערן, אָרעמע משפחה... וועלכער מיליאָנער וויל דאָס?

מען האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז די שדכנים האָבן אויפגע־הערט צו פאָרן און ביי אַלעמען איז געבליבן, אַז ברעטמאַן וועט נאָך זיין פאַרשטאָרבענער פרוי קיינמאָל נישט חתונה האָבן.

קאפיטל ניינצן.

היינט וועט עס געשען.

ברעטמאַנען איז שווער געוואָרן ווייטער צו בלייבן אין אַזאַ לאַגע. ער האָט געליטן. זיינע אַלע גליקלעכע געשעפטן זענען אים נישט געקראָכן אין קאָפּ און די לעצטע צייט איז ער ביי זיך גע־וואָרן זייער אָפּגעלאָזן.

—איך קאָן מער נישט וואַרטן, עס מוז געמען אַ סוף! וואָס בין איך אַ יונגערמאַנטשיק, וואָס איך זאָל עס לאָזן אויף יאָרן ציען אין דער לאַנגער באַנק אַריין? אויף וואָס וואַרט איך נאָך? פייגעס ערש־טער יאָרצייט איז שוין אַוועק און עס איז שוין צייט, איך זאָל מיין לעבן איינאָרדענען ווי עס דאַרף צו זיין. וואָס האָב איך פון מיינע גרויסע געשעפטן, פון מיין עשירות, ווען איך בין אָן איר אַזוי אומ־גליקלעך!

אַזוי האָט ברעטמאַן געטענהט מיט זיך אין דער לעצטער צייט. פון קיין זאַך האָט ער נישט געטראַכט. אפילו פון געשעפטן האָט ער אויך נישט געוואָלט הערן.

ער איז אין ערגעץ נישט געפאָרן און זיך אַרומגעדרייט עלנט און אַליין מיט זיין צעבראָכן האַרץ, נישט האָבנדיק מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן. עס איז ביי אים פעסט געבליבן, מער נישט אָפּצו־לייגן, אויפהערן יוצא צו זיין פאַר מענטשן און פאַר דער וועלט. זאָל מען זאָגן, וואָס מען וויל, ער האָט אַלץ געטון פאַר זיין פאַר־שטאָרבענער פרוי און איצט איז שוין צייט, ער זאָל עפּעס טון פאַר

זיך אויך! ער וויל אויך לעבן. זיין רייך און נישט לעבן איז זייער נאַריש, מעגלעך, די גרעסטע נאַרישקייט אויף דער וועלט.

און איינמאָל, ווען אין קאַנטאָר האָט זיך געענדיקט די אַרבעט און בעטיע האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, איז ער מיט איר מיטגעגאַנגען.

— בעטיע, — האָט ער איר אויפן וועג געזאָגט, — איך האָב מיט דיר וועגן אַ וויכטיקער זאַך איבערצורעדן. ווען וועסטו זיין ביי זיך אינדערהיים?

— איך בין שטענדיק אין מיין פרייער צייט אינדערהיים, אָדער ביי אייך אין הויז... איר קענט קומען ווען איר ווילט.

— ניין, ביי מיר אין הויז נישט... די קינדער וועלן אונדז שטערן... דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער.

— קומט צו מיר, ווען איר ווילט. יאָ, איך האָב זיך דערמאָנט, אַז היינט דאַרף איך זיין ביי די קינדער. מאָרגן אין אָוונט וועט נישט זיין צו שפּעט פאַר אייך?

— גוט, זאָל זיין מאָרגן.

— איך וועל וואַרטן ביי מיר אינדערהיים אויף אייך.

— זייער גוט, — האָט ברעטמאַן געענטפערט צעפרידן.

זיי זענען זיך צעגאַנגען, און ווען ברעטמאַן איז געבליבן אַליין, האָט ער אַ גליקלעכער געטראַכט, אַז ענדלעך איז געקומען די גוטע שעה און עס וועט קומען אַ סוף צו זיינע ליידן.

מאָרגן וועט געשען דאָס, אויף וואָס ער האָט אַזאַ לאַנגע צייט געוואַרט, געליטן, קיין נעכט נישט געשלאָפן און טאָג, ווי נאַכט, געחלומט.

מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן האָט ער אָנגעהייבן פּלאַנעווען, וואָס ער וועט רעדן מיט איר, און צווישן אַנדערן האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט נישט זיין פון די נאַראָנים, וואָס האָבן חתונה אין די עלטערע יאָרן פאַר אַ יונג ווייבל און מאַכן פון זייער ווייבל אַ שקלאַף פון אייפערזוכט און גייען איר נאָך אומעטום, ווי אַ שאָטן. ניין, ער וועט זיך אַנדערש אויפירן! ער קען בעטיען פאַר אַן אָרנטלעך קינד, היינט וואָס דאַרף ער שטערן איר פרייהייט. זאָל זי זיך לעבן, ווי זי פאַרשטייט. ער וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אונטערשייד פון זייערע יאָרן. ער וועט נישט זיין קיין נאַר,

ווי אַלע אַנדערע עלטערע מענטשן, זי צו צווינגען, צו לעבן אַזוי ווי ער.

ער וועט איר געבן פרייהייט, אַז זי זאָל זיך שטענדיק פילן גוט און גליקלעך פאַר אים, ער וועט זיך אַזוי אויפירן, אַז ער וועט פאַרדינען איר ליבע צו אים. נישקשה, ער מעג בעטיען אַלץ גע־טרויען, ווייל זי איז לייטיש און אָרנטלעך.

אַזוי, האָט ברעטמאַן געטראַכט, וועט ער איר זאָגן און קיין זאַך אויף דער וועלט וועט פאַר איר נישט זיין צו טייער, אַבי זי גליקלעך צו מאַכן.

און אַזוי ווי ברעטמאַן האָט שטענדיק ליב געהאַט צו טראַכטן וועגן זאַכן מיט אַ ברייטן מאַסשטאַב, איז אים איצט אויך איינגע־פאַלן:

— ווען איך וועל מיט בעטיען זיין גליקלעך, וועל איך צום אָנדענק פון אונדזער חתונה אויפבויען אַ שולע פאַר עטלעכע הונדערט קינדער און אַ בית־יתומים וועל איך אויסבויען. בעטיע האָט זייער ליב קינדער, און דאָס וועט איר זייער געפעלן. אַז איך וועל זיין גליקלעך, וועל איך טון אַלץ, אַז אַלע מיינע מענטשן זאָלן זיך פילן בעסער און האָבן אַ גוט האַרץ אויף מיר. אין מיינע קאַנטאָרן וועל איך אַלע מיינע מענטשן העכערן דאָס געהאַלט.

זיין ברייטע פאַנטאַזיע איז געגאַנגען ווייטער. ער וועט באַווייזן אַ זאַך, וואָס קיין פאַבריקאַנט האָט עס נישט געטון: אָן אַ שטרייק וועט ער העכערן אַלע אַרבעטער פון זיינע פאַבריקן זייער לוין, כאָטש פאַר קיין שטרייק האָט ער איצט קיין מורא נישט געהאַט, ווייל די פאַבריק האָט געאַרבעט פאַרן מיליטער, און ביי אַזאַ לאַגע האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן דעם.

און ער, ברעטמאַן, וועט דאָס באַווייזן. אַלע וועלן רעדן וועגן אים און מען וועט אים עפנטלעך לויבן. ווען ער וועט קומען אין פאַבריק, וועלן אַלע אַרבעטער קוקן אויף אים, ווי אויף זייערן אַ פריינט, ווי אויף זייערן אַ פאָטער, וואָס זאָרגט פאַר זיינע קינדער.

— בעטיען וועט אַזאַ זאַך זייער געפעלן. איך ווייס, אַז זי האַלט שטענדיק מיט די אַרבעטער און זי וועט זיך פילן גליקלעך, ווען די אַרבעטער מיט אַלע מענטשן וועלן נישט קוקן אויף איר ווי אויף אַ באַלעבאָסטע, נאָר ווי אויף זייערן אַ פריינט. און ווען מיין יוסף וועט קומען געזונטערהייט פון דער מלחמה און וועט זען, ווי

איך פיר זיך איצט אויף מיט די אַרבעטער, וועלכע קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פון מיר, וועט ער אוודאי זיין צופרידן און וועט זיך אויפ־הערן ברוגזן אויפן טאַטן.

זיין פאַנטאַזיע איז געפלויגן אַלץ העכער און העכער אויפן וועג פון גוטע מעשים, ווען ער וועט חתונה האָבן מיט בעטיען און וועט זיין דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט.

און אַז ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין הויז, האָט ער זיך געזאָגט:

—ווען איך וועל זיין גליקלעך, וויל איך, אַז אַלע אַרום מיר זאָלן אויך זיין גליקלעך!... די גאַנצע וועלט זאָל זיין גליקלעך!...

געקומען אַהיים, איז ער אין דעם אָוונט געווען אַזוי גוט און ליבלעך צו אַלעמען, אַז די קינדער האָבן זיך פּשוט געחידושט אויף אים.

פאַרברענגענדיק דעם אָוונט מיט זיי צוזאַמען, האָט ער געקוקט אויף זיינע קינדער מיט אַזעלכע ווייכע גוטע אויגן, אַז זיי זענען געווען גערירט. ער האָט זיך צו זיי געלאַשטשעט, געגלעט זייערע קעפּלעך, זיי געקושט און האַרציק געדריקט צו זיך.

די קינדער זענען געווען גערירט ביז טרערן און אים אויך געהאַלדזט און געקושט.

דידאָזיקע פאָטערלעכע געפילן צו זיך האָבן די קינדער אויס־געטייטשט דערמיט, וואָס דער פאָטער האָט זיך דערמאָנט אָן זייער גוטער פרומער פאַרשטאָרבענער מאַמען. דאָס האָט אים פול געמאַכט דאָס האַרץ מיט ליבע צו די קינדער.

אין דער נאַכט, ווען ברעטמאַן האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט ער אַזוי גיך נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן און ער האָט ווייטער געטראַכט:

—ווער ווייס? מאָרגן אין דער צייט וועל איך אפשר שוין קאָנען אַ גליקלעכער זאָגן, אַז בעטיע איז מיינע, מיינע אויפן גאַנצן לעבן! און בעטיע, ווידער, וועט קאָנען זאָגן: איך בין מיט איינמאָל געוואָרן אַ מיליאָנערשע, אַ באַלעבאָסטע פון די גרעסטע פאַבריקן אין לאַנד. אַלע וועלן רעדן וועגן מיין גליק, אלע וועלן מיך מקנא זיין!

אויף מאָרגן איז ברעטמאַן פריילעך און לעבעדיק אויפגעשטאַנען און זיין ערשטער געדאַנק איז געווען:

—היינט וועט עס געשען!...

*

*

אין דעם טאָג האָט בעטיע געאַרבעט אין קאַנטאָר, ווי געווינלעך. אויף ברעטמאַנס קומען היינט אין אָוונט צו איר האָט זי אויך געקוקט, ווי אויף אַ געוויינלעכע זאַך. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט מיט איר זיך צו באַראַטן וועגן פאַמיליען־ענינים, בפרט נאָך פון דער צייט, זינט זיין פרוי איז געשטאָרבן. ערשט נישט לאַנג האָט ער זיך מיט איר באַראַטן וועגן צונעמען אַ נייע לערערין פאַר די קלענערע קינדער.

היינט אָבער וויל ער קומען צו איר אַהיים וועגן עפּעס איבערעדן, און זי האָט גערעכנט, אַז ער וויל געוויס רעדן מיט איר וועגן פאַבין מיט ליזען, וועלכע האָבן געטראַכט אַוועקצופאָרן קיין קיעוו און אַריינטרעטן דאָרט אין דער שולע פון „רויטן קרייץ”. געוויס וויל ער נישט בלייבן אַליין און ער וויל זי בעטן, אַז זי זאָל ווירקן אויף די קינדער, זיי זאָלן ז׳אָס נישט טון, אים נישט איבערלאָזן און זיי זאָלן בלייבן אינדערהיים.

בעטיע האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז זי וועט אָנעמען אַלע מיטלען און איר גאַנצע ווירקונג אויף די קינדער, אַז זיי זאָלן בלייבן אינדערהיים און נישט פאַרלאָזן זייער עלנטן פאָטער, וואָס איז אַזוי געשטראָפט געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן און גאָט האָט ביי אים צוגענומען זיין פרוי און זיין פריינט אין לעבן.

זיצנדיק ביי אירע בוכהאַלטעריע־ביכער, האָט זי דעם גאַנצן טאָג נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פאַבין מיט ליזען, ווי אַזוי זי וועט מיט זיי רעדן און איינטענהן, — אַפּעלירן צו זייער געוויסן, אַז מען טאָר נישט איבערלאָזן אַזוי עלנט און אַליין זייער פאָטער, וועלכער איז אַזוי אומגליקלעך.

בעטיע איז געווען זיכער אין איר ערפאָלג, אַז זי וועט די קינדער קענען איבערעדן און צושטערן זייער פּלאַן, נאָר טאָמער נישט, וועט זי ליזען אויף קיין פאַל נישט לאָזן פאָרן און זי וועט מוזן בלייבן אינדערהיים.

—מילא, פאַביס אַריינטרעטן אין דער שולע האָט נאָך אַ שטיקל זין, יענע בענקט דאָך נאָך איר חתן און האָפט, אַז ווען זי וועט ווערן אַ שוועסטער פון „רויטן קרייץ”, וועט איר אפשר געלינגען צו

אַרבעטן אויף דעמזעלבן פּראָנט, ווו איר חתן געפינט זיך. מער ווי־ פֿון אַנדערע פאַרשטיי איך פאַניס ליידן און בענקעניש, אָבער ליזע, וואָס האָט זי צו פאָרן? ניין, ליזען ווער איך אויף קיין פאַל נישט לאָזן! זי מוז בלייבן אינדערהיים!

ווען ברעטמאַן איז אין דעם טאָג פאַרבייגעגאַנגען דעם צימער, ווו בעטיע האָט געאַרבעט און זיך באַגריסט מיט איר, האָט זי מיט גרויס מיטגעפיל געזאָגט צו אים:

— איך וועל היינט אין אָוונט וואַרטן אויף אייך ביי זיך אינ־ דערהיים, ווי מיר האָבן נעכטן אָפּגערעדט.

ער איז געווען אַזוי איבעראַשט פון אירע ליבלעכע ווערטער, אַז עס האָבן זיך אים שיער נישט אַרויסגעכאַפּט די ווערטער: „אַ דאַנק פאַר דיין גוטסקייט", נאָר ער האָט געכאַפּט צוריק און זיך אָנ־ גערופן:

— געוויס, געוויס וועל איך זיין היינט ביי דיר!

* *
*

עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, און ברעטמאַן האָט זיך גע־ לאָזט גיין צו בעטיען אַהיים זיכער און רויק. ער איז געווען גרייט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, אַוועקצולייגן צו אירע פיס. ער איז גרייט געווען אַוועקצוגעבן איר זיין לעבן. היינט פאַרוואָס זאָל זי, אַן אָרעם און עלנט מיידל, זיך אָפּזאָגן? טויזנטער, מיליאָנען אַזעלכע מיידלעך וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך!

גייענדיק און טראַכטנדיק וועגן בעטיען, איז אים איינגעפאַלן, אַז געוויס שטויסט זי זיך אָן וועגן וואָס ער וויל מיט איר רעדן. דער בעסטער באַווייז איז, אַז זי האָט אים היינט אַזוי ליבלעך אַליין דערמאָנט, אַז ער דאַרף היינט זיין ביי איר.

ברעטמאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין ביי איר, האָט זי זיך פאַרשעמט און איר ליב־ פנים האָט זיך אָנגעהייבן אַזוי שיין צו רויטלען.

דערביי האָט ער אַ שמייכל געטון.

ער איז אַריין אין בעטיעס צימער, און זי האָט אים ליבלעך באַגעגנט. זי האָט זיך אָנגערופן:

— איך וויל זייער טרינקען. אפשר אייך אויך אָנגיסן אַ גלעזל טיי?

—דיר קען איך נישט אָפּזאָגן. מיט פאַרגעניגן וועל איך טרינקען מיט דיר צוזאַמען. בעסער אָבער וואָלט נאָך געווען, ווען ביי דיר וואָלט זיך געפינען אַ פלעשעלע ראָם. איך האָב ליב טיי מיט ראָם.

— אַזעלכע זאַכן האָב איך נישט. איך וועל אייך געבן צוקער מיט לימענע צום טיי, — האָט זי געשפּאַסט.

ברעטמאַן האָט האַרציק געלאַכט. זיך אַנידערגעזעצט, האָט ער זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער און אָפּגעשטעלט זיינע אויגן אויף דער טיר.

בעטיע האָט פאַרשטאַנען זיין בליק, און זי האָט זיך אָנגערופן:

— זייט זיכער, הער ברעטמאַן, קיינער וועט נישט הערן, וואָס מיר וועלן דאָ רעדן. דאָס צימער שטייט באַזונדער און מיין באַלעבאָס מיט זיין פאַמיליע זענען צו פיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן צולייגן אַן אויער צו אַ פרעמדן שמועס.

ווען בעטיע האָט געבראַכט צוויי אָנגעגאָסענע גלעזער טיי, זיי אַנידערגעשטעלט אויף דעם טיש צוזאַמען מיט זיסע פאַרבייסנס און זיך אַליין אויך געזעצט צום טיש, האָט ברעטמאַן, נעמענדיק אַן ערנסטן טאָן, אָנגעהייבן:

— שוין לאַנג, זייער לאַנג, אַז איך האָב זיך געקליבן מיט דיר צו רעדן וועגן דעם, נאָר איצט איז געקומען די רעכטע צייט... איך בין מער נישט אומשטאַנד ווייטער עס אַזוי צו ציען...

בעטיע האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אים אויסגעהערט און געשוויגן, און ברעטמאַן האָט אַ שלונג געטון פונם טיי, האָט אָפּגעאָטעמט און ווייטער גערעדט:

—דו ווייסט, ווי איך בין עלנט און אַליין... יאָ, איך בין אַ בר־מזל. פון זינט עס האָט זיך אָנגעהייבן די מלחמה, ווער איך פון טאָג צו טאָג רייכער, עס שיט זיך אין מיין קאַסע געלד פון אַלע זייטן, און דאָך בין איך דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט! איך ווייס נישט פון קיין גליק. מיין פרוי האָט גאָט צוגענומען ביי מיר, מען קען זאָגן, אין מיינע בעסטע יאָרן. איך וויל און קען נאָך לעבן, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזויפיל חשק צום לעבן, ווי איצט...

און פאַרוואָס זאָל איך טאַקע נישט לעבן, בעטיע? איך פיל זיך נאָך אַזוי יונג און געזונט...

ברעטמאַן האָט ווידער געכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעזופּט אַ שלונג טיי און ווידער אָנגעהייבן:

— אַ מענטש אָבער, ווען ער איז עלנט און אַליין, און האָט נישט קיין ליבן מענטשן, מיט וועלכן ער זאָל קענען טיילן זיין גליק, זיין עשירות, זיין ערפאָלג אין לעבן, קען נישט זיין גליקלעך. יאָ, איך האָב טייערע געטרייע קינדער, איינס בעסער פון דעם אַנדערן, זיי זענען אַלע שיין, געבילדעט, לייטיש און זענען מיר זייער אי־בערגעגעבן... ווער פאַרמאָגט אַזאַ זון, ווי מיין יוסף! דו קענסט אים נאָך נישט, בעטיע! דו ווייסט נישט, ווער יוסף איז! איך קען באמת שטאָלצירן מיט מיין זון פאַר דער גאַנצער וועלט. ער האָט אַ גאָלדן האַרץ, שיין און געזונט, און קלוג, ווי די וועלט... און דערצו איז ער נישט גלאַט אַזוי אַ געבילדעטער מענטש, ער איז אַ גרויסער געלערנ־טער אין זיין פאַך. איך בין געווען נישט איינמאָל אין אויסלאַנד און איך האָב געהערט, וואָס זיינע פּראָפעסאָרן זאָגן וועגן אים. איך האָב געזען, וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט צווישן זיינע חברים — סטודענטן. צו זיין וואָרט הערן זיך אַלע צו, און ווען ער גייט אַרויס רעדן פאַר אַן עולם,—אין דער שווייץ מעג מען פריי רעדן,— טראָגט מען אים אויף די הענט, אָבער... אָבער...

— איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך פאַל אייך אַריין אין אייערע רייד... איך בין זייער דורשטיק און וויל אָנגיסן נאָך אַ גלאָז טיי. אפשר ווילט איר אויך? — האָט זיך בעטיע פּלוצים אָנגערופן און איז בלאַס געוואָרן.

— ניין, איך דאַנק...

בעטיע איז מיט איר גלאָז אין דער האַנט איילנדיק אַרויסגע־גאַנגען פון צימער...

דאָס גלעזל טיי, צוליב וועלכן בעטיע האָט ברעטמאַנען איבער־געלאָזן אינמיטן שמועס און אַרויסגעגאַנגען פון צימער, איז נאָר געווען אַן אויסרייד: ברעטמאַן האָט געהאַלטן אין איין רעדן מיט אַזויפיל פאָטערלעכער ליבע וועגן זיין זון — איר מאַן, און זי האָט בעת מעשה געמוזט שווייגן. עס האָט איר פאַרדריקט דאָס האַרץ. ער, אַלס פאָטער, איז געווען שטאָלץ מיט אַזאַ זון און זי האָט שטאָל־צירט, וואָס זי האָט אַזאַ מאַן. ער האָט זיין שטאָלץ אַרויסגעזאָגט,

זי האָט אויך געוואָלט דאָסזעלבע אַרויסזאָגן, אָבער זי האָט זיך מיט קיין האַלב וואָרט נישט געטאָרט אָנרופן און עס איז איר שווער געוואָרן. זי האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט אויסהאַלטן און אויסשיסן מיט אַ געוויין. זי האָט איצט געזוכט הילף אין אַ נאַרישן תּירוץ מיט טיי...

און דאָרטן, אין קיך, האָט זי זיך באַלד באַרויקט. זי האָט זיך איבערגעווישט דעם שטערן און איז אַריין צוריק אין צימער.

זי האָט נאָכאַמאָל געבעטן ברעטמאַנען, ער זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי איז אַוועקגעגאַנגען און זיך געזעצט לעבן טישל אויף איר פּלאַץ.

און ברעטמאַן האָט ווידער געצויגן דעם שמועס:

—יאָ, גאָט האָט מיך געבענטשט מיט אַלעם, אָבער ער האָט מיר צוגענומען די פרוי, מיין בעסטן פריינט און ביי די קינדער זייער מוטער. קעגן דעם קאָן אַ מענטש גאָרנישט טון. קיין טויטן קאָן מען לעבעדיק נישט מאַכן! ווי זאָגט מען, אין אַ טויטן מוז מען פאַרגעסן און עס איז ריכטיק אַזוי. דער לעבעדיקער דאַרף לעבן און מוז לעבן; נאָכשטאַרבן קאָן מען נישט! די צייט שטייט אָבער נישט. אָט וועט זיך ענדיקן די מלחמה, מיין יוסף וועט קומען געזונטערהייט צוריק, ער וועט געוויס אינגיכן חתונה האָבן, פאַני וועט אויך חתונה האָבן מיט גרינבערגן, און די איבריקע קינדער, איידער וואָסווען, וועט מען זיי שוין אויך דאַרפן פירן אונטער דער חופּה... קיין נדן פעלט זיי נישט און חתנים פעלן אויך נישט... קיין עין הרע, שיינע געראָטענע קינדער!

ברעטמאַן האָט זיך פּלוצים נאָכאַמאָל אומגעקוקט אויף אַלע זייטן פון צימער און ווידער זיך אָנגערופן:

— מיינע קינדער וועלן זיך בויען זייערע אייגענע נעסטן, און איך וועל בלייבן אַליין! שוין איצטער ווילן מיינע צוויי עלטערע טעכטער מיך אַוועקוואַרפן און ווערן „שוועסטער" פון „רויטן קרייץ". איך וויל אוודאי נישט, זיי זאָלן אַוועקפאָרן, אָבער טאָמער וועלן זיי זיך איינשפּאַרן און מיך נישט פאָלגן? קאָן מען דען היינטיקע קינדער צובינדן? אַזוי אָדער אַזוי, איך וועל מוזן בלייבן איינער אַליין... פאַרשטייסט, בעטיע, און דעריבער מוז מען חתונה האָבן...

וואָס ווייטער, איז ברעטמאַנען שווערער געוואָרן צו רעדן.

נישט ווילנדיק האָט איר געגומען קלאַפּן אין האַרצן.

זי האָט אים נישט געפרעגט, נאָר מיט דער גרעסטער פרויען־בייגעריקייט אָפּגעוואַרט, וואָס ער וועט ווייטער רעדן וועגן דער „פערזאָן", וואָס ער האָט זיך אויסגעפונען.

—נאָר געגוג רעדן מיט רעטעגישן!—האָט ער זיך פּלוצים מיט מוט אָנגערופן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

—איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן דיר, בעטיע... קיין בע־סערע פרוי פאַר מיר, ווי דו, וועל איך אויף דער גאַנצער וועלט נישט געפינען... דו ביזט מיין גרעסטער גליק... בעטיע, בעטיע...

עס האָבן אים געפייערט די אויערן, די אויגן, ער האָט קיין זאַך נישט געזען. ער האָט אפילו בעטיען נישט געזען. אַלץ אין צי־מער, די ווענט און דאָס מעבל האָבן זיך געדרייט פאַר זיינע צע־מישטע אויגן.

בעטיע, ווידער, איז געזעסן אויף איר שטול, ווי צוגעשמידט, זיך נישט באַוועגט. איר פּנים איז געווען בלאַס, די באַקן האָבן געצי־טערט און די ציין האָבן געקלאַפּט...

—וואָס איז מיט דיר, בעטיע?—האָט ער געפרעגט דערשראָקן.

—גאָרנישט,—האָט זי שטיל געענטפערט,—גאָרנישט...

—אָבער וואָס שווייגסטו?—האָט ער זי געפרעגט דערשראָקן, אָנ־כאַפּנדיק זי ביי דער האַנט, וועלכע איז געווען קאַלט.—בעטיע, בע־טיע!—האָט ער זי ווי געוועקט פון שלאָף.

עטלעכע מינוט זענען זיי אַזוי געזעסן, נישט אויסרעדנדיק קיין איינציק וואָרט. בעטיע איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן און ער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן אויף איר.

—עס איז גאָרנישט,—האָט בעטיע געעפנט די אויגן,—שוין אי־בערגעגאַנגען... עס איז פאַר מיר אַזוי אומגעריכט...

ברעטמאַן איז אַ ביסל פריילעכער געוואָרן, זעענדיק, ווי בעטיע איז געקומען צו זיך און אָנגעהייבן רעדן. ער האָט זיך באַרויקט און האָט איינגעפונען, אַז אַזוי האָט עס געמוזט זיין: אַ יונג מיידל, וואָס האָט דערווייל נישט געקאָנט טראַכטן פון חתונה האָבן, האָט זיך דערשראָקן פון אַזאַ פלעצלעכקייט... עס איז דאָך אַלץ אַזוי נישט נאַ־טירלעך.

ער האָט דאָך געפרעגט:

—וואָס־זשע, בעטיע, קאָנסטו מיר זאָגן פאַר מיין אַוועקגיין?

—איך ווייס נישט, איך קאָן נישט... אַלץ איז פאַר מיר אַזוי אומגעריכט...—האָט זי געענטפערט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער.

—נו, נו, בעטיע, דו ביזט גערעכט... האָסט עס נישט דערוואַרט. דו וועסט זיך אויסשלאָפן, גוט אויסרוען... איך פאַרשטיי דיך זייער גוט! איך וועל דיר זאָגן אַ „גוטע נאַכט" און מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר שוין קאָנען רעדן רויקער. מיין נישט, אַז מיר איז געווען גרינג אָנהייבן צו רעדן. נאָר איך האָב עס מער נישט געקאָנט אָפּציען, אָפּלייגן. פאַר דיר איז עס געווען אומדערוואַרט און איך האָב שוין אַזוי לאַנג געטראַכט וועגן דעם. נו, אַ גוטע נאַכט!... מאָרגן אין דער צייט וועלן מיר זיך ווידער זען... אַ גוטע נאַכט דיר, בעטיע, שלאָף געזונטערהייט!

ער האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויסרוקן, כדי זי זאָל איבערלייגן די זאַך און זיך באַרויקן.

ברעטמאַן האָט שוין אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט איר זיך צו געזעגענען, נאָר בעטיע האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זיך אָנגערופן.

—מאָרגן פאָר איך אַוועק...

—צו וואָס פאָרן און וווהין פאָרן?—האָט ער האַסטיק געפרעגט.

—איך מוז אַוועקפאָרן... זיך אַ ביסל אָפּרוען... עס איז פאַר מיר אַזוי אומגעריכט, אַז איך מוז קומען צו זיך...

—וווהין־זשע ווילסטו פאָרן?

—וווהין זאָל איך פאָרן? צו מיין מומען, ווו איך פאָר שטענדיק. איך קאָן איצטער אַליין נישט בלייבן... איך מוז קומען צו זיך... אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומגעריכט!...

בעטיע האָט די לעצטע ווערטער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

—אַ גוטע נאַכט, הער ברעטמאַן!...

קאפיטל צוואנציק.

אַ נייער פּלאַן.

ווען ברעטמאַן איז שוין געווען אויף דער גאַס, האָט ער טיף און לאַנג אָפּגעזיפצט.

— פּאָרט איז עס געשען... פּאָרט בין איך עס איבערגעקו-מען!... — האָט ער געזאָגט, זיך אָפּגעווישט דאָס פּנים מיטן טיכל און זיך אפּגעבלאָזן, ווי איינער אין אַ הייסן זומערטאָג.

ער איז בעצם געווען זייער צופרידן, וואָס ס'איז אַזוי געשען, און וועגן דעם, וואָס בעטיע איז אַזוי מבולבל געוואָרן, נישט געקענט רעדן און באַלד קיין ענטפער נישט געגעבן, איז עס ביי ברעטמאַנען געווען אַזוי באַטירלעך: אַ יונג עלנט מיידל, וואָס אַרבעט אַזוי שווער פּאַר הונדערט רובל אַ חודש, דערוויסט זיך פּלוצלונג, אַז זי קען ווערן אַ מיליאָנערס אַ פרוי און וווינען אין פּאַלאַצן און אין עשירות.

— זייער גלייך, וואָס זי פּאָרט זיך דורך אַ ביסל צו איר מו-מען. זי וועט געוויס מיט איר איבערעדן, זיך באַרויקן, און ווער וועט זיין קעגן אַזאַ גליקלעכן שידוך? זי וועט קומען אַ באַרויקטע צוריק און מיר וועלן שוין קענען וועגן אַלץ אָפּרעדן, ווי אַזוי איינ-צואָרדענען אונדזער לעבן, עס זאָל זיין גוט פאַר זיך און שיין פאַר לייטן.

אַזוי האָט ברעטמאַן געטראַכט דעם גאַנצן וועג, גייענדיק פון בעטיען צו זיך אַהיים.

שלאָפן אָבער האָט ער נישט געקענט: אין קאָפּ זענען כּסדר אַרומגעשפּרונגען די רעיונות, ווי אין אַ משוגענעם טאַנץ...

ער איז געבליבן זיצן אין די גרויסע שטרויענע שטולן, וועלכע זענען זומערצייט שטענדיק געשטאַנען אויף דעם גרויסן באַלקאָן, צווישן הויכע אויסגעוואַקסענע וואַזאָנעס מיט גרויסע בלעטער און בלומען.

אין דרויסן איז געווען שטיל, און מען האָט קוים באַמערקט, ווי די בלעטער וויגן זיך גרינג, און אויך פון דעם וואַלד האָט זיך פונדערווייטנס געהערט אַ שטילע באַוועגונג פון די ביימער.

ער האָט נאָך קיינמאָל נישט באַמערקט אַזאַ זעלטענע שיינע נאַכט און נישט געפילט, ווי די לופט האָט אַזוי גוט געשמעקט.

עס האָט זיך אים נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, ווי אַזוי ער וועט זיך איינאָרדענען מיט בעטיען, און זיין פאַנטאַזיע איז געפלויגן. פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט בויען אַ נייעם פּאַלאַץ פאַר זיין יונגער שיינער פרוי.

ער האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט אין זיין פּלאַן.

— ווי איז דאָס מיר פריער נישט איינגעפאַלן? ווי האָט ביי מיר געקענט רעכט זיין, איך זאָל מיין נייע פרוי אַריינפירן אין דעמזעלבן אַלטן הויז, וווּ מיין ערשטע פאַרשטאָרבענע פרוי האָט געלעבט. דיזעלבע ווענט, דאָסזעלבע שלאָפצימער, אַלץ, אַלץ דאָסזעלבע. דאָס וועט שלעכט ווירקן אויף בעטיען און אויך אויף מיר. אַלץ דאַרף זיין ניי און קיין זאַך דאַרף נישט דערמאָנען דאָס אַלטע, דאָס געוועזענע און דאָס אָפּגעשטאָרבענע. אַלץ דאַרף אונדז אַרומרינגלען מיט ניי לעבן, מיט יונגקייט און פרישקייט. אין דעם אַלטן הויז וועט וווינען יוסף אָדער פּאַני, אויב זיי וועלן נאָר וועלן, ווען זיי וועלן חתונה האָבן. פאַר זיי איז עס גאָרנישט, ווען די ווענט וועלן זיי דערמאָנען אין זייער פאַרשטאָרבענער מוטער, אָבער נישט פאַר מיר מיט בעטיען — פאַר מיין נייער פרוי.

זיין פאַנטאַזיע האָט נישט אויפגעהערט צו וואַקסן.

— איך וועל אויסבויען אַ פּאַלאַץ מיט די נייסטע איינאָרדענונגען און אפילו מיט אַ ווינטערגאָרטן, אַזוי ווי ביי די לאָדזער פאַבריקאַנטן! וואָס איז, איך קען זיך נישט דערלויבן? איך ווייס נישט, ווער עס איז איצט רייכער פון אונדז ביידע, ווען יעדער פון אונדז זאָל זיין קאַפּיטאַל קענען איבערציילן! אַ, אין זיינע פאַבריקן

רבעטן מער מיט אַ צוויי־דריי טויזנט אַרבעטער, איז עס נאָך ניש־
יין באַוויז. פּאָזנאַנסקי מיט אַלע זיינע קינדער האָבן באַזונדער־
אַלאַצן מיט ווינטערגערטנער, היינט פּאַרוואָס זאָל איך מיט מיין
פרוי זיך נישט דערלויבן אויסצובויען אַ פּאַלאַץ מיט אַ ווינטערגאָרטן?
עס פעלט מיר פּלאַץ אָדער געלט?

מיט דעמדאָזיקן געדאַנק איז ברעטמאַן סוף כּל סוף פאָרט איינ־געשלאָפן.

ווי יעדעס מאָל, ווען ברעטמאַן האָט עפּעס פּאַרטראַכט, האָט ער נישט ליב געהאַט עס אָפּצולייגן אין דער לאַנגער באַנק אַריין, און באַלד טאַקע זיך גענומען אויספירן עס.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער אַראָפּגעבראַכט זיין הויפּט־אינזשיניער פון קיעוו און אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע האָבן גע־זען, ווי ברעטמאַן מיט דעם אינזשיניער גייען אַרום איבער דער פאַבריק, באַטראַכטן דעם גרויסן פּלאַץ. מען פּלאַנעוועט, מען צייכנט און מען רעדט צווישן זיך.

די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון קאַנטאָר האָבן אַ גאַנצן טאָג געשמועסט וועגן ברעטמאַנען:

— ער פּלאַנעוועט שוין צו בויען אַ נייע דריטע פאַבריק, — האָט איינער געזאָגט.

— עס פעלט אים צו דער פּרנסה! — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

— עס איז אים אַלץ קאַרג, ער וויל אַריינכאַפּן די גאַנצע וועלט! — האָט אַ דריטער באַמערקט.

— ווער ווייסט, וויפל נייע אַרבעטער ער וועט דאַרפן אַריינגע־מען אין דער נייער פאַבריק? — האָט דער עולם אָנגעהייבן טרעפן.

— ווער קען אים וויסן מיט זיינע נייע פּלענער!

און אין דערזעלבער צייט האָט ברעטמאַן גערעדט מיט דעם אינזשיניער:

— איך וויל, אַז דער פּאַלאַץ זאָל מיט אַלע פענסטער אַרויס־קוקן צום וואַלד, נאָר די קיך און די „באַדינונג“ קען אַרויסגיין אין פעלד. דאָס פּאַלאַצל מיט די גלעזערנע באַלקאָנען דאַרף שטיין איינ־מיטן גאָרטן. בכלל זאָלט איר אַראָפּנעמען אַ מוסטער פון דעם אַלטן פּאָזנאַנסקיס פּאַלאַץ מיט זיין ווינטערגאָרטן. עס געפעלט מיר זייער זיין פּאַלאַץ!

— צו וואָס גראָדע פאָזנאַנסקיס, — האָט געענטפערט דער אינ־זשיניער. — מיר איז גוט באַקאַנט דער פּלאַן פון זיין פּאַלאַץ, אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז די טעכניק שטייט נישט אויף איין אָרט. דער פּאַלאַץ, וואָס איר ווילט בויען, וועט זיין שענער. ער וועט זיין דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק!

ברעטמאַן האָט פאָרגעשלאָגן דעם אינזשיניער, אַז דער פּאַלאַץ זאָל אין איין ווינקל האָבן אַ הויכן טורעם, מיט אַ שיין גרויס צימער, מיט פענסטער פון אַלע זייטן, אַז מען זאָל קענען זען וויאָרסטנווייט אַרום און אַרום.

— איך האָב זייער ליב אויף אַזאַ שטיל הויך אָרט זיך אָפּ־צורוען און טראַכטן אַ ביסל וועגן דער וועלט אַרום אונדז. איך האָב עס זייער ליב!

— אַזאַ טורעם קען מען יאָ מאַכן, — האָט דער אינזשיניער גע־זאָגט.

עס איז צווישן זיי געבליבן, אַז נישט שפּעטער, ווי אין אַ חודש אַרום, זאָל מען אָנהייבן צו פירן אויף דעם פּלאַץ בוימאַטער־יאַלן און עס זאָל זיך אָנהייבן אַן אַרבעט.

—איר ווייסט דאָך, — האָט ברעטמאַן געזאָגט מיט אַ שמייכל,— אַז איך פאַרטראַכט עפּעס, האָב איך עס נישט ליב אָפּצולייגן... גע־זאָגט און געטון! אַזוי האָב איך ליב... אַזוי האָב איך געבויט מיינע פאַבריקן, אַזוי האָב איך געפירט מיינע געשעפטן. איך האָב פיינט, ווען עס ציט זיך! און איך האָב נישט קיין טענות צו דעם, וואָס לעבט אייביק!

— אוודאי, אַזוי פירן זיך אויף אַלע ענערגישע מענטשן,—האָט דער אינזשיניער צוגעגעבן.

דער אינזשיניער איז אַוועקגעפאָרן און ברעטמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן: וואָס וועט בעטיע זאָגן, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז ער בויט פאַר איר אַ באַזונדערן פּאַלאַץ.

נאָך דעם אינזשיניערס אַוועקפאָרן האָבן זיך אַלע אין פאַבריק דערוווסט וועגן דעם נייעם בנין און יעדער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס: צו וואָס דאַרף ער אַ נייעם פּאַלאַץ? און מען האָט ווידער אָנגעהייבן צו רעדן וועגן דעם:

— וואָס דאַרף מען זיך וונדערן? יעדער מיליאָנער האָט זיך זיין משוגענע פאַנטאַזיע.

— ער האָט נישט וואָס צו טון. ער ווערט משוגע פון ווייל־טיק און ליידיקגיין. אָט ווער ער האָבן אַן אַרבעט אַלטונג צו געבן, ווי מען בויט. עס פעלט אים געלט, צי וואָס?

— ער האָט מורא צו שלאָפן אין זיין אַלט הויז, זיין פאַרשטאָרבענע ווייב זאָל אים נישט קומען ווארגן... בויט ער פאַר זיך אַן אַנדער הויז, — האָט מען זיך געווערטלט.

און אין פאַבריק האָט מען געהאַט פון וואָס צו לאַכן.

ביסלעכווייז האָט מען אויף דעם פּלאַץ, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן צו בויען דעם נייעם פּאַלאַץ, אָנגעהייבן צו פירן בוימאַטער־יאַלן: ציגל, געהילץ, אייזן, שטיינער, זאַמד און קאַלך, און מען האָט אָנגעהייבן גראָבן אַ פונדאַמענט.

ברעטמאַן האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט דער נייער גע־ביידע, אַז ער האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט צווישן די אַרבעטער מיט דעם בוי-מייסטער און האָט נישט אויפגעהערט מיט אים צו רעדן וועגן פּאַלאַץ.

ער איז עפּעס גאָר יינגער געוואָרן, באַוועגלעכער, לעבעדיקער, און האָט נישט אויפגעהערט צו שיטן מיט גלייכווערטלעך.

ווער עס האָט זיך נאָר באַדאַרפט זען מיט ברעטמאַנען, האָט געוווּסט, אַז מען קען אים געפינען אויף דעם פּלאַץ פון דער געביידע און דאָ האָט מען מיט אים געקאָנט רעדן.

אויך דער פאַרוואַלטער פערעלמאַן, ווען ער האָט באַדאַרפט זען זיין באַלעבאָס וועגן געשעפט, אָדער אונטערשרייבן נייטיקע פּאַפּירן, האָט ער מיט זיין פּאָרטפעל געמוזט גיין אויף דעם פּלאַץ און דאָרטן ערגעץ אויף אַ ברעט, אָדער אויף אַ קלאָץ האָט ברעטמאַן טיילמאָל אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, וואָס האָט געהאַט אַ ווערט פון הונדערטער טויזנטער רובל.

דאָ האָט ער אָפט אויך ליב געהאַט צו פאַרהאַלטן די מענטשן, וואָס זענען געקומען צו אים און ער האָט מיט זיי מער גערעדט וועגן זיין נייעם פּאַלאַץ, וואָס בויט זיך איצט, ווי וועגן געשעפטן, און באַ־זונדערס האָט ער ליב געהאַט צו פאַרהאַלטן זיין פאַרוואַלטער.

— וואָס זאָגסטו עפּעס, פערעלמאַן, צו דעם פּאַלאַץ?

און דערביי האָט ער פאַר אים צעוויקלט אַ גרויס פּאַפּיר, ווו עס איז געווען אָנגעצייכנט מיט פאַרבן דער גאַנצער פּלאַן פון דער געביידע.

— איך בין זיכער, — האָט ברעטמאַן ווייטער גערעדט, — אַז מיין פּאַלאַץ וועט זיין פיל שענער, ווי פּאָזנאַנסקיס, און פאַרוואָס נישט? אים מעג אָנשטיין פאַר זיך און פאַר אַלע זיינע קינדער צו האָבן באַזונדערע פּאַלאַצן? מעג מיר אוודאי אָנשטיין! וואָס, מיינסטו, איז דער אַלטער פּאָזנאַנסקי געווען אַמאָל? ער איז געווען אַ מענטש ביים לאָדזער פאַבריקאַנט שייבלער. קיין נאַר איז ער נישט געווען און האָט זיך צוגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אין שייבלערס פאַבריק און האָט דערנאָך אַליין געעפנט אַ קליין פאַבריקל און געאַרבעט די-זעלבע סחורה, וואָס שייבלער. איצט, פאַרשטייסטו, איז ער דער גרויסער פּאָזנאַנסקי, ביי וועלכן עס אַרבעטן איבער צען טויזנט אַרבעטער! אָט דאָס איז דער גאַנצער פּאָזנאַנסקי, וועגן וועלכן מען רעדט אַזויפיל, ווי פון אונדזערע בראָדסקיס!

—און איך,—האָט ברעטמאַן ווידער דערציילט,—בין איך געווען אַ מענטש ביי די לעווינזאָנס און איצטער בין איך אַרנאָלד ברעטמאַן און בוי פאַר מיר נאָך אַ שענערן פּאַלאַץ, ווי פּאָזנאַנסקיס. אמת, מען רעדט נישט וועגן מיר אַזוי ווי פון די בראָדסקיס מיט די פּאָזנאַנסקיס, אָבער וואַרט אויס אַ ביסל, וועט מען וועגן אַרנאָלד ברעטמאַנען אויך אַזוי רעדן!

פּערעלמאַן האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט, טראַכטנדיק ביי זיך, אַז דער מענטש ווערט משוגע פון ווילטיק.

— וואַרט אויס, פּערעלמאַן, — האָט ברעטמאַן ווידער אָנגעהייבן, — באַלד ווי עס וועט פאַרטיק ווערן דער פּאַלאַץ, הייב איך אָן צו בויען שולן פאַר קינדער און אַ גרויסן שפּיטאָל וועל איך אויך אויסבויען. זאָל די וועלט וויסן! ביי דעם פונדאַמענט לייגן וועל איך איינלאַדן די גרעסטע לייט פון גובערניע. עס וועלן זיין דער גובערנאַטאָר, גענעראַלן און נאָך באַרימטע לייט. אַלע וועלן רעדן און די צייטונגען וועלן שרייבן וועגן מיר... וואַרט נאָך אויס אַ ביסל!...

בעת ברעטמאַן האָט גערעדט וועגן בויען שולן און אַ שפּיטאָל, האָט ער אַלץ געטראַכט, אַז דאָס וועט געשען צו זיין חתונה מיט בעטיען, ווען זי וועט זיך אַריינציען אין דעם נייעם פּאַלאַץ. און פּערעלמאַן, הערנדיק אים דערציילן, וואָס פאַר אַ גוטע זאַכן ער וויל טון פאַר דעם כלל, האָט ביי זיך געטראַכט, אַז דער אַלטער טראַכט שוין וועגן יענער וועלט. ער האָט אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַרן טויט, וויל ער ווערן אַ בעל-תשובה און פאַרגלעטן זיינע בייזע מעשים,

וואָס ער האָט אָפּגעטון אין זיין לאַנג לעבן.

שטייענדיק אַזוי אויף דעם פּלאַץ און רעדנדיק מיט דעם פּער-וואַלטער, האָט מען ברעטמאַנען געבראַכט אַ בריוו, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען מיט דער פּאָסט.

איבערקערנדיק דעם בריוו אויף אַלע זייטן, האָט ברעטמאַן מיט פרייד אויסגעשריגן:

— אַ בריוו פון מיין יוספן!

ער האָט איבערגעלייענט פאַר זיך דעם בריוו. פּערעלמאַן האָט געוואָלט אַוועקגיין, נאָר ברעטמאַן האָט אים מיט דער האַנט אָנגע-וויזן, ער זאָל בלייבן, און ווען ער האָט געענדיקט לייענען, האָט ער מיט פרייד זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, וואָס מיין יוסף שרייבט? אָט וועל איך פאַר דיר איבערלייענען, שטיי נאָר אַ ווײַלע.

און ער האָט גענומען לייענען:

„דאָ ביי אונדז רעדט מען שטאַרק, אַז אינגיכן וועט שלום ווערן און עס וועט זיין אַ סוף צו דער שרעקלעכער מלחמה. קיינ-מאָל האָט מען אַזוי שטאַרק נישט גערעדט וועגן שלום ביי אונדז, ווי אין דער לעצטער צייט. איך בין זיכער, אַז ביי איך גייען אויך איצטער אַרום אַזעלכע קלאַנגען".

—איצטער, פּערעלמאַן,—האָט ברעטמאַן פריילעך געזאָגט,—ווייסטו שוין וואָס ער שרייבט, און אַז מיין יוסף שרייבט וועגן שלום, ווייסט ער מסתמא וואָס ער רעדט!

פּערעלמאַן, וואָס האָט אויסגעהערט מאַנכע שטעלן פון בריוו, האָט געוווּנטשן זיין באַלעבאָס, אַז יוסף זאָל וואָס גיכער קומען אַהיים, און האָט געוואָלט אַוועקגיין אין קאַנטאָר, אָבער ברעטמאַן האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

— וואָס איילסטו זיך אַזוי? די קאַנטאָר וועט נישט אַנטלויפן. וואַרט נאָך אַ ווײַלע.

— עס וואַרטן אויף מיר מענטשן.

— נישקשה, עס איז דאָ אין קאַנטאָר, ווער עס זאָל זיי ענט-פערן. דער בריוו האָט מיך אַזוי דערפרייט, איך בין אַזוי גליקלעך, אַזוי גליקלעך!

עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אָנגעשטעלטער פון קאַנטאָר, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און געהייסן דעם בריוו אַוועקטראָגן אַהיים צו

זיינע קינדער. נאָר באַלד האָט ער דעם בריוו צוריק צוגענומען מיט אַ פריילעך געלעכטער און האָט געזאָגט:

— ניין, אַזאַ מצווה וויל איך אַליין פאַרדינען... איך וועל שוין אַליין איבערגעבן די קינדער דעם בריוו.

און גייענדיק אַהיים, האָט ער געזאָגט פערעלמאַנען:

— קום, מיר וועלן באַלד גיין צוריק אין פאַבריק.

אויפן וועג האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין פאַרוואַלטער:

— דו ווייסט, פערעלמאַן? ווען יוסף וועט קומען אַהיים, וועט אוודאי לאַנג נישט דויערן און ער וועט חתונה האָבן. ביי פאַנין וועט אויך גיך זיין חתונה, וועל איך פאַר די קינדער אַוועקגעבן דאָס אַלטע הויז. מען וועט דאָס הויז צוליב זיי אינגאַנצן רעמאָנטירן, און איך וועל וווינען אין דעם נייעם פאַלאַץ. מיט אויסגעגעבענע קינדער, פאַרשטייסטו, וווינען צוזאַמען, איז נישט גוט... וואָס זאָגסטו, פערעלמאַן?

— איר האָט רעכט, מיט אויסגעגעבענע קינדער, אפילו מיט אַזעלכע טרייע קינדער, ווי אייערע, איז אויך נישט פון די בעסטע זאַכן צו וווינען...

ווען פערעלמאַן האָט זיך געלאָזט גיין אין קאַנטאָר, האָט ער זיך געפרעגט.

— צו וואָס דאַרף אַ מענטש אַליין פאַר זיך אַ פאַלאַץ?

און ער האָט זיך געענטפערט:

— געוויס וועט ער נאָר איין זייט צימערן באַוווינען און די צווייטע זייט וועט זיין פאַר געסט... ער האָט דאָך שטענדיק ליב, אַז דער גובערנאַטער מיט אַלע גענעראַלן, ווען זיי פאָרן פאַרביי, זאָלן ביי אים אין הויז זיך אָפּשטעלן.

און ווידער האָט פערעלמאַן צו זיך געזאָגט: זאָל ער זיך וווי-נען מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. ער ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס צו טון פון ווילטיק — מיין געשעפט!...

קאפיטל איינאונצוואנציק.

די קללה

בעטיע איז ביי לאהן געוועזן אַן אומגעריכטער גאַסט.

ווען בעטיע איז דאָס לעצטע מאָל אַוועקגעפאָרן, האָט זי גע־אָגט, אַז זי וועט קומען אין דריי וואָכן אַרום. צום סוף איז זי גע־קומען מיט צען טעג פריער, ווי זי האָט געזאָגט.

—וואָס איז געשען?—האָט לאה זי באַגעגנט און זיך בעת מעשה אַ ביסל געחידושט.

—גאָרנישט... איך האָב זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך דעם קינד. אָ, איצטער וועל איך שוין אַזוי גיך נישט אַוועקפאָרן פון מיין גיטע־לען!—האָט בעטיע געזאָגט און אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם אויבערשטן מאַנטל און איז צוגעגאַנגען צום קינד, איבערבויגנדיק דעם קאָפּ איבער זיין בעטעלע.

—מיין טייער קינד,—האָט זי אָנגעהייבן מיט טרערן אין די אויגן אויסצוקושן דאָס קליינע קעפּעלע.—מיין טייער מיידעלע, ווען דו וואָלסט וויסן, ווי דיין מאַמע ליידט! ווען דיין טאַטע זאָל עס וויסן!—און טרערן האָבן זיך ביי איר אָנגעהייבן גיסן.

—וואָס איז פאַר אַ וויינען?—האָט לאה מיט שרעק אויף איר אָנגעשריען.—וואָס פייניקסטו דאָס קינד? וואָס איז פלוצים אַזוינס גע־שען?

—אוי, לאה, מיין טייערע לאה, ווען דו זאָלסט וויסן!—האָט זיך בעטיע אַרויפגעוואָרפן אויף איר האַלדז.—ווען דו זאָלסט וויסן!

לאה האָט זיך צעוויינט, אָבער באַלד האָט זי זיך באַרויקט.

—נו, גענוג! געפאָרן אַזאַ וווייטן וועג, ביזטו אוודאי הונגעריק? נעם בעסער פריער עפּעס אין מויל אַריין און דערנאָך וועסטו דער־ציילן.

לאה איז געלאָפן אין קיך מאַכן אַ גלעזל טיי און צוגרייטן עפּעס עסן, איבערלאָזנדיק בעטיען מיט דעם קינד, וואָס האָט עס גע־כאַפּט אויף די הענט, געדריקט עס צום האַרצן און זיך פּלוצים שטאַרק צעלאַכט.

—אָט אַזוי האָב איך ליב,—איז לאה אָנגעלאָפן מיט פאַרקאַ־טשעטע אַרבל,—בעסער לאַכן, ווי וויינען!

—עס איז צום לאַכן און צום וויינען, לאה, עס איז שרעקלעך!

—ביזט משוגע און ווייטער גאָרנישט! לאָז מיך נאָר מאַכן פאַר דיר עסן, וועסטו מיר דערנאָך דערציילן,—האָט לאה געזאָגט און איז ווידער אַוועק אין קיך אַריין.

דאָס קינד האָט געקוקט אויף איר מוטער און אָנגעהייבן לאַכן, קווועלן און זיך געדריסן שפּילן מיט דער מאַמעס האָר, און געוואָלט מיט אירע קליינע הענטעלעך אַרויסרייסן פון דאָרט די גרויסע בלישטשעדיקע שיינע קעמעלעך.

—מיין טייער קינד, וואָס וואָלט איך געטון אָן דיר? מיין טרייסט, מיין לעבן, מיין וועלט! ניין, מיין קינד, איך וועל דיר שוין מער נישט פאַרלאָזן און בענקען אַזוי שטאַרק. איך וועל שטענדיק, שטענדיק שוין זיין מיט דיר!

דאָס קינד האָט זיך נישט אויפגעהערט צו רייסן מיט אירע קליינע ווייסע הענטלעך צו דער מוטערס קאָפּ.

בעטיע האָט אַרויסגענומען דאָס שענסטע קעמעלע פון איר קאָ־האָר און געגעבן דעם קינד זיך שפּילן.

לאה האָט געבראַכט טיי און עסן.

—דאָס מויל איז ביי מיר, ווי פאַרמאַכט... איך קאָן נישט עסן!

—דו מוזט עסן,—איז לאה נישט אָפּגעשטאַנען.

בעטיע האָט קוים אויסגעטרונקען אַ האַלב גלאָז טיי, עפּעס צו־נעקייט און אַוועקגעשטעלט דאָס עסן.

—דאָס מויל איז מיר, ווי פאַרשלאָסן,—האָט בעטיע געזאָגט און טרערן האָבן זי ווידער אָנגעהייבן שטיקן.

—אוי, לאהניו, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַן אומגליק עס

איז געשען, ווען דו זאָלסט וויסן!

—וואָס שרעקסטו מיך, דערצייל מיר בעסער, דו ציסט מיר אַרויס די נשמה.

און בעטיע האָט מיט שטיקנדיקע טרערן איר דערציילט אַלץ וועגן ברעטמאַנען און אויך וועגן דעם אָוונט, וואָס ער איז געווען בײַ איר אינדערהיים און פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן.

לאה האָט אויסגעשפּיגן דריי מאָל און נישט מיט איר קול אָנגעהייבן צו שרייען:

— אַזאַ אַלטן תּרח, אַזאַ עכּברוש! ער דאַרף זיך שוין גראָבן אַ קבר, האָט זיך אים פאַרגלוסט חתונה האָבן מיט אַזאַ יוגנט, און מיט וועמען? — מיט בעטיעלען! ווען איך זאָל געווען זיין דערבײַ, וואָלט איך אויסגעזעצט אַלע זיינע אַריינגעשטעלטע גאָלדענע ציינער! נו, אַן איינפאַל פון אַזאַ תּרח און אַן עכּברוש! וואָס־זשע האָסטו אים געענטפערט, אָט דעם ימח-שמוניק! האָסטו אים נישט אַרויסגעוואָרפן פון שטוב? אָ, ווען ער טרעפט אָן אויף מיר!

— שריי נישט אַזוי, לאה, שעלט אים נישט, זידל אים נישט! אָט דאָס איז דאָך דאָס גרויסע אומגליק, וואָס ער איז מיר נישט קיין פרעמדער... ער איז דאָך דער פאָטער פון מיין מאַן און דער זיידע פון מיין קינד, און ווען ער זאָל וויסן, וואָלט דאָך דאָס נישט געקאָנט געשען. אָט אין דעם ליגט דאָך דער שרעק, אַז ווען איך טראַכט וועגן דעם, ציטערן אין מיר אַלע איברים ביז משוגע צו ווערן! טו נאָר, לאה, אַ טראַכט, וואָס דאָ קומט פאָר: ער וויל נישט נאָר חתונה האָבן, ווי עס קומט אָפט פאָר בײַ אַן עלטערן מענטשן, ווען ער בלייבט אַן אלמן, עלנט און אַליין, נאָר ווי עס ווייזט אויס, איז ער פאַרליבט אין מיר ביז צום שטאַרבן, ביז משוגעת! אָט דאָס איז שרעקלעך!

— זאָל דער אַלטער תּרח צו אַלדע שוואַרצע יאָר חתונה האָבן מיט זיין גלייכן און נישט מיט אַזאַ בלוט-יוגנט, ווי דו! — איז לאה אַריינגעפאַלן אין די רייד.

— דו פאַרשטייסט מיך נישט, לאה! אָט אין דעם ליגט דאָך דאָס גאַנצע אומגליק, די גאַנצע קאַטאַסטראָפע, וואָס ער איז פאַרליבט אין זיין זונס פרוי...

— אוודאי, אַנדערש שטייט אים נישט אָן, נאָר צו זיין פאַר־

ליבט אין אַזאַ פּאַרשוין, קיין עין-הרע, ווי דו... וועלכער מאַנסביל איז דען אין דיר נישט פאַרליבט? אַ סך אַזעלכע שיינע איז דען דאָ, ווי דו? דו ווייסט דאָס אַליין, אַזוי ווי איך!

— הלוואי וואָלט געווען אַנדערש, — האָט בעטיע געענטפערט טרויעריק. — הלוואי וואָלט איך בעסער זיין אַ קאַליקע און מיאוס, ווי די נאַכט. מיין שיינקייט פאַראומערט מיר שטענדיק דאָס לעבן און איצט וועט עס מיר דערגיין מיינע יאָרן. ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן? אפילו ווען מיין יוסף וועט קומען און ער וועט זיך מוזן דערוויסן פון אַלץ — וואָס וועט דענסטמאָל געשען! ווער ווייסט, וואָס עס וועט פאָרקומען! אָרעמער יוסף. וויפל ליידן וועט עס אים פאַרשאַפן! ער וועט דאַרפן אַלץ וויסן, איך וועל דאָך קיין זאַך פון אים נישט פאַרבאָרגן!

און בעטיע האָט זיך ווידער צעוויינט אויף אַ קול, ווי איינער באַוויינט אַ טויטן.

— גלויב מיר, לאה, — האָט בעטיע גערעדט כליפּענדיק, שטיקנדיק זיך אין די טרערן, — ווען נישט מיין יוסף, וואָלט איך מיט עפּעס אַזאַ סם זיך אַזוי קאַליע געמאַכט דאָס פּנים, אַז מען זאָל אויפהערן צו קוקן אויף מיר, ווי אויף אַ שיינע... וואָרים פאַר מיר איז מיין שיינקייט אַ קללה. פאַר אַנדערע איז שיינקייט אַ ברכה פון גאָט, נאָר פאַר מיר איז עס אַן אמתע קללה... ווען נישט מיין יוסף! נאָר צוליב אים וויל איך זיין שיין!

און בעטיע האָט באַוויינט איר שיינקייט, ווי דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס איר האָט געטראָפן.

— גאָט איז מיט דיר! — האָט לאה מיט שרעק זיך אָנגערופן. — וואָס רעדסטו אַזעלכע משוגעתן? זאָל ער גיין צו אַלדע שוואַרצע יאָר! טראַכט גאָרנישט וועגן דעם אַלטן תּרח! איך וועל דיך שוין מער נישט אָפּלאָזן פון מיר, דו דאַרפסט נישט און טאָרסט נישט אַרבעטן אין פאַבריק, איך וועל דיך נישט אַוועקלאָזן!

— דו ביזט טאַקע גערעכט, לאה. ווייניק מאַנסלייט האָבן זיך צו מיר געשדכנט — ווען האָב איך גערעדט וועגן זיי? ווען האָב איך געטראַכט פון אַזעלכע? אָבער דו ווילסט נישט פאַרשטיין, לאה, אַז דאָס איז עפּעס אַנדערש. ער איז דאָך מיינער אַ פאַטער! ער איז נישט שולדיק, וואָס ער איז אין מיר פאַרליבט! ער ווייס דאָך פון קיין זאַך נישט! ווער ווייסט, אפשר, ווען ער וועט זיך דערוויסן פון

אַלץ, וועט עו איר זיין אַ געטרייער פאָטער און אַ ליבער זיידע פאַר מיין קינד! ווער ווייסט, מיט וואָס דאָס אומגליק קען זיך אויס־לאָזן? דו זאָגסט, אַז איך דאַרף מער אין פאַבריק נישט אַרבעטן, דו ביזט אוודאי גערעכט, נאָר ווי אַזוי קען איך זיך פון מיין מאַנס פאָטער מיט זיינע קינדער, וועלכע איך האָב ליב, ווי אייגענע שוועס־טער, זיך דערווייטערן? דו פאַרשטייסט, לאה, וואָס דאָ טוט זיך? איך ווייס אַליין נישט, וואָס צו טון און ווי אַזוי זיך אויפצופירן! איך ווייס אַליין נישט און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל מיר אַ גוטע עצה געבן... סיידן עס זאָל געשען אַ נס און מיין מאַן זאָל וואָס גי־כער קומען פון דער מלחמה. אָן אים וועל איך דאָ משוגע ווערן! איך קען שוין מער נישט איבערטראָגן!

— באַרויק זיך, בעטיע, און שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ אָט דעם אַלטן תּרח—זאָל ער זיך אָנצינדן צוזאַמען מיט זיין פאַבריק! — האָט לאה זיך געבעטן ביי בעטיען און געשאָלטן ברעטמאַנען מיט טויטע קללות.

— איך בעט דיך, לאה, שעלט אים נישט! איך רעד און רעד צו דיר און דו פאַרשטייסט מיך נישט. שעלט אים נישט, איך בעט דיך, וואָרים דו שעלטסט מיך!...

דער איינציקער מענטש, פאַר וועמען בעטיע האָט געקענט אויסגיסן איר פאַרביטערט האַרץ, איז אפילו געווען לאה, אָבער יע־נע האָט בעטיען נישט פאַרשטאַנען. לאה האָט נאָר געהאַלטן אין איין שעלטן ברעטמאַנען, געווען שטאַרק אין כּעס אויף אים און זי האָט אפילו געזאָגט, אַז ווען זי וועט אַמאָל דעם אַלטן תּרח באַגעגענען, וועט זי אים אויסרייסן די באָרד.

בעטיע איז פון קינדוויַיז אָן געוויינט געוואָרן צו ליידן, נאָר איצט, בלייבנדיק אַליין מיט אירע טרויעריקע געדאַנקען, האָט זי זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן, וואָס זי זאָל ווייטער טון און ווי אַזוי זי זאָל זיך אויפירן.

— וואָס טוט מען פאָרט? — האָט זיך בעטיע געבראָכן דעם קאָפּ. — ווי אַזוי פירט מען זיך ווייטער ביז יוסף וועט קומען? איך קען דאָך נישט איבעררייסן איינגאַנצן מיט ברעטמאַנס הויז און מיט זיינע קינדער! וואָס וועלן זיי זאָגן, ווען איך וועל מיטאַמאָל פאַר־פאַלן ווערן? וואָס וועלגן זאָגן די מענטשן אין קאַנטאָר און בכלל

אַלע, וואָס איך בין אַוועק אָן אַ זײ־געזונט, ווי איינע, וואָס האָט אָפּגעטון עפּעס אַ פאַרברעכן?

בעטיע איז אַרומגעגאַנגען, ווי משוגע און נישט געוווּסט, וואָס אָנהייבן צו טון.

נאָר פּלוצים האָט זי באַקומען אַ בריוו פון יוספן. ער האָט געשריבן דאָסזעלבע, ווי צו זיין פאָטער, אַז ער האָפט, אײנגיכן וועט זיין שלום און ער גלויבט, אַז עס וועט נעמען אַ סוף צו זײַנע און אירע ליידן און אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַ נײַ און גליקלעך לעבן.

דער דאָזיקער בריוו האָט בעטיען געגעבן כוח און מוט און זי האָט געפונען אַ וועג, ווי אַזוי זי זאָל ווייטער האַנדלען.

— ווען איך האָב כוח געהאַט ביז איצט אַזויפיל צו ליידן, מוז מען שוין האָבן געדולט ביז צום סוף! עס איז שוין נישט אַזוי לאַנג צו זיין קומען!

און ביי בעטיען איז געבליבן, אַז פון ווייַנען און קלאָגן וועט גאָרנישט אַרויסקומען. אַזוי ווייטער קען עס נישט גיין.

בעטיע האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז פאָרן צוריק אין פאַבריק צו איר אַרבעט און מאַכן אַ סוף צו ברעטמאַנס פּוסטע חלומות.

ווען זי האָט געזאָגט לאהן, אַז זי פאָרט צוריק אין פאַבריק, האָט לאה זיך אַזש אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ פון גרויס שרעק.

— איך וועל דיך נישט לאָזן! — האָט זי געשריגן. — אָט צו דעם מערדער וועל איך דיך נישט לאָזן! — און זי האָט אים ווידער אָנגעהייבן צו שעלטן.

— איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אַז דו זאָלסט אים נישט שעלטן און אים נישט אָנרופן מיט אַזעלכע נעמען. שוין-זשע ווילסטו נישט פאַרשטיין, אַז איך וועל נישט דערלאָזן, מען זאָל אַזוי רעדן וועגן מיין מאַנס פאָטער?

מיט גוטן און מיט בייזן האָט בעטיע באַרויקט לאהן און איז אַוועקגעפאָרן.

ברעטמאַן איז געווען אויפן זיבעטן הימל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז בעטיע איז צוריקגעקומען. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַקומען אַ גוטן ענטפער. ער האָט שוין געפּלאַנעוועט, אַז ער וועט די חתונה אויף לאַנג נישט אָפּלייגן. פאַר דער געביידע פון זיין נייעם פּאַלאַץ, וווּ זיי דאַרפן וווינען, וועט ער פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטער אויף וויפל עס וועט נאָר מעגלעך זיין, און ביז דער

פּאַלאַץ וועט איינגאַנצן פּאַרטיק ווערן, וועט ער מיט איר אַוועקפאָרן. אַזוי ווי קיין אויסלאַנד איז נישט מעגלעך געווען צו פאָרן אין דער צייט פון מלחמה, ווען זיי וווינען אין קרים, ערגעץ ביים ברעג ים אין גרויס רחבות און גליק.

אַזוי האָט ער נישט אויפגעהערט צו פאַנטאַזירן וועגן זיין נייעם לעבן, וואָס הייבט זיך ערשט אָן, און מיט אומגעדולט געוואַרט, ער זאָל קענען איבערעדן מיט בעטיען.

בעטיע איז אָבער נישט געקומען גלייך אין קאַנטאָר אַרבעטן, ווי זי פלעגט זיך שטענדיק נוהג זיין, ווען זי איז געקומען צופאָרן פון איר „מומען". דעם ערשטן טאָג איז זי געזעסן אינדערהיים, און דערנאָך איז זי אַוועק צו ברעטמאַנען אין הויז און פאַרבראַכט מיט זיינע קינדער.

דאָ האָט זיך ברעטמאַן דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט מיט איר. אָבער עס איז נישט אויסגעקומען צו מאַכן אַ שמועס מיט איר. ער האָט זיך נאָר געקלאָגט פאַר בעטיען, אַז פאַני מיט ליזען ווילן אים אַוועקוואַרפן.

בעטיע האָט געהאַלטן מיט אים און איז אויך געווען קעגן זיי־ער אַוועקפאָרן.

— איך וועל דאָ משוגע ווערן פון ליידיקגיין, — האָט פאַני געזאָגט. — מילא, דו, בעטיע, האָסט דיין אַרבעט, אָבער איך, ווען עס הייבט זיך אָן דער טאָג, ווייס איך נישט, וואָס צו טון מיט זיך. קיין אויסלאַנד פאָרן קען מען נישט, אָבער אַרומגיין ליידיק קען איך אויך נישט. איך וויל אויך עפּעס טון, און וואָס זאָל איך לייקענען: איך וויל ווערן אַ שוועסטער פון „רויטן קרייץ"... אפשר וואָלט איך מיך אַזויאַרום געקענט באַגעגענען מיט אַלעקסאַנדערן...

— וואָס־זשע האָסטו זיך דערמאָנט אַזוי שפּעט? — האָט בעטיע זיך אָנגערופן. — ביז דו וועסט ענדיקן די שולע, אַז דו זאָלסט קע־נען ווערן אַ „שוועסטער" און ביז מען וועט דיך אַוועקשיקן אויפן פראָנט, וועט שוין קיין מלחמה נישט זיין, און דיין חתן וועט קומען אַהיים. דו האָסט דאָך געלייענט יוספס בריוו צום טאַטן.

— איך קען אָבער מער זיך נישט אַרומדרייען משוגענערווייז.

— און צו וואָס ווילסטו פאָרן? — האָט בעטיע זיך געווענדט צו ליזען.

— אַז פאַני פאָרט אַוועק, ווײַל איך אויך פאָרן. איך וויל נישט בלייבן אַליין, — האָט ליזע געענטפערט.

—אָט אַזוי וויל מען זיך צעלויפן און מיך איבערלאָזן אַליין!— האָט ברעטמאַן נישט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן פאַר בעטיען. — איך האָב שוין גערעדט מיט גוטן און מיט בייזן און זיי ווילן מיר נישט פאָלגן. זיי ווילן נאָר אַוועקפאָרן און אַוועקפאָרן...

ווען ברעטמאַן האָט זיך באַקלאָגט, האָט ער געזוכט ביי בע-טיען מיטגעפיל, אָבער בעטיע האָט ווייניק גערעדט מיט אים, כמעט נישט געענטפערט אים און מער גערעדט מיט די קינדער.

עס איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען אַ פאָר טעג און זי איז אין קאַנ־טאָר נישט געגאַנגען אַרבעטן. זי האָט אַליין געזוכט אַ צופאַל מיט אים פריער אויג אויף אויג זיך איבערצורעדן.

ברעטמאַן האָט עס אויך פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט געפילט, אַז זי דאַרף איצט רעדן די ערשטע, ווײַל זי איז אים שולדיק אַן ענטפער. און, ווידער, וואָס האָט ער איר איצט צו זאָגן? ביי איר אין צימער האָט ער איר אַלץ פריער געזאָגט און זיין גאַנץ האַרץ פאַר איר געעפנט. איצט וואַרט ער...

און איינמאָל, גייענדיק פון דערהיים אין פאַבריק, האָט ברעט־מאַן זי באַגעגנט.

— וווּ גייסטו, בעטיע, אין פאַבריק? — האָט ער זי געפרעגט.

— ניין, איך גיי צו אייערע קינדער.

— האָסטו נאָך נישט געזען דעם פּלאַץ, וווּ מען בויט מיין ניי־עם פאַלאַץ? — האָט ער פלוצים געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ פאַלאַץ? — האָט זי פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— האָסט נאָך נישט געזען?

— איך האָב פונדערווייטנס געזען, ווי מען בויט, און דעם גאַנצן טאָג קלאַפּט מען און מ'האַקט, האָב איך זיך נישט אומגע-קוקט... ווען בויט מען עפּעס נישט אין אייער פאַבריק?

— ניין, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. דו מוזט גיין מיט מיר אָנקוקן דעם פּלאַץ...

די אַרבעט אויפן פּלאַץ האָט ממש געברענט.

ברעטמאַן האָט געשמייכלט. ער האָט געזאָגט:

— דו זעסט, בעטיע, וואָס דאָ טוט זיך?

פון דער זייט־קעשענע האָט ער אַרויסגענומען דעם פּלאַן פו

דער געביידע, וועלכן ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך, און האָט איר אָנגעוויזן אויף די צייכענונגען, ווו עס וועט זיין דער גרויסער זאַל, דאָס שלאָפצימער, זיין קאַבינעט, דאָס עסצימער, אַ כינעזיש צימער פאַר רויכערן, אַ פּאָיע, אַ צימער פאַר געסט, די קיך, צימערן פאַר די דינער, און דערהויפּט האָט ער אָנגעוויזן אויפן ווינטערגאָרטן, וואָס וועט זיין גאָר אַ צאַצקע, אַ גאָרטן פאַר מלכים.

— לויטן פּלאַן וועט אַלץ זיין גרויס און ברייט... דער פּאַסאַד אין דרויסן וועט געמאַכט ווערן פון די בעסטע קינסטלער. באַזונדערס שיין וועט זיין דער הויכער טורעם, וואָס וועט זיך געפינען ביי דעם רעכטן ווינקל פון פּאַלאַץ.

בעטיע האָט אַלץ געהערט, וואָס ער האָט דערציילט און איר פּנים איז אַלץ טרויעריקער געוואָרן.

— פאַר וועמען בויט איר אַזאַ פּאַלאַץ? — האָט זי צולעצט געפרעגט. — אין אייער הויז געפינען זיך גענוג ליידיקע צימערן און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זיי באַוווינען.

— וואָס הייסט פאַר וועמען? פאַר מיר, פאַר אונדז, וואָס איז? איך קען זיך נישט פאַרגינען, אַזוי ווי פּאָזנאַנסקי, צו האָבן אַזאַ פּאַלאַץ? אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך קען דאָס גרינג אויספירן, פאַרוואָס זאָל איך עס נישט האָבן? אויף יענער וועלט וועל איך דאָך מיין פאַרמעגן נישט מיטנעמען. אַלץ וועט דאָ בלייבן, וועלן מיינע קינדער אויך הנאה האָבן, און כל זמן מיינע אויגן זענען מיר אָפן, וויל איך לעבן! ביז אַהער האָב איך דען געלעבט? איך האָב נאָר געלט געמאַכט און איצט וויל איך הנאה האָבן פון דעם געלט.

ער האָט נאָך פיל גערעדט וועגן זיין נייעם פּאַלאַץ און וואָס פאַר אַ מעבל ער וועט דאָרטן אַריינשטעלן.

— אין עטלעכע חדשים אַרום וועט דער פּאַלאַץ געענדיקט ווערן, — האָט ער געזאָגט. — ביז יענער צייט וועט זיין אויס מלחמה, וועל איך אין אויסלאַנד איינקויפן דאָס גאַנצע מעבל.

בעטיע האָט מיט איין אויער געהערט, וואָס ער האָט גערעדט און האָט געטראַכט, אַז דער מענטש ווערט אויף דער עלטער משוגע. זי האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

דערנאָך זענען זיי ביידע לאַנגזאַם אַוועק. זיי זענען געגאַנגען און געשוויגן.

ביידע אָבער האָבן געפילט, אַז זיי קענען זיך נישט צעשיידן ביז זיי וועלן זיך נישט אויסרעדן וועגן דעם ענין, וועלכן זיי האָבן נישט געענדיקט און איינער האָט געוואַרט אויף דעם צווייטן, אַז יע־נער זאָל אָנהייבן דער ערשטער.

ברעטמאַן האָט פּלוצים אַ טראַכט געטון: אַ פרוי וועט קיינמאָל די ערשטע נישט זאָגן, בפרט נאָך בעטיע. זי איז דאָך נאָך אַ קינד. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטון:

— בעטיע, דו ווייסט, אַז דו ביזט מיר עפּעס שולדיק? פון זינט דו ביזט דאָס לעצטע מאָל אַוועקגעפאָרן, וואַרט איך אויף דיין ענטפער. דו האָסט דאָך אַליין געזען, ווי איך זע אויס. פּאַני מיט ליזען וואַרפן מיך אַוועק, מיינע צוויי ייִנגערע קינדער וועל איך מוזן אַוועקפירן קיין קיעוו, אַריינגעבן זיי אין אַ פּאַנסיאָן... איך קען זיי דאָ נישט לאָזן אויף הפקר מיט די גוווערנאַנטקעס און קיינער זאָל אויף זיי נישט אַכטונג געבן! זעסט דאָך, ווי איך בלייב עלנט און אַליין. איך מוז דאָך וויסן דיין ענטפער! פון מיין זייט האָב איך דיר מער נישט, וואָס צו זאָגן. איך האָב דיר שוין אַלץ געזאָגט. איצט איז אַלץ געווענדט אין דיר.

בעטיע האָט פון דערווייטנס געזען ליגן אַן אַלטן דעמבענעם בוים, אויף וועלכן זי פלעגט אָפט זיך אָפּרוען, ווען זי איז געגאַנגען שפּאַצירן מיט ברעטמאַנס קינדער און מיט יוספן, ווען ער איז געקו־מען פון אויסלאַנד. זי איז איצט אויך צוגעגאַנגען צו דעם דעמב און זיך געזעצט אָפּרוען. ברעטמאַן האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר.

— יאָ, הער ברעטמאַן, איר האָט רעכט, איך בין אייך שולדיק אַן ענטפער.

ברעטמאַן האָט זיך מיט זיין גאַנצן קערפּער אומגעדרייט אין דער זייט, ווו בעטיע איז געזעסן און געוואַרט מיט אַ ציטריקן האַרץ.

בעטיע האָט אָנגעהייבן רעדן שטיל, געלאַסן, מיט אַן אַראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ. דערביי האָט זי פון דעם בוים, אויף וועלכן זי איז געזעסן, אָפּגעריסן אַ דין ריטל און געשריבן מיט אים אויפן זאַמד.

— גלויבט מיר, הער ברעטמאַן, אַז מיט דעם גאַנצן האַרצן פיל איך מיט אייער עלנטקייט, און עס איז נישטאָ אַזאַ שווערע זאַך, וואָס איך וואָלט נישט געטון פאַר אייך... איר זאָלט נישט דאַרפן

לעבן אַליין אין עלנט... אָבער וואָס עס געהער זיך אָן וועגן אייער פאַרשלאַג, וואָס איר האָט אין יענעם אָוונט מיר געמאַכט, איז עס אַ זאַך, וואָס איז אומעגלעך. איר זאָלט מיך נישט פרעגן פאַרוואָס, איר זאָלט מיט קיין זאַך נישט מאַכן די קלענסטע פּראָבע מיך איי־בערצורעדן, וואָרים איך וועל אייך מיט קיין האַלבן וואָרט נישט ענטפערן... און טאָמער וועט איר יאָ פּרווון מיט מיר אויף וואָסער עס איז אופן רעדן וועגן דעם, וועל איך געצוווּנגען זיין אַוועקצו־פאָרן פונדאַנען.

ברעטמאַן האָט אַ ציטער געטון. אים האָט אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס.

און בעטיע האָט ווייטער גערעדט:

— איך וואָלט שוין איצט מער נישט באַדאַרפט קומען צוריק אַהער, נאָר איך האָב עס נישט געוואָלט טון צוליב אייערע קינדער, און אַז אירווילט, אויך צוליב אייך און צוליב אַלע מענטשן אין קאַנטאָר, וואָס אַרבעטן מיט מיר צוזאַמען — איך האָב נישט געוואָלט אַוועקפאָרן און פאַרפאַלן ווערן אָן אַ זיי־געזונט. אייערע קינדער האָב איך זייער ליב און זיי זענען מיר שטאַרק איבערגעגעבן. צו וואָס זאָל איך זיי אָנטון אומזיסטע יסורים? איך האָב נישט געוואָלט, אַז מיילער זאָלן רעדן... און... איך בין געקומען צוריק דאָס אַלץ אייך אָפן צו זאָגן! און איצט איז אַלץ געווענדט אין אייך אַליין. איך קען דאָ ווייטער בלייבן אַזוי, ווי פריער, נאָר מיט דעם באַדינג, אַז מיר זאָלן זיך קיינמאָל נישט אומקערן צו דעם שמועס, ווען נישט, וועל איך זיך מיט אייך אַלע געזעגענען און אויף שטענדיק אַוועק־פאָרן.

— דאָס נישט! — האָט ברעטמאַן זיך אַ כאַפּ געטון. — איך וועל נישט דערלאָזן, אַז דו זאָלסט פון אונדז אַוועקפאָרן!

— אויב אַזוי, איז גוט! פון מאָרגן אָן וועל איך ווידער אָנ־הייבן צו גיין אין פאַבריק אַרבעטן, און אַלץ וועט בלייבן, ווי פריער!

ברעטמאַן האָט קוים געשטאַמלט:

— עס וואָלט פאַר מיר דאָס גרעסטע אומגליק געווען, ווען דו זאָלסט אונדזער הויז פאַרלאָזן... דו מוזט דאָ זיין, בעטיע... בעט־טיעלע...

— אָבּער מער נישט גערעדט וועגן דעם! — האָט זי אים שאַרף אַ זאָג געטון.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— נו, מער נישט.

— וועל איך דאָ בלייבן...

זיי האָבן זיך אויפגעהייבן און זענען מיט שווערע געמיטער אַוועק אַהיים.

קאפיטל צוויי און צוואנציק

א שידוך.

אין אָנהייב איז ברעטמאַן אַרומגעגאַנגען אַ דערשלאָגענער און האָט זיך געפילט פאַר דעם אומגליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט. אַלץ איז אים נמאס געוואָרן.

— וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין עשירות, אַז איך קען נישט לעבן, ווי איך וויל? — האָט ער געזאָגט. — אָן בעטיען קען איך נישט לעבן! איך בין געווען אַזוי זיכער, אַזוי זיכער, און פלוצים אַזאַ ענטפער!

ער איז אַרומגעגאַנגען טרויעריק, אַלט און פאַרזאָרגט. אויף אַלץ האָט ער געקוקט גלייכגילטיק, מיט אַ קאַלט האַרץ.

ווען פערעלמאַן פלעגט קומען איבערעדן מיט אים וועגן ווילטיקע געשעפטן, האָט ער אים געענטפערט:

— דו קענסט אַליין אַלץ באַשליסן! דו ווייסט, וואָס עס טוט זיך אין מיינע געשעפטן מער ווי איך!

דערהערט דידאָזיקע גלייכגילטיקע ווערטער, האָט פערעלמאַנען אָנגענומען עפּעס אַ רחמנות אויף זיין באַלעבאָס, אויף דעמדאָזיקן האַרטן מענטשן, וואָס איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ פרעמדער אויף דער לעבעדיקער וועלט.

און טיילמאָל פלעגט דער פאַרוואַלטער זיך קלאָגן פאַר זיין ווייב:

— עס איז דאָך אַן אומגליק! די לעצטע צייט איז ברעטמאַן געוואָרן גלייכגילטיק צו זיינע געשעפטן. ער האָט זיך אָנגעהייבן צו

פארלאָזן גאָר אויף מיר... ווי קען איך אויף זיך נעמען אַזאַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט? ער גייט אַרום ווי אַ צודולטער און עס אינטע־רעסירט אים נישט קיין זאַך!..

— אַ רחמנות, — האָט זיין ווייב זיך אָנגערופן, — כאָטש ער איז שטענדיק געווען אַ גרויסער הונט, און א סך מענטשן שלעכטס גע־טון; נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז גאָט וויל עמעצן שטראָפן, נעמט ער ביי אים צו דאָס ווייב אויף דער עלטער. וואָס זשע איז פאַר אַ חידוש? אַ מענטש דרייט זיך אַרום אַליין אויף דער וועלט, פון זיינע קינדער האָט ער קיין גרויס נחת אויך נישט, מען קען טאַקע משוגע ווערן. ווען פייגע האָט געלעבט, זי זאָל זיין אַ גוטע בעטערין פאַר אונדז און זאָל מיר מוחל זיין, כאָטש זי איז שטענדיק געווען אַ קרענקלעכע, פונדעסטוועגן האָט זיך געפירט אַ שיין גביריש הויז. עס איז געווען ווו אַריינצוגיין. די קינדער האָבן געוווסט פון אַ היים און אַלץ האָט זיך געפירט, ווי עס דאַרף צו זיין. זי האָט אָבער פאַר־מאַכט די אויגן, איז, פון אַלץ אַ תל געוואָרן! די קינדער בלאָנקען זיך אַרום און פּאַני מיט ליזען ווילן גאָר אַוועקפאָרן, הייננט מיט וועמען וועט בלייבן ברעטמאַן? מען קען טאַקע משוגע ווערן...

— וואָס זשע טוט מען?—האָט פערעלמאַן געפרעגט זיין ווייב.— מען קען דאָך אַזאַ פאַבריק אַזוי נישט פירן!

— וואָס אַרט עס דיך! וואָס ווילסטו אים אַלץ באַוואָרענען? זאָרג זיך נישט, עס וועט נאָך גענוג בלייבן נאָך זיין טויט... רבונו של עולם, כאָטש אַ הונדערט חלק אויף אונדז געזאָגט געוואָרן!

— גיי שוין אַוועק, זיסל, דו רעדסט נאַרישקייטן!—האָט פערעל־מאַן זיך אָנגעבייזערט אויף זיין ווייב.

— דו ביזט דאָך שטענדיק געוויינט צו אַרבעטן נאָר פאַר אים און וועגן זיך גאָרנישט טראַכטן. נישקשה, האָסט אים שוין באַוואָרנט!

דער אַלטער פאַרוואַלטער, וואָס איז אַלע זיינע יאָרן צוגעוויינט געוואָרן אָפּצוהיטן זיין באַלעבאָס געשעפטן מיט זיין גאַנצער טריי־קייט, ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט, האָט נישט געקאָנט צוזען, אַז די געשעפטן זאָלן זיך פירן אָן אַ באַלעבאָס. וועגן יעדער קליינ־קייט איז ער געוויינט געווען צו פרעגן און זיך באַראָטן מיט ברעטמאַנען, און איצט האָט ער געזוכט אַן עצה, ווי אַזוי ער זאָל פירן די געשעפטן, ווי פריער,—געזוכט און נישט געפונען.

— ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט זיך זיסל פּלוצים

פריילעך אָנגערופן.—כאָטש איך בין אַ פּראָסטע יידענע, וואָלט איך דאָך געזאָגט, אַז ווען דו ווילסט שוין יאָ, אַז ברעטמאַן זאָל ווערן צוריק אַ מענטש, טאָ לאָמיר איס רעדן אַ שידוך מיט אַ לייטיש ווייבל, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גביר. עס וועט זיין אַ באַלעבאָסטע, וועט די שטוב צוריק ווערן אַ שטוב. זי וועט אָפּהיטן איר מאַן און ער וועט ווערן צוריק אַ מענטש און אויפהערן צו פּראַווען משוגענע שטיק... ווי געפעלט דיר מיין פּלאַן?

— דו ביזט אפשר גערעכט, זיסל, ווי אַזוי געפינט מען אָבער אַ פּאַסיקן שידוך פאַר אים?

— מען וועט שוין געפינען! מען דאַרף אַ טראַכט טון וועגן דעם. עס פעלן, ברוך השם, נישט קיין יידישע טעכטער!

— אָבער אַבי וועמען קען מען דאָך אים נישט רעדן.

— אַ קליינינקייט, אַזאַ מיליאָנער, אַזאַ גרויס הויז פירן! אוודאי אַבי וועמען קען מען אים נישט אָנשלאָגן. עס איז דאָך אַ הויז, ווו עס קומען אַריין די גרעסטע לייט! מען דאַרף געפינען אַ לייטיש ווייבל פון אַ יאָר דרייסיק, און ווען זי וועט זיין עלטער מיט אַ פּאָר יאָר, איז אויך נישט קיין אומגליק! וואָס איז? ער איז אַ יונגערמאַנטשיק? ער איז שוין ווייט אַוועק פון די פופציקער, און אַז ער וועט עלטער זיין פון זיין ווייב מיט פופצן יאָר, איז ווייניק פאַר אַזאַ אַלטן צאַפּ?

— זי דאַרף זיין אַ שיינע און אַ געבילדעטע, — האָט פּערעלמאַן צוגעגעבן.

— אוודאי אַ שיינע און אַ געבילדעטע! אַ קליינינקייט, אַזאַ גרויס הויז, ווו עס קומען אַריין די רייכסטע און גרעסטע מענטשן!

— נו, עס וואָלט געווען זייער גוט. נאָר ווו געפינט מען אַזאַ ווייבל, וואָס זאָל האָבן די אַלע מעלות?

ביידע האָבן זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, און פּלוצים האָט זיסל אַ קלאַפּ געטון מיט ביידע הענט איבערן טיש און נישט מיט איר קול אויסגעשריגן:

— אוי, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן?

— וואָס קען איך וויסן, וואָס דיר פאַלט איין?

— ברײַנדל! — האָט זי אויסגעשריגן.

פּערעלמאַן האָט זיך אַ קרים געטון.

זיסל האָט זיך אַ וואָרף געטון צו איר מאַן.

— וואָס קרימסטו זיך אַזוי? קוק נאָר אָן, ווי אים געפעלט נישט דער שידוך!

— ווער זאָגט, אַז עס געפעלט מיר נישט?

— וואָס-זשע האָסטו פאַרדרייט אַזוי די נאָז? נישקשה, ווען ברײַנדל זאָל זײַן דײַנע אַ קרובה, נישט מײַנע, וואָלסטו זיך באַלד אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט.

— ווער רעדט דאָ פון קרובהשאַפט. איך טראַכט נאָר, אַז עס איז אפשר נישט אַזוי פּאַסיק פאַר אים. ערשטנס, איז ברײַנדל שוין אַריבער די פערציק...

זיסל האָט אים אָפּגעהאַקט די רייד.

— און אַז זי איז אַלט צוויי און פערציק, איז וואָס? זי זעט אָבער אויס פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר, איז ווייניק פאַר אַזאַ אַלטן צאַפּ, וואָס איידער מען קוקט זיך אַרום, ווערט ער שוין זעכ-ציק יאָר?

— ער איז דאָך אָבער אַ מיליאָנער און זעט אויס געזונט און אַ סך ייִנגער פון זײַנע יאָרן.

— נו, זי איז דערפאַר אַ יונג, שיין ווײַבל, בלוט און מילך. דערצו איז זי אויך נישט קיין אָרעמע, נישט אַבי ווער, פון אַ שיין באַלע-באַטיש הויז מיט אַלדאָס גוטס, אַ געבילדעטע, שרײַבט רוסיש, דײַטש און אַלע שפּראַכן! וואָס נאָך דאַרף ער, אָט דער אַלטער כריטש?

— אַ שיין פּנים האָט ביי אים אירע צען אָדער פופציז טויזנט רובל, וואָס איז איר געבליבן פון אירע צוויי מענער!...

זיסל האָט זיך אָנגעצונדן.

— וואָס וואַרפסטו מיר אויף אירע צוויי מענער! וואָס איז זי שולדיק, אַז איר ערשטער מאַן איז געווען אַ לאַ יוצלח און דער צווייטער איז געשטאָרבן — דאָס איז אַ גאָט-זאַך, און קיינער איז דערפון נישט באַוואָרנט. איך האָב אָבער געוווסט, אַז דו וועסט נישט דערלאָזן, דער שידוך זאָל ווערן. ביי דיר איז ברעטמאַן טײַערער פון דײַן ווײַב מיט די קרובים!

און זיסל האָט זיך צעוויינט.

— ווער וויל דיר שטערן אין דעם שידוך? האָט ער זיך אָנגע-הייבן פאַרענטפערן. — דו ווילסט רעדן? איך וועל דיר נאָך העלפן אויך. אָבער איידער מען גייט רעדן אַ שידוך, און נאָך אַזאַ שידוך, דאַרף

מען זיך פריער גוט באַטראַכטן, צי ער פּאַסט, נישט זיך גלאַט נאַריש מאַכן און אַ פּנים האָבן, ווי אַ חוזק.

— אַזאַ ווייבל, אַזאַ פּאַרשוין, קיין עין הרע, הייסט ביי דיר אַ חוזק! — איז זיסל נאָכמער אָנגעפּאַלן אויף איר מאַן.

— וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט היינט אין מיר? ווער האָט עפּעס צו ברײַנדלען? דו ווילסט רעדן דעם שידוך? אין אַ גוטער מזלדיקער שעה! איך וועל דיר מיטהעלפן מיט וואָס איך וועל נאָר קענען, הלוואי זאָל ער מיר נאָר פאָלגן!

— אויב אַזוי, — איז זיסל געוואָרן ווייכער, — וועל איך נאָך היינטיקע וואָך אַריבערגיין צו אים און אים פאָרשלאָגן ברײַנדלען. ווי זאָגסטו, מיין מאַן?

— זאָל זיין אַזוי. איך האָב גאָרנישט קעגן דעם. נאָר דו דאַרפסט וויסן, אַז באַלד נאָך זיין ווייבס שלשים זענען די גרעסטע שדכנים געקומען אים רעדן שידוכים און ער האָט נישט געוואָלט הערן.

— דענסטמאָל נישט און איצט וועט ער יאָ מיך אויסהערן. ער זעט דאָך, ווי שווער ס'איז צו לעבן אויף דער וועלט אַליין, בפרט נאָך אויף די עלטערע יאָרן! און טאָמער הער איך פון אים נאָר איין גוט וואָרט, וועל איך שרייבן ברײַנדלען, זי זאָל קומען צו מיר צו גאַסט, וועלן זיי זיך באַקענען, אַז קיינער וועט גאָרנישט וויסן. נישקשה, ברײַנדל, ווען זי איז געווען אַ מיידל, זענען איר אַלע יונגעלייט נאָכגעלאָפן.

— ווען זי איז געווען אַ מיידל! — האָט פּערעלמאַן מיט אַ שמייכל נאָכגעזאָגט.

— וואָס זשע קרימסטו מיר אַזוי נאָך? זאָל דיר נישט אַרן. ברײַנדל קען איצט אויך יעדן געפעלן! וועסט זען, אַז דיר אויף צוזעצעניש וועט ברעטמאַן פגרן נאָך ברײַנדלען!

פּערעלמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— וואָס האָסטו זיך ווידער אָנגעטשעפּעט אין מיר. הלוואי זאָל דער שידוך עולה יפה זיין. איך וואָלט אוודאי געוואָלט, אַז דער מיליאָנער אַרנאָלד ברעטמאַן זאָל ווערן אונדזערער אַ קרוב, וועט כאָטש זיין איינער אין אונדזער משפּחה, וואָס וועט נישט זיין קיין קבצן.

— הער זיך שוין אויף צו ווערטלען, — האָט זיסל ווידער אָנ־געהייבן ווייכער. — ווייסטו, וואָס איך וואָלט געוואָלט? טאָמער וואָלסטו פריער מיט אים גערעדט וועגן דעם שידוך און דערנאָך וועל איך אַריבערגיין און רעדן מיט אים? דו זעסט דאָך אים יעדן טאָג?

— דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז עס פּאַסט מיר נישט, איך זאָל אים רעדן שידוכים. נאָר איך זאָג דיר צו, אַז ווען ער וועט פרעגן ביי מיר, וועל איך אים אוודאי צורעדן צו דעם שידוך. ער וועט מיר געוויס דערציילן, אַז דו ביזט געווען ביי אים.

— נו, זאָל זיין אַזוי. אפשר ביזטו גערעכט. פאַר דיר פּאַסט נישט, וועל איך פריער גיין.

און עס איז געבליבן, אַז נאָך הײנטיקע וואָך וועט זי רעדן מיט ברעטמאַנען.

עס איז אָבער אַוועקגעגאַנגען נישט איין וואָך און זיסל האָט נישט געקענט גיין רעדן דעם שידוך, ווייל ביי ברעטמאַנען אין הויז איז פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש: פּאַני און ליזע זענען אַוועקגעפאָרן אין דער שולע פון „רויטן קרייץ" פאַר „באַרעמהאַרציקע שוועסטער". עס האָט נישט געהאָלפן ברעטמאַנס רעדן מיט גוטן און מיט בייזן. די קינדער האָבן געטענהט, אַז זיי קאָנען דאָ ווייטער נישט בלייבן. עס איז זיי לאַנגווייליק, יעדע שעה איז ביי זיי אַ יאָר און זיי פילן זיך, ווי אין אַ פאַרשלאָסענער טורמע. זיי מוזן עפּעס טון, זיי קענען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און קוקן, ווי די פייגעלעך פליען.

די קינדער האָבן שטאַרק געוויינט, מיטגעפילט זייער עלנטן פאָטער, אָבער זיי קענען ווייטער אַזוי נישט לעבן, און האָבן געזאָגט, אַז באַלד ווי די מלחמה וועט זיך ענדיקן און די וועלט וועט זיך עפענען, וועלן זיי אַלע באַלד קומען אַהיים.

בעטיע האָט די יונגע קינדער מער געקענט פאַרשטיין, ווי דער אַלטער ברעטמאַן, און ווי זי האָט רחמנות געהאַט אויף זיין עלנטקייט, האָט זי דאָך קיין מוט נישט געהאַט מיט זיי ווידעראַמאָל איבערצורעדן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי מוזן אַוועקפאָרן און זיי זענען אַוועקגעפאָרן.

ברעטמאַן מיט בעטיען האָבן זיי באַגלייט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע.

צוריקפאָרנדיק, איז ברעטמאַן געווען זייער דערשלאָגן. ער איז

מיטאַמאָל ווי עלטער געוואָרן. בעטיע האָט מיטגעפילט זיינע ליידן, פאַרשטאַנען זיין לאַגע און מיט דער גרעסטער ליבע פון אַ געטריי קינד צו איר פאָטער איז זי געווען גרייט מיט אַלץ אים מיטצו-העלפן.

און פאָרנדיק צוזאַמען מיט אים, האָט זי אַרויסגעזאָגט אירע געפילן מיט אַזויפיל ליבע פון אַ קינד צו אַ פאָטער, אַז פון דאַנקבאַר־קייט זענען פון זיינע אויגן אַראָפּגעפאַלן אַ פּאָר טרערן אין זיין האַלב־גרויער באָרד.

פאַרשעמט האָט ער אָפּגעווישט מיטן טיכל דאָס פנים, און זיך אָנגערופן:

— איך ווייס און פיל, ווי גוט דו ביזט צו מיר, בעטיע, און דעריבער דערלויב איך זיך איצט דיר פאָרצולייגן אַ זאַך, און אויב דו וועסט עס וועלן טון, וועסטו אויף אַ סך פאַרגרינגערן מיין טרוי-עריקע לאַגע...

— וואָס עס איז נאָר מעגלעך, בין איך גרייט צו טון... זאגט, רעדט ווערטער...

ברעטמאַן האָט אַ ביסל געטראַכט און זיך אָנגערופן:

— איך וואָלט מיך נישט דערוועגט דיר עס פאָרצולייגן, ווען איך וואָלט נישט געגלויבט אין דיין ליבע צו מיינע קינדער און צו מיין הויז — איך וואָלט דיך געבעטן, דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון דיין אַרבעט אין קאַנטאָר און זיך אינגאַנצן איבערציען צו מיר. מיינע קלענערע קינדער זענען אַליין... איך וויל זיי נישט אַוועקשיקן אין פּאַנסיאָן... איך וויל, זיי זאָלן זיין מיט מיר צוזאַמען.

ווען בעטיע זאָל זיין אַ פרעמדע, אָדער נאָר אַ גוטער פריינט פון ברעטמאַנס הויז, וואָלט זי זיך אפשר באַליידיקט פון אַזאַ פאָר־שלאָג, צו ווערן עפּעס אַ מין גוווערנאַנטקע, אָדער אַ געדונגענע באַ־לעבאָסטע, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער און אויף דער שטוב.

אָבער בעטיע האָט זיך איצט געפילט פאַר אַ קינד פון אָט דער משפחה, און זי האָט זיך לגמרי נישט באַליידיקט פון דעמדאָזיקן פאָרשלאָג.

זי האָט שטיל און פשוט געזאָגט:

— מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן נעם איך אָן אייער פאָרשלאָג, נאָר מיט איין באַדינג..

ברעטמאַן האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ באַדינגונגען קענסטו מיר שטעלן, אַז איך זאָל נישט קאָנען מסכים זיין? זאָג, וועל איך הערן!

— באַלד ווי איך פאָר איבער צו אייך אין הויז, אַלס באַלע־באָסטע, מוז איך צונעמען לאהן. זי איז זייער אַן איבערגעגעבענער מענטש, און וועט מיר העלפן פירן אַזאַ באַלעבאַטישקייט!

— וועלכע לאה? — האָט ער פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— שוין זשע קענט איר נישט לאהן? איך האָב געזען, ווי איר האָט נישט איין מאָל גערעדט מיט איר ביי די לעווינזאָנס אין הויז.

— אָ, לאה! ווער קען נישט לאהן? זי לעבט דען נאָך? איך האָב געמיינט, אַז זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן, וואָרים איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי לעבט זי אָן די לעווינזאָנס. איך האָב אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ איבערגעגעבענעם מענטשן. זי איז אין אַ הויז אַן אמת גליק.

— וואָס זשע זאָגט איר, הער ברעטמאַן? קאָן איך זי נעמען צו אונדז?

— וואָס האָסטו מיך נאָך צו פרעגן אַזעלכע זאַכן? ווען דו געפינסט פאַר נייטיק — נעם צו!

— אָבער, הער ברעטמאַן, איך מוז אייך זאָגן, אַז לאה איז איצטער נישט אַליין...

— וואָס הייסט? — האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט.

— זי האָט מיט זיך אַ קינד...

ברעטמאַן האָט געפרעגט:

— ווי קומט צו איר אַ קינד? זי האָט דען חתונה געהאַט?

— יאָ, זי האָט חתונה געהאַט און האָט אַ קינד... אָבער דאָס שאַדט נישט, נאַטירלעך. זי איז דיזעלבע גוטע לאה, וואָס פריער...

ער האָט געזאָגט:

— נו, דאָס איז נישט מיין געשעפט. ווילסטו זי נעמען צו אונדז אין הויז — נעם זי. פאַראַן ביי אונדז אין הויז פלאַץ פאַר עטלעכע קינדער...

און ברעטמאַן האָט מער נישט גערעדט וועגן דעם.

* *
*

אין קאַנטאָר, צווישן די אָנגעשטעלטע, איז געוואָרן פריילעך,

ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז בעטיע האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין דער בוכהאַלטעריע און האָט מיט אירע זאַכן זיך אַריינגעצויגן צו ברעטמאַנען אין הויז, ווו זי איז געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע.

פיל האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט אויף דעם גרויסן געשעעניש, ווי קומט עס, וואָס אַזאַ שטאָלץ מיידל, ווי בעטיע, האָט אָנגענומען די שטעלע פון אַ באַלעבאָסטע, אָדער אַ גוווערנאַנטין ביי ברעטמאַנען. קיינער האָט אָבער נישט געהאַט צו רעדן און מורמלען אויף בעטיען. אַלע האָבן זי גוט געקענט. און מען האָט געזאָגט, אַז אויב זי האָט אָנגענומען אַזאַ שטעלע, מסתמא איז עס נייטיק און וויכ־טיק געווען. מען האָט אפילו אויך געשמועסט, אַז זי נעמט אַ גרע־סערן געהאַלט.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געקומען לאה מיט „איר" קינד און מיט אַ גרויסן קאַסטן זאַכן.

פאַר לאהן מיט איר קינד האָט בעטיע אַוועקגעגעבן איינעם פון די גרעסטע צימערן און האָט מודיע געווען אַלע באַדינטע און די גוווערנאַנטקעס אין ברעטמאַנס הויז, אַז לאה איז אַ קרובה, אַן אייגע־נער מענטש.

אַזוי ווי ביי די לעווינזאָנס, איז לאה אויך דאָ געזעסן ביים טיש גלייך מיט אַלע און געוואָרן די גאַנצע באַלעבאָסטע אין שטוב. אַלע שליסלען האָבן איבערגעוואַנדערט צו איר.

בעטיע האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט די קינדער, אַלטונג גע־געבן, ווי אַזוי זיי לערנען, אָפט מיט זיי שפּאַצירט און פאַרברענגט צוזאַמען.

זינט בעטיע איז איבערגעפאָרן צו ברעטמאַנען אין הויז, איז ער מיטאַמאָל, ווי אויפגעלעבט געוואָרן. עס איז געוואָרן אַן אַנדער הויז. ברעטמאַן איז יעדן טאָג געקומען פּינקטלעך צו מיטאָג און געזעסן ביים טיש צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַמיליע. אויך צו אָוונטברויט האָט ער נישט פאַרפעלט.

ער איז געוואָרן אַ טרייער היים-זיצער, און קיינמאָל זענען אים נישט געווען אַזוי ליב די דאָזיקע צימערן, ווי איצט. אין אַלע צי־מערן האָט אַלץ עפּעס געזונגען פון רייכקייט און שיינקייט. אין זיי־נע אויגן האָט בעטיע באַשיינט דאָס גאַנצע הויז און דעם טיש, ביי וועלכן זי איז געזעסן, אַרומגערינגלט מיט דער גאַנצער פאַמיליע. אין שטוב האָט אַלץ אויפגעלעבט.

אָוונטצייט פלעגט ער אָפט פאַרברענגען מיט בעטיען און מיט די קינדער. עס איז געווען געמיטלעך, וואַרעם, האַרציק. פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך נישט קענען איינהאַלטן און פלעגט בעטיען אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט.

— איך ווייס גאָרנישט, מיט וואָס איך זאָל דיך אָפּדאַנקען, — פלעגט ער איר זאָגן. — דו האָסט דאָך געראַטעוועט מיך מיט מיינע קינדער! ס'איז גאָר אַן אַנדער הויז ביי מיר געוואָרן!

— פאַר אַזעלכע זאַכן דאַנקט מען נישט, — האָט בעטיע דערויף געענטפערט, — און מען קען עס נישט קויפן פאַר קיין געלט. דאָס איז אַ געפיל. איך טו דאָס מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן און איך וועל אייך נאָכמער זאָגן, אַז איך פיל מיך גליקלעך דערמיט, וואָס איך קען אייך ברענגען נוצן. איך האָב צו אייך און אייער פאַמיליע אַ געפיל, ווי צו אייגענע. אַזעלכע זאַכן קויפט מען נישט... און אויף ווייטער בעט איך אייך, איר זאָלט מיר נישט דאַנקען. דער בעסטער דאַנק פאַר מיר וועט זיין, ווען איר וועט אַלע לעבן צופרידן און זיך פילן בעסער, ווי פריער. דערין ליגט מיין שכר...

* *
*

דער פאַרוואַלטער פערעלמאַן איז געווען זייער צופרידן פון זיין באַלעבאָס, וועלכער האָט די לעצטע צייט אָנגעהייבן קומען אין קאַנטאָר, זיך ווידער אינטערעסירט מיט געשעפט, איבערגערעדט מיט אים וועגן פאַבריק-ענינים און אויפגענומען סוחרים, מיט זיי גערעדט, און בכלל זיך אָנגעהייבן אויפירן, ווי אַ באַלעבאָס.

ברעטמאַן האָט אָפט ליב געהאַט צו רעדן מיט פערעלמאַנען וועגן זיין פריוואַט-לעבן, ווייל פערעלמאַן האָט ביי אים אַזויפיל יאָרן געטריי געאַרבעט, נאָך פון דער צייט, ווען ער האָט געהאַט זיין אַלט פאַבריקל און איז געווען אַ גרויסער בעל חוב. ער האָט פערעלמאַנען געהאַלטן פאַר זיינעם אַן איבערגעגעבענעם פריינט און נישט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַן אָנגעשטעלטן.

באַזונדערס האָט ער אָפט מיט אים גערעדט וועגן זיינע פריוואַטע ענינים, זינט זיין פרוי איז געשטאָרבן.

פערעלמאַן האָט כמעט אַלץ געוווּסט, וואָס ביי זיין באַלעבאָס

קומט פאָר. ער האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר מיט אים אין די לעצטע צייטן. ער איז אַרומגעגאַנגען, ווי אָן אַ קאָפּ, זיך מיט קיין זאַך נישט אינטערעסירט און איצט איז ער ווי־דער מיטאַמאָל געקומען צו זיך און אָנגעהייבן אַ נאָרמאַל לעבן.

אין אַ היימישן שמועס האָט פערעלמאַן אים וועגן דעם גע־פרעגט, און ברעטמאַן האָט אים געענטפערט:

— וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען, קען איך דיר דערווייל נישט זאָגן. נאָר איצט, אויב איך בין יאָ אַ ביסל צו זיך געקומען, האָב איך עס צו פאַרדאַנקען בעטיען. זי האָט מיין הויז געבראַכט צוריק אין אָרדענונג. איך בין רויק פאַר מיינע קינדער און איך ווייס, אַז איך האָב אַ היים. פריער בין איך אַרומגעגאַנגען, ווי אַ צעדולטער און איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טון מיט זיך און מיט מיינע קינדער.

פערעלמאַן האָט עס פאַרשטאַנען אין דעם זין, וואָס פריער, אָן אַ באַלעבאָסטע, האָט זיך דאָס הויז געפירט, ווי אַ שיף אָן אַ רודער, און איצט, אַ דאַנק בעטיען, וואָס איז אַן אויסגעצייכנטע באַלעבאָסטע, איז ווידער אַלץ אין אָרדענונג.

אָבער ברעטמאַן האָט זיין אַלטן איבערגעגעבענעם פריינט גע־זאָגט און נישט דערזאָגט. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, וואָס בע־טיע איז ביי אים אין הויז, ער זעט זי אַלע טאָג, ער פילט, ווי זי איז אים און זיין גאַנצער פאַמיליע אַ גרויסער פריינט, אָבער ווען ער פלעגט בלייבן אַליין מיט זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער זיך געפילט פאַר דעם אומגליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה איצט נאָכמער ליב געהאַט בעטיען, ווי פריער, ווען זי איז געווען ווייט פון אים און ער האָט זי נאָר צופעליק געקענט זען און נאָך זעלטענער גערעדט מיט איר.

וואָס נענטער זי איז געווען צו אים, אַלץ מער מעלות האָט ער אין איר געפונען, אַלץ שענער און באַחנטער האָט זי אויסגעזען אין זיינע אויגן.

די לעצטע צייט פלעגט ער אָפט צו זיך זאָגן:

— איך בין אַזוי צוגעבונדן צו איר, אַז אָן איר וואָלט מיר אומעגלעך געווען ווייטער צו לעבן. נאָר איך האָב נאָך מיינע האָפע־נונגען נישט אָנגעווירן. סוף כל סוף וועט זי דאָך זיין מיין פרוי.

ברעטמאַן האָט זיך אַנדערש נישט געקענט פאָרשטעלן. ער

האָט געטראַכט, זי איז אַ יונג מיידל, זי ווייסט נאָך נישט, וואָס דאָס לעבן איז אַזוינס. עס וועט דאָך קומען די צייט, ווען זי וועט אָנהייבן טראַכטן וועגן חתונה האָבן. זי וועט דאָך נישט פאַרזיצן! פאַר וועמען אָבער קען זי חתונה האָבן? אין בעסטן פאַל וועט זי נעמען אַ יונגנמאַן, וואָס וועט איר קענען געבן אפשר נישט קיין אָרעם, נאָר אַ שווער לעבן, און דאַן וועט זי זען פאַר זיך מיין בייעם פאַלאַץ און איך וועל איר זאָגן, אַז דאָס איז איר פּאַלאַץ, איר וווינונג. זי וועט פאַרשטיין, אַז מיט איר איין וואָרט שטייט איר פאַר אַ רייך לעבן און זי ווערט די באַלעבאָסטע פון מיין גאַנץ פאַרמעגן. בעטיע איז צו קלוג, זי זאָל דאָס נישט פאַרשטיין! עס וועט געוויס אַזוי געשען און זי וועט ווערן מיין פרוי!

— אי, איך דאַרף וואַרטן און ליידן! וואָס קען איך טון דערצו? איך מוז ליידן!

און קענענדיק גוט בעטיען, האָט ברעטמאַן פאַרשטאַנען, אַז ער מוז האַלטן וואָרט. ער האָט איר צוגעזאָגט נישט צו דערמאָנען מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם פאָרשלאָג, וואָס ער האָט איר פריער געמאַכט. ער איז געווען זיכער, אַז טאָמער גיט ער איר נאָר עפּעס אָנצוהערן וועגן דעם, וועט זי מאָרגן מער אין זיין הויז זיך נישט געפינען.

און ברעטמאַן האָט שווייגנדיק געליטן.

זיינע ליידן זענען אָבער וואָס ווייטער, געוואָרן אַזוי גרויס, אַז ער האָט אָנגעהייבן מורא האָבן, ער זאָל פון זינען נישט אַראָפּ. דערהויפּט האָט ער געליטן דערפון, וואָס ער מוז אַלע זיינע ליידן טראָגן אין זיך, און ער האָט נישט פאַר וועמען זיין האַרץ אויסצורעדן און זיך האַלטן אַן עצה, ווי זיך ווייטער אויפצופירן. אפשר בלאָנדזשעט ער און זיינע האָפענונגען זענען גאָרנישט ווערט?

פאַר וועמען ער זאָל זיין פאַרביטערט האַרץ קענען אויסרעדן, האָט ער נישט געהאַט, חוץ זיין פאַרוואַלטער פערעלמאַן, מיט וועלכן ער איז צוזאַמענגעבונדן אַזויפיל יאָרן, און ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אים זייער איבערגעגעבן.

ברעטמאַן האָט שטענדיק געגלויבט אין פערעלמאַנס פריינטשאַפט און איבערגעגעבנקייט. ווען ער זאָל זיין ביי אים אַ געוויינלעכער אָנגעשטעלטער, וואָלט ער שוין לאַנג אויף זיין אָרט צוגענומען אַ געשטודירטן „דירעקטאָר". אַלע גרויסע פאַבריקן האָבן „דירעקטאָרן",

נאָר ביי אים איז פאַרבליבן פערעלמאַן אַלס דירעקטאָר פון אַזאַ גרויסער פאַבריק, כאָטש ער איז נישט געווען קיין געשטודירטער. נישט געענדיקט קיין הויכע טעכנישע שולע. ביי אים אין זיינע פאַבריקן געפינען זיך גענוג אינזשיניערן, נאָר דעם פלאַץ פון „דירעקטאָר" פאַרנעמט פערעלמאַן, כאָטש מען רופט אים נאָר „פאַרוואַלטער".

צו דעם האָט פערעלמאַן דערגרייכט מחמת זיינע פריערדיקע פאַרדינסטן און טריישאַפט צו זיין באַלעבאָס.

ברעטמאַן האָט שוין לאַנג געטראַכט, ער זאָל זיך באַראַטן מיט פערעלמאַנען, נאָר עס איז אים עפּעס נישט אויסגעקומען. אָבער דער צופאַל איז אים אָקעגנגעקומען.

איינמאָל פאַרנאַכט, נאָכן אָוונטברויט, ווען ברעטמאַן איז שוין פאַרבליבן אינדערהיים, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען זיין פאַרוואַלטערס ווייב זיסל, אויסגעפּוצט שבתדיק, מיט אַ טערקישן שאַל אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען.

— אָט אַ גאַסט ביי אונדז!—האָט ברעטמאַן זי פריינטלעך באַגעגנט, און ער האָט פאַר איר צוגערוקט אַ שטול און געבעטן זיצן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— ווען זיסל איז געקומען צו אונדז, האָט זי געוויס געבראַכט גוטע נייס!

— מיט שלעכטע נייס, חס ושלום, האָב איך ליב צו זיצן אינדערהיים, — האָט זיסל געענטפערט. — איך ווייס, אַז יעדער מענטש אויף דער וועלט האָט גענוג זיינע אייגענע צרות. איך האָב נאָר ליב צו ברענגען גוטע נייס!

בעטיע האָט צוליבן גאַסט געהייסן ברענגען כבוד.

— נו זיסל דערציילט עפּעס גוטס, איר זענט שוין לאַנג ביי אונדז נישט געווען!

— דאָס גוטע נייס איז נאָר פאַר אייך!

ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל מיט אים רעדן באַזונדער, האָט ער געזאָגט:

— גוט, לאָמיר דערווייל אַ ביסל זיצן מיטן עולם און דערנאָך וועל איך אייך אַריינבעטן צו מיר אין קאַבינעט.

בעטיע האָט זי געבעטן עפּעס פאַרזוכן פון די גוטע זאַכן, וועלכע מען האָט אַריינגעבראַכט אויף אַ גרויסער זילבערנער טאַץ.

— איך מוז אייך זאָגן, — האָט זיסל זיך אָנגערופן צו ברעט־מאַנען, — אַז אייערע קינדער זעען אויס, קיין עין הרע, זייער גוט און ווי שיין זיי זענען, קיין שלעכט אויג זאָל זיי נישט שאַדן — אויס־געוואַקסן! נו, און אייך, בעטיע, מוז איך אין די אויגן זאָגן, אַז איר שיינט, קיין עין הרע, ווי די זון, און וואָס אַ טאָג, ווערט איר אַלץ שענער. פון זינט איר האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין קאַנטאָר, זע איך אייך אַזוי זעלטן. נאָר וואַרט, איך וועל זיך אַמאָל צו אייך נעמען!

אַלע האָבן פון זיסלס לעצטע ווערטער פאַרשטאַנען, אַז זי וויל זיך נעמען רעדן אַ שידוך בעטיען.

בעטיע האָט זיך פריילעך צעלאַכט און געפרעגט:

— ווי אַזוי וועט איר זיך, זיסל, נעמען צו מיר? איך בין עפּעס אַ שטיקל מעבל, וואָס מען קען מיך נעמען?

— זע נאָר, ווי זי מאַכט זיך ווי נישט וויסנדיק, — האָט זיך זיסל געווענדט צו ברעטמאַנען. — זי וויל, אַפּנים, אַז איך זאָל עס איר צעקייען און אַריינלייגן אין מויל אַריין. נישקשה, בעטינקע, ביזט שוין, געלויבט צו גאָט, נישט קיין קינד, קיין עין הרע, אויף אַלע יידישע מיידלעך געזאָגט געוואָרן!.. אויסגעוואַקסן אַ שיינע בלום... וואַרט אויס, איך וועל זיך נעמען צו דיר.

בעטיע האָט מיט איר קלינגעדיקן קול זיך העכער צעלאַכט און ברעטמאַן האָט, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, אויך אַ שמייכל געטון.

זיסל האָט געפרעגט אויף יוספן און אויף די צוויי עלטערע קינדער, וואָס זענען אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו, צי עס איז דאָ פון זיי בריוו. דערנאָך האָט זי ווידער אָנגעהייבן לויבן די יינגערע קינדער, וואָס זענען געזעסן ביים טיש.

— דאָס אַלץ האָב איך צו פאַרדאַנקען בעטיען, — האָט ברעט־מאַן זיך ערנסט אָנגערופן.

— אויף בעטיען קען מען זיך פאַרלאָזן! זי איז שוין איינמאָל אַ געראָטן מיידל, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן. אומע־טום האָט מען זי ליב... אין קאַנטאָר, ווו זי האָט געאַרבעט, און איצט דאָ ביי אייך אין הויז. איך האָב געהערט, אַז אייערע קינדער וויסן גאָרנישט וואָס צו טון מיט בעטיען!

— הערט מיך אויף צו לויבן, זיסל, — האָט בעטיע זיך אָנגע־רופן, — מען וועט טאַקע מיינען אינדערעמתן, אַז עס איז אַזוי

— וואָס בײַ מיר איז אויף דער לונג, איז אויף דער צונג...
איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת יעדן אין די אויגן!

— געוואַלד, זיסל, האָט רחמנות אויף מיר און הערט מיך אויף אַזוי שטאַרק צו לויבן אין די אויגן! איך וועל זיך גאָר פֿאַרשעמען און רויט ווערן פֿון בושה... איך ווייס, אַז עס איז נישט אַזוי, ווי איך ווײַזט זיך אויס. איר וועט דאָס אַליין זען, ווען איר וועט זיך צו מיר „נעמען"!

בעטיע האָט געשמייכלט.

זיסל האָט בײַם טיש נאָך דערציילט אייניקע נייס פֿון דעם גאַנצן שטעטל, אַז הײַנטיקע וואָך זענען דאָרט געווען צוויי חתונות און דרײַ גטן און בײַ איינע פֿון די חתונות זענען די מחותּנים זיך שיער צעגאַנגען, ווײַל פֿון דער כּלהס צד האָט מען נישט איינגע־לייגט דעם גאַנצן נדן. נאָר מענטשן האָבן זיך אַרײַנגעלייגט, עפּעס האָט מען פֿון דער כּלהס צד דערלייגט און מען האָט למזל געשטעלט אַ חופּה.

דער עולם איז געוואָרן זייער פֿריילעך פֿון זיסלס מעשׂיות, און דערהויפּט האָט ברעטמאַן זיך געקאַטשעט אויף זײַן שטול פֿון גע־לעכטער. דערנאָך איז ברעטמאַן אויפֿגעשטאַנען פֿון זײַן אָרט און האָט זיסלען אַרײַנגעבעטן צו זיך אין קאַבינעט, און ווען זיי האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט איינער קעגן דעם אַנדערן, האָט ער, אויסצי‌ענ־דיק זיך אויף זײַן ווייכער טיפֿער שטול בהרחבה, ליבלעך זיך אָנ־גערופֿן:

— נו, זיסל, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?

זיסל האָט צונויפֿגעצויגן אירע ליפּן, דערנאָך זיי אָפּגעווישט מיט אַ ווײַס טיכל, וועלכעס זי האָט פֿאַוואָליע אַרויסגעשלעפּט פֿון איר קעשענע און געזאָגט:

—איך האָב זיך שוין לאַנג געקליבן מיט אײַך צו רעדן, נאָר עס האָט זיך נישט געמאַכט... אָדער איר זענט געווען שטאַרק באַשעפֿ־טיקט, אָדער איך בין קראַנק געווען... און, ווידער, האָב איך עס נישט געקאָנט טון אַזוי גיך צוליב פּייגען, זי זאָל זײַן אַ גוטע בעטערין פֿאַר אונדז אַלע... זי איז דאָך געווען מײַן בעסטער פֿרײַנט... זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן... עס איז נאָך געווען אַ ביסל צופֿרי... און דאָ, ווען איך האָב זיך שוין יאָ געקליבן צו אײַך, האָט זיך גע־מאַכט, אַז אײַערע עלטערע קינדער זענען אַוועקגעפֿאָרן קיין קיעוו,

האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז אײַך נישט דער קאָפּ דערבײַ. האָב איך עס אָפּגעלײגט ביז איצט...

ברעטמאַן האָט באַלד פֿון אָנהײב אָנגעהײבן ביסלעכווײַז צו פֿאַרשטײן וועגן וואָס זיסל איז געקומען צו אים. ער האָט געוואָלט אָנהײבן רעדן, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, געשיט מיט רייד אָן אויפֿהער און אַלס גאַסט און פֿרוי פֿון זײַן פֿאַר־וואַלטער, האָט ער זיך אָנגענומען מיט געדולד און געהערט.

— איך האָב שוין לאַנג געטראַכט וועגן אײַך, הער ברעטמאַן,— האָט זיסל נישט אויפֿגעהערט, — און איך האָב נישט אײנמאָל געזאָגט מײַן מאַן, אַז איר זענט נאָך נישט קײן אַלטער מענטש, מען קען זאָגן אין די בעסטע יאָרן, און געליובט צו גאָט, געזונט... איר זעט אויס אַ סך ײנגער פֿון אײַערע יאָרן... טאָ ווי אַזוי זשע קען אַזאַ מענטש, ווי איר, קײן עין הרע, ביי אַזאַ שטאַנד, נישט צו פֿאַרזינ־דיקן, לעבן אַלײן און עלנט אויף דער וועלט אין אַזויפֿיל צימערן.

ברעטמאַן, הערנדיק, אַז ער זעט אויס ײנגער פֿון זײַנע יאָרן, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט און זי איבערגעפֿרעגט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיסל האָט זיך אויף קײן רגע נישט אָפּגעשטעלט און געהאַלטן אין אײן שיטן מיט רייד:

— איך זע טאַקע באמת אויס ײנגער פֿון מײַנע יאָרן? וויפֿל, מײנט איר, זע איך אויס?

— פֿון אַ יאָר פֿערציק... נישט מער, ווי פֿינף און פֿערציק.

— אַזוי מײנט איר, נישט עלטער? — האָט ער איבערגעפֿרעגט און אַ צופֿרידנקײט האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגאָסן אויף זײַן פּנים.

— קײנער וועט אײַך מער נישט געבן ווי פֿערציק אָדער פֿינף און פֿערציק! איר קענט נאָך געפֿעלן אפֿילו אַ מײדל, בפֿרט נאָך אין אַזאַ שטאַנד, קײן עין הרע, נישט צו פֿאַרזינדיקן, ווי איר געפֿינט זיך! עפּעס אַ סך חתנים געפֿינען זיך הײנטיקע צײַטן מיט, קײן עין הרע, אַזויפֿיל גוטס, מיט פּאַלאַצן, מיט קאַרעטן און מיט וואָס נישט? אַ סך מײדלעך וואָלטן זיך געשעצט גליקלעך מיט אײַך...

ברעטמאַנען איז אײַנגעפֿאַלן, אַז זי רעדט אים געוויס בעטיען און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיסל האָט ערשט נישט לאַנג געגעבן אָנצוהערן בעטיען, אַז וועט זיך „נעמען צו איר".

ברעטמאַן האָט זײַן שטול צוגערוקט נענטער צו זיסלען און מיט

דעם גרעסטן אינטערעס אָנגעהייבן זיך צוצוהערן צו אירע ווערטער, וואָס זי רעדט ווייטער.

— נאָר, האָב איך זיך געטראַכט, אַ מיידל פּאַסט אפשר נישט פאַר אייך... איר האָט דאָך שוין דערוואַקסענע קינדער, זיי זאָלן געזונט און שטאַרק זיין... זאָל די וועלט נישט האָבן וואָס צו רעדן, און וואָס דאַרפט איר עס, מען זאָל קוקן אויף אייך פון אַלע זייטן? איר דאַרפט האָבן אַ פרוי פון אַ לייטיש הויז, אַ יונגע, אַ שיינע, אַ געבילדעטע, וואָס קען רעדן עטלעכע שפּראַכן... ביי אייך איז דאָך אַ הויז, ווו עס קומען אַריין די גרעסטע לייט! האָב איך געזאָגט מיין מאַן, אַז איך האָב פאַר אייך אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס מען געפינט טאַקע נישט היינטיקע צייטן: אַ ווייבל פון אַ יאָר דרייסיק, פון דעם גרעסטן יחוס, שיין, געבילדעט, שרייבט רוסיש, דייטש און אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איר ווילט נאָר! איך האָב געזאָגט מיין מאַן וועגן דעם, איז עס אים אויך געפעלן געוואָרן און עס איז ביי אונדז געבליבן, אַז מיר זאָלן אייך רעדן דעם שידוך.

ברעטמאַן האָט מיט גרויס הנאה זיך צעלאַכט און געפרעגט:

— אייער מאַן געפעלט אויך דער שידוך?

— אוודאי! איך זאָג דאָך אייך, אַז ביי אונדז איז געבליבן, מיר זאָלן אייך רעדן דעם שידוך.

— איר זאָגט, אַז ביי „אונדז" איז געבליבן, פאַרוואָס זשע זענט איר געקומען אַליין — ווו איז אייער מאַן?

זיסל, כאָטש זי איז נישט געווען קיין שרעקעוודיקע, איז דאָך אַ ביסל מבולבל געוואָרן און זיך אָנגערופן:

— איך ווייס! אַ מאַנסביל איז שטענדיק פאַרנומען, האָט ער מיך פריער געשיקט...

— איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, זיסל, אַז אייער מאַן איז זייער אַ קלוגער, וואָס ער האָט אייך פריער געשיקט, — האָט ברעטמאַן געזאָגט מיט אַ שמייכל,—און אייך קען איך פאַרזיכערן, אַז אומזיסט האָט איר זיך מטריח געווען וועגן ז'עם, ווייל איך טראַכט נישט איצט וועגן חתונה האָבן...

זיסל האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אַזאַ ענטפער, אָבער דאָך האָט זי זיך נישט פאַרלוירן און האָט געפרוווט ווייטער רעדן וועגן דעם:

— אפשר טראַכט איר טאַקע נישט וועגן אַ שידוך, אָבער עס

וועט דאָך קומען די צייט, ווען איר וועט יאָ טראַכטן דערפון. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אַ מענטש, ווי איר, אין די בעסטע יאָרן, זאָל נישט חתונה האָבן. און ווען עס וועט קומען די גוטע צייט, מאַכט זיך נישט אַזאַ שידוך, ווי מען וויל! גלויבט מיר, הער ברעטמאַן, ווען איר זאָלט קענען דאָס ווייבל, וואָלט איר אַנדערש גערעדט... נישט אַלע מאָל טרעפט זיך אַזאַ גליק. איר וועט דאָ גאָר נישט אָנווערן, ווען איר וועט זי אָנקוקן. וועט אייך נישט געפעלן? איז אויך נישט קיין אומגליק! נאָר וואָס, זאָג איך, נישט געפעלן? עס איז נישט מעגלעך, אַז דער שידוך, וואָס איך לייג אייך פאָר, זאָל נישט געפעלן! איר וואָלט זי נאָר באַדאַרפט אָנקוקן, וואָלט איר שוין אַנדערש גערעדט!

ברעטמאַן האָט געזען, אַז פון זיסלען וועט ער זיך אַזוי גיך נישט אָפּטשעפּען, האָט ער איר געענטפערט:

— נו, איך וועל זיך נאָך באַטראַכטן. איך וועל זיך זען מיט אייער מאַן, וועלן מיר איבערעדן...

אַ צופרידענע, האָט זיך זיסל אָנגערופן:

— ווילט איר אפשר וויסן, וואָס פאַר אַ שידוך דאָס איז?

— צו וואָס? — האָט ברעטמאַן זיך אויפגעכאַפּט. — מיט אייער מאַן וועלן מיר שוין אַלץ איבערעדן!

זיסל איז אַ פריילעכע אויפגעשטאַנען פון איר אָרט און זיך אָנגעהייבן געזעגענען.

— איר וועט זען, הער ברעטמאַן, אַז איך פיר נישט גלאַט אַזוי אַ שידוך. איך בין נישט קיין שדכנטע, נאָר איך פאַרגין נישט קיין אַנדערן אַזאַ ברילִיאַנט! גלויבט מיר, אַז מען שלאָגט דאָרט אָפּ די טירן און זי וויל נישט הערן און וויסן, נאָר אַזוי ווי איך קען אייך און קען זי, איז מיר איינגעפאַלן אויסצופירן דעם שידוך.

— נו, גוט, גוט, זיסל, מיר וועלן שוין איבערעדן מיט אייער מאַן. איך זע דאָך אים אַלע טאָג.

זיסל האָט זיך געזעגנט און אַוועקגעגאַנגען און ברעטמאַן האָט אָפּגעזיפצט, ווי פון אַ שווערער אַרבעט.

— אַזאַ אָנשיקעניש, — האָט ער צו זיך געזאָגט. — פריער האָב איך געהאַט צו טון מיט די שדכנים, ביז איך האָב זיי אַרויסגעפּטרט, און איצטער זיסל!...

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג און ברעטמאַן האָט באַ־

שלאָסן מער נישט אָפּצולייגן און אויסרעדן זיין ביטער האַרץ פאַר פערעלמאַנען.

ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט אים זען אין אָוונט נישט ביי זיך אין שטוב, נאָר אין קאַנטאָר פון דער פאַבריק, אין זיין קאַבינעט, ווו קיינער פון די אָנגעשטעלטע געפינט זיך נישט אין דער צייט.

פערעלמאַנען איז באַלד איינגעפאַלן, אַז געוויס וויל ער רעדן וועגן דעם שידוך, וואָס זיין ווייב האָט אים פאָרגעלייגט, וואָרים וועגן געשעפט האָט ער גענוג צייט מיט אים צו רעדן אַ גאַנצן טאָג, און עס איז טאַקע זייער גלייך, וואָס ער האָט באַשטימט מיט אים צו רעדן נישט ביי זיך אינדערהיים, ווו זיינע קינדער און זייטיקע מענטשן געפינען זיך.

פערעלמאַן האָט דערציילט זיין ווייב, אַז היינט אין אָוונט דאַרף ער זיך זען מיט ברעטמאַנען אין קאַנטאָר, און דערביי האָט ער צוגעגעבן:

— שוין זשע קען מעגלעך זיין, אַז אַזאַ מיליאָנער, ווי ברעט־מאַן, זאָל ווערן אונדזער קרוב?

— פאַרוואָס נישט? איך גלויב, אַז דער שידוך וועט אין אַ מזל־דיקער שעה אויסגעפירט ווערן!

— אָט, אַ מזל, בריינדל וועט מיטאַמאָל ווערן אַ מיליאָנערקע.

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט גלויבן? אַזעלכע בריינדלעך וואַלגערן זיך נישט. אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, וואָס פאַר אַ טייער ווייבל זי איז! נישקשה, ער וועט זי נאָר זען, וועט ער די כפּרה איינעמען. איך וואָלט נאָר געוואָלט, ער זאָל זי אָנקוקן! און דו זאָלסט טאַקע נישט פאַרגעסן, אַז ווען דו וועסט זיך היינט זען מיט אים, זאָלסטו פריער פאַר אַלעמען רעדן מיט אים וועגן דעם. עס וועט זיין זיי־ער גרינג. איך וועל איר שרייבן, זי זאָל קומען צו גאַסט צו אונדז און ער וועט זי אָנקוקן, אַז קיינער וועט אפילו נישט וויסן. האָב קיין מורא נישט. דערנאָך וועט דער גרויסער ברעטמאַן גאָר אַנדערש רעדן מיט מיר! איצט צערעמאָניעט ער זיך נאָך און פאַרגעסט, אַז ער איז אַן אַלטער צאַפּ, און ווען ער זאָל נישט האָבן אַזויפיל מיל־יאָנען, וואָלט ער לאַנג געוואַרט, איך זאָל אים רעדן מיט בריינדלען. פאַרגעס זשע נישט, אַז פריער פאַר אַלעמען דאַרפן זיך חתן־כלה אָנקוקן.

פערעלמאַן האָט צוגעזאָגט זיין ווייב אַזוי צו טון, ווי זי זאָגט אים אָן, און ער האָט שוין ביי זיך באַשלאָסן, אַז באַלד, ווי עס וועט קומען צו רייד וועגן שידוך, זאָל ער אים זאָגן, אַז ער וויל אים נישט איינרעדן, ער וויל נאָר, אַז חתן־כלה זאָלן זיך אָנקוקן און דערנאָך וועט מען שוין אַ שמועס טון וועגן אַלץ.

ווען פערעלמאַן האָט אין דעם אָוונט זיך געלאָזט גיין אין קאַנטאָר, האָט ער פונדערווייטנס דערזען, ווי אין די פענסטער פון ברעטמאַנס קאַבינעט איז ליכטיק.

— ווער איז דאָרט דאָ? — האָט ער ביי דער טיר געפרעגט דעם וועכטער פון קאַנטאָר.

— אונדזער באַלעבאָס, — האָט דער וועכטער געענטפערט.—ער האָט געהייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר און דערלאַנגען טיי.

פערעלמאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון קאַבינעט און איז אַריינגעגאַנגען.

זיין באַלעבאָס האָט אים זייער פריינטלעך באַגעגנט אויף דער שוועל.

— דיין זיסל איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געווען ביי מיר און מיר גערעדט אַ שידוך! — האָט ער זיך צעלאַכט.

באַלד אָבער איז ער געוואָרן ערנסט און זיך ווידער אָנגערופן:

— איך האָב דיין ווייב צוגעזאָגט, אַז זי וועט באַקומען אַ קלאָרן ענטפער דורך דיר, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז פון דיין זיסלען איז נישט אַזוי גרינג זיך אָפּצוטשעפּען. בעט איך דיך, דו זאָלסט איר איבערגעבן, אַז איך טראַכט איצט נישט פון שידוכים און זי זאָל זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. ווען איך זאָל האַלטן ביי שידוכים, וואָלט איך שוין לאַנג חתונה געהאַט, און ס'איז אָבער נישטאָ וועגן דעם וואָס צו רעדן. נאָר לאָמיר דאָס אַוועקוואַרפן. נישט וועגן דעם האָב איך זיך היינט געוואָלט זען מיט דיר.

ברעטמאַן איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אָנגעקלונגען. עס איז אַריינגעקומען דער וועכטער, וועלכן ער האָט געהייסן אַריינטראָגן צוויי גלעזער טיי.

פערעלמאַן איז געבליבן זיצן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער. אַזוי אומגעריכט איז פאַר אים געווען דער ענטפער און מיט דער גרעסטער אומגעדולט האָט ער געוואַרט, וואָס זיין באַלעבאָס וועט ווייטער זאָגן.

ענדלעך האָט ברעטמאַן אָנגעהייבן רעדן האַרציק און פריינטלעך און אויף זיין פנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ באַזונדער גוטסקייט.

— הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן, פערעלמאַן. איצט וויל איך מיט דיר רעדן נישט ווי אַ באַלעבאָס מיט זיין אָנגעשטעלטן, און אַז דו ווילסט, האָב איך קיינמאָל אויף דיר נישט געקוקט, ווי אויף מיינעם אַן אָנגעשטעלטן. מיר אַרבעטן שוין אַ שיינע פאָר יאָר צוזאַמען, דו קענסט מיך, ווען איך בין נאָך געווען אַן אָרעמאַן, אַ גרויסער בעל־חוב... איך קען דיין טריישאַפט און דיין ערלעכקייט און דו ווייסט אויך, אַז איך האָב זיך מיט דיר קיינמאָל נישט גערעכנט. איך האַלט דיך שטענדיק פאַר מיין בעסטן פריינט.

ברעטמאַן האָט אָפגעאָטעמט און ווידער אָנגעהייבן:

— שוין אַ צייט, אַז איך לעב איבער שרעקלעכע צרות. מיינע לײדן איז נישט איבערצוגעבן. איך האָב זיי אַלץ געטראָגן אין זיך. קיין שום בן־אדם האָט נישט געוווּסט און ווייס נישט! מיינע ליידן זענען אָבער די לעצטע צייט געוואָרן אַזוי גרויס, אַז איך פיל, ווי איך בין מער נישט אומשטאַנד זיי איבערצוטראָגן און איך מוז זיך כאָטש מיט עמעצן טיילן, אויסגיסן מיין גאַנץ האַרץ פאַר אַן איבערגעגע־בענעם פריינט. קיין בעסערן פריינט, קיין אַנדערן האָב איך נישט, ווי דו... איך וועל פון דיר גאָרנישט פאַרלייקענען, מיין גאַנץ האַרץ וועל איך עפענען פאַר דיר, נאָר מיט איין באַדינג, אַז קיין שום בן־אדם, אפילו דיין זיסל זאָל נישט וויסן וועגן דעם, וואָס מיר וועלן רעדן היינטיקן אָוונט. דאָס בעט איך דיר, דאָס פאַרלאַנג איך פון דיר!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק.

בײַע האָפֿענונגען.

ברעטמאַן האָט דערציילט אַלץ פֿון דעם ערשטן טאָג, זינט בעטיע איז געקומען אין פֿאַבריק, ביז דער צייט, וואָס זי האָט זיך איבערגעצויגן צו אים אין שטוב. ער האָט קיין זאַך נישט געלייקנט אָדער באַהאַלטן.

ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און איבערגעגעבן אַלע געשפּרעכן, וואָס ער האָט געהאַט מיט בעטיען און דערהויפּט האָט ער אויספֿירלעך דערציילט פֿון דעם אָוונט, ווען ער איז געווען בײַ איר אינדערהיים און איר געמאַכט אַ פֿאָרשלאָג, זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, ווי זי איז אויף מאָרגן באַלד אַוועקגעפֿאָרן צו איר מומען און דעם אומדערוואַרטן ענטפֿער, וואָס בעטיע האָט אים געגעבן, ווען זי איז געקומען צוריק.

ברעטמאַן מיט פּערעלמאַנען האָבן זיך אַזוי פֿאַרעדט, אַז צו די צוויי גלעזער טיי, וואָס זענען געשטאַנען פֿאַר זיי אויפֿן טיש, האָבן זיי זיך אפֿילו נישט צוגערירט און זיי זענען קאַלט געוואָרן.

עס איז שוין געווען שפּעט אינדערנאַכט. אָבער זיי האָבן זיך נישט געפֿילט מיד און נישט געוואָלט שלאָפֿן.

ברעטמאַן האָט מיט פֿייער און מיט האַרץ גערעדט און גערעדט, און פּערעלמאַן האָט זיך אַזוי פֿאַראינטערעסירט מיט דער שרעקלעכער און טרויעריקער לאַגע פֿון זיין באַלעבאָס, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי די צייט איז אַזוי גיך איבערגעפֿלויגן.

— איך האָב דיר אַלץ דערציילט, — האָט ער געענדיקט זיין טרויעריקע געשיכטע מיט בעטיען. — איצטער פרעגט זיך, וואָס וועט זיין ווייטער?

— נאָכדעם, וואָס איר האָט דאָ אַלץ דערציילט, — האָט פּערעל־מאַן זיך אָנגערופן, — בין איך זיכער, אַז זי וועט סוף כּל סוף אָננע־מען אייער פאָרשלאָג.

— פונוואַנען נעמסטו עס?

— פּראָסט דערפאַר, ווייל עס לייגט זיך אַנדערש נישט אויפן שכל. וואָסער מיידל וואָלט נישט געוואָלט אַזאַ גליק — צו ווערן די פרוי פון אַרנאָלד ברעטמאַן? און דערצו נאָך, ווען איר האָט זי אַזוי ליב און איר זענט גרייט מיט אַלעם זי גליקלעך צו מאַכן.

— און דאָך, זעסטו, ווי זי האָט מיר פאַרבאָטן אפילו אַ וואָרט צו רעדן מיט איר וועגן דעם!

— דאָס וועט אַלץ איבערגיין... איך בין זיכער, אַז ווען עס וועט קומען די צייט, וועט זי אַליין אָנהייבן צו רעדן מיט אייך וועגן דעם. איר זעט דאָך, ווי שוין איצט איז זי צו אייך און צו אייערע קינדער אַזוי געטריי און איבערגעגעבן, אַז איר קאָנט זיך אַליין נישט אָפּלויבן. וואָס פאַר אַ צוועק האָט זי דערביי צו זיין אַזוי גוט און געטריי צו אייך אַלעמען, ווען זי זאָל נישט טראַכטן אַמאָל צו ווערן אייער פרוי?

ברעטמאַן האָט געפילט, אַז פּערעלמאַנס רייד גיבן אים אַריין אַ נייע נשמה און ער האָט פריילעך זיך אָנגערופן:

— איך גלויב אויך אַזוי... אָבער מיין פריינט, דו זאָגסט, ווען עס וועט קומען די גוטע צייט! פרעגט זיך, ווען וועט די גוטע צייט קומען? איך בין דאָך נישט קיין יונגערמאַנטשיקל, מיינע בעסטע טעג גייען אַוועק.

— קעגען דעם איז גאָרנישט צו טון. זי איז נאָך יונג און האָט צייט, זי קען אַנדערש נישט פאַרשטיין... אָבער אַז זי טראַכט נישט וועגן אַן אַנדער שידוך, בין איך מער ווי זיכער, אַזוי ווי עס איצט נאַכט... ווארים ווען זי זאָל אַנדערש טראַכטן, וואָלט זי ביי אייך נישט געווען... ווער שמועסט נאָך דאַן, ווען איר האָט איר געמאַכט אַ פאָרשלאָג. זי איז צו קלוג, צו שטאָלץ און צו אָרנטלעך, זי זאָל ביי זיך פועלן צו זיין ביי אייך אין הויז די גאַנצע באַלעבאָס־טע און טראַכטן חתונה צו האָבן פאַר אַן אַנדערן.

ברעטמאַן האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און פערעלמאַן האָט ווייטער גערעדט:

— אָט האָט איר דאָך דעם בעסטן באַווייז, אַז איך האָב נישט קיין טעות: איך פרעג אייך, וואָס פאַר אַ צוועק האָט זי צו זיין ביי אייך אין הויז? ווען מיר זאָלן זען, אַז דערמיט זאַמלט זי אָן ביי אייך אין הויז אַ קאַפּיטאַל, אָדער זי מאַכט זיך טייערע קליידער, קויפט זיך בריליאַנטן, וואָלט איך געטראַכט, אַז זייענדיק ביי אייך אין הויז, וויל זי פאַר זיך אָנזאַמלען אַ פאַרמעגן! אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז די הוצאות ביי אייך אין הויז זענען נישט גרעסער, ווי פריער, ווען בעטיע איז נישט געווען ביי אייך, און פאַראַן וואָכן, וואָס די הוצאות זענען נאָך קלענער... דאָס קענט איר זען פון די אויסגאַבן פאַר אייער הויז. היינט וואָס פאַר אַ צוועק האָט זי? עס איז פאַר מיר קלאָר, אַזוי ווי צוויי און צוויי איז פיר, אַז זי רעכנט זיך נישט נאָר פאַר אַ באַלעבאָסטע פון אייער הויז, נאָר אויך פאַר דער אייגנטימערין פון אייער פאַרמעגן גלייך מיט אייך און לאָזט נישט אויסברענגען אַן איבעריקן גראָשן... אַי, זי האָט אייך באַלד נישט געגעבן קיין גוטן ענטפער, ווי אייך האָט זיך געוואָלט? זענען שולדיק אירע יונגע יאָרן... האָט נאָר אַ ביסעלע געדולט, וועט עס זיין אַזוי ווי איר ווינטשט זיך אַליין.

ברעטמאַן האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט און פרייליך זיך אָנגערופן:

— איך קאָן דיר נישט איבערגעבן, פערעלמאַן, ווי איך פיל זיך גליקלעך, וואָס מיר איז איינגעפאַלן פאַר דיר אויסצוגיסן מיין אָנגעווייטיקט האַרץ. דו האָסט מיר געעפנט די אויגן. דו האָסט געשטעלט אַ פראַגע, וואָס דערקלערט אַלץ. באמת, וואָס פאַר אַ צוועק איז פאַר אַזאַ שיין מיידל, צו פירן אַזאַ גרויסע באַלעבאַטישקייט אין מיין הויז, ווען זי זאָל נישט טראַכטן צו ווערן מיין פרוי? אַ מאַטעריעלן צוועק האָט זי נישט. אַ נאַרישקייט צו זאָגן. איך האָב געוואָלט העכערן איר געהאַלט, האָט זי מיט אַ שמייכל געענטפערט, אַז עס איז פאַר איר גענוג דאָס געהאַלט פון הונדערט רובל, וואָס זי פלעגט באַקומען אין קאַנטאָר. אַנומלט, ווען איך בין געווען אין קיעוו, האָב איך אַלעמען געבראַכט מתנות, אפילו לאהן מיט איר קינד. בעטיען האָב איך געבראַכט זיידנס, סאַמעט און אַ טייערן פוטער. ליגט דאָס ביי איר. און ווען איך האָב געזאָגט, פאַרוואָס שיקט זי נישט נאָך אַ שניידער, מען זאָל עס פאַר איר אויפנייען, האָט זי ווי־

דער געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז זי האָט נאָך צייט, זאָל עס ליגן!

ביידע זענען אויף עטלעכע מינוט אַנטשוויגן געוואָרן און געזופּט די קאַלטע טיי. פּערעלמאַן האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און פּלוצים זיך האַסטיק און פריילעך אָפּגערופן, און דערביי מיט דער האַנט אַ קלאַפּ געטון אין טיש:

— אַז מיר זענען שוין יאָ געזעסן אַזוי שפּעט און אַזויפיל גערעדט, זאָל עפּעס דערפון אַרויסקומען. מיר איז איינגעפאַלן, איך זאָל רעדן מיט איר... איר קאָנט נישט, אייך האָט זי פאַרבאָטן מיט איר צו רעדן, און איך דאַרף זיך נישט מאַכן וויסנדיק און וועל איר רעדן דעם שידוך מיט אייך... אַגב, האָט מיין ווייב שוין איר געגעבן אָנצוהערן, אַז זי וועט זיך נעמען צו איר.

— דאָס איז זייער אַ גוטער געדאַנק. נאָר דיין זיסל טאָר זיך אין דעם נישט מישן...

— אַוודאי נישט... זי וועט אפילו נישט וויסן, און גלויבט מיר, ווען איך וועל רעדן מיט איר, וועל איך שוין אַלץ וויסן. איך גלויב, אַז מיט אייך האָט זי נישט געקאָנט אַזוי אָפן רעדן און מיט מיר, ווי מיט אַ זייטיקן מענטשן, וועט זי אַנדערש רעדן... און, ווידער, דאַרפט איר וויסן, אַז איך בין מיט בעטיען אַלטע גוטע פריינט און זי האָט שטענדיק צו מיר גרויס צוטרוי. דאָס ווייסן אַלע אין קאַנטאָר, ווו זי האָט געאַרבעט.

— איך ווייס אויך וועגן דעם, אַז זי האַלט זייער פון דיר. דאָס איז אַגליקלעכער געדאַנק, דו קאָנסט מיט איר רעדן.

— איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר!

שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי ביידע צעפרידן אַרויסגעגאַנגען פון קאַנטאָר, ווי די בעסטע גוטע פריינט.

פּערעלמאַן האָט זיין באַלעבאָס אָפּגעפירט אַהיים און דערנאָך איז ער אַוועק צו זיך. זיין ווייב האָט נאָך נישט געשלאָפן און מיט אומגעדולט געוואַרט אויף זיין צוריקקומען. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס האָט ברעטמאַן געזאָגט וועגן דעם שידוך מיט ברײַנדלען.

* *
*

זיסל האָט פריילעך באַגעגנט איר מאַן, און באַלד ווי ער האָט

נאָר פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צו אים:

— אַזוי לאַנג, אַזוי שפּעט זיך פאַרזעסן! — נו, וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן? גאָרנישט! — האָט פערעלמאַן געענטפערט.

— וואָס הייסט, גאָרנישט? וואָס דען זענט איר אַזוי שפּעט געזעסן?

— וואָס מיינסטו, מיר האָבן מער נישט פון וואָס צו רעדן, ווי פון דיינע שידוכים?

— וואָס געפעלן דיר נישט אַזוי מיינע שידוכים? דו האָסט עפּעס בעסערע?

— צו וואָס דאַרף איך שידוכים? איך האָב מיט עפּעס אַנדערש זיך צו באַשעפטיקן, ווי מיט אַזעלכע נאַרישקייטן!

זיסל איז אין כּעס געוואָרן און אָנגעהייבן העכער צו רעדן:

— וואָס זשע? דו האָסט מיט אים גאָרנישט גערעדט וועגן דעם שידוך?

— אוודאי האָב איך גערעדט.

— נו, וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— ער וויל נישט הערן פון קיין שום שידוכים. ער וויל נישט חתונה האָבן, האָט ער געזאָגט.

— אַ צדיק געוואָרן אויף דער עלטער! — האָט זי זיך ביטער צעלאַכט. — הלוואי וואָלט איך בעסער געגאַנגען רעדן מיט אים און נישט שיקן דיך! פאַרוואָס בין איך טאַקע נישט געגאַנגען צוזאַמען מיט דיר? איך קען עס מיר נישט שענקען! דו האָסט מיר נאָר קאַליע געמאַכט דעם שידוך! נישקשה, ווען ברײַנדל זאָל זײַן דײַנע אַ קרובה, וואָלסטו גאָר אַנדערש מיט אים גערעדט! אייגן בלוט רעדט גאָר אַנדערש. וואָס אַרט דיך דײַן ווײַבס קרובה? זי געהער זיך עפּעס אָן מיט דיר אַ סך? אַי, דײַן ווײַב וועט האָבן דערפון יסורים, אַרט דיך עפּעס? דו האָסט נאָר אין זינען זיך און ווייטער גאָרנישט!

— וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט אין מיר! אַ מענטש וויל נישט חתונה האָבן, קען מען אים צווינגען?

— דער באָבען דײַנער וועסטו דערציילן אַזעלכע בבא-מעשיות!

װעמען װעסטו דערציילן? קינד און קייט װעלן דאָך לאַכן! אַרנאָלד ברעטמאַן איז געװאָרן אַ צדיק און װיל נישט חתונה האָבן! װעמען װעסטו דאָס איינרעדן? איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף דיר און איך װעל עס מיר קיינמאָל נישט שענקען, װאָס איך בין מיט דיר נישט מיטגעגאַנגען!

— װײיסטו װאָס? דול מיר נישט דעם קאָפּ, נעם און גיי אַליין צו אים, װעסטו הערן, װאָס ער זאָגט!

— איצטער הייסטו מיך גיין! פריער האָסטו קאַליע געמאַכט און איצט הייסטו מיך גיין? מוחל, מוחל! — האָט זיסל מיט גאַל גערעדט.

און דערנאָך האָט זי זיך אַ כאַפּ געטון:

— איך װעל טאַקע גיין! און איך װעל דיר װײַזן, אַז מיט מיר װעט ער אַנדערש רעדן! נאָר איך װיל נאָר װיסן איין זאַך: װעגן װאָס האָט איר גערעדט אַ גאַנצע נאַכט און זיך אַזוי שפּעט פאַרזעסן?

— ביזט משוגע, צי װאָס? פון קיין אַנדער זאַך האָבן מיר שוין נישט צו רעדן, װי װעגן שידוכים? דאַכט זיך, אַז װעגן אַזאַ גרױסער פאַבריק איז דאָ פון װאָס צו רעדן.

— איז אייך װײניק דער גאַנצער טאָג? װען זענט איר עס ביידע געזעסן בײַנאַכט אין קאַנטאָר אַזוי שפּעט?

— דו פאַרגעסט, אַפּנים, אַז ער איז דער באַלעבאָס און איך דין ביי אים. ער האָט געװאָלט זיצן און רעדן װעגן געשעפט ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָב איך געמוזט. אָט װעל איך אין אַ פּאָר טעג אַרום װידער דאַרפן פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי ברעטמאַנען אין הויז, װאָס זאָל איך אים זאָגן, אַז איך װעל נישט גיין, װען ער הייסט מיר?

דערמיט האָט זיך פּערעלמאַן באַװאָרנט דעם װיזיט צו בעטיען, װען ער װעט מוזן גיין צו ברעטמאַנען אַהיים.

* *

*

פּערעלמאַן האָט נאָר געזוכט אַ צופאַל זיך צו באַגעגענען מיט בעטיען און איר זאָגן, אַז ער דאַרף מיט איר רעדן װעגן אַ װיכ־

טיקן ענין און ער וועט זי בעטן, אַז זי זאָל אים באַשטימען אַ צייט.

עס זענען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג, און אָט האָט ער איינ־מאָל דורך די פענסטער פון זיין אַרבעטסצימער דערזען, ווי בעטיע שפּאַצירט מיט ברעטמאַנס קינדער און אויך לאה מיט „איר" קינד לעבן גראָבן פון וואַלד.

ער איז אַרויס אין דרויסן און האָט זיך כלומרשט געלאָזט שפּאַצירן צום וואַלד מיט פאַרלייגטע הענט אַהינטער.

ווען בעטיע האָט אים פונדערווייטנס דערזען, האָט זי זיך גע-לאָזט גיין אַקעגן און מיט אַ שמייכל אים געפרעגט:

— ווי קומט איר, הער פערעלמאַן, צו שפּאַצירן אינמיטן העלן טאָג ביים וואַלד?

— אָט מען דאַרף אַמאָל שפּאַצירן אויך, — האָט ער גע-שמייכלט. — אויך וואָלט איך מיט אייך געוואָלט איבערעדן וועגן עפּעס אַן ענין...

— נו, דערציילט, וועל איך הערן, — האָט בעטיע פריינטלעך געזאָגט.

— ניין, נישט דאָ... דאָס איז זייער אַ וויכטיקער ענין. דאָ איז נישט דאָס אָרט.

— אפשר שטערן אייך די קינדער, קענען מיר זיי איבערלאָזן און גיין באַזונדער.

— ניין, איצט איז נישט די צייט... איך וואָלט אייך געבעטן בעסער אין אָוונט, ווען איר זענט פריי.

— איך בין שטענדיק פריי, ווען איר ווילט קענען מיר רעדן!

— מאָרגן אין אָוונט וועט זיין גוט?—האָט פערעלמאַן געפרעגט.

— זאָל זיין מאָרגן אין אָוונט,—האָט בעטיע געענטפערט.

פערעלמאַן האָט זיך שוין געזעגנט, ווייל ער האָט זיך גע־איילט אין קאַנטאָר, נאָר בעטיע האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— וואָס הערט זיך עפּעס נייס אין קאַנטאָר? ווי אַזוי גייט עפּעס די בוכהאַלטעריע אָן מיר?

— נייס? — האָט ער זיך פאַרטראַכט. — אַלץ גייט אין דער בעסטער אָרדענונג, און אונדזער באַלעבאָס ווערט וואָס אַמאָל רייכער.

— מילא, דאָס אינטערעסירט מיך ווייניק... איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז וואָס די רעדער פון די פאַבריק-מאַשינען דרייען זיך מער,

אַלץ מער שיט זיך גאָלד אין זיינע זעק... איך וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, צי די מענטשן אין פֿאַבריק זענען צופֿרידן? נאָך אַזוינע גרויסע פֿאַרדינסטן, וואָס די פֿאַבריק ברענגט איין אין די לעצטע יאָרן, וואָלט אַ יושר געווען, אַז די אַרבעטער זאָלן אויך זיין צופֿרידן.

— די אָנגעשטעלטע אין קאַנטאָר זענען זייער צופֿרידן. די לעצטע צייט האָט ער אַלעמען ווידער געהעכערט דאָס געהאַלט. די אַרבעטער האָט מען אויך צוביסלעך געהעכערט, אָבער זיי זענען נישט אַזוי צופֿרידן, און „וואַסילי" בונטעוועט זיי נאָך אַלץ שטילערהייט. איך, פֿון מיין זייט, קען אייך אָבער זאָגן, אַז אַרנאָלד ברעטמאַן איז נישט דער, וואָס אַמאָל, ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן! ער טיילט אַ סך צדקה, גיט גרויסע סומעס געלט אויף פֿאַרשידענע אַנשטאַלטן און וויל בויען שפּיטאָלן און שולן... בכלל זאָגט ער איצטער זעלטן אָפּ, ווען מען בעט אים עפּעס.

— און דאָך, צו באַפֿרידיקן אויך די אַרבעטער, האָט ער קיין מוט נישט!

— עס איז גרינג נאָר אַרויסצוזאָגן „באַפֿרידיקן די אַרבעטער". דאָס זענען נישט קיין אָנגעשטעלטע אין קאַנטאָר, וואָס מען קען זיי באַפֿרידיקן מיט עטלעכע טויזנט רובל. ווען מען זאָל אָבער העכערן דעם לוין פֿון די אַרבעטער און נאָך פֿאַרקלענערן די צייט פֿון זייער אַרבעט, וועט עס אויסמאַכן ריזיקע סומעס געלט! פֿאַרגעסט נישט, וויפֿל טויזנטער אַרבעטער עס געפֿינען זיך אין זיינע פֿאַבריקן!

— און דאָך האָט ער נישט קיין מוט צו באַרעכענען, אַז אין יעדן אַרבעטער פֿאַרדינט מען, און וואָס מער מענטשן עס אַרבעטן אויף אים, אַלץ מער ווערט ער רייכער.

פּערעלמאַן, אַלס אַלטער געשעפֿטספֿירער, האָט איר געוואָלט דערוויזן, אַז מיט אַזעלכע חשבונות, ווי זי מאַכט, קען מען קיין געשעפֿטן נישט פֿירן, נאָר אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז בעטיע זאָל וועגן ברעטמאַנען האָבן די בעסטע מיינונג, האָט ער אין קורצן געענטפֿערט:

— דאָס וועט אויך מיט דער צייט מוזן קומען, און די אַרבעטער וועלן זיין צופֿרידן.

— אוודאי וועט די דאָזיקע צייט מוזן קומען און איך גלויב, אַ סך פֿריער, ווי איר מיט ברעטמאַנען מיינען.

פּערעלמאַן האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אָדער געמאַכט זיך נישט

פאַרשטייענדיק אירע לעצטע ווערטער. איצט האָט איצט מער אינטע־רעסירט דאָס געשפּרעך וועגן דעם „וויכטיקן ענין", וואָס ער דאַרף האָבן מיט בעטיען, און האָט זיך אָנגערופן:

— איך האָב זיך אַ ביסל פאַרעדט און איך אייל זיך אַזוי אין קאָנטאָר. ווען זשע זעען מיר זיך?

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, נישקשה, ברעטמאַנס געשעפטן וועלן גאָרנישט פאַרלירן, ווען איר וועט דאָ אַ ביסל פאַרברענגען מיט מיר. איך האָב אייך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען, און ווען מיר באַגעגענען זיך אַמאָל, האָט איר קיינמאָל קיין צייט נישט!

— ווי געפעלט אייך עפּעס לאהס קינד? — האָט זי פּלוצים אַ פרעג געטון פערעלמאַנען און אָנגעוויזן אויף דעם וועגעלע, וואָס לאה האָט געפירט. — איאָ, אַ שיין מיידעלע?

פערעלמאַן האָט אַ קוק געטון אויף דעם קינד, וואָס האָט מיט זיינע בלויע אייגעלעך און ראָזע בעקעלעך אַרויסגעשיינט פון וועגע־לע, פון די ווייס־זילבערנע שליאַרקעס און קאָלירטע סטענגעס, מיט וועלכע עס איז באַזוימט געווען זיין קליידעלע, קאָלדרעלע און הי־טעלע אויפן קעפּל.

— יאָ, איך האָב געהערט, אַז אַלע אין הויז האָבן זייער ליב דאָס מיידעלע. אפילו ברעטמאַן קוועלט אָן פון דעם קינד.

— און איר האָט עס אפילו קיין איינמאָל נישט אָנגעקוקט, — האָט בעטיע מיט אַ שמייכל אים פאָרגעוואָרפן.

און דערנאָך האָט זי זיך צעלאַכט און האָט אים אַליין פאַר־ענטפערט:

— עס פעלן אייך נישט קיין קינדערלעך ביי זיך אינדערהיים, ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

— יאָ, זיי קלאַפּן, קיין עין־הרע, געגנוג אין קאָפּ! אָבער אַזאַ קליינס, אַזאַ שיינס, איז ביי מיר נישטאָ, — און פערעלמאַן האָט דאָס קינד געגעבן אַ גלעט איבער דעם קעפּעלע.

— און איר, בעטיע, זע איך, זענט פאַרליבט אין דעם קינד, וואָס איר קוועלט אַזוי אָן!

— אָ, איך האָב זייער ליב דאָס קינד! — האָט בעטיע געענטפערט.

ברעטמאַנס קינדער האָבן זיך איבערגעבויגן איבער דעם וועגע־לע און עס אָנגעהייבן קושן.

לאה האָט זיך צעשריגן:

— וואָס זענט איר אַלע אָנגעפּאַלן אויפֿן קינד!

לאה האָט זיי אַלע צעטריבן און אַוועק מיט דעם וועגעלע אָן אַ זייַט און אָפּגעשפּראָכן דעם קינד אַן עין־הרע.

— ווי לאה ציטערט עס אַ ביסל פֿאַר איר קינד! — האָט פּע־רעלמאַן באַמערקט.

— נישט קיין וווּנדער, — האָט בעטיע געזאָגט. — דאָס קינד איז ביי איר דאָס גאַנצע לעבן.

פּערעלמאַן האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר פּלוצים האָבן אַלע דערזען, ווי ברעטמאַן גייט גלייך צו זיי און פאָכט מיט עפּעס אין די הענט.

ווען ברעטמאַן האָט זיך דערנענטערט, האָט מען געהערט, ווי ער שרייַט:

— פֿון יוספֿן אַ בריוו! אַ בריוו פֿון יוספֿן!

אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן דעם בריוו.

— איך האָב אייך, קינדער, געזוכט אינדערהיים, האָב איך קיי־נעם נישט געפֿונען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַוועק אויפֿן שפּאַציר. איך האָב אייך אומעטום געזוכט.

די קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט. יעדער האָט געוואָלט אַרויסרייסן בייַ אים דעם בריוו. בעטיע, פּערעלמאַן און לאה מיטן קינד אין וועגעלע זענען געשטאַנען אין אַ זייַט.

ברעטמאַן האָט גענומען שרייַען צו זיי:

— וואָס שטייט איר פֿונדערווייטנס? אַלע קומט אַהער נענטער צו מיר און דו, לאָה, מיט דעם קינד אויך! אַלע, אַלע, די גאַנצע וועלט זאָל וויסן פֿון מיין גליק! הערט, וואָס ער שרייבט!

די קינדער זענען אַלעמאָל אונטערגעשפּרונגען און נישט אויפֿ־געהערט צו רייסן דעם בריוו פֿון זייער פֿאָטערס הענט.

— איך וועל קיינעם נישט געבן דעם בריוו! — האָט ער מיט פֿרייד געשריגן. — איך וועל אים אַליין לייענען און איר וועט הערן!

און ברעטמאַן האָט מיט אַ ציטערדיק קול פֿון גרויס שמחה אָנ־געהייבן צו לייענען יוספֿס בריוו:

„מיט דער גרעסטער פֿרייד קען איך מודיע זיין מיינע טייערע עלטערן"...

— אָרעמער יוסף! — האָט נישט אויסגעהאַלטן איינס פֿון ברעט־

מאַנס קינדער — ער ווייסט נאָך, נעבעך, נישט, אַז די מאַמע איז גע־שטאָרבן... ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט!

— שלאָג מיר נישט איבער! לאָזט מיך לייענען! — האָט ברעט־מאַן אָנגעשריגן און ווידער אָנגעהייבן פון אָנהייב.

„מיט דער גרעסטער פרייד קען איך מודיע זיין מיינע טייערע עלטערן און מיינע ליבע שיינע שוועסטער, אַז נישט שפּעטער ווי אין אַ חודש, אָדער זעקס וואָכן אַרום, וועט נעמען אַ סוף צו דער דאָזיקער בלוטיקער מלחמה. איך וויל אויך איצט נישט שרייבן אויף וואָס איך באַגרינדע מיין זיכערקייט... איך וויל אייך נאָר זאָגן, אַז אויפן שלאַכטפעלד, וווּ איך געפין זיך, זעט עס לעצטנס אויס ווי צו נעילה... נאָך אַ שעה, נאָך מינוטן און עס וועלן זיך באַווייזן די לאַנג דערוואַרטע ליכטיקע שטערן אויפן הימל און עס וועט זיך ענדיקן דער הונגעריקער געפּייניקטער טאָג... דער אויסגעהונגערטער פאַר־שמאַכטער עולם וועט זיך פריילעך לאָזן אַהיים צו די געדעקטע יום־טובדיקע טישן מיט אַלדאָס גוטס.

אוי, ווי דערלעב איך דעם גליקלעכן טאָג, ווען איך וועל שוין קומען צו מיין ליבער היים און צו מיינע אייגענע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב און בענק אַזוי שטאַרק...”

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ געוויין. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. בעטיע איז געפאַלן אויפן וועגעלע מיטן קינד און זיך צעוויינט...

בעטיעס האַרץ האָט נישט אויסגעהאַלטן. הערנדיק דעם בריוו, האָט איר האַרץ אָנגעהייבן צו פלאַטערן. און מיט אַלע קרעפטן האָט זי זיך איינגעהאַלטן, מען זאָל אויף איר נישט דערקענען.

זי האָט אַ קוק געטון אויף איר קינד, מיט וועלכן זי האָט זיך געוואָלט טיילן איר פרייד, געוואָלט אים זאָגן, אַז זיין פאָטער וועט אינ־גיכן קומען און עס וועט נעמען אַ סוף צו זייערע שרעקלעכע אי־בערלעבונגען. נאָך די אַלע ווערטער, וואָס זענען איר געלעגן אויף די ליפּן, האָט זי באַדאַרפט איינהאַלטן אין זיך און זי האָט אויסגע־בראָכן מיט אַ געוויין, פאַלנדיק איבער איר קינדס וועגעלע.

ברעטמאַן, פּערעלמאַן און אַלע, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען, האָבן זי אַרומגערינגלט.

— וואָס איז מיט דיר, בעטיע? — האָט ברעטמאַן דערשראָקן געפרעגט.

— גאָרנישט, גאָרנישט... שרעקט זיך נישט... — האָט בעטיע

געענטפערט, אויסווישנדיק די טרערן. — איך האָב געהערט לייענען, ווי אַ יונגערמאַן איז דאָרט אַזוי עלנט, אַליין, יעדן טאָג אין גרויס געפאַר און איצט האָפט ער צו קומען צו זיינע ליבע אַהיים... עס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן און איך האָב זיך אַ ביסל צעוויינט... לייענט ווייטער... לייענט... עס איז מיר גאָרנישט!..

אַלע האָבן זיך באַרויקט, און ברעטמאַן האָט ווידער געלייענט:

„איך פיל זיך געזונט און האָף, אַז איך, וואָס איך האָב אי־בערגעלעבט אַזויפיל געפאַרן און שרעק, אַזויפיל פיין און צער, וועל בשלום קומען אַהיים".

צום סוף האָט יוסף אויסגעפרעגט אויף יעדן באַזונדער און געבעטן, אַז אַלע זאָלן אים שרייבן גרויסע בריוו. ער האָט זיך באַ־קלאָגט, אַז ער שרייבט אָפט, ווי מעגלעך און ער באַקומט זעלטן בריוו פון דערהיים.

— מען קען משוגע ווערן פון דער דאָזיקער מלחמה! — האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן. — איך און די קינדער הערן נישט אויף אים צו שרייבן און יוסף באַקלאָגט זיך אַלץ, אַז ער האָט פון אונדז קיין בריוו נישט!

— ער וועט מסתמא באַקומען אַלע אייערע בריוו צוזאַמען, — האָט פערעלמאַן געטרייסט. — אין אַ מלחמה קען נישט זיין קיין אָר־דענונג פאַר פריוואַטע ענינים.

— גוט, וואָס איך האָב אייך אַלע דאָ געטראָפן, — האָט ברעט־מאַן זיך אַ כאַפּ געטון. — צוליב דעם טייערן בריוו פון מיין זון, וויל איך, אַז היינטיקן אָוונט זאָלן מיר אַלע צוזאַמען פאַרברענגען אַ ביסל יום־טובדיק...

און ברעטמאַן האָט זיך געווענדט צו פערעלמאַנען:

— פאַרגעס נישט קומען צו מיר היינט אין אָוונט צוזאַמען מיט דיין זיסלען.

דער עולם איז זיך צעגאַנגען: ברעטמאַן און פערעלמאַן אין קאַנטאָר און בעטיע מיט דעם איבעריקן עולם אַהיים.

אויפן וועג האָט בעטיע שטיל אַ זאָג געטון צו לאהן:

— איך וועל באַלד צופאָרן צו דער פּאָסט. עס געפינט זיך בע־ווּס פאַר מיר אויך אַ בריוו...

קאפיטל פיר און צוואנציק.

אויף אַ פאַרבעטענעם אָוונט.

בעטיעס זיכערקייט אין איר יוספן האָט זי קיינמאָל נישט אָפּ־געגעבן. זי איז געווען זיכער, אַז צוזאַמען מיטן בריוו צום פּאָטער האָט ער איר אויך אַרויסגעשיקט אַ בריוו.

און ווען זי איז געקומען אויף דער פּאָסט, האָט זי אַזאַ בריוו באַקומען. דער אינהאַלט מיט פריילעכע ידיעות, אַז ער האָפט אין אַ פּאָר חדשים אַרום צו זען זיין בעטיען מיטן קינד, האָט זי אויפגעלעבט און זי האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט אַזוי גליקלעך, ווי איצט.

באַזונדערס איז זי צופרידן, וואָס היינטיקן אָוונט וועט זי דאָס ערשטע מאָל זיך פרייען נישט אַליין, נאָר מיט דער גאַנצער פאַמיליע צוזאַמען.

און פאָרנדיק פון דער פּאָסט צוריק אַהיים, האָט זי צו זיך געזאָגט:

— ווי גוט, וואָס דעם אַלטן איז איינגעפאַלן צו פאַרברענגען דעם אָוונט צוזאַמען, און ער האָט אויך איינגעלאַדן אַ פּאָר גוטע פריינט.

ביי בעטיען איז דער היינטיקער אָוונט געווען אַן אמתער יום־טוב. זי האָט זיך אַזוי געפילט גוט, אַז זי האָט אין דעם אָוונט אָנגעטון איינע פון אירע שענסטע קליידער. דאָס קינד האָט זי אויך איבערגעטון, און איבערלייענענדיק פאַר לאָהן יוספס בריוו, האָט זי איר אויך געהייסן אָנטון אַן אַנדער מלבוש.

אַלע צימערן אין ברעטמאַנס הויז זענען אין דעם אָוונט גע-װען שטאַרק באַלויכטן. ברעטמאַן איז געװען פריילעך און שטאַרק אױפגעלייגט.

עס זענען געקומען פערעלמאַן מיט זיסלען און נאָך אַ פּאָר פּאַ-מיליעס פון די העכערע אָנגעשטעלטע אין פאַבריק.

קיין פרעמדע זענען דאָ נישט געװען, נאָר אַלץ אַ היימישער עולם.

ברעטמאַן האָט פאַר אַלעמען װידעראַמאָל געלייענט יוספס בריװ און געזאָגט:

— װען מיין יוסף װעט קומען, װעל איך איינלאַדן אַלע מיינע פריינט פון דער געגנט און מאַכן אַ סעודה פאַר אַלע אָרעמע לייט פון אונדזער נאָענטן שטעטל זשיגינעץ. און אַ חוצדעם, װעל איך טון עפּעס נאָך אַזאַ זאַך, װאָס מען זאָל עס האָבן צו געדענקען אויף דור דורות. איצט, צוליב דעם טייערן בריװ פון מיין זון, האָב איך נאָר איינגעלאַדן אונדזער היימישן עולם.

בעטיע האָט געשיינט אין איר ניי קלייד, װאָס האָט איר אַזוי גוט געפּאַסט.

אַלע, און באַזונדערס ברעטמאַן, האָבן די אויגן נישט געקענט אַראָפּנעמען פון איר. קיינער האָט זי קיינמאָל נישט געזען אַזוי שיין אויסגעפּוצט. עס האָבן געגלאַנצט אירע קליידער און עס האָט גע-שיינט איר פּנים.

— זע נאָר, פערעלמאַן, — האָט ברעטמאַן שטיל געזאָגט, — װי בעטיע זעט היינט אויס שיין. אַלץ זינגט אויף איר, אירע אויגן גלאַנצן היינט עפּעס אַנדערש. זי באַשיינט די שטוב, װי אַ זון...

— זי איז שטענדיק שיין, — האָט פערעלמאַן געענטפערט.

— ניין, היינט זעט זי גאָר אַנדערש אויס. מען קען משוגע װערן פון איר!

ברעטמאַן האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן דעם שמועס און פּלוצים אַ פרעג געטון:

— װען װעסטו רעדן מיט איר?

— װען איך האָב היינט דורכן פענסטער דערזען, װי זי שפּאַ-צירט לעבן װאַלד, בין איך צוגעגאַנגען און געבעטן, זי זאָל באַשטי-מען פאַר מיר אַ צייט, װייל איך האָב צו רעדן מיט איר װעגן אַ װיכטיקן ענין.

— נו, און וואָס האָט זי דיר געענטפערט?

— ווען איך וויל, קאָן איך קומען... זי האָט פאַר מיר שטענדיק צייט. — האָט זי געזאָגט. איך האָב זי געפרעגט, אפשר מאָרגן? האָט זי געענטפערט: — זאָל זיין מאָרגן! — נאָר איצט ווייס איך שוין נישט. דעם היינטיקן אָוונט וועט מען געוויס פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, רעכן איך, אַז איבערמאָרגן...

— זייער גוט, מאָרגן וועט זיין שווער פאַר איר, בעסער איבערמאָרגן. איך לייג גרויסע האָפענונגען אויף דיין שמועס מיט איר. איך ווייס, אַז זי האַלט פון דיר און שעצט דיך זייער.

— איך גלויב אויך אַזוי, אַז אויב עס איז באַשערט, וועט עס געשען, אין אַ גוטער שעה, איבערמאָרגן.

ברעטמאַן איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון פּערעלמאַנס לעצטע ווערטער.

כמעט דעם גאַנצן אָוונט האָט פּערעלמאַן זיך נישט אָפּגעטיילט פון ברעטמאַנען, און זיין ווייב זיסל איז געווען מלא כּעס אויף איר מאַן, וואָס ער לאָזט נישט אָפּ דעם מיליאָנער.

בייסנדיק אַ ליפּ, האָט זי געשעפּטשעט צו זיך:

— שוין זשע פאַרשטייט נישט אָט דער אידיאָט, אַז איך וויל אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן שידוך מיט ברײַנדלען? האָט ער זיך אָבער אָנגעטשעפּעט אין אים, ווי אַ קלעק און לאָזט אים אויף אַ מינוט נישט אָפּ, מיר אויף צוזעצעניש!

זיסל האָט זיך אַלץ געדרייט לעבן ברעטמאַנען, זוכנדיק עפּעס אַן אויסרייד אָפּצוטשעפּען זיי פון אייגאַנדער, נאָר זי האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי עס צו טון.

זי האָט זיך געדרייט נאָענט לעבן זיי און געלאַפּט מאָמענטן, ווען ברעטמאַן האָט זיך אויף עפּעס פאַרקוקט. דעמאָלט האָט זי געווונקען און געגלאָצט מיט די אויגן צו איר מאַן, ער זאָל פאַרשטיין, אָבער פּערעלמאַן האָט זיך אויף זיין ווייב נישט אומגעקוקט און איז ווייטער געשטאַנען, אָדער געזעסן לעבן זיין באַלעבאָס, ווי אַ צוגעבונדענער.

— נישט אַנדערש, אַז ער טוט מיר אויף צו להכעיס! — האָט זיסל מיט רציחה געטראַכט. — ער זעט מיך דען נישט, ווי איך רוף אים? און ער מאַכט זיך תּמעוואַטע, ווי נישט אים מיינט מען עס!

און זיסל האָט ביי זיך באַשלאָסן, נישט אַנדערש, אַז איר מאַן פאַרגינט נישט, וואָס איר קרובה זאָל ווערן זיין באַלעבאָסטע. ווען דאָס איז זיינע אַ קרובה, וואָלט ער איר מיטגעהאָלפן און עס וואָלט שוין לאַנג דער שידוך געוואָרן. נאָר נישקשה! אים אויף צו להכעיס מוז זי דעם שידוך אויספירן.

ענדלעך האָט זיסל געפּאַקט איר מאַן אַליין, און פאַרשלעפּנדיק אים אין אַ צווייטן צימער אין אַ ווינקל, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף אים:

—דו ווייסט היינט האָבן אַזאַ פּאַרציע, וואָס דו האָסט עס קיינמאָל נישט געהאַט פון מיר! איך פרעג דיך, וואָס האָסטו גראָד היינט דעם גאַנצן אָוונט זיך אָנגעטשעפּעט אין ברעטמאַנען, אַז עס איז דיר מיט צוואַנגען נישט מעגלעך אָפּצורייסן? ווייסטו דען נישט, אַז איך וויל אים אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן שידוך מיט בריינדלען, און דו, מיר אויף צו להכעיס, האָסט זיך אָנגעטשעפּעט אין אים, ווי אַ פּלאַסטער, אַז עס איז דיך נישט מעגלעך אָפּצורייסן!

— ערשטנס, — האָט פּערעלמאַן איר איבערגעשלאָגן די רייד,— האָב איך נישט געוווסט, אַז דו ווילסט היינט מיט אים רעדן וועגן שידוך, און צווייטנס, אַז איך ווייס שוין איצטער יאָ, וועל איך טאַקע נישט דערלאָזן, דו זאָלסט היינטיקן אָוונט רעדן מיט אים וועגן שידוכים.

— פאַרוואָס? — איז זי אויפגעשפּרונגען. — דו פאַרגינסט נישט מיין קרובה אַזאַ גליק! דו ווילסט נישט דערלאָזן, מען זאָל רעדן דעם שידוך?

— דו קענסט אים רעדן שידוכים וויפל דיין האַרץ גלוסט, אָבער נישט היינט אין אָוונט.

זעענדיק, ווי זיין ווייב קוקט אים אַזוי משונהדיק אָן, האָט פּערעלמאַן זיך ווידער אָנגערופן:

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט? און וואָס קוקסטו מיך אַזוי אָן? שוין־זשע ווייסטו נישט, אַז היינט זענען מיר אויף אַ פאַרבעטענעם אָוונט, מיר זענען זיינע געסט און דעריבער פּאַסט נישט צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. דו ווילסט אים רעדן אַ שידוך, גיי צו אים אין אַן אַנדער צייט! איצטער פאַרשטייסטו שוין, פאַרוואָס עס פּאַסט נישט צו רעדן אים איצט שידוכים?

פון זיסלען איז מיטאַמאָל אָפּגעפאַלן דער כעס. זי האָט ווייכער זיך אָנגערופן:

— דו ביזט אפשר גערעכט... היינט טאַקע פּאַסט נישט צו רעדן וועגן שידוך. איך האָב נאָר געוואָלט אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער...

— מען דאַרף נישט וואַרפן קיין שום ווערטער! — האָט פּערעלמאַן געזאָגט און איז אַוועק צוריק אין צימער, ווו ברעטמאַן האָט זיך געפונען.

בלייבנדיק ווידער אַליין, האָט זיסל זיך געזאָגט:

— ער פאַרשטייט דען עפּעס? איך דאַרף דען ביי אים עצות פרעגן? איך ווייס בעסער פון אים, וואָס איך האָב צו טון! איך מוז אַריינוואַרפן אַ פּאָר ווערטער און אים ווייזן ברײַנדלס פּאָטאָגראַפיע, וואָס איך האָב אומיסטן מיטגענומען... ער וועט זי דערזען אויפן בילד, וועט ער די כפּרה איינעמען...

* *
*

דער אָוונט האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, אָבער דער עולם האָט נאָך גוט פאַרבראַכט און נישט געפילט קיין מידקייט.

מען האָט דערציילט אַנעקדאָטן, זיך געוויצלט און געלאַכט.

באַזונדערס האָבן זיך געפילט שטאַרק פריילעך ברעטמאַן און בעטיע. זי האָט געטאַנצט מיט ברעטמאַנס קינדער און נאָך מיט אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע האָבן זיך דאָ געפונען מיט זייערע עלטערן, אַלס פאַרבעטענע געסט.

פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס בעטיע האָט זיך געפונען אין פאַבריק האָט מען זי איצט געזען טאַנצן דאָס ערשטע מאָל, און אַלע האָבן געגאַפּט פון אירע לייכטע באַוועגונגען.

איר געזיכט האָט זיך פאַרויטלט פון טאַנצן, די העל־בלאָנדע האָר האָבן זיך אַ ביסל צעשויבערט. און אַלץ צוזאַמען האָט איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, וואָס האָט אַלעמען שטאַרק איבעראַשט.

נאָכדעם האָט בעטיע געמאָלדן דעם עולם, אַז זי וועט שפּילן אויפן קלאַוויר. דער עולם איז ווידער איבעראַשט געוואָרן.

— זי קען דען שפּילן? — האָט איינער פון די געסט געפרעגט. — איך האָב עס נישט געוווסט.

— צי בעטיע קען! — זי דאַרף נאָר װעלן! — האָט ברעטמאַן באַמערקט.

און װען זי האָט אָנגעהײבן שפּילן, האָט ברעטמאַן זיך אָנגעבױגן צו פּערעלמאַנען.

— הער זיך נאָר גוט צו, װיפל נשמה, װיפל האַרץ עס פּילט זיך אין איר שפּילן!

אַלע זענען געװען זײער גוט געשטימט, נאָר אײן זיסל איז געװען פאַרװאָלקנט און אומצופרידן, געקוקט אויף איר מאַן, װאָס ער לאָזט ברעטמאַנען אויף אַ מינוט נישט אָפּ.

זי איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, װוּ איר מאַן מיט ברעטמאַנען זענען געזעסן און מיט אַ געמאַכטער פרײלעכקײט זײ עפּעס געזאָגט און געגלאָצט מיט די אויגן צו איר מאַן, אָבער ער האָט זיך נישט געמאַכט װיסנדיק, װי נישט אים מײנט מען עס.

דערװײל איז צוגעקומען אַן אַנדערער צו זײ און אָנגעהײבן רעדן. זיסל איז געװען אויסער זיך פון פאַרדרוס.

— אַזאַ גולם, װיפל איך רעד און רעד צו אים און ער פאַרשטײט נישט.

און װען איר מאַן האָט זיך פאַרעדט מיט אַן אַנדערן, האָט זיסל פון פאַרדרוס אים געגעבן אַזאַ שטאַרקן קניפּ, אַז ער האָט אַזש אַ ציטער געטון. אָבער ער האָט זיך באַלד באַרויקט, װײל ער האָט דערקענט, אַז דאָס איז זײן װײבס אַ קניפּ...

פּערעלמאַן האָט זיך אויפגעהײבן פון זײן אָרט און אָנגעהײבן שפּאַצירן איבערן זאַל. ברעטמאַן האָט ערשט איצט באַמערקט זיסלען און איר פאַרגעלײגט, זי זאָל זיך זעצן לעבן אים אויף איר מאַנס פּלאַץ.

מער האָט זיסל נישט באַדאַרפט. זי האָט באַשלאָסן קײן סך נישט צו רעדן מיט אים װעגן שידוך. זי האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז איצט פּאַסט עס נישט. זי װעט עס אָפּלײגן אויף אַן אַנדערש מאָל, אָבער אַ פּאָר װערטער מוז זי אים פאָרט אַרײנװאַרפן.

אָנגעהײבן האָט זי װעגן זײנע קינדער, פאַני און ליזע, װעלכע געפינען זיך אין קיעװ: צי האָט ער פון זײ אָפּטע בריװ און װאָס שרײבן זײ עפּעס גוטס? און װען ער האָט איר אויף אַלץ געענטפערט, האָט זי פּלוצים אַ זאָג געטון מיט אַ גרינג שמײכעלע:

— איך האָב אייך, האָט ברעטמאַן, אומישנע געבראַכט אַ פאָטאָ־גראַפיע...

ברעטמאַן האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אומגעקערט אין איר זייט און מיט גרויס פאַרוואונדערונג געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ פאָטאָגראַפיע האָט איר מיר געבראַכט?

— פון דעם ווייבל וואָס איך רעד אייך, פון מיין קרובה! איר וועט שוין באַלד זען, וואָס פאַר אַ פאַרשוין זי איז!

ברעטמאַן האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז בעטיע, טאַנצנ־דיק מיט אַ מיידל, איז אויך צוגעשוואומען צו דעם אָרט, ווו ברעט־מאַן איז געזעסן מיט זיסלען, און פריילעך זיך געפרעגט:

— פאַרוואָס איז דאָ ביי אייך אַזוי פריילעך?

— דו שפּילסט זיך מיט זיסלען? עס איז דאָ פון וואָס צו לאַכן! עס איז שוין איינמאָל אַ זיסל!

בעטיע האָט מיט איר מיידל אַוועקגעטאַנצט אין אַנדער זייט און ברעטמאַן מיט זיסלען זענען ווידער געבליבן אַליין.

— אַנו, ווייזט נאָר די פאָטאָגראַפיע, לאָמיר זי אָנקוקן!—האָט ברעטמאַן געזאָגט.

— ניין, ניין, דאָ וועל איך אייך נישט ווייזן די פאָטאָגראַפיע! איך וויל נישט, אַז אַנדערע זאָלן זי זען... וואָס מיינט איר, זי איז עפּעס אַבי ווער? אַזעלכע ווייבלעך געפינען מיר נישט אַזוי גיך! קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזן!

ברעטמאַן האָט, שמייכלענדיק, זיך אויפגעהייבן פון אָרט און צוזאַמען מיט זיסלען געזוכט אַ ווינקל, ווו זיי זאָלן קענען זיין אַליין, אָבער זיסל האָט אַזאַ אָפּגעזונדערט ווינקל נישט געקענט געפינען אין דעם גרויסן זאַל, און זיי זענען איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער.

זיסל האָט אַרויסגענומען דאָס בילד און אים געוויזן.

אויף דער פאָטאָגראַפיע האָט מען געזען אַ דיק ווייבל פון אַ יאָר פערציק. די ליניעס פון איר פּנים זענען געווען גלייכע, אָבער אַלץ איז ביי איר געווען אָנגעבלאָזן און דיק: די נאָז, די באַקן מיט די ליפּן, און אפילו אירע דיקע פינגער מיט די פינגערלעך כמעט אויף יעדן פינגער, זענען אויך געווען דיק און אָנגעבלאָזן.

ברעטמאַן האָט מיט אַ געלעכטערל איר באַלד צוריק אָפּגעגעבן די פאָטאָגראַפיע, דערביי זיך אַ ביסל פאַרקרימט און געזאָגט:

— אַזאַ דיקע! זי דאַרף דאָך וועגן אפשר אַריבער זעקס פּוד!

— אייך געפעלט נישט קיין דיקע? — האָט זיסל געענטפערט מיט אַ פראַגע. — און איך האָב שטענדיק געמיינט פאַרקערט, אַז די דיקע פרויען געפעלן בעסער די מאַנסביל, ווי די דאַרע אויסגעטריקנטע ביינער.

— איך זאָג נישט, אַז אייער קרובה געפעלט מיר נישט, איך זאָג נאָר, אַז איך האַלט איצט בכלל נישט ביי אַ שידוך טון, — האָט ברעטמאַן געענטפערט, אַרויסגייענדיק מיט זיסלען פון צימער אין זאַל צו די געסט.

— מיר וועלן נאָך רעדן,—האָט זיסל געזאָגט און אַוועקגעגאַנ-גען זוכן איר מאַן.

אין דער צייט, ווען ברעטמאַן האָט גערעדט מיט זיסלען, האָט פּערעלמאַן זיך באַגעגנט מיט בעטיען.

— איך האָב אייך געוואָלט דערמאָנען, — האָט פּערעלמאַן זיך אָנגערופן צו איר מיט אַן ערנסטן טאָן, — אַז מאָרגן אין אָוונט האָט איר באַשטימט, איך זאָל קומען צו אייך.

— יאָ, יאָ מאָרגן...—האָט זי געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, ווי גלייך זי האָט שוין פאַרגעסן און זיך ערשט איצט דערמאָנט.

— אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז מאָרגן וועט אונדז זיין שווער.

— פאַרוואָס?

— איצטער איז שוין איינס אַ זייגער. ביז מען וועט זיך צור-גיין און ביז מ'וועט קומען אַהיים, וועט שוין זיין גוט שפּעט.

— פאַר מיר איז עס נישט שווער און מיר קענען רעדן.

— פאַר מיר אָבער יאָ, ווייל איך דאַרף מאָרגן קומען אין קאַנ-טאָר צו דער אַרבעט אין דער צייט...

— נו, קענט איר עס אָפּלייגן אויף איבערמאָרגן, — און דערביי האָט בעטיע אַ טראַכט געטון און געזאָגט:

— נאָר בעסער פון אַלץ וואָלט געווען, אַז מיר זאָלן איצטער שוין רעדן. דערציילט, וועל איך הערן!

— דאָס נישט! — האָט זיך פּערעלמאַן אַ כאַפּ געטון.

— פאַרוואָס נישט?

— עס איז אַ צו ערנסטער ענין, וואָס מען קאָן עס אַזוי נישט אָפּכאַפּן.

— ווי איר ווילט! איר קענט קומען ווען איר ווילט, — האָט

בעטיע געצויגן מיט די אַקסלען פון פאַרווונדערונג.

— איבערמאָרגן וועל איך געוויס קומען צו אייך.

— גוט, איבערמאָרגן און ווען איר ווילט נאָר.

עס איז אָנגעקומען זיסל און דער שמועס צווישן פּערעלמאַנען מיט בעטיען האָט אויפגעהערט.

אַז פּערלמאַן איז אַוועק, האָט בעטיע לאַנג געטראַכט.

— וואָס קען דאָס זיין פאַר אַזאַ וויכטיקער ענין, וואָס ער מאַכט אַזוינע גרויסע הכנות דערצו? מיר זענען אַלטע פריינט און שטענדיק היימיש איינער מיט דעם אַנדערן, האָט ער דאָך באַלד גע־קאָנט זאָגן וואָס ער וויל. וואָס פאַר אַ סודות האָט ער?

יעדעס מאָל, ווען בעטיען איז געווען שווער אויפן האַרצן, אָדער ווען עס איז פאַר איר אויפגעשוווּמען אַ פראַגע, וועלכע זי האָט נישט געקאָנט פאַרענטפערן, האָט זי ליב געהאַט צו רעדן מיט לאהן, נישט צוליב דעם, ווייל לאה האָט איר געקאָנט פאַרענטפערן די פראַגע, נאָר פּראָסט דערפאַר, ווייל איצט איז לאה פאַר איר געווען דער איינציקער מענטש, פאַר וועלכן זי האָט נישט געהאַט קיין שום סו־דות און האָט מיט איר געקענט רעדן אָפנהערציק, ווי זי האָט שטענ־דיק ליב געהאַט צו רעדן.

און יעדעס מאָל, ווען בעטיע האָט זיך אויסגערעדט פאַר לאהן, איז איר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן.

צומאָרגנס, נאָכן פאַרבעטענעם אָוונט, איז בעטיע אַריין צו לאהן אין צימער.

לאה האָט זי באַגעגנט מיט אַ שיינענדיק פּנים.

— אוי, ביזטו, בעטינקע, אין דעם קלייד נעכטן געווען אַזוי שיין, אַז איך האָב די אויגן נישט געקענט אַראָפּנעמען און האָב זיך גע־טראַכט: ווען דיין יוסף זעט דיך אין דעם קליידל! נאָר ער האָט געפעלט! אָבער עס וועלן איבערלויפן די טעלערכע וואָכן, וועט ער, אם ירצה השם, קומען געזונטערהייט, דענסטמאָל זאָלסטו אויך אָנטון דאָס־זעלבע קלייד. מען מעג זיין ווי שיין, נאָר אַ מאַן האָט ליב, אַז דאָס ווייב פּוצט זיך אויס. נעכטן האָבן אַלע אָנגעקוואָלן, קוקנדיק אויף דיר!

— דו נאַרישע, גוטע לאה, — האָט בעטיע איר געזאָגט און זי אַ קוש געגעבן.—עס פעלן מיר אַוודאי קליידלעך: נישקשה, אַז יוסף וועט קומען, וועל איך אָנטון נאָך אַ שענער קלייד, און וועל זיך פאַר

אים אויספוצן אין עסיק און האָניק, אבי איך זאָל אים וואָס מער געפעלן.

— האָסטו געזען, ווי דער אַלטער עכברוש האָט געלטן, דערזע־ענדיק דיך אין נייעם קלייד, שיער דיך אויפגעגעסן מיט די אויגן?

— וועלכער עכברוש? — האָט בעטיע געפרעגט.

— דער אַלטער ברעטמאַן, וועלכער האָט זיך געשדכנט צו דיר, ווי אַ קאַץ צו פוטער.

— רעד נישט, לאה, שטילער זאָל זיין, מער קיין וואָרט נישט!

—האָט בעטיע אויף איר אָנגעשריגן.—ווי פאַרשטייסטו נישט, אַז אין דעם איז נישט ער שולדיק, נאָר מיר, וואָס מיר דערציילן אים נישט דעם גאַנצן אמת. יוסף וועט קומען און ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער אונדז ווערן אַ געטרייער פאָטער און וועט זיך פילן גליקלעך. ווייסטו דען, ווי שטאַרק ער האָט ליב יוספן? ער האָט ליב אַלע קינ־דער, אָבער פאַר יוספן וואָלט ער זיין לעבן אַוועקגעגעבן!

— מיר פאַרדריסט זייער אויף אים, נאָר אַז דו זאָגסט אַזוי... מער וועסטו פון מיר נישט הערן קיין שלעכט וואָרט וועגן אים.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב, מיין טייערע. איצט וועל איך דיר עפּעס דערציילן. ווען מיר האָבן אַלע דאָס לעצטע מאָל שפּאַצירט לעבן וואַלד, האָט פערעלמאַן מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיט מיר צו רעדן וועגן אַ וויכטיקן ענין. אין אָנהייב האָב איך אפילו וועגן דעם נישט געטראַכט, נאָר נעכטן, אויפן אָוונט, האָט ער מיר ווידער־ דער־מאָנט וועגן דעם. בין איך זייער נייגעריק געוואָרן, וואָס וויל ער מיט מיר רעדן? און איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר קאָנען באַלד רעדן, האָט ער אַזוי ערנסט מיר געענטפערט, אַז עס איז זייער אַ וויכטי־קער ענין און מען קאָן נישט אַזוי אויף איין פוס עס אָפּלאָפן און מיך געבעטן, איך זאָל אים זאָגן, צי מעג ער קומען צו מיר וועגן דעם? מאָרגן אין אָוונט דאַרף ער קומען צו מיר. און איך ברעך מיר דעם קאָפּ טראַכטנדיק, וואָס קאָן עס זיין פאַר אַ וויכטיקער ענין? איך קאָן אָבער נישט טרעפן... אפשר קענסטו טרעפן, וועגן וואָס וויל ער מיט מיר אַזוי ערנסט רעדן?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? איך בין עפּעס אַ נביא?

לאה האָט אַ ביסל אַ טראַכט געטון און מיט אַ געלעכטערל זיך אָנגערופן:

— און אַז דו ווילסט, איז עס נישט אַזוי שווער צו טרעפן:

דו ביזט אַ יונגע און אַ שיינע, פּערעלמאַן מיט זיין ווייב זיסל זענען דיר אַלטע גוטע פריינט, וויל ער דיר געוויס רעדן אַ שידוך. דו האָסט שוין, קיין עין הרע, אַזא מזל, אַז ווו דו קומסט נאָר, רעדט מען דיר שידוכים. ווען מיר זענען געווען ביי די לעווינזאָנס, האָט מען דיר גערעדט שידוכים. אין אָדעס האָבן יונגעלייט אונטערגעשיקט צו דיר שדכנים און אפילו אין שטעטל, ווו איך האָב נישט לאַנג געוווינט, איז צו מיר אויך געקומען אַ שדכן און געפרעגט אויף דיר, מיין „קרובה", וועלכע קומט אָפט צו פאָרן צו מיר, און גע־זאָגט, אז ער האָט פאַר דיר אַ גליקלעכן שידוך. האָב איך זיך אויס־געלאַכט און אים געבעטן, ער זאָל זיך מער נישט מטריח זיין, און איצט האָט מסתמא פּערעלמאַן אויך געפונען פאַר דיר אַ שידוך... וויל ער מיט דיר וועגן דעם איבערשמועסן... וואָס דען פאַר אַנדערע וויכטיקע ענינים האָט ער מיט דיר צו רעדן, אַז נישט וועגן אַ שידוך?

— איך זאָל אַזוי לעבן, — האָט בעטיע זיך אַ כאַפּ געטון, — אַז דו ביזט גערעכט. פּערעלמאַן איז פון תמיד אָן מיינער אַן אי־בערגעגעבענער פריינט. ער איז זייער אַ לייטישער און אַן אָרנטלע־כער מענטש און ער ווייסט, אַז איך שעץ אים זייער. נו, וויל ער, אַפנים, טאַנצן אויף מיין חתונה!

בעטיע האָט זיך פריילעך צעלאַכט, אָבער באַלד איז זי מיטאַ־מאָל טרויעריק געוואָרן און שטיל געזאָגט:

— אויב דו האָסט געטראָפן, וואָס זשע קען איך אים ענטפערן? ער איז דאָך נישט אַבי ווער אַ שדכן! ער איז מיינער אַ גרויסער פריינט. ער האָט גוט געקענט מיינע עלטערן און איז מיט זיי געווען שטאַרק באַפריינדט, איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס ער וויל מיך זען גליקלעך. ביי אים אין די אויגן בין איך שוין אַ מיידל, וואָס דאַרף חתונה האָבן... היינט פרעג איך דיך, וואָס קען איך אים ענטפערן און וואָס זאָל איך אים ענטפערן?

— וואָס ווייס איך, בעטינקע... דו ביזט קליגער און געבילֿ־דעטער פון מיר, דו וועסט שוין וויסן, וואָס צו ענטפערן. מען דאַרף דיר נישט אַריינלייגן אַ פינגער אין מויל.

— מיין נישט, אַז עס איז אַזוי גרינג צו ענטפערן! ווען פּע־רעלמאַן רעדט מיר אַ שידוך, האָט ער געוויס געפונען אַ פּאַסיקן און

ליטישן יונגנמאַן. איך וועל דאָך אויסזען ביי אים, ווי משוגע, ווען איך וועל זיך אָפזאָגן...

— וואָס זשע? דו ווערסט דאָך אים מוזן אָפזאָגן, דו ווערסט דאָך נישט האָבן קיין צוויי מאַנען מיטאַמאָל! — האָט לאה געלאַכט.

— דו לאַכסט זיך און מיר קאָסט עס געזונט, — האָט בעטיע געענטפערט און זיך טרויעריק פאַרטראַכט.

— דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט בעטיע זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט. — איך וועל אים זאָגן, אַז איך מוז דעם שידוך אָפּלייגן אויף אַ האַלב יאָר, נו, און דערווייל וועט קומען מיין יוסף. אַלץ וועט מיטאַמאָל קלאָר ווערן און עס וועט נעמען אַ סוף צו מיינע צרות.

— זייער גוט! קיין בעסערס האָסטו טאַקע נישט געקענט אויס־טראַכטן.

אַרויסגייענדיק פון לאהס צימער, האָט בעטיע אַ זיפץ געטון:
— ווען וועלן זיך שוין ענדיקן מיינע ליידן!

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק.

ביים קראַנקן בעט.

אין ברעטמאַנס הויז איז ווידער שטיל, און ווען עס קומט אָן די נאַכט, זענען באַלויכטן נאָר געציילטע פענסטער און אין די איבעריקע איז פינסטער.

אין דעם גאַנצן הויז איז אַזוי שטיל, אַז מען קען אַ פליג הערן פליען. אַלע גייען אַרום אויף די שפּיץ פינגער מיט פאַרזאָרגטע געזיכטער און ווען איינער וויל עפעס זאָגן דעם צווייטן, רעדט מען עס אין דער שטיל

דאָס איז דערפאַר, ווייל די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז בעטיע, וועלכע איז מיט עטלעכע טעג פלוצים קראַנק געוואָרן, דאַרף האָבן מנוחה.

לאה קען זיך נישט צערייסן, זי מוז אַכטונג געבן אויפן קינד און מוז אַלעמאָל לויפן צו דער קראַנקער.

ביי בעטיעס בעט געפינען זיך אפילו צוויי פרויען, וואָס קענען ניין אַרום קראַנקע און בייטן זיך, איינע ביטאָג און איינע אויף ביינאַכט, נאָר לאה וויל זיך אויף זיי נישט פאַרלאָזן, און דרעמלט אָפּ די נעכט אַרום בעטיעס בעט.

גאַנץ אָפט רעדט זי שטיל צו זיך און שעלט עמעצן. קיינער ווייס אָבער נישט וועמען זי שעלט.

אַלע אין הויז זענען פון בעטיעס קראַנקהייט דערשלאָגן. אויף ברעטמאַנען האָט מען די גאַנצע צייט קיין שמייכל נישט געזען, נאָר באַזונדערס האָט פון בעטיעס קראַנקהייט געליטן פּערעלמאַן.

ער קען דעס אָוונט נישט פאַרגעסן און נישט פאַרשטיין, וואָס מיט בעטיען איז אַזוינס פאָרגעקומען?

ער איז געקומען אין יענעם אָוונט אין דער באַשטימטער צייט, ווי זיי האָבן אָפּגערעדט. ברעטמאַן איז צוליב פּערעלמאַנס איבערעדן מיט איר נישט געווען אינדערהיים.

בעטיע האָט אים פריילעך און ליבלעך באַגעגנט און אריינגעבעטן אין אַ באַזונדער צימער.

בעטיע האָט אים דעמאָלט פשוט געפרעגט:

— וועגן וואָס האָט איר מיט מיר געוואָלט רעדן?

— באַלד... — האָט ער געזאָגט. — באַלד וועלן מיר רעדן.

— איך זע, הער פּערעלמאַן, אַז עס אייך שווער, וועל איך אייך קומען צו הילף, — האָט זי זיך אָנגערופן מיט אַ שמייכל. — איך וועל פּרוּוון טרעפן: איר זענט אַוודאי געקומען מיר רעדן אַ שידוך—יאָ? וואָס דען קען עס אַנדערש זיין, ווי אַ שידוך?

פּערעלמאַנען איז באַלד אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. ער איז מיטאַמאָל דרייסטער געוואָרן און האָט געזאָגט:

— איר האָט געטראָפן!...

ביידע האָבן זיך צעלאַכט, און דערנאָך האָט פּערעלמאַן ווייטער גערעדט:

— איר ווייסט, בעטיע, וואָס פאַר אַ פריינט איך בין אייך שטענדיק, נאָך מיט אייערע עלטערן בין איך פון תמיד אָן געווען שטאַרק באַפריינדט... ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס איך וויל זייער קינד זען שטענדיק גליקלעך... איצט זענט איר יונג און שיין, אָבער נישט אייביק איז מען אַזוי. עס איז איצט די רעכטע צייט, איר זאָלט אַ כלה ווערן, חתונה האָבן און פירן אַ לעבן, ווי עס דאַרף צו זיין... איך האָב שוין לאַנג געטראַכט, אַז ווען עס זאָל זיך מאַכן אַ לייטישער שידוך פאַר אייך, וועל איך זיך אַריינמישן, אַז עס זאָל ווערן אין אַ גוטער שעה... מאַכט זיך איצט אַזאַ גליק פאַר אייך, וואָס איך אַליין האָב זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט און איר אוודאי נישט...

בעטיע האָט זיך לייכט אָנגערופן:

— ווען איך האָב שוין איינמאָל געטראָפן, וועל איך פּרוּוון דאָס צווייטע מאָל אויך טרעפן.

— ניין, איצטיקס מאָל וועט איר שוין נישט טרעפן. עס איז

בז אַ גרויס גליק פאַר אייך... אפילו אין דער פאַנטאַזיע האָט איר זיך אַזאַ גליק נישט געקענט אויסמאָלן.

— איך וועל פונדעסטוועגן פרווון טרעפן... וואָס אַרט עס אייך?

— ווען איר האָט דערפון פאַרגעניגן—טרעפט!

— איך וועל פרווון טרעפן, ווי א ציגיינערין, וועלכע שטעלט פריער עטלעכע פראַגן און דערנאָך טרעפט זי.

זיי האָבן זיך ווידער ביידע צעלאַכט.

— אָבער, — האָט בעטיע צוגעגעבן, — איר זאָלט מיר ענטפערן ריכטיק, דענסטמאָל וועל איך געוויס טרעפן!

— איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל אייך נישט אָפּנאַרן. איר קענט מיך דען פאַר אַן אָפּנאַרער?

— איך קען אייך, אַז אין געשעפט וועט איר קיינעם נישט אָפּנאַרן. נאָר אויב איר זועט וועלן, אַז איך זאָל נישט טרעפן, קאָנט איר עס אפשר יאָ, — האָט זי זיך צעלאַכט.

— איך זאָג אייך צו, אַז ניין,—האָט פערעלמאַן פאַרזיכערט. — איך וועל אייך ענטפערן דעם ריינעם אמת.

בעטיע האָט ווי פאַרגעסן, אַז מען רעדט איר אַ שידוך. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי שפּילט אין „פאַנדן" מיט גוטע פריינט ערגעץ אויף אַ פאַרבעטענעם אָוונט.

זי האָט זיך אויפגעהייבן פון איר אָרט, זיך אויפגעשטעלט קעגן פערעלמאַנען מיט ביידע הענט ביי דער זייט, ווי אַ ציגיינערין און שעלמיש־גנביש אָנגעהייבן פרעגן:

— דער חתן, וועלכן איר רעדט מיר, איז העכער פון אייך מיט אַ האַלבן קאָפּ? האָב איך געטראָפן?

— געטראָפן.

— ער האָט אַ קלוג פנים.

— יאָ, ער איז זייער אַ קלוגער מענטש.

— ער איז אַ שיינער?

— זייער אַ סימפּאַטישער.

— ער איז אויך אַ פעיקער מענטש?

— ער פאַרמאָגט באַזונדערע פעיקייטן.

— אַ שיינער ברונעט?

— יאָ, אַ טונקעלער.

— אין זיין אַרבעט איז ער זייער אַ פּינקטלעכער?

— זייער אַ פּינקטלעכער.

— ער אַרבעט אין פאַבריק? — איז געווען בעטיעס לעצטע פראַגע.

פּערעלמאַן איז אויפגעשפּרונגען און אויסגעשריגן:

— אויף מיין וואָרט, אַז איר האָט געטראָפן! רופט שוין אָן זיין נאָמען!

און בעטיע, צופרידן, וואָס זי האָט געטראָפן, האָט געזאָגט:

— דאָס איז אונדזער ליבער דוד מענדעלזאָן, דער צווייטער בוכהאַלטער אין ברעטמאַנס פאַבריק, און איך מוז אייך גלייך זאָגן, אַז ווען איך זאָל האַלטן ביי אַ שידוך טון, וואָלט איך זיך קיין בעסערן חתן נישט געווונטשן. ער איז באמת אַן אויסגעצייכנטער יונגערמאַן, זייער אַ סימפּאַטישער מיט גוטע פעיקייטן און דערהויפּט אַ מענטש אָן אַ גאַל, און מיר אַלע האָבן אים ליב. מענדעלזאָן קען באמת גליקלעך מאַכן אַ פרוי, ווי איר האָט זיך פריער אויסגעדריקט, נאָר איך האַלט נישט ביי קיין שידוך טון.

זי האָט געמאַכט אַ קליינע הפסקה און האָט ווייטער געזאָגט:

— נאָר אַזאַ פריינט, ווי איר, פּערעלמאַן, זענט מיר, האָט געקענט אויסגעפינען פאַר מיר אַזאַ גוטן חתן, נו... ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, האַלט איך איצט נישט ביי אַ שידוך טון.

אָבער פּערעלמאַן האָט רויק געזאָגט:

— פריער פאַר אַלעם האָט איר אַ גרויסן טעות: איר האָט נישט געטראָפן, בעטיע...

— איך האָב נישט געטראָפן? — האָט זי אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן. — איך האָב נישט געטראָפן! עס איז נישט מעגלעך!

— איר האָט אָבער פאָרט נישט געטראָפן!

— ווער זשע קען עס זיין? זאָגט מיר, איך בעט אייך, באַלד, איך בין זייער נייגעריק!

— צו וואָס זאָל איך אומזיסט אָנרופן זיין נאָמען, — האָט פּערעלמאַן געענטפערט, — ווען איר זאָגט אַליין, אַז איר האַלט איצט נישט ביי קיין שידוך?

אין בעטיען האָט זיך אָנגערופן די נייגעריקייט פון אַ פרוי און זי האָט אים אָנגעהייבן שטאַרק צו בעטן.

— וואָז פֿאַרשטײט איר נישט? איך בין דאָך מער נישט, ווי פֿרוי, וויל איך וויסן...

— ניין, איך קען אייך נישט זאָגן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן צוליב ווײַבערשער נײַגעריקייט.

און אַנשטאָט אַן ענטפֿער, האָט ער זי אָנגעהייבן צו מוסרן:

— וואָס רעכנט איר צו פֿאַרזיצן? איצט, ווען איר זענט נאָך יונג און שיין, קאָנט איר קומען צום בעסטן שידוך, אָבער שפּעטער וועט זײַן אַנדערש: דעם שידוך, וואָס איר וועט וועלן, וועט מען אייך נישט וועלן, און פֿאַרקערט: דער, וואָס וועט זיך צו אייך שדכנען, וועט אייך נישט געפֿעלן... און וואָס קאָנט איר דאָ אויס-זיצן אין אַ פֿרעמד הויז... איצט איז די רעכטע צייט, בעטיע. ווען אײַערע עלטערן זאָלן לעבן, וואָלטן זיי קיין בעסערן שידוך זיך נישט געוווּנטשן פֿאַר זייער איינציקער טאָכטער. אײַערע עלטערן וואָלטן גרויסע יסורים געהאַט פֿון אייך, ווען זיי וואָלטן זען, ווי איר ווילט נישט חתונה האָבן... מען דענקט פֿון אַן אייגן ווינקל — אַן אייגן לעבן, בעטיע... איר וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך רעד מיט אייך אַזוי... איך טו דאָס אָבער פֿון פֿרײַנטשאַפֿט...

בעטיע האָט אין זײַן רעדן געפֿילט, אַז עס רעדט צו איר אַן אמתער גוטער פֿרײַנט. זי איז גערירט געוואָרן פֿון זײַן געטרײַשאַפֿט און ווייך זיך אָנגערופֿן:

— איך ווייס, הער פּערעלמאַן, אַז איר זענט מיר אַ גוטער פֿרײַנט. איך ווייס נישט, צי איך האָב נאָך אַ צווייטן, ווי איר. אַלץ, וואָס איר זאָגט מיר, איז אמת. אָבער וואָס זאָל איך טון? נישט אַלע מענטשן זענען גלײַך. אמת, אַז אַלע מיידלעך אין מײַנע יאָרן טראַכטן שוין לאַנג וועגן חתונה האָבן, נאָר איך מוז די פֿראַגע אָפּ-לייגן אויף אַ האַלב יאָר און אפֿשר נאָך ווייניקער. איך קאָן דאָך אייך נישט אָפּנאַרן, ווי אַן אַנדערן און רעדן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן!

פּערעלמאַן, קענענדיק גוט בעטיען, האָט געוווּסט, אַז עס איז נישטאָ מער וואָס צו רעדן וועגן שידוך, נאָר ס'איז אים אײַנגע-פֿאַלן, ער זאָל אויסזאָגן וועמען ער רעדט איר. דאָס וועט זיכער העלפֿן. געלט איז דער בעסטער שדכן.

און פּערעלמאַן האָט זיך אָנגערופֿן:

— איר ווייסט, בעטיע, אַז בײַ מיר איז געבליבן אייך צוליב

טון און אָנרופן דעם נאָמען פון דער פערזאָן, וואָס וויל זיין אייער חתן...

בעטיע האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין זייער און זייער נייגעריק צו וויסן, וועמען איר האָט פאַר מיר אויסגעקליבן... נו, זאָגט שוין!

— ברעטמאַן! — האָט פערעלמאַן אַזוי ווי אויסגעשאָסן.

אין בעטיעס אויערן האָט דער דאָזיקער נאָמען אָפּגעהילכט, אַזוי ווי אַ קנאַל פון אַ האַרמאַט און דאָך האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי האָט נישט דערהערט, וואָס ער האָט איר געזאָגט, און זי האָט אים איבערגעפרעגט:

— וואָס האָט איר געזאָגט

— ברעטמאַן!

— וועלכער ברעטמאַן?

— אונדזער באַלעבאָס, דער גרויסער מיליאָנער און דער רייכ׳סטער פאַבריקאַנט ברעטמאַן! איצט ווייסט איר שוין, וואָס פאַר אַ גרויס גליק עס געפינט זיך אין אייערע הענט! אַזאַ גליק טרעפט זיך זייער זעלטן! איצט איז עס געווענדט נאָר אין אייך אַליין!

פערעלמאַן האָט נאָך לאַנג גערעדט וועגן דעם גרויסן גליק און וואָס פאַר אַ לעבן איר שטייט פאָר, נאָר בעטיע איז, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, געזעסן קעגן אים און אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט, נאָר אַלעמאָל האָט אַ ווינקל פון איר מויל אָנגעהייבן צו ציטערן.

— נו, וואָס זאָגט איר, האַ? — האָט ער נצחונדיק געפרעגט און בעטיע האָט געענטפערט, אַן אָפּגעשוואַכטע:

— אַ צווייט מאָל... אַן אַנדערש מאָל וועל איך אייך זאָגן... איצט נישט... צו אומגעריכט... כ׳קאָן אייך מיטאַמאָל נישט ענטפערן, אַן אַנדערש מאָל... איך בין איצט זייער מיד...

— זייער גוט, איר ווילט זיך באַטראַכטן! דאָס שאַדט קיינמאָל נישט!

מיט די ווערטער איז פערעלמאַן אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, זיך אָנגעהייבן געזעגענען און איז אַוועקגעגאַנגען.

בעטיע איז געבליבן אַליין, ווי פאַרשטיינערט אויף איר אָרט, דער קאָפּ האָט זיך איר אָנגעהייבן צו דרייען און אין די אויגן פינטלען און זי האָט געפילט, אַז זי וועט פאַלן פון שוואַכקייט.

מורא האָבנדיק צו בלייבן אַליין, האָט זי זיך דערשלעפּט צו לאהן אין צימער.

ווען לאה האָט זי דערזען, האָט זי מיט שרעק אויסגעשריגן:

— וואָס איז מיט דיר, בעטיע, וואָס איז געשען?

— עס איז מיר גאָרנישט, זיי רויק, עס וועט באַלד איבערגיין.

נאָר אַזוי רעדנדיק, איז זי נאָך בלאַסער געוואָרן, די אויגן האָבן איר זיך פאַרמאַכט און בעטיע איז געפאַלן אין חלשות.

לאה האָט געמאַכט אַ געוואַלד. עס זענען באַלד אָנגעלאָפן היי-מישע מענטשן. מען האָט געשפּריצט אויף איר מיט קאַלטן וואַסער, בעגעבן צו שמעקן פאַרשידענע טראָפּנס און אייגגעריבן דאָס האַרץ.

ווען בעטיע האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז זי געווען אַזוי שוואַך, אַז זי האָט קיין טריט אַליין נישט געקענט מאַכן. זי האָט נאָר געבעטן, מען זאָל איר אַריינלייגן אין בעט.

לאה האָט געבראָכן די הענט, געריסן אויף זיך די האָר פון קאָפּ און בעטיע האָט מיט אַ שוואַך קול זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל עס נישט טון.

— וואָס באַוויינסטו מיך? איך לעב נאָך... איך וויל און מוז לעבן!

מען האָט באַלד געשיקט נאָכן פאַבריק-דאָקטאָר און מען האָט אויך געשיקט פערד אין באָענטן שטעטל ברענגען דעם דאָרטיקן דאָק-טאָר. ביידע דאָקטוירים האָבן אויסגעהערט דער קראַנקערס האַרץ און געזאָגט, אַז עס וועט איבערגיין. זי איז זייער שוואַך און דאַרף זיך אויסרוען.

און אין ברעטמאַנס הויז איז געוואָרן שטיל און רויק. מען איז געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און מען האָט גערעדט שטיל.

מען האָט געזוכט מנוחה פאַר בעטיען.

* *
*

ברעטמאַן האָט געקוקט אויף בעטיעס קראַנקהייט, ווי אויף אַ געוויינלעכע זאַך. יעדער מענטש קען קראַנק ווערן, האָט ער גע-טראַכט און האָט זיך באַרויקט. בפרט נאָך, אַז די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז איר קראַנקהייט וועט איינגיכן איבערגיין. זי דאַרף נאָר

ליגן אין בעט און זיין רויק. יעדער מענטש איז אונטערגעוואָרפן אַזעלכע קראַנקהייטן. אַמאָל קומט עס פון מאָגן און אַמאָל פון שטאַרקער אויפרעגונג.

ברעטמאַן און אַלע אין הויז האָבן געגלויבט די דאָקטוירים און זיך באַרויקט, אָבער פּערעלמאַן האָט זיך נישט געקענט באַרויקן, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז באַלד נאָך זיין אַוועקגיין איז בעטיע געפאַלן אין חלשות.

ערשט איצט האָט ער זיך דערמאָנט, ווי זי האָט זיך דעמאָלט אינגאַנצן איבערגעביטן. קלאָר און דייטלעך האָט ער איצט געזען איר בלאַס פּנים, ווי איר מויל האָט זיך אין איין ווינקל אַ ביסל געקרומט און ווי זי האָט לאַנג אים נישט געקענט ענטפערן אויף זיין פראַגע, צי עס געפעלט איר דער שידוך.

און ווייטער האָט ער זיך דערמאָנט, ווי זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט אַ דערשראָקענע, געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע, און ווי דערנאָך האָט זי קוים געענטפערט אַ פּאָר ווערטער, אַז זי וועט זיך באַטראַכטן, זי וועט זען און אים געבן אַן ענטפער.

— ניין, — האָט ער יעדעס מאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווען ער האָט געטראַכט וועגן איר, — מיט דעם מיידל איז עפּעס נישט גלאַטיק. דאָ ליגט עפּעס אַ גרויס רעטעניש, וואָס עס איז שווער צו טרעפן. וואָרים ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ מיידל, אַ יתומה, אַן עלנטע, זאָל דערהערן וועגן אַזאַ גרויס גליק, וואָס שטייט איר פאָר, אַז אין איין טאָג קען זי ווערן די גרעסטע מיליאָנערקע אין דער גובערניע, זאָל זיך גאָרנישט מאַכן דערפון? זי וועט זיך ערשט באַטראַכטן! — האָט זי געזאָגט. און ווי דערשראָקן און בלאַס זי איז געוואָרן! ניין, דאָס איז עפּעס נישט גלאַטיק!

דאָס, וואָס פּערעלמאַן האָט קיינמאָל נישט באַמערקט אין בעטיען, האָט ער מיטאַמאָל איצט דערזען. ער האָט זיך דערמאָנט אין דער גאַנצער צייט, זינט זי האָט אָנגעהייבן אַרבעטן אין קאַנטאָר, ווי זי איז מיטאַמאָל אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע חדשים און דערנאָך, ווען זי איז צוריקגעקומען און ווידער אָנגעהייבן אַרבעטן אין קאַנטאָר, איז זי רעגלמעסיק ווידער אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע טעג.

— עס איז נישט צו פאַרשטיין. עפּעס קומט פאָר מיט דעם מיידל. נאָר וואָס? ווער קען עס טרעפן? אַזאַ גליק, אַזאַ גליק אָפּצושטופן אַזוי גרינג מיט די אייגענע הענט! אמת, זי איז אַ שיינע,

אַ קלוגע און זייער אַ געראָטענע מיידל, אָבער וויפל אַזוינע מיידלעך וואָלטן זיך אָנגעכאַפּט אין אַזאַ גליק! פאַר ווען בויט ברעטמאַן אַזאַ טייערן פּאַלאַץ, אַז נישט פאַר זיין פרוי, מיט וועלכער ער וועט חתונה האָבן?

פערעלמאַן האָט כסדר געטראַכט וועגן בעטיען און האָט קיין זאַך נישט געקענט טרעפן. רעדן מיט עמעצן האָט ער וועגן דעם נישט געקענט און ער האָט זיין חשד אויף בעטיעס אויפירן זיך געטראָגן אין זיך.

* *
*

זיף מאָרגן, ווען די דאָקטוירים האָבן ברעטמאַנען באַרויקט, האָט ער פאַרנאַכט, ווען אַלע אָנגעשטעלטע זענען זיך שוין צעגאַנגען פון דער אַרבעט, פאַרהאַלטן פערעלמאַנען און אים געפרעגט:

— נו, האָסט גערעדט מיט בעטיען?

— אוודאי האָב איך גערעדט.

ברעטמאַן האָט פריילעך זיך אַ כאַפּ געטון.

— איך בעט דיך, פערעלמאַן, דו זאָלסט מיר אַלץ באריכות דערציילן, ווי עס איז פאָרגעקומען.

פערעלמאַן האָט נאָך פריער באַשלאָסן, אַז ווען ברעטמאַן וועט אים פרעגן, זאָל ער אים אַלץ דערציילן, נאָר נישט וועגן דעם, ווי זי האָט געוואָלט טרעפן וועמען ער רעדט איר, דאָס הייסט, דעם צווייטן בוכהאַלטער דוד מענדעלזאָן. פערעלמאַן האָט מורא געהאַט, אַז זיין פאַרליבטער באַלעבאָס זאָל אין דעם יונגנמאַן נישט זען עפּעס אַ קאָנקורענט און דערוויל אים אָפּזאָגן פון דער שטעלע.

אויך האָט פערעלמאַן באַשלאָסן, נישט איבערצוגעבן איר שרעק מיט איר גאַנצער צעמישונג, ווען זי האָט דערהערט, אַז ער שדכנט איר ברעטמאַנען.

ער האָט נישט געוואָלט זיין קיין שלעכטער שליח פאַר זיין באַלעבאָס. און, ווידער, ווייסט מען דאָך נישט אויף זיכער, אפשר וועט זי זיך פאָרט איבערלייגן און וועט געבן אַ גוטן ענטפער.

ברעטמאַן האָט זיך צוגערוקט צו אים נענטער און פערעלמאַן האָט אַלץ דערציילט, זייענדיק זיכער, אַז זיין באַלעבאָס וועט נישט

זיין צעפרידן מיט די רעזולטאַטן פון זיין איבערעדן מיט בעטיען, אָבער ווי פאַרוווּנדערט איז ער געוואָרן, ווען ברעטמאַן האָט אים נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט:

— הייסט עס, אַז בעטיע האָט דיר געענטפערט, אַז זי וועט זיך איבערטראַכטן וועגן דעם און געבן אַן ענטפער?

— יאָ, אַזוי האָט זי געזאָגט.

— זייער גוט, זייער גוט! קיין בעסערן ענטפער האָב איך נישט געקענט דערוואַרטן פון בעטיען. זי איז אַ קלוגע, אַן איבערגעלייגטע. זי וויל אַלץ באַטראַכטן, זי איז נישט פון די פּוסטע מיידלעך, וואָס זיי טוען אַלץ אויף גיך, נישט באַטראַכט. אַזוי איז בעסער און זיכערער. זייער גוט! זייער גוט! גאָט וועט העלפן, זי וועט איינגיכן געזונט ווערן, וועלן מיר שוין וויסן, און איך בין זיכער, אַז עס וועט זיין אַ גוטער ענטפער. זי האָט דאָך מיינע אַלע קינדער אַזוי ליב אַזן איך ווייס און פיל, אַז זי שעצט מיך זייער.

דערנאָך האָט ברעטמאַן זייער געדאַנקט זיין פאַרוואַלטער פאַר זיין איבערעדן מיט בעטיען און געזאָגט, אַז ער וועט עס אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ווען זיי זענען זיך אין דעם פאַרנאַכט צעגאַנגען פון קאַנטאָר און פערעלמאַן איז געבליבן אַליין, האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע, טראַכטנדיק וועגן זיין באַלעבאָס:

— דאַכט זיך, ברודערל, אַז דו איילסט זיך צופרי. ווער ווייסט, מיט וואָס עס קאָן זיך נאָך דאָ ענדיקן!

און דערנאָך האָט פערעלמאַן צוגעגעבן:

— וואָס זשע? אַלע פאַרליבטע זענען שטענדיק בלינד, און זיי דערזעען דעם אמת די לעצטע, ווען אַנדערע ווייסן עס שוין אַ סך פריער.

* *
*

אויף מאָרגן איז ברעטמאַן אויפגעשטאַנען פריער, ווי אַלעמאָל, און דערוויסנדיק זיך פון לאהן, אַז בעטיע איז די נאַכט געשלאָפן גוט און פילט זיך אַ ביסעלע בעסער, איז ער פריילעך אַוועק אין פאַבריק.

דעם ערשטן, וואָס ער האָט באַגעגנט, איז געווען דער וועכ־

טער, וואָס האָט געהיט דעם טויער פון פאַבריק, און באַקומענדיק פון אים אַ „גוט־מאָרגן", האָט ברעטמאַן פריילעך געענטפערט מיט אַ „גוט-יאָר". און פּלוצים האָט ער אים אַ פרעג געטון:

— ווי לעבט זיך דיר?

—אָט, עס לעבט זיך... עס וואָלט זיך באַדאַרפט בעסער לעבן, באַרין, נאָר אַ דאַנק גאָט דערפאַר!

— נו, גוט, גוט. זאָלסט אַריינגיין היינט אין קאַנטאָר און זאָגן, אַז איך האָב געהייסן העכערן דיין געהאַלט מיט צוויי רובל אַ וואָך.

פון גרויס פרייד איז דער וועכטער צוגעפאַלן צו זיין באַלע-באָס האַנט און געכאַפּט זי קושן.

ווען ברעטמאַן איז דורכגעגאַנגען דעם טויער, האָט ער באַ־געגנט דעם אַרבעטער וואַסילי, וועלכער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיין באַלעבאָס און געגאַנגען זיין וועג.

ברעטמאַן האָט אים אָנגעהייבן רופן, וואַסילי האָט זיך אָפּגע־שטעלט.

— זאָג נאָר, וואַסילי, — האָט ברעטמאַן מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן, — ווען וועלן מיר אַמאָל לעבן בשלום?

— קיינמאָל נישט... — האָט וואַסילי קורץ געענטפערט.

— און אַלץ דערפאַר, וואָס איך העכער נישט די אַרבעטער אַזוי, ווי דו פאַרלאַנגסט?

וואַסילי האָט באַלד נישט געענטפערט און געביטן אַלעמאָל די פּיס. ער איז, קענטיק, געווען אומגעדולדיק און האָט נישט געוואָלט רעדן מיט זיין באַלעבאָס.

ברעטמאַן האָט אָבער געפרעגט וואַסילין:

— אדרבה, זאָג אַליין, דו ביזט דאָך אַ קלוגער מענטש, קאָן איך אַלעמען אַזויפיל העכערן? עס רעדט זיך דאָך נישט וועגן אַ פּאָר צענדליק מענטשן, נאָר וועגן עטלעכע טויזנט! למשל, ווען דו און נאָך אַ פּאָר צענדליק מענטשן פאַרלאַנגען אַ העכערן לוין, איז נישט קיין אומגליק, און איך בין גאָרנישט אַזאַ שלעכטער מענטש, ווי דו קאָנסט אפשר מיינען וועגן מיר. אָבער עטלעכע טויזנט? דאָס טרעפן דאָך אָן גאַנצע אוצרות! נו, און חוצדעם פאַרלאַנגט מען נאָך צו פאַרקלענערן די צייט פון דער אַרבעט! דו האָסט געפּרוווט אַמאָל באַרעכענען, וואָס דאָס טרעפט און? גלויב מיר, וואַסילי, אַז מיט דעם

גאַנצן האַרצן וואָלט איך געוואָלט מיט מיינע אַרבעטער לעבן בשלום... גלויב מיר, אַז איך בין נישט אַזאַ שלעכטער און וויל נישט אַרבעטן נאָר פאַר זיך... מען איז דאָך נישט מער, ווי אַ שטערבלעכער מענטש... אייביק לעבט מען דאָך נישט, צו וואָס דאַרף מען טראָגן שנאה איינער אויף דעם צווייטן? אָבער אַ געשעפט מוז מען פירן מיט אַ חשבון. דאָס, וואָס דו פאַרלאַנגסט, האָלט נישט אויס קיין חשבון...

וואַסילי האָט נאָכאַמאָל איבערגעביטן איין פוס איבער דעם צווייטן און זיך אָנגערופן:

— ערשטנס, קעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז איך פאַרלאַנג, איז עס נישט ריכטיק. נישט איך פאַרלאַנג, נאָר די אַרבעטער. דאָ רעדט זיך נישט וועגן מיר אָדער נאָך צען אַזעלכע, ווי איך. עס רעדן דאָ טויזנטער מענטשן! זיי האָבן אויך ווייבער און קינדער, זיי זענען מענטשן און ווילן לעבן מענטשלעך, נישט ווי בהמות: שלאָפן, עסן און אַרבעטן. עס ווילט זיך אַ שעה אין טאָג אויך לעבן, זען ווייב און קינדער, און אַז דאָס זאָל געשען, מוז מען זייער אַר־בעט-לוין העכערן און פאַרקירצן כאָטש אויף איין שעה די צייט פון דער אַרבעט.

ברעטמאַן האָט זיך געוואָלט אַריינלאָזן מיט וואַסילין אין אַ גאַנצן פלפול וועגן „מענטשלעכקייט" און „לעבן ווי אַ מענטש", נאָר וואַסילי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— אַן אַרבעטער האָט קיין צייט נישט לאַנג זיך אַריינצולאָזן אין פילאָזאָפיעס, ווייל די אַרבעט וואַרט שטענדיק אויף אים. פון אייער פילאָזאָפיע וועט גאָרנישט אַרויסקומען, ווייל מיר קאָנען זיך איינער דעם אַנדערן נישט פאַרשטיין און מיר רעדן אויף פאַרשידע־נע שפּראַכן.

וואַסילי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז מיט גיכע טריט אַוועק צו זיין אַרבעט.

* *
*

פון דעם נעכטיקן שמועס מיט פערעלמאַנען, אַז ער דאַרף זיך זען מיט בעטיען, איז ברעטמאַן אויפגעשטאַנען אין דער בעסטער

שטימונג, ער האָט געוואָלט נאָר גוטס טון און קיינעם נישט אָפּזאָגן, און איצט, נאָך זיין באַגעגעניש מיט וואַסילין, האָט ער געטראַכט, אַז מען דאַרף עפּעס טון פאַר די אַרבעטער.

— עפּעס דאַרף מען פאַר זיי טון. מען דאַרף איבערעדן מיט פּערעלמאַנען וועגן דעם.

עס איז געווען נאָך גאַנץ פרי. אין קאַנטאָר, ווו די אָנגעשטעלטע פלעגן זיך צונויפקומען ניין אַ זייגער, איז נאָך קיינער נישט געווען, און ברעטמאַן האָט זיך געלאָזט גיין צו דעם פּלאַץ, ווו עס האָט זיך פאַרענדיקט דאָס בויען פון זיין נייעם פּאַלאַץ.

דאָ האָבן שוין פון גאַנץ פרי געאַרבעט הונדערטער אַרבעטער. די אויסווייניקסטע אַרבעט איז נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק פאַרענדיקט געוואָרן. איצט האָט מען געאַרבעט אינעווייניק אין דער געביידע. מען האָט געלייגט פּאָדלאָגעס, געמאָלן די ווענט, דורכגעפירט אַ וואַסערלייטונג און עלעקטרישע דראָטן, געוויסט, געשמירט און געלייגט טרעפּלעך צו דעם גרויסן טורעם.

אַלערליי אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן האָבן געקלאַפּט, געפיילט, געהובלט און געפּעשט.

ברעטמאַן איז צוגעגאַנגען צום בוי-מייסטער, וואָס האָט אָנגעפירט די אַרבעט פון דעם גאַנצן בנין. ער האָט געפרעגט:

— ווען רעכנט איר איינגאַנצן צו פאַרענדיקן דעם בנין, אַז מען זאָל שוין קאָנען דאָ וווינען?

דער בוי-מייסטער האָט זיך פאַרטראַכט און נאָכדעם געזאָגט:

— איך רעכן, אַז עס דאַרף געדויערן נאָך אַ זעקס וואָכן.

— צו לאַנג. דער אינזשיניער האָט פאַרזיכערט, אַז אַ סך פריער, און איר זאָגט נאָך זעקס וואָכן! איך וואָלט געוואָלט, אַז מען זאָל עס וואָס פריער פאַרענדיקן.

דער בוי-מייסטער האָט זיך אַ קנייטש געטון און געענטפערט:

— איך גלויב נישט, אַז פריער פאַר זעקס וואָכן זאָל מען עס קענען פאַרענדיקן.

— וואָס הייסט, עס איז שווער? נעמט מען מער אַרבעטער.

— עס איז שווער זיי צו באַקומען! און אַז מען באַקומט זיי יאָ, הייסן זיי זיך געבן אַזעלכע פּרייזן, אַז עס איז נישט מעגלעך מיט זיי צו רעדן.

ברעטמאַן האָט דערויף נישט געענטפערט, און צוזאַמען מיט

דעם בוי-מייסטער האָט ער אָנגעהייבן אַרומגיין איבער אַלע צימערן פון פּאַלאַץ און זיך צוגעקוקט, וואָס עס פעלט נאָך אין יעדן צימער צום פאַרענדיקן.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דעם גרויסן זאַל, וועלכער האָט געהאַט פון ביידע זייטן צו אַכט פענסטער. דער זאַל, וועלכער איז נאָך געווען פאַרשאָטן מיט זאַמד און פאַרשמירט מיט שטויב, האָט שוין איצט געגלאַנצט מיט זיינע ליכטיקע זעכצן פענסטער.

— אָט דאָס וועט זיין דער שענסטער זאַל, וואָס איך האָב נאָך אַמאָל געזען, — האָט ער צופרידן געזאָגט דעם בוי-מייסטער. — אַזויפיל ליכט, אַזויפיל זון!

ער איז מיט דעם בוי-מייסטער ווייטער געגאַנגען פון צימער צו צימער און האָט אָנגעקוואָלן פון יעדן ווינקעלע.

— דער פּאַלאַץ פון דער געביידע איז זייער אַ געלונגענער! — האָט ברעטמאַן געזאָגט.

— אַ קלייניקייט, דעם פּלאַן פון אונדזער געביידע האָט געמאַכט דער בעסטער אינזשיניער!

— ביים צוזאַמענשטעלן דעם פּלאַן האָב איך מיך אויך באַטייליקט, — האָט ברעטמאַן מיט שטאָלץ באַמערקט.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום אַריינגאַנג, ווו מען הייבט זיך אויף צום טורעם, האָט ער געזאָגט:

— דער טורעם איז אינגאַנצן מיין פּלאַן. פון דרויסן גיט ער צו די גאַנצע שיינקייט דעם פּאַלאַץ און זומערצייט וועט זיין אַ גרויס פאַרגעניגן דאָרט צו פאַרברענגען. מען זעט פון דער הויך אַרום און אַרום די גאַנצע געגנט!

און ברעטמאַן האָט פאָרגעלייגט דעם בוי-מייסטער, מען זאָל ביידע אַרויפגיין און אַ קוק טון אין דער הויך אויף דער אַרומיקער געגנט.

יענער האָט באַמערקט:

— עס וועט פאַר אייך זיין אַ ביסל שווערלעך. די טרעפּלעך זענען נאָך אינגאַנצן נישט פאַרענדיקט. ערטערווייז וועט מען דאַרפן גיין איבער משופּהדיקע ברעטער.

— עס מאַכט נישט אויס, איך בין געוווינט צו גיין. איך בוי נישט דאָס ערשטע מאָל, — האָט ברעטמאַן געזאָגט.

און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין אויף די טרעפּלעך העכער

און העכער ביז זיי זענען צוגעקומען צו דעם אויבערשטן שטיבל פון טורעם.

ברעטמאַן האָט געקוקט אַרום און אַרום און געזען פאַר זיך אַ סך הימל, ווייטע פעלדער און שוואַרצע שפיצן פון וועלדער אונטערן האָריזאָנט. ער האָט אין זיך אַריינגעאָטעמט די פרימאָרגן־לופט, וועלכע האָט זיך אין דער הויך געפילט פרישער, ווי אין דערנידער.

דער בוי־מייסטער האָט געזאָגט, אַז דער טורעם איז באמת געווען אַ גוטער איינפאַל, נאָר ברעטמאַן האָט כמעט נישט געהערט, וואָס ער רעדט. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. ער האָט געטראַכט וועגן בעטיען, ווען ער וועט מיט איר אין די וואַרעמע זומערפאַרנאַכטן אָדער אין די ליכטיקע לבנה־נעכט דאָ זיצן. דאָס שטיבל פון טורעם וועט זיין אויסגעפוצט מיט דעם שענסטן ווייכן מעבל, קיין מענטש וועט זיי נישט זען. זיי וועלן נאָר זיין אין צווייען. קיינער וועט זיי נישט שטערן, נאָר ביידע: ער און זי, זי און ער.

ווען זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פון טורעם, האָט ברעטמאַן געזאָגט צום בוי־מייסטער:

— דער פּאַלאַץ מוז וואָס גיכער געענדיקט ווערן, און אויב מען דאַרף צוליב דעם פאַרגרעסערן די צאָל אַרבעטער, זאָל ער זיך נישט אָפּשרעקן פאַר טייערע פּרייזן. פאַר געלט וועט מען געפינען אַרבעטער, וויפל מען וועט נאָר דאַרפן.

פון טורעם איז ברעטמאַן אַוועק געוואָר ווערן בעטיען. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין איר טיר און געפרעגט:

— קאָן איך אַריינגיין, בעטיע? איך בין געקומען דיך מבקר חולה זיין.

בעטיע האָט אים אַריינגערופן.

— נו, ווי פילסטו זיך, בעטיע?

— אַ סך בעסער.

— נו, געלויבט צו גאָט. היט זיך נאָר גוט אָפּ און גיי נישט אַראָפּ פון בעט, ביז דו וועסט זיך איינגאַנצן פילן געזונט. איך קאָן דיר דערציילן אַ גוטע נייס. איך האָב באַקומען אַ בריוו פון פאַנין. זי איז אַ „שוועסטער" פון „רויטן קרייץ" און האָט זיך טאַקע דערשלאָגן צום פראָנט, וווּ איר חתן געפינט זיך. זי האָט זיך שוין געזען מיט אים.

— אָט דאָס איז טאַקע אַ גרויסע נייס, — האָט בעטיע זיך אָנ־גערופן. — אָט אַ מיידל, וואָס האָט אַזויפיל ענערגיע און האָט טאַקע דערגרייכט, וואָס זי האָט געוואָלט!

— וואָס זשע, — האָט ברעטמאַן מיט אַ שמייכל באַמערקט. — זי איז דאָך מיין טאָכטער. געראָטן אין טאַטן... אַז מען פאַרטראַכט אַ זאַך, מוז עס פריער אָדער שפּעטער געשען!

— וואָס זשע שרייבט זי נאָך גוטע בשורות? — האָט בעטיע געפרעגט.

— אָ, זי שרייבט זייער גוטע נייס. אויב ס'איז דיר נישט שווער, וועל איך פאַר דיר איבערלייענען דעם בריוו.

— איך וועל אייך דערפאַר זייער דאַנקבאַר זיין.

און ברעטמאַן האָט איבערגעלייענט פאַניס בריוו, אין וועלכן זי שרייבט, אַז די מלחמה וועט זיך אינגיכן ענדיקן און זי האָפט צוזאַמען מיט איר חתן קומען אַהיים. ווייטער שרייבט זי, אַז אין אָנהייב מלחמה, אין די ערשטע שלאַכטן איז ער פאַרווונדעט געוואָרן אין רעכטן פוס. אַ פּאָר חדשים איז ער געלעגן אין שפּיטאָל און איז גע־זונט געוואָרן. איצט געפינט ער זיך ווידער אויפן פראָנט. ער זעט אויס זייער גוט.

ווען ברעטמאַן האָט געענדיקט לייענען זיין טאָכטערס בריוו, האָט ער זיך פריילעך אָנגערופן:

— ווער נאָר געזונט, בעטיע, עס הייבן זיך אָן פאַר אונדז גוטע צייטן... די שווערע גייען אַוועק... אַלע מיינע קינדער וועלן קומען אַהיים, ווער וועט דענסטמאָל זיין גלייך צו מיר?...

ברעטמאַן האָט זיך געזעגנט, אָנווינטשנדיק בעטיען אַלדאָס גוטס און איז אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער. בעטיע איז געבליבן מיט לאהן.

— אָט אַן ענערגישע מיידל! איך בין איר אמת מקנא. אָ, ווען מיין יוסף זאָל זיך נישט געפינען אין אויסלאַנד, וואָלט איך אויך צלץ אַוועקגעוואָרפן און געפאָרן צו אים, נאָר אויף מיין אומגליק האָט מען אים געשיקט קיין פראַנקרייך, און קיין אויסלאַנד איז איצט אומעגלעך צו פאָרן.

פאַניס בריוו האָט אָבער זייער גוט געווירקט אויף בעטיען. זי האָט מיט פרייד אויסגעשריגן:

— דו ווייסט, לאה, אַז איך פיל זיך איצט אינגאַנצן געזונט.

איך וואָלט שוין אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט. פּאַני שרייבט דאָסזעלבע, וואָס יוסף. ווייזט טאַקע אויס, אַז די מלחמה ענדיקט זיך באַלד. איך וועל זיך שוין מער נישט קלאָגן פאַר דיר, עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן.

— וואָס דען? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? מען מוז נאָך אַ ביסעלע צוליידן און דערנאָך וועלן מיר די שלעכטע צייטן פאַרגעסן.

— פאַרגעסן, זאָגסטו?! ווי קאָן מען אַזעלכע צרות פאַר־געסן?

— אַזוי איז עס שוין. ווען עס קומען די גוטע צייטן, פאַר־געסט מען אין די שלעכטע.

אין דעמזעלבן טאָג, אין אָוונט, איז אַריינגעקומען לאה און גע־מאָלדן:

— פערעלמאַן איז געקומען זען, וואָס דו מאַכסט אין געזונט. זאָל איך אים אַריינלאָזן? ער איז דאָך ערשט מיט צוויי טעג צוריק געווען מיט זיין ווייב, צו וואָס דאַרפסטו אים?

— ניין, ניין, זאָל ער אַריינגיין! ער איז דאָך פאַרט מיין בעסטער פריינט. ער איז נישט שולדיק, וואָס ער רעדט מיר שידוכים, ער האָט געמיינט נאָר מיין טובה. דו וועסט זיין אַזוי גוט און אונדז לאָזן אַליין.

פערעלמאַן איז אַריינגעקומען און געפרעגט אויף איר געזונט. באַקומען אַן ענטפער, אַז זי פילט זיך אויסגעצייכנט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איך דאַרף אייך בעטן, איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט אַזויפיל יסורים. ווען איך בין געווען ביי אייך מיט מיין זיסלען, האָב איך עס אייך נישט געקענט זאָגן.

— וואָסערע יסורים? — האָט בעטיע מיט פאַרוווּנדערונג גע־פרעגט.

— איך ווייס, אַז איך בין שולדיק אין אייער קרענק.

— פונוואַנען נעמט איר עס?

— מען דאַרף מיר קיין פינגער אין מויל נישט אַריינלייגן... איך ווייס, אַז ווי איך האָב נאָר דערמאָנט ברעטמאַנס נאָמען, זענט איר איינגאַנצן אויפגעציטערט געוואָרן... און דערנאָך זענט איר גע־פאַלן אין חלשות, אַז מען האָט אייך קוים דערמינטערט...

פערעלמאַן האָט געהאָפט מיט זיינע רייד אַרויסרופן בעטיען,

זי זאָל אים דערציילן די אמתע סיבה פון איר חלשן, אָבער בעטיע האָט דערפילט, אַז ער איז איר חושד, אַז זי באַהאַלט פון אים עפּעס, און זי האָט געענטפערט:

— די סיבה פון מיין חלשן איז עפּעס אַנדערש, נישט ברעט־מאַנס נאָמען, וואָס איר האָט דערמאָנט...

עס איז געווען אַ מאָגערער שמועס ביי זיי. פּערעלמאַן איז אַוועקגעגאַנגען און ווידער גאָרנישט געוווסט, וואָס עס קומט פאָר אַרום בעטיען.

קאַפּיטל איינס.

פיר יאָר מלחמה.

ביי ברעטמאַנען אין הויז האָבן אַלע געוואַרט, אַז די גרויסע וועלט-מלחמה וועט זיך איינגיכן ענדיקן. אין אַלע שטעט, אין אַלע לענדער און די גאַנצע וועלט האָט דאָסזעלבע געוואַרט. די צאָל פון דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע האָט זיך אין דער בלוטיקער מלחמה שוין געציילט אין די מיליאָנען. דער יקרות און דער הונגער האָט זיך אומעטום אָנגעהייבן שטאַרק צו פילן. יעדער איז געווען זיכער, אַז לענגער, ווי דעם הייגטיקן זומער וועט מען די מלחמה נישט קע-נען פירן.

אפילו אויף די פראָנטן האָט מען שטאַרק גערעדט, אַז דעם פערטן ווינטער מיט זיינע קעלטן און פרעסט וועט מען מער נישט קענען פירן די מלחמה און עס וועט מוזן ווערן שלום.

אָבער אויך דער ווינטער מיט זיינע פרעסט איז געקומען און די שרעקלעכע מלחמה האָט נישט אויפגעהערט, און קיינער האָט נישט געוווּסט און נישט געקענט פאָרויסזען, ווען עס וועט נעמען אַ סוף.

די צאָל פון דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע אויף די פעלדער איז געווען מוראדיק גרויס. מען האָט אָנגעהייבן רופן צו דער מלחמה אַלטע מענטשן. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלע יונגע האָט מען שוין אויסגעהרגעט און אַז די מלחמה וועט זיך פירן אַזוי לאַנג, ביז עס וועלן נישט בלייבן קיין געזונטע מענטשן, וואָס זאָלן קענען טראָגן געווער אין די הענט.

אין דער הויפּטשטאָט פון דעם גרויסן רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהייבן באַווייזן סימנים פון מרידה. אין די פאַבריקן, צווישן די אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער אַרמיי, האָט זיך שטאַרק געררודערט.

די קלאַנגען וועגן די אומרוען אין פאַרשידענע גרויסע שטעט זענען אויך אָנגעקומען צו ברעטמאַנען, וואָס האָט זיך גערעכנט מיט דער גרויסער צאָל אַרבעטער פאַר איינעם פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן, וועלכע אַרבעטן פאַר דער אַרמיי.

ברעטמאַן האָט זיך איינמאָל אָנגערופן צו זיין פאַרוואַלטער:

— איך בין זיכער, אַז ביי מיר וועלן נישט זיין קיין אומרועו.

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער? היינטיקע צייטן קאָן מען גאָרנישט וויסן!

- אומעטום יאָ, אָבער ביי מיר נישט!

— אָבער פונוואַנען נעמט זיך ביי אייך אַזאַ זיכערקייט? און איך, פאַרקערט, האָב שטאַרק מורא, אַז עס זאָל ביי אונדז נישט אויסברעכן קיין שטרייק.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „שטרייק", איז ברעטמאַן מיטאַמאָל געוואָרן אָנגעצונדן, און ווי אין זיינע יינגערע יאָרן, איז ער אויך איצט געווען גרייט זיך שטעלן קעגן זיינע אַרבעטער און אויספירן זיינס.

—דו האָסט מורא פאַר אַ שטרייק? זיי רויק, ביי מיר שטרייקט מען נישט!

— אָבער פאַרוואָס, פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ שטאַרקייט צו אייך?

— גאָרנישט, איך גלויב אין זיך, אַז איך וועל עס נישט דערלאָזן. דו געדענקסט די רעוואָלוציע צוריק מיט אַ יאָר צען-צוועלף? כמעט אין אַלע פאַבריקן האָט מען געשטרייקט, אפילו אויף די באַנען און טעלעגראַפן, און ביי מיר נישט... געדענקסט, פערעלמאַן?

— איך געדענק, פאַרוואָס זאָל איך נישט געדענקען? ווער קען פאַרגעסן יענע צייט! יאָ, איך געדענק! אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז מען שטרייקט נישט ביי אונדז נאָר על פּי נס.

— פאַרוואָס על פּי נס? היינטיקע צייטן זענען נישטאָ קיין נסים! מען דאַרף נאָר וויסן, ווי אַזוי צו פירן אַ פאַבריק מיט עפּ־

דעכע טויזנט אַרבעטער, מען דאַרף פֿאַרשטיין, ווי זיי צו האַלטן אין די הענט.

און דערביי האָט ברעטמאַן מיט ביידע הענט אָנגעהייבן פּאַכען אין דער לופֿט. דאָס איז פֿון שטענדיק אָן געווען זיין מאַניעוור צו ווייזן זיין שטאַרקייט, אַז ער האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט.

פערעלמאַן האָט נישט געענטפֿערט. אין זייגע אויגן האָט מען געזען, ווי ער באַוווּנדערט זיין באַלעבאָס, וואָס ער פֿילט זיך אַזוי שטאַרק אין דער איצטיקער אומרויקער צייט.

ברעטמאַן האָט זיך ווידער אָנגערופֿן צו אים:

— איך זע, אַז דו האָסט נאָך אַלץ מורא, אַז ביי אונדז אין פֿאַבריק וועלן אויך פֿאָרקומען אומרוען. עס ווייזט אויס, אַז דער בונטאָווטשיק וואַסילי האָט דיך גוט אָנגעשראָקן!

און ברעטמאַן, אָנקלאַפּנדיק פערעלמאַנען אין פּלייצע, האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿאַרלאָז זיך אויף מיר, עס וועט גאָרנישט געשען. ווען עס איז אין פֿאַבריק רויק, בין איך אויך רויק, נאָר ווען עס שמעקט מיט אומאָרדענונג, בין איך אויף מיין פּלאַץ און שלאָף נישט! דו דאַרפֿסט שוין קענען ברעטמאַנען!

— און פֿונדעסטוועגן איז מיין חוב, אַלס פֿאַרוואַלטער, אייך צו זאָגן, אַז אין דער איצטיקער צייט וואָלט נישט געשאַדט צו באַפֿרי־דיקן די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער. וואָס עס איז אייך געלינגען צוריק מיט צען יאָר, קען דאָס צווייטע מאָל נישט געלינגען. מיר דאַרפֿן אין אונדזערע אַרבעטער האָבן פֿריינט. איך האָב געפֿונען פֿאַר מיין חוב אייך אַלץ צו זאָגן.

ברעטמאַן האָט זיך אָנגעצונדן.

— איך דערקען אָבער, פערעלמאַן, אַז נישט דו זאָגסט עס, נאָר וואַסילי... איך דערקען זיינע ווערטער מיט זיין שפּראַך. זאָג מיר דעם אמת, ער האָט מיט דיר וועגן דעם גערעדט?

— יאָ, ער האָט מיט מיר גערעדט...

— וואָס זשע האָט ער דיר געזאָגט? דערציייל מיר אַלץ!

— ער האָט מיך געוואָרנט, אַז צווישן די אַרבעטער איז נישט אַזוי רויק, ווי עס דאַכט זיך. די אומרוען אין אַנדערע פֿאַבריקן גע־פֿינען אַן אָפּקלאַנג אויך ביי זיי, און דעריבער,—האָט ער געזאָגט,— איז זייער נייטיק, אַז מ׳זאָל נאָכגעבן זייערע פֿאָדערונגען, ווייל

איצט וואָלט עס געווען, ווי געווונטשן און מען וואָלט געקענט זיין זיכער, אַז ביי אונדז אין פאַבריק וועט זיין שטיל. אַזוי, האָט וואַסילי געזאָגט, איז ער נישט זיכער, אַז די אַרבעט זאָל נישט געשטערט ווערן.

ברעטמאַן האָט אויסגעהערט פערעלמאַנען און דערנאָך געפרעגט:

— האָסט שוין געענדיקט? מער האָט וואַסילי גאָרנישט געזאָגט?

— ניין, מער האָט ער גאָרנישט געזאָגט.

— ווייסטו, וואָס ביי מיר איז געבליבן?

— וואָס, אַ שטייגער?

— ביי מיר איז געבליבן, אַז זייערע פאָדערונגען וועל איך איצט נישט באַפרידיקן. אויב יאָ באַפרידיקן, וועל איך עס טון, ווען איך וועל פאַרשטיין, אַז איך דאַרף עס טון, נישט ווען וואַסילין וועט זיך פאַרגלוסטן! איך בין נאָך נישט משוגע געוואָרן, איך זאָל אַרויסוואַרפן אַ האַלבן מיליאָן יעדעס יאָר! פּרוּוו באַרעכענען, וויפל עס טרעפט אָן דאָס באַפרידיקן עטלעכע טויזנט אַרבעטער... וואָס זאָג איך אַ האַלבן מיליאָן—עס קען דערגיין ביז אַ גאַנצן מיליאָן יערלעך... נאָר ווייסטו, וואָס איך וועל דערווייל יאָ טון? איך וועל אַרויסטרייבן וואַסילין!... זאָל ער גיין צו אַלדי רוחות!...

פערעלמאַן איז בלאַס געוואָרן פון אַזאַ האַרבן באַשלוס.

— וואָס ווילט איר טון? איר ווילט אָנצינדן אַ פייער?...—האָט ער געפרעגט.

— איך האָב פאַר קיינעם קיין מורא נישט. מיט דעם וויל איך ווייזן די אַרבעטער, אַז איך שרעק מיך נישט פאַר קיינעם. איך מוז זיין שטאַרק! ווען איך וועל אַרויסווייזן קעגן זיי אַ שוואַכקייט, וועלן זיי מיך דערשטיקן... אַנדערש קען מען נישט פירן קיין פאַבריק מיט אַזויפיל אַרבעטער.

— איר ווילט גיסן בוימל אויפן פייער, הער ברעטמאַן!

האָב קיין מורא נישט, פאַרלאָז זיך אויף מיר! וואַסילי טאָר אין מיין פאַבריק זיך מער נישט געפינען. אמת, איך ווייס אַזוי, ווי דו, אַז ער איז אַן אויסגעצייכנטער אַרבעטער, אָבער ער איז אַ סכנה פאַר מיר... ער איז אַ ווונד אויף דעם גאַנצן פאַבריק־קערפער און איך מוז מאַכן די אָפּעראַציע און מיטאַמאָל אויסשניידן

דאָס ווונד־פלייש, כּדי צו ראַטעווען דעם גאַנצן גוף. באַרויק זיך, פאַרלאָז זיך אויף מיר.

פּערעלמאַן האָט זיך אָבער נישט געקענט באַרויקן. ער האָט געוווּסט, אַז ווען ברעטמאַן נעמט זיך עפּעס אין קאָפּ אַריין, איז שווער עס אים אַרויסצושלאָגן.

ער האָט אים געבעטן מיט גוטן, ער זאָל עס נישט טון, און ווען עס האָט נישט געהאָלפן, האָט ער אים געוואָרנט, אָבער ברעטמאַן איז געבליבן פעסט ביי זיין באַשלוס.

פּערעלמאַן האָט געזען, אַז זיינע גרייד און וואָרענישן וועלן גאָרנישט העלפן. ער האָט געפילט, אַז זיין באַלעבאָס מאַכט אַ גע־פערלעכן שריט און קען פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

נישט אויפהערנדיק צו זוכן מיטלען, כּדי נישט צו דערלאָזן צו אַזאַ געפאַר, האָט פּערעלמאַן איינגעזען, אַז ס'איז דאָ איין וועג, ווי אַזוי ברעטמאַנען אָפּצוהאַלטן פון אַזאַ שריט: ער וועט דערציילן וועגן אַלץ בעטיען, און זי בעטן, אַז זי זאָל ווירקן אויף אים, ער זאָל דעם געפערלעכן שריט נישט מאַכן. ער האָט געגלויבט, אַז ברעטמאַן וועט בעטיען נישט אָפּזאָגן.

מחמת ער איז געווען זייער אויפגערעגט, איז ער טאַקע באַלד צומאָרגנס אַוועק צו בעטיען.

זי האָט אים באַגעגנט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג, און גע־פרעגט:

— וואָס איז עפּעס אַזוינס געשען, אַז אינמיטן העלן טאָג האָט איר אַוועקגעוואָרפן די אַרבעט און געקומען צו מיר?

— יאָ, עס איז זייער וויכטיקס געשען, — האָט פּערעלמאַן גע־זאָגט, און איר דערציילט וועגן דעם גאַנצן געשפּרעך, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען צווישן אים מיט זיין באַלעבאָס.

בעטיע האָט זיך אויך דערשראָקן, וואָס ברעטמאַן וויל אָפּזאָגן דעם פירער און ליבלינג פון די פאַבריקאַרבעטער, און האָט זיך אָנגערופן:

— אויסגעשלאָסן! ברעטמאַן איז צו קלוג און צו פּראַקטיש, ער זאָל עס טון, עס איז נישט מעגלעך!

— איך צווייפל נישט אויף אַ מינוט, אַז ער וועט דאָס היינט־מאָרגן טון. איך האָב שוין מיט אים גענוג וועגן דעם גערעדט, ווייל איך געפין אַז עס איז אַ גרויסע געפאַר פאַר דער פאַבריק. אָבער מיינע

רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. ער איז דאָך געבליבן ביי זיינס. איך האַלט, אַז נאָר איר קענט העלפן.

— איך? וואָס איז גראָד איך? נאָר אייך קען אַזאַ זאַך איינ־פאַלן!

— יאָ, נאָר איר קענט העלפן. און איך האָב זיך באַנוצט מיט דעם, וואָס ברעטמאַן איז היינט אַוועקגעפאָרן אין שטאָט, בין איך געקומען צו אייך... איר זענט דער איינציקער מענטש, וואָס קען ווירקן אויף ברעטמאַנען.

—פונוואַנען נעמט איר עס, אַז איך בין דער איינציקער מענטש, וואָס קען ווירקן אויף אים?

— איך קען אייך נישט דערקלערן, ווי אַזוי איך בין דערצו געקומען, נאָר איך קען אייך זאָגן, אַז ער שעצט אייך זייער און האָט פאַר אייך גרויס דרך-ארץ. נאָר וואָס איז אייך דער חילוק ווי אַזוי איך ווייס? איך בעט אייך, מיר נישט אָפּצוזאָגן און פועלן ביי אים, ער זאָל וואַסילין נישט אַרויסוואַרפן פון פאַבריק. דאָס דאַרפט איר טון נישט אַזוי צוליב מיר, נאָר צוליב אונדז אַלע, צוליב ברעטמאַנען אַליין אויך. ביי אים איז עס נאָר אַ נצחון, און פאַר דער פאַבריק און פאַר אונדז איז עס אַן אומגליק. איך בין זיכער, אַז ווי באַלד ער וועט נאָר אָפּזאָגן וואַסילין, וועט אויסבראַכן אַ שטרייק, און מיט וואָס עס שמעקט אין דער איצטיקער צייט אַ שטרייק, פאַרשטייט איר זייער גוט אַליין.

בעטיע האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— ביי ברעטמאַנען קען איך אַזאַ זאַך נישט בעטן... ווען שוין יאָ, וואָלט איך בעסער אים צוגערעדט, ער זאָל באַפרידיקן די פאָ־דערונגען פון די אַרבעטער. דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע, אָבער איך וויל נישט ביי אים קיין זאַך בעטן.

פערעלמאַן האָט פון גרויס פאַרוווּנדערונג קיין וואָרט נישט גע־קענט אויסרעדן. ער האָט נישט דערוואַרט צו באַקומען פון בעטיען אַזאַ ענטפער.

— הייסט עס, אַז איר זאָגט מיר אָפּ מיין בקשה? — האָט פע־רעלמאַן זיך ענדלעך אָנגערופן. — דערויף האָב איך מיך נישט גע־ריכט. איך בין געגאַנגען צו אייך אויף זיכער.

—איך זאָג אייך נישט אָפּ. איך וואָלט עס זייער געוואָלט טון, נאָר איך קען נישט און טאָר נישט בעטן ביי אים.

— פּאַרוואָס? דאָס איז דאָך נישט קיין קליינינקייט.

— איך טאָר זיך איצטער נישט מישן אין זיינע געשעפטן.

— אָבער ווען מען זעט, אַז איינער גייט אויף אַריינצופאַלן אין אַ גרוב, דאַרף מען דאָך אים וואָרענען?

— איר האָט דאָך אים שוין געוואָרנט און ער וויל נישט פאָלגן.

— איר מיינט אַזוי?

— איך בין אין דעם זיכער, אַזוי ווי עס איצט טאָג און נישט נאַכט.

בעטיע האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט, ווי איינער, וואָס שלאָגט זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער עס טון אָדער נישט.

— ניין, איך קען נישט! — האָט זי געזאָגט. — פרעגט נישט פאַרוואָס... איך קען אייך נאָר ענטפערן מיט אייערע אייגענע ווער־טער: „איך קען אייך נישט דערקלערן".

פערעלמאַן איז אַוועק פון בעטיען מיט גאַרנישט און ער האָט לאַנג געבראָכן דעם קאָפּ, טראַכטנדיק וועגן איר:

— זי איז אַ גוט מיידל, זי זאָגט קיינמאָל נישט אָפּ, ווען מען בעט זי עפּעס, בפרט נאָך מיר, און פּלוצים האָט זי וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין זיך אַזוי איינגעעקשנט און מיר געענטפערט אַזוי משונהדיק, אַז איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט!

עס זענען אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג, פערעלמאַן האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז ברעסטמאַן וועט נישט אָפּזאָגן וואַסילין. ער האָט גע־גלויבט, אַז דער כעס אויף וואַסילין איז שוין ביי אים אַריבער, און ער האָט שוין געוויס פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע. נאָר פּלו־צים האָבן זיך אַלע אין פאַבריק דערוווּסט, אַז מען האָט וואַסילין אָפּגעזאָגט און אַז ער איז שוין מער נישט געקומען צו דער אַרבעט.

אַלע האָבן זיך געקאָכט און גערעדט אין דער שטיל וועגן דעם. מען האָט געוואַרט, ס'זאָל אויסברעכן אַ שטורעם, אָבער מען האָט באַ־מערקט, אַז פון דעם טאָג אָן, זינט מען האָט וואַסילין אָפּגעזאָגט, האָבן זיך אין פאַבריק און ביים טויער געדרייט עטלעכע סאָלדאַטן מיט ביקסן. דער עלצטער פון די סאָלדאַטן האָט געזאָגט, אַז זיי זע־נען געקומען אַלטונג געבן, אַז די אַרבעט פאַר דער אַרמיי זאָל אין פאַבריק נישט געשטערט ווערן.

די סאָלדאַטן האָבן נאָכמער אויפגערייצט די אַרבעטער, אָבער מען האָט געמוזט קריצן מיט די ציין און שווייגן. עס איז דאָך גע־ווען מלחמה־צייט, און יעדן אַרויסטריט וואָלט מען מיט געווער דער־שטיקט.

אין פאַבריק איז געווען שטיל, ווי אויף אַ בית־הקברות. קיין מענטשלעך קול האָט מען נישט געהערט רעדן, מען האָט נאָר גע־הערט דאָס קלאַפּן פון אייזן און עס האָט אויסגעוויזן, אַז מען קלאַפּט מיטן האַמער אויף שטיינערנע מצבות.

ברעטמאַן האָט מיט נצחון פון אַ מושל זיך אַרומגעדרייט אַליין אין פאַבריק און מיט קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט. די אַרבעטער האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט און אויסגעמיידט זיך צו באַגעג־נען מיט אים.

זיין געזיכט האָט געפלאַמט פון גרימצאָרן און עס האָט אויס־געזען, אַז די הויט אויף זיין פנים איז מיטאַמאָל שוואַרץ געוואָרן.

אין קאַנטאָר איז אויך געוואָרן שטילער, ווי געווייגלעך און אפילו פּערעלמאַן האָט אויסגעמיידט מיט די אויגן זיך צו באַגעגענען מיט זיין באַלעבאָס.

ברעטמאַן האָט דאָס באַמערקט און האָט עס שווייגנדיק אַראָפּ־געשלונגען אין זיך.

* * *

דער ווינטער האָט זיך שוין באַלד געענדיקט. די פרעסט האָבן אָפּגעלאָזט און די זון האָט אָנגעהייבן שמעלצן דעם אייז. ברעטמאַן האָט געוואַרט אויפן פרילינג, ער זאָל קויפן מעבל פאַר די צימערן פון זיין פאַרענדיקטן נייעם פּאַלאַץ. ער האָט געהאָפט אויף אַ ניי לעבן.

ער איז געוואָרן אַ ביסל מילדער און האָט געוואָלט ווידער האַר־ציק רעדן מיט זיין פאַרוואַלטער. אָבער ער האָט געפילט, אַז יענער איז אויף אים אָנגעבלאָזן...

און איינמאָל, ווען אין קאַנטאָר האָט זיך געענדיקט די אַרבעט, איז ער צוגעגאַנגען צו פּערעלמאַנען און ווייך זיך אָנגערופן:

— דו בלאָזט זיך נאָך אַלץ אויף מיר?

— איך? וואָס האָב איך צו זיין אָנגעבלאָזן אויף איידּ?

— איך מיין, וואָס איך האָב דיך נישט געפאָלגט און אָפּגע־זאָגט וואַסילין... איצט זעסטו אַליין, אַז עס איז נישט געווען וואָס צו שרעקן זיך און אַז איך פאַרשטיי בעסער פון דיר, ווי זיך אויפ־צופירן מיט מיינע אַרבייטער!

פּערעלמאַן האָט געשוויגן און נישט געענטפערט.

— איך זע, אַז דו האָסט נאָך אַלץ מורא פאַר אַ שטרייק, — האָט ברעטמאַן ווייטער געזאָגט, — זיי זיך מודה, האָסט נאָך איצ־טער אויך מורא?

— יאָ, איך בין זיך מודה... מיין האַרץ איז מיר נישט רויק... אַרבעטער וועלן אַזאַ זאַך נישט פאַרגעסן און נישט שענקען און ביים ערשטן בעסטן צופאַל קען עפּעס אויסברעכן...

— פונוואַנען נעמסטו דאָס? עס איז דאָך שטיל, עס איז קיינ־מאָל אַזוי שטיל נישט געווען, זינט איך האָב אַרויסגעטריבן דעם בונטאָווּשטשיק וואַסילי.

— אָט טאַקע די שטילקייט געפעלט מיר נישט...

קאַפּיטל צוויי.

נאָכן ווינטער.

עס איז שוין געווען סוף חודש אדר. מען האָט זיך באַפרייט פון דעם שווערן ווינטער, וועלכער האָט נישט געבראַכט קיין שלום אויף דער וועלט.

די יונגע פרילינגסזון, וואָס האָט אַזוי ליב געוואַרעמט, דער קלאָרער הימל, די ערשטע שפּראָצונגען אויף די פעלדער און די ערשטע מחנות פייגעלעך, וואָס זענען אַלע טאָג געקומען פון ווייטע מדינות צו בויען דאָ נעסטן אויף דעם גאַנצן זומער, זייער פּישטשען און זינגעריי, — אַלץ, וואָס האָט אָנגעהייבן אויפבליען און אויפלעבן, האָט די מענטשן געגעבן נייע האָפענונגען, אַז די בלוטיקע מלחמה מיט אירע טויזנטער קרבנות וועט אויפהערן און עס וועט הערשן שלום אויף דער וועלט. קינדער וועלן קומען צו זייערע עלטערן, ברידער צו זייערע שוועסטער און חתנים צו זייערע כלות.

אָבער צוגלייך מיטן פרילינג, וואָס האָט אַלץ און אַלעם גערופן צו אַ נייַ לעבן, האָבן אויף די שלאַכטפעלדער די מלחמות זיך פאַרגרעסערט און פאַרשטאַרקט, און די קרבנות האָבן זיך אויף הונדערטער מאָל פאַרגרעסערט.

דער בייזער ווינטער, די קעלטן און פרעסט מיט די פאַרפרוירענע טייכן, פאַרשאָטענע וועגן און פעלדער, האָבן געשטערט צו פירן די גרויסע שלאַכטן. מען האָט אַלץ אָפגעלייגט אויפן פרילינג און באַלד, ווי די פרעסט האָבן אויפגעהערט, דער שניי איז צעגאַנ-

גען און די זון האָט אָנגעהייבן ליבלעך צו וואַרעמען, האָבן זיך אָנ־געהייבן גרויסע שלאַכטן און די פעלדער זענען פאַרזייט געוואָרן מיט טויטע קערפּערס.

דער פרילינג האָט אַלעמען גערופן צום לעבן, נאָר די מענטשן האָבן באַקלאָגט זייערע טויטע און עס איז נישט געווען קיין הויז, ווו מען האָט נישט באַקלאָגט אַן אייגענעם, וואָס איז געפאַלן אין דער מלחמה.

ביי ברעטמאַנען אין הויז, נאָך אַזאַ לאַנגן ווינטער, האָט מען אויך פאַרלוירן די האָפענונג, מען זאָל יוספן און פאַניס חתן זען אַמאָל קומען לעבעדיק אַהיים.

בעטיע האָט זייער טרויעריק פאַרבראַכט דעם ווינטער, וועלכער האָט זיך געצויגן לאַנג, ווי דער יידישער גלות. דערצו האָט זי זיי־ער ווייניק ידיעות געהאַט פון יוספן. עס איז איר נמאס געוואָרן צו זיצן אין שטוב. צייטנווייז האָט זיך איר דערעסן דאָס לעבן, און זי פלעגט זיך קלאָגן פאַר לאהן:

— עס איז שוין בעסער געווען, ווען איך האָב געאַרבעט אין קאַנטאָר ביי דער בוכהאַלטעריע. דאָרט האָב איך זיך מיט די ציפערן פאַרשלאָגן דעם קאָפּ. איצט וועל איך גאָר משוגע ווערן, איך קען אַזוי לאַנג נישט וואַרטן!

— זאָל נאָר אַוועקגיין דער ווינטער, — האָט זי געזאָגט, — וועל איך עפּעס מוזן טון.

—וואָס וועסטו טון? דו ווייסט אַליין נישט, וואָס דו רעדסט!— האָט לאה געזאָגט.

—יאָ, איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך וועל טון... איך וועל ער־גען אַוועק אין דער וועלט אַריין, נאָר נישט דאָ. אויב עס וועט נאָך אַזוי לאַנג געדויערן, וועל איך פריער משוגע ווערן, ביז יוסף וועט קומען.

— דו דאַרפסט גאָרנישט וואַרטן, דו ביזט שוין משוגע!—האָט לאה אויף איר אָנגעשריגן.—וווהין וועסטו פאָרן? דו ביזט נישט איי־נע אויף דער וועלט! טויזנטער עלטערן וואַרטן אויף זייערע קינדער און טויזנטער כלות אויף זייערע חתנים, און זיי ווייסן נישט, ווו זיי־ער געביין איז אַהינגעקומען. און וויפל פרויען וואַרטן אויף זייערע מענער—זייערע שפייזער! דיר פעלט דאָ, ברוך השם, גאָרנישט, האָסט זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן. אַ׳, מען מוז וואַרטן —

העלפט נישט! דו ביזט נישט די איינציקע! דו מיינסט, דעם אַלטן ברעטמאַנען איז גוט, וואָס זיין איינציקער זון איז אין דער מלחמה?

— אָבער נישט אַזוי שלעכט, ווי מיר. אים ליגט נאָר אין זי־נען צו קריגן זיך מיט זיינע אַרבעטער און בויען אַ נייעם פּאַלאַץ... וואָס איז, טאָמער וועט ער העכערן זייער לוין, וועט אים ווייניקער בלייבן! — עס פעלט אים אוודאי, דאַרף ער אַרום זיך האָבן אַזוי־פיל שונאים... און צו וואָס און צוליב וועמען דאַרף ער האָבן אַזאַ פּאַלאַץ? עס פעלן אים צימערן צו וווינען? גענוג צימערן פּוסטעווען דאָ אין הויז!

— וואָס זשע, ער ווערט משוגע פון זיין געלט, בויט ער פּאַ־לאַצן!

— זאָל ער בויען, וויפל ער וויל, אָבער צו וואָס זאָל ער אין אַזאַ צייט צערייצן די אַרבעטער? איך שרעק זיך פראָסט דאָ צו וווינען, זייענדיק אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל שונאים.

לאה האָט פון אירע רייד זיך אויך דערשראָקן.

— גלויב מיר, לאה, אַז ווען די אַרבעטער גייען אַמאָל פאַר־ביי אונדזער הויז, קוקן זיי מיט אַזעלכע רוצחישע אויגן, אַז איך ווער אַ דערציטערטע?

— דו ווייסט דען עפּעס? האָסט עפּעס געהערט? — האָט לאה שטיל געפרעגט.

— איך ווייס גאָרנישט... איר האָב גאָרנישט געהערט! עס טוט מיר שוין באַנג, וואָס איך האָב דיר געזאָגט. זע נאָר, אַז דו זאָלסט פאַר קיינעם נישט אויספּויקן! דו הערסט, לאה?

— וואָס האָב איך וועמען צו דערציילן? עס איז נישט מיין געשעפט. אָבער פון דיינע רייד האָב איך אָנגעהייבן אויך מורא צו האָבן, און ווען דו וועסט וועלן אַוועקפאָרן, וועל איך דאָ מיטן קינד נישט בלייבן אַליין, מען זאָל מיך אפילו אָפּגילטן!

— עס איז נאָך ווייט צו מיין אַוועקפאָרן, און הער שוין אויף צו פּלאַפּלען.

אַזוי האָבן זיי אָפּט גערעדט צווישן זיך, און ווען עס איז גע־קומען דער פרילינג און די מלחמה האָט זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט, האָט בעטיע ווידער אָנגעהייבן צו רעדן, אַז זי קען דאָ מער נישט בלייבן זיצן און זי מוז אַוועקפאָרן.

און לאה האָט, אַ דערשראָקענע, זי ווידער געפרעגט.

— וווהין וועסטו זיך לאָזן פאָרן?

— וווהין, פרעגסטו? צו מיין יוספן, צו מיין מאַן! אָט פאַני איז אַ מענטש, מען דאַרף זיך ביי איר לערנען. אמת, עס לעבט זיך איר נישט אַזוי גוט דאָרטן אויף דעם פראָנט, זעט זי אָבער אָפּט איר חתן. זי ווייסט, וואָס מיט אים איז. איך וואָלט זיך קיין בע־סערס נישט געווונטשן, ווי אַמאָל צו זען מיין מאַן און וויסן, ווי עס לעבט זיך אים — איך וועל פאָרן צו מיין מאַן!

— דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז פאַני האָט געקענט פאָרן צו איר חתן, ווייל ער געפינט זיך אויף דעם רוסישן פראָנט, און צו דיין מאַן קען מען נישט, ווייל ער איז אין אויסלאַנד.

— מאַלע, וואָס איך האָב געזאָגט! נישטאָ פאַר אַ מענטשן אַזאַ זאַך, וואָס ער זאָל נישט קענען! איך מוז דאָס טון! איך וועל דאָס טון!

— אָבער וואָס רעדסטו, בעטיע? ווי קענסטו זיך אַזוי ווייט אַליין אַוועקלאָזן און וואָס וועט זיין מיט מיר — מיט דעם קינד!

בעטיע האָט זי אָנגעהייבן באַרויקן.

— עס איז נאָך ווייט צו מיין אַוועקפאָרן, מיר וועלן נאָך גע־נוג צייט האָבן צו רעדן וועגן דעם.

בעטיע אַליין האָט אויך נישט געוווּסט פון קיין שום פּלאַן, וווהין זי זאָל פאָרן, און ווי אַזוי זי קען זיך דערשלאָגן צו איר מאַן. זי האָט זייער גוט געוווּסט, אַז עס איז אַן אוממעגלעכע זאַך, אָבער דאָך איז ביי איר געבליבן, אַז אויב ביז נאָך פסח וועט זי נישט האָבן קיין ידיעות פון איר מאַן, וועט זי דאָ נישט בלייבן. זי וועט פאָרן אָן אַ שום פּלאַן.

עס איז ביי איר אויך געבליבן, אַז באַלד נאָך פסח וועט זי וועגן איר אַוועקפאָרן איבערעדן מיט ברעטמאַנען. זי האָט גוט גע־וווּסט, אַז ער וועט אינגאַנצן זיין קעגן דעם און וועט אַלץ טון, אַז זי זאָל נישט אַוועקפאָרן, אָבער זי האָט פאָרויס באַשלאָסן, אַז זי וועט זיך מיט קיינעמס מיינונג נישט רעכענען. זי מוז פאָרן! סיידן עס וועט אין דער צייט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס וועט ענדערן איר לאַגע.

אויף אַזעלכע אומדערוואַרטע געשעענישן האָבן מיליאָנען מענטשן געהאָפט, כאָטש קיינער האָט נישט געקענט זאָגן, וואָס עס וועט געשען.

— נאָר אומגעווײנלעכע געשעענישן קענען מאַכן אַ סוף מיט אַזאַ אומגעווײנלעכער בלוט-מלחמה, — האָט מען פון אַלע זייטן בע-הערט זאָגן, און אויף די דאָזיקע געשעענישן האָט מען געהאָפט...

* * *

אין פאַבריק איז פלוצלונג אָנגעקומען אַ בייס. דער רוסישער הערשער ניקאָלאַי דער צווייטער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון טראָן. די דאָזיקע אומדערוואַרטע בשורה האָט ביי די אַרבעטער און ביי אַלע אַרויסגערופן די גרעסטע פרייד. אַפילו ברעטמאַן איז געוואָרן מלא שמחה.

אין אָוונט האָבן זיך אַלע היימישע פאַרזאַמלט ביי ברעטמאַנען אין הויז. דאָ האָט זיך אויך געפונען דער פאַרוואַלטער פערעלמאַן און נאָך אייניקע באַקאַנטע און אָנגעשטעלטע פון קאַנטאָר.

ברעטמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון דעם גרויסן געשעעניש.

— ניקאָלאַי איז געווען אַ רשע, — האָט ער געזאָגט. — ער האָט קיינעם נישט געלאָזט לעבן און יידן האָבן געליטן מער, ווי אַלע, מען האָט זיי געטריבן פון די דערפער, ווו זיי האָבן פאַר-לוירן זייערע פרנסות, אין די גימנאַזיעס און אין די אוניווערזיטעטן האָט מען אָנגענומען נאָר דריי פּראָצענט. ווו נאָר מען האָט געקענט, האָט מען געשטיקט יידן.

— די יידישע יוגנט, — האָט בעטיע צוגעגעבן, — האָט געמוזט זיך וואַלגערן ווייט פון דער היים אין די אויסלענדישע אוניווערזי-טעטן, הונגערן און ליידן נויט, ווייל אינדערהיים האָבן זיי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לערנען.

יעדער האָט אַרויסגעזאָגט זיין שמחה, וואָס מען האָט ניקאָלאַיען אַראָפּגעוואָרפן.

פערעלמאַן האָט אויך מיט דער גרעסטער פרייד גערעדט וועגן דעם גרויסן געשעעניש, אָבער דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— ווער ווייסט אָבער, וואָס עס וועט נאָך זיין! וואָס עס וועט נאָך פאָרקומען!

— וואָס זאָל זיין? — האָט אונטערגעכאַפּט בעטיע. — וואָס עס זאָל נישט פאָרקומען, וועט עס זיין בעסער, ווי איצט. ערשטנס, וועט אַזאַ

גרויסע געשעעניש דערגנענטערן דעם שלום און עס וועט ווערן אַ סוף צו דער בלוטיקער מלחמה, און, צווייטנס, וועט געוויס זיין אַ רע־פובליק און מיר וועלן לעבן אין אַ פריי לאַנד.

— אַט אַזוי גיך ווערט עס ביי אייך אַ רעפובליק? — האָט פערעלמאַן געזאָגט. — און ווו זענען עפעס די שוואַרצמאהניקעס? וואָס מיינט איר, זיי וועלן עפעס שווייגן!

ברעטמאַן האָט זיך אַריינגעמישט:

— אומזיסט קריגט איר זיך! עס וועט נישט זיין קיין רעפוב־ליק און נישט די שוואַרצמאהניקעס וועלן איצט קענען זאָגן אַ דעה. מען וועט מאַכן אַן אַנדער קיסר אויף זיין אָרט, וועלן מיר האָבן אַלע פרייהייטן אַזוי ווי אין ענגלאַנד.

— וואָס קענען מיר איצט וויסן? — האָט זיך אָנגערופן פע־רעלמאַן. — מיר וועלן וואַרטן אַ פּאָר טעג, וועט מען וויסן. אפשר אין די גרויסע שטעט ווייסט מען שוין, און צו אונדז, ווו מיר ווױ־נען, אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אויפן פעלד, דערוויסט מען זיך ערשט אין עטלעכע טעג שפּעטער.

פערעלמאַנס ווייב, זיסל, וועלכע האָט זיך איצט אויך דאָ גע־פונען, האָט זיך געוואָלט אַריינמישן אין דעם שמועס. זי האָט אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי, נאָר דערהערנדיק, אַז אין אַ גרויסער שטאָט ווייסט מען שוין פון אַלץ, האָט זי זיך פלוצלונג אָנגערופן:

— צו מיר איז היינט געקומען צו פאָרן מיינע אַ פלימעניצע פון אַ גרויסער שטאָט און זי דערציילט נסים שבנסים. וואָס דאָרט קומט־פאָר. אַ גאַנצן טאָג זעהט מען פּאַראַדן, מוזיק שפּילט און אַלע זענען פריילעך.

— וואָס־זשע האָט איר נישט מיטגעבראַכט אייער פלימעניצע, — האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטון צו איר, — וואָלט זי אונדז דערציילט!

פערעלמאַן, וואָס איז געזעסן לעבן איר, האָט איר אַ ציִ געטון ביים קלייד און אויף שטום־לשון געגעבן איר אָנצוהערן, אַז זי זאָל שווייגן און נישט רעדן וועגן איר פלימעניצע. נאָר אַז זיסל האָט זיך צערעדט, איז שווער געווען זי איינצוהאַלטן. זי האָט איר מאַן צוריק געענטפערט מיט אַ שטילן קניפּ אין דער זייט און זיך אָנגערופן:

— וואָס־זשע, מיין פלימעניצע איז נאָך אין דעם הויז מיט קיי־נעם נישט באַקאַנט און מען האָט זי נישט געבעטן. מען קען דאָך נישט קומען קיין נישט־געבעטענע...

— נאַרישקייטן! — האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן. — ווי אַזוי האָב איך זי געקאָנט בעטן, אַז איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז צו אייך איז געקומען צו פאָרן פון אַ גרויסער שטאָט אַ פּלימעניצע. ווען איר זענט געגאַנגען, האָט איר זי באַדאַרפט מיטנעמען. וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן איז פאַר אייער פּלימעניצע: ווען איר זענט אַוועקגעגאַנגען און זי איז געבליבן אַליין.

— אפשר וואָלט מען געשיקט די קאַרעטע נאָך איר? — האָט בעטיע געזאָגט, ווענדנדיק זיך מיט אירע אויגן צו ברעטמאַנען.—אַלע זענען דאָך אַזוי נייגעריק צו וויסן, וואָס אין שטאָט קומט פאָר!

ברעטמאַן האָט שוין אָנגעקלונגען צו זיין באַדינער, מען זאָל שיקן נאָך זיסלס פּלימעניצע די קאַרעטע, נאָר פערעלמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין אָרט און זיך אָנגערופן, אַז זי שלאָפט שוין איצט, ווייל פאַר זייער אַוועקגיין האָט די פּלימעניצע געזאָגט, אַז זי וועט זיך פרי לייגן שלאָפן. זי איז מיד פון וועג.

פערעלמאַן האָט ווידער געכאַפּט פון זיין ווייב אַ שטילן קניפּ אין דער זייט, ווי גלייך זי זאָל אים זאָגן: דו ליגנער איינער, צו־וואָס האָסטו אויסגעטראַכט אַ פריש־געבאַקענעם ליגן, אַבי מיר קאַליע צו מאַכן דעם שידוך?

אָבער זיסל האָט געמוזט שווייגן, עס האָט נישט געפּאַסט פאַר מענטשן צו מאַכן איר מאַן פאַר אַ ליגנער. זי איז אָבער געווען זייער בייז.

— אויב אייער פּלימעניצע שלאָפט שוין, — האָט ברעטמאַן געזאָגט, — דאַרף מען איר נישט שטערן. נאָר מאָרגן, פאַרגעסט נישט, זיסל, מיט איר צו קומען. עס איז דאָך זייער טשיקאַווע צו הערן, וואָס זי וועט דערציילן.

— עס איז זייער אינטערעסאַנט, — האָבן אַלע געזאָגט, און גע־בעטן זיסלען מאָרגן מיטברענגען די פּלימעניצע.

ווען פערעלמאַן מיט זיסלען זענען שפּעט ביינאַכט געגאַנגען פון ברעטמאַנען צו זיך אַהיים, האָבן זיי זיך דעם גאַנצן וועג גע־קריגט:

— ווער האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט גראָד היינט, ווען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, זאָגן, אַז ברײַנדל איז געקומען צו פאָרן? — האָט פערעלמאַן פאַרגעהאַלטן זיסלען.

— נישט דיין געשעפט, איך ווייס וואָס איך טו!

— עס איז דאָך פּראָסט אַ בזיון, דו ווילסט מיט געוואַלט התונה מאַכן אים מיט ברײַנד׳ען? דאַרף מען עס אויך שענער און טאַקטישער טון...

— אַז איך פרעג ביי דיר נישט, וואָס איך האָב צו טון! אַז נישט, ווייסטו עפּעס, פאַרשלייערטע שיקסע? דו ווייסט נאָר דיין פּאַב־ריק, און אין אַזוינע זאַכן, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך נישט מישן, וועט אַלץ זיין גוט. מאַך מיר נאָר נישט קאַליע מיט דיין אַריינ־מישן זיך און מיט דעם איבריקן קענסטו זיך שוין פאַרלאָזן אויף מיר.

— עס וועט דיר אַזוי העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס!

— וואָס ברענסטו אַזוי! — איז זיסל מיט כּעס אָנגעפאַלן אויף איר מאַן. — מיין פּלימעניצע טאָר שוין אַמאָל נישט קומען צו מיר צוגאַסט? דיין משפּחה הערט נישט אויף אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק צו קומען. און טאָמער קומט אַמאָל צו מיר אַ פּלימעניצע, זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַזוי צערעדט!

פּערעלמאַן האָט זיך אָנגעבלאָזן.

— ווער זאָגט דען עפּעס קעגן דעם, וואָס ברײַנדל איז געקו־מען צוגאַסט? זי קען דאָ זיין וויפל זי וויל נאָר, אָבער דו דאַרפסט זיך מיט איר נישט שטופּן, ווו מען דאַרף נישט און זי אָנהענגען מיט גוואַלט ברעטמאַנען אויפן האַלדז!

— ווער הענגט זיך אויף אים, נישט דערלעבן זאָל ער עס! ווען ער האָט נישט די מיליאָנען, איז ער אַ גאָרנישט קעגן איר! דו וועסט זען, אַז ער וועט נאָך פאַלן פאַר אירע פיס, ווען ער וועט זי אַ פּאָר מאָל זען און רעדן מיט איר! און דו זאָגסט, אַז איך בין נישט טאַקטיש! פאַרקערט, מיר טוט זייער הנאה דער היינטיקער אָוונט. איך האָב געבראַכט דערצו, אַז ברעטמאַן אַליין האָט געוואָלט שיקן זיין קאַרעטע נאָך איר און ער האָט זי אַליין איינגעלאַדן אויף מאָרגן אָוונט צו זיך.

—זאָל זיין אַזוי, — האָט פּערעלמאַן געזאָגט, — דיך וועט דאָך קיינער נישט איבערעדן!... באַלד וועסטו שוין זאָגן, אַז ברעטמאַן איז פאַרליבט אין דיין פּלימעניצע.

— וואָס, עס שטייט זיין טאַטן, דעם מלמד, נישט אָן? מיר ווייסן פונוואַנען ער קומט אַרויס!

פאַר דער טיר, איידער זיי האָבן באַדאַרפט אַרייַנגיין אין שטוב, איז זיסל ווייכער געוואָרן צו איר מאַן.

— איך בעט דיך, דו זאָלסט זיך נאָר נישט מישן אין מיינע געשעפטן, וועסטו שוין וויסן, וואָס זיסל קען!

און ביידע זענען אַריין אין שטוב.

קאפּיטל דריי.

דאָס גרויסע געשעעניש.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז אפילו אין די קליינע הייזלעך פון די פאַבריק־אַרבעטער אויך געווען באַלויכטן שפּעטער, ווי גע־וויינלעך.

שטענדיק פלעגן די מידע אַרבעטער זיך לייגן שלאָפן גלייך מיט די הינער. נאָר איצט האָט אויף דעם רוקן־באַרג, ווו עס זענען געווען אויסגעשיט די אַרבעטער־שטיבלעך, געפינקלט מיט פייערלעך אין די קליינע פענסטערלעך און פון צייט צו צייט, ערגעץ פונדער־ווייטנס, האָט זיך געהערט אַ זינגעריי, וואָס האָט אָפּגעקלונגען אי־בער די פעלדער ביז צו דער פאַבריק.

— דו הערסט, ווי מען זינגט? — האָט פערעלמאַן געזאָגט זיין ווייב. — דאָס זינגען די אַרבעטער פון גרויס שמחה. זיי שלאָפן נישט. ווער ווייסט, וואָס עס וועט נאָך זיין!

— וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? עס איז זיי פריילעך, זינגען זיי.

— אַז די אַרבעטער וועלן זיך דערפילן פריי, ווייסטו, וואָס עס קאָן פאָרקומען אין פאַבריק?

— וואָס זאָרגסטו זיך מער, ווי ברעטמאַן? זאָל ער זיך זאָרגן. דו ביזט דאָך אויך אַן אַרבעטער גלייך מיט אַלע! גיי בעסער שלאָפן, עס איז שוין שפּעט.

— מיר ווילט זיך נישט שלאָפן. איך הער נישט אויף צו טראַכטן וועגן היינטיקן געשעעניש.

— וואָס איז דיין געשעפט און וואָס גערמסטו זיך אַזוי צום האַרצן, ווי גלייך די פאַבריק איז דיינע! זאָל ברעטמאַן נישט שלאָפן, וואָס איז דיין געשעפט!

— איך רעד שוין נישט וועגן דעם, נאָר אַז איך טו אַ טראַכט, ווי אַזוי האָט מען געקענט נעמען אַזאַ קיסר, וואָס האָט געהאַט צו שאַפן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, אַ מדינה, וואָס איז אַזוי גרויס, אַז די זון איז אין איר קיינמאָל נישט אונטערגעגאַנגען, און מען האָט אים אין איין טאָג געמאַכט פאַר אויס קיסר! ווען מען טוט אַ טראַכט, קערט זיך איבער דער מוח און עס כאַפט אָן אַ שרעק.

— נישט דיין געשעפט, קום בעסער שלאָפן! עס איז שוין שפעט, און דו וועסט דאַרפן פרי גיין צו דער אַרבעט.

— דו מיינסט, איך וועל שלאָפן? איך וואָלט שוין וועלן זיך דער־וואַרטן ביז טאָג און הערן נייס. אַ קלייניקייט, וואָס עס קאָן נאָך פאָרקומען. די וועלט קערט זיך דאָך איבער!

— זע נאָר, דער קאָפּ זאָל זיך דיר נישט איבערקערן. די וועלט וועט בלייבן אויף אַן אָרט. זאָלסט באַלד גיין שלאָפן, עס איז שוין טאָג, דו הערסט, צי ניין! געפונען אַ צייט, ווען צו רעדן! — האָט זי אויף אים אָנגעשריגן און האָט אַ שטאַרקן בלאָז געטון און פאַרלאָשן דעם לאָמפּ. פערעלמאַן האָט זיך געמוזט לייגן שלאָפן אינ־דערפינסטער.

* *
*

אין דער נאַכט האָט זיך אויך בעטיען נישט געשלאָפן. האַלב אויסגעטון, איז זי געשטאַנען ביים פענסטער פון איר שלאָפצימער און געקוקט אויף דעם רוקן־באַרג, וווּ די פענסטערלעך פון די אַר־בעטער־הייזלעך האָבן געפינקלט מיט קליינע פייערלעך.

— ווען מיין יוסף איז איצט דאָ, ווי וואָלט ער זיך עס בע־פרייט צוזאַמען מיט די אַרבעטער! ער האָט דאָך שטענדיק געהאָפט און געחלומט וועגן אַזאַ צייט. ער וואָלט דאָך איצט וועלן איבער־געקערט! דאַרף ער זיך געפינען אויף דעם פראַנצויזישן פראָנט און אַלס אינזשיניער מוז ער אַכטונג געבן, אַז די אַלערליי מאַשינען, וואָס הרגענען מענטשן, זאָלן זיין אין דער בעסטער אָרדענונג. אַ

מענטש, וואָס קאָן קיין פליג נישט דערהרגענען, איז געצוואונגען זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ שרעקלעכער אַרבעט! נאָר איצט וועט שוין לאַנג נישט געדויערן, אַזאַ איבערקערעניש אין אַזאַ גרויסער מלוכה, וואָס נעמט אַנטייל אין דער מלחמה, וועט מאַכן אַ סוף און עס מוז שלום ווערן!

און נישט קענענדיק אַנטשלאָפן ווערן, האָט בעטיע אויסגערעכנט, אַז נאָך היינטיקן חודש וועט קומען דער שלום אויף דער וועלט, און ווען נישט, וועט זי זיך לאָזן פאָרן קיין פראַנקרייך צו איר יוספן, ווייל זי האָט געגלויבט אין דער פרייהייט, וואָס נאָכן אַראָפּ-וואַרפן ניקאָלאַיען וועט פון איצט אָן הערשן אין לאַנד און זי וועט זיך קאָנען לאָזן אין וויטן וועג אַריין.

בעטיע, שוין ליגנדיק אין בעט, האָט אַלעמאָל געקוקט אין פענסטער, אפשר הייבט שוין אָן צו טאָגן, אָבער זי איז באַלד גע-שמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן, ווי נאָר אַ יונגער מענטש קען שלאָפן נאָך אַזאַ וואַכנדיקער נאַכט.

* * *

אויך ברעטמאַן איז אין דער נאַכט באַלד איינגעשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן דעם גרויסן געשעעניש, וואָס איז אַזוי אומדער-וואַרט געקומען. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס אַזוי פּלוצים איז דאָס פאָרגעקומען, אַז אַזאַ ניקאָלאַי האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין טראָן.

— די מלחמה וועט שוין נישט געדויערן, — האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטן, — די גרענעצן וועלן זיך איינגיכן עפענען און איך וועל באַלד קאָנען פאָרן קיין אויסלאַנד איינקויפן מעבל פאַר מיין נייעם פאַלאַץ.

און ער איז באַלד איינגעשלאָפן מיט די געדאַנקען, אַז פאַר זיין אַוועקפאָרן וועט ער ערנסט איבערעדן מיט בעטיען. לענגער וועט ער עס נישט לאָזן ציען. ער וועט עס איר אָפן זאָגן. און ער האָט געגלויבט, אַז זי וועט מיט אים גיין חתונה האָבן. נאָר אויב זי וועט זיך נאָך אַלץ קווענקלען און וועלן אָפּלייגן, וועט ער איר זאָגן, אַז ער וועט אַוועקלייגן אויף איר נאָמען אַ האַלבן מיליאָן

מזומן געלט אין אַ באַנק און אויף דעם אויסגעמעבלירטן נייעם פּאַלאַץ וועט ער איבערשרייבן אויף איר נאָמען.

ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן מיט דעם געדאַנק:

— לאָמיך זען, ווי זי, אַן אָרעם מיידל, וועט זיך פון אַזאַ עשירות וועלן אָפּזאָגן!

* * *

דער פּאַרוואַלטער פּערעלמאַן איז, ווי יעדן טאָג, געגאַנגען אין קאַנטאָר צו זיין אַרבעט, נאָר שוין פונדערווייטנס, דערזעענדיק די פאַבריק, איז ער געבליבן שטיין, ווי איינגעגראָבן פון גרויס איבער־ראַשונג.

פון דעם גרויסן פאַבריק־קוימען האָט נישט געזעצט, ווי געוויינ־לעך, דער דיקער שוואַרצער רויך. נאָר אַ דינער שמאָלער פּאַס האָט זיך קוים געקרויכערט, ווי אין די דריי טעג אין יאָר, אין די גרע־סערע ימים־טובים, ווען די פאַבריק איז געשטאַנען און ווען ס'האָט נאָר אַ ביסל געקרויכערט פון יוצא וועגן, ווייל מען האָט אינגאַנצן נישט פאַרלאָשן די קעסלען, כדי מען זאָל באַלד נאָך יום־טוב קענען צוטרעטן צו דער אַרבעט.

אויף דער העכסטער געביידע פון פאַבריק האָט געפלאַטערט אַ גרויסער רויטער פלאַג, און דער גרויסער אייזערנער טויער פון פאַב־ריק איז געווען פון אונטן ביז אַרויף באַפּוצט מיט רויטן שטאָף און מיט פלאגן פון דעמזעלבן קאָליר.

אין פאַבריק האָט קיינער נישט געאַרבעט, אַלע מאַשינען זענען געשטאַנען און קיין איין מאַשין־רעדל האָט זיך נישט געדרייט, נאָר אַלע אַרבעטער זענען דאָ געווען אָנגעטון און אויסגעפּוצט, ווי זונ־טיק. ביי אַלעמען אויף דער ברוסט איז געווען אַריינגעשטעקט אַ רויט פענדל אָדער אַ רויט בלימל.

פּערעלמאַן האָט זיך געלאָזט גיין אין קאַנטאָר, און ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט אים אָפּגעשטעלט איינער פון די אַלטע אַרבעטער און געזאָגט:

— חבר פּערעלמאַן, אומזיסט גייסטו אין קאַנטאָר אַרבעטן. היינט איז ביי אונדז, אַרבעטער, אַ גרויסער יום־טוב. דו ביזט דאָך

אויך נישט מער, ווי אַן אַרבעטער! פיל אָנגעשטעלטע פון קאַנטאָר זענען געקומען צו דער אַרבעט און מיר האָבן זיי געבעטן נישט צו שטערן אונדזער יום־טוב. אַ טייל פון זיי זענען פאַרבליבן מיט אונדז צוזאַמען. מיר גלויבן, אַז דו וועסט אויך אַזוי טון.

פערעלמאַן איז אַוועקגעגאַנגען צו ברעטמאַנען.

ווען ער איז אַרייַנגעקומען אין פאָדערהויז, האָבן אים די דינער, גייענדיק אויף די שפּיץ פינגער, באַגעגנט און שטיל געזאָגט, אַז אַלע אין הויז און אויך דער באַלעבאָס שלאָפן נאָך און אַז ער, פערעלמאַן, זאָל קומען שפּעטער, ווען זיי וועלן אויפשטיין

פערעלמאַן האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טון: אויפוועקן זיין באַלעבאָס אָדער נישט?

צו זען רויטע פאָנען אויף די דעכער פון פאַבריק איז פערעלמאַנען אויסגעקומען נישט דאָס ערשטע מאָל. ברעטמאַן האָט באַלד מודיע געווען, ווי מען דאַרף, עס איז אָנגעקומען „נאַטשאַלסטווע" מיט סאָלדאַטן, מען האָט אַראָפּגעריסן די רויטע פאָנען און מען האָט אַרעסטירט עטלעכע אַרבעטער, אויף וועלכע עס האָט געקענט פאַלן אַ חשד, און מיט דעם האָט זיך עס אַלעמאָל געענדיקט. אָבער אָפּשטעלן די פאַבריק? דאָס איז נאָך קיינמאָל נישט פאָרגעקומען.

פערעלמאַן האָט זיך באַטראַכט, אַז סיי ווי סיי וועט מען שוין היינט נישט קאָנען „לאָזן" די פאַבריק. דאָס אָנוואַרעמען די קעסלען דאַרף געדויערן זייגע עטלעכע שעה. דעריבער איז ביי אים געבליבן, ער זאָל ברעטמאַנען נישט וועקן, ער קאָן נאָך צעווילדעוועט ווערן פון אַזאַ טייערער בשורה, און ער וועט בעסער וואַרטן ביז זיין באַלעבאָס וועט אַליין אויפשטיין, אַן אויסגעשלאָפענער.

פערעלמאַן איז אַרויס אויפן הויף און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק, וואָס האָט זיך געפונען לעבן אַרייַנגאַנג. ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף ברעטמאַנען, מיט וועלכן ער האָט זיך געוואָלט באַראַטן, וואָס צו טון.

אַלע דינער פון הויף האָבן שוין געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין פאַבריק, און, פאַרבייגייענדיק, האָבן זיי אויף פערעלמאַנען מאָדנע געקוקט, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי שמייכלען, זיי לאַכן פון אים.

פערעלמאַן איז געזעסן אויפגערעגט, און פּלוצים האָט ער זיך אַליין געפרעגט:

— וואָס בין איך אַזוי אויפגערעגט? איז דען מיין ווייב נישט גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז איך דאַרף זיך נישט געמען אַזוי צום האַרצן. „עס איז דאָך נישט דיין פאַבריק", — זאָגט זי, און דער אַלטער אַרבעטער, וואָס האָט מיר גאָר וואָס געזאָגט, אַז איך בין אויך מער נישט ווי אַן אַרבעטער, איז דען נישט גערעכט? הייגט וואָס-זשע רעש איך זיך אַזוי?

פּלוצים האָט זיך אויפן באַלקאָן באַוויזן בעטיע אין איר פרי-מאָרגדיקן ראָק, און נישט פאַרקעמט. דערזען פערלמאַנען, האָט זי זיך אָנגערופן:

— מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט דאָ, קומט אַריין!

עטיע האָט אים רויק און ערנסט באַגעגנט מיט די ווערטער:

— איך ווייס שוין פון אַלץ. לאָה האָט מיר איבערגעגעבן, וואָס זי האָט געהערט דערציילן פון די דינער. די פאַבריק שטייט און די אַרבעטער האָבן זיך געמאַכט אַ יום-טוב צוליב דעם, וואָס מען האָט אַראָפּגעזעצט ניקאָלאַיען.

— איר ווייסט שוין אַלץ? נו, און ברעטמאַן ווייסט שוין אויך?

— ער איז נאָך נישט אויפגעשטאַנען, ער שלאָפט רויק.

— מען וואָלט אים אפשר באַדאַרפט אויפוועקן? — האָט פע-רעלמאַן געזאָגט.

— צו וואָס? ער וועט דאָך יעדן משוגע מאַכן. ער וועט באַלד אויפשטיין, וועט ער זיך אַליין דערוויסן!

— איך האָב אויך אַזוי גערעכנט, איך וואַרט שוין דאָ מער, ווי אַ שעה צייט.

— צו וואָס זענט איר אַזוי אומרויק און אויפגערעגט?

— אַ קליי[n]ניקייט... ווי אַזוי קען מען זיין רויק? אַרבעטער שטעלן אָפּ אַזאַ פאַבריק און פרעגן אפילו נישט ביים באַלעבאָס, צי דערלויבט ער אַזאַ זאַך... איר קענט זיך דען פאָרשטעלן, וויפל די פאַבריק וועט פאַרלירן.

— וואָס רעשט איר זיך מער ווי אַלע! ווען דער באַלעבאָס שלאָפט רויק, זייט אויך רויק!

— אַ קלייניקייט צו זאָגן „זייט רויק", — האָט פערעלמאַן זיך ווידער אָנגערופן. — דאָס גאַנצע לעבן בין איך יעדן פרימאָרגן גע-

זוינט צו הערן דאָס פייפן און הודזשען פון דער פאַבריק, ווען די אַרבעטער בייטן זיך. און איצטער, ליגנדיק אין בעט, הער איך, אַז עס איז שטיל. איך קוק אויף דעם זייגער, עס איז פונקט זעקס, און איך הער נישט דאָס הודזשען און פייפן... האָב איך באַלד דערפילט, אַז עפּעס איז אין פאַבריק פאָרגעקומען. איך האָב דאָס געזאָגט מיין ווייב און געוואָלט אויפשטיין... האָט זי מיר געזאָגט, אַז אונדזער זייגער גייט געוויס נישט גוט. ווען איך האָב געזאָגט, אַז עס איז נישט מעגלעך, אַז אונדזער זייגער זאָל נישט גיין ריכטיק, האָט זי אויף מיר אָנגעשריגן, אַז אויב עס איז דאָרטן עפּעס יאָ פאָרגעקומען, זאָל זיך מיין באַלעבאָס זאָרגן, און בין ווייטער געלעגן. אָבער שלאָפן האָב איך שוין נישט געקאָנט, מער קיין אויג נישט צוגעמאַכט, און ווען איך בין געקומען אין פאַבריק, פרעגט שוין גאָרנישט, וואָס דאָרט קומט פאָר!

— אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, ווי אייער זיסל איז גערעכט. זי איז אַ קלוגע יידענע, כאָטש זי לייענט נישט קיין ביכער... וואָס רעשט איר זיך מער, ווי אלע? אייער זיסל איז גערעכט... איר האָט נישט קיין געפיל פאַר פרייהייט. די אַרבעטער פאַרשטייען מער. זיי האָבן פון שמחה, וואָס מען האָט אַראָפּגעזעצט פון טראָן אַ טיראַן, באַשלאָסן צו מאַכן אַ יום־טוב. פרעגן ביים באַלעבאָס? אַזוינע זאַכן פרעגט מען נישט ביי אַ באַלעבאָס. מען ווערט אַליין שטאַרק און זיכער... היינט וואָס איז דאָ זיך צו רעשן? מאָרגן וועלן זיי זיך ווידער צוריקשטעלן צו דער אַרבעט און „לאָזן" די פאַבריק.

— איך פאַרשטיי אייך נישט, בעטיע, איר רעדט זיך אַזוי גרינג, אַז עס איז גאָרנישט געשען און מאָרגן וועט מען ווידער לאָזן גיין די פאַבריק. אָט וועט איר באַלד זען, וואָס עס וועט זיך טון, ווען ברעטמאַן וועט זיך דערוויסן, וואָס עס קומט איצטער פאָר! אַ שרעק כאַפּט מיך אָן!

— איר זענט באַגרענעצט, הער פערעלמאַן! — האָט בעטיע זיך צעשריגן. — וואָס האָט איר מורא, וואָס ציטערט איר אַזוי? אַז מען האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר ניקאָלאַיען, וועט מען זיך פאַר ברעטמאַנען אַוודאי נישט דערשרעקן! עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. ער וועט זיך איבערשרייען און וועט מוזן שטיל ווערן.

— איר קענט נישט ברעטמאַנען אַזוי ווי איך!

— איך קען אים שוין, דאַכט זיך, גענוג, — האָט בעטיע גע-

זאָגט מיט אַ שמייכל

— איר האָט אָבער נישט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען אַזויפיל יאָרן, איר ווייסט נישט, וואָס ער קען נאָך טון? איר קענט אים נישט!

— זעט איר, דאָס זאָגט איר ריכטיק, ער קען אָפטון אַזעלכע נאַרישקייטן, וואָס קענען אים דערנאָך צו טייער קאָסטן. איך האָב זיך איצט גראָד דערמאָנט, אַז ווען זיין זון יוסף איז דאָ געווען, פלעגט ער זאָגן, אַז זיין פאָטער איז זייער אַ קלוגער מענטש, אָבער נאָר אויף צו מאַכן אַ סך געלט, אָבער חוצדעם ווייסט ער גאָרנישט, זעט גאָר־נישט, און ווען עס וועט קומען אַן אַנדער צייט, וועט ער, ווי אַן אומשולדיק נאַריש קינד זיך אַרומקוקן אויף אַלע זייטן און מיט גרוי־סע אויגן פון פאַרוווּנדערונג וועט ער פרעגן: ווי אַזוי און פונוואַ־נען איז אַזוי אומגעריכט, פּלוצים אַזאַ צייט געקומען?

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

— מער ווי זייערע געלט־זעק זעען זיי נישט און זענען בלינד!

—אַזוי האָט יוסף געזאָגט אפילו אויף זיין אייגענעם טאַטן. און דע־ריבער זאָגט איר זייער ריכטיק, אַז מיט זיין אויפירן זיך קען ער זיך אַליין אָנטון צרות.

— אָט פאַר דעם שרעק איך זיך טאַקע אַזוי! — האָט זיך פערעלמאַן אַ בייזער געטון.

— דאַרפט איר, אַלס זיין פאַרוואַלטער, נישט דערלאָזן דערצו. איר דאַרפט אים וואָרענען.

פערעלמאַן האָט אַ ביטערן שמייכל געטון און זיך אָנגערופן:

— איך זאָל נישט דערלאָזן ברעטמאַנען! איך זאָל אים וואָרע־נען! קענט איר נישט ברעטמאַנען? ער האָט נאָך אין זיין לעבן קיינ־מאָל קיינעם נישט געפאָלגט, גלויבנדיק אין זיין גרויסן ערפאָלג. אָנ־געהייבן מיט גאָרנישט, האָט ער געמאַכט מיליאָנען, שטעלט ער דע־ריבער שטענדיק אויף זיך און האַלט אַנדערע פאַר נאַראָנים. מיר און קיינעם וועט ער נישט פאָלגן, דאָס ווייס איך פריער!

פערעלמאַן האָט זיך פאַרהוסט און דערנאָך זיך פאַרטראַכט.

— זעט איר, בעטיע, אויב איר וועט וועלן, קענט איר יאָ ווירקן אויף אים און אים ראַטן, אַז ער זאָל זיך נישט ווינסנדיק מאַכן וועגן דעם יום־טוב און מיט דעם וועט ער אַ סך געווינען ביי די אַרבעטער.

— איך, זאָגט איר, וועל אויף אים קענען ווירקן?

— יאָ, נאָר איר זענט די איינציקע, וועלכער ער וועט פאָלגן.

— פונוואַנען נעמט איר עס?

— איך ווייס, ווי ער שעצט אייך, און איר דאַרפט דאָס טון. וואָס וועט איר דאָ איינשטעלן?

בעטיע האָט לאַנג געטראַכט און געזאָגט:

— איר ווייסט נישט, פּערעלמאַן, ווי שווער דאָס איז מיר... נאָר איך וועל עס דאָך פּרווון טון דאָסמאָל...

קאפיטל פיר.

אַ יום־טוב.

עס האָט זיך דערהערט ברעטמאַנס שטים.

— ער איז שוין אויפגעשטאַנען, — האָט בעטיע געזאָגט. — ווען ער וועט אַריינקומען אין עסצימער, וועט איר אויך אַריינקומען.

— איך וועל אָן אייך נישט גיין. איך וויל, איר זאָלט אויך זיין דערביי.

— גוט, קומט אין אַ האַלבע שעה אַרום.

ווען פערעלמאַן, אָפּוואַרטנדיק אַ האַלבע שעה, איז אריינגעקומען אין עסצימער, האָט ער געטראָפן ברעטמאַנען און בעטיען ביים טיי.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי? — האָט ברעטמאַן געפרעגט, דערזעענדיק פערעלמאַנען.

— איר ווייסט שוין, מסתמא, וואָס אין פאַבריק קומט פאָר?

— איך ווייס גאָרנישט, — האָט ברעטמאַן געענטפערט דערשראָקן, — זאָג, וואָס איז אַזוינס געשען?

— זיי האָבן אויף איין טאָג אָפּגעשטעלט די פאַבריק. זיי האָבן געמאַכט אַ יום-טוב צוליב דעם, וואָס מען האָט אַראָפּגעוואָרפן ניקאָלאַיקען.

ער האָט האַסטיק אָפּגערוקט פון זיך דאָס גלאָז טיי און געפרעגט:

— ווער זענען עס די „זיי“, וואָס האָבן אָפּגעשטעלט מיין פאַבריק?

— ווער זאָל עס זיין? די אַרבעטער!

— און ביי מיר נישט געפרעגט, איך זאָל זיי דאָס דערלויבן! וואָס, עס איז שוין אַ הפקר-וועלט געוואָרן? קום אין פאַבריק! איך וועל זיי ווייזן, וואָס עס הייסט קאָמאַנדעווען אָן מיר, אָן מיין וויסן.

דאָס קול האָט ביי אים געציטערט און האָט אַלעמאָל העכער געהילכט.

— איך וויל נאָר וויסן, ווער עס האָט אַזוי געבאַלעבאַטעוועט אָן מיר? אַזויפיל יאָרן איז די פאַבריק געגאַנגען, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף איין שעה, אַ חוץ דריי טעג אין יאָר, אין די קריסטלעכע גרויסע חגאות, און איצט, אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, האָבן זיי אָפּגעשטעלט, אפילו נישט פרעגנדיק ביי מיר! קום אין פאַבריק! — האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען. - איך וועל זיי ווייזן, די נייע באַלעבאַטים, איך וועל זיי ווייזן! קום!

און ברעטמאַן, ציטערנדיק מיט די ליפּן, האָט געוואָרפן מיט די הענט אין דער לופטן, ווי עמעצן געסטראַשעט.

ער איז געווען אינגאַנצן אויפגעקאָכט, זיין פּנים איז געוואָרן רויט און האָט געבערענט מיט אַ שלעכט פייער.

בעטיע האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אין אָנהייב נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל טון און וואָס זי זאָל זאָגן: אים אָפּהאַלטן און נישט לאָזן גיין, אָדער זיך גאָרנישט מישן אין דער גאַנצער געשיכטע.

פערעלמאַן איז געשטאַנען קעגן איר, אַ בלייכער, אַ האַלב טויטער און מיט צעשראָקענע אויגן, אָן לשון, געבעטן ביי איר רחמים, זי זאָל ברעטמאַנען זאָגן אַ פּאָר ווערטער, אַזוי ווי זיי האָבן פריער אָפּגערעדט.

בעטיע האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— איך וואָלט אייך געראָטן, אַז איר זאָלט איצט, אויף דער הייסער שעה, ווען איר זענט אַזוי אויפגערעגט, בלייבן זיצן אינדערהיים. מאָרגן וועט ווידער גיין די פאַבריק. טוט אַ קוק אין שפּיגל, ווי איר זעט איצט אויס.

ברעטמאַן איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. ער האָט מיט פּאַרוווּנ-

דערונג געקוקט אויף בעטיען, ווי גלייך ער זעט זי דאָס ערשטע מאָל. די רויטקייט פון זיין פנים איז אַ ביסל אַראָפּ און ער האָט באַקומען צוריק אַ פּנים פון אַ מענטשן.

ברעטמאַן האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט, אַז בעטיע ואָל זיך אַריינמישן אין זיינע געשעפטן און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט דערין עפּעס אַ היימישקייט פון איר צו אים.

ער איז ווייכער געוואָרן, און זיין גאַנצער כעס איז אַוועק.

אַזוי מיינסטו? — האָט ער שטיל זי געפרעגט.

— אַוודאי אַזוי. איר דאַרפט נישט גיין אין פאַבריק, זאָלן זיי זיך יום-טובן. שטערט נישט זייער שמחה. נאָר אויב איר ווילט דווקא יאָ גיין אין פאַבריק, טאָ זאָלט איר זיך אויפירן רויק און שטיל. פאַרקערט, די אַרבעטער דאַרפן אין אייך זען זייערן אַ פריינט און איר אַליין, וואָס איר זאָלט נישט טראַכטן ביי זיך אין האַרצן, דאַרפט איר זיך פריינטלעך באַגיין מיט זיי אין זייער יום-טוב. מיט אַזאַ אויפירונג וועט איר זיך מאַכן באַליבט, איר וועט אין זיי האָבן פריינט, און דאָס וועט אַזוי גוט ווירקן, ווי כמעט איר זאָלט העכערן זייער לוין און פאַרקירצן די צייט פון זייער אַרבעט, וואָס זיי פאָ־דערן פון אייך שוין אַזויפיל יאָרן. נאָכמער, ווען איך זאָל זיין אויף אייער אָרט, וואָלט איך זיך באַנוצט מיט דעם היינטיקן טאָג און וואָלט מודיע געווען, אַז צוליב דעם יום-טוב באַפרידיק איך, מער אָדער ווייניקער, זייערע פאָדערונגען. דעמאָלט וואָלט איר זיכער גע-ווען, אַז איר און אייער הויז זענען אַרומגערינגלט נישט מיט אַזויגע שונאים... אין דער איצטיקער צייט איז עס אַזוי נייטיק.

ברעטמאַן האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט געוווסט, בעטיע, אַז דו ביזט אַזאַ גוטע סוחרטע און אַזאַ גרויסע דיפּלאָמאַטקע.

פערלמאַן האָט געשיינט און גאָר אָנגעקוואָלן פון בעטיעס יעדן וואָרט און אויף זיין בלאַס דערשראָקן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

ברעטמאַן האָט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך זיך אָנגערופן מיט אַ ביטערן געלעכטער צו בעטיען:

— הייסט עס, ווי דו זאָגסט, באַדאַרף איך נאָך קושן די רוט, מיט וועלכער מען שמייסט מיך, איך זאָל זיי נאָך צוצאָלן אין בייטל אַריין דערפאַר, וואָס זיי האָבן אָן מיין וויסן אָפּגעשטעלט די פאַבריק!

דו ווייסט. בעטיע, וויפל איך פאַרליר אין דעם היינטיקן טאָג? האָסטו כאָטש אויף אַ מינוט אַ טראַכט געטון וועגן דעם? אַלע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע וועט מען מוזן צאָלן פאַר דעם טאָג. די אַלע כאַבאַר־ניקעס פון די גרויסע און קלענערע נאַטשאַלניקעס, וואָס זענען פון דער רעגירונג באַשטימט געוואָרן אַכטונג צו געבן אויף דער אַר־בעט אין פאַבריק, וועלן אויך זייערס באַקומען, נאָר דאָס אַלץ בין איך דיר שוין מוחל.

ברעטמאַן האָט זיך פאַרהוסט און איז ווידער מיטאַמאָל אויפגעקאָכט געוואָרן:

— אָבער איך קאָן נישט דערלויבן, אַז יעדער גאָרנישט זאָל באַלעבאַטעווען אין מיין פאַבריק אָן מיין וויסן! איך קאָן עס נישט און טאָר עס נישט דערלאָזן!

און דערביי האָט ברעטמאַן זיך אויך געווענדט צו פערעלמאַ־נען, וועלכער איז ווידער בלאַס געוואָרן פון שרעק:

— איר מוזט דאָס ביידע פאַרשטיין, אַז איך טאָר אַזעלכע זאַכן ביי מיר נישט דערלויבן! עס גייט מיר שוין נישט אין געלט, עס גייט מיר אין נצחון! איך טאָר נישט דערלויבן, אַז זיי זאָלן אויספירן. זיי דאַרפן וויסן, אַז איך בין דער באַלעבאָס!

ביי ברעטמאַנען האָט זיך אַלעמאָל געהעכערט דאָס קול. ער האָט געשריגן און געקלאַפט איבערן טיש, אַז אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אויף אים, האָט געציטערט און געקלונגען. זיין פנים איז ווידער גע־וואָרן רויט, ווי אַ צוויק און ער האָט נישט מיט זיין קול געשריגן צו פערעלמאַנען:

— קום און פאַבריק, קום! איך וועל זיי ווייזן, ווי צו באַלע־באַטעווען ביי מיר! איך וועל זיי ווייזן!

און מיטשלעפנדיק פערעלמאַנען, זענען זיי אַרויס פון עסצימער און די טיר האָט זיך הינטער זיי פאַרמאַכט מיט אַזאַ שטאַרקן קלאַפּ, אַז פון איין וואַנט זענען אָפּגעפאַלן שטיקלעך פאַרהאַרטעוועטער קאַלך.

בעטיע איז געבליבן שטיין, אַ בלאַסע, און זיך געזאָגט:

— ער איז טאַקע אַוועק אין פאַבריק!..

אויף דעם שטאַרקן קלאַפּ פון דער טיר איז אָנגעלאָפן לאה:

— וואָס איז דאָ געשען? ווער האָט עס אַזוי אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר? איך האָב געמיינט, אַז די שטוב פאַלט איין!

— עס איז גאָרנישט געשען. דו זעסט דאָך, אַז די שטוב

שטייט אויף איין אָרט. — האָט בעטיע איר קאַלט געענטפערט.

לאה האָט מיט חשד אַ קוק געטון אויף איר, איז אַוועק צו זיך אין צימער און בעטיע איז ווידער געבליבן אַליין.

זי האָט זיך באַלד אַ וואָרף געטון צום פענסטער און געזען, ווי ברעטמאַן גייט מיט פערעלמאַנען, רעדט און וואַרפט מיט די הענט.

— ווער ווייסט, וואָס פאַר אַן אומגליק עס וועט היינט געשען! ווער ווייסט!—האָט בעטיע גערעדט צו זיך מיט שרעק. — ער האָט מיך אויך נישט געפאָלגט. אויך איך האָב אים נישט געקאָנט אָפּ-האַלטן פון זיינע ווילדע אויפירונגען. און פערעלמאַן האָט געגלויבט, אַז איך בין די איינציקע, וואָס קען אויף אים ווירקן! אומגליקלעכער ברעטמאַן! ער איז פאַרקויפט צום געלטזאַק, ווי צום שד, און ער האָט איבער זיך נישט צו שאַפן. אפילו איך קען אויף אים נישט ווירקן!

בעטיע האָט זיך פלוצים ביטער צעלאַכט:

— און ער איז דאָך אין מיר ביז צום שטאַרבן פאַרליבט! ווי עס איז געקומען צו נצחון און צו געלט, האָט ער פאַרגעסן אָן זיין גאַנצער ליבע. פון איין זייט בין איך זייער צופרידן, וואָס ער האָט מיך נישט געפאָלגט. זאָל פערעלמאַן זען, אַז ער נישט אַזוי פאַרליבט אין מיר, ווי ער מיינט, נאָר פון דער צווייטער זייט איז מיט אים אַ גרויס אומגליק, וואָס ער שטעלט אַלץ אויף זיך, און עס איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען אויף אים ווירקן!

בעטיע האָט אָנגעהייבן גיין איבערן עסצימער, טראַכטנדיק, וואָס זאָל זי טון, און פלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט:

— ניין, איך קען איצט נישט בלייבן גלייכגילטיק. איך בין דאָך אים נישט קיין פרעמדע, איך בין דאָך זיין זונס פרוי, זיין קינד, איינע פון זיין פאַמיליע. איך מוז עפעס טון, נישט צו דערלאָזן צו זיינע ווילדע מעשים. איך מוז אויך גיין אין פאַבריק זען, וואָס דאָרט קומט פאָר!

בעטיע האָט זיך אויף גיך געכאַפּט אָנטון.

* *

*

ווען ברעטמאַן מיט פערעלמאַנען זענען אַרויס פון שטוב, האָבן

זיך אים גלייך געוואָרפן אין די אויגן די רויטע פּענער און דער גרוי־סער ריזיקער הויכער קוימען, פון וועלכן עס האָט זיך נישט געשפּרייט קיין שוואַרצער דיקער רויך. עס האָט זיך ביי אים אין האַרצן עפּעס אָפּגעריסן, און דער גאַנצער קוימען האָט ביי אים אויסגעזען, ווי אַן אָפּגעשטאָרבענע זאַך: געווען לעבעדיק און איצט איז ער טויט, און ווען מינוטנווייז האָט זיך באַוויזן אַ קליינער רויך, וועלכער איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן, האָט ער פאַר זיך געזען עפּעס אַ גסיסה, ווי איינער ראַנגלט זיך מיטן טויט. אַלץ האָט אין ברעטמאַנען געבּרענט און געקאָכט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער אַליין גוססעט אויך און ראַנגלט זיך מיטן טויט.

— איך וועל פון זיי אַלעמען מאַכן אַש און בלאָטע! — האָט ברעטמאַן, גייענדיק, זיך נישט געקאָנט באַרויקן.

— באַרויקט אייך אַ ביסל, — האָט פּערעלמאַן שטיל געזאָגט.

ברעטמאַן האָט זיך אויף אים געוואָרפן:

— דיר איז גרינג צו זאָגן „באַרויקט זיך!" וואָס אַרט דיך, אַז די פאַבריק וועט שטיין? דו ביזט דען בעסער פון זיי אַלע, פאַר־וואָס האָסטו דערלאָזט דערצו?

— ווי האָב איך געקענט וויסן? — האָט פּערעלמאַן דערשלאָגן געענטפערט. — ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, אין די פאַב־שוין געשטאַנען.

— און דו האָסט געשוויגן און זיי קיין האַרב וואָרט נישט געזאָגט!

— עס איז אומעגלעך געווען עפּעס זיי צו זאָגן...

— אָט וועסטו זען, ווי איך וועל זיי יאָ זאָגן, אַז עס וועט זיי פינסטער ווערן אין די אויגן. אַלע ביז איינעם, צוזאַמען אפילו מיט די קאַנטאָר־אָנגעשטעלטע, וועל איך אַרויסטרייבן פון פאַבריק, פאַר־קלאַפּן דעם טויער און אויס! נישקשה, איך וועל נאָך האָבן פונוואַנען צו לעבן אָן דער פאַבריק. זאָלן זיי הונגערן אַ פּאָר חדשים און דערנאָך, ווען זיי וועלן זיך געבוג אָנליידן און מיך בעטן און קניען פאַר מיר, וועל איך עפענען די פאַבריק... אָבער דעמאָלט וועל איך נישט נעמען אַלע אַרבעטער, נאָר די שטילע, רויקע. די „בונטאָווו־שטשיקעס" וועלן מער די שוועל פון מיין פאַבריק נישט איבערטרעטן!

פּערעלמאַן האָט מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט, ער

זאָל אים מיט זיינע רייד נאָכמער נישט אַריינברענגען אין כּעס, נאָר ענדלעך האָט ער שטיל געפרעגט:

— וואָס הייסט, איר וועט פאַרמאַכן די פאַבריק? זי אַרבעט דאָך איצט מער פאַר דער אַרמיי, ווי פאַר פּריוואַטע מענטשן. מען מוז דאָך פּינקטלעך זיין מיט דער אַרבעט, עס איז דאָך מלחמה-צייט... מיר זענען דאָך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיי!

— אַזוי? אויב זיי ווילן, מיר זאָלן פּינקטלעך צושטעלן זייערע באַשטעלונגען, דאַרפן זיי אָנעמען מיטלען, אַז מען זאָל אַרבעטן און נישט מאַכן קיין ימים-טובים. איך וועל זיך נישט שעמען און זיי דאָס זאָגן!

ווען ברעטמאַן איז אַריין אין טויער פון פאַבריק, האָט ער פון כּעס און שרעק זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט געזען, ווי אינמיטן פאַב-ריק-הויף איז אויפגעשטעלט פון ליידיקע קאַסטנס און פעסער אַ בי-נע, אויף וועלכער עס שטייט דער פון לאַנג אַרויסגעוואָרפענער אַר-בעטער, וואַסילי, און רעדט צו די אַרבעטער, און מען האָט געקענט זען, ווי זיי שלינגען זיינע ווערטער און אַלעמאָל שרייען זיי אויס:

— בראַוואָ, וואַסילי! ריכטיק געזאָגט! בראַוואָ!

וואַסילי האָט גערעדט:

— עס איז געקומען די ריכטיקע צייט, אַז די אַרבעטער זאָלן אויפהערן צו זיין שקלאַפן. דער אַרבעטסלוין מוז געהעכערט ווערן און די צייט פון אַרבעט—פאַרקלענערט ווערן!

ווען וואַסילי האָט געענדיקט, האָט די לופט געציטערט פון בראַוואָ-אויסגעשרייען.

נאָך אַם איז אויף דער בינע ווי פון אונטער דער ערד אויס-געוואַקסן עפּעס אַ בלאַסער יונגערמאַן מיט אַ טיפּיש יידיש פּנים, מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן און מיט לאַנגע האָר.

ער האָט גערעדט פון דער בינע צו די אַרבעטער, אַז די קייטן, אין וועלכע זיי זענען הונדערטער יאָרן איינגעשמידט, האָבן זיך איצט ענדלעך צעריסן און אַז די אַרבעטער דאַרפן שמידן פאַר זיך אַ פריי ניי לעבן.

דער יונגערמאַן, וואָס איז געווען כּמעט פאַר אַלע אינגאַנצן פרעמד, האָט גערעדט שענער און קלינגענדיקער, ווי וואַסילי און די גרויסע צאָל אַרבעטער האָבן נאָך שטאַרקער געשריגן:

— בראַוואָ! אָט דאָס הייסט גערעדט!

די גרויסע רויטע פאָן איבער דער בינע האָט פון די אויסגע־שרייען שטאַרק געפלאַטערט אין דער לופטן.

ברעטמאַן, זעענדיק די רויטע פאָנען, און הערנדיק די רעדע פון דער בינע, האָט געקאָכט פון כעס.

— ווי קומט דאָ אַהער דער אָפּגעזאָגטער וואַסילי? און פונוואַנען האָט זיך צו מיר אין פאַבריק גענומען אַ פרעמדער, וואָס בונטעוועט מיינע אַרבעטער!

און ברעטמאַן האָט זיך געריסן צו דער בינע, וועלנדיק זאָגן די אַרבעטער, אַז זיי קאָנען אַלע גיין פראַנק און פריי און אַז די פאַבריק איז פאַרמאַכט.

פערעלמאַן, ווי שרעקעוודיק ער איז געווען, האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אין זיין באַלעבאָס און אים נישט געלאָזט גיין, אָבער ער האָט זיך מיט געוואַלד אַרויסגעריסן פון זיין פאַרוואַלטערס הענט און געלאָפן אויף דער בינע, ווו ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויג אויף אויג מיט וואַסילין...

ווען די אַרבעטער האָבן פּלוצים דערזען זייער באַלעבאָס אויף דער בינע, האָבן זיי אין זיין אויפרעגונג און רויט פּנים דערקענט, אַז ער איז אויף זייער יום־טוב נישט געקומען מיט קיין גוטע ווערטער, און טויזנטער שווערע הענט פון שווערער אַרבעט האָבן זיך באַוויזן אין דער לופט צו דער זייט פון דער בינע, ווו ברעטמאַן האָט זיך געפונען.

— זאָל ער נאָר אַ שלעכט וואָרט זאָגן, וועט מען אים דאָ צערייסן אויף שטיקער! — האָבן אייניקע אויסגעשריגן.

ברעטמאַן האָט פון כעס גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען פאַר זיך, און ווי ער האָט געוואָלט אָנהייבן זאָגן די ערשטע ווערטער, איז פּלוצים לעבן אים אויסגעוואַקסן בעטיע, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, מיט צעשויבערטע האָר און אָנגעכאַפּט ברעטמאַנען ביי ביידע הענט...

אַלע האָבן זיך נענטער געשטופּט צו דער בינע און די הונדערטער אויפגעהייבענע הענט האָבן זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט.

— איך וועל אייך קיין וואָרט איצט נישט לאָזן רעדן! — האָט בעטיע זיך אָנגערופן צו ברעטמאַנען. — קומט אַהיים! זעט נאָר, וואָס פאַר אַ שרעקלעך פּנים איר האָט, קומט אַהיים!

— איך װעל יאָ רעדן! — האָט ער געזאָגט און זיך געפּרוּװט באַפרײַען פון אירע הענט.

— און איך װעל נישט לאָזן! איבער מײַן טויטן קערפּער װעט איר גיכער דאָ אַריבערטרעטן, אײדער איר װעט אָנהײבן רעדן.

און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי אים געבעטן, ער זאָל זי פאָלגן און גײן מיט איר אַהײם.

עפּעס האָט אים אַ ציטער געטון אין האַרצן און װידער האָט ער דערשפּירט אַ הײמישקײט פון איר צו אים. ער איז מיטאַמאָל אַנטשװיגן געװאָרן און אינדערשטיל איר געזאָגט:

— איך װעל דיך פאָלגן, איך װעל איצט נישט רעדן...

בעטיע האָט צוזאַמענגענומען אירע צעשױבערטע האָר און אויף אַ קול זיך געװענדט צו די אַרבעטער:

— נעמט צו פון טיפסטן האַרצן מײַנע בעסטע װוּנטשן צו אײַער הײַנטיקן גרויסן יום־טוב!

אַ דונער פון בראַװאָ־אויסגעשרײַען האָט זיך דערהערט איבער דער גאַנצער פאַבריק, אַז די לופט האָט געציטערט.

דער פרעמדער בלאַסער יונגערמאַן מיט די לאַנגע האָר איז צוגעגאַנגען און געדריקט איר די האַנט.

זײערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט.

— װי קומט איר אַהער, בעטיע?

זי האָט אַ ציטער געטון, מורא האָבנדיק, טאָמער װעט ער זי פרעגן אויף יוספן. דער יונגערמאַן האָט עס פאַרשטאַנען און איז באַלד אָפּגעטרעטן.

װאַסילי, װאָס האָט זיך אויך געפונען אויף דער בינע, האָט מיט זײַנע גרויסע שװאַרצע הענט געכאַפּט בעטיעס װײַס הענטל און מיט אַ דונער־שטים, אַז אַלע זאָלן הערן, האָט ער צו איר געזאָגט:

— אין נאָמען פון מײַנע אַלע חברים־אַרבעטער דאַנקען מיר דיר פאַר דײַנע גרויסע װוּנטשן צו אונדזער יום־טוב, װאָס מיר פײַערן הײַנטיקן טאָג...

און װידער האָט די לופט געציטערט פון די דונערן־אויסגעשרײַען.

ברעטמאַן האָט נישט געזען און נישט געהערט, װאָס עס קומט איצט פאָר אַרום אים, און ער האָט זיך שטאַרק געהאַלטן לעבן בעטיען און איר נאָכגעגאַנגען, װי קלײן קינד.

אַראָפּגייענדיק פֿון דער בינע צום טויער פון פאַבריק, האָבן אייניקע אַרבעטער מיט טרערן אין די אויגן געקושט די האַנט פון דעם שיינעם יונגן „מיידל" פאַר אירע גוטע ווונטשן צו זייער הייליקן יום-טוב, און נאָך איר אַוועקגיין צוזאַמען מיט ברעטמאַנען האָבן מאַנכע אַרבעטער געפרעגט איינאַנדער:

— ווער איז דאָס שיינע מיידל?

אייניקע האָבן נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן און מאַנכע האָבן זיך דערמאָנט, אַז זי האָט געאַרבעט אין קאַנטאָר.

אויפן וועג האָט ברעטמאַן קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. שווייגנדיק איז ער נאָכגעגאַנגען בעטיען. שווייגנדיק איז ער געקומען אַהיים און איז באַלד אַוועק צו זיך אין קאַבינעט, ווו ער האָט זיך צוגעלייגט אויף זיין ווייכער גרויסער סאָפע.

— איך וואָלט דיך געבעטן, בעטיע, — האָט ער זיך אָנגערופן, — דו זאָלסט איצט נישט אַוועקגיין פון מיר ביז איך וועל איינדרעמלען. איך פיל זיך אַזוי שוואַך און האָב עפּעס מורא צו בלייבן אַליין. איך וועל נאָר אַ ביסל איינדרעמלען, וועל איך זיך פילן בעסער.

בעטיע איז געבליבן אין קאַבינעט, זיך זעצנדיק לעבן אים.

— איך ווייס דיר נישט, ווי אָפּצודאַנקען, — האָט ער זיך ווייך אָנגערופן צו בעטיען, — וואָס דו האָסט מיך אַראָפּגעפירט פון דער בינע און געבראַכט אַהיים. ערשט איצט זע איך, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך האָב געוואָלט טון. איך האָב אַנדערע און בעסערע מיטלען, ווי זיי אָנצולערנען און מיינס אויספירן! דו פאַרשטייסט דאָך אַליין, אַז איך קען דאָס אַזוי נישט אָפּלאָזן!

ברעטמאַן האָט זיך ווידער אָנגעהייבן צו קאָכן, נאָר בעטיע האָט זיך אָנגערופן:

— הערט אויף צו רעדן און צו טראַכטן וועגן דעם. איר מוזט זיך פריער איינגאַנצן באַרויקן.

ברעטמאַן האָט איר געפאָלגט און איז איינגאַנצן פאַרשוויגן געוואָרן.

ליגנדיק אַזוי אויף דער סאָפע, איז ער באַלד איינגעשלאָפן און בעטיע איז אַוועק צו זיך אין צימער.

זי האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם יונגנמאַן מיט

די לאַנגע האָר, וועלכע זי האָט אַזוי פלוצים באַגעגנט אין פאַבריק, אויף דער בינע מיט וואַסילין.

זי האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט וויאַזוי זי האָט זיך באַקאָנט מיט אים. דאָס איז געווען מיט אַ פּאָר וואָכן פריער, איידער דער וועלטקריג האָט אויסגעבראָכן. ברעטמאַנס עלטערע קינדער זענען גע־קומען פון אויסלאַנד אַהיים, דערנאָך, ווען יוסף און פאַני מיט איר חתן האָבן באַדאַרפט צוריק פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן, איז בעט־יע אויך מיט זיי מיטגעפאָרן. ווען זיי זענען שוין געווען ביי דער גרענעץ, האָט יוסף זי בעקאַנט מיט זיינעם אַ חבר, וואָס האָט אויך גע־זאָלט פאָרן קיין אויסלאַנד. און אָט דער בלאַסער יונגערמאַן איז עס גע־ווען יוספס חבר. אַן אויסטערלישע באַגעגעניש! בעטיע האָט זיך געוואָלט דערמאָנען אָן זיין נאָמען, אָבער ער איז איר אינגאַנצן אַרויס פון זכרון. טראַכטנדיק וועגן אים, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי מוז זיך מיט אים זען.

* * *

ווען ברעטמאַן איז אויפגעשטאַנען, איז ער דעם גאַנצן טאָג געווען רויק און נישט אַרויסגעגאַנגען פון דערהיים. ער האָט נאָר מיט זיין דינער אַוועקגעשיקט עטלעכע עקסטרע־טעלעגראַמען, וועלכע ער האָט אָנגערופן „געשעפטלעכע". דעם גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט ביי זיך אין קאַבינעט, אַרויסגעשלעפּט פאַרשידענע פּאַפּירן פון זיין שרייבטיש, זיי איבערגעקוקט, אַ טייל אַריינגעלייגט אין זיין פּאָרטפעל און די איבעריקע ווידער אַוועקגעלייגט אין שרייבטיש.

צו אָוונטברויט איז ער געקומען אין עסצימער, געגעסן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע, גערעדט מיט יעדן, זיך געווערטלט און מער קיין איינציק וואָרט נישט גערעדט וועגן דעם היינטיקן טאָג אין פאַבריק.

בעטיע איז געווען באַזונדערס צעפרידן, וואָס איר איז דאָך גע־לונגען אים צו ברענגען אַהיים און צו באַרויקן.

זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי פריינטלעך צו אים, ווי דעם היינטיקן טאָג, און ברעטמאַן האָט געפילט, אַז ער האָט אין בעטיען אַז אמתן איבערגעגעבענעם פריינט, וואָס האָט זיך גענומען

אַזוי צום הערצן און אָפּגעהיט אים פון סקאַנדאַלן, וועלכע מען קען אויסמיידן און אפשר נאָכמער—פון אַן אומגליק.

נאָכן אָוונטברויט האָט מען פאַרבראַכט אַ קורצע צייט און אַלע זענען געגאַנגען שלאָפן פריער, ווי געוויינלעך.

פינף פאַרטאָג איז שוין בעטיע נישט געשלאָפן. זי האָט געוואַרט ביז דער זייגער וועט אויסקלינגען זעקס, אַז זי זאָל דערהערן ווי די פאַבריק פייפט און הודזשעט.

און פונקט ווען דער זייגער האָט אויסגעקלונגען זעקס, האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון פאַבריק.

בעטיע האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט.

— די פאַבריק גייט שוין ווידער... די אַרבעטער זענען אויף זייערע פּלעצער און מען אַרבעט...

ערשט איצט איז בעטיע נאָכאַמאָל געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן.

אויפגעשטאַנען צען אַ זייגער אינדערפרי איז זי אַריינגעקומען אין עסצימער און געפרעגט אויף ברעטמאַנען. מען האָט איר געזאָגט, אַז גאַנץ פרי איז ער אַוועקגעפאָרן.

— אויף לאַנג איז ער אַוועקגעפאָרן? ווען וועט ער קומען? — האָט בעטיע דערשראָקן געפרעגט.

— ער האָט נישט געזאָגט, ווען ער וועט קומען, — האָט מען איר געענטפערט.

בעטיע איז געוואָרן אומרויק...

קאפיטל פינף.

שרעקלעכע נייס.

ברעטמאַן איז אַוועקגעפאָרן נישט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט זיין פּאַרוואַלטער פערעלמאַן.

ער איז געפאָרן גלייך אין אויעזד אַריין צום איספּראַווניק, ווי ער פלעגט פאָרן יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז ביי אים אין פאַבריק איז נישט רויק.

אויפן וועג האָט ער זיך געקלאָגט פאַר פערעלמאַנען:

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, וואָס דאָס קען זיין. איך האָב נעכטן אַרויסגעשיקט עקסטרע טעלעגראַמעס צום איספּראַווניק און אין גובערניע צום גובערנאַטאָר וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין פאַבריק און האָב קיין ענטפער נישט באַקומען, וואָס פאַר אַ מיטלען איך זאָל אָננעמען. דו ווייסט דאָך, פערעלמאַן, זייער גוט, אַז יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך אויף דער פאַבריק באַוויזן אַ רויטע פאָן, פלעג איך טעלעגראַפירן, ווו מען דאַרף און אין דעמזעלבן טאָג זענען אָנגעקומען סאָלדאַטן און האָבן געמאַכט אָרדענונג. און איצט ענטפערט מען נישט אפילו אויף מיינע טעלעגראַמעס.

— ווער קען וויסן, פאַרוואָס מען האָט נישט געענטפערט, אפשר פעלט זיי סאָלדאַטן...

פערעלמאַן האָט געוואָלט זאָגן ברעטמאַנען, אַז זיין פאָרן איז, נאָך זיין מיינונג, אינגאַנצן איבעריק. די אַרבעטער האָבן זיך דאָך געשטעלט צו דער אַרבעט. אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז ברעט־

מאַן זאָל זיך נישט אָגהייבן קאָכן און אויך אָנפאַלען אויף אים. ער האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן און ברעטמאַן האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן.

— איך קען אַזאַ זאַך נישט פאַרשווייגן. איך קען נישט! זיי זאָלן כאָטש פרוּון בײַ מיר? — גאָרנישט! קיינעם נישט געפרעגט, ווי עס וואָלט גאָר קיין באַלעבאָס נישט געווען אין פאַבריק... נאָר איך בין דיר שוין מוחל, אפשר וואָלט איך דאָסמאָל געפאָלגט און זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון דעם אַלעמען, נאָר איך פרעג דיך, ווי קען איך עס שווייגן? וואַסילי, מיין בלוטיקער שונא, שטייט בײַ מיר אין פאַבריק און בונטעוועט מיינע אַרבעטער. איך פרעג דיך ווער קען אַזאַ זאַך פאַרשווייגן? הייַנט זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער איז דער דאָזיקער פרעמדער יונגערמאַן מיט די לאַנגע האָר, וואָס זעט אויס, ווי ער האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעריסן פון דער תליה? ווי קומט ער אין מיין פאַבריק צו דרשנען און בונטעווען מיינע אַרבעטער! קענסטו מיר נישט זאָגן, ווער ער איז?

— איך האָב אים אויך נישט געקענט, — האָט פּערעלמאַן זיך אָנגערופן. — איך האָב זיך אויך געוווּנדערט, ווי אַזוי קומט ער פּלוצלונג צו אונדז. איך האָב זיך בײַ אונדזערע אַרבעטער אָנגעהייבן נאָכצופרעגן און קיינער האָט מיר נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. אַלע האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי זעען אים דאָס ערשטע מאָל. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז ער איז געקומען צוזאַמען מיט וואַסילין. איך האָב קוים געפונען וואַסילין און אים געפרעגט, האָט ער געזאָגט, אַז מען האָט אים אַראָפּגעשיקט פון „קאָמיטעט" אַלס אַגיטאַטאָר. מער האָב איך זיך בײַ אים נישט געקאָנט דערפרעגן וועגן דעם יונגנמאַן.

ברעטמאַן האָט זיך אויפגעקאָכט:

— הייַנט פרעג איך דיך, קען איך אַזאַ זאַך פאַרשווייגן און פאָלגן דיך מיט בעטיען? אַגיטאַטאָרס שיקט מען אין מיין פאַבריק פון „קאָמיטעטן". קען איך עס שווייגן? דער דאָזיקער אַגיטאַטאָר איז, דאַכט זיך, אַ ייִד?

— אוודאי אַ ייִד.

— זעסטו, אַז איך בין שטענדיק געווען גערעכט, וואָס איך לאָז נישט אַרייַן קיין ייִדן אין פאַבריק. וויפל מאָל האָט מען מיר געזאָגט, פאַרוואָס איך נעם נישט צו קיין ייִדישע אַרבעטער? איך טו דאָס דערפאַר, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז וויבאַלד איך וועל אַרייַנ-

און אַ יידן, וועט ער נישט אַרבעטן, נאָר בונטעווען מיינע אַר־בעטער...

און אַזוי האָט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן און זיך קאָכן דעם גאַנצן וועג.

*　*
*

דעמזעלבן טאָג זענען זיי אָנגעקומען אין אויעזד אַריין, פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, זיך אַרומגעוואַשן און זענען אַוועק צום איספּראַווניק, וועלכער האָט זיי באַזונדערס פריינטלעך אויפגענומען.

ברעטמאַן האָט אַן אויפגערעגטער וועגן אַלץ דערציילט, וואָס עס איז נעכטן פאָרגעקומען אין פאַבריק, וועלכע איז געווען באַהאָנ־גען מיט רויטע פענער און פאַרשידענע אַגיטאַטאָרן האָבן געבונטע־וועט די אַרבייטער.

דער איספּראַווניק האָט אים רויק אויסגעהערט און טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ברעטמאַן האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז מיט דעם איס־פּראַווניק אַזוינס פאָרגעקומען. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט צו אים קומען, האָט ער אים אויסגעפרעגט, וואָס הערט זיך אין פאַבריק, און ווען עס איז נאָר געווען דער קלענסטער חשד, אַז אין פאַבריק קענען פאָרקומען אומרוען, האָט ער אָנגעהייבן קלאַפּן מיט די שפּאָרן און אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט עפּעס פאָרקומען, זאָל מען אים באַלד טעלעגראַפיש מודיע זיין, וועט ער שיקן קאָזאַקן און מאַכן אַזאַ אָר־דענונג, אַז זיי וועלן שוין פאַרזאָגן דעם צענטן. און איצט איז דער איספּראַווניק געזעסן רויק און זיך מיט קיין וואָרט נישט אָנגערופן, נאָר געשאָקלט מיט דעם קאָפּ און געזיפצט.

— וואָס זשע זאָגט איר מיר? — איז ברעטמאַן אויפגעשפּרונגען פון אָרט.—ביי מיר בונטעוועט מען זיך אָפן און פריי, עס הענגען רויטע פלאַגן איבער מיין פאַבריק, אַגיטאַטאָרס רעדן און איר ענט־פערט מיר גאָרנישט!

— איר, הער ברעטמאַן, רעדט דאָך עפּעס, ווי אַ קינד! איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש, אַ גרויסער פאַבריקאַנט, שוין זשע ווייסט איר נישט, אַז איצט איז נישט ווי אַמאָל. אַנדערע צייטן, גוטער ברודער!

— וואָס הייסט? ווי איז דאָס מעגלעך, אַז „נאַטשאַלסטוואָ" זאָל מיר גאָרנישט העלפן דערצו! וואָס, עס איז שוין אַ הפקר-וועלט געוואָרן!

— איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ וועלט עס איז געוואָרן, אָבער איין זאַך קען איך אייך זאָגן, אַז איך ווייס אַליין נישט, איך בין נישט זיכער, צי היינט, אָדער מאָרגן וועט מען מיך נישט אָפּזאָגן פון מיין שטעלע און אויף מיין אָרט וועט מען אַנידערזעצן איינעם פון די אַגיטאַטאָרס, וואָס פאָרן איצט אַרום איבער די דערפער און פאַבריקן און קלערן אויף די פויערים מיט די אַרבעטער, אַז זיי דאַרפן זיין קעגן דער אַלטער רעגירונג, ווער ווייסט... צי מען וועט מיך מאָרגן נישט אויפהענגען צוזאַמען מיט מיין ווייב און קינדער! איר האָט דען נישט געלייענט, ווי די דערווייליקע רעגירונג, וואָס באַשטייט פון סאָציאַליסטן, האָט אַרעסטירט די גרעסטע מיניסטאָרן, זיי אַריינגעזעצט אין די טורמעס און אַרויסגעלאָזן פריי אַלע פריערדיקע פאַרברעכער?

וואָס דער איספּראַווניק האָט מער גערעדט, אַלץ בלאַסער איז ברעטמאַן געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און אָנגעהייבן שרייען:

— עס איז נישט מעגלעך, הער איספּראַווניק, עס זאָל זיין אַזוי, ווי איר דערציילט! נישט צוליב דעם האָט מען אַראָפּגעוואָרפן ניקאָלאַיען, עס זאָל רעגירן אַ הפקר-וועלט! עס איז נישט מעגלעך! איר האָט זיך נאָר דערשראָקן און ווייסט נישט וואָס צו טון! איך וועל פאָרן אין דער גובערניע צום גובערנאַטאָר, ער וועט שוין וויסן וואָס צו טון מיט די בונטאָווש טשיקעס און אַגיטאַטאָרס, וואָס געפינען זיך ביי מיר אין פאַבריק! דער גובערנאַטאָר וועט שוין וויסן!

— זאָל אייך גאָט העלפן! — האָט דער איספּראַווניק אים געוווּנטשן. — איר ווילט פאָרן צום גובערנאַטאָר? פאָרט געזונטערהייט. איך ווינטש אייך דערפאָלג.

ברעטמאַן איז אַרויס פון איספּראַווניק, אַ דערשלאָגענער. הענט און פיס האָבן אונטער אים געציטערט, אָבער ער איז באַלד געקומען צו זיך און זיך אָנגערופן צו פערעלמאַנען:

— וואָס ווייסט דער אַלטער נאַר? צוואַנציק יאָר זיצט ער שוין אויף זיין שטעלע און וואָלט אַזוי ביז אין זיין טויט פאַרשימלט געוואָרן. איצט, ווען מען האָט אַראָפּגעוואָרפן ניקאָלאַיען, האָט ער זיך

אזוי דערשראָקן, אַז ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער רעדט. מיר וועלן נאָך היינט מוזן פאָרן אין גובערניע צום גובערנאַטאָר. דו וועסט זען, אַז ער וועט רעדן גאָר אַנדערע ווערטער!

פּערעלמאַן אָבער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די גאַנצע לאַגע פון דעם איספּראַווניקס רייד. פאַר אים איז אַלץ קלאָר געוואָרן. נאָר ער האָט מורא געהאַט עס אַרויסצוזאָגן זיין באַלעבאָס און ער האָט נאָר געקוקט אויף אים מיט גרויס רחמנות.

קומענדיק אין דער גובערניע־שטאָט, האָט ברעטמאַן אויף איינער פון די הויפּט־גאַסן דערזען אַ גרויסן מיטינג, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן.

ברעטמאַן איז זייער נייגעריק געוואָרן צו זען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַ מיטינג, און ער האָט געזאָגט זיין שאָפער, ער זאָל בלייבן שטיין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף דעם גרויסן עולם, ווי אינמיטן, אויף אַ הויך אָרט איז געשטאַנען אַ מיידל און גערעדט הויך, קלינ־גענדיק. ער האָט באַלד אין דעם מיידל דערקענט זיין יינגערע טאָכ־טער, „די קליינע ליזע", ווי ער פלעגט זי רופן.

ער איז געוואָרן טויט און רויט פון איבעראַשונג.

— שוין־זשע איז דאָס ליזע, מיין קליינינקע ליזע? עס איז נישט מעגלעך!

נאָר ער האָט זיך אָנגעהייבן גוט איינצוקוקן:

— יאָ, דאָס איז זי!—האָט ער געזאָגט אַ בלאַסער.—איך האָב נישט קיין טעות, דאָס איז מיין קינד!

ער איז געשטאַנען אויף דעם אויטאָמאָביל, אַ דערשראָקענער, און אויף זיין פנים האָט מען געקאָנט איבערלייענען אַ סך ליידן.

דער עולם האָט כסדר געקלאַפּט „בראַוואָ" און געשריגן פון התפעלות.

דער טרויער אויף זיין פנים איז מינוטנווייז פאַרשוווּנדן. דער געדאַנק, אַז אַזאַ גרויסן עולם געפעלט זיין טאָכטערס רעדן, האָט ביי אים דאָך אַרויסגערופן שטאָלץ און פרייד און ער אַליין האָט זיך אָנגעהייבן צוצוהערן, וואָס זיין טאָכטער רעדט.

ווען זיין טאָכטער האָט געענדיקט, האָט די לופט אָנגעהייבן צו ציטערן פון אויסגעשרייען.

ברעטמאַן איז אַראָפּגעגאַנגען פון אויטאָמאָביל און זיך געוואָלט

דורכשטופּן צו דעם אָרט, וווּ זיין טאָכטער האָט גערעדט, אָבער צווישן אַזאַ גרויסן עולם איז זי פאַרזונקען געוואָרן און ער האָט זי ניט געקענט געפינען.

נישט האָבנדיק קיין האָפענונג, ער זאָל זיך דאָ זען מיט זיין טאָכטער, איז ער אַוועקגעפאָרן ווייטער.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך געזען מיט אייניקע מענטשן וועגן געשעפטס-ענינים, איז ער אַוועקגעפאָרן גלייך צום גובערנאַטאָר.

מען האָט דעם גרויסן פאַבריקאַנט און רייכן יידן שטענדיק דאָרט פריינטלעך אויפגענומען, אָבער איצט האָט מען אים, צו זיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, באַזונדערס ליבלעך און ברידערלעך באַגעגנט. דער גובערנאַטאָר האָט מיט זיינע ביידע הענט געדריקט ברעטמאַנען די האַנט און מיט דער גרעסטער פריינטשאַפט גענומען אונטערן אָרעם און אים אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול לעבן אים.

— נו, וואָס מאַכט איר, הער ברעטמאַן? — האָט אים דער גובערנאַטאָר געפרעגט. — ווי גייט עס ביי אייך? שוין לאַנג ביי מיר נישט געווען! אַזאַ גאַסט! אַזאַ גאַסט!

ברעטמאַן איז זייער געווען צופרידן, וואָס דער גובערנאַטאָר נעמט אים אַזוי שיין אויף. ער האָט דעם גובערנאַטאָר נישט דער-קענט, אַזוי האָט ער זיך איבערגעביטן. פריער פלעגט ער אויסזען אַזוי שטאָלץ, געגאַנגען גלייך און פעסט און איצט איז ער עפּעס איינגעבויגן און נידעריק אין וווּקס. די אונטערשטע ליפּ איז אים אַראָפּגעהאָנגען. ברעטמאַן האָט אַ טראַכט געטון:

— ער זעט אויס גאָרנישט, ווי אַ גובערנאַטאָר...

— נו, מיין ליבער ברעטמאַן, דערציילט, וואָס הערט זיך ביי אייך?

— איך גלויב, אַז איר ווייסט שוין, וואָס ביי מיר אין פאַבריק איז פאָרגעקומען, איך האָב אייך באַלד וועגן דעם טעלעגראַפירט, נאָר צום באַדויערן, האָב איך קיין שום ענטפער נישט באַקומען...

דער גובערנאַטאָר האָט זיך אָנגעהייבן רייבן דעם שטערן, ווי איינער, וואָס וויל זיך עפּעס דערמאָנען.

— יאָ, יאָ, איך האָב זיך שוין דערמאָנט! איך באַקום יעדן טאָג אַזעלכע טעלעגראַמעס כמעט פון אַלע פאַבריקן אין דער גאַנצער גובערניע. נישט קיין ווונדער, וואָס איך האָב זיך באַלד נישט גע-קענט דערמאָנען אין אייער טעלעגראַמע.

— און איך האָב קיין ענטפער נישט באַקומען..

דער גובערנאַטאָר האָט פײַנלעך געזאָגט:

— וואָס קען איך אין דער איצטיקער צייט ענטפערן אויף אַזעלכע טעלעגראַמעס? איר זענט דאָך אַ קלוגער ייד, דאַרפט איר פאַרשטיין די לאַגע! פריער האָט איר פון מיר קיין ענטפער נישט באַדאַרפט האָבן. דער איינציקער ענטפער ביי אַזאַ פאַל איז שטענדיק געווען: קאָזאַקן!.. אָבער איצט, וואָס קאָן איך העלפן?

און דערביי האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— פאַר אייך וועל איך נישט באַהאַלטן... איר זענט דאָך עפעס אַ קלוגער ייד... איך מוז אייך זאָגן, אַז איך גלויב נישט, צי איך וועל לאַנג בלייבן אויף מיין פּלאַץ... איך פיל, אַז איך בין פאַר דער נייער רעגירונג אַן איבעריקער און היינט־מאָרגן וועט מען מיר געוויס הייסן גיין אויף אַלע פיר עקן וועלט.

דער גובערנאַטאָר האָט אַ זיפץ געטון און נאָך שטילער געזאָגט:

— הלוואי זאָל מען מיך נאָר לאָזן גיין אויף אַלע פיר עקן... עס קאָן נאָך מיט מיר ערגערס געשען...

— עס איז נישט מעגלעך! — האָט ברעטמאַן אָנגעהייבן הויך רעדן. — עס קען נישט זיין! אויב די רעגירונג גיט פרייהייטן, איז שוין הפקר אַ וועלט? קיין באַלעבאָס איז שוין גאָר קיין באַלעבאָס נישט! און דיינע אַרבעטער, וועלכע דו גיסט ברויט, מעגן שוין טון, וואָס זיי ווילן? ניין! עס קאָן נישט זיין! אין אויסלאַנד איז אויך פריי, אָבער באַלעבאָס בלייבט באַלעבאָס!

— איך ווייס נישט און קאָן אייך אויף דער מינוט נישט ענטפערן דערויף. איך ווייס נאָר, אַז וואָס אַמאָל ווערט ערגער און דאָס הפקרות וואַקסט פון טאָג צו טאָג. אָט איז ערשט היינט אָנגעקומען אַ באַפעל פון דער רעגירונג, אַז סאָלדאַטן זענען נישט מחויב צו סאַלוטירן די אָפיצירן און אפילו נישט די גענעראַלן! איר הערט? אפילו נישט די גענעראַלן!

ברעטמאַן האָט זיך אָנגעצונדן פון דעם נייס.

— וואָס הייסט עס, הער גובערנאַטאָר! ווען איר דערציילט עס מיר נישט, וואָלט איך נישט געגלויבט. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַזאַ באַפעל זאָל אַ רעגירונג אַרויסגעבן. זי טוט זיך אַליין אָן אַ שטריק אויף דעם אייגענעם האַלדז. ווען מען וועט סאָלדאַטן באַ־

פרייען פון צו סאַלוטירן אָפיצירן און גענעראַלן, וועלן זיי שוין דער־נאָך קיינעם נישט וועלן פאָלגן.

— אייך גלויבט זיך נישט, עס זאָל זיין אַזאַ צירקולאַר? — האָט דער גובערנאַטאָר זיך אָנגערופן און דערביי אָנגעקלונגען. עס איז אַריינגעקומען איינער פון זיינע סעקרעטאַרן, וועלכן ער האָט געהייסן באַלד ברענגען דעם צירקולאַר נומער איינס.

אין אַ פּאָר מינוטן אַרום האָט שוין דער גובערנאַטאָר געהאַלטן אַ פּאַפּיר אין דער האַנט און געלייענט פאַר ברעטמאַנען דעמדאָזיקן צירקלואַר פון דער נייער רעגירונג.

ברעטמאַן איז נישט איינגעזעסן אויפן אָרט, הערנדיק לייענען, עס איז אים געגאַנגען אין לעבן: וואָס הייסט, אַז סאָלדאַטן דאַרפן נישט אָפּגעבן קיין כבוד „נאַטשאַלסטווע".

ווען דער גובערנאַטאָר האָט געענדיקט, האָט ער זיך אָנגערופן צו ברעטמאַנען:

— היינט פאַרשטייט איר שוין? איר, וואָס איר זענט קיינמאָל נישט געווען קיין מיליטער־מאַן, נישט קיין אָפיציר, זענט אַזוי אויפ־גערעגט פון אַזאַ צירקלואַר, היינט שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע! כמעט אַלע מיינע יאָרן בין איך אין מיליטער, און איצט בין איך אַ גענעראַל, און שטעלט אייך פאָר, ווען איך גיי אַרויס אין גאַס און באַגעגן סאָלדאַטן און קיין איינציקער פון זיי שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר מיר, ווי אַ סטרונע און סאַלוטירט נישט פאַר מיר?... זיי גייען פאַרביי און קוקן זיך אפילו נישט אום אויף מיר! איך שטעלט דאָס אייך פאָר? מילא, איר זענט אַ פּריוואַטע פּערזאָן, איר זענט קיינמאָל נישט צוגעוווינט צו דעם סאַלוטירן פון סאָלדאַטן, אָבער איך בין אַ גענעראַל, אַ מיליטערמאַן, איר פאַרשטייט? — האָט דער גובערנאַטאָר אָנגעהייבן צו שרייען פון אויפרעגונג.

— הפקר, הפקר! — האָט ברעטמאַן מיט גרויס מיטגעפיל צוגע־שאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ.

אַ קורצע צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן, דערנאָך האָט דער גובערנאַטאָר נענטער זיך צוגערוקט צו ברעטמאַנען און מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן:

— אַזוי, אַזוי, מיין פריינט! דאָס גאַנצע לעבן אַזוי שווער גע־אַרבעט, געוואָרן גובערנאַטאָר אין אַזאַ גרויסער גובערניע, וואָס איז גרעסער פון אַן אַנדער מדינה, ווי למשל, בולגאַריע אָדער סער־

ייען. דאָס איז נישט קיין קליינע אַרבעט צו פירן אַזאַ גובערניע, ווי איך האָב באַדאַרפט אַכטונג געבן, עס זאָל שטענדיק זיין שטיל און זיך פירן אין אָרדענונג. און איצט — גאָרנישט! היינט־מאָרגן קען מען מיך אַראָפּוואַרפן פון מיין אָרט און אפשר זאָל מען מיך נאָך משפטן אויך!

— פאַרוואָס זאָל מען אייך משפטן?

— ווער ווייסט די דאָזיקע לייט פון דער היינטיקער רעגירונג? ווער קען זיי? און ווער ווייסט זיי? אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן — האָט ער געענדיקט מיט אַ זיפץ.

ברעטמאַן האָט אויך געזיפצט

— וואָס זיפצט איר? וואָס גייט אייך אָן די נייע רעגירונג? איר האָט דאָך אָנגעקליבן מיליאָנען און בלייבט ווייטער אַ מיליאָנער, געפעלט אייך נישט די נייע אָרדענונג, קענט איר יעדע מינוט אַ שפּיי טון אויף אַלץ, אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד און לעבן, ווי אַ גראַף! אָבער איך ביי וואָס בלייב? — ביי גאָרנישט!... אַן אָרעמאַן!..

ברעטמאַן האָט אַ הוסט געטון און זיך אָנגערופן:

— דאַכט זיך, אַז איר האָט אַ פּאָר גיטער טאַקע אין אונדזער גובערניע... מען זאָגט, אַז איר פאַרמאָגט אַ שיינע פּאָר טויזנט דעסיאַ־טין ערד...

— נו, אַז איך האָב אַ ביסל ערד, קען מען עס בייסן? לעבן קען מען נישט דערפון!

ברעטמאַן האָט שוין געקענט דעם טאָן פון גובערנאַטאָרס רעדן. ער פלעגט אים, ווי אַלע אַנדערע נאַטשאַלניקעס, צו וועלכע ער האָט באַדאַרפט אָנקומען וועגן זיינע גרויסע געשעפטן, שיקן מתנות און אויך מזומן געלט, און ווען דער גובערנאַטאָר פלעגט זיך פאַרשפּילן אין קאָרטן — אָדער גלאַט אַזוי זיך פאַרהולטייעווען, האָט ער אים אַרויסגערופן צו זיך, און געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף האָבן געלט, און דער פאַבריקאַנט האָט, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, גע־געבן.

אויך איצט האָט ער אין דעם טאָן פון דעם גובערנאַטאָרס רעדן פאַרשטאַנען, אַז ער נייטיקט זיך אין געלט און וואַרט, אַז ברעטמאַן, איינער פון די רייכסטע פאַבריקאַנטן אין זיין גובערניע, זאָל אים דאָס געלט געבן. אָבער ברעטמאַן האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער־

גובערנאַטאָר וועט זיך לאַנג נישט האַלטן אויף דער שטעלע, האָט ער זיך געמאַכט נישט ווּסנדיק און נאָר געהאַלטן אין איין קרעכצן צו־זאַמען מיט זיין נאַטשאַלניק.

מען איז אַזוי פריינטלעך געזעסן און געזיפצט אַ לענגערע צייט, און ווען ברעטמאַן האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין פּלאַץ און אָנגעהייבן געזעגנען זיך, האָט דער גובערנאַטאָר מיטאַמאָל איבערגעביטן זיין טאָן און געפרעגט:

— ווען וועלן מיר זיך זען?

די עטלעכע ווערטער זענען געווען נאָך קלאָרער, אַז זיין נאַטשאַלניק וויל פון אים געלט.

— איך בין זייער באַשעפטיקט און וויל נאָך היינט פאָרן אַהיים. אויב איך וועל קאָנען, וועל איך נאָך היינט זיין ביי אייך, נאָר פאַרזיכערן אייך קען איך נישט. מיר וועלן זיך געוויס זען דאָס צווייטע מאָל, ווען איך וועל קומען קיין קיעוו.

— דאָס צווייטע מאָל, זאָגט איר? עס איז מיר צו לאַנג צו וואַרטן... איר ווייסט דאָך, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איך געפין זיך איצט. איך בין אפילו נישט זיכער, צי היינטיקן חודש וועל איך מיין געהאַלט באַקומען, און וואָלט אייך געבעטן מיר אויסלייען אַ געוויסע סומע, ביז דער פאַרוואַלטער פון מיינע גיטער וועט מיר צושיקן געלט.

ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך פאַרהולטאַיעוועט און מוז האָבן געלט. ער האָט גוט געוווּסט, אַז וויפל ער וועט אים געבן, איז אַרויסגעוואָרפן, נאָר ער האָט זיך געטראַכט: זאָל מיינס איבערגיין. מען קען נאָך נישט וויסן, וואָס ס׳קען פאָרקומען, ווייניק געלט מוז איך יעדעס יאָר אַרויסוואַרפן אויף די אויסבערענגער, וועלכע מיינען, אַז איך האָב אַ פאַבריק, וואָס מאַכט געלט?

און ס׳איז ביי אים געבליבן, אַז דערווייל זאָל ער אים געבן אַ קלענערע סומע און דאָס איבעריקע וועט ער זיך אַרומקוקן און זען, ווו עס בלאָזט דער ווינט.

ווען ברעטמאַן האָט דערלאַנגט דאָס געלט, איבערבעטנדיק אים, אַז ער קען איצט מער נישט געבן, האָבן זיך דעם גובערנאַטאָרס אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט פון כעס, אָבער דאָס געלט האָט ער אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע, זאָגנדיק:

— איך האָב מיך גערעכט אויף מער, הער ברעטמאַן!

— וואָס קאָן איך טון? די צייטן זענען געוואָרן נישט אַזעלכע, ווי פריער. איך מיין עס אַקעגן אייערע ווערטער. וואָס גייט מיך אָן די נייע אָרדענונג, אַבי איך האָב געמאַכט די מיליאָנען. איך מוז אייך אָבער זאָגן, אַז מיר גייט עס זייער אָן! ווען די אַרבעטער האָבן באַקומען אַזעלכע פרייהייטן און ווערן שטרייקן, פאָדערנדיק אַ העכערן לוין און פאַרקלענערן די צייט פון דער אַרבעט, דענסטמאָל ווער ווייסט, צי איך וועל מיינע מיליאָנען נישט דאַרפן צוביסלעכווייז צוריק אַוועקגעבן.

דער גובערנאַטאָר איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער צו אים און זיך אָנגערופן:

—וואָס טויג אייך ווייטער צו פירן אייערע פאַבריקן? איך אויף אייער אָרט וואָלט אַלץ איבערגעלאָזט און איך מיט די מיליאָנען וואָלט אַוועק קיין אויסלאַנד, און זאָלן די אַרבעטער זען ווי אַזוי מען קען פירן אַ פאַבריק אָן אַ פעיקן באַלעבאָס, ווי איר זייט?

— עס איז גאָר גרינג צו זאָגן: אַוועקוואַרפן אַלצדינג און אַוועק קיין אויסלאַנד! איך בין נישט אַליין, הער גובערנאַטאָר, איך האָב קינדער, וועלכע איך האָב ליב, און היינטיקע קינדער מוז מען אויך פרעגן אַ דעה, וואָס זיי וועלן זאָגן. אַליין קען מען נישט לעבן אויף דער וועלט, איך אַרבעט נאָר פאַר מיינע קינדער.

— אָט הייבט זיך אָן מיט אייערע יידן! — האָט דער גובערנאַטאָר זיך צעלאַכט און פריינטלעכער אָנגעהייבן צו רעדן. — ביי יידן איז באַלד די קינדער! ביי מיר קומט אויס אַזוי, אַז די קינדער, וואָס ווילן נישט פאָלגן די עלטערן, זענען נישט קיין קינדער און איך וויל נישט און דאַרף נישט פון זיי וויסן!

— אָט איז איינער פון מיינע זין, — דערציילט ווייטער דער גובערנאַטאָר, — וועלכער האָט צוליב מיינע גרויסע פאַרבינדונגען באַקומען פאַר דער צייט דעם ראַנג „אָפיציר״, און ווען איך האָב, צו מיין גרויס שרעק, זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, האָב איך זיך איינגאַנצן פון אים אָפּגעזאָגט, ווי גלייך ער איז מיר אַ פרעמדער! און ביי אייך טוען די קינדער, וואָס זיי ווילן און גאָר נישט! איך וואָלט אַזעלכע קינדער, וואָס ווילן נישט פאָלגן קיין עלטערן, אַליין אויפגעהאָנגען, בפרט, ווען איך וואָלט באַדאַרפט איבער־

פֿון אַלץ און אַוועק קיין אויסלאַנד, וואָלט איך ביי זיי אַוודאי נישט געפֿרעגט!

ווען ברעטמאַן האָט זיך צעזעגנט און דער גובערנאַטאָר איז געבליבן אַליין, האָט ער געמאַכט אין דער לופֿט צוויי „קולאַקעס״ אין דער זייט, ווו ברעטמאַן איז אַוועקגעגאַנגען און מיט כּעס אויסגעשריגן:

— אָט, אַ זשיד! ער האָט דערשמעקט, אַז איך ווער אויס גובערנאַטאָר, האָט ער מיר וויניקער געגעבן! נישקשה! עס וועט נאָך קומען אַ צייט, ווען איך וועל זיך מיט דעם „זשיד״ באַגעגענען! ער וועט נאָך אַמאָל ליגן ביי מיינע פֿיס! אַזויפֿיל מיליאָנען! איך האָב אים אַזוי געטריי געדינט און די גרעסטע טובֿות געטון און ער זאָגט מיר אָפּ צו געבן נאָך אַ פּאָר טויזנטער! איך וועל זיך שוין אָפּרעכענען מיט אים, זאָל ער נאָר דאַרפֿן אַמאָל אָנקומען צו מיר!

פֿון גובערנאַטאָר איז ברעטמאַן אַריין אין קאַנצעלאַריע, וואָס האָט זיך געפֿונען אין צווייטן הויז, ווו ער האָט באַדאַרפֿט באַקומען און דערלאַנגען פֿאַרשידענע פּאַפּירן.

אַלע גרעסערע טשינאָווניקעס פֿון דער קאַנצעלאַריע האָבן אים אויך אויפֿגענומען זייער פֿריינטלעך, פּונקט ווי דער גובערנאַטאָר אַליין.

אויף זייערע פּנימער איז פֿראָסט און גראָב געווען אויפֿגעשריבן: „גיב, זשיד, וואָס מער געלט, מיר נייטיקן זיך איצט זייער״, און די קלענערע האָבן אָדער געבעטן, אָדער הינטן־אַרום אויסגעשטרעקט די הענט מיט אַ רחמנות־פּנים, ווי בעטלער.

דער גובערנאַטאָר פֿלעגט ביי אים נישט נעמען קיין „כאַבאַר״. ווי פּאַסט עס פֿאַר אַ גובערנאַטאָר אַזאַ זאַך? נאָר ער פֿלעגט נעמען „מתּנות״ אָדער מאַכן הלוואות, וועלכע ער האָט קיין איין מאָל נישט אָפּגעגעבן, נאָר דאָ אין קאַנצעלאַריע איז דער „כאַבאַר״ אויף פֿאַרשידענע אופֿנים געגאַנגען אָפּן.

ברעטמאַן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אַלע נייטיקן זיך איצט באַזונדערס אין געלט, אפֿשר דערפֿאַר, וואָס זינט עס איז פֿאָרגעקומען די איבערקערעניש, האָט זיך יעדער געפֿונען נישט זיכער אויף זיין פּלאַץ. היינט פֿאַרוואָס זאָל מען דערוויל, ווען מען איז נאָך ביי דער מאַכט, נישט אַריינכאַפּן יידיש געלט? און אפֿשר האָט די נייע רעגירונג נישט אויסגעצאָלט אין דער צייט דעם חודש־געהאַלט?

ברעטמאַן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס געלט, וואָס ער וועט זיי איצט געבן, איז ווי אַרויסגעוואָרפן. קיין טובות פון זיי וועט ער שוין נישט האָבן, און בכלל האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז קיין גרויסע מאַכט האָבן זיי שוין נישט, צו וואָס זשע דאַרף ער אַרויס־וואַרפן אומזיסט געלט?

און באַקומענדיק די פאַפּירן, האָט ער זיך מיט יעדן געזעגנט און קיינעם אַ קאָפּיקע נישט געגעבן. ער האָט אויף זיך געפילט זייערע פּנימער, פול מיט כּעס און האַס צו אים, און ער האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט, ווען ער איז שוין געווען פון יענער זייט טיר. ער האָט זיך באַלד אַריינגעזעצט אין אויטאָמאָביל און געהייסן פאָרן גלייך אין האָטעל אַריין. דעם גאַנצן וועג האָט ער געפילט אויף זיך די אויגן פון די אַלע „טשינאָווניקעס" און אַ ציטער האָט אים אָנגעכאַפּט פון דעם געדאַנק, וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל דאַרפן נאָכאַמאָל צו זיי אָנקומען. נאָר ער האָט זיך באַלד געטרייסט, אַז ווען ער וועט דאַרפן צו זיי אָנקומען מיט טובות, וועט ער אַזעלכע לייט קאָנען מיט געלט „איבערבעטן".

קומענדיק אין האָטעל, האָט מען אים איבערגעגעבן, אַז זיין טאָכטער האָט טעלעפאָנירט, דערנאָך איז זי אַליין געקומען, געוואַרט אַ ביסל אויף אים, און נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן, האָט זי איי־בערגעלאָזט אַ צעטעלע, אין וועלכן זי שרייבט, אַז זי וואַרט אויף אים אינדערהיים.

פאָרנדיק גלייך צו זיין טאָכטער, האַלטנדיק איר צעטעלע אין דער האַנט, האָט ער, אַ צופרידענער, מיט אַ שמייכל, געזאָגט צו זיך:

— נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי איז אַזויפיל פאַרנומען, וואָט זי דאָך אַוועקגעוואָרפן אירע אַלע „גרויסע געשעפטן" און גע־קומען צו איר טאַטן, און איצט וואַרט זי אויף אים,—לעבן זאָל זי מיר!

ווען ער איז אַריינגעקומען צו דער באַלעבאָסטע אין הויז, האָט אים ליזע געעפנט די טיר, און דערזעענדיק איר פאָטער, איז זי אונ־טערגעשפרונגען, אַרויפגעפאַלן אויף זיין האַלדז און מיט פרייד זיך אָנגערופן:

— זייער גוט, טאַטע, וואָס דו ביזט געקומען! איך האָב דיר שוין אַזוי געוואָלט זען און וויסן, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אינדערהיים און וואָס שרייבט עפּעס אונדזער יוסף?

ברעטמאַן האָט גענומען זיין „קליינינקע ליזע", זי אַנידערגע־זעצט ביי זיך אויף דער קני, געגלעט זי איבערן קאָפּ און גע־פרעגט:

— ווען דו האָסט אַזוי געבענקט נאָך דיין טאַטן און נאָך דער היים, האָסטו, דאַכט זיך, געקענט אַוועקוואַרפן דיינע „גרויסע גע־שעפטן" און קומען אויף אַ פּאָר וואָכן אַהיים?

— אָ, ווער רעדט איצט פון אַוועקפאָרן אין אַזאַ צייט! איך קען מיך אויף אַ מינוט נישט אָפּרייסן פונדאַנען, איך מוז דאָ זיין.

— מיט וואָס זשע ביזטו, טאָכטערל, פאַרנומען? מיט אַזויפיל לערנען? אַ פּראָפעסאָר ווילסטו ביי מיר זיין? און אַז דו וועסט זיין אַ דאָקטאָר, איז וואָס? — האָט זיך ברעטמאַן געוואונדערט.

— ווער רעדט איצט פון לערנען. דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך. מען לערנט אויך, אָבער וואָס טוט זיך איצט ביי אונדז אין רוס־לאַנד! דו לייענסט ביי אייך אין דער וויסטעניש צייטונגען, אָבער דאָ ביי אונדז אין דער גרויסער שטאָט ווייסן מיר אַ סך מער.

— וואָס זשע ביזטו אַזוי פאַרנומען, אַז דו האָסט אפילו קיין צייט נישט צו קומען אויף אַ פּאָר וואָכן אַהיים?

— וואָס הייסט? איך בין דאָך עפּעס אַ סטודענטקע! אַלע סטו־דענטן, די גאַנצע יוגנט נעמט אַנטייל אין דער רעוואָלוציע! ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין פּעטערבורג!

— גענוג פון מיינעטוועגן, וואָס דו, מיין טאָכטער, ווייסט שוין צופיל!

— פונוואַנען ווייסטו עס?

— איך ווייס דערפאַר, ווייל איך האָב דיך געהערט דרשנען אינמיטן גאַס...

ליזע איז מיט אַ געלעכטער און מיט אַ קוויטש אַראָפּגעשפּרונ־גען פון איר פאָטערס קני פון גרויס איבעראַשונג און אויסגעשריגן מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג:

— דו, טאַטע, האָסט מיך געהערט רעדן אויף אַ מיטינג?

— יאָ, איך, וואָס וווּנדערסטו זיך? אַזויפיל מענטשן האָבן זיך אַרומגעשטעלט און געהערט, מעג איך, אַן אייגענער טאַטע, דיך אוודאי הערן!

דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבן הערצלעך געלאַכט. אויך

די באַלעבאָסטע און נאָך אַ פּאָר יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ געפונען, האָבן נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

פּלוצלונג איז די קליינע ליזע ווידער אַרויפגעשפּרונגען צום טאַטן אויף די קני און מיט אירע קליינע הענטלעך אָנגענומען זיין שפּיץ באָרד, אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און לייכט־שייגעצעוואַטע אים געפרעגט:

— איז דיר געפעלן מיין רעדן, האָסטו גוט געהערט?

— און אַז עס געפעלט מיר נישט, וועסטו דען אויפהערן צו רעדן אויף די גאַסן?

דאָך פון איר פּאָטערס גלעטן איבער איר קאָפּ האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר רעדן איז אים זייער געפעלן.

— טאַטע, עס איז נישט שלעכט! עס איז פריילעך...

יאָ, דו וואָלסט געקאָנט זיין אַ גוטע בעל־דרשנטע אין אַ רייבערשער שול, — האָט ער זיך געווערטלט, — אָבער פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט, אַז מיין טאָכטער זאָל זיך מיט אַזעלכע זאַכן נישט באַשעפטיקן.

— נו, נו, צו וואָס דאַרפן מיר איצט וועגן דעם רעדן. וואָס מאַכן די קינדער? אונדזער גוטע, שיינע בעטיע און אַלע אין שטוב?

— איך רעד דען? מעג דען אַ טאַטע עפּעס זאָגן זיין קינד, אַז סיי ווי סיי וועט מען אים נישט פאָלגן, — האָט ער פאַרביטערט זיך אָנגערופן. — דו האָסט מיך געפרעגט, האָב איך דיר געענטפערט!

— נו, גענוג, גענוג, טאַטע! דערצייל מיר, וואָס מאַכן אַלע ביי אונדז.

— געלויבט צו גאָט, אַלע געזונט.

— נו, גוט, זייער גוט.

דערווייל איז צוגעקומען די באַלעבאָסטע און געבעטן אַלע צום טיש, און ליזע האָט זיך אָנגערופן צו איר פּאָטער:

— מיר וואַרטן אַלע מיטן עסן אויף דיר. איך האָב געזאָגט, אַז אָן דיר וועל איך היינט נישט עסן קיין מיטאָג, — און מיט די ווערטער האָט ליזע געאָרעמט אַריינגעפירט איר פּאָטער אין עסצימער, ווו ליזע האָט אים באַקענט מיט די קינדער פון שטוב און מיט אַ יונגנמאַן, וואָס האָבן זיך געזעצט צום טיש.

דעם יונגנמאַן האָט ליזע אָנגערופן מאַרק זעליגמאַן.

בּרעטמאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטון.

— ווי אַזוי זאָגסטו, ליזינקע, רופט מען דעם יונגנמאַן? — האָט בּרעטמאַן איבּערגעפרעגט.

— מאַרק זעליגמאַן, וואָס איז דען?

— גאָרנישט, — האָט בּרעטמאַן געענטפערט און געוואָלט אויספרעגן דעם יונגנמאַן, פונוואַנען ער איז און ווער זענען זיינע עלטערן, נאָר מען האָט אַריינגעבּראַכט דאָס עסן און עס האָט זיך אָנגעהייבּן צו הערן דאָס קלינגען פון לעפל און גאָפּל. בּרעטמאַן, עסנדיק, האָט אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט ווערטער פון אונטער זיינע וואָנסן.

דאָס איז געווען דערזעלבּער יונגערמאַן, וואָס איז אַרויסגעטרעטן אויפן מיטינג בּיי אים, בּרעטמאַנען, אין פאַבּריק. בּרעטמאַן האָט אים דערקענט, אָבּער אויך דער יונגערמאַן האָט געוווּסט, ווער עס איז ליזעס פאָטער, וואָס זיצט דאַ אַצינד אַזוי אַנגעבּרוגזט.

קאפיטל זעקס.

בעטיע פאָרט אַוועק.

לאַנגזאַם האָבן זיך געצויגן די טעג פאַר בעטיען. די דיעות פון גאַנצן לאַנד זענען געוואָרן אומרויקע. אַ סך עמיגראַנטן פון אויסלאַנד האָבן זיך אומגעקערט. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז היינט־מאָרגן ענדיקט זיך די מלחמה, און בעטיע האָט אַלץ פון יוספן קיין ידיעה נישט באַקומען.

—וואָס וועט דאָ זיין? אפשר פאָרן קיין קיעוו, אין דער גרויסער שטאָט, פונוואַנען עס וועט לייכטער זיין צו באַקומען אַ ידיעה פון מיין מאַן?

זי האָט געפילט אַ גרויס באַדאַרפעניש, פאַר וועמען צו עפענען און אויסגיסן איר האַרץ, נאָר זי האָט נישט געהאַט קיין איינציקן מענטשן אויף דער וועלט, מיט וועלכן זי זאָל קאָנען וועגן דעם אָפן רעדן, און דערמיט האָט זי זיך געפילט פאַר דער אומגליקלעכסטער אין דער וועלט. דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אַלץ געוווסט, איז געוועזן לאה, נאָר מיט איר האָט זי נישט געקאָנט רעדן וועגן איר אָנגעווייטיקט האַרץ, ווייל לאה וועט זי נישט קאָנען פאַרשטיין.

בעטיע האָט נאָר גערעדט מיט זיך. זי האָט געוואָלט אויף עפעס זיך באַשליסן, וואָס זי זאָל ווייטער טון, אָבער זי האָט געצי־טערט פאַר שרעק, טאָמער מאַכט זי אַ פעלער. וואָס קאָן אַן עלנטער מענטש פאַר זיך עפעס אויסטראַכטן און זיך העלפן!

בעטיע האָט שוין באַשלאָסן צו פאָרן קיין פעטערבורג און דורך

יוספס באַקאַנטע און חברים, וועלכע געפינען זיך אין דער היינטי־קער סאָציאַליסטישער רעגירונג, באַקומען עפּעס אַ מעגלעכקייט, אַז זי זאָל קאָנען פאָרן קיין פראַנקרייך, וואָס איז אַ פריינטלעכע מלוכה פון רוסלאַנד.

און ווען דאָס וועט געשען, דאַן איז זי אַ גליקלעכע. זי וועט בלייבן אין דעם לאַנד, ווו איר מאַן געפינט זיך און עס וועט אפשר מעגלעך זיין פון צייט צו צייט זיך זען מיט איר יוספן.

אַזוי איז געווען דער פּלאַן. איצטער אָבער האָט זיך ביי בעט־יען דער גאַנצער פּלאַן איבערגעביטן. זי האָט אָנגעהייבן זיך צו שרעקן פאַר אַזאַ ווייטן וועג.

בעטיע האָט איצטער אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן יוספס געזיכט, ווי אַזוי ער זעט אויס. אָבער די צייט פון עטלעכע יאָר, וואָס האָבן זיי דערוויטערט, זענען אַזויפיל שטריכן פון יוספס געזיכט פאַרשווונדן געוואָרן פון אירע אויגן. זי האָט אין איר פאַרשטעלונגס־קראַפט געזען איר יוספן, ווי מען זעט אַ בילד, וואָס איז געצייכנט מיט בלאַסע ליניעס פון אַ בליישטיפט. זי האָט זיין געזיכט נאָר געזען ווי דורך אַ זיפּ. אַזוי האָט די צייט אָפּגעווישט און בלאַס געמאַכט יוספס בילד פאַר אירע אויגן.

בעטיע איז אַריינגעגאַנגען אין קינדערצימער זען איר טעכ־טערל גיטעלע, צי זי שלאָפט שוין.

ווען בעטיע איז אַריינגעקומען, האָט לאה דאָס קינד איבערגע־טון און זי געוואָלט לייגן שלאָפן. די יונגע מאַמע האָט גענומען איר קינד אויף די הענט און עס באַטראַכט מער ווי אַלעמאָל, אויסגע־טאָפּט איר יעדעס גלידעלע. עפּעס האָט זי איצט אויף איר קינד גע וואָלט זען איר יוספן, און אַריינקוקנדיק אין דעם קינדס אויגעלעך, האָט זי צעפרידן און מיט אַ שמייכל געזאָגט לאהן:

— דעם טאַטנס אויגן!.. אין די ליפּן און אין דעם גאַנצן מיילכל איז אויסגעגאָסן דער גאַנצער טאַטע!

— וואָס איז מיט דיר איצט, בעטיע, וואָס דו קוקסט זיך אַזוי אַריין אין דיין קינד, ווי גלייך דו זעסט עס דאָס ערשטע מאָל! — האָט זיך לאה אָנגערופן.

— איך וויל זען יוספן, לאה. איך וויל זען מיין מאַן. איך האָב שוין אַזוי לאַנג אים נישט געזען, אַז איך האָב באַלד שוין

פאַרגעסן, ווי ער זעט אויס!, אוי לאה, לאָה! ווען דו זאָלסט קאָנען אַריינקוקן טיף־טיף אין מיין האַרצן!... ווען דו זאָלסט קאָנען!...

בעטיעס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, און לאה, קוקנ־דיק אויף איר, האָט שטיל זיך צעוויינט און אָנגעהייבן ווישן די טרערן.

— וויין נישט, מיין טייערע, געטרייע לאה. איך קאָן מיט דיר קיינמאָל נישט רעדן וועגן מיין פאַרביטערט האַרץ, באַלד הייבסטו אָן צו וויינען.

— ווי קאָן איך נישט וויינען, אַז איך זע טרערן אין דיינע אויגן. איז דען מיין האַרץ אַ שטיין?

בעטיע האָט זיך אַ כאַפּ געטון און אויף גיך אויסגעווישט אירע אויגן, פאַרענטפערנדיק זיך דערביי:

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז איך בין פאַרוויינט... די טרערן גייען שוין אַליין ביי מיר און איך ווייס אַליין נישט... אוי, לאה! ווו נעם איך אַזאַ האַרץ-פריינט, וואָס זאָל מיר געבן אַ גוטע עצה, צי זאָל איך אַוועקפאָרן פונדאַנען? מיר איז דאָ אַזוי ביטער און שלעכט צו וואַרטן און וואַרטן אויף מיין מאַן, נישט זעענדיק קיין סוף!

— דו האָסט דאָך שוין ביי זיך באַשלאָסן אַ ביסל זיך דורכצו־פאָרן צו דיין מאַן... מילא, פאָר! צו אַ מאַן פאָרט מען איבער ימים און טייכן, אפילו קיין אמעריקע! הלוואי וואָלט איך ערגעץ געהאַט אַ מאַן, וואָלט איך געפאָרן אפילו אין עק וועלט אַריין! פאָר זיך דורך, בעטינקע, וועט דיר גרינגער ווערן, און מיט גיטעלען מעגסטו זיכער זיין, אַז עס וועט איר גאָרנישט פעלן. איך וועל זי אָפּהיטן, ווי מיינע אויגן אין קאָפּ. קאָנסט פאָרן געזונטערהייט און זיין רויק.

— ווער רעדט דערפון, מיין טייערע לאה, ווער טראַכט דערפון? איך בין גאַנץ רויק, ווייל דו ביזט נישט נאָר מיין קינד אַ מאַמע, נאָר מיר אויך אַ מאַמע!

און בעטיע האָט אַרומגענומען לאהן, זי האַרציק געקושט און לאַנג געטוליעט זי צו איר האַרצן.

און לאה האָט דערביי נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען:

— פאָר, פאָר געזונטערהייט, בעטינקע. וואָס שרעקסטו זיך אַזוי? דו פאָרסט דאָך נישט אַליין. דו פאָרסט דאָך מיט לעאָנען. ער איז דאָך אַזאַ לייטישער יונגערמאַן, אַ גאָלדענער מענטש איז ער:

פּאַרוואָס זאָלסטו עס אָפּלייגן, ווען עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דו קאָנסט פאָרן!

לאָזה האָט דאָס קינד אַריינגעלייגט אין בעטעלע. בעטיע האָט עס איצט מער ווי אַלעמאָל, געקושט, געהאַלדזט, נישט אויפגעהערט אַריינצוקוקן אין פּנימל און געזוכט אין איר קינד איר יוספן, וועלכן זי האָט געוואָלט אין איר פאָרשטעלונג זען קלאָרער און דייטלעכער.

ווען בעטיע איז אַרויסגעגאַנגען פון קינדערצימער, האָט זי באַגעגנט אַ דינער, וועלכער האָט איר געזאָגט, אַז ברעטמאַן, דער-ווויסנדיק זיך, אַז זי שלאָפט נאָך נישט, בעט זייער, אַז זי זאָל אַריינקומען צו אים, ווו ער וואַרט אויף איר.

— זאָג אים, אַז איך גיי שוין שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר זיך זען! — האָט בעטיע האַסטיק געענטפערט דעם דינער און איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער, ווו זי האָט הינטער זיך פאַרשלאָסן די טיר.

* *
*

אויף מאָרגן האָט ברעטמאַן איינגעלאַדן בעטיען אויף אַ געשפּרעך זיי זענען אַרויס אויפן באַלקאָן.

בעטיע מיט ברעטמאַנען זענען געזעסן אויף דעם באַלקאָן און האָבן געשוויגן. זי איז געווען בלאַס און איבערגעשראָקן און ער איז געזעסן, ווי אַ האַלב דערשלאָגענער.

איינער האָט געוואַרט, אַז דער צווייטער זאָל אָנהייבן צו רעדן. יעדן איז שווער געווען אַ וואָרט אַרויסצולאָזן.

בעטיעס איינציקער ווילן איז איצטער געווען אַוועקצוגיין אין איר צימער און זיך פאַרשליסן, אַז זי זאָל קיינעם פאַר זיך איצט נישט זען. נאָר זי האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט דעם אַלטן ברעטמאַנען איבערלאָזן אַליין אין אַזאַ לאַגע.

זי האָט מורא געהאַט אים איצט איבערצולאָזן אַליין. זי האָט געפילט, ווי שטאַרק ער ליידט איצט, און זי האָט געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ געפערלעכן קראַנקן, וואָס ביישיקט זיך אין הילף און מען טאָר אים נישט איבערלאָזן אַליין.

מיט פיל רחמנות צו אים האָט זי זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות און געבליבן ווייטער זיצן צוזאַמען מיט אים.

זי האָט געוואָרט, אַז פון זייער ערנסטן שמועס זאָלן זיי אײַ־בערגיין אויף עפּעס אַנדערש. זי האָט געזוכט אָנהייבן צו רעדן וועגן אַנדערע זאַכן, נאָר עס איז איר אומעגלעך געווען.

איין וואָרט האָט זיך בײַ איר נישט געקלעבט צום צווייטן און זי האָט ווייטער געשוויגן, אָבער זי האָט בײַ זיך נאָך פעסטער באַשלאָסן, אַז ווען ברעטמאַן וועט ווידער אָנהייבן צו רעדן וועגן זיין ליבע צו איר, זאָל זי פאַר קיין זאַך זיך נישט אָפּשרעקן און אַרויס־זאָגן דעם גאַנצן אמת, מיט קיין זאַך זיך נישט מאַסקירן, קיין זאַך נישט באַהאַלטן.

איצט האָט איר זייער באַנג געטון, פאַרוואָס זי האָט געמאַכט פעלערן פריער. פון אָנהייב אָן האָט זי אים באַדאַרפט זאָגן דאָס, וואָס זי וויל אים איצט זאָגן און דאָס, וואָס עס איז בײַ אים דערגאַנגען אַזוי ווייט, האָט זי זיך אַ סך אַליין באַשולדיקט.

ענדלעך האָט ברעטמאַן זי שטיל געפרעגט:

— וואָס זשע איז בײַ דיר געבליבן?

— איך פאָר אַוועק!

— דו ווילסט פאַרלאָזן מיין הויז? איך רעד שוין נישט וועגן מיר, נאָר וועגן מיינע קלענערע קינדער, זיי בלייבן אַליין...

בעטיע האָט אַ ציטער געטון און זיך אָנגערופן:

— ווען עס זאָל נאָר גיין אין אייערע קינדער, וואָלט איך אַ מינוט נישט געטראַכט און געבליבן. איך מוז אייך אָבער זאָגן גאַנץ אָפן, אַז איר מיינט נישט אינגאַנצן אייערע קינדער און דעריבער מוז איך אַוועק פונדאַנען. איך האָב עס שוין פון לאַנג באַדאַרפט טון! פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען איר האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איך זאָל חתונה האָבן מיט אייך, האָב איך דאָ נישט געטאָרט בלייבן איין טאָג און געדאַרפט פאַרלאָזן אייער הויז. און טאַקע צוליב אייערע קינדער, צוליב אייער הויז, צו וועלכן איך בין אַזוי צוגעבונדן, בין איך געבליבן, האָפנדיק, אַז ווען איר וועט זען, אַז איך טראַכט נישט וועגן חתונה האָבן, וועט איר זיך עס אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. צום סוף הערט איר נישט אויף צו טראַכטן וועגן דעם.

— איך וועל וועגן דעם מער אַ וואָרט נישט דערמאָנען,—האָט ברעטמאַן זיך אָנגערופן, ווי גלייך עס איז גאָרנישט געשען.

— איך גלויב אייך אָבער מער נישט. איר וועט אפשר טאַקע מער נישט רעדן מיט מיר וועגן דעם, אָבער טראַכטן וועט איר!

איך זאָג אייך ווידער גאַנץ אָפן: איך האָב אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַר אייך... איך קען דאָ נישט בלייבן...

— מורא? פאַר וועמען? פאַר מיר?

— פאַר אייך!

— פאַר מיר? וואָס בין איך עפּעס אַ גזלן?

— איך זאָג עס נישט... נאָר איך האָב מורא, איר זענט פאַרליבט, ווי אַ יונגערמאַן און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ משוגעתן עס קענען אייך נאָך איינפאַלן. איר זאָגט אַליין, אַז דעם נייעם פּאַלאַץ, וואָס קאָסט אייך אָפּ אַ פאַרמעגן, האָט איר צוליב מיר אויסגעבויט און אַז אויך דאָס, וואָס איר האָט מיט אייער אייגענעם ווילן באַפרידיקט די אַרבעטער און בויט פאַר זיי אַ שולע, וואָס עס וועט אָפּקאָסטן אפשר נאָכמער, ווי דער פּאַלאַץ, האָט איר עס אויך געטון צוליב מיר, ווייל איר האָט געוווסט, אַז עס וועט מיר געפעלן... צו וואָס טוט איר דאָס אַלץ? איר ווילט מיר באַווייזן, אַז איר האָט מיך באמת ליב—צו וואָס? איך גלויב אייך דען נישט? אָבער איך טראַכט גאָרנישט וועגן חתונה האָבן, נישט נאָר מיט אייך, נאָר מיט קיינעם נישט!

— שוין זשע ווילסטו פאַרזיצן, וועסט קיינמאָל נישט חתונה האָבן?

— איך זאָג עס נישט. איך ווייס נישט, וואָס עס קאָן נאָך מיט מיר פאָרקומען אין לעבן... און ווען עס וועט יאָ קומען אַ צייט, ווען איך וועל אָנהייבן צו טראַכטן וועגן חתונה האָבן, וועל איך נישט פאַרבינדן מיין לעבן מיט אַ מענטשן, וואָס איז עלטער פאַר מיר מיט אַ יאָר דרייסיק און אפשר נאָכמער...

— איך ווייס, אַז אַזאַ מיידל, ווי דו, קאָן אין יעדער צייט חתונה האָבן פאַר אַ יונגנמאַן. אָבער אַזאַ עשירות, וואָס איך פאַרמאָג... דאָס אַלץ וועט דאָך זיין דיינס! אַ יונגערמאַן וועט דיר נישט געבן אַזאַ רייך לעבן, ווי איך!

— זעט, הער ברעטמאַן, ווי איר קאָנט נישט געוועלטיקן איבער זיך אַליין. אָט נאָר וואָס האָט איר אַליין געזאָגט, אַז איר וועט מער קיין וואָרט נישט רעדן וועגן דעם און איר האָט שוין פאַרגעסן און רעדט! וועל איך אייך איינמאָל פאַר אַלעמאָל ענטפערן, אַז אייערע אַלע מיליאָנען האָבן ביי מיר קיין ווערט נישט, ווייל איך פאַרשטיי „גליק" און „לעבן" גאָר אַנדערש. איך זוך נישט קיין פּאַ-

לאַצן און קיין רייך לעבן, און ווען איך וועל דאַרפן אַמאָל חתונה האָבן, וועל איך פאַרבינדן מיין לעבן נאָר מיט אַן אָרנטלעכן מאַן, וועלכער וועט מיר געפעלן. איך וועל זיך קיינמאָל נישט אינטערע-סירן, צי ער איז רייך, אָדער נישט. ער דאַרף מיר נאָר זיין צום האַרצן...

— וואָס זשע זאָל איך טון, ווען איך בין אַזוי אומגליקלעך אָן דיר! — האָט ער מיט אַ וויינענדיק קול כמעט אויסגעשריגן.

— די בעסטע זאַך וועט זיין, ווען איך וועל אַוועקפאָרן... איר וועט, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, מוזן פאַרגעסן און אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט? און אפשר וועט איר אין דער צייט צייט באַגעגענען אייער גלייכן און איר וועט חתונה האָבן?

בעטיע איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן, געטראַכט וועגן עפּעס. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעכאַפּט פון איר אָרט, ווי אויף אַוועקצוגיין און זיך אָנגערופן צו ברעטמאַנען:

— מער רעד איך נישט און מער וויל איך נישט הערן, וואָס איר וועט רעדן צו מיר וועגן דעם! און אויב איר ווילט, איך זאָל פון אייער הויז נישט אַנטלויפן, נאָר רויק אַוועקפאָרן, זאָלט איר מיר מיט קיין וואָרט נישט דערמאָנען וועגן דעם. פון מאָרגן אָן וועל איך זיך צו ביסלעך אָנהייבן איינפּאַקעווען און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אַוועקפאָרן. אויב אָבער איר וועט ווידער אָנהייבן צו רעדן, וועל איך נישט וואַרטן קיין איבעריקן טאָג און נאָך מאָרגן וועל איך פון אייך אַנטלויפן, און איר וועט אפילו נישט ויסן, ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען! עס איז מיר נמאס געוואָרן די גאַנצע געשיכטע—גענוג!

ברעטמאַן האָט זיך אויפגעהייבן פון זיין אָרט, אַ דערשראָקע-נער, און מיט אַ ציטעריק קול זיך אָנגערופן:

— דאָס לעצטע מאָל וועל איך מיט דיר רעדן וועגן דעם... דאָס לעצטע מאָל...

בעטיע האָט געמאַכט אַ טריט אַוועקצוגיין, נישט וועלנדיק אים מער הערן.

— דו מוזט מיך אויסהערן, בעטיע! דו וועסט נישט זיין אַזוי שלעכט! אַ פאַרברעכער, וואָס האָט דערהרגעט אַ מענטשן, גיט מען אויך דאָס לעצטע וואָרט צו זאָגן.

בעטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— זאָגט... רעדט!

ברעטמאַן, פילנדיק זיך שוואַך, האָט זיך צוריק אַװעקגעזעצט אויף זיין אָרט און געוואָלט אָנהייבן רעדן, נאָר דאָ איז פּלוצים אַרויף אויפן באַלקאָן ליזע מיט מאַרקן, װעלכע זענען די טעג געקומען.

— אַ גוטן אָװנט, טאַטע! אַ גוטן אָװנט, בעטינקע!

דעמזעלבן „גוטן אָװנט" האָט אויך געזאָגט מאַרק.

און אויף דעם באַלקאָן האָבן גענומען קלינגען יונגע גליקלעכע געלעכטערס...

קאפיטל זיבן.

איר אייגציקער פריינט.

ברטמאַנס טאָכטער ליזע מיט איר חתן מאַרק, זענען געקומען פון קיעוו צו גאַסט צום פאָטער, און מיט זיי צוזאַמען איז אויך געקומען זייער פריינט, דער סטודענט לעאָן ריזמאַן, וועלכער איז פון דער ערשטער מינוט אָן ווי צוגעבונדן געוואָרן צו בעטיען.

שיין, אינטעליגענט, פול מיט לעבן, מיט אַ גרויסן רעדנער-טאַלענט, האָט ער באַלד צוגעצויגן צו זיך אויך די אויפמערקזאַמקייט פון בעטיען, וועלכע האָט מיט אים פאַרבראַכט די אָוונטן און ער פלעגט שטענדיק זיצן מיט איר צוזאַמען ביים טיש.

עס האָט זיך אָנגעהייבן שפּירן אַן אינטימע קעגנזייטיקע באַציונג צווישן זיי...

דאָס האָט, נאַטירלעך, באַמערקט דער אַלטער ברעטמאַן, וועלכער איז געוואָרן זייער אייפערזיכטיק און צום סוף איז אויך געקומען צו סכסוכים צווישן אים מיט ליזען און מאַרקן. אויף לעאָנען האָט ער רויק נישט געוואָלט קוקן.

בעטיע, פון איר זייט, האָט דערקלערט לאהן, אַז זי נעמט זיך אונטער צו מאַכן שלום אין שטוב און ערשט דעמאָלט וועט זי אָפּפאָרן.

— איך וואָלט געוואָלט דיך פרעגן, ווי וועט זיין, אַז דו וועסט נישט קענען מאַכן שלום צווישן זיי, וועסטו נישט אַוועקפאָרן?

— ווי קען עס זיין, איך זאָל נישט פאָרן? דו ווייסט דאָך, אַז איך מוז עס טון!

בעטיע האָט באמערקט אין לאהס אויגן אַ פריילעך פייערל פון האָפענונג, אַז זי וועט בלייבן, נאָר פון איר ענטפער האָט זיך דאָס פייערל ווידער פארלאָשן, און בעטיע האָט איר צום הונדערטסטן מאָל ווידער אָנגעהייבן דערקלערן:

— דו ווייסט דאָך, אַז איך קען דאָ מער נישט בלייבן. אַלע האַלטן מיך דאָ פאַר אַ מיידל, וואָס דאַרף ערשט אַ כלה ווערן. כמעט יעדער יונגערמאַן, מיט וועלכן מיר קומט דאָ אויס זיך צו באַקענען, שדכנט זיך צו מיר, צו מיין גרויסן אומגליק! מילא, פון די יונגע־לייט קען מען זיך, ווי עס איז אויסדרייען, נאָר וואָס טוט מען מיט אַזאַ יונגנמאַן, ווי לעאָן, וועלכער גייט מיר נאָך, ווי אַ שאָטן, הערט נישט אויף צו רעדן, אַז ער קען אָן מיר נישט לעבן און סטראַשעט מיך, אַז ער וועט זיך נעמען דאָס לעבן?..

זי האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ווייטער געזאָגט:

— איך פרעג דיך, לאה, וואָס קען איך אַזאַ יונגנמאַן ענט־פערן? ער איז יונג, שיין, קלוג, געבילדעט, אַז עס איז אַ גרויס פאַרגעניגן זיך צו געפינען אין זיין געזעלשאַפט. דערצו איז ער פון אַ לייטישער פאַמיליע און פון זייער רייכע עלטערן, און פאַר דיר זאָג איך גאַנץ אָפן, אַז ווען איך בין אַ מיידל און וואָלט נישט גע־קענט מיין טייערן יוספן, וואָלט איך זיין ליבע צו מיר געשעצט פאַר אַ גליק, וואָס טרעפט זיך מיט אַ מיידל זייער זעלטן, אָבער ביי אַזאַ לאַגע, וואָס קען איך אים ענטפערן? די לעצטע צייט האָב איך אָנ־געהייבן מורא צו האָבן פאַר לעאָנען..

— וואָס הייסט מורא האָבן, ער איז עפּעס אַ גזלן, צי וואָס? ער איז דאָך אַזאַ איידעלער, לייטישער יונגערמאַן, און אַזאַ שטי־לער, אַז קיין פליג אויף דער וואַנט וועט ער נישט טשעפּען, און דו האָסט מורא!

— איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי דיר עס צו זאָגן, נאָר איך האָב מורא, פונקט אַזוי ווי עס איז פאַראַן אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן מורא, צו זיין אַליין אין אַ צימער, אָדער שלאָפן ביינאַכט אינדער־פינסטער, כאָטש אַרום אים געפינען זיך אייגענע מענטשן. איך האָב אין די לעצטע צייטן אויך אַזוי אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַר לעאָנען.

— דו האָסט דאָך מיך אַמאָל געזאָגט, אַז דו ווילסט פאָרן מיט אים קיין פעטערבורג און דורך זיינע באַקאַנטע זען פאַר דיר

באַקומען פּאַפּירן, דו זאָלסט מעגן פאָרן צו דיין מאַן קיין אויסלאַנד. ווי אַזוי זשע ווילסטו פאָרן מיט אַ מענטשן, פאַר וועלכן דו האָסט מורא?

— זאָל גאָט אָפּהיטן! — האָט זיך בעטיע אַ כאַפּ געטון. — איך פאָר נישט מיט אים. איך פאָר אַליין...

— אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק וואַקסט ביי דיר אויס עפּעס נייס! — האָט לאזה דערויף געענטפערט.

— גאָרנישט קיין נייס! די לעצטע צייט האָב איך אַזוי באַ-שלאָסן, זיך באַפרייען מיטאַמאָל פון אלע, און איך האָב עס פאַרגעסן דיר צו דערציילן...

— ווי אַזוי וועט עס אַזאַ יונג שיין ווייבל, ווי דו, זיך אַוועק-לאָזן אַליין אויף דער וועלט?—האָט לאה געפרעגט, אַ דערשראָקענע.— און ווי אַזוי וועסטו אָן אַ מאַנסביל באַקומען פּאַפּירן, אַז דו זאָלסט מעגן פאָרן קיין אויסלאַנד?

— זאָלסט גאָר קיין מורא נישט האָבן פאַר מיר, מיין טייערע, אַליין וועל איך בעטן ביי די מיניסטאָרן, מען זאָל מיר העלפן צו באַקומען אַזעלכע פּאַפּירן.

— דו ווייסט, וואָס מיר איז איינגעפאַלן, בעטיע? איך האָב מורא, אַז די מיניסטאָרן, ביי וועלכע דו וועסט בעטן, דערזעענדיק אַזאַ שיין יונג ווייבעלע, וועלן ווידער זיין אַזעלכע, וואָס וועלן זיך אין דיר פאַרליבן, און דו וועסט האָבן נייע צרות. נישקשה, כ׳בין אויך אַמאָל געווען יונג און שיין און איך ווייס, וואָס עס הייסט בעטן אַ טובה ביי אַ מאַנסביל... איבער זיי בין איך טאַקע אומגליק-לעך געוואָרן אויף מיין גאַנץ לעבן...

בעטיע האָט זיך צעלאַכט און פאַרזיכערט לאהן, אַז קיינער וועט זיך אין איר שוין מער נישט פאַרליבן.

— וואָס הייסט? ווי אַזוי וועסטו קאָנען זיין זיכער פון אַזאַ אומגליק?

— איך וועל נישט דערלאָזן, און שוין!

— נישט דערלאָזן... — האָט לאה זיך געוווּנדערט.

— יאָ, נישט דערלאָזן... לעאָן האָט מיך אָנגעלערנט, און איך מוז זיך פאַר דיר מודה זיין, אַז איך בין אין דעם אויך אַ ביסל שולדיק: איך וועל עס מיר קיינמאָל נישט שענקען.

— וואָס הייסט, דו ביזט שולדיק? האָסט אים עפּעס געזאָגט?

— וואָס האָב איך אים געהאַט צו זאָגן? איך האָב אים גאָר־נישט געזאָגט.

— וואָס זשע דען ביזטו שולדיק, ווי דו זאָגסט אַליין, אַז דו וועסט דיר קיינמאָל נישט מוחל זיין? עפּעס מוז דאָך זיין!

— איך וואָלט עס דיר נישט דערציילט, לאה. נאָר אַזוי ווי איך פאָר אַוועק, וויל איך, דו זאָלסט זיין רויק, און פון קיין זאַך נישט איבערטראַכטן. דו ווייסט דאָך, ווי מיר לעבן דאָ אין אַ וואַלד, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן, מיט וועלכן מען זאָל קענען אַ וואָרט רעדן, און ווען עס ווערט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט צו אונדז אַ מענטש, וועסטו מער נישט הערן, ווי ער רעדט פון מסחר, וועגן קוילן, האָלץ, און פאַרשידענע פאַבריק־אויסאַרבעטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע מענטשן זענען מיר נמאס געוואָרן, און ווען עס קומט מיר אויס, אַז איך מוז מיט זיי רעדן אַ פּאָר ווערטער, איז עס ביי מיר אַן אמתע אָפּקומעניש. נו, פליען אַזוי דאָ אַוועק די יונגע יאָרן אין וויסטעניש! מיין מאַן האָב איך שוין נישט געזען עטלעכע יאָר, און אָפט ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך בין שוין אַלט געוואָרן, וואַרטנדיק אַזוי לאַנג אויף מיין יוספן.

בעטיען האָט זיך עפּעס איבערגעהאַקט אין האַלדז. זי האָט זיך אויסגעהוסט און ווידער אָנגעהייבן:

— נו, און פּלוצים אין אונדזער מדבר, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט פּוסטע וועלדער, האָט זיך, ווי פון הימל אַראָפּגעלאָזט אַ יונגער־מאַן פון דער גרויסער וועלט, שיין, קלוג, געבילדעט און פול מיט יונג לעבן! דערזעענדיק אים און צערעדנדיק זיך אַ פּאָר שעה ביי אונדזער באַגעגעניש, בין איך אַליין אויפגעלעבט געוואָרן און דער־מאָנט זיך, אַז כ׳בין נאָך אַזוי יונג און נאָך פאַר זיך די וועלט אַפילו נישט געזען! און איך וועל פאַר דיר נישט לייקענען, עס זע־נען געווען מינוטן, ווען איך האָב פאַרגעסן אין מיין מאַן, וועלכן איך האָב אַזוי ליב! אין מיין יוספן האָב איך מינוטנווייז פאַרגעסן, דו הערסט, לאה? אין מיין יוספן!

לאה האָט מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם געהערט און זיך גע־שראָקן פאַר יעדן וואָרט, וואָס בעטיע האָט אַרויסגעלאָזט פון איר מויל.

— איך בין זיך מודה, אַז איך האָב פאַרגעסן, — האָט בעטיע ווייטער גערעדט. — אַזוי רייצנדיק איז פאַר מיר געווען לעאָן מיט

זיין רעדן און באַנעמען זיך. אַ גאַנצער פרישער קוואַל פון לעבן האָט זיך געגאָסן פון זיין מויל. ער האָט געשאָטן נישט מיט קיין ווערטער, נאָר מיט פּערל!

בעטיע האָט ווידער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און געשוויגן. לאה איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל און געוואָלט ווייטער הערן, נאָר נישט האָבנדיק קיין געדולט, ביז בעטיע וועט ווידער אָנהייבן צו רעדן, האָט זי מיט אַרויסגעשטעלטע אויגן פון גרויס נייגעריקייט געפרעגט דערשראָקן:

— און וואָס איז געווען דער סוף?

— וואָס פאַר אַ סוף, ווילסטו, זאָל זיין? — האָט בעטיע געענט־פערט מיט אַ שמייכל.

— איך ווייס, היינטיקע צייטן, אַ יונגערמאַן, וואָס איז דיר אַזוי שטאַרק געפעלן!... קאַרג אומגליקן טרעפן זיך אויף דער וועלט!

בעטיע האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, קוקנדיק אויף לאהן, ווי אַזוי זי שרעקט זיך און וויל טרעפן „וואָס איז געווען דער סוף?"

— איך פאַרשטיי דיך נישט, בעטיע, אַזאַ אומגליק און דו הערסט נישט אויף צו לאַכן!

בעטיע האָט זיך נאָך העכער צעלאַכט.

* * *

בעטיע איז מיטאַמאָל טרויעריק געוואָרן און מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופן צו לאהן:

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. ווי אַזוי עס איז, וועל איך זיך קענען באַהערשן. איך האָב צופיל ליב מיין יוספן, כאָטש איך דאַרף אויף אים אַזוי לאַנג וואַרטן, נישט ווייסנדיק, ווען עס וועט צו מיינע ליידן בעמען אַ סוף, נישט ווייסנדיק, ווען מיר וועלן זיך אַמאָל זען. איך האָב שוין כמעט ווי פאַרגעסן זיין געשטאַלט, ווי ער זעט אויס, נאָר איך וועל אַלץ איבערלעבן! מיין גרעסט אומגליק איז אָבער, וואָס דער אַלטער ברעטמאַן, מיין יוספס פאָטער, מיין שווער, נישט ווייסנדיק, אַז איך בין זיין זונס פרוי, זיין שנור, זיין קינד, איז משוגע פאַרליבט אין מיר און איך קען אים נישט באַשולדיקן. עס

טרעפט זיך, אַז אַ מיליאָנער האָט חתונה פאַר אַן אָרעם מיידל, כאָטש זי האָט אים נישט ליב, נאָר דערפאַר שיט ער זי אָפּ מיט גאָלד, אַזוי רעכנט ער. היינט פאַרוואָס זאָל איך מיט אים נישט חתונה האָבן? איך וואָלט שוין דאָ אין הויז לאַנג נישט געווען. איך געפין זיך דאָ צוליב מיין קינד. נאָר איצט איז אומעגלעך, איך זאָל דאָ ווייטער אַן איבעריקן טאָג בלייבן.

בעטיע האָט זיך פאַרטראַכט און זיך אָנגערופן:

— גלויב מיר, לאה, ווען נישט מיין יוסף, ווען איך זאָל נישט וועלן אויסזען, וואָס שענער פאַר מיין מאַן אין די אויגן, ווייסטו וואָס איך וואָלט געטון?

— פונוואַנען זאָל איך וויסן? — האָט לאה געענטפערט.

— איך וואָלט מיין פּנים אָפּגעגאָסן מיט אַ שאַרפער זאַך, איך זאָל ווערן געשטופּלט און אויסזען מיאוס...

— דו ביזט משוגע געוואָרן! — האָט לאה אויסגעשריגן.

— איך בין גאָרנישט משוגע, איך וואָלט עס געטון מיט אַ גרינג האַרץ, ווייל פון קינדווייז אָן האָב איך נאָר צרות פון מיין שיין פּנים. איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, אַז מיין שיינקייט איז פאַר מיר די גרעסטע קללה, איך קען עס מער נישט איבער-טראָגן.

— איך בעט דיך, בעטיע, — האָט לאה איר איבערגעשלאָגן,— הער אויף צו רעדן נאַרישקייטן, מען קען חלשן פון דיינע רייד. נאָך גוט, וואָס דו זאָגסט עס פאַר מיר, נישט פאַר קיין אַנדערן.

— ווי קען איך וועגן אַזעלכע זאַכן רעדן מיט אַן אַנדערן? דו ביזט די איינציקע, פאַר וועלכער איך קען אויסגיסן מיין שווער ביטער האַרץ.

— אָבער אפילו מיט מיר דאַרפסטו אויך נישט רעדן אַזעלכע נאַרישקייטן, דו טאָרסט וועגן דעם נישט טראַכטן.

לאה האָט זיך פלוצים צעלאַכט.

— וואָס איז פאַר אַ געלעכטער?

— איך לאַך פון דיר, פון דיינע נאַרישע רייד, ווי דו ווילסט נישט זיין שיין. ווייסטו דען נישט, אַז ווען דו זאָלסט נישט זיין אַזוי שיין, וואָלט דיין יוסף זיך אויך אין דיר נישט פאַרליבט און וואָלט מיט דיר נישט חתונה געהאַט? היינט פאַרוואָס זאָל איך נישט לאַכן, ווען דו רעדסט אַזעלכע נאַרישקייטן! שיינקייט איז אַ מתּנה,

אַ ברכה פון גאָט. אַלע וואָלטן זיך געפילט פאַר די גליקלעכסטע אין דער וועלט, ווען זיי זאָלן זיין שיין... אַ האַלב לעבן, גאַנצע פאַר־מעגנס וואָלטן מענטשן אַוועקגעגעבן זיי זאָלן קענען ווערן אַזוי יונג און שיין, און דו זוכסט אַלערליי מיטלען, ווי אַזוי גאָר צו ווערן מיאוס!

לאה האָט זיך ווידער צעלאַכט און געזאָגט:

— איך גלויב דיר נישט, בעטינקע, אַז דאָס, וואָס דו האָסט גערעדט, מיינסטו ערנסט... גלאַט דו חנדלסט זיך פאַר דיין לאהן און רעדסט נאַרישקייטן!

— איך מיין עס, לאה, גאַנץ ערנסט. דאָס, וואָס דו האָסט גע־זאָגט, איז אפשר אמת, איך וועל דיר דאָס נישט לייקענען! נאָר ווען אַן אַנדערער וואָלט דאָס גאַנצע לעבן אזוי געליטן פון שיינקייט, ווי איך, וואָלט מען מיר געגלויבט. באַרעכן נאָר: ווען איך בין נאָך געווען אַ פּיצל קינד, האָבן מיך ציגיינער אַוועקגעגנבעט, שפּעטער האָט מען מיך אין מאָנאַסטיר פאַרנאַרט און פון זינט איך בין אויס־געוואַקסן ביז איצט, וועל איך דיר נישט דערציילן, ווייל דו ווייסט, וואָס עס קומט פאַר מיט מיר. וויפל ליידן, וויפל צרות! און איצט בין איך געצווונגען צו אַנטלויפן פון מיין אייגן קינד, פון מיין היים, וועלכע איך טאָר פאַר קיינעם נישט אָנרופן היים. און איבער וואָס לייד איך אַזויפיל, אַז נישט איבער מיין שיין פּנימל!

— נו, גענוג! — האָט לאה איבערגעשלאָגן. — איך וויל מער נישט הערן קיין נאַרישקייטן!

בעטיע האָט שוין אָנגעהייבן אוועקגיין, נאָר פּלוצים האָט לאה איר נאָכגעשריגן:

— קום נאָר אַהער, בעטיע, איך האָב דיר גאָר פאַרגעסן צו זאָגן. מיט דיין אַוועקפאָרן האָסטו מיר אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז איך געדענק גאָרנישט! איך האָב פאַרגעסן, אַז גייענדיק פון דער פּאָסט, האָב איך דיר געבראַכט אַ בריוו, דאַכט זיך, אַז פון יוספן.

בעטיע איז אַן אויפגעקאָכטע אַריינגעלאָפן צוריק אין לאהס צימער און געכאַפּט דעם בריוו, נישט אויפהערנדיק צו רעדן:

— אין אַזאַ בריוו פאַרגעסט מען! די אויגן קריכן מיר אַרויס פון קאָפּ און זי פאַרגעסט!

לאה איז געשטאַנען, ווי אַ פאַרשולדיקטע און אויך נישט אויפ־געהערט רעדן צו זיך:

—איך האָב דען אַ קאָפּ, אַז איך זאָל עפּעס געדענקען? אַז בעטיע אַליין פאַרדולט מיר דעם קאָפּ... אַזאַ שיין פּנים וויל זי אָפּגיסן מיט שאַרפן וואַסער, זי זאָל ווערן מיאוס... פון דעם אַליין קען זיך מיר דער קאָפּ פאַרדרייען, און זי וויל, איך זאָל אַלץ געדענקען...

בעטיע האָט קיין איינציק וואָרט נישט געהערט, וואָס לאה האָט צו זיך גערעדט. זי איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין יוספס קורץ בריוול, וועלכעס זי האָט שוין איבערגעלייענט עטלעכע מאָל און האָט עס נאָר געהאַלטן אין דער האַנט, דרייענדיק עס אויף אַלע זייטן.

— נו, וואָס שרייבט עפּעס יוסף גוטס? — האָט לאה שטיל געפרעגט.

— אַלץ דאָס אייגענע, קיין שום נייס, — האָט בעטיע מיט אַ פאַריסורימט געזיכט געענטפערט.—ער פילט זיך געזונט.

— אָבער וואָס שרייבט ער? — האָט לאה נאָך שטילער געפרעגט.

— אָט וועל איך דיר איבערלייענען. ער שרייבט אינגאַנצן עטלעכע שורות.

בעטיע האָט אָנגעהייבן לייענען:

„איך שרייב דיר היינטיקס מאָל זייער קורץ. דאָס צווייטע מאָל וועל איך מער שרייבן. איך פיל זיך געזונט און בין פול מיט האָפענונג, אַז עס וועט קומען די גליקלעכע צייט, ווען איך וועל פאָרן צו מיין פרוי און קינד. גריס פון מיר אונדזער טייערע לאה, וועלכע היט אָפּ דאָס קינד. זאָג איר, אַז איך שעץ זי, ווי אַן אייגענע מוטער.

דיין יוסף".

צום סוף בריוו שרייבט יוסף נאָכאַמאָל, אַז דאָס צווייטע מאָל וועט ער מער שרייבן.

לאה, הערנדיק דעם בריוו, האָט זיך פּלוצים אויף אַ קול צעוויינט.

— וואָס איז איצט פאַר אַ וויינען? עס פעלן מיר נאָך טרערן!

לאה האָט זיך געפּרוּווט איינהאַלטן פון וויינען, אָבער זי האָט נישט געקענט. ענדלעך האָט זי, כליפּענדיק, זיך אָנגערופן:

— איך וויין פון פרייד, דיין יוסף רופט מיך אָן מוטער... אַן אייגענע מוטער...

— נו, גענוג, לאה, וויינען!

לאה האָט אויסגעווישט אירע טרערן און געזאָגט מיט אַ שמייכלענדיק פּנים:

— דו וועסט זען, בעטינקע, ווען דיין מאַן וועט קומען, וועלן מיר זיך נאָך פרייען! אַ טייערער בריוו, אַ גאָלדענער בריוו!

— אוודאי אַ טייערער, יעדעס וואָרט איז טייער און דערהויפּט, וואָס ער שרייבט, אַז ער פילט זיך געזונט. נו, איך מוז לויפן אין פאַבריק, — האָט בעטיע געזאָגט, און אַרויסגעגאַנגען פון לאהס צימער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געשעפּטשעט צו זיך:

— איך פאַר קיין קיעוו.

קאַפּיטל אכט.

בייע האָפֿענונגען.

מיט דער גרעסטער אומגעדולט האָט בעטיע געוואָלט זען קיעוו וואָס פריער: זי איז זיכער געוועזן, אַז דאָרטן וואַרט אויף איר אַ חיכטיקער בריוו פון איר מאַן, ווייל וועגן איר פאַרלאָזן זיין פאָטערס הויז און די אַלע פלענער פון איר איצטיקער רייזע, האָט זי שוין לאַנג געשריבן יוספן און געבעטן, ער זאָל איר גלייך ענטפערן קיין קיעוו.

און אָנקומענדיק קיין קיעוו צען אינדערפרי, צוזאַמען מיט לייזען און לעאָנען, האָט זי אירע פעקלעך איבערגעגעבן ליזען, זיך געזעגנט מיט לעאָנען און אַליין גלייך אַוועק אויף דער פאָסט, ווו זי האָט דעם לאַנג דערוואַרטן בריוו באַקומען.

נישט האָבנדיק קיין געדולט צוצופאָרן צו ליזעס באַלעבאָסטע אויף איר סטאַנציע און דאָרטן רויק איבערלייענען דעם בריוו, האָט זי דאָ, אין פאָסט, זעצנדיק זיך אויף אַ באַנק, אָנגעהייבן לייענען:

„שטעל זיך פאָר, מיין טייערע, — האָט זיך מיט די ווערטער אָנגעהייבן דער בריוו, — אַז וועגן דעמזעלבן, וואָס דו האָסט מיר געשריבן, האָב איך אָנגעהייבן טראַכטן פון דער ערשטער מינוט אָן, זינט עס איז געוואָרן ביי אונדז דאָס גרויסע איבערקערעניש און רוסלאַנד ווערט איצט געפירט פון אַ נייער רעגירונג.

„צווישן דער נייער רעגירונג האָב איך אַ סך חברים, נאָך פון אונדזער אויסלענדישער קאָמפּאַניע. אייניקע פון זיי פאַרנעמען איצט אין דער רעגירונג גרויסע שטעלעס און זיי וועלן מער ווי אַלע פאַר-

שטיין, אַז זייענדיק אין רוסלאַנד, קען איך מיט מיין אַרבעט מער נוצן ברענגען, איידער דאָ. דו, מיין טייערע, האָסט עס אויף אַ וווּנדערלעכן אופן אַזוי פאַרשטאַנען, ווי איך.

„דיין פאָרן קיין פראַנקרייך איז, נאַטירלעך, איצט איבעריק.

„דו סטאַרע דיך בעסער, אַז מען זאָל מיך אַרויסרופן פון פראָנט און דענסטמאָל וועט אַלץ גוט זיין.

„נאָר וועגן דעם זאָלסטו אַרבעטן און בעטן ווו מען דאַרף.

„פאַר מיינע חברים און ווו דו וועסט דאַרפן בעטן, מען זאָל מיך אַרויסרופן קיין רוסלאַנד, זאָלסטו זיך פאָרשטעלן אַלס מיין פרוי. איצט, ווען דו געפינסט זיך שוין נישט אין מיין פאָטערס הויז, איז שוין נישטאָ קיין שום געפאַר פאַר אונדז. דאָך ביז איך וועל נישט קומען, דאַרף מען וועגן אונדזער חתונה צופיל נישט רעדן, עס זאָל נישט אָנקומען צו מיין פאָטער. און צו וואָס זאָל ער האָבן אומזיסטע יסורים, וואָס איך האָב חתונה געהאַט אָן זיין ווילן און ווּיסן? ווען איך וועל קומען אַהיים, וועל איך אים שוין אַלץ דערציילן. מיין פאָטער וועט אונדז מוזן מוחל זיין און עס וועט זיין שלום. אָן מיר אָבער, ווען ער וועט זיך דערוויסן, וועט ער זיך נעמען קאָכן און ווער ווייסט, וואָס עס קאָן דערפון אַרויסקומען".

שטראַלן פון גליק האָבן באַדעקט בעטיעס געזיכט, ווען זי האָט איבערגעלייענט די ווערטער אין בריוו, אַז זי דאַרף זיך פאַר זיינע חברים אין פעטערבורג פאָרשטעלן און זיך אָנרופן יוסף ברעטמאַנס פרוי.

זי האָט עפּעס דערפילט, ווי שווערע קייטן, אין וועלכע זי איז אַזוי לאַנג געווען געפּענטעט, האָבן זיך מיטאַמאָל צעריסן און זי האָט זיך באַפרייט. און זי האָט אָנגעהייבן צו אָטעמען גרינגער און פרייער.

צום סוף בריוו האָט יוסף אָנגערופן אַלע זיינע באַקאַנטע חברים, וועלכע געפינען זיך איצט אין פעטערבורג און דורך וועלכע מען קען האָפן דורכצופירן זייער פּלאַן, אַז מען זאָל אים אַרויסרופן אַהיים, ווו ער וועט קאָנען מער נוצן ברענגען פאַר דעם באַנייטן רוסלאַנד, ווי אויף דעם פראָנט.

געענדיקט לייענען איר מאַנס בריוו, איז זי גלייך אַרויס פון פאָסט און געפאָרן צו ליזען.

— ערשט דאָרטן וועל איך רויק איבערלייענען דעם בריוו! — האָט זי צו זיך געזאָגט און באַלד האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט

נישט פאַרלירן קיין איבעריקן טאָג. זי וועט זיך נאָר דאָ גוט אויסרוען און וועט גלייך אַוועקפאָרן קיין פעטערבורג.

קומענדיק צו ליזען, האָט בעטיע געזאָגט דער באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל איר געבן אַ גוט צימער אויף צוויי מעת לעת.

— וואָס? — האָט ליזע מיט גרויס פאַרווונדערונג געפרעגט. — פאַרוואָס נאָר אויף צוויי מעת לעת? דו ווילסט ערגעץ אַריבער־פאָרן צו אַ קרובה, אָדער צו אַ באַקאַנטע? לאָמיר בעסער וווינען דאָ צוזאַמען! — האָט זיך ליזע נישט אויפגעהערט צו בעטן.

— איבערמאָרגן פאָר איך אינגאַנצן אַוועק פון קיעוו!

— אַזוי גיך! — האָט ליזע אויסגעשריגן דערשראָקן! — איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט דאָ מיט אונדז פאַרברענגען צום ווייניקסטן אַ חודש. מיר האָבן דאָך דאָ אַזויפיל גוטע באַקאַנטע און פריינט. מיר וואָלטן דאָ אַזוי פריילעך פאַרבראַכט!

— ניין, מיין טייערע, איך מוז איבערמאָרגן פאָרן. איך קאָן אַן איבעריקן טאָג דאָ נישט בלייבן.

— וואָס זשע איילסטו זיך אַזוי, דיינע גרויסע שיפן אויפן ים גייען אונטער?

— יעדער האָט זיך זיינע שיפן, וועלכע מען דאַרף אַמאָל ראַטעווען פון אונטערגאַנג. איך קאָן דאָ לענגער נישט בלייבן.

בעטיע האָט די לעצטע ווערטער געזאָגט אַזוי פעסט, אַז ליזע האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז איבעריק מער וועגן דעם צו רעדן. עס האָט זי אָבער שטאַרק פאַראינטערעסירט, וואָס איז עס אַזאַ אייַלעניש פאַר אַזאַ יונג מיידל, ווי בעטיע איז?

עפּעס איז איר אויפגעקומען אויף דעם געדאַנק, וואָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ שמייכל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט, צי די באַלעבאָסטע איז שוין אַוועק און, איבערצייגנדיק זיך, אַז קיינער איז שוין נישטאָ, האָט זי מיט אַ געלעכטערל אַרומגעכאַפּט בעטיען און געפרעגט:

— איאָ, בעטינקע, דו ביזט אין עמעצן פאַרליבט? און איך וויל טרעפן, אַז דאָס, וואָס דו איילסט זיך אַזוי אַוועקצופאָרן, רופט דיך צו זיך דיין געליבטער... וואָרים וואָס אַנדערש קען אַרויסרופן אַזאַ גרויס אייַלעניש ביי אַ מיידל?

בעטיע האָט שמייכלענדיק זיך אָנגערופן:

— זאָג נאָר, ליזינקע, ווען דו האָסט זיך פֿאַרליבט אין דיין מאַרקן, האָסטו מיר עפּעס דערציילט?

— איך וויל גאָרנישט, אַז דו זאָלסט מיר דערציילן, — האָט ליזע זיך צעלאַכט,—איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, וואָס עס איז דאָס גרויסע איילעניש, ווייל איך האָב זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דו זאָלסט נישט זיין אויף מיין חתונה מיט מאַרקן, וועלכע ווערט אינגיכן פֿאָרקומען.

בעטיע האָט מיט טרערן אין די אויגן אַרומגעכאַפּט ליזען.

— מיין טייערע, איך וויל זיין אויף דיין חתונה, ווי איך וויל לעבן. איך מוז אָבער פֿאָרן! זאָרג זיך נישט! ווען איך וועל קומען צוריק, וועל איך גלייך פֿאַרפֿאָרן צו דיר. דו וועסט שוין האָבן אַן אייגענע וווינונג און איך וועל לענגער פֿאַרברענגען ביי דיר! זאָרג זיך נישט, מיין טייערע ליזענקע, מיר וועלן זיך נאָך אַלע צוזאַמען פֿרייען, אַ סך פֿרייען!

בעטיע איז פּלוצים אַזוי פֿריילעך געוואָרן, אַז זי האָט געכאַפּט ליזען און זיך געדרייט מיט איר אַ „וואַלס".

נאָך דעם טאַנץ האָט ליזע לאַכנדיק נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— בעטיע, דו ביזט פֿאַרליבט! אַזוי ווי איך בין אַ יידישע טאָכטער, אַז דו ביזט פֿאַרליבט!

— זאָל זיין פֿאַרליבט, אַבי עס וועלן נאָך זיין ביי אונדז אַ סך שמחות! — האָט בעטיע פֿריילעך געענטפֿערט.

קאפיטל נײן.

דער װינטער קומט—דער װינטער גײט אַװעק.

װען דער יונגער עולם איז אַװעקגעפאָרן פון ברעטמאַנס הױז, זײנען שױן געװען די לעצטע טעג פון סוף זומער.

באַלד האָט זיך אָנגעהײבן דער הערבסט מיט די גרױסע רעגנס, בלאָטעס און מיטן שװערן בלײערנעם הימל, װאָס האָט גע־פרעסט דאָס האַרץ.

דאָס ביסל מענטשן, װאָס זײנען געבליבן אין ברעטמאַנס הױז און די איבעריקע אײנװױנער פון דער פאַבריק־קאָלאָניע, װעלכע האָבן נישט באַדאַרפט גײן אין פאַבריק אַרבעטן, זײנען די גאַנצע טעג און װאָכן געזעסן בײ זיך אין שטוב איבער די שטענדיקע רעגנס און בלאָטעס, דורך װעלכע עס איז נישט מעגלעך געװען אַרױסצוגײן, װײל די בלאָטעס זײנען געװען ביז איבערן גאַרטל.

אפילו די געדולדיקע לאה פלעגט זיך אָפט קלאָגן פאַר די די־נער אין הױז:

— אַז מען קאָן דאָ בײ אײך משוגע װערן, און זינט דער עולם איז זיך צעפאָרן, זעט מען דאָ נישט קײן לעבעדיקן מענטשן, און קײן משוגענער הונט קומט נישט צו אונדז אין הױז!..

נאָר טרױעריקער און פאַרװאָלקנטער, װי דער הערבסט־הימל, האָט איצט אױסגעזען דער אַלטער ברעטמאַן. ער פלעגט זיך אַרומ־דרײען אַ שװײגנדיקער, אַמאָל רעדן אַ פּאָר װערטער מיט זײן פאַר־װאַלטער פערעלמאַן, אָבער נישט װעגן געשעפט, נאָר גלאַט אין דער װעלט אַרײן. די איבעריקע צײט פלעגט ער שװײגן אָדער עפּעס מורמלען צו זיך אַלײן.

מען האָט געזען, װי ער לײדט זײער פיל פון זײן עלנטקײט

און אַז עפּעס אַ בייזער וואָרעם נאָגט אים...

נאָך דעם רעש פון זייער אַוועקפאָרן האָט ער מיט אַ שרעקלעך בענקעניש נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן בעטיען. ער האָט ערשט איצט אָנגעהייבן פילן, ווי שטאַרק ליב ער האָט זי.

ערשט איצט האָט ער דערזען, ווי פול מיט לעבן עס איז געווען אין די צימערן, ווען בעטיע האָט זיך דאָ געפונען, און איצט איז זיין הויז אַ שוואַרצע טורמע געוואָרן פאַר אים.

אין איר אַוועקפאָרן האָט ער אָנגעהייבן באַשולדיקן זיך אַליין. ער האָט זי ווייניק אָפּגעשאַצט און איר ווייניק ליבע אַרויסגעוויזן. ער האָט זי געהאָדעוועט נאָר מיט ווערטער. ער האָט גאָר באַדאַרפט אַנדערש טון: אָט, אַשטייגער, וויסנדיק, אַז זי האָט ליב צו וווינען אין אַ גרויסער שטאָט, האָט ער באַדאַרפט קויפן אויף איר נאָמען איינס פון די שענסטע הייזער אין קיעוו, ביי די ברעגן פון אַלטן שיינעם טייך דניעפּער, אָדער אין אָדעס, אויף ניקאָלאַיעווסקי בולוואַר, קעגן דעם שוואַרצן ים, און איר דאָס הויז געבן אַלס מתּנה.

אין דערזעלבער צייט האָט אין אים געגאָגט אַ בייזער וואָרים, זייט ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי שרייבט זיך איבער מיט זיין זון יוסף.

וועגן דעם האָט ער זיך נישט געקאָנט באַרויקן, און נישט אויפגעהערט טאָג און נאַכט צו טראַכטן. גאַנצע נעכט איז ער נישט געשלאָפן און ער פלעגט גליען ווי אויף הייסע קוילן, אַז ער פלעגט ציטערן פון קעלט און היץ.

— ווער ווייסט, צו וואָס זייער איבערשרייבן זיך קאָן ברענגען! איך קאָן עס נישט דערלאָזן, אַז מיין איינציקער זון זאָל חתונה האָבן מיט בעטיען! איך מוז עפּעס טון דערצו. אַנדערש וועל איך זיך נישט קאָנען באַרויקן.

און דער בייזער וואָרעם אין אים האָט אַזוי לאַנג געגאָגט, ביז עס האָט אים אַרויפגעבראַכט אויף אַ שרעקלעכן געדאַנק: יוסף מוז באַקומען אַ בריוו, ווו עס זאָל זיין באַשריבן בעטיעס שלעכטע אויפפירונג: זי לעבט אָפן מיט זיין חבר לעאָן און וועגן נאָך מיאוסקייטן וועט ער שרייבן... און נאָר דאַן, ווען יוסף וועט אַזאַ בריוו באַקומען, וועט ער זיך באַרויקן און וועט אויפהערן זיך מיט איר איבערצושרייבן.

ער האָט נישט לאַנג געטראַכט און גענומען שרייבן אַזאַ בריוו.

אָבער די הענט האָבן אים אָנגעהייבן צו ציטערן, אַז די פּען איז אַרויסגעפאַלן.

אזוי האָט ער עטלעכע מאָל געפּרוּווט שרייבן און האָט נישט געקאָנט. אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צו דעם שרעקלעכן פאַרברעכן אַזוי צוגעוויינט, אַז ער האָט דעם בריוו אָנגעשריבן.

דערנאָך האָט ער גענומען פון פאַבריק דאָס שייגעצל יאַשעק, וועלכן ער האָט איינמאָל געשיקט אין פּאָסט אָפּנעמען בעטיעס בריוו, זאָגנדיק אים, אַז ער האָט ביי אים אַרבעט אין הויז.

יאַשעק האָט אַ ביסל געלערנט אין דער דאָרפישער אָנפאַנגסשולע, ווו ער האָט זיך קוים אויסגעלערנט שרייבן די רוסישע „אַז־בו־קע".

ער האָט אים אַנידערגעזעצט ביי זיך אין קאַבינעט, דיקטירט אים אייניקע בוכשטאַבן, ביז ער האָט געענדיקט דעם בריוו, נישט וויסנדיק קיין איינציק וואָרט, וואָס דאָרט שטייט געשריבן. און באַקומענדיק פון באַלעבאָס צווי קנאַקעדיקע רובל, איז ער אַוועק צוריק אין פאַבריק.

דעם דאָזיקן „דאָנאָס" אויף בעטיען האָט ער אָן אַן אונטערשריפט אַליין אַרייַנגעוואָרפן אין פּאָסט-קעסטל.

די ערשטע אַכט טעג האָט זיך ברעטמאַן באַרויקט, נאָר דערנאָך האָט עס אים אָנגעהייבן פּייניקן ביז משוגע צו ווערן. ער האָט זיך געזאָגט:

— ווי האָב איך אַזאַ מיאוס פאַרברעכן געקאָנט טון?! אויף וועמען האָב איך דעם מיאוסן „דאָנאָס" געשריבן? אויף אַן אָרעם אומשולדיק מיידל, אַ יתומה, אַ קינד פון מיינעם אַן אַלטן פאַרשטאָרבענעם פריינט!

ביינאַכט פלעגט ער זיך אָפט אויפכאַפּן אין שרעק, באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס, זעענדיק אין חלום בעטיעס עלטערן.

אין דער צייט פון ווינטער האָבן אַלע באַמערקט, אַז ברעטמאַן האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגעביטן צום ערגערן, אַז מען האָט אים קוים דערקענט: גרויער געוואָרן, איינגעהויקערט. די אונטערשטע ליפּ איז אַראָפּגעהאָנגען. אויך זיינע אויגן האָבן זייער פריערדיקן קאָליר און לעבעדיקייט פאַרלוירן.

קיינער האָט זיך אויף אים נישט אַרומגעקוקט. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער זיך אַליין אַ שווייגנדיקער, ווי אַ שאָטן, אַרומגעדרייט

ביי זיך אין הויז, אין פאַבריק און אין שניי, ערגעץ לעבן וואַלד.

אין זיינע געשעפטן האָט ער זיך כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט צו מישן. אויף פּערעלמאַנס פראַגן פלעגט ער ענטפערן: „טו, ווי דו פאַרשטייסט", „גוט, זייער גוט האָסטו געטון", אַזוי, אַז פּערעלמאַן האָט זעלטן ביי אים עפּעס געפרעגט וועגן געשעפטס־ענינים.

* *
*

עס איז אַוועק דער לאַנגער ווינטער, פון די דעלער האָט אָנ־געהייבן צו קאַפּען פון צעגאַנגענעם שניי. די ערד האָט צוביסלעך ערטערווייז זיך אָנגעהייבן באַפרייען פון אייז.

אַלץ האָט מיטאַמאָל אָנגעהייבן אויפצולעבן. אפילו די איינוווי־נער פון דער פאַבריק־קאָלאָניע, וואָס איז דעם גאַנצן ווינטער געווען פאַרשאָטן מיט שניי, האָט אויך מיט דעם נאָענטן פרילינג אויפגעע־לעבט, נאָר דער אַלטער ברעטמאַן איז אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שוואַר־צער שאָטן, האַלטנדיק זיך אין אַ זייט פון מענטשן.

און פּלוצים, ווען דער אָנהייב פרילינג איז געווען אין זיין פולן גלאַנץ, ווען אַלץ אויף די פעלדער האָט אָנגעהויבן צו בליען און אַלע טייכן האָבן זייערע רוקנס באַפרייט פון די לויפנדיקע שטיקער אייז, האָט ברעטמאַן באַקומען אַ בריוו פון פּעטערבורג.

ער האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן. זיין זון יוסף שרייבט צו אים פון פּעטערבורג.

ער שרייבט אים:

„טייערער פּאָטער! ווי דו ווייסט, איז מיר געלונגען צו קו־מען צוריק אַהיים. איצט בין איך אין פּעטערבורג. איך מוז דאָ נאָך פאַרברענגען אַ פּאָר וואָכן און איך האָף, אַז אין די לעצטע טעג פון הייַנטיקן חודש, און אפשר נאָך פריער, זאָל איך קאָנען פאָרן אַהיים זיך זען מיט דיר און מיט די קינדער, און נאָך אַזויפיל יאָרן, פול מיט ליידן און איבערלעבונגען, זיך פרייען מיט אַלע צוזאַמען.

„איך בין זיכער, מיין טייערער טאַטע, אַז אין אונדזער פאַ־מיליע וועט נאָך צוקומען אַ סך פרייד. איך האָף, אַז די טעג וועט אונדזער פאַני מיט איר חתן זיך אויך באַפרייען פון „פּראָנט" אויף די זעלבע באַדינגונגען, ווי איך.

„ווען מיר וועלן זיך זען, וועל איך דיר וועגן אַלץ דערציילן. דערוויילּ בעט איך דיך, דו זאָלסט נישט פאָרן קיין פעטערבורג מיר אַקעגן, וועלנדיק זיך זען מיט מיר וואָס פריער, וואָרים דו וועסט מיר נאָר שטערן אין מיין אַרבעט.

„האָב נאָר אַ ביסל געדולט און זיי רויק. איך וועל דיר מודיע זיין די צייט, ווען מיר וועלן אַרויספאָרן אַהיים".

צום סוף בריוו האָט יוסף צוגעשריבן:

„נאָר די הויפט-שמחה האָב איך איבערגעלאָזט צום סוף: זיי ווייסן, מיין טייערער פאָטער, אַז איך קום אַהיים נישט אַליין, נאָר מיט מיין פרוי, מיט וועלכער איך האָב געזעצלעך חתונה געהאַט ביי אַ רב. איך פיל זיך מיט מיין פרוי גליקלעך און איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיך אויך פילן גליקלעך מיט דיין נייער צוגעקומענער טאָכטער, און ווען מיר וועלן זיך איינגיכסטן זען, וועל איך דיר וועגן אַלץ דערציילן. דערווייל בין איך זייער באַשעפטיקט און גיב זיך די גרעסטע מי, וואָס גיכער פאַרטיק צו ווערן מיט מיין אַרבעט, אַז מיר זאָלן וואָס פריער קאָנען קומען אַהיים, זיך צוזאַמען פרייען מיט דיר און מיט אַלע אונדזערע ליבע און טייערע.

איינגיכסטן צום ווידערזען.

דיין יוסף".

קאַפּיטל צען.

דער הויכער טורעם.

דער אַלטער, דערשלאָגענער ברעטמאַן איז פון זיין זונס בריוו מיטאַמאָל לעבעדיק געוואָרן און, ווי אַ משוגענער, איז ער געלאָפן אַהיים, אין פאַבריק און ווען ער האָט נאָר באַגעגנט, האָט ער אָפּגעשטעלט און דערציילט פון זיין גרויס גליק און אַז אים קומט צו זאָגן „מזל טוב”, ווייל זיין בן יחיד האָט חתונה געהאַט, און ער מיט זיין פרוי קומען אינגיכן אַהיים. אויך זענען דאָ גרויסע האָפּענונגען, אַז זיין עלטערע טאָכטער מיט איר חתן וועלן מיט זיי צוזאַמען קומען אַהיים און די קליינע ליזע מיט איר מאַן וועלן אויך דאָ זיין. אַלע זיינע קינדער וועלן קומען און זיין צוזאַמען.

פון דעם טאָג אָן איז ברעטמאַן טאָג מיט נאַכט געווען באַשעפטיקט מיטן אויספּוצן זיין אַלטע וווינונג, דעם נייעם פּאַלאַץ און די גערטנער ביי ביידע געביידעס. עס איז ביי אים געבליבן, אַז די קינדער זאָלן וווינען אין נייעם פּאַלאַץ. אַלעמאָל איז פון קיעוו אָנגעקומען נייַ מעבל צום נייעם פּאַלאַץ און אויך האָט ער איבערגעביטן דאָס מעבל פון אייניקע צימערן אין דער אַלטער וווינונג.

עס איז אויך ביי אים באַשלאָסן געוואָרן, אַז דאָ וועט ווי צום גיכסטן פאָרקומען די חתונה פון זיין עלטערער טאָכטער מיט גרויס פּאַראַד, און ער וועט, צוליב דער חתונה און זיינע טייערע געסט, צעטיילן אַזויפיל צדקה, וואָס וועט איבערגיין אַלץ, וואָס ער אָט ביזאַהער צעטיילט ביי פאַרשידענע שמחות.

* *
*

ווען דער פרילינג איז שוין געווען אין פולן פראַכט און גלאַנץ, איז יוסף מיט זיין פרוי און פאַני מיט איר חתן אָנגעקומען פון פעטערבורג קיין קיעוו זען זייערע יינגערע שוועסטער ליזע מיט איר מאַן און צוזאַמען פאָרן אַהיים.

אין קיעוו האָבן זיי פאַרבראַכט אינגאַנצן איין טאָג און אַלע ברעטמאַנס קינדער האָבן צוזאַמען טעלעגראַפירט זייער אַלטן פאָטער, אַז איבערמאָרגן נאָך האַלבן טאָג, קומען זיי צופאָרן.

ווען ברעטמאַן האָט באַקומען די גליקלעכע טעלעגראַמע, האָט ער די גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן פון גרויס גליק, וועגן וואָס עלטערן קענען נאָר פאַנטאַזירן איבער זייערע קינדער.

אויף מאָרגן, נאָך האַלבן טאָג, אין דער באַשטימטער שעה, ווען עס קומט אָן דער קיעווער צוג צו דער נאָענטסטער באַנסטאַציע פון דער פאַבריק, האָבן אויפן וואָקזאַל געוואַרט אויף די געסט דער אַל־טער ברעטמאַן מיט זיינע יינגערע צוויי קינדער, זיין פאַרוואַלטער פערעלמאַן און אַ סך באַדינער, אַלע אָנגעטון יום־טובדיק.

אויף דעם פלאַץ פאַר דעם וואָקזאַל האָבן געוואַרט ברעטמאַנס אַלע קאַרעטן אויף אָפּצופירן די אָנגעקומענע געסט אַהיים.

יעדע מינוט, וואַרטנדיק אויפן צוג, וואָס דאַרף ברענגען די קינדער, איז פאַר דעם גליקלעכן פאָטער געווען אַ יאָר.

ענדלעך האָט זיך פונדערווייטנס געזען דער רויך און דער־הערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער.

די וואַגאָנעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָט ברעטמאַן געקוקט איבער דער גאַנצער לענג פון צוג, וועלנדיק זען, פון וועלכן וואַגאָן וועלן זיך זיינע קינדער באַווייזן.

די ערשטע, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון צוג, איז געווען די קליינע ליזע מיט איר מאַן מאַרק, דערנאָך פאַני מיט איר חתן אַלעקסאַנדער גרינבערג, וועלכער איז נאָך געווען אין זיינע מיליטע-רישע קליידער, און בעטיע, אַ גליקלעכע, אַ שיינענדיקע און אַ לייכטנ-דיקע, וועלכע יוסף האָט זי באַלד פאָרגעשטעלט זיין פאָטער אַלס זיין פרוי...

אַלע האָבן זיך געוואָרפן צום אַלטן פּאָטער און באַשיט אים מיט הייסע קושן.

די קינדער האָבן באַלד זייער פּאָטער געפירט געאָרעמט ביז צו די קאַרעטעס און מיט דער גרעסטער ליבע אים אַריינגעזעצט אין דער ערשטער קאַרעטע.

אַלע קינדער, וואָס זענען געקומען צו פאָרן און זענען באַשטאַנען פון זעקס נפשות, האָבן, נישט וועלנדיק זיך צעטיילן, זיך אויסגעזעצט אין איין קאַרעטע צוזאַמען מיט זייער פּאָטער, נאָר צוליב ענגשאַפט איז ליזען אויסגעקומען צו זיצן אויף די קאָלעס צוזאַמען מיט דעם קוטשער, — און דאָס האָט איר מיט דעם גאַנצן עולם זייער פריילעך געמאַכט.

די יינגערע צוויי קינדער מיטן פאַרוואַלטער זענען געפאָרן אין אַ צווייטער קאַרעטע, און די איבעריקע קאַרעטעס זענען געפאָרן צוריק ליידיק.

ברעטמאַן האָט קיין וואָרט נישט געקענט רעדן. זיינע אויגן זענען געווען פול מיט טרערן.

קומענדיק אַהיים, האָט יוסף, ווי ער האָט מיט זיינע שוועסטער אָפּגעראַדט אין וועג, פאַרבעטן זיין פּאָטער אין אַ באַזונדער צימער און אין קורצן, אויף גיך, אים איבערגעגעבן די געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט נאָך פאַר זיין אַוועקפאָרן חתונה געהאַט מיט בעטיען און, נעמענדיק זיין פּאָטער געאָרעמט, האָט ער געזאָגט:

— שפּעטער, אויב דיך אינטערעסירט, וועל איך דיר מער דערציילן און איצט קום מיט מיר, וועל איך דיר באַקאָנען מיט דיין ערשטן אייניקל, וועגן וועלכן איך האָב דיר איצט שוין אַ ביסל דערציילט.

יוסף און בעטיע זענען אַריין צו לאהן אין צימער, זיך צעקושט מיט דעם קינד, דערנאָך האָט יוסף עס אַרויפגעזעצט אויף זיינע אַקסלען און מיט אַ מיליטערישן גאַנג, פול מיט טריומף, איז ער מיט דער גליקלעכער יונגער מוטער, בעטיע, אַריין אין זאַל, ווו ברעטמאַן און אַלע קינדער האָבן זיך געפונען און אויסגעשריען צו זיין פּאָטער:

—איך שטעל דיר פאָר דיין ערשט אייניקל!—און דערביי האָט ער דאָס קינד אַרויפגעזעצט אויף ברעטמאַנס קני.

דעם גאַנצן טאָג האָט מען ביי ברעטמאַנען אין הויז זייער פרייליך פאַרבראַכט, נאָר ווען עס איז נאַכט געוואָרן, איז מען פרי געגאַנגען שלאָפן, ווייל מען איז געווען אַ ביסל מיד פון לאַנגן וועג און פון די אַלע איבערלעבונגען. ביי אַלעמען זענען די נערוון גע־ווען צעשרויפט און מען האָט פריער נאַכט געמאַכט.

אַלע זענען אין דער ערשטער נאַכט געבליבן נעכטיקן ביי ברעטמאַנען אין זיין אַלטער וווינונג.

* *
*

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען די פרילינג-זון האָט אירע ערשטע שטראַלן געשיקט אָנצוואַרעמען די ערד, און נאָך איידער דער פאַבריק-קוימען האָט אָנגעהייבן פייפן, איז פלוצים געוואָרן אַ גרויס געלויף פון די אָנגעקומענע אַרבעטער אין דער זייט, ווו דער נייער פאַלאַץ איז געשטאַנען.

דאָרט, לעבן הויכן טורעם פון נייעם פאַלאַץ, איז שוין גע־שטאַנען אַ גרויס רעדל אַרבעטער. איינע מיט הוילע קעפ האָבן טרויעריק געקוקט אַראָפ צו דער ערד...

לעבן הויכן טורעם פון פאַלאַץ איז דער אַלטער פאַבריקאַנט אַרנאָלד ברעטמאַן געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד, דער קאָפ צעבראָכן און דער גוף צעקאַליעטשעט.

איין אַרבעטער האָט דערציילט, אַז ווי עס האָט נאָר אָנגעהייבן צו טאָגן, האָט ער געזען דעם אַלטן ברעטמאַנען אַרויפגיין אויפן הויכן טורעם. ער האָט אָפט ליב געהאַט גאַנץ פרי, פאַרן זון-אויפגאַנג, צו זיצן אויבן אויפן טורעם.

דער וועכטער, וואָס היט דעם טויער פון פאַבריק, האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט מיט אַ שעה פריער געזען דעם באַלעבאָס גיין צום נייעם פאַלאַץ.

דערנאָך האָט מען אין ברעטמאַנס פאַרבלוטיקטע קליידער גע־פונען אין דער זייט-קעשענע דאָס דאָזיקע צעטעלע, געשריבן מיט אַ בלייפעדער:

„איך בעט קיינעם נישט באַשולדיקן אין מיין טויט. איך נעם
זיך דאָס לעבן און וואַרף מיך אַראָפּ פון הויכן טורעם פון מיין
בירעם פּאַלאַץ. זאָלן מיר אַלע מיינע קינדער מוחל זיין פאַר די
בזיונות און יסורים, וואָס איך האָב זיי מיט מיין טויט פאַרשאַפט.

אַרנאָלד ברעטמאַן.“